STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09237

RUSISHE GESHIKHTE

M. N. Pokrovski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָלעטאריער פונ אלע לענדער, פארייניקט זיכ!

מ. נ. פאָקראָווסקי

רוסישע געשיכטע

גאָר קורצ געפאסט

לערנבוכ פאר דער מיטל-שול

איבערזעצט פונעמ סטאבילנ רוסישנ לערנבוכ, וואָס איז
באשטעטיקט פונ דער קאָלעגיע פונעמ פאָלקאָמבילד רספסר.

דעמ טעקסט פונ דער איבערזעצונג האָט לויטנ אופטראָג פונ
דער קאָלעגיע פונ פאָלקאָמבילד רספסר באשטעטיקט דער נא-
ציאָנאליטעטנ-קאָמיטעט באמ פאָלקאָמבילד.

פארלאג „עמעס"
מאָסקווע 1933

פון „עמעס"־פארלאג

די איבערזעצונג איז געמאכט געוואָרן פון דער אויסגאבע פון „פארטיזדאט", וואָס איז דערשינען אין 1932 יאָר (די 2־טע אויסגאבע נאָך מ. נ. פּאָקראָווסקיס טויט).

אונדזער אויסגאבע דערשײַנט אין 2 בענדער: אין ערשטן גייט אַרײַן דער 1־טער און 2־טער טײלן, אינעם 2־טן — דער 3־טער טײל. אַלע בײַלאַגעס (מ. נ. פּאָקראָווסקיס אַרטיקל און בראָשור וועגן די פראגן פון רוסישער געשיכטע, דער נאָמען־ און זאַך-רעגיסטער) וועלן געגעבן צום סאָף פון 2־טן באַנד.

מ. נ. פּאַקראָווסקי

(1932—1868)

ו. אי. לענינס בריוו צו מ. נ. פּאָקראָווסקי

דעם כאווער מ. נ. פּאָקראָווסקי.

כאווער מ. נ.! איכ באגריס אײַכ זייער מיטנ דערפאָלג: עס איז מיר אויסערסט געפעלנ געוואָרנ אײַער נײַער בוכ: „רוסישע געשיכטע, זייער קורצ געפאסט". אנ אָריגינעלער געבוי אונ באשרײַבונג. ער לייענט זיכ מיט קאָלאָסאלנ אינטערעס. מע וועט דארפנ, לויט מײַנ מיינונג, איבערזעצנ אפ די אייראָפײִשע שפּראכנ.

איכ דערלויב זיכ אײַנ קלייניקע באמערקונג. קעדיי ער זאָל זײַנ א לערנבוכ (אונ ער מוז ווערנ אזא), דארפ מענ אים דערגאנצנ מיט א כראָנאָלאָגישנ אָנווײַזער. איכ וועל דערקלערנ מײַנ געדאנק אומגעפער אזוי: 1) א שפאלט כראָנאָלאָגיע; 2) א שפאלט פונ דער בורזשואזער אָפשאצונג (קורצ); 3) א שפאלט פונ אײַער אָפשאצונג, דער מארקסיסטישער; אָנווײַזנ די זײַטלעכ פונ אײַער בוכ.

די שטודירנדיקע דארפנ וויסנ אי אײַער בוכ אי דעם אָנווײַזער, קעדיי עס זאָל ניט זײַנ קיינ אויבערפלעכלעכקײַט, קעדיי מע זאָל וויסנ פאקטנ, קעדיי זיכ לערנענ פארגלײַכנ די אלטע וויסנשאפט מיט דער נײַער. אײַער מיינונג וועגנ אָט דער דערגאנצונג?

מיט קאָמ. גרוס אײַער **לענינ.**

---

* לענין האָט געלייענט די צוויי ערשטע טיילן פון דער „רוסישער געשיכטע, זייער קורץ געפאסט". לענינס אייצע האָט מ. נ. פּאָקראָווסקי אויסגעפילט, בײַלייגנדיק צום בוך סינכראָנישע טאבעלן (רעד.).

מ. נ. פּאָקראָווסקי

מ. נ. פּאָקראָווסקי איז געבוירן געוואָרן אין 1868 יאָר. אין 1891 יאָר האָט ער געענדיקט דעם היסטאָריש־פילאָלאָגישן פאַקולטעט פון מאָסקווער אוניווערסיטעט, און פון דעמלט אָן הייבט ער אָן זײַן וויסנשאַפטלעכע, פּעדאַגאָגישע און ליטעראַרישע טעטיקייט.

צום 1905 יאָר האָט מיכאַיל ניקאָלײַעוויטש זיך ענדגילטיק אויסגעפורעמט אַלס א טעאָרעטיקער א מאַרקסיסט און א פּראַקטיקער א רעוואָלוציאָנער. ער טרעט אַרײַן אין די רייען פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און נעמט אָן אַקטיוון אָנטייל אינעם אָרגאַניזירן דעם באַוואָפנטן אופשטאַנד אַלס א פּראָפּאַגאַנדיסט, אַגיטאַטער און פּובליציסט.

אין 1906—7 יאָר ווערט ער אויסגעקליבן אַלס מיטגליד פון מ. ק.

אין 1907 יאָר דעלעגירט די מאָסקווער אָרגאַניזאַציע מיכאַיל ניקאָלײַעוויטשן אויפן לאָנדאָנער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וווּ ער ווערט אויסגעוויילט אַלס מיטגליד אינעם באָלשעוויסטישן צענטער.

מ. נ. איז א מיטגליד פון די רעדאַקציעס פון אַלע באָלשעוויסטישע צײַטונגען, וואָס זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין מאָסקווע אין די יאָרן פון דער ערשטער רעוואָליוציע.

נאָכן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר גייט מ. נ. אַריבער אַף אַן אומלעגאַלער לאַגע און עמיגרירט קיין אויסלאַנד. איין צײַט האָט מ. נ. אין פּאַריזש געהערט צו דער גרופּע „וופּעריאָד", אָבער פון פרילינג 1911 יאָר רײַסט ער איבער די פאַרבינדונג מיט אָט דער גרופּע.

צו אָט דער צײַט געהערן זײַנע גרעסטע אַרבעטן: „רוסישע געשיכטע פון די אוראַלטסטע צײַטן אָן" און דער ערשטער טייל „עטיודן צו דער געשיכטע פון דער רוסישער קולטור". אין די דאָזיקע אַרבעטן ווערט געגעבן א גלענצנדיקער מאַרקסיסטישער אַנאַליז פונעם רוסישן היסטאָרישן פּראָצעס.

בײַם דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע האָט מ. נ., פירנדיק א קאַמף קעגן די מענשעוויקעס־באַשיצלער, געהאַלטן א שטענדיקע פאַרבינדונג מיטן צענטראַלן פּאַרטיי־אָרגאַן „סאָציאַל־דעמאָקראַט".

אין אויגוסט 1917 יאָר קערט זיך אום מ. נ. קיין רוסלאַנד און נעמט אָנטייל אין רעוואָליוציאָנערן קאַמף אַלס אַקטיווסטער מיטגליד פון דער מאָסקווער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע.

אינ די אָקטיאַבער-טעג האָט מ. נ., זייענדיק אַנ אַנטשיידענער אָנהענגער פונעם באַוואָפנטנ אופשטאַנד, גענומענ אַ דירעקטנ אָנטייל אינ דער אַרבעט פונעם זאַמאָסקוואָרעצקער שטאַב, אַלס רעדאַקטאָר פונעם פרעסע-אָרגאַנ פונעם מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערנ קאָמיטעט.

אינ נאָיאַבער 1917 יאָר ווערט מ. נ. באַשטימט אַלס קאָמיסאַר פאַר אויסער-לעכע איניאָנים באַם פרעזידיום פונ מאָסקווער ראַט, אונ אינ אַ וואָכ אַרום ווערט ער אויסגעוויילט פאַר אַ פאָרזיצער פונ מאָסקווער ראַט פונ די אַרבעטער-דעפוטאַטנ. אינ 1918 יאָר, ביז די רעגירונג איז אַריבערגעפאָרנ קיינ מאָסקווע, אַרבעט ער אַלס פאָרזיצער פונ ראַטפאָלקאָם פונ מאָסקווער געגנט.

מ. נ. האָט אָנטייל גענומענ אינ דער ערשטער סאָוועטישער דעלעגאַציע צו פירנ אונטערהאַנדלונגענ וועגנ שאָלעם מיט דייטשלאַנד. אינעם פעריאָד פונעם אינערלעכ-פאַרטייִשנ קאַמפ אַרום דעם בריסקער שאָלעם איז מ. נ. צוגעשטאַנענ צו די „לינקע” קאָמוניסטנ, באַלד אָבער איז ער אָפּגעגאַנגענ פונ דער גרופּע אונ איז ביז די לעצטע טעג פונ זיינ לעבנ פעסט געשטאַנענ פאַר דער גענעראַלער ליניע פונ דער פאַרטיי אונ געפירט אַנ אָנראַכמאָנעסדיקנ קאַמפ אַפ צוויי פראָנטנ קעגנ אַלערליי אָפּנייגנ.

פונ מיי 1918 יאָר אָנ איז מ. נ. שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָלקסקאָמיסאַר פאַר בילדונג.

ער איז געווענ דער איניציאַטאָר, אָרגאַניזאַטאָר אונ אָנפירער פונ אַ ריי גרעסטע וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטנ אונ לערנ-אַנשטאַלטנ פונ פסס"ר. אים געהערט דער פאַרדינסט צו אָרגאַניזירנ די ערשטע אַרבעטער-פאַקולטעטנ. מ. נ. איז אַ שטענדיקער אָנטיילנעמער אינ אַלע וויסנשאַפטלעכע צוזאַמענפאָרנ, קאָנפערענצנ אאַוו. פונ די ערשטע טעג אָנ, זינט עס האָבנ זיכ געגרינדעט די קאָם. אַקאַדעמיע, דער אינסטיטוט פאַר געשיכטע אונ די געזעלשאַפט היסטאָריקער-מאַרקסיסטנ, דער צענטער-אַרכיוו פונ פסס"ר אונ פונ רספס"ר, דער מעלוכישער געלערנטער ראַט, „ראַניאָנ” אונ צוערשט דער איינהייטלעכער אינסטיטוט פאַר רויטער פראָפעסור, אונ נאָכ דער רעאָרגאַניזאַציע — דער אינסטיטוט פונ רויטער פראָפעסור פאַר געשיכטע — פונ די ערשטע טעג אָנ איז מ. נ. פּאָקראָווסקי דער אָנפירער פונ די אַלע אַנשטאַלטנ אונ אויכ אַ מיטגליד פונ דער דירעקציע פונעם לענינ-אינסטיטוט.

צוגלייכ דערמיט האָט מ. נ. פּאָקראָווסקי געפירט אַ גרויסע פּעדאַגאָגישע אַרבעט, סיי לויט דער ליניע פונ אינסטיטוט פאַר רויטער פראָפעסור, סיי אינ די הויכשולנ.

אינ 1929 יאָר ווערט מ. נ. אויסגעוויילט פאַר אַ ווירקלעכנ מיטגליד פונ דער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע.

אינעם זעלבנ יאָר האָט מ. נ., בעראָש פונ דער דעלעגאַציע סאָוועטישע היסטאָריקער אונ אַרכיוויסטנ, אָנטייל גענומענ אינ דער סאָוועטישער היסטאָרישער וואָכ אינ בערלינ אונ אינעם אינטערנאַציאָנאַלנ קאָנגרעס פונ היסטאָריקער אינ אָסלאָ.

גלייכצייטיק פירט מ. נ. אַ גראַנדיעזע וויסנשאַפטלעכ-אויספאָרשערישע אַרבעט, וווּ ער באַווייזט אַ מוסטער פונ אַנ אומבעשאָלעמדיקנ לעמפער פאַר דער מאַרקסיסטיש-לענינישער טעאָריע, פאַר באָלשעוויסטישער פאַרטייִשקייט אינ דער וויסנשאַפט, קעגנ די רעכטע אונ „לינקע” פאַרקריפלונגענ פונ מאַרקסיזם-לעניניזם, קעגנ דעם קאָנטר-רעוואָלוציאָנערנ טראָצקיזם אונ קעגנ די בורזשואַזע טעאָריעס (טאַרלעס, פּעטרושעווסקיס, יאַוואָרסקיס אאַוו.).

פונ אונטער מיכאיל ניקאָלײַעוויטשעס פענ איז ארויס א ריי וויכטיקסטע מארקסיסטישע היסטאָרישע ארבעטנ: „רוסישע געשיכטע, זייער קורצ געפאסט", „עטיודנ צו דער געשיכטע פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אינ רוסלאנד אינ XIX אונ XX יאָרהונדערט", „דער קלאסנקאמפ אונ די רוסישע היסטאָרישע ליטעראטור", „רוסלאנדס אויסערנ־פּאָליטיק אינ XX יאָרהונדערט", „דער מארקסיזמ אונ די באזונדערקײַטנ פונ דער היסטאָרישער אנטוויקלונג אינ רוסלאנד", „די אָקטיאבער־רעוואָליוציע", „די אימפעריאליסטישע מילכאָמע" אא.

אונטער מיכאיל ניקאָלײַעוויטשס רעדאקציע אונ דירעקטער אָנפירונג האָט מענ פאָרגענומענ א ריי אויסגאבעס פונ דאָקומענטנ פונ די געוועזענע צארישע ארכיוונ אונ פונ די ארכיוונ פונעמ פעריאָד פונ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע („דער דעקאבריסטנ־אופשטאנד", „פוגאטשאָווטשינע", א סעריע דאָקומענטנ איבער דער געשיכטע פונ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע אאַנ.). מ. נ. איז געווענ דער פאָרזיצער פונ דער קאָמיסיע באמ צא"ק פסס"ר אונ דער הויפט־רעדאקטער אפ ארויסצוגעבנ די דאָקומענטנ וועגנ „די צווישנפעלקערלעכע באציִונגענ אינ דער עפּאָכע פונ אימפעריאליזמ" אונ א מיטגליד פונ דער רעדאקציע פונ דער „געשיכטע פונ בירגער־קריג". א ריי ארבעטנ זײַנע זײַנענ איבערגעזעצט אפ אויסלענדישע שפראכנ.

כוצ דעמ איז מ. נ. געווענ דער פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטער אונ מיטגליד פונ די רעדאקציעס פונ א ריי וויכטיקע וויסנשאפטלעכע זשורנאלנ: „היסטאָריק־מארקסיסט", „באָרבא קלאסאָוו", „פאָד זנאמעניעמ מארקסיזמא", „קראסני ארכיוו", „וועסטניק קאָמ. אקאדעמיִי" אאוו.

מיכאיל ניקאָלײַעוויטשס פענ געהערט א גרויסע צאָל ארטיקלענ אינ דער פעריאָדישער אונ ניט־פעריאָדישער פרעסע.

מיכאיל ניקאָלײַעוויטשנ געהערט די איניציאטיוו צו אָרגאניזירנ די גרעסטע קאָלעקטיווע וויסנשאפטלעכע ארבעטנ („עטיודנ צו דער געשיכטע פונ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע" אא.).

לענינ האָט הויכ געשעצט מ. נ. פּאָקראָווסקיס טעטיקײַט אינ געביט פונ פאָלק־בילדונג אונ היסטאָרישער וויסנשאפט.

פירנדיק א קאָלאָסאלע אָרגאניזאציאָנעלע אונ וויסנשאפטלעכע ארבעט, האָט מ. נ. אפ קיינ איינ מאָמענט ניט איבערגעריסנ די דירעקטע פארטיי־ארבעט. ער איז געווענ אנ אקטיווער אָנטיילנעמער פונ די פארטיי־צוזאמענפאָרנ אונ קאָנפערענצנ. נאָכנ 16־טנ פארטיי־צוזאמענפאָר ווערט מ. נ. אויסגעווײלט אלס מיטגליד אינ פרעזידיומ פונ צק"ק.

מ. נ. איז געווענ א מיטגליד פונ צא"ק פסס"ר אונ אצא"ק פונ א ריי צונויפרופנ.

אינ מעשעכ פונ די לעצטע צוויי־דרײַ יאָר האָט מ. נ., ניט געקוקט אפ זײַנ שווערער קרענק, ניט איבערגעריסנ די גאנצע צײַט זײַנ גראנדיִעזע פילארטיקע ארבעט.

אינ דער פערזאָנ פונ מ. נ. פּאָקראָווסקי האָט די פארטיי אונ דער ארבעטער־קלאס פארלאָרנ א געטרײַסטנ פארטיי־מיטגליד, אנ אקטיווסטנ אָנטיילנעמער אינ דער סאָציאליסטישער בויונג, א גרויסנ באָלשעוויסטישנ געלערנטנ—א מארקסיסט.

מ. נ. פּאָקראָווסקי איז געשטאָרבנ אינ קרעמל־שפּיטאָל דעמ 10־טנ אפרעל

1932 י., ארום 12 אזייגער באנאכט, פון א קרעפס אין האלדז-פענכער. די ערשטע סימפטאמען פון אט דער טויט-קרענק האבן זיך באוויזן אין 1927 יאר.

די ערשטע יארן פון דער קרענק האט מיכאל ניקאלייעוויטש זיך געפילט גוט, ער האט ווי פריער געארבעט, און ערשט אין 1931 יאר פלעגן די זייטיקע אנטפלעקונגען פון דער קרענק (פיעליט), וואס זיינען געקומען אלס רעזולטאט פונעם פראגרעסירנדיקן וואקס פון דער געשווילעכץ, פעריאדיש צווינגען דעם קראנקן, ער זאל זיך אוועקלייגן אין בעט, און די לעצטע אנדערהאלבן כאדאשים איז ער שוין פון בעט ניט אויפגעשטאנען. ניט געקוקט אף זיין שווערן צושטאנד, האט מ. נ. ביז זיינע לעצטע טעג ניט אויפגעהערט זיך אקטיוו צו אינטערעסירן מיט די פראגעס פון געזעלשאפט-פאליטישן לעבן.

1-טער און 2-טער טייל

פון די אוראלטע צײַטן ביזן
סאָפ פונעם XIX יאָרהונדערט.

פאָרעדע צו דער 10-טער אופלאַגע

די 10־טע אופלאַגע פונ דער „קורצ געפאַסטער געשיכטע" דערשײַנט אָנ וועזנטלעכע ענדערונגענ אינ פאַרגלײַכ מיט אירע פאָרגייער. די דאָזיקע ענדערונגענ וואָלטנ געקאָנט באַשטיינ דעריקער אינ פ א ר ב ר ײ ט ע ר נ דעמ טעקסט, אינ צוגעבנ צו אימ נײַע קאַפּיטלענ. איכ האָב אָבער מוירע געהאַט, אַז דאָס וועט אָפּנעמענ באַמ בוכ איינע פונ זײַנע סאַמע וויכטיקסטע מײַלעס — דאָס, וואָס דאָס איז די סאַמע קורצ געפאַסטע באַשרײַבונג פונ דעמ, וואָס מע פלעגט רופנ „רוסישע געשיכטע", ד. ה. געשיכטע פונ פ א ר ר ע וואָ ל י ו צ י אָ נ ע ר נ ר ו ס ל א נ ד. דאָס האָט שוינ טאַקע געטראָפנ מיטנ ערשטנ העפט פונעמ דריטנ טייל, וואָס איז לויטנ פאַרנעמ גרעסער פונ ביידע ערשטע טיילנ צוזאַמענגענומענ. אָבער דאָרט האָבנ מיר צו טאָנ מיט אַנ אויסערסט וויכטיקנ פּעריאָד פונ אונדזער פאַרגאַנגענהײַט און מיט אַזאַ פּעריאָד, וועגנ וועלכנ עס איז ביכלאַל אינ דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור ניטאָ פאַראַנ קיינ אַלגעמיינע איבערזיכט אינ איינ בוכ. פאַר די פריערדיקע עפּאָכעס אָבער איז ניט קיינ געפּ־עסטע איבערזיכטנ — עמעס טאַקע, ניט קיינ מאַרקסיסטישע — פאַראַנ זייער א גרויסע צאָל. און די געפּרעסטקײַט איז דאָ אָנ שומ ספּק א מײַלע, וועלכע עס איז ניט צוועקמעסיק צו ברענגענ פאַר א קאָרבנ.

וואָס אָנבאַלאַנגט א ראַדיקאַלער איבעראַרבעטונג פונעמ אַלטנ טעקסט אינ זײַנע פריערדיקע ראַמענ, איז דערופ נאָכ אויכ ניטאָ קיינ ערנסטע גרונטנ. נײַער מאַטעריאַל אַזאַ, וואָס איז דעמ אַוטאָר ניט באַקאַנט געווענ, ביז ער האָט געשריבנ זײַנ בוכ אינ 1920 יאָר, איז, פאַרשטייט זיכ, פאַראַנ אָנ א שיר. אָבער דאָס איז ר ו י ע ר מאַטעריאַל, — און עס וועט, ווײַזט אויס, גאַנצ לאַנג אויסקומענ צו וואַרטנ ביז עס וועלנ אימ מאַרקסיסטיש־לענינישע דורכאַרבעטנ אונדזערע יונגע היסטאָריקער, וועמענ עס ציט מער צו דאָס „דורכאַרבעטנ" אַנדערע מינימ מאַטעריאַלנ. אייניקע פראַגעס זײַנענ אָנ אויסנאַמ (די ראַזינ־באַוועגונג און די פּוגאַטשאָוו־באַוועגונג, אַשטייגער). אָבער גראָד בענעגייע אָט די פראַגעס האָבנ די נײַע, מער דעטאַלירטע אויספאָרשונגענ בלויז באַשטעטיקט די געפּרעסטע באַשרײַבונג, וועלכע האָט דאָ געקאָנט געגעבנ ווערנ. בענעגייע אַנדערע פראַגעס זײַנענ פאַראַנ בלויז דאָקומענטנ און זיכרוינעס, און יעדערער וועט מאַסקימ זײַנ, אַז אַפּ אַזאַ רויענ מאַטעריאַל קאָנ מענ ניט באַזירנ אומיטלבאַר א „גאָר קורצ געפאַסטע" באַשרײַבונג.

נאָכ ווינציקער מעגלעכ איז צו ענדערנ וואָס ניט איז אינעמ אַלגעמיינעמ פּלאַנ און אינ דער סכעמע פונ בוכ. דעמ גאָר ערשטנ פּלאַנ און די ערשטע סכעמע האָט וו. אי. לענינ באַגיטיקט. רעווידירנ דעמ לענינימ אינ א וואָסער ניט איז, אפילו גאָר אינ א פּריוואַטער, פראַגע איז פאַר מיר אַנ אַרבעט אַבסאָליוט ניט קיינ געוווינטע, און איכ לאָז דאָס גערנ איבער פאַר אַנדערע. כייעשעק דערצו האָט מענ אַרויסגע-

וויזן דעריקער אין דער פראגע וועגן דעם האנדל־קאפיטאל. א לאנגע צייט האט אין די ווענט פון אייגעם א בעקאוועדיקן אנשטאלט געקלונגען, ווי א דאגמע, אז דעם האנדל־קאפיטאל, אלס א היסטארישע קאטעגאריע, האט „פאקראווסקי אויסגעטראכט"; דערנאך, אז דער אנגערופענער פאקראווסקי „האט דאס גענומען בא באגדאנאוון". די גוטע לייט האבן אפאנעם ניט געלייענט די „אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם אין רוסלאנד" אדער זיי האבן עס בלויז אויסגעכאזערט צום עקזאמען (דאס בעסטע מיטל ניט צו וויסן א וואסער ניט איז ביכל). אנדערש וואלטן זיי געוווסט, אז גראד די פראגע וועגן האנדל־קאפיטאל איז געווען איינער פון די הויפט־פונקטן אין די בעלוכעדייעס צווישן לענינען און אלע רעוואליוציאנערע מארקסיסטן, פון איין זייט, און די פאלקיסטן — פון דער אנדערער. אפ דער זייט 134 אינעם דריטן באנד פון די „ווערק" (לויט דער צווייטער אויסגאבע) האבן מיר דאס באריםטע ארט, וואס אלע קענער פון „האנדל־קאפיטאל" וואלטן באדארפט אויסלערנען אפ אויסווייניק.

„הייסט עס, אז אין דער אנווענדונג צו רוסלאנד דארף מען לייזן די פראגע: צי פארבינדט זיך בא אונדז דער האנדל־קאפיטאל און דער וווכערישער קאפיטאל מיטן אינדוסטריעלן, צי פירט דער האנדל און די וווכעריי, צעלייגנדיק דעם אלטן פראדוציר־אופן, דערצו, אז ער זאל פארביטן ווערן מיט א קאפיטאליסטישן פראדוציר־אופן אדער מיט אוועלכן עס איז אנדערן?"

און ווייטער אין דער אנמערקונג:

„דער הער וו. וו. האט בארירט די דאזיקע פראגע אפן ערשטן זייטל פון זיין „שיקזאל פונעם קאפיטאליזם", אבער ניט אין דעם דאזיקן און ניט אין קיין אנדערן ווערק זייענדיק האט ער זיך ניט געפרווט באטראכטן די אנגאבן וועגן די פארהעלטענישן צווישן דעם האנדל־קאפיטאל און דעם אינדוסטריעלן קאפיטאל אין רוסלאנד. דער הער נ — אן, הגם ער האט פרעטענדירט דערויף, אז ער פאלגט ריכטיק נאך מארקס טעאריע, האט ער פונדעסטוועגן געהאלטן פאר בעסער צו פארבייטן די פינקטלעכע און קלארע קאטעגאריע „האנדל־קאפיטאל" מיטן ניט קלארן און צעשווומענעם טערמין: „קאפיטאליזאציע" אדער „קאפיטאליזאציע פון די האכנאסעס", א טערמין, וואס ער אליין האט דערפונדן: און אונטערן שלייער פון אט דעם נעפלדיקן טערמין איז ער בעשאלעם פארבייגעגאנגען אט די פראגע, פראסט־פאשעט פארבייגעגאנגען. דער פארגייער פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע אין רוסלאנד איז בא אים ניט דער האנדל־קאפיטאל, נאר... „די פאלק־פראדוקציע"!"

אלזא, פאר לענינען איז די קאטעגאריע „האנדל־קאפיטאל" א „קלארע און פינקטלעכע" קאטעגאריע. עפשער האט דאס לענין אויך גענומען בא באגדאנאוון?

מיין אריגינעלקייט — זייער א פארהעלטניסמעסיקע — איז באשטאנען דערין, וואס פון אט דעם אומבאשטרייטלעכן עקאנאמישן עמעס, אז אין רוסלאנד איז „דער פארגייער פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע" געווען דער האנדל־קאפיטאל, האב איך געפרווט מאכן פאליטישע אויספירן: די ווירקונג פון אט דעם זעלבן האנדל־קאפיטאל אפ דער אויסבילדונג פון דער „רוסלענדישער אימפעריע". ערשט נאך דעם, ווי איך בין אט דעם שרעקלעכן כעט באגאנגען, האב איך זיך דערוווסט, אז לענין האט קימאט מיט 20 יאר פאר מיר שוין געגעבן אפ דער דאזיקער פראגע אן אנאלאגישן ענטפער (אין 1894 יאר, אין „וואס אזוינס זיינען די פאלק־פריינט?"; די ערשטע סקיצע ווידער פון מיין טעאריע האב איך געגעבן אין די יארן 1910—1911); שפעטער, ווען עס איז פארעפנטלעכט געווארן מארקס און ענגעלסעס „דייטשישע אידעאלאגיע", איז קלאר געווארן, אז די קלאסאלע פאליטישע באדייטונג פונעם האנדל אינעם פעריאד פון דער צעפאלונג

פונ פעאָדאליזמ איז באקאנט געווענ די גרונטלייגער פונ אונדזער לערע אומגעפער מיט 80 יאָר צוריק. אלצ איז נײַ, וואָס מע האָט זייער גוט פארגעסנ — אונ באזונדערס דאָס, וואָס מע וויל זיכ ניט דערמאָנענ...

נאָכ אָט דעמ איז מיר אויכ געוואָרנ פארשטענדלעכ, פארוואָס וולאדימיר איליטש האָט ניט געפונענ קיינע שומ פרינציפיעלע דערווידערונגענ קעגנ מײַנ סכעמע אונ ס'איז מיר געוואָרנ א ביזאָיענ פאר מײַנ פאָלעמישער היצ אינ דער פראגע. אינדערעמעסנ, צו וואָס איז דאָס ברעכנ זיכ אינ אנ אָפענער טיר אונ אזוי ארויסשפארנ דעמ אומגליקלעכנ האנדל־קאפיטאל, וואָס ערטערווײַז — ניטאָ וואָס צו באהאלטנ — האָט ער בא מיר פארשטעלט דעמ פעאָדאלנ טאָכ פונ דער פריצישער מעלוכע? ניט קיינ מארקסיסטנ ווערטנ אלציינס ניט איבערצײַגנ, אז מארקס, ענגעלס אונ לענינ זײַנענ גערעכט; קיינ איינ מארקסיסט ווידער וועט דאָס ניט אָנהייבנ באשטרײַטנ.

אָט פארוואָס אלע „ריטאָרישע גוזמעס” זײַנענ אינ דער נײַער אויסגאבע באזײַטיקט געוואָרנ אונ דער האנדל־קאפיטאל איז אוועקגעשטעלט געוואָרנ אפ זײַנ היסטאָריש געזעצלעכ אָרט: ניט פונ קיינ באַשעפער פונ דער ראָמאנאָווישער מעלוכע, נאָר פונ זייער הויפט־אָנשפאר, פונ יענער באזע, אפ וועלכער זיי האָבנ געבויט זייער ביוראָקראטישע מאָנארכיע, — ווײַל ביוראָקראטיע אָנ א בורזשואזנ אונטערשלאָק איז ניט דענקבאר. געגויער רייד איכ וועגנ דעמ אלעמ אינ מײַנ ארטיקל, וואָס איז אָפגעדרוקט אינ נומער 2 פונ זשורנאל „באָרבא קלאַסאָוו” פארנ 1931 יאָר *.

בוצ די דאָזיקע רעדאקציאָנעלע ענדערונגענ אונ דעמ באזײַטיקנ אייניקע באזונדערע פעלערנ איז אינעמ געדרוקטנ טעקסט קיינ שומ נײַס ניט פאראנ. די צוויי אלטע פאָרעדעס ווארפ איכ ארויס צוליב זייער אבסאָליוטער פארעלטערטקײַט.

מ. פ.

15 יול 1931 יאָר.

---

* זע די בײַלאגע נומ. 1 צו דעמ דאָזיקנ בוכ (רעד.).

אַלגעמיינע באַגריפנ וועגנ געשיכטע

צוליב וואָס דאַרפנ מיר וויסנ די פאַרגאַנגענהײט? וואָס דאַרפנ מיר זיכ פאַרנעמענ מיט דעמ, וואָס עס איז געווענ מיט 10, 100, 1000, 10000 יאָר צוריק? איז דענ ניט בעסער צו דערוויסנ זיכ, ווי עס דאַרפ צו זײַנ, וואָס עס טוט זיכ איצטער, וואָס עס טוט זיכ אַרומ אונדז, דאָס, פונ וואָס עס הענגט אָפּ אונדזער לעבנ?

די פאַרגאַנגענהײט שטודירנ מיר טאַקע קעדײַ צו פאַרשטײנ, וואָס עס קומט פאָר איצטער. אַלצ אָפּ דער ערד אַנטוויקלט זיכ, דאָס הייסט, אַלצ ענדערט זיכ. מיט א מיליאַרד יאָרנ צוריק האָט די ערד פאָרגעשטעלט מיט זיכ א קאָלאָסאַלנ צעגליטנ קײַלעכ, אַרומגערינגלט מיט דאַמפנ, אונ קיינ שומ לעבנ איז אָפּ איר ניט געווענ אונ האָט ניט געקאָנט זײַנ. מיט הונדערטער מיליאָנענ יאָרנ צוריק איז אָפּ דער ערד שוינ אופגעקומענ א לעבנ. מיט צענדליקער מיליאָנענ יאָרנ צוריק איז שוינ אָפּ דער ערד געווענ א רײַכע פלאָרע (געוויקסנ־וועלט), קאָלאָסאַלע וועלדער, אָנ א שיר אַלערליי באַלעכײַימ, סײַ אינ וואַסער, סײַ אָפּ דער טריקעניש. אָבער די גאַנצע וועלט איז ניט געווענ ענלעכ דערופ, וואָס עס איז פאַראַנ איצט, אונ פונדעסטוועגנ האָט זיכ אַלצ, וואָס איז פאַראַנ איצט, דורכ א לאַנגער רײ קעסיידערדיקע ענדערונגענ, אַנטוויקלט גראָד פונ אָט דער זעלביקער וועלט. די איצטיקע געוויקסנ, די איצטיקע באַלעכײַימ זײַנענ קינדס־קינדער פונ יענע, וואָס האָבנ עקזיסטירט אָפּ דער וועלט מיליאָנענ יאָרנ צוריק.

וויאַזוי איז דאָס אַלצ פאָרגעקומענ? גיט צופעליק, נאָר לויט באַשטימטע געזעצנ. אויב אָבער מיר וועלנ זיכ צוקוקנ צומ לעבנ בלויז ווי עס זעט אויס איצט, וועלנ מיר ניט באַמערקנ די דאָזיקע געזעצנ, דאָס הייסט, די געזעצמעסיקײַט פונ אָט די ענדערונגענ. קאָלזמאַנ די מענטשנ האָבנ ניט שטודירט די ווײַטע פאַרגאַנגענהײט פונ דער ערד, קאָלזמאַנ מע האָט ניט אַנטדעקט קיינ רעשטנ פונ באַלעכײַימ אונ געוויקסנ, וואָס האָבנ געלעבט מיליאָנענ יאָרנ צוריק, האָבנ די געלערנטע געגלייבט, אַז די גאַנצע איצטיקע וועלט איז שטענדיק געווענ אַזאַ, ווי זי איז, אונ אַז זי איז באַשאַפנ געוואָרנ מיטאַמאָל. נאָכ מיט הונדערט יאָר צוריק פלעגט מענ כויזעק מאַכנ פונ די ווייניקע פאָרשער, וואָס האָבנ געהאַט מוט צו באַהויפּטנ דעמ היפּעכ דערפונ. אונ אָט די געלערנטע האָבנ דאָכ אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס דאַכט זיכ איצט זעלבסטפאַרשטענדלעכ, נעמלעכ, אַז דאָס לעבנ אָפּ דער ערד האָט זיכ אַנטוויקלט בעהאַדרויגע אינ מעשעכ פונ א קאָלאָסאַלער צאָל יאָרנ.

די באַאָבאַכטונגענ איבער די רעשטנ פונ דער אוראַלטער געוויקסנ־אונ באַלעכײַימ־וועלט, וואָס זײַנענ פאַרשאָטנ געוואָרנ מיט הונדערטער דורעס צוריק אונ וואָס

האָבנ זיכ אַזויאַרום אײַנגעהיט ביז אונדזער צײַט, האָבנ באַוויזנ, וויאַזוי די ראַזיקע ענדערונגענ זײַנענ פֿאָרגעקומענ. פֿונ דער מײַסע וועגנ דעמ, אַז די וועלט איז באַשאַפֿנ געוואָרנ אינ זיבנ טעג, איז קיינ שומ זייכער ניט געבליבנ, אונ איצט וועט קיינ מענטש, ניט בלויז אַ געלערנטער, נאָר אַ וויפֿל־ס׳ניט־איז געבילדעטער, ניט גלייבנ, ווענ מע זאָל אימ זאָגנ, אַז די באַלעכײַימ אונ די געוויקסנ זײַנענ שטענדיק געווענ אַזוי, ווי מיר זעענ זיי איצט. איטלעכער ווייס אויסגעצייכנט פֿונ ביכער אונ דער, וואָס וווינט אינ די גרויסע שטעט, קאָנ עס זענ אינ די מוזייענ, אַז די פֿריִערדיקע באַלעכײַימ אונ געוויקסנ־וועלט איז ניט ענלעכ געווענ אַפֿ אונדזער וועלט. אַז די וועלט האָט זיכ קעסיידער געענדערט אינ משעכ פֿונ אַ קאָלאָסאַלער צאָל יאָרנ, אַז אַלצ ענדערט זיכ, פֿאַרשטייט זיכ, אויכ איצט אונ וועט זיכ ענדערנ אויכ ווײַטער. אַזוי איז דער געזעצ פֿונ דער נאַטור.

אָבער די לערע וועגנ דעמ, אַז די וועלט ענדערט זיכ ניט אונ אַז אַלצ איז באַשאַפֿנ געוואָרנ מיטאַמאָל, האָבנ סײַ געלערנטע, סײַ אומגעלערנטע אַ לאַנגע צײַט אונטערגעשטיצט ניט אומזיסט, ניט נאָר מאַכמעס זייער אומוויסנהײַט. אָט די לערע האָט געלוינט פֿאַר זייער אַ סאַכ מענטשנ. אויב אַפֿ דער וועלט ביכלאַל ענדערט זיכ קיינ זאַכ ניט, ענדערט זיכ ניט אויכ די מענטשלעכע געזעלשאַפֿט. אויכ זי איז אײַנגעאָרדנט איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל אַזאַ, ווי זי איז איצטער, אַזאַ איז זי געווענ שטענדיק אונ אַזאַ וועט זי בלײַבנ. אָט אַזוי האָט מענ געלערנט אינ אַמאָליקע יאָרנ. צוליב וואָס־זשע האָט מענ עס באַדאַרפֿט, די מענטשנ זאָלנ מיינענ, אַז די מענטשלעכע געזעלשאַפֿט וועט שטענדיק בלײַבנ אַזאַ, ווי זי איז איצט? ווײַל דאָס לוינט זייער פֿאַר די, וואָס האָבנ זיכ אינ דער פֿריִערדיקער געזעלשאַפֿט באַנוצט מיט אַלע ווױלטאָקנ, ווײַל יענע, וואָס האָבנ שטענדיק געהאַלטנ אינ זייערע הענט די מאַכט, וועלכע זײַנענ געווענ רײַכ, האָט זיכ געוואָלט גלייבנ, אַז אַזוי דאַרפֿ עס זײַנ אייביק, אַז די רײַכע אונ די מעיוכאָסימ וועלנ שטענדיק זיצנ אויבנאָנ, אונ דאָס פֿאָלק, די אַרבעטער אונ פּויערימ, וועלנ שטענדיק אַרבעטנ פֿאַר זיי, וועלנ זיי שטענדיק דינענ. איז אָט זיי האָבנ זיכ באַמיט אײַנרעדנ זיכ אַליינ אונ באַזונדערס די אונטערטעניקע אַרבעטער אונ פּויערימ, אַז אַזוי דאַרפֿ עס זײַנ, אַז אַנדערש קאָנ גאָרניט זײַנ.

אויב דאָס שטודירנ די פֿאַרגאַנגענהײַט פֿונ דער ערד, די פֿאַרגאַנגענהײַט פֿונ דער באַלעכײַימ־ אונ געוויקסנ־וועלט, דאָס שטודירנ געאָלאָגיע אונ פּאַלעאָנטאָלאָגיע האָט צעשטערט די מײַסע וועגנ דעמ, אַז די וועלט איז קלוימערשט באַשאַפֿנ געוואָרנ מיטאַמאָל אונ ענדערט זיכ ניט, — איז די געשיכטע אונ אַרכעאָלאָגיע צעשטערנ די צווייטע מײַסע, אַז די מענטשלעכע געזעלשאַפֿט איז קלוימערשט שטענדיק געווענ אונ וועט, הייסט עס, שטענדיק זײַנ אַזאַ, ווי זי איז. דער מענטש ענדערט זיכ אונ וועט זיכ ענדערנ, ווי אַלדאָס איבעריקע. עס קומט אויפֿ איינ געזעלשאַפֿטלעכע אָרדענונג, אַנ אַנדער געזעלשאַפֿטלעכע אָרדענונג ווערט צעשטערט, אַפֿ איר אָרט קומט אויפֿ אַ נײַע אָרדענונג אאַוו. מיר קאָנענ ניט פֿאָרויסזענ אונ מיר קאָנענ זיכ ניט פֿאָרשטעלנ דעמ סאָפֿ פֿונ די דאָזיקע ענדערונגענ, נאָר אויב מיר וועלנ נאָכשפּירנ נאָכ די דאָזיקע ענדערונגענ אינ משעכ פֿונ צענדליקער אונ הונדערטער יאָרנ, וועלנ מיר פֿאַרשטיינ זייער רעגלמעסיקײַט, וועלנ מיר דערהגיינ די געזעצנ פֿונ די דאָזיקע ענדערונגענ. אונ אויב מיר וועלנ ניט זײַנ אימשטאַנד צו פֿאָרשטעלנ זיכ באַשטימטערלעכ, וואָס וועט זײַנ מיט דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט, לאָמיר זאָגנ, אינ עטלעכע טויזנט יאָר אַרומ, קאָנענ מיר אָבער וויסנ, וויאַזוי, מיט וואָסערע וועגנ וועט

זיכ די מענטשהײט ענדערנ אינ מעשעכ פונ אָט די טויזנטער יאָרנ. אונ דער, וואָס זעט פאָרויס די צוקונפט, יענער הערשט איבער דער דאָזיקער צוקונפט, ווײל מיר קאָנענ, פאָרויסזעענדיק די צוקונפט, צוגרייטנ זיכ צו איר, — פאָרנעמענ אייגענע מיטלענ, קעדיי אויסצומײדנ צוקונפטיקע אומגליקנ, אונ קעדיי וואָס בעסער אויסצוצונוצנ דאָס גוטס, וואָס אָט די צוקונפט וועט אונדז ברענגענ. וויסנ — הייסט פאָרויסזעענ, אונ פאָרויסזעענ — הייסט ק אָ נ ע נ אָדער הערשנ. דאָס וויסנ די פאַרגאַנגענהײט גיט אונדז אזויארום די מאַכט איבער דער צוקונפט.

אָט צוליב וואָס מע דאַרפ וויסנ די פאַרגאַנגענהײט.

נאָר אויב מיר קאָנענ באמערקנ די געזעצמעסיקײט פונ די ענדערונגענ, וואָס קומענ פאָר אינ דער מענטשלעכער געזעלשאַפט בלויז דורכ באָאָבאַכטנ זיי אינ א מעשעכ פונ גאָר א לאַנגער צײט, הייסט עס אָבער נאָכ ניט, אז מיר דאַרפנ אומבאַדינגט אָנהײבנ שטודירנ די סאַמע ווײטע צײטנ. מיר קאָנענ גיינ אויכ אַפ צוריק. פאַרקערט, ס'איז אפילע גרינגער צו באמערקנ די רעגלמעסיקײט פונ די ענדערונגענ, וואָס קומענ פאָר אינ דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, אויב מע זאָל גיינ פונעם הײנט צו דער ווײטער פאַרגאַנגענהײט.

לאָמיר נעמענ דאָס, וואָס עס קומט איצט פאָר.

אַפ דער גאַנצער וועלט קומט איצט פאָר א רעוואָליוציע: די ארבעטער שטרעבנ אראָפצוואַרפנ די מאַכט פונ דער בורזשואזיע, דאָס הייסט, די מאַכט פונ די, וועלכע עקספּלואַטירנ די דאָזיקע ארבעטער, — מיט אנדערע ווערטער, די מאַכט פונ די, וועלכע ווערנ רײכ אַפ זייער כעזשבנ, וועלכע צווינגענ זיי צו ארבעטנ וואָס מער אונ צאָלנ זיי פאַר דער דאָזיקער ארבעט וואָס ווייניקער; וואָס לייגנ ארײנ צו זיכ אינ קעשענע די גאַנצע דיפערענצ צווישנ דעמ פרײז פונ דער זאַכ, וואָס דער ארבעטער האָט געמאַכט, פונ איינ זײט, אונ דעמ לוינ, וואָס ער באַקומט פאַר זײנ ארבעט, פונ דער צווייטער זײט. פרעגט זיכ: צי דענ עקזיסטירט די עקספּלואַטאַציע בלויז איצט, אונ פריִער האָבנ דענ די מעיוכאָסימ אונ די גווירימ ניט עקספּלואַטירט דעמ פּאָשעטנ האַמוינ? ניינ, עקספּלואַטאַציע איז געווענ שטענדיק. פריִער, איידער ס'איז אויפגעקומענ די איצטיקע אָרדענונג פונ דער בורזשואזער געזעלשאַפט, מיט אירע פאַבריקנ, בענק, אײזנבאַנענ אאַוו., האָט עקזיסטירט די פעאָדאַלע געזעלשאַפט, האָט עקזיסטירט דאָס לײבייגנטום, אונ דעמאָלט פלעגנ ניט די פאַבריקאַנטנ אָפּנעמענ בײ די ארבעטער אלצ, וואָס זיי פלעגנ אויסארבעטנ אונ צאָלנ זיי פאַר דעמ גראָשנס, נאָר די פּריצימ פלעגנ אָפנעמענ באַמ פויער די פּרוכטנ פונ זײנ ארבעט אונ אימ פאַר דעמ גאָרנישט ניט צאָלנ. צי זײנענ דעמאָלט פאָרגעקומענ אויפשטאַנדנ פונ די עקספּלואַטירטע קעגנ די עקספּלואַטאַטערס? צי זײנענ דעמאָלט געווענ רעוואָליוציעס, ענלעכע צו דער איצטיקער? דעמאָלט זײנענ זיי אויכ געווענ, נאָר זיי זײנענ שטענדיק געווענ ניט קיינ געלונגענע. פאַרוואָס? ווײל די פויערימ האָבנ זיכ ניט געקאָנט צונויפרייִדנ צווישנ זיכ, זיי האָבנ זיכ ניט געקאָנט אָרגאַניזירנ, דאָס הייסט, זיי האָבנ ניט געקאָנט בילדנ איינ גרויס גאַנצעס, וואָס זאָל האַנדלענ לויט אנ אלגעמיינעמ פּלאַנ. פאַרוואָס זשע איז עס אזוי געווענ? ווײל די פויערימ ארבעטנ יעדערער אַפ זײנ שטיקל ערד, העלפנ פאַרהעלטנישמעסיק זעלטנ איינער דעמ צווייטנ. אונ ווענ זיי פאַרקויפנ די פּראָדוקטנ פונ זייער ערד, דאַנ זײנענ זיי שויג ווי קאָנקורענטנ איינער קעגנ אנדערנ. וואָס ווינציקער ס'איז פאַראַנ אַפנ מאַרק גרינס, היי, ברויט אאַוו., אלצ טײערער קאָסט עס, אונ אלצ מער, הייסט עס, קאָנ דער פויער פאַר דעמ באַקומענ. וואָס מער ס'איז פאַראַנ די דאָזיקע פּראָדוקטנ, אלצ ביליקער קאָסטנ זיי, אונ אלצ

ווינציקער, הייסט עס, וועט יעדער איינצלנער פּויער באַקומען פאַר זײַנע פּראָדוקטן. באַם פּויער קאָן זיך אַזויאַרומ ניט אַנטוויקלען דער באַוווּסטזײַן, אַז אַלע מענטשן דאַרפן זיך האַלטן אינאיינעם, אַז אַלע זײַנען זיי צונויפגעבונדן איינער מיטן צווייטן, בא זיי האָט זיך ניט געקאָנט אַנטוויקלען, ווי מע זאָגט, באַנוצנדיק אַן אויסלענדיש וואָרט, קיין סאָלידאַרישקייט. די אַרבעטער, פאַרקערט, אַרבעטן אין דער פאַבריק אַלע אינאיינעם, עלנבויגן צו עלנבויגן, איינער העלפט שטענדיק דעמ צווייטן אין דער דאָזיקער אַרבעט. איין אַרבעטער קאָן גאָרניש ניט אויפטאָן אָן די איבעריקע, און איטלעכער פון זיי מוז העלפן דעמ אַנדערן. אינעמ אַרבעטער־קלאַס אַנטוויקלט זיך אַזויאַרומ די סאָלידאַרישקייט, וואָס בא די פּויערים איז זי ניט פאַראַן. אָט פאַרוואָס די אַרבעטער אָרגאַניזירן זיך בעסער און גרינגער, ווי די פּויערים, אָט פאַרוואָס די אַרבעטער־רעוואָליוציעס זײַנען א סאַך שטאַרקער, א סאַך מער סאָלידאַריש, ווי יענע פּויערשע אויפשטאַנדן, וואָס פלעגן פאָרקומען אַמאָליקע צײַטן. די פּויערימ האָבן ניט געקאָנט בײַקומען די, וואָס האָבן זיי עקספּלואַטירט. די פּויערשע אויפשטאַנדן האָבן זיך קיינמאָל ניט אײַנגעגעבן. די פּויערימ פלעגט זיך אַפילע קיינמאָל ניט אײַנגעבן צו באַקומען די מאַכט, ביים די אַרבעטער האָבן שוין די מאַכט אין איינעמ פון די גרעסטע לענדער — אין רוסלאַנד, און שטייען שוין אויפן וועג דערצו אין א גאַנצער ריי אַנדערע אייראָפּייִשע לענדער.

באַטראַכטנדיק אַזויאַרומ דאָס, וואָס עס קומט פאָר איצט, אָדער דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען אַנערעכ ניט לאַנג צוריק, באַמערקן מיר א רעגולמעסיקײַט אין די היסטאָרישע ענדערונגען. נעמלעכ, מיר באַמערקן, אַז די געשיכטע ווערט באַוועגט דורכ מענטשן פון באַשטימטע באַשעפטיקונגען און ענדערט זיך לויט דעמ, וואָס פאַר א קלאַס פון דער געזעלשאַפט מאַכט די געשיכטע, דאָס הייסט, פירט דורכ די אָדער יענע געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען. מיר זעען, אַז ווען די פאָלק־מאַסן זײַנען באַשטאַנען פון פּויערימ, איז די געשיכטע געגאַנגען אַנדערש, ווי זי גייט איצטער, ווען אין דער שפּיץ פון דער באַוועגונג גייען די אַרבעטער.

ווײַטער, וויאַזוי זשע בילדן זיך אויס די דאָזיקע קלאַסן? פאַרוואָס האָט זיך פריִער די גאַנצע פּראָדוקציע געפונען אין די הענט פון די פּויערימ, פאַרוואָס פלעגט מען דעמלט באַקומען פון דאָרף, ווו יעדער פלעגט אַרבעטן אויף זײַן שטיקל ערד, ניט בלויז ברויט און לײַנ, אָדער וואָל, נאָר אויכ שיכ און קליידער, און דאָס אַלץ פלעגן אויסאַרבעטן באַזונדערע באַלמעלאָכעס, וואָס יעדערער פון זיי פלעגט זיצן בא זיך אין קאַמער און אַרבעטן בא זיך אינדערהיימ, און איצט האָבן מיר קאָלאָסאַלע שוכ־פאַבריקן, קאָלאָסאַלע געשעפטן פון פאַרטיקע קליידער אאַוו.? ווײַל דעמלט האָט דער מענטש געמוזט אַלץ טאָן מיט זײַנע אייגענע הענט. קיין מאַשינעס איז ניט געווען אָדער קימאַט ווי ניט געווען. עס זײַנען נאָר געווען מאַשינעס, וואָס פלעגן געבראַכט ווערן אין באַוועגונג מיט דער הילף פון וואַסער, ווי לעמאָשל, מילן, נאָר אַפילע אַזעלכע מאַשינעס איז געווען זייער ווינציק. מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק האָט דער מענטש אָנגעהויבן בויען מאַשינעס, וואָס ווערן געבראַכט אין באַוועגונג צוערשט מיט דאַמפּ, שפּעטער מיט עלעקטרע און וואַרעמקייט, — די איצטיקע נאַפט־מאָטאָרן און אַנדערע באַוועגערס. פון זינט עס זײַנען אויפגעקומען מאַשינעס, איז געוואָרן מעגלעכ אויסצואַרבעטן קאָלערליי זאַכן אין א סאַך א גרעסערן סכום, א סאַך גיכער, איידער פריִער. ס'איז גענוג צו ברענגען איין בײַשפּיל: ווען בוימוואָל פלעגט מען אָפּריידלען מיט די הענט, האָט געמוזט אַוועקגיין א גאַנצער אַרבעטטאָג אויף אָפּצורייניקן 0,4 קילאָגראַמ בוימוואָל,

איצטער, ווענ מע רייניקט דעמ בוימוואָל מיט אַ מאַשינ, קאָנ איינ ארבעטער אָפּרייניקנ אַ טאָג 40 קילאָגראַמ.

וויבאַלד אַזוי, האָט שוינ מער ניט געלוינט צו ארבעטנ אייניציקווײַז, ווײַל יעדער ארבעטער באַזונדער האָט דאָכ ניט געקאָנט אײַנשאַפנ זיכ אַ מאַשינ און די ארבעטער האָבנ זיכ אָנגעהויבנ צונויפקלײַבנ אינ קאָלאָסאַלע מאַסנ אַרומ די דאָזיקע מאַשינעס. אַזוי־אַרומ איז אויפגעקומענ די גרויסע פּראָדוקציע, זײַנענ אויפגעקומענ פאַבריקנ. די, וועמענ עס האָבנ געהערט די מאַשינעס, די אונטערנעמערס אָדער די בורזשואַזיע, זיי זײַנענ געוואָרנ די באַלעבאַטימ פונעמ גאַנצנ איניענ. דערפאַר, וואָס זיי פלעגנ געבנ די ארבעטער די מעגלעכקײַט צו ארבעטנ אַפ די מאַשינעס, פלעגנ די אונטערנעמערס אָפּנעמענ בײַ די ארבעטער אַלצ, וואָס יענע פלעגנ פּראָדוצירנ, און צאָלנ פלעגט מענ זיי פאַר דעמ אַ גראָשנדיקנ לוינ, ווי ס'איז אָנגעוויזנ אויבנ.

אָט אַזוי האָט זיכ אויסגעבילדעט אַ קלאַס ארבעטער, וואָס האָט געארבעט ניט בײַ זיכ אינדערהיימ. נאָר אינ אַ פרעמד הויז, און ניט מיט די אייגענע הענט, נאָר מיט דער הילפ פונ מאַשינעס, וואָס האָבנ געהערט ניט צו אימ. ס'האָט זיכ אויסגעבילדעט דער פּראָלעטאַריאַט. מיט וואָס־זשע, הייסט עס, דערקלערט זיכ דער אויפקומ פונ דעמ אָדער יענעמ געזעלשאַפטלעכנ קלאַס? דאָס דערקלערט זיכ מיט דעמ, ווי־אַזוי עס ווערט געפירט די ווירטשאַפט. פריִער איז די ווירטשאַפט געווענ אַ דראָבנע, איטלעכער האָט געארבעט אייניציקווײַז — דאָס איז געווענ איינ מינ געזעלשאַפטלעכע אײַנאָרדענונג. דערנאָכ האָט מענ אָנגעהויבנ ארבעטנ אַלע אינאיינעמ, האָט זיכ באַקומענ אַ צווייטער מינ געזעלשאַפטלעכע אײַנאָרדענונג. דער יעסאָד פונ אַלע ענדערונגענ איז, אַזוי־אַרומ, די ענדערונג אינ דער ווירטשאַפט, די עקאָנאָמישע ענדערונג.

וואָס־זשע צווינגט דעמ מענטשנ צו פאַרנעמענ זיכ מיט ווירטשאַפט? דאָס פאַרשטייט יעדערער אַליינ, און וועגנ דעמ דאַרפ מענ לאַנג ניט טראַכטנ. ס'איז גענוג אַ קוק צו טאָנ אַפ דעמ, וואָס די פויערימ האָבנ פּראָדוצירט אינ דער פריִערדיקער צײַט און וואָס עס פּראָדוצירנ איצט די פאַבריקנ און זאַוואָדנ, קעדיי דאָס צו פאַרשטיינ. די פויערשע ווירטשאַפט פּראָדוצירט ברויט, פלייש, וואָל, לײַנ, מיט איינ וואָרט, רויוואַרג, וואָס איז נייטיק פאַר אונדז, קעדיי זיכ צו דערנערנ און באַקליידנ. די פאַבריקנ מאַכנ דערפונ קאָנסערוונ, ארבעטנ אויס קליידער, שוכוואַרג, — האַכלאַל זיי פאַרוואַנדלענ דעמ דאָזיקנ רויוואַרג אינ אַזאַ פאָרמ, וואָס איז פאַר אונדז באַקוועמער צומ געברויכנ עס. אָט דאָס אַלצ דינט, סאָפּקאַלסאָפּ, צומ אונטערהאַלטנ דעמ מענטשנס לעבנ. דער מענטש פאַרנעמט זיכ, אַזוי־אַרומ, מיט ווירטשאַפטלעכער טעטיקײַט, קעדיי צו האָבנ די מעגלעכקײַט צו עקזיסטירנ. דאָס, כאַזער איכ איבער, דאַרפ מענ ניט דערקלערנ און דערווײַזנ, דאָס פאַרשטייט אַליינ יעדער פיצל־קינד. אָבער אויב די ווירטשאַפטלעכע ענדערונגענ ליגנ אינ גרונט פונ אַלע היסטאָרישע ענדערונגענ, הייסט עס, אַז דעמ מענטשנ צווינגענ צומ ארבעטנ זײַנע באַדערפענישנ, זײַנע, ווי מע זאָגט, מאַטעריעלע באַדערפענישנ, די שטרעבונג צו ראַטעווענ זיכ פונ הונגער און קעלט.

אַזוי־אַרומ ליגנ די מאַטעריעלע באַדערפענישנ אינ גרונט פונ דעמ מענטשנס גאַנצער טעטיקײַט און פונ דער גאַנצער געשיכטע. און דערפאַר איז די דערקלערונג פונ דער געשיכטע, וואָס מיר גיבנ איצטער, טראָגט דעמ נאָמענ היסטאָרישער מאַטעריִאַליזמ. דאָס דאָזיקע באַנעמענ די געשיכטע האָט צומ ערשטנ געבראַכט יענע־

געזעלשאפטלעכער קלאס, וואס האט דער ערשטער פארשטאנענ די סאלידארישקייט פונ די אלגעמיינע אינטערעסנ בא אלע ארבעטנדיקע אונ וואס פירט די איצטיקע רעוואליוציע. מאטעריאליסטיש באנעמענ די געשיכטע באטייט פראלעטאריש באנעמענ זי. פריער, ווענ די בילדונג האט זיכ געפונענ אינ די הענט פונ דער בורזשואזיע, דאס הייסט, אינ די הענט פונ יענעמ קלאס, וואס באזיצט די פראדוציר־מיטלענ, די פאבריקנ, זאוודנ, אייזנבאנענ, די ערד אאוו., מיט איינ ווארט, אינ די הענט פונעמ קלאס, וואס לעבט פונ עקספלואטירנ אנדערע, פלעגט מענ אונדז די געשיכטע דערקלערנ אנדערש אונ אט ווי: אלע ענדערונגענ, וואס זיינענ פארגעקומענ אינ דער מענטשלעכער געשיכטע, האט מענ דערקלערט מיט די ענדערונגענ, וואס זיינענ פארגעקומענ אינ די מויכעס פונ די מענטשנ, וואס אינ זייערע הענט געפינט זיכ די מאכט אונ רייכקייט. מע פלעגט, לעמאשל, פארשטעלנ די זאכ אזוי, אז פריער האבנ זיכ די מענטשנ ניט פארטראכט איבער דעמ, פארוואס אונ וויאזוי האט זיכ אויסגעבילדעט די אדער יענע ארדענונג אינ דער געזעלשאפט, אונ האבנ זיכ געהארכזאמט אונטערגעווארפנ דער דאזיקער ארדענונג. אונ דאנ איז טאקע ניט געווענ קיינ רעוואליוציעס. אונ אט זיינענ געקומענ מענטשנ, וואס האבנ אנגעהויבנ קריטיקירנ די דאזיקע געזעלשאפט, דאס הייסט, געפינענ אינ איר פארשיידענע כעסרוינעס אונ זיי האבנ דאס איינגעפלאנצט בא די מאסנ דעמ סאפעק, צי איז טאקע די דאזיקע ארדענונג א ריכטיקע. די מאסע האט געפאלגט די דאזיקע אגיטאטערס אונ אופהעצערס אונ אנגעהויבנ זיכ בונטעווענ. אזוי האבנ זיכ, לויט דער מיינונג פונ דער בורזשואזיע, אנגעהויבנ רעוואליוציעס.

מיט איינ ווארט, די בורזשואזיע האט זיכ פארגעשטעלט, אז אינ דער געשיכטע קומט עס פאר פונקט אזוי, ווי עס קומט פאר אינ דער פאבריק אדער אינ געשעפט: דער באלעבאס דענקט, טראכט עפעס צו אונ גיט באפעלנ, אונ די ארבעטער אדער די אנגעשטעלטע פאלגנ.

ס'איז ניט שווער איינצוזענ די פאלשקייט פונ דער דאזיקער דערקלערונג. אינדערעמעסנ, אויב ס'וואלט ניט געווענ אזוי, ווי מיר האבנ אויבנ גערעדט, אויב די עקספלואטאטערס פונעמ ארבעטער־קלאס, די קאפיטאליסטנ, וואלטנ ניט אפגענומענ בא די ארבעטער די פראדוקטנ פונ זייער ארבעט, אדער זיי וואלטנ געצאלט פאר די דאזיקע פראדוקטנ אזוי פיל, וויפל די דאזיקע פראדוקטנ האבנ דעמ ווערט, איז וואסערע אגיטאטערס וואלטנ געקאנט צווינגענ די דאזיקע ארבעטער־מאסע צו מאכנ בונטנ? ווייל אויב מיט דער הילפ פונ אגיטאציע, מיט דער הילפ פונ מינדלעכנ אדער שריפטלעכנ איבערצייגנ וואלט מעגלעכ געווענ אופצוהייבנ א בונט, וואלט מענ דאכ געקאנט אופהייבנ א בונט צווישנ יעדנ קלאס, אונ מיטנ זעלביקנ דערפאלג וואלט מענ, הייסט עס, געקאנט אופהייבנ אפ א בונט אויכ די בורזשואזיע, פונקט ווי די ארבעטער. די בורזשואזיע וואלט מענ נאכ אפילע געקאנט גרינגער אופהעצנ, ווייל זי, ווי א געבילדעטער קלאס, קאנ גיכער אופנעמענ יעדע אגיטאציע. פארוואס זשע ווירקט איצט אזא אגיטאציע אפ דעמ סאמע ארעמענ אונ, הייסט עס, סאמע אומוויסנדיקנ קלאס, אונ די געבילדעטע בורזשואזיע איז אומעטומ קעגנ דער רעוואליוציע, אונ וואס עס זאלנ ניט ריידנ די אגיטאטערס, פאלגט זי זיי ניט אונ קערט זיכ אפ פונ זיי? ווייל פאר דער בורזשואזיע לוינט ניט די דאזיקע אגיטאציע, ווייל דאס גייט זיכ אינגאנצנ פאנאנדער מיט אירע מאטעריעלע אינטערעסנ אונ אט, פארטיידיקנדיק די דאזיקע מאטעריעלע אינטערעסנ, פארטיידיקנדיק איר רעכט צו זיצנ אפ א פרעמדנ רוקנ, צו עסנ אונ טרינקענ געשמאק, צו וווינענ אינ גוטע

העזער אאוו., איז די בורזשואזיע ניט נאָר וואָס זי פּאָלגט ניט די אגיטאטערס, נאָר אויב עס פאלט איר אריינ אינ די הענט אנ אגיטאטער, שיסט זי אימ אָדער הענגט אימ אונ קעמפט פארביסנ קעגנ די ארבעטער, וואָס שטרעבנ צו א בעסערנ לעבנ.

אלזאָ, די געשיכטע ווערט באוועגט, ערשטנס, מיט דער הילפ פונעמ קלאסנקאמפ, פונעמ קאמפ פונ די אונטערדריקטע, עקספּלואטירטע קלאסנ, פונ די פויערימ אונ ארבעטער קעגנ די קלאסנ, וואָס אונטערדריקנ אונ עקספּלואטירנ, — קעגנ די גוטבאזיצערס אונ דער בורזשואזיע, אונ, צווייטנס, ווערט דער דאָזיקער קלאסנקאמפ באוועגט דורכ די מאטעריעלע אינטערעסנ, דאָס הייסט, סאָפּקאָלסאָפּ, דורכ דער באַדערפעניש פונעמ מענטשנ אינ דערנערונג, קליידער, וווינונג, באהייצונג אאוו. די מענטשנ שטרעבנ צו באפרידיקנ די דאָזיקע באדערפענישנ, אונ מע דארפ שטרעבנ, אז די דאָזיקע באדערפענישנ זאָלנ באפרידיקט ווערנ וואָס גערעכטיקער, דאָס הייסט, אז אלדאָס גוטס פונ דער ערד זאָל פארטיילט ווערנ צווישנ אלעמענ לויט יעדערנס באדערפענישנ. אונ אָט דאָס שטרעבנ טאקע די סאָציאליסטנ צו פארווירקלעכנ.

פונ דעמ דאָזיקנ ביישפּיל זעענ מיר, אז ניט נאָר מיר פארשטייענ דעמ היינט פונ דער פארגאנגענהייט, נאָר מיר דערקלערנ אויכ די פארגאנגענהייט דורכנ היינט. מיט איינ טנאַי אָבער, אז מיר זאָלנ באָאָבאכטנ א גאנצ לענגערנ צייט-פעריאָד, ווייל אויב מיר וועלנ באָאָבאכטנ מער ניט ווי דאָס, וואָס עס קומט פאָר ארומ אונדז, וועלנ מיר ניט פארשטיינ א סאכ פונ דעמ, וואָס עס קומט פאָר איצט. ווענ מיר באָאָבאכטנ דאָס, וואָס עס קומט פאָר ארומ אונדז, זעענ מיר ניט קיינ קלאסנ, נאָר מיר זעענ בלויז באזונדערע פערזאָנענ, אונ מיר קאָנענ נאָכ איינדרעמעסנ אָנהייבנ גלייבנ, אז די גאנצע געשיכטע ווערט געמאכט פונ איינצלנע מענטשנ. קעדיי צו זענ דעמ היסטאָרישנ פראָצעס, ד. ה. די באוועגונג פונ דער געשיכטע אינגאנצנ גענומענ, מוז מענ עטוואָס אָפּגיינ פונ איר אונ א קוק טאָנ אָפּ איר פונ א זייט.

אלזאָ, דער טאָכ פונ דער געשיכטע באשטייט אינ אנטוויקלונג, ד. ה. אינ דערעגלמעסיקער ענדערונג פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט. דער נאָענטסטער ציל פונ דער דאָזיקער אנטוויקלונג, דער ציל, וואָס מיר קאָנענ אימ איצט זענ, איז דער סאָציאליזמ, ד. ה. אז די ערד אונ אלע אירע פּראָדוקטנ, ווי אויכ אלע פּראָדוצירמיטלענ, די פאבריקנ, זאוואָדנ אאוו. אלע טראנספּאָרט-מיטלענ אונ אייזנבאנענ אאוו. זאָלנ אריבערגיינ אינ די הענט פונ די, וואָס ארבעטנ. דאָס איז דער נאָענטסטער ציל, אָבער אויכ דערמיט פארענדיקט זיכ ניט, פארשטייט זיכ, די אנטוויקלונג פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט. וואָס וועט זיינ ווייטער, וויאזוי וועט זיכ אנטוויקלענ די סאָציאליסטישע געזעלשאפט, דאָס קאָנענ מיר דערווייל ניט פאָרויסזענ. אָבער ווענ מיר וועלנ פּינקטלעכ אונ גוט וויסנ די געזעצנ, לויט וועלכע די מענטשלעכע געשיכטע אנטוויקלט זיכ, וועלנ מיר זיינ אימשטאנד צו פאָרויסזאָגנ דעמ גאנג פונ דער מענטשלעכער אנטוויקלונג ניט בלויז אָפּ די נאָענטסטע יאָרנ, נאָר אויכ אָפּ צענדליקער, אָפּ הונדערטער יאָרנ. מיר וועלנ פונדעסטוועגנ ניט פארבלייבנ זיכ אזוי ווייט, לאָמיר זיכ בעסער צוקוקנ צו דעמ, וואָס עס איז פאראנ אונ וואָס עס איז געווענ.

מיר האָבנ אויבנ געזאָגט, אז אינ גרונט פונ דער אנטוויקלונג פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט ליגט די אנטוויקלונג פונ דער ווירטשאפט, ד. ה. דער קאמפ פונעמ מענטשנ מיט דער נאטור פארנ לעבנ, דער קאמפ פאר א שטיקל ברויט אונ א

זוארעמענ ווינקל אאוו. ס'איז אינגאנצנ קלאָר, אז דער דאָזיקער קאמפּ הענגט אָפּ פריִער פאר אלצ טאקע פונ דער נאטור, וואָס רינגלט ארומ דעמ מענטשנ. קעדיי צו פארשטיינ דעמ היסטאָרישנ פּראָצעס, ד. ה. דעמ אויפנ, לויט וועלכנ עס אנטוויקלט זיכ די געשיכטע אינ דעמ אָדער יענעמ איינצלנעמ לאנד, מוז מענ פריִער פאר אלצ זיכ קלאָר פאָרשטעלנ די נאטור־באדינגונגענ פונ דעמ דאָזיקנ לאנד. אויב מיר וועלנ זיכ צוקוקנ צו דעמ, וויאזוי עס זײַנענ פארטיילט איבערנ ערד־קײַלעכ די פאר־שיידענע געבילדעטע אונ ניט־געבילדעטע, קולטורעלע אונ „ווילדע" פעלקער, וועלנ מיר דערזענ, אז די סאמע געבילדעטע פעלקער פארנעמענ יענע טיילנ פונעמ ערד־קײַלעכ, וווּ עס הערשט א לעפּיִערעכ מעסיקער קלימאט, וווּ ס'איז ניט צו היימ, ניט צו קאלט. פארקערט, די סאמע ווילדע פעלקער באגעגענענ זיכ אינ די סאמע הייסע לענדער, וווּ ס'איז קימאט אומעגלעכ צו פירנ א וואָסער־ס'איז ווירטשאפט צוליב דער אומגעהײַערער היצ, אָדער אינ די סאמע קאלטע לענדער. די אוראלטע שוואָטימ, וואָס זײַנענ אמערסטנ נאָענט צומ מענטשנ, ווי ער איז געוועזנ מיט הונדערטער טויזנטער יאָרנ צוריק, זײַנענ, פונ איינ זײַט, די עסקימאָסנ, וואָס וווינענ אפנ ווײַטנ צאָפנ, וווּ ס'איז קימאט ניט פאראנ קיינ שומ געוויקסנ, וווּ מע קאָנ זיכ דערנערנ נאָר פונ פיש־פאנג אונ יאגד, פונ דער אנדער זײַט, די וועדאכנ אפנ אינדזל ציילאָנ, כימאט באמ סאמע עקוואטער, אונ די אזוינערופענע קארליקעס (קליינוווּקסיקע) שוואָטימ פונ צענטראל־אפריקע. סײַ די, סײַ יענע וווינענ אינ אזוינע ערטער, וווּ ס'איז נאָר קיינ ווינטער ניטאָ אונ וווּ עס בײַטנ זיכ קעסיידער איינס נאָכנ אנדערנ צווייערליי וועטערנ: אָדער א מוירעדיקע היצ, אָדער א גוס־רעגנ.

אָבער די ווירטשאפט קאָנ זיכ אנטוויקלענ אויכ אינ די זייער הייסע לענדער, באמ סאמע עקוואטער, אָבער ניט אינ די נידעריקע ערטער, נאָר הויכ אינ די בערג, וווּ ס'איז פיל קילער. לעמאָשל, אינ דאָרעמ־אמעריקע האָבנ די אייראָפּייער געפונענ זייער א געבילדעט פאָלק, די אינקנ, וואָס האָבנ געהאט זייער אנ אנטוויקלטע ערד־ארבעט, א קינסטלעכע באוואסערונג אאוו. אינ דער געגנט, וואָס איז איצט פארנומענ דורכ דער מעלוכע, וועלכע הייסט טאקע „עקוואדאָר". די דאָזיקע אינקנ האָבנ אָבער געוווינט אפ דער הויכ פונ 3—4 קילאָמעטער איבערנ יאמ־ניוואָ. אזויארומ דארפ מענ נעמענ אינ באטראכט ניט בלויז די ברייט פונ דער געגנט, — צי זי געפינט זיכ אינ א הייסער אָדער קאלטער זאָנע — נאָר אויכ איר הייכ איבער דעמ יאמ־ניוואָ — צי דאָס זײַנענ בערג אָדער א נידערלאנד.

ווײַטער ווירקט די נאטור אפ דער ווירטשאפט ניט בלויז דורכנ קלימאט. אמאָל קאָנ מענ דערקלערנ דעמ אָדער יענעמ אָפּנייג אינ דער ווירטשאפט אשטייגער מיט דעמ, וואָס אינ דער אָדער יענער געגנט לעבט א וואָסערע ניט איז נוצלעכע בהמע. אשטייגער פיל שוואָטימ אפנ עקסטנ צאָפנ פונ אייראָפּע אונ אזיע לעבנ פונ הירשנ: דער הירש גיט זיי אי שפּײַז (פלייש), אי קליידער (פעל), אי מאטעריאל פאר געצײַג (די הערנער) אאוו. די דאָזיקע שוואָטימ וואנדערנ מיט די סטאדעס האלב־ווילדע הירשנ, אונ א מאגייפע אפ הירשנ באטײַט הונגער־טויט פאר גאנצע פאמיליעס, אויב ניט פארנ גאנצנ שייוועט. אונ אזוי קומט עס פאָר ניט בלויז מיט ווילדע, נאָר אפילע מיט געבילדעטע פעלקער: דער וווילשטאנד פונ די אײַנוווינער פונ מײַרעוו־פראנקרײַכ, אפ די ברעגנ פונ אטלאנטישנ אָקעאנ, הענגט נאָכ אָפּ ביז איצט, אינ פיל פראָטימ, פונ די סארדינענ: דאָס איז א קליינער מינ הערינג, וואָס קומט אָנ מאמעש ווי א וואָלקנ צו די דאָזיקע ברעגנ, וווּ די באפעלקערונג לעבט טאקע פונ כאפנ סארדינענ. די סארדינענ קומענ אָבער ניט יעדעס יאָר; אונ

ווענ זיי קומענ ניט, איז עס פאר די פראנצויזישע פישער פונקט דאס אייגענע, ווי אנ אומגערעכטעניש פארנ רוסישנ פויער.

מע דארפ זיכ ניט פארשטעלנ די זאכ אזוי, אז די דאזיקע ווירקונג איז שטענדיק אונ אינ אלע צײטנ געווענ אבסאליוט איינע אונ די זעלביקע. ניינ, עס ענדערנ זיכ די מענטשנ אונ, אפ וויפל זיי ענדערנ זיכ, ענדערנ זיכ אויכ זייערע פארהעלטענישנ צו דער נאטור. לעמאשל, פאר דער גאר ערשטער באפעלקערונג פונעם רוסישנ פלאכלאנד, וואס האט נאכ ניט געוווסט פונ קיינ אײזערנע געצײג, איז דער וואלד געווענ אזא מינ מעניע, וואס עס איז קימאט אומעגלעכ געווענ גיווער צו זײנ. ס'איז זייער שווער געווענ דורכצומאכנ זיכ א וועג דורכנ וואלד. דורכגייג דורכ א וואלד איז געווענ א גרויסע העלדנ־טאט, וואס וועגנ דעמ פלעגט מענ דערנאכ א לאנגע צײט ריידנ, אונ דעמ וואלד האט מענ געהאלטנ פאר א שרעקלעכנ ארט, וואס איז אנגעפילט מיט קאלערליי פארזעענישנ. דערמאנט זיכ די מײסעס וועגנ דעמ „נאכטיגאל־רויבער". אונ די באפעלקערונג אינ רוסלאנד פלעגט זיכ דאנ באזעצנ געוויינלעכ בא די ברעגנ פונ וואלד, אפ דער גרענעצ צווישנ וואלד אונ סטעפ. נאר אט זײנענ קיינ מיטלרוסלאנד אנגעקומענ נײע אײנוווינער — די סלאוונ. זיי האבנ מיטגעבראכט מיט זיכ אנ אײזערנע האק. ווענ מע געפינט בא אויסגראבונגענ רעשטנ פונ סלאווישע ישוווימ, בעסוילעמס אאוו., דעריקענט מענ זיי גלײכ לויט די דאזיקע אײזערנע העק. מיט דער הילפ פונ דער אײזערנער האק איז דער מענטש ארײנגעדרונגענ אינ דער געדיכטעניש פונעם וואלד, האט אויסגעהאקט ביימער, געבויט זיכ א „דארפ" (דאס, וואס עס איז „ארויסגעריסנ" פונ אונטערנ וואלד).* אונ דאס, וואס עס איז פריער געווענ א סטראשידלע, איז געווארנ, פארקערט, די הויפט־שטיצע פונעם מענטשנס ווירטשאפט, ווײל די ערשטע ווירטשאפט פונ די אײנוווינער איז געווענ וואלד־ווירטשאפט. די הויפט־באשעפטיקונגענ, וואס מיר בעגעגענענ, זײנענ: דאס באקומענ האניק (די וואלד־בינענצוכט), יאגד, דאס באקומענ פעל אדער פלייש פונ די כײעס, אונ דערנאכ וואלדישע „אונטערהאקנדיקע" ערדארבעט. מע פלעגט אויסהאקנ די וועלדער, אײנוואלגערנ די ביימער, פארברענענ, די אש פלעגט דינענ פאר אנ אויסגעצייכנטער באמיסטיקונג. אפ דעמ ארט פלעגט מענ זייענ ברויט אונ באקומענ אזויארומ א גערעטעניש. די גאנצע ווירטשאפט איז, אזויארומ, געווענ ענג פארבונדנ מיטנ וואלד.

אט האט איר א מוסטער דערפונ, וויאזוי עס ענדערנ זיכ די פארהעלטענישנ פונעם מענטשנ צו דער נאטור אינאיינעמ מיט דעמ, ווי עס ענדערט זיכ דער לעבנשטייגער פונעם מענטשנ גופע. אט איז א צווייטער בײשפיל, נאכ א מער בולעטערנ. ווענ די ערשטע אייראפייִשע אײנוואנדערער זײנענ אנגעקומענ קיינ אמעריקע, האבנ זיכ די ארטיקע טוישווימ פארנומענ אויסשליסלעכ מיט יאגד. קליינע שוואטימ האבנ ארומגעוואנדערט איבער דעמ גרויסנ מידבער אונ געטויט כײעס. קיינ שום אנדערע באשעפטיקונגענ האבנ זיי ניט געהאט. ס'זײנענ אנגעקומענ קיינ אמעריקע די אייראפייער, אונ אינ א מעשעכ פונ צוויי־הונדערט יאר איז אפ דעמ ארט פונעם מידבער, איבער וועלכנ עס האבנ געהאט געוואנדערט יעגער־מאכנעס, אופגעקומענ איינע פונ די סאמע קולטורעלע מעלוכעס פונ דער וועלט, מיט אנ אויסגעצייכנט אוועקגעשטעלטער לאנדווירטשאפט, מיט קאלאסאלע פאבריקנ, זאוואדנ, אײזנבאנענ אאוו.

---

* אינ רוסיש שטאמענ די ווערטער деревня (א דארפ) אונ выдрано (ארויסגעריסנ) פונ איינ ווארצל.

איצט זיינענ די פאריייניקטע שטאטנ א לאנד, וואס פארנעמט אינ הינזיכט פונ טעכניק, ד. ה. פונ די ווירטשאפט־אויפאנימ, שיער ניט דאס ערשטע ארט צווישנ אלע לענדער פונ דער וועלט. אט וואס עס איז פארגעקומענ, ווענ קיינ אמעריקע, ווו אירע גאר ערשטע איינוווינער האבנ געוווסט מער ניט ווי יאגנ זיכ נאכ כייעס, זיינענ אנגעקומענ אייראפייער, וואס האבנ געבראכט מיט זיכ די אייראפייִשע קולטור, ד. ה. אייראפייִשע געוווינהייטנ אונ ארבעט־מעטאדנ.

אויב מיר וועלנ פונ אט די אלגעמיינע ביישפילנ אריבערגיינ אומיטלבאר צו רוסלאנד, וואס מיט איר געשיכטע וועלנ מיר זיכ וויי‏טער פארנעמענ, וועלנ מיר דערזענ, אז די נאטור־באדינגונגענ פונעמ מיזרעכ־אייראפייִשנ פלאכלאנד, וואס עס האט פארנומענ דאס רוסישע פאלק, צייכענענ זיכ אויס מיט א באזונדערער בייזקייט. דער ווינטער ציט זיכ בא אונדז לאנג, דער זומער איז קורצ. אדאנק דעמ פארנעמענ בא אונדז די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטנ נאר א קלענערנ טייל פונ דער צייט. אינ מיטלרוסלאנד קומט אויס צו אקערנ, זייענ, שניידנ אאוו. אינ מעשעכ פונ פינפ כאדאשימ. אויב מיר וועלנ נעמענ דאס שכיינישע מיט אונדז דייטשלאנד, וועלנ מיר זענ, אז דארט קאנ מענ זיכ פארנעמענ מיט לאנדווירטשאפט שוינ אינ א מעשעכ פונ זיבנ כאדאשימ, ד. ה. אז מע קאנ אויסנוצנ פאר דער ווירטשאפט דעמ גרעסטנ טייל פונעמ יאר, אינ דער צייט, ווענ בא אונדז אינ רוסלאנד האבנ די ערד־ארבעטער דעמ גרעסטנ טייל פונ יאר ניט וואס צו טאנ ארומ דער ערד. אונ אויב מיר וועלנ גיינ נאכ וויי‏טער צו מיירעוו־צו, צו פראנקרייכ, צו די ברעגנ פונ אטלאנטישנ אקעאנ, וועלנ מיר דארט דערזענ אזעלכע קלימאטישע באדינגונגענ, וואס גיבנ דעמ מענטשנ די מעגלעכקייט צו ארבעטנ אויכ ווינטערצייט, — מיט איינווארט, דאס גאנצע יאר. לעמאשל, בא די ברעטאנישע פויערימ* אונ אפילע בא די גערטנערס אינ די אומגעגנטנ פונ פאריזש וואקסט עפעס וואס אפ די פעלדער א גאנצ יאר, אונ די גארטנ־גרינסנ טיילנ זיכ טאקע אפ ווינטערדיקע אונ זומערדיקע. ס'איז ניט שווער אנצושטויסנ זיכ, אז אינ די דאזיקע לענדער, ווו מע קאנ דאס גאנצע יאר ארבעטנ בא דער ערד, דארפ די פראדוקטיווקייט פונעמ ערדארבעטערס ארבעט זיינ א סאכ העכער, איידער דארט, ווו ער ארבעט נאר א קליינעמ טייל פונעמ יאר. מיט אנדערע ווערטער, אינ די דאזיקע לענדער גייט דאס אנזאמלענ אלערליי גוטס א סאכ גיכער. אזויארומ האט די ווירטשאפטלעכע אנטוויקלונג פונ רוסלאנד אדאנק אונדזער בייזנ קלימאט געמוזט גיינ לאנגזאמער, ווי אינ די לענדער, וואס פארנעמענ א מער גינסטיק ארט.

ס'איז נאטירלעכ, אז קאלזמאנ די איינציקע באשעפטיקונג פונ רוסישנ פאלק, זיינ קימאט אויסשליסלעכע באשעפטיקונג איז געווענ ערדארבעט, איז רוסלאנד זייער שטארק אפגעשטאנענ פונ די איבעריקע לענדער. זי האט זיי אנגעהויבנ אניאגנ ערשט פונ זינט אינ רוסלאנד האט זיכ אנגעהויבנ אנטוויקלענ די באארבעטנדיקע אינדוסטריע, ווענ עס זיינענ אופגעקומענ פאבריקנ אונ זאוואדנ. די פאבריקנ קאנענ איבערארבעטנ אויכ ארייַנגעפירטע רויווארג, ד. ה. איבערארבעטנ ניט בלויז דאס, וואס עס וואקסט אינ רוסלאנד גופע, נאר אויכ דאס, וואס מע באקומט פונ וויי‏טע לענדער. אונדזערע ציצ־פאבריקנ ארבעטנ איבער בוימוואל, וואס איז אויסגעוואקסנ אינ טורקעסטאנ אדער אינ אמעריקע. דער האנדל אונ די אינדוסטריע פאר־

* ברעטאנ איז דער סאמע מיירעוו־טייל פונ פראנקרייכ.

גיכערנ אזויארום זייער שטארק די אנטוויקלונג פונ דער ווירטשאפט אונ מאכנ זי ווייניקער אפהענגיק פונ די נאטור־באדינגונגענ.

נאר דא דארפ מענ זאגנ, אז וואס אנבאלאנגט דער אנטוויקלונג פונ האנדל, איז אויכ אינ דעמ פראט רוסלאנד געווענ אוועקגעשטעלט אינ ווייניקער גינסטיקע באדינגונגענ, איידער די לענדער פונ מיטל־אייראפע. נאכ איצטער איז וואסער דער בעסטער האנדל־וועג. דער יאמ איז דאס בעסטע פארקער־מיטל צווישנ באזונדערע לענדער. אמאליקע יארנ, ווענ ס'זיינענ ניט געווענ קיינ אייזנבאנענ, איז עס געווענ דאס איינציקע פארקער־מיטל. א גרעסערער האנדל האט געקאנט געפירט ווערנ נאר דורכנ יאמ, אונ איבער דער יאבאשע האט מענ געקאנט טראנספארטירנ נאר א קליינע צאל זייער טייערע סכוירעס, ווייל טראנספארטירנ אפ פערד פונ איינ לאנד אינ א צווייטנ האט געקאסט זייער טייער. אט די פארהעלטעניש איז געבליבנ נאכ ביז איצט. ניט רעכענענדיק אפילע דעמ יאקרעס, וואס עס האט זיכ איצט איינגעשטעלט נאכ דער מילכאמע, האט דאס פארנ פונ וואקזאל צו זיכ אהיימ מיט א פור געקאסט שטענדיק אנ אנערעכ טייערער, עטלעכע צענדליק מאל טייערער, איידער עס קאסט דורכפארנ די זעלביקע שטרעקע מיט דער אייזנבאנ.

אלזא, כאזער איכ איבער, קאלזמאנ ס'איז ניט געווענ קיינ אייזנבאנענ, איז דער יאמ געווענ דאס איינציק באקוועמע אונ וואלוועלע פארקער־מיטל, אונ א גרויסע צאל סכוירעס האט מענ געקאנט טראנספארטירנ נאר מיטנ יאמ. אונ דערמיט דערקלערט זיכ, פארוואס די אינדוסטריע אונ דער האנדל האבנ זיכ פריער פונ אלצ אנגעהויבנ אנטוויקלענ אינ יענע אייראפעיִשע לענדער, פאר וועלכע דער יאמ איז אמערסטנ צוטריטלעכ. פריער פונ אלצ הייבנ זיכ אנ אנטוויקלענ די לענדער, וועלכע ליגנ באמ מיטללענדישנ יאמ, וואס זייערע ברעגנ זיינענ צעשניטנ פונעמ דאזיקנ יאמ, — גריכנלאנד אונ איטאליע, דערנאכ, אינ דער נייסטער צייט, אזעלכע לענדער, ווי ענגלאנד, וואס ליגט אפ אינדזלענ, ווי האלאנד, וואס איז אזוי ענג פארבונדנ מיטנ יאמ, אז ערטערווייז קריכט קוימ ארויס איר ערד פונ אונטערנ יאמ: פריער איז איר ערד געווענ דער יאמ־גרונט, אונ א צווייטער טייל איז נאכ לעפיערעכ מיט א קורצער צייט צוריק געווענ פארגאסנ מיט יאמ־וואסער, אזוי אז יאמ אונ יאבאשע בייטנ זיכ קעסיידער מיט די ערטער. רוסלאנד האט זייער ווייניק געניסנ פונ יאמ. מיטל־רוסלאנד, ווו עס האט זיכ דעריקער אנטוויקלט די רוסישע געשיכטע, געפינט זיכ 600—800 קילאמעטער פונעמ נאענטסטנ יאמ, אונ דערביי ווערנ די נאענטסטע צו איר יאמענ, דער מיזרעכ־טייל פונעמ באלטישנ יאמ אונ דער ווייסער יאמ, וואס איז אנ אייננגוס פונעמ צאפנדיקנ אייז־אקעאנ, ווינטערצייט באדעקט מיט אייז, אונ מע קאנ אפ זיי ניט שווימענ. דער שווארצער יאמ אינ דארעמ־רוסלאנד ווערט ניט פארפרארנ, נאר ער געפינט זיכ שוינ פיל ווייטער פונ מיטל־רוסלאנד, ניט אפ א מעהאלעכ פונ 600—800 קילאמעטער, נאר העכער טויזנט. עמעס, קיינ דארעמ־רוסלאנד פירנ עטלעכע גרויסע טייכנ — דער דניעפער, דער דאנ, די וואלגע. די דאזיקע טייכנ אבער ווערנ, ערשטנס, פארפרארנ ווינטער־צייט אונ, צווייטנס, זיינענ אפנ הויפט־טייכ, וואס פירט צומ שווארצנ יאמ, אפנ דניעפער, פאראנ שוועלנ, וואס פלעגנ שטענדיק שטערנ דעמ שיפ־גאנג, אונ דער גרעסטער טייכ, די וואלגע, פירט ניט אינ יאמ ארייננ, נאר אינ אנ אזערע, וואס באטש צוליב איר קאלאסאלער גרייס הייסט זי קאספישער יאמ, איז אבער פונ איר אינ ערגעצ ניטא קיינ ארויסגאנג.

דאס אלצ האט געבראכט דערצו, אז אינ מיטלרוסלאנד האט זיכ דער האנדל אונ דערמיט אויכ די אינדוסטריע, אנטוויקלט, פונקט ווי די רוסישע ערד־ארבעט,

אין אַ סאַך שווערערע באַדינגונגען, ווי אין די איבעריקע לענדער. רוסלאַנד איז אין עם פּראַט געווען שווערער אָנצוהייבן. נאָר האָט עס שוין אָנגעהויבן, איז עס אַוועק, מיר וועלן ווײַטער זען, אַפּילו גיכער פאַר אַלע לענדער, ווײַל דער אופקום פון עם האַנדל און פון דער אינדוסטריע רופט אַרויס אַלץ נײַע און נײַע דערפאָלגן פון דער וויסנשאַפט און טעכניק. דאָס פאַרגיכערט ביז גאָר די ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג און גיט דעם מענטשן די מעגלעכקײַט ניט נאָר מיט דערפאָלג צו באַשיצן זיך פון די אומגינסטיקע נאַטור־באַדינגונגען, נאָר אויך צו באַזיגן די נאַטור. מיט אַ בײַשפּיל פון דעם, וויאַזוי דאָס ווערט געטאָן, וועלן מיר פאַרענדיקן אָט דעם טייל פון אונדזער דערציילונג.

דער צאָפן־טייל פון אַפריקע איז, ווי באַוווּסט, פאַרנומען מיטן אומפּרוכפּערדיקן מידבער סאַהאַרע, און, קאָלזמאַן דאָרט האָבן געלעבט וואַנדערנדיקע אַראַבער, איז דאָרט קימאַט ניט געווען מעגלעך קיין שום ערדאַרבעט. נאָר ערטערווײַז, ווו עס איז צופעליק געווען וואַסער, האָבן זיך אויסגעבילדעט אָאַזיסן. אָבער אַזעלכע ערטער איז געווען זייער ווייניק. ווען די פראַנצויזן האָבן פאַרנומען צאָפן־אַפריקע, האָבן זיי אַהין מיטגעבראַכט אויך זייער טעכניק. זיי האָבן אָנגעהויבן בויערן די ערד און זײַנען גאַנץ גיך דערגאַנגען, אַז אין סאַהאַרע איז, אייגנטלעך, יאָ פאַראַן וואַסער, נאָר זייער טיף אין דער ערד. וויבאַלד אַזוי, קאָן מען מיט דער הילף פון אַרטעזיאַנער ברונעמס, וואָס דרינגען אַרײַן אין דער ערד אַף הונדערטער קילאָמעטערס, צוקומען צו דעם דאָזיקן וואַסער. ווען די פראַנצויזן האָבן מיט דער הילף פון אַזעלכע ברונעמס אַרויסגעצויגן דאָס וואַסער פון דער ערד, האָבן זיי אײַנגעאָרדנט קינסטלעכע באַוואַסערונג און אַדאַנק דעם קומט אויף אַ גאַנצע ריי קינסטלעכע אָאַזיסן, וועלכע זײַנען פאַרפלאַנצט מיט טייטלען, וואָס גיבן אַן אויסגעצייכנטע גערעטעניש. טייטלען זײַנען אין די דאָזיקע לענדער קימאַט די איינציקע שפּײַז, זיי פאַרבײַטן דעם אַראַבער אַלצדינג — אי ברויט, אי פלייש און. און אַזוי איז אַדאַנק די מײַלעם פון דער אייראָפּעיִשער טעכניק גיט זיך אײַנגעצו פאַרוואַנדלען אין אַ בליִענדיקן סאָד אַזעלכע ערטער, וואָס די מענטשן האָבן געהאַלטן, אַז זיי זײַנען אַף אייביק פאַרורטיילט צו זײַן אַן אומפּרוכפּערדיקער מידבער.

אַ צווייטער בײַשפּיל איז נאָך מער נײַ און נאָך מער איבעראַשנדיק. אַדאַנק די נײַסטע דערפאָלגן פון דער וויסנשאַפט, האָבן זיך די מענטשן דערשלאָגן אַ מעגלעכקײַט ניט נאָר צו באַשאַפן אַ געוויקסן־וועלט דאָרטן, וווּ פריִער האָט קיין זאַך ניט געקאָנט וואַקסן, נאָר אויך שאַפן אינגאַנצן נײַע מינים געוויקסן, פון וועלכע מע האָט פריִער ניט געוווּסט, איינער אַן אַמעריקאַנישער געלערנטער גערטנער בערבאַנק האָט זיך, לעמאָשל, דערשלאָגן צו אַ נײַעם מין וועלישן נוס, וואָס דערגרייכט זײַן פולן וווּקס און רײַפקײַט אין אַ מעשעך פון 14 יאָר, ד. ה. צוויי מאָל גיכער, ווי עס וואַקסט דער דאָזיקער בוים. ער האָט זיך דערשלאָגן פלוימען אָן ביינדלעך, מאַלינעס, וואָס האָבן יאַגעדעס פון 4,5 סמ. די לענג — און דאָס אַלץ איז דערגרייכט געוואָרן ניט אין מעשעך פון הונדערטער יאָרן, דורך די באַמיִונגען פון אַ סאַך דורעס, נאָר דערגרייכט האָט עס איין מענטש, וואָס האָט אין זײַן רעשום אַלע מאָדערנע וויסנשאַפט־מיטלען, בלויז אין מעשעך פון זײַן איין לעבן.

אַלזאָ, דער מענטש איז אָפּהענגיק פון דער נאַטור, און די געשיכטע גייט גיכער אָדער לאַנגזאַמער, געווענדט אָן די נאַטור־באַדינגונגען, אין וועלכע ס'איז אַוועקגעשטעלט דאָס אָדער יענץ פאָלק. די דאָזיקע מאַכט פון דער נאַטור איבער מענטשן איז אָבער ניט אָן אַ גרענעץ. די נאַטור קאָן דער מענטש באַקומען, און

ניט די נאַטור איז דער יעסאָד פונ דער ווירטשאַפט. די נאַטור איז בלויז א מאַטעריאַל פאַר אַט דער ווירטשאַפט. דער יעסאָד פונ דער ווירטשאַפט איז די מענטשלעכע אַרבעט; וואָס פולקומער ס'איז די דאָזיקע אַרבעט, וואָס איינגעשפּאַרטער און געשיקטער זי איז, אַלץ ווייניקער איז דער מענטש אָפּהענגיק פונ דער נאַטור. און ס'איז ניט שווער פאָרויסצוזעענ, אַז אינ דער צוקונפט, ווענ די וויסנשאַפט און די טעכניק וועלנ דערגייענ צו אַזאַ מינ פולקומקייט, וואָס מיר קאָנענ זיך אַפילע ניט פאָרשטעלנ, וועט די נאַטור זיינ אינעמ מענטשנס האַנט, ווי ווייכער וואַקס, פונ וועלכנ דער מענטש וועט מאַכנ אַלץ, וואָס ער דאַרפ האָבנ.

און אַצינד פרעגט זיך: יענע קלאַסנ־אָרדענונג פונ דער געזעלשאַפט, וועגנ וועלכער מיר האָבנ איצט גערעדט, זי שפּיגלט זיך אָפּ ווי-ניט-איז אָפּנ דערפאָלג פונעמ מענטשנס קאַמפּ מיט דער נאַטור אָדער זי שפּיגלט זיך ניט אָפּ?

ניט בלויז זי שפּיגלט זיך אָפּ, נאָר די אַנטוויקלונג פונ דער טעכניק, וועגנ וועלכער מיר האָבנ איצט גערעדט, ווערט באַשטימט סאַמע קלאָר טאַקע דורכ דער קלאַסנ־אָרדענונג פונ דער געזעלשאַפט. די אָדער יענע אָרדענונג פונ דער געזעלשאַפט קאָנ שטאַרק פאַרלאַנגזאַמערנ די דאָזיקע אַנטוויקלונג אָדער זייער פאַרגיכערנ זי.

מיר וועלנ ברענגענ א ביישפּיל. אַט, זאָגט מענ, האָט מענ די דאַמפּ־מאַשינ דערפונדנ אינ ענגלאַנד אינ דער צווייטער העלפט XVIII יאָרהונדערט. דאָס איז אָבער גאָר ניט אַזוי. וועגנ דער ווירקונג פונ דאַמפּ האָבנ די מענטשנ געוווּסט נאָכ אינ דער אוראַלטער צייט, מיט העכער צוויי טויזנט יאָר צוריק. אָבער די ווירטשאַפט איז דאַנ געווענ א שקלאַפנ־באַזיצערישע, די באַלעבאַטימ האָבנ געהאַט אינ זייער רעשוס א קאָלאָסאַלע צאָל קרעפטיקע מוסקולדיקע מענטשנ—זייערע מוסקולנ האָבנ טאַקע פאַרביטנ יעטווידע מאַשינ. און דער דאַמפּ־באַוועגער, וואָס איינער א דערמלטיכער געלערנטער האָט דערפונדנ, האָט קיינ שום דערפאָלג ניט געהאַט. מע זאָגט אימ ניט אָנגענומענ.

נאָכ מער. אַט די דערפינדונג, וואָס מע האָט שוינ לאַנג געהאַט פאַרגעסנ, איז איבערגעכאַזערט געוואָרנ אינעמ XVII יאָרהונדערט אינ פראַנקרייכ. אָבער אינ פראַנקרייכ האָט דאַנ געהערשט די קליינע, האַנטווערקערישע פּראָדוקציע; זי האָט געבליט. צוליב וואָס זשע האָט דער האַנטווערקער, אינ זיינ קליינער ווירטשאַפט באַדאַרפט א דאַמפּ־מאַשינ? די פּראָווינציזישע האַנטווערקער האָבנ זיך אָבסאָליוט ניט פאַראינטערעסירט מיט דער נייער דערפינדונג און זי איז פאַרגעסנ געוואָרנ. נאָר אָט, אינ א יאָר 50 אַרומ, האָט זיך אינ ענגלאַנד אָנגעזאַמלט א קאָלאָסאַלע צאָל אַרבעטער־הענט, אַדאַנק דעמ, וואָס די זשעדנע פּריצימ האָבנ אָפּגענומענ די ערד בא די פּויערימ — און א קאָלאָסאַלע צאָל ווערטפולע רויוואַרג, וואָס די סאָכרימ־קאַפּיטאַליסטנ האָבנ אָנגערויבט אינ די קאָלאָניעס. עס איז געוואָרנ מעגלעכ און עס האָט זיך געפאָדערט א גרויס־פּראָדוקציע — און צומ דריטנ מאָל האָט די דערפינדונג פונ א דאַמפּ־מאַשינ געהאַט מיטאַמאָל א גוואַלדיקנ דערפאָלג.

מע דאַרפ אָבער לאַכלוטנ ניט מיינענ, אַז די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט גיט דער טעכניק אָנ א שיר מעגלעכקייטנ. עס הייבט זיך גאָרניט אָנ! דער קאַפּיטאַליזמ מיט זיינ ווילדער קאָנקורענצ צווישנ די אונטערנעמער, מיט דער שטרעבונג פונ די אונטערנעמער צו מאָנאָפּאָליעס, דעריקער אינ דער נייסטער צייט, קאָנ פאַרטאָרמאָזירנ די אַנטוויקלונג פונ דער טעכניק ניט ערגער, ווי די שקלאַפנבאַזיצערישע ווירט־

שאַפט. פאַר פיל לייענער פונ אַט דעם בוכ וועט עפּשער זײַנ א נײַס צו דערהויבנ זיכ, אַז דער אווטאָמאָביל אונ דער לאָקאָמאָטיוו זײַנען דערפונדנ געוואָרנ אינ איינ צײַט: דער אווטאָמאָביל (אפ האַמפּ) אפילע א ביסל פריִער. אינ לאָנדאָנ האָבנ שוינ מיט הונדערט יאָר צוריק אָנגעהויבנ קורסירנ דאַמפּ־אווטאָבוסנ. אָבער די קאַפּיטאַליסטנ — די אײַזנבאַנער, האָבנ זיכ גוואַלדיק דערשראָקנ פאַר אַט דער קאָנקורענצ. וואָס? פּאַסאַזשירנ וועט מענ אָנהייבנ שנעל פירנ אפ א פּאָשעטנ וועג, אונ ניט אפ רעלסנ? דאָס קאָנ מענ ניט פאַרטראָגנ! גזיילע, רעגירונג! אונ די אָרעמע דאַמפּ־אווטאָבוסנ האָט מענ אָנגעהויבנ באַשמוצנ אפ אַלערליי אופנים: אי דעם ברוק, הייסט עס, מאַכנ זיי קאַליע מיט זייערע אײַזערנע שינעס (קיינ גומענע איז נאָכ דאַנ ניט געווענ), אי די פערד, הייסט עס, שרעקנ זיי איבער אונ דערמיט מאַכנ זיי אָנ צאָרעס אאַוו. אאַוו. עס איז דערגאַנגענ מאַמעש ביז אידיעקעווענ זיכ איבער די אָרעמע אווטאָבוסנ: הונדערט טראָט פאַר יעדער „דאַמפּ־קאַרעטע" האָט געמוזט גיינ א מענטש מיט א פאָנ אונ שרײַענ צו אַלע פאַרבײַפאָרער, אַז עס דערנענטערט זיכ די שרעקלעכע מאַשינ. מע קאָנ זיכ שוינ פאָרשטעלנ, מיט וואָס פאַר א שנעלקייט עס האָבנ זיכ נאָכ דעם באַוועגט די אווטאָבוסנ.

מיט אַזא מאַניער האָט מענ פאַרטריבנ פונ דער וועלט די ערשטע אווטאָמאָבילנ. אונ ערשט אינ א יאָר זיבעציק אַרומ, ווענ מע האָט דערפונדנ די נאַפט־אונ בענזינ־באַוועגערס אונ עס האָט אָנגעהויבנ לוינענ צו פאַרבײַטנ מיט זיי די שלעפּקראַפט פונ פערד (אינ בערלינ איז אַצינד א טאַקסי וועלוועלער פונ א פורמאַנ), איז דער אווטאָמאָביל ווידער אופגעשטאַנענ טכיעס־האַמייסים. די רעלסנ־אײַזנבאַנענ זײַנענ פאַר אַט דער צײַט אפ אַזויפיל פאַרפולקומט געוואָרנ, אַז זיי האָבנ שוינ ניט מוירע געהאַט פאַר קיינ קאָנקורענצ.

אַזוי אַרומ קאָנ דער קאַפּיטאַליזמ מיט זײַנ געיעג נאָכ רעוואָכימ אונ מיט זײַנ קאָנקורענצ באַשאַפנ שטערונגענ פאַר דער אַנטוויקלונג פונ דער טעכניק פונקט מיטנ זעלביקנ דערפאָלג ווי די שקלאַפנבאַזיצערישע ווירטשאַפט.

ערשט דאַנ, ווענ די מאַכט גייט אַריבער אינ די הענט פונ די אַרבעטנדיקע אינ עס פאַרשווינדט אַט דער דאָרשט נאָכ פּראָפיטנ, ערשט דאַנ איז ניטאָ מער קיינ שטערונגענ פאַרנ מענטשנס קאַמפּ מיט דער נאַטור. אונדזער לאַנדווירטשאַפט האָט געהאַט די סאַמע פאַרצײַטיקע טעכניק, קאָלזמאַנ עס האָט געהערשט דער קאַפּיטאַליזמ: די אינדוסטריע אונ דער טראַנספּאָרט האָבנ געגעבנ די קאַפּיטאַליסטנ אַזוינע רעוואָכימ, אַז דער קאַפּיטאַל איז אינ דער לאַנדווירטשאַפט ניט געגאַנגענ. אונ בלויז די סאָציאַליסטישע מעלוכע, די מעלוכע פונ דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, האָט געקאָנט אויפשטעלנ פאַר זיכ די אופגאַבע צו דעריאָגנ אונ אַריבעריאָגנ די פאַרייניקטע שטאַטנ אינ געביט פונ לאַנדווירטשאַפט. אונ בלויז די געזעלשאַפט, ווו עס וועט ניט זײַנ קיינ קלאַסנ, וועט געבנ דעם מענטשנ מיט קיינ זאַכ ניט קיינ באַגרענעצטע מעגלעכקייטנ אינ קאַמפּ קעגנ דער נאַטור.

ערשטע טייל

די ערשטע יאָרהונדערטנ פונ דער רוסישער געשיכטע

אפנ מיזרעכ־אייראָפּייִשנ פלאכלאנד האָט זיכ דער מענטש באוויזנ בוכשטעב־לעכ אינ די „אומגעדענקלעכע" צײַטנ, — ווענ די גאנצע צאָפנ־העלפט פונעמ דאָזיקנ פלאכלאנד איז געווענ באדעקט מיט א דיקער אײַז־שאָלעכץ. אוקראַינע איז לויט איר קלימאט געווענ ענלעכ צו דער איצטיקער ארכאנגעלסקער גובערניע, אונ אפ אירע טונדרעס האָבנ זיכ געפיטערט סטאדעס מאמאָנטנ — פארהיסטאָרישע העלפאנטנ, וואָס זײַנענ באדעקט געווענ מיט געדיכטע, לאנגע האָר. אפ די דאָזיקע מאמאָנטנ פלעגט ער, דער ערשטער אײַנוווינער פונ אונדזער לאנד, גיינ אפ יאגד, מיט זייער פלייש פלעגט ער זיכ דערנערנ, פונ זייער פעל פלעגט ער זיכ מאכנ קליידער, פונ זייערעביינער — געצײַג. אכוצ די דאָזיקע ביינערנע געצײַג, האָט ער נאָכ געהאט א מעגושעמדיק ארומגעהאקטע שטיינערנע האק אונ א דרענגל, אונ אינ דעמ איז באשטאנענ זײַנ גאנצע טעכניק. שפורנ פונ איינ זאמל־פלאצ פונ אזוינע יעגערס אפ די מאמאָנטנ האָט מענ געפונענ אינ מיטנ פונעמ איצטיקנ קיעוו, עט־לעכע קלאפטער נידעריקער פונעמ איצטיקנ באָדנ־ניוואָ. ווענ איז דאָס געווענ? אלנפאלס מיט עטלעכע צענדליק טויזנט יאָר צוריק, ניט ווייניקער. צי זײַנענ די דאָזיקע מאמאָנטנ־יעגערס געווענ די עלטערזיידעס פונ דער איצטיקער באפעלקערונג פונ פסס"ר? גיכער פונ אלצ — ניט. באגלײַכ מיט דעמ, ווי עס האָט זיכ געענדערט דער קלימאט,* ווי עס איז געוואָרנ ווארעמער, ווי דער גלעטשער (מיט אײַז באדעקטער פלאצ) איז געוואָרנ אלצ שמעלער אונ שמעלער, האָט אויכ די באפעלקערונג, וואָס האָט געלעבט באמ דאָרעמ־ראנד פונעמ גלעטשער, געמוזט אוועק־גיינ אלצ ווײַטער אפ צאָפנ אונ אפ מיזרעכ, אינ דער איצטיקער סיביר, צומ אײַז־

* די דאָזיקע קלימאט־ענדערונג דערקלערט זיכ מיט פארשיידענע סיבעס, דערהויפט מיט דעמ, וואָס די ערד־אָרביטע איז ניט געבליבנ איינע אונ די זעלביקע די גאנצע צײַט, וואָס די ערד עקזיס־טירט, נאָר זי פלעגט ווערנ אמאָל לענגער, אמאָל אײַנגעפּרעסטער (פלעגט ווערנ ענלעכ צו א קרײַז). ווענ זי פלעגט ווערנ לענגער, פלעגט ווערנ לענגער דער ווינטער אונ קירצער דער זומער, אזוי ווי גלײַכצײַטיק איז דער קלימאט אמאָל געווענ פײַכטער, איידער איצט, פלעגט ווינטער־צײַט ארויספאלנ זייער א סאכ שניי, אונ פאר דער קורצער זומערצײַט פלעגט ער ניט באווײַזנ צעשמאָלצנ צו ווערנ. אזוי האָבנ זיכ אויסגעבילדעט גלעטשערס. אפ וויפל דער קלימאט פלעגט ווערנ טרוקענער, אונ די ערד־אָרביטע קירצער, פלעגט דער זומער ווערנ לענגער, די גלעטשערס פלעגנ אָנהייבנ צעשמאָלצנ ווערנ, אונ איצט זײַנענ זיי פארבליבנ נאָר באמ פאָליוס אונ אפ די שפיצנ פונ די סאמע העכסטע בערג. עס זײַנענ פאראנ אויכ אנדערע דערקלערונגענ פאר דער ענדערונג פונעמ קלימאט — אז פאָר־געקומענ איז זי פונ די ענדערונגענ אינעמ אָנבייג פונ דער ערד־אקס, פונ דער באוועגונג פונ די קאָנטינענטנ (אראָנק אָט דער באוועגונג איז מיטל־אייראָפּע געווענ אמאָל אונטער די טראָפּיקעס) אאוו״. מעגלעכ, אז עס האָבנ געווירקט עטלעכע סיבעס מיטאמאָל.

אָקעאַן. אַהין איז אַוועק אויך דער מאַמאַנט און דאָרט איז ער אויסגעשטאָרבן: זײַנע רעשטן (אָפּטמאָל מיטן פעל און פלייש) געפינט מען נאָך ביז איצט אָפּטער פון אַלץ אינעם אײַז פון סיביר. מעגלעך, אַז אויך די מענטשן, וואָס האָבן זיך נאָך אים געיאָגט, זײַנען אויסגעשטאָרבן און ניט געלאָזן פון זיך קיין זייכער, און עפּשער וואַנדערן נאָך ביז איצט זייערע קינדס־קינדער, אין געשטאַלט פון די איצטיקע סאַמאָיעדן און לאַפּאַרן איבער די ברעגן פונעם אײַז־אָקעאַן. נאָר זיי נערן זיך שוין איצט ניט מיט פלייש פונעם מאַמאַנט, נאָר פון זײַן גאַנץ־געבליבענעם יינגערן צײַט־כאַווער — דעם צאָפן־הירש.

פאַר די צענדליקער טויזנטער יאָרן, וואָס זײַנען אַריבער פון יענער צײַט, האָט זיך אויך די באַפעלקערונג פונעם מיזרעך־אייראָפּייִשן פלאַכלאַנד געביטן עפּשער ניט איין צענדליק מאָל. נאָך די ווילדע פון דער שטיין־טקופע טרעפן מיר דאָ נאָך רעשטן פון מענטשן פון דער קופּערנער און פון דער בראָנזענער טקופע, וואָס האָבן נאָך ניט געוווּסט פון קיין אײַזן, — דערנאָך רעשטן פון מענטשן פון דער „אײַזן"־טקופע, נאָר אויך די זײַנען, מעגלעך, נאָך ניט געווען די אורעלטערן פון דער איצטיקער באַפעלקערונג. פונעם פינפטן יאָרהונדערט פאַרן אָנהייב פון אונדזער צײַטרעכענונג, ד. ה. פון צוויי מיט א האַלבן טויזנט יאָר צוריק, האָבן מיר שוין שריפטלעכע דערציילונגען וועגן דעם דאָרעם־טייל פון דער איצטיקער אוקראַיִנע. דאָרט האָבן דאַן געוווינט די ס ק י פ ן, א וואַנדער־פאָלק, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פיצוכט. א רעשט פונעם דאָזיקן פאָלק זײַנען די איצטיקע אָ ס ע ט י נ ע ר אין די קאַווקאַזער בערג. וואָס עס איז געווען ווײַטער צו צאָפן צו, וועגן דעם האָבן די גריכן גופע, וואָס האָבן אונדז דערציילט וועגן די סקיפן, קלאָר ניט געוווּסט. אין א יאָר 800 אַרום נאָך די דאָזיקע דערציילונגען טרעפן מיר די ערשטע ידיעס וועגן די ס ל א וו ן; דאָ הייבט זיך שוין אָן א קעסיידערדיקע פאַרבינדונג מיט די נײַסטע צײַטן, ווײַל אַף די סלאַווישע שפּראַכן רעדט די איבערוועגנדיקע מערהײַט באַפעלקערונג פון אונדזער לאַנד.*

די ענלעכקײַט פון דער שפּראַך קאָן שוין, פאַרשטייט זיך, ניט דינען פאַר א באַווײַז, אַז די איצטיקע באַפעלקערונג פונעם מיזרעך־אייראָפּייִשן פלאַכלאַנד שטאַמט בלויז פון די סלאַוון. די איצטיקע פראַנצויזן ריידן אַף א „ראָמאַנישער" שפּראַך, איינע פון די שפּראַכן, וואָס שטאַמען פון דער לאַטײַנישער, די שפּראַך פון די אוראַלטע רוימער, אָבער שטאַמען זיי ניט פון די רוימער, נאָר דעריפער פון די ק ע ל ט ן, וואָס די רוימער האָבן אַמאָל אונטערטעניק געמאַכט. די קעלטן האָבן איבערגענומען די רוימישע קולטור און צוזאַמען דערמיט אויך די רוימישע שפּראַך. מיר ווייסן באַשטימט, אַז אַף אָט דעם פלאַכלאַנד האָבן איינצײַטיק מיט די סלאַוון געלעבט אויך פעלקער פון אַנדערע שפּראַכן, און די נעמען פון פאַרשיידענע ערטער, פון טײַכן און אַפילו פון שטעט דערמאָנען נאָך ביז איצט וועגן

---

* די סלאַווישע שפּראַכן געהערן צו דער מישפּאָכע פון די אַזוי־גערופענע „אינדאָ־אייראָפּייִשע", אַף וועלכע עס רעדט איצט (אָדער ס'האָט גערעדט) די באַפעלקערונג פון אייראָפּע אין משך פון די לעצטע דרײַ יאָרטויזנטן, דערנאָך די באַפעלקערונג פון פערסיע, טײלווײַז פון מיטל־אַזיע און פון אינדיע. אַף אייניקע פון די דאָזיקע שפּראַכן רעדט מען שוין ניט, און זיי זײַנען פאַרבליבן בלויז אין די שריפטלעכע דענקמעלער; צו אַזעלכע „טויטע" שפּראַכן געהערן פון די אייראָפּייִשע — די לאַטײַנישע און די אַלט־גריכישע, און פון די אַזיאַטישע — די סאַנסקריטישע. אַנדערע ווערן אויך איצט באַנוצט — צו זיי געהערן די ראָמאַנישע (די פראַנצויזישע, איטאַליענישע, שפּאַנישע אאַוו.). די גערמאַנישע און די סלאַווישע (די טשעכישע, פּויל שע, בולגאַרישע, סערבישע, רוסישע אאַוו.).

דעמ. די ווערטער „מאָסקווא“, „אָקא“, „קליאזמא“ — ניט קײנ סלאַווישע, נאָר פינישע — באַווײַזנ, אַז אַמאָל האָבנ דאָ געווױנט פינישע שװאַטימ, וואָס זײַנענ נאָכ ביז איצט ניט אויסגעשטאָרבנ, נאָר די סלאַוונ האָבנ זײ געמאַכט אונטערטעניק, אונ זײ האָבנ זיכ סלאַוויזירט אונ איבערגענומענ די מיזרעכ־סלאַווישע, ד. ה. די רוסישע שפּראַכ, זײ הערמאָנעג אָבער וועגנ זיכ מיטנ אויסערלעכנ אויסזעג, מיט די געזיכט־שטריכנ בא דעמ איצטיקנ גרויסרוס, דעמ מאָסקווער אָדער װלאַדימירער אײַנוווינער. ווײַטער צו מיזרעכ צו געפינענ זיכ פּונקט אַזוינע ניט סלאַווישע שװאַטימ, וואָס זײַנענ שפּעטער באַצוווּנגענ געוואָרנ אונ זײ האָבנ נאָכ אײַנגעהיט זײער שפּראַכ (די טשוואַשנ, דאָס פאָלק מארי אָדער טשערעמיסנ אאַוו.). די סלאַווישע שפּראַכ דערווײַזט נאָכ ניט, אַזויאַרומ, אַז אינ אונדזערע אָדערנ פליסט אומבאַדינגט סלאַוויש בלוט; דאָס רוסישע פאָלק האָט זיכ אויסגעבילדעט פונ זײער פאַרשײדנאַרטיקע שװאַטימ, וואָס האָבנ געווױנט אינ מיזרעכ־אײראָפּײִשנ פלאַכלאַנד, נאָר דער סלאַווישער שײוועט האָט זיכ אַרויסגעוויזנ פאַר דעמ סאַמע שטאַרקסטנ צווישנ זײ — אונ ער האָט טאַקע אָנגעבונדנ אַלע איבעריקע זײַנ שפּראַכ. די ערשטע צײַט האָבנ די סלאַוונ פאַרנומענ בלויז אַ קלײנעמ דאָרעמ־מײַרעוודיקנ ווינקל פונעמ דאָזיקנ פלאַכלאַנד, די איצטיקע מײַרעוו־אוקראַיִנע. עטוואָס שפּעטער האָבנ זײ פאַרנומענ דעמ מיטעלנ שטראָמ פונעמ דניעפּער אינ פּאָלעסיע (די ווײַסרוסנ זײַנענ, אַפּאָנעמ, רעשטנ פונ די אורעלטסטע סלאַווישע אײַנוווינער), נאָכ שפּעטער האָבנ זײ זיכ פאַרקליבנ צו צאָפנ צו, צומ פינישנ אײַנגוס אונ צו דער לאַדאָגער אָזערע. אונ, לעסאָפ, שפּעטער פונ אַלצ, האָבנ זײ פאַרנומענ דאָס איצטיקע גרויסרוסלאַנד, מאָסקווער אונ די שכײנישע געגנטנ. דאָס דאָזיקע איבערוואַנדערנ פונ די סלאַוונ איבערנ מיזרעכ־אײראָפּײִשנ פלאַכלאַנד האָט געדויערט ניט ווײניקער פונ 500 יאָר, אונ אויב מע זאָל רעכענענ ביז דער צײַט, ווענ זײ האָבנ דערגרײכט צו דעמ סאַמע מיזרעכדיקנ ראַנד פונעמ פלאַכלאַנד, — צו די אוראַלער בערג, איז גאַנצע טויזנט יאָר. וועגנ די לעצטע זעקס יאָרהונדערטנ פונ אָט דעמ יאָרטויזנט האָבנ מיר שריפטלעכע דענקמעלער — כראָניקעס, זאַמלביכער פונ גערעכט־מינהאָגימ (וואָס האָבנ אָפּ דער אַלט־רוסישער שפּראַכ געהײסנ „פּראַוודא“ (רעכט) אונ „סודיעבניק“ (גערעכט־בוכ). לעסאָפּ אַלערלײ „אָפּמאַכ־קסאַונ“ אונ „גנאָד־קסאַונ“ (גראַמאָטעס), צאַוואָעס אאַוו. פונ די לעצטע דרײַ, פיר יאָרהונדערטנ זײַנענ אַפילע פאַרבליבנ אײניקע דענקמעלער פונ מאַטעריעלער קולטור, דערהויפּט קלויסטערס אונ הײליקע „בילדער“ (איקאָנעס), אונ אויכ רעשטנ, לעבאַלאַפּאָכעס, פונ אַנדערע גרויסע ביניאָנימ, פונ פּאַלאַצנ אונ פעסטונגענ. האַקלאַל, מיר קאָנענ זיכ גאַנצ פול אונ אויספירלעכ פאַרשטעלנ דאָס לעבנ פונ די סלאַוונ פונעמ ערשטנ ביזנ זעכצנטנ יאָרהונדערט פונ אונדזער צײַטרעכענונג (אינעמ זעכצנטנ יאָרהונדערט זײַנענ די ערשטע רוסישע קאָלאָניסטנ אַריבערגעטראָטנ דעמ אוראַלער באַרג־רוקנ). וואָס איז שײַעכ די ערשטע דרײַ—פיר יאָרהונדערטנ פונ דעמ סלאַווישנ פאַנאַנדערזעצנ זיכ, האָבנ מיר ניט וועגנ זײ קײנ דירעקטע יעדיִעס, אונ וועגנ דער סלאַווישער קולטור פונ יענער צײַט קאָנענ מיר אורטײלנ טײלווײַז לויט די דערצײלונגענ פונ די אויסלענדער, וואָס האָבנ געזעענ די סלאַוונ פונ יענער צײַט (דערהויפּט פונ גריכנ אונ אַראַבער), דעריקער אָבער לויט דער ש פּ ר אַ כ.

דער מענטש גיט אַ נאָמענ די זאַכנ פונ זײַנ אומגאַנג, די געצײַג, מיט וועלכע ער באַנוצט זיכ. דאָס געצײַג ענדערט זיכ, די נעמענ אָבער פאַרבלײַבנ אָפט. די מענטשנ האָבנ זיכ צוגעווױנט צו זײ אונ עס ווילט זיכ זײ ניט זוכנ קײנ נײַע

ווערטער. אמאָל פלעגט מענ אינ די גאסנ איבער די בלאָטעס לייגנ קלעצער, דאָס איז געווענ עטוואָס ענלעכס אפ א בריק, אונ דאָס האָט ריכטיק געהייסנ „מאָסטאָוואיא" („ברוק"); רעשטנ פונ אזא הילצערנעמ ברוק האָט מענ געפונענ אינ מאָסקווער קרעמל. איצט רעדט מענ וועגנ א „ברוק פונ אספאלט" האגאמ דאָס איז שוינ אבסאָליוט ניט ענלעכ אפ קיינ „ברוק". אָט אזוי קאָנ מענ לויט אלטע ווערטער אופשטעלנ די אלטע קולטור.

די סלאוווישע שפראכנ באווײַזנ אונדז זייער באשײַמפּערלעכ אלע שטופנ אינ דער אנטוויקלונג פונ דער טעכניק. לעמאָשל, מיר ווייסנ פונ די אלטע אויסגראָבונגענ, אז ביז די מעטאלענע געצײַג האָבנ אלע מענטשנ געהאט געצײַג פונ שטיינ, טכילעס א מעגושעמדיק ארומגעהאקטנ (די אזוי־גערופענע פאלעאָליטישע, אוראלטע שטיינ־טקופע פונ די גריכישע ווערטער „פאלעאָס" — אוראלטער, אונ „ליטאָס" — שטיינ), דערנאָכ פונ א פאָלירטנ (די נײַ־שטיינערנע, די „נעאָליטישע" טקופע). אָבער דאָס סלאוווישע וואָרט „נאָזש" (מעסער) באטײַט אפ דער שפראכ, פונ וועלכער עס איז גענומענ, „פײַערשטיינ", הייסט עס, אז די ערשטע מעסערס, וואָס די סלאווונ האָבנ דערזענ, זײַנענ געווענ פונ שטיינ. דער ווילדער מענטש פונ דער שטיינ־טקופע פלעגט זייער זעלטנ וואגנ אָנצופאלנ דירעקט אפ א גרויסער בײַע, אָפטער פלעגט ער זענ ארײַנכאפנ זי דורכ פארשיידענע אײַנפאלנ, ארײַנארנ זי אינ א באהעלטעניש. די אויבנ דערמאָנטע יעגערס אפנ מאמאָנט פלעגנ אימ פארטרײַבנ אינ ספּעציעל אויסגעגראָבענע גריבער אונ פלעגנ אויטוואַרטנ, ביז די בײַע וועט דאָרטנ פייגערנ. ס'איז גאנצ נאטירלעכ, אז דאָס סאמע אוראלטע סלאוווישע יאגד־וואָרט, וואָס קלינגט גלײַכ אינ אלע סלאוווישע שפראכנ — איז דאָס וואָרט „טיעניאָטא" (ארײַנציענ). דאָס איצטיקע אקערנ מיט א סאָכע אָדער פלוג, מיט דער קראפט פונ א פערד אָדער פונ אנ אָקס דוכט זיכ אונדז, אז דאָס איז א פּאָשעטע ארבעט; אינדערעמעסנ אָבער איז עס געווענ א רעזולטאט פונ א גאנצער ריי דערפינדונגענ, א פרוכט פונ באמיִונגענ פונ פילע דורות מענטשנ, וואָס האָבנ טויזנטער יאָרנ געהאָרעוועט בא דער ערדארבעט. קוידעמקאָל, איז גאָר ניט געווענ קיינ פּאָשעטע זאכ צו דערפינדנ אזעלכע, אפנ ערשטנ קוק, פּאָשעטע געצײַג, ווי א סאָכע אָדער א באָראָנע. אָנשטאָט א באָראָנע פלעגט מענ נאָכ מיט א יאָר 80 צוריק קאָנענ זענ אינ די האנדגעגנטנ פונ רוסלאנד א גרויסנ סאָסנעצווײַג; די באזונדערע צווײַגלעכ פונעמ דאָזיקנ צווײַג פלעגנ פארבײַטנ די ציינער פונ א באָראָנע אונ גאָר אמאָל פלעגט אזא מינ פלאָקנ, גאָר נאָכ א גרעבערער אונ פעסטערער אונ אָנ צווײַגלעכ פארבײַטנ א סאָכע. אזא מינ אקערנ מיט אנ אויסגעבייגענעמ צווײַג אָדער שטעקנ טרעפנ מיר נאָכ ביז איצט בא פארשיידענע ווילדע פעלקער פונ אפריקע, אונ אז בא די סלאווונ איז אויכ געווענ אזוי, דאָס באווײַזט דאָס אורשפּרינגלעכע וואָרט „סאָכע": לעכאטכילע האָט דאָס דאָזיקע וואָרט טאקע באטײַט א שטעקנ, א פלאָקנ.

נאָכ שווערער איז געווענ צו באקומענ די לעבעדיקע קראפט, וואָס זאָל שלעפנ דעמ פלוג אָדער סאָכע. אויב דער ווילדער פונ דער שטיינ־טקופע איז ניט געווענ בעקויעכ צו דערהארגענענ א גרויסע בײַע, איז ער נאָכ ווייניקער געווענ בעקויעכ אונטערטעניק מאכנ זי צו זיכ, צווינגענ אזא בײַע, ווי א פערד אָדער אנ אָקס, וואָס זייער קראפט איז א סאכ גרעסער פאר דעמ מענטשנס קראפט, זי זאָל אימ דינענ. די באָבאכטונג איבער די נאָכ איצט פאראנענע ווילדע באווײַזנ, אז פיצוכט אנטוויקלט זיכ בא מענטשנ שפּעטער פונ אלצ, א סאכ שפּעטער, איידער זיי הייבנ

אָנ באַשעפטיקט זיכ מיט ערדאַרבעט. ס'איז גאַנצ פאַרשטענדלעכ, פאַרוואָס דאָס וואָרט „סקאָט" (פי) האָט אָפ דער אוראַלטער סלאַווישער שפּראַכ באַטײַט — רײַכטומ: דער, וואָס האָט דער ערשטער היימיש געמאַכט כײַעס, איז עקאָנאָמיש אָפ אַזויפיל געווענ שטאַרקער פאַר די איבעריקע, אַז ער איז געווענ פונקט ווי אַ מיליאָנער אינ דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. ניט אומזיסט האָט אינ די אַלטע צײַטנ אינ גאַנצ מיזרעכ־אײראָפּע דער רײַכסטער קלאַס באַקומענ דעמ נאָמענ „פערדמענטש" אָדער „רײַטער" (אינ שפּאַניש „קאַבאַלעראָ" פונ „קאַבאַלוס" — אַ פערד, אָפ פראַנצויזיש „שעוואַליע" פונ „שעוואַל" — אַ פערד, אָפ דײַטש „ריטער" — אַ רײַטער, וואָס פונדאַנענ שטאַמט דאָס רוסישע וואָרט „ריצאַר" אאַוו.). מיר וועלנ באַלד זענ, אַז באַזיצנ אַ סאַכ פי איז געווענ אַ קוואַל פונ קראַפט אונ אײַנפלוס אַפילע אינ גאָר היסטאָרישע צײַטנ.

נאָר, קאַלופּענדיק די ערד מיט אַנ אויסגעבויגענעמ פלאָקנ, האָט זיכ פונדעסטוועגנ דער אוראַלטער סלאַוו דערנערט דעריקער פונ ערדאַרבעט. דאָס איז צו זעג פונ דעמ, וואָס ער האָט דאָס וואָרט טוועע — (אינ סלאַוויש „זשיטאָ") אַרויסגעבראַכט פונ זעלביקנ וואָרצל, ווי דאָס וואָרט „לעבנ" („זשיזנ"). ברויט איז געווענ דאָס הויפּט־מיטל צומ לעבנ, די הויפּט־שפּײַז. אָפ דער יאַגד האָט דער סלאַוו געלייגט אַ סאַכ ווייניקער האָפענונגענ: ווער ווייסט, ווענ וועט נאָכ אינ זײַנע נעצנ אַרײַנפאַלנ אַ כײַע. דערפאַר אָבער איז געווענ אַ קליינ כײַעלע, וואָס איז עפּשער ניט אַזוי גרינג געווענ צו באַהערשנ עס — אונ עס האָט טאַקע גאָרניט געלוינט — נאָר בײַ וועלכנ ס'איז גרינג געווענ אָפּצונעמענ די געשמאַקע אונ נאַרהאַפטיקע פּרוכטנ פונ זײַנ אַרבעט. דאָס דאָזיקע כײַעלע איז געווענ די בינ. באַקומענ דעמ האָניק פונ די ווילדע בינענ — די וואַלדבינענצוכט — איז איינע פונ די אוראַלטסטע באַשעפטיקונגענ ניט בלויז בײַ די סלאַוונ, נאָר בײַ אַלע אָנ אויסנאַמ אײַנוווינער פונעמ מיזרעכ־אײראָפּעיִשנ פלאַכלאַנד. „מיאָד" (האָניק) איז ניט נאָר איינס פונ די אוראַלטסטע סלאַווישע ווערטער, נאָר ס'איז אויכ אַ געמיינזאַמ וואָרט בײַ די סלאַווישע אונ פינישע שוואָטימ, וואָס באַפעלקערנ אָדער וואָס האָבנ אַמאָל באַפעלקערט אונדזער לאַנד. אונ די ערטער אינ די וועלדער, וווּ עס זײַנענ געווענ ווילדע בינענ, האָבנ זיכ גערעכנט פאַר אַ גרויסנ אוצער ווידעראַמאָל שוינ אינ די פולקומ היסטאָרישע צײַטנ, ווענ דער סלאַוו האָט שוינ לאַנג געהאַט אַנ אײַזערנע האַק אונ האָט זיכ שוינ לאַנג געהאַט אויסגעלערנט אַקערנ מיט פערד.

די שפּראַכ מאָלט אונדז אַזוי־אַרומ די אוראַלטסטע סלאַוונ ווי זייער אַ פרימיטיוו פאָלק.

מיט דעמ שטימענ אײַנגאַנצנ די באַשרײַבונגענ וועגנ די סלאַוונ, וואָס עס האָבנ אונדז איבערגעלאָזנ די גריכנ, וועלכע האָבנ זיכ צוגעקוקט צו די סלאַוונ אינ אָנהייב פונעמ דאָזיקנ פעריאָד, אינעמ זעקסטנ יאָרהונדערט פונ אונדזער צײַטרעכענונג. די גריכנ מאָלנ די דעמאָלטיקע סלאַוונ, ווי עמעסע ווילדע, — שמוציקע, האַלב־נאַקעטע, וואָס האָבנ ניט אַפילע קיינ פעסטע וווינונגענ, לעבנ אינ געצעלטנ, באַנוצנ פאַרסאַמטע פײַלנ אונ זײַנענ אומגעהײַער אַכזאָריעסדיק: אַז זיי פלעגנ אָנפאַלנ אָפ אַ וואָסער ס'ניט איז גריכישער שטאָט, פלעגנ זיי אויסהאַרגענענ די גאַנצע באַפעלקערונג, ביז איינעמ, קיינ געפאַנגענע פלעגנ זיי ניט נעמענ. „דערפאַר, — גיבנ צו אומדערוואַרט די גריכישע שרײַבער, — ווייסנ ניט די סלאַוונ גופע פונ קיינ קנעכטשאַפט, אונ אויב עמעצער, וואָס איז צופעליק געבליבנ גאַנצ, פאַלט אַרײַנ

צו זיי אינ געפענקעניש, לעבט ער פונקט אזוי ווי די סלאווונ אליינ". די גריכנ האָט עס זייער געוווּנדערט, ווייל זייער אייגענע ווירטשאפט האָט זיכ דאנ געהאלטנ אפ שקלאפנ-ארבעט, אונ זיי האָבנ ניט געקאָנט פארשטיינ, וויאזוי קאָנענ דאָס מענטשנ ניט האלטנ פונ אזא טייערער זאכ, ווי א שקלאפ. די סלאווונ האָבנ נאָכ דעמאלט ניט געפירט קיינ שום רעגלמעסיקע ווירטשאפט, אונ זיי האָבנ ניט געהאט ווו אָנצווווענדנ שקלאפנ־ארבעט — אונ דעריבער פלעגנ זיי קיינ געפאנגענע ניט נעמענ, אונ טאָמער פלעגט צו זיי צופעליק ארײנפאלנ אנ אויסלענדער, פלעגנ זיי אימ ניט מאכנ פאר קיינ שקלאפ.

וואָס אָנבאלאנגט דער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג פונ די דעמלטיקע סלאווונ, איז וועגנ דעמ האָבנ די גריכנ געקאָנט דערציילנ בלויז, אז די סלאווונ צעפאלנ זיכ אפ א גרויסער צאָל באזונדערע קליינע שוואָטימ, וואָס קריגנ זיכ שטענדיק איינער מיטנ צווייטנ. זיכרוינעס וועגנ די דאָזיקע שטענדיקע קריגערייענ צווישנ די שוואָטימ זיינענ פארבליבנ אויכ אינ די מעסוירעס וועגנ דעמ אָנהייב פונ דער „רוסישער מעלוכע", וועלכנ די כראָניק פארעכנט צומ מיטנ IX יאָרהונדערט, — דאָס הייסט, אנ ערעכ דריי הונדערט יאָר נאָכדעמ, ווי עס האָבנ זיכ באוויזנ די ערשטע יעדיעס וועגנ די סלאווונ. לויט דער דאָזיקער מעסוירע אָבער, זיינענ די גרינדערס פונ די ערשטע גרויסע מעלוכעס אפנ מיזרעכ־אייראָפייִשנ פלאכלאנד געווענ ניט די סלאווונ, נאָר אָנגעקומענע פעלקער: אינ דאָרעמ — די כאָזארנ (קוזרימ), וואָס זיינענ אָנגעקומענ פונ אזיע, אונ אינ צאָפנ — די ווארי‌אגנ, וואָס זיינענ אָנגעקומענ פונ סקאנדינאווישנ האלב-אינדזל, פונ דעמ איצטיקנ שוועדנ. שפעטער האָבנ די ווארי‌אגנ באזיגט די כאָזארנ אונ זיינענ געוואָרנ באלעבאטימ איבערנ גאנצנ שעטעכ פונ אָט דעמ פלאכלאנד.

די נייסטע היסטאָריקער באשטרייטנ אָפט די דאָזיקע מעסוירע צוליב פאטריאָטישע, ד. ה. נאציאָנאליסטישע טײמימ. זיי האלטנ, אז ס'איז א באליידיקונג פאר דער פאָלק־אייגנליבע פונ די רוסישע סלאווונ דאָס, וואָס זייערע ערשטע הערשער זיינענ געווענ אויסלענדער. אינדערעמעסנ איז עס ניט קיינ קלענערע אונ ניט קיינ גרעסערע באליידיקונג, ווי דאָס, וואָס איבער רוסלאנד האָבנ פונ מיטנ אכצנטנ יאָרהונדערט אונטערנ נאָמענ ראָמאנאָווס רעגירט קינדס־קינדער פונ דייטשישע, האָלשטיינער הערצאָגנ (די עמעסע ראָמאנאָווס זיינענ אויסגעשטאָרבנ אינ 1761־טנ יאָר, אינ דער פערזאָנ פונ יעליזאוועטע, פיאָטר דעמ ערשטנס טאָכטער, וועלכע האָט ניט געהאט קיינ קינדער). דאָס הייסט, אז דאָס האָט קיינ שומ באטייט ניט געהאט, אונ דאָס, וואָס די ערשטע נאָווגאָראָדער אונ קיִעווער פירשטנ, וואָס מיר וויסנ זיי בא די נעמענ, זיינענ געווענ שוועדנ לויט זייער אָפשטאמונג (דאָס איז אויסער יעדנ סאָפעק), — אויכ דאָס איז גאָרניט וויכטיק. א סאכ וויכטיקער איז דאָס, וואָס די דאָזיקע שוועדנ זיינענ געווענ שקלאפנ-א יי נ ט י מ ע ר אונ שקלאפנ־הענדלער: פארכאפנ שקלאפנ אונ האנדלענ מיט זיי—דאָס איז געווענ די באשעפטיקונג פונ די ערשטע הערשער איבער דער רוסישער ערד. פונדאנענ נעמענ זיכ די קעסיידערדיקע מילכאָמעס צווישנ די דאָזיקע פירשטנ, מילכאָמעס, וואָס האָבנ געהאט דעמ צוועק „נעמענ אינ געפענקעניש דינער", ד. ה. פארכאפנ א סאכ קנעכט. פונדאנענ שטאמענ זייערע באציִונגענ מיט קאָנסטאנטינאָפאָל, ווו ס'איז דעמלט געווענ דער נאָענטסטער צו רוסלאנד הויפט־מארק פונ שקלאפנ. וועגנ דער דאָזיקער סכוירע זייערער, וועגנ „דינער", האָבנ די ערשטע פירשטנ גערעדט גאנצ אָפנ, גאָר ניט שעמענדיק זיכ. איינער פונ זיי, סוויאטאָסלאוו, האָט געוואָלט אריבערטראָגנ

571—3

זײַנ רעזידענצ (הויפט־שטאָט) פונעמ דניעפער צומ דונײַ, ווײַל אהינ, צומ דונײַ, פלעגט זיכ צונויפקומענ „אל דאָס גוטס“, אונ צווישנ דעמ דאָזיקנ „אל דאָס גוטס“ זײַנענ אויכ געווענ „דינער“. אכוצ דעמ, זײַנענ אפ דעמ מארק געווענ אויכ פּראָדוקטנ פונ דער וואלד־ווירטשאפט, פעטערווארג, האָניק אונ וואקס. דאָס פלעגנ די פירשטנ באקומענ אפ א „פרידלעכנ אויפנ“, צונויפקלײַבנדיק דאָס אלצ, ווי צינז פונ די סלאווישע שוואָטימ, וועלכע עס האָט זיכ זיי אײַנגעגעבנ אונטערטעניק צו מאכנ. שקלאפנ אָבער זײַנענ געווענ די וויכטיקסטע סכוירע — וועגנ זיי רעדט זיכ מער פונ אלצ אינ די אָפמאכנ צווישנ די ערשטע רוסישע פירשטנ מיט די גריכישע אימפעראטערס.

די ערשטע רוסישע „הערשער“ זײַנענ אזויארומ, געווענ אָנפירער פונ באנדעס שקלאפנ־הענדלער. ס'איז זעלבסטפארשטענדלעכ, אז זיי האָבנ מיט קיינ זאכ נימ „פארוואלטעט“; אינ צענטנ יאָרהונדערט, לעמאָשל, האָט דער פירשט אפילע אינ געריכט נאָכ אויכ ניט גענומענ קיינ אָנטייל. ערשט פונעמ XI יאָרהונדערט הייבנ די פירשטנ אָנ ביסלעכווײַז צו זאָרגנ וועגנ „אָרדענונג“ אינ יענע שטעט, וואָס זײַנענ ביסלעכווײַז אופגעקומענ נעבנ די זאמלפונקטנ פונ די שקלאפנ־הענדלער. די שריפטלעכע דענקמעלער, וואָס זײַנענ דערגאנגענ צו אונדז, מאָלנ אונדז טאקע אזוי דעמ שטאָטישנ לעבנ־שטייגער אונ דאָס שטאָטישע לעבנ. די באפעלקערונג פונ די דאָזיקע שטעט איז געווענ ניט קיינ ריינ סלאווישע, נאָר זייער א געמישטע — אהינ פלעגנ זיכ צונויפקומענ הענדלער אונ פּאָשעט אנטלאָפענע פונ פארשיידענע לענדער, וואוהינ ס'פלעגנ גיינ די רוסישע סאָכרישע קאראוואנענ. אונ גראָד אָט די געמישטע באפעלקערונג האָט פריִער פאר אלצ באקומענ דעמ נאָמענ „רוס“ — פונעמ צונאָמענ, וואָס די פינער האָבנ געגעבנ די שוועדנ, וועלכע פלעגנ קומענ קיינ פינלאנד מיטנ באלטישנ יאמ. די שוועדנ זײַנענ די ערשטע צײַט געווענ דער הערשנדיקער קלאס אינ דער דאָזיקער שטאָטישער באפעלקערונג: די נעמענ פונ די ערשטע פירשטנ אונ פונ זייערע נאָענטע מיטהעלפערס, די באָיארעס, זײַנענ דורכויס, ווי מיר האָבנ שוינ דערמאָנט, שוועדישע. די גריכישע שרײַבער ברענגענ אייניקע דעמאָלטיקע „רוסישע“ ווערטער, אונ זיי אלע זײַנענ איבערגענומענ פונ דער שוועדישער שפראכ. דאָס וואָרט „קניאז“ (פירשט) גופע שטאמט פונעמ שוועדישנ „קאָנונג“, אונ א צווייט אלעמענ באקאנט וואָרט „וויטיאז“ („גיבער“)—אויכ פונ שוועדישנ „וויקינג“. די מערהײַט שטאָטישע באפעלקערונג איז אָבער געווענ א סלאווישע, אונ די פירשטנ מיט זייערע באָיארעס האָבנ זיכ גיכ צווישנ איר סלאוויזירט. צומ סאָפ פונעמ צענטנ יאָרהונדערט האָבנ שוינ אלע פירשטנ סלאווישע נעמענ (סוויאטאָסלאוו, וולאדימיר, יאראָסלאוו אאוו.) אונ ריידנ שוינ ניט שוועדיש, נאָר סלאוויש.

וועגנ דעמ לעבנשטייגער אונ די מידעס פונ אָט די ערשטע „רוסישע“ מענטשנ, די אײַנוווינער פונ נאָווגאָראָד, קיִעוו, סמאָלענסק, טשערניגאָוו, פערעיאסלאוול (צוזאמענ מיט פּאָלאָצק, וואָס איז געשטאנענ עטוואָס אָנ א זײַט אונ וואָס האָט זיכ טכילעס געפונענ אינ די הענט פונ א באזונדערער פירשטנ־מישפּאָכע, אויכ פונ שוועדישער אָפשטאמונג — זײַנענ דאָס די אוראלטסטע „רוסישע“ שטעט, וועגנ וועלכע מיר ווייסנ), דערוויסנ מיר זיכ מער פונ אלצ פונ דער אזויגערופענער „רוסקאיא פראוודא“ (דאָס רוסישע רעכט), א זאמלבוכ פונ געריכט־מינהאָגימ וואָס די עלטסטע פונ זיי זײַנענ אופגעקומענ אינעמ X יאָרהונדערט. ענדגילטיק איז די „רוסקאיא פראוודא“ צונויפגעשטעלט געוואָרנ אינעמ דרײַצנטנ יאָרהונדערט. אָט פונ דאנענ טאקע דערוויסנ מיר זיכ, אז אינ צענטנ יאָרהונדערט פלעגט נאָכ דער

בירשט ניט מישפעטנ. די איניאָנימ צווישנ די שטאָט-איינוווינער פלעגט געלייזט ווערנ אָדער דורכ זעלבסטגעריכט: ווענ איינ מענטש פלעגט פאַרווונדנ אָדער האַרגענענ א צווייטנ, פלעגט דער לעצטער אָדער זיינע פריינט אונ קרויווימ זיכ אליינ אָפּרעכענענ מיטנ שולדיקנ: א שראַמ פאַר א שראַמ, א צעבראָכענע ריפ פאַר א צעבראָכענער ריפ, אונ פאַר א מאָרד פלעגט מענ דערהאַרגענענ דעמ מערדער; דאָס האָט געהייסנ „בלוט-נעקאָמע”; אָדער די צדאָדימ פלעגנ איינגיינ אפ א בוררימ-געריכט פאַר צוועלפ מענטשנ (געשוואָרענע) אונ פלעגנ זיכ אונטערוואַרפנ זייער אורטייל. דער דאָזיקער אורטייל פלעגט געוויינלעכ באַשטיינ אינ דעמ, וואָס מע פלעגט צומישפּעטנ דעמ, וואָס האָט א קלאַפּ געטאָנ אָדער וואָס האָט דערהאַרגעט, ער זאָל באַצאָלנ מיט געלט דעמ געליטענעמ אָדער זיינ מישפּאָכע. טייערער פאַר אלצ פלעגט מענ צאָלנ פאַר די, וואָס האָבנ געהערט צומ פירשטלעכנ הויפ, וויינקער פונ אלצ פאַר פויערימ — פונקט דאָס אייגענע, ווי פאַר א שקלאַפּ. גערעכנט האָט מענ דאַנ אפ זילבער, האַנאָמ מע פלעגט עס אָפּט רופנ, לויט דער אלטער געווינהייט, מיטנ נאָמענ „פי”. אריבערפירנ די דערמלטיקע פריינז אפ די איצטיקע איז זייער שווער, נאָר בעערעכ קומט אויס, אז דאָס לעבנ פונ א פויער האָט מענ דאַנ געשאַצט אינ א 500 רובל, אונ דאָס לעבנ פונ א באָיארינ האָט געקאָסט אינ 16 מאָל טייערער. פאַר א וווּנד פלעגט מענ אויכ צאָלנ, נאָר וויניקער, פאַרשטייט זיכ, ווי פאַר א מאָרד. אויב דער דערהאַרגעטער איז געווענ א שקלאַפּ, פלעגט דער באַלעבאָס אויסרעכענענ, צי איז עס געווענ א שקלאַפּ, וואָס האָט געקאָנט א וואָסער ס׳ניט איז מעלאָכע אָדער א פּאָשעטער ניט-קוואַליפיצירטער ארבעטער; פאַר א געלערנטנ שקלאַפּ — א באַלמעלאָכע האָט מענ געדאַרפט צאָלנ טייערער, ווי פאַר א פריינ פויער.

אינ וואָס זשע איז דאָ באַשטאַנענ דער געריכט? טאַקע אינ דעמ, וואָס די ריכטער פלעגנ העלפנ די צדאָדימ, דעמ באַליידיקטנ מיטנ באַליידיקער, צופרידנ זיכ, אונ פלעגנ אויסרעכענענ, וויפל אונ ווער עס דאַרפ מענ צאָלנ. אונ א שטראָפ? וועגנ דעמ איז טכילעס גאָר קיינ רייד ניט געווענ, אויב מע זאָל ניט רעכענענ דאָס, וואָס דער באַליידיקטער האָט געמעגט א קלאַפּ טאָנ אָדער אפילע דערהאַרגענענ דעמ באַליידיקער, אויב ער האָט זיכ נאָכ געפילט גענוג שטאַרק. קיינ שטראָפנ איז לעבאַטכילע ניט געווענ, ווייל די שטאָטישע רוס פונעמ X—XI יאָרהונדערט האָט נאָכ ניט געוווּסט פונ קיינ געזעלשאַפטלעכע קלאַסנ. שטראָפנ זיינענ פאַרנ הערשנדיקנ קלאַס א מיטל אונטערצוהאַלטנ זיינ מאַכט אונ פּריווילעגיעס.

אינ א בורזשואַזער געזעלשאַפט, לעמאָשל, ווו אלצ באַזירט זיכ אפ פּריוואַט-אייגנטומ, שטרעבט מענ דורכ שטראָפנ איינצופלאַנצנ אכטונג צו אייגנטומ. ווער ס׳וועט נאָר אָנרירנ א פרעמד אייגנטומדרעכט, יענעמ שענדעט מענ אפ קאָלערליי אויפאַנימ, מע זעצט אימ ארייננ אינ טפּיסע, מע פאַרמישפּעט אימ אפ קאַטאָרגע אאוו. נאָר קאָלזמאַנ ס׳האָט זיכ נאָכ ניט אויסגעבילדעט קיינ קלאַס אייגנטימער, פלעגט יעדערער אליינ באַשיצנ זיכ אונ זיינ פאַרמעגנ, ווי ער האָט געקאָנט, אָדער ער פלעגט זיכ ווענדנ צו די ארומיקע איינוווינער אונ שכיינימ אונ האָט בא זיי געזוכט שוץ. אז ס׳איז נייטיק א וואָסער ס׳ניט איז מאַכט, וואָס זאָל כאַפּנ, ארייננזעצנ, באַשטראָפנ — דאָס איז גאָר קיינעמ אפנ זינענ ניט געקומענ.

ביסלעכווייז אָבער האָבנ זיכ אינ שפּיצ פונ דער שטאָטישער רוס אויסגעטיילט מענטשנ, וואָס אינ זייערע הענט האָט זיכ, אדאַנק געלונגענע מילכאָמעס אונ רויבערייענ, אָנגעקליבנ א סאַכ רייכטימער, דערהויפּט, פי (מיר געדענקענ, אז לעבאַטכילע

איז עס געווען זייער א טייערע זאך) און שקלאפן, „כאָלאָפּעס". די מאסע ארבעטדיקע באפעלקערונג איז געווען פון זיי אָפּהענגיק. די פּויערים, וואָס די מילכאָמעס פלעגן זיי ניט רייך מאכן, נאָר רויִנירן, האָבן געמוזט אָנקומען צו די גווירים נאָך הּאלוואָעס, וואָס זיינען באשטאנען דעריקער פון פי, פערד. די פי האָבן זיי געמוזט אומקערן צוריק מיטן צוקום (פונדאנען נעמען זיך די רוסישע ווערטער „ראָסט" (פּראָצענט) און „ראָסטאָוושטשיק" (וווכערניק) — פונדאנען האָבן זיך גענומען פּראָצענטן). די פּויערים, וואָס זיינען ארייַנגעקראָכן אין כויוועס „זאקופּ" (די „כויוועס-קנעכט"), אויב זיי פלעגן זיך ניט קאָנען פּאנאנדערצאָלן (און געקאָנט האָבן זיי דאָס טאקע זייער זעלטן), פלעגן זיי ארייַנפאלן אין א לאגע, וואָס איז זייער ענלעך צו דער לאגע פון א כאָלאָפּ: דער וווכערניק — דער באלעבאָס פלעגט זיי שלאָגן און אָפּטמאָל אויך פארקויפן פאר שקלאפן. אין דער אייגענער לאגע פלעגן אויך ארייַנפאלן די שטאָטישע באלמעלאָכעס, און אפילע סאָכרים, וואָס פלעגן האנדלען אין קרעדיט אפ אנטליִען געלט. ס'האָבן זיך אויסגעבילדעט צוויי קלאסן: רייכע, בעראָש פון וועלכע ס'איז געשטאנען דער פירשט, און שטאָטישע און דאָרפישע אָרעמשאפט, וואָס די רייכע האָבן אונטערדריקט.

מיטן אופקום פון קלאסן האָט זיך אָנגעהויבן אויך דער ק ל א ס נ ק א מ פ. די אָרעמע פלעגן מאכן אופשטאנדן, אָנפאלן אפ די רייכע, אונטערצינדן זייערע הייַזער, גאנענען זייער פי. אין די שפּעטערדיקע טיילן פון „רוסקאיא פּראוודא" (מיר געדענקען, אז זי איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אין א משך פון דרייַ יאָרהונדערטן) געפינען מיר שוין ש ט ר אָ פ נ און טאקע פאר רויבערייַ, דאָס הייסט, פאר א באוואָפנטן אָנפאל אפ פרעמד אייגנטום, פאר א ו נ ט ע ר צ י נ ד נ און פאר ג א נ ו ע נ ע נ פ ע ר ד. פון די דאָזיקע פארברעכנס האָט מען ניט געקאָנט זיך אויסקויפן, פאר זיי האָט מען באשטראָפט מיט טויט. דערחוייַ איז אינטערעסאנט, אז עס איז אויסגעקומען צו פארבאָטן, אז דאָס גאנצע דאָרף זאָל צאָלן פארן רויבער; אפאָנעם, אז דאָס פויערטום האָט געקוקט אפ אים ניט אזוי, ווי די רייכע: אים האָט זיך געדוכט, אז פאר רויבערייַ קאָן מען זיך אויך אויסקויפן, ווי פאר א געווייַנלעכן מאָרד אין יענער צייַט. דערפאר אָבער, אויב מע פלעגט דעם רויבער ניט געפינען, דאָס הייסט, דאָס דאָרף פלעגט אים אויסבאהאלטן, פלעגט מען מאָנען פונעם גאנצן דאָרף, לויט אלגעמיינער אָרוועס. פון די דאָזיקע באשטימונגען פון „רוסקאיא פּראוודא" דערוויסן מיר זיך, אגעוו, אז א קאָרבן פון רויבערייַ זיינען אָפּטער פון אלץ געווען דעם „פירשטס לייַט", ד. ה. דעם פירשטס רייכע מעקוראָווים.

מיט קיין שום אכזאָריעסדיקע שטראָפן האָט מען ניט געקאָנט אָנשרעקן די נעדריקטע פון די וווכערניקעס פּאָלמאסע. און טאקע בא דער ערשטער געלעגנהייַט האָט זי זיך אופגעהויבן ביז אייגעם, שוין ניט ווי איינצלנע „רויבער", נאָר אין דער פאָרם פון אן אלפאָלקישן אופשטאנד. אין קיִעוו, — דאָס איז דעמלט געווען די גרעסטע שטאָט, — ווייסן מיר פון צוויי אזעלכע אופשטאנדן: איינער—אין דער צווייטער העלפט פונעם עלפטן יאָרהונדערט, דער צווייטער — אין אָנהייב פונעם צוועלפטן יאָרהונדערט. די מ י ל י ט ע ר י ש ע מ א פ אָ ל ע ס פון די פירשטן זיינען געווען די סיבע פונעם ערשטן אופשטאנד. מיר האָבן שוין דערמאָנט, אז די וואָריאגן (שוועדן) זיינען ניט די איינציקע, וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָך „דינער", ניט די איינציקע שקלאפן-הענדלער אפן רוסישן פלאכלאנד. אין דער דאָזיקער ארבעט האָבן זיי געהאט קעגנער, קאָנקורענטן, וואָס פלעגן אָנקומען פון אזיע. טכילעס זיינען דאָס געווען די כאָזארן—מיט זיי האָבן זיך נאָך די ערשטע וואריאגישע פירשטן

ספּראַוועט. שפּעטער זײַנען געקומען די פּעטשענעגן, — אויך מיט זיי האָט מען זיך ספּראַוועט. נאָר דער דאָזיקער קאַמף האָט שוין געקאָסט גאַנץ טײַער: דעם פֿירשט סוויאַטאָסלאַוו, וואָס מיר האָבן אים שוין פֿריִער דערמאָנט, האָבן די פּעטשענעגן דערהאַרגעט, און פֿון זײַן שאַרבן האָט דער פּעטשענעגישער פֿירשט געמאַכט פֿאַר זיך א בעכער. ווען ס'איז אָנגעקומען א נײַע כוואַליע אַזיאַטישע קאָנקורענטן, ווען ס'זײַנען געקומען די פּאָלאָווצעס, זײַנען שוין סוויאַטאָסלאַווס אוריי־ניקלעך ניט געווען בכוח בײַצוקומען זיי און זײַנען אַנטלאָפֿן. די באַפֿעלקערונג פֿון קיִעוו האָט זיך דאַן אַליין גענומען צום געווער, זי האָט אָבער שוין אַרויסגעטריבן ניט בלויז די פּאָלאָווצעס, נאָר אויך די פֿירשטן מיט זייערע באָיאַרעס. נאָר ניט לאַנג האָט זיך געהאַלטן זייער ניצאָכן: די פֿירשטן האָבן זיך אײַנגיכן צוריק אומגעקערט און מיט גרויס אַכזאָריעס זיך אָפּגערעכנט מיט די פֿירער פֿון דער פֿאָלק־רעוואָליוציע. אַלץ כוצפּעדיקער און כוצפּעדיקער זײַנען געוואָרן די אויספּרעסונגען פֿון די וווּכערניקעס, דערבײַ איז די נעסט פֿון וווּכערײַ געווען דעם פֿירשטס הויף: דער פֿירשט איז געווען דער ערשטער ספּעקוליאַנט, ער האָט געהאַנדלט מיט זאַלץ אד״ג. דאָס מאָל האָט שוין די קיִעווער אָרעמשאַפֿט ניט געוואַרט אויף מיליטערישע מאַפּאָלעס: ווי נאָר דער דאָזיקער פֿירשט (דער זון פֿונעם אַראָפּגעוואָרפֿענעם פֿירשט, וואָס האָט זיך אומגעקערט 40 יאָר פֿאַר דעם) איז געשטאָרבן, האָט דער אויפֿשטאַנד ווידעראַמאָל אויפֿגעפֿלאַקערט, און דאָס מאָל האָט זיך שוין ניט אײַנגעגעבן צו דערשטיקן אים. די קיִעווער גווירים האָבן זיך געראַטעוועט נאָר דורך דעם, וואָס זיי האָבן אין אײַלעניש גערופֿן צו זיך פֿון א צווייטער שטאָט, פֿון פּערעיאַסלאַוול, דעם סאַמע פּאָפּולערן אין יענער צײַט פֿירשט, וולאַדימיר מאָנאָמאַך, וואָס איז באַרימט געוואָרן דורך זײַנע ניצחונעס איבער די פּאָלאָווצעס. אים האָט זיך אײַנגעגעבן אַרײַנצונאַרן דאָס פֿאָלק מיט זיסע רייד. ער האָט אָבער אויך געמוזט אײַנגיין אויף א גאַנצער רײ האָנאָבעס. די פֿונדאָסנײַ אַרויסגעגעבענע באַשטימונגען, וואָס זײַנען פֿאַרשריבן אין „רוסקאַיאַ פּראַוודאַ", האָבן פֿאַרבאָטן צו באַגיין זיך מיט די „כויוועס־קנעכט", ווי מיט עמעסע שקלאַפֿן. איצט האָט דער „כויוועס־קנעכט" באַקומען דאָס רעכט צו זוכן מישפּעט אויף זײַן באַלעבאָס — דעם וווּכערניק. אויב א סויכער, וואָס האָט געליִען געלט, פֿלעגט עס פֿאַרלירן ניט צוליב זײַן שולד, נאָר דורך א סרייפֿע, אָדער, לעמאָשל, צוליב א שיף־קאַטאַסטראָפֿע, און ער פֿלעגט ניט קאָנען באַצאָלן זײַן כויוו, פֿלעגט מען אים ניט מאַכן פֿאַר קיין שקלאַף, ווי מע פֿלעגט דאָס טאָן פֿריִער, נאָר מע פֿלעגט אים געבן א מאָראַטאָריום (פֿאַרלענגערונג פֿונעם טערמין) אויף צו באַצאָלן זײַן כויוו. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ האָט ניט געמאַכט קיין סאָף צו דער וווּכערײַ און צו דער אונטערדריקונג פֿון די מאַסן, וואָס זײַנען אַלץ מער פֿאַראָרעמט געוואָרן פֿון די שטענדיקע מילכאָמעס. אָבער די ערשטע צײַט נאָך דער קיִעווער רעוואָליוציע האָט מען זיך מיט דער דאָזיקער מאַסע גערעכנט מער, ווי ווען ס'ניט איז פֿריִער, און די פֿאַרזאַמלונג פֿון די קיִעווער אײַנוווינער, די ו ו ע ט ש ע, האָט פֿאַרוואַלטעט מיט קיִעוו, פֿלעגט באַשטימען און אַראָפּוואַרפֿן פֿירשטן, און יענע זײַנען געצוווּנגען געווען צו ריידן מיט דער וועטשע ניט ווי מיט אונטערטעניקע, נאָר ווי מיט אַן אייגענעם ברודער, ווי מיט א גלײַכן. דער פֿירשט פֿלעגט זאָגן „ברידער קיִעווער", און יענע פֿלעגן אים ענטפֿערן „ברודער אונדזערער".

פּונקט די זעלביקע אָרדענונג, ווי אין קיִעוו, האָט זיך אײַנגעשטעלט אויך אין די איבעריקע שטעט, — אין ראָסטאָוו (יאַראָסלאַווער), אין וולאַדימיר און באַזונדערס אין נאָווגאָראָד, וועגן וועלכן ס'וועט נאָך אויסקומען צו ריידן באַזונדער.

אָבער אַכוץ נאָווגאָראָד, ווו עס זײַנען געווען, ווי מיר וועלנ ווײַטער זעג, אויב ספּעציעלע באַדינגונגענ, האָט די וועטשע-אָרדענונג ניט געהאַט קיינ שום צוקונפט. די דעמלטיקע גרויסע שטעט האָבנ געלעבט פונ שקלאַפנ-האַנדל — דאָס טאָר מענ ניט פאַרגעסנ. מיט דעמ פלעגנ זיי שרעקלעכ כאָרעווו מאַכנ דאָס אַרומיקע לאַנד. די פויערימ פלעגנ אַנטלויפנ פונ די דאָזיקע שטעט אינ די געדיכטענישנ פונ די בײַוואָלגער אונ בײַאָקער וועלדער, אינ די איצטיקע מאָסקווער אונ איוואַנאָווער געגנטנ. די דאָזיקע פויערימ זײַנענ שוינ ניט געווענ אַזעלכע האַלב ווילדע, ווי די ערשטע סלאַווישע אײַנוואַנדערער: זיי האָבנ שוינ געהאַט אײַזערנע געצײַג, זיי האָבנ שוינ געקאָנט אַקערנ די ערד מיט אַ פערד, מיט אַ סאָכע אָדער מיט אַ פלוג, זיי זײַנענ געווענ אַ סאַכ שטאַרקער פונ די פינער, וואָס זיי פלעגנ טרעפנ אינ די מאָסקווער וועלדער, אונ האָבנ זיי גרינג אונטערטעניק געמאַכט. גלײַכצײַטיק אָבער זײַנענ זיי פאַר די שטאָט-אײַנוווינער געבליבנ די זעלביקע „סמערדנ" (פונהאַנענ שטאַמט דאָס וואָרט «смердеть» — שטינקענ), ווי פריער, וואָס זײַנענ מעסוגל מער ניט ווי אָפּ דעמ, מע זאָל זיי מאַכנ פאַר שקלאַפנ, אָדער מע זאָל פונ זיי נעמענ צינדז. אָפּ די פאַלקפאַרזאַמלונגענ האָבנ די „סמערדנ" קיינ שטימרעכט ניט געהאַט, אונ זיי האָט ניט געלוינט צו שטיצנ די וועטשע. די אַלטרוסישע פרײַהײַט איז געווענ אַ שטאָטישע פרײַהײַט, אונ זי איז געפאַלנ צוזאַמענ מיט די שטעט.

די הויפּט-סיבעס, פאַרוואָס עס זײַנענ געפאַלנ די אַלט-רוסישע שטעט, זײַנענ צוויי: די ערשטע סיבע איז — די קאָלאָסאַלע ענדערונג אינ דער ריכטונג אונ אײַנעמ כאַראַקטער פונעמ דעמלטיקנ האַנדל. די דאָזיקע איבערקערעניש איז באַוווסט אינ דער געשיכטע אונטערנ נאָמענ „קרייצצוגנ", ווײַל דער הויפּטצוועק פונ די דאָזיקע צוגנ, ווי מע פלעגט פאַר אַלעמענ פּראָקלאַמירנ, איז געווענ, קלוימערשט, אָפּנעמענ בײַ די „ניטגלייביקע", דאָס הייסט, בײַ די מאַכמעדאַנער, יערושאָלאַימ אונ אַנדערע „הייליקע ערטער". אינדערעמעסנ זײַנענ די מײַרעוו-אייראָפּייִשע מאַכנעס, וואָס זײַנענ געגאַנגענ באַפרײַענ „גאָטס-קייווער", געווענ ניט מער, ווי אַ געצײַג אינ די הענט פונ מיטלאַלטערלעכנ מײַרעוו-אייראָפּייִשנ (דערהויפּט איטאַליענישנ) האַנדל-קאַפּיטאַל. די דאָרעמ-פראַנצויזישע אונ איטאַליענישע סאָכרימ האָבנ געוואָלט דורכשלאָגנ זיכ אַ דירעקטנ וועג צומ רײַכנ אינ יענע צײַטנ מיזרעכ, קעדיי ניט צו זײַנ מער אָפּהענגיק פונ די גריכישע אונ קאָנסטאַנטינאָפּאָלער סאָכרימ, וועלכע האָבנ ביז דעמלט געהאַלטנ אינ זייערע הענט דעמ גאַנצנ מיזרעכ-האַנדל. אינ יערושאָלאַימ זײַנענ די קרייצטרעגערס פאַרבליבנ ניט לאַנג, אָבער קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבנ זיי אינ 1204 יאָר באַהערשט פעסטער. דער הויפּט-לויפ פונ די רוסישע סכוירעס איז איצט רוינירט געוואָרנ, דער מיזרעכ-האַנדל, וואָס פלעגט פריער גיינ דורכנ שוואַרצנ יאַמ אונ איבערנ דניעפּער צומ באַלטישנ יאַמ, איז איצט אַוועק דירעקט פונ סיריע, פּאַלעסטינע אונ עגיפּטנ קיינ ווענעדיג, גענוע אונ מאַרסעל, אונ פונ דאָרטנ, דורכ די אַלפּישע בערג-דורכגענג אונ איבערנ ריינ, קיינ צאָפנ-אייראָפּע. „דער גרויסער וואַסער-וועג פונ די וואַריאַגנ צו די גריכנ", בײַ וועלכנ עס האָט זיכ אויסגעצויגנ אַ קייט פונ אַלט-רוסישע שטעט, האָט איצט אָנגעהויבנ אָפּשטאַרבנ, צוזאַמענ מיט אימ האָבנ אויכ אָנגעהויבנ אָפּשטאַרבנ די שטעט גופע.

דעמ ענדגילטיקנ קלאַפּ האָבנ זיי באַקומענ פונ דער טאָטערשער אינוואַזיע. די טאָטערנ זײַנענ געקומענ פונ דעמ זעלביקנ אָרט, פונ וואַנענ ס'פלעגנ קומענ די כאָזאַרנ, פּעטשענעגנ אונ פּאָלאָווצעס. זיי זײַנענ געווענ קרויווויש צו די דאָזיקע פעלקער, אונ די צוועקנ זייערע זײַנענ געווענ די זעלביקע — געיעג נאָכ מענטשנ-רויב, — אָבער

פונ אלע אָנגעקומענע אזיִאַטנ זײַנענ די טאָטערנ געווענ די שטאַרקסטע אונ די סאַמע אָרגאַניזירטע. די פריִערדיקע אזיִאַטנ פלעגנ בלײַבנ שטײנ בא די שטאָט-מויערנ: אלע פאַרוויסטונגענ פלעגנ ווידעראַמאָל אויספאַלנ אפ די פויערימ, די „סמערדנ“. די טאָטערנ האָבנ געוווּסט, וויִאַזוי אײַנצונעמענ שטעט: זײ זײַנענ שוינ, אפּאָנעמ, באַקאַנט געווענ אפילע מיט פולווער, וואָס איז נאָכ דעמלט (אינ מיטנ דרײַצנטנ יאָרהונדערט) ניט באַוווּסט געווענ אינ מײַרעוו-אײראָפּע. די מיליטערישע טײלנ (הרוזשינעס) פונ די רוסישע פירשטנ זײַנענ ניט געווענ בעקויעכ בײַצוקומענ אזא קעגנער: אלע רוסישע שטעט, אכוצ נאָווגאָראָד, זײַנענ אײנע נאָכ דער אַנדערער, ארײַנגעפאַלנ אינ די הענט פונ די טאָטערנ. די טאָטערנ האָבנ ניט נאָר כאָרעוו געמאַכט די שטעט אונ אוועקגעפירט אינ געפענקעניש זײער באַפעלקערונג, נאָר זײ האָבנ, קעדײ צו פאַרפעסטיקנ זײער מאַכט, מיטנ וואָרצל ארויסגעריסנ אומעטומ (ווידעראַמאָל אכוצ נאָווגאָראָד) די שטאָטישע פרײַהײט. דעמ פירשט האָבנ זײ געמאַכט פאַר זײערנ אָנגעשטעלטנ, וואָס האָט געקליבנ צינז פאַרנ טאָטערישנ כאַנ, אונ איטלעכע אנטקעגנשטעלנ זיכ דעמ כאַנישנ אָנגעשטעלטנ פלעגט באַשטראָפט ווערנ מיט א נײַעמ אָנראַכמאָנעסדיקנ כורבנ. דאָס וואָרט „וועטשע“ האָט באַקומענ דעמ זעלביקנ באַטײַט, וואָס „בונט“, „אָנטײלנעמער פונ א וועטשע“ — דאָס אײגענע, וואָס „בונטאַר“.

די טאָטערשע פאָראַנדקעס האָבנ זיכ פעסט אײַנגעוואָרצלט אינ רוס, באַזונדערס אפנ צאָפנ-מיזרעכ, ארומ מאָסקווע אונ וולאַדימיר. דער טאָטערשער אויפנ פונ פאַנאַנדערטײלנ די שטײַערנ לויט די סאָכעס, די אַזױגערופענע „סאָכעס-אָפּשרײַבונג“ («сошное письмо») איז פאַרבליבנ ביזנ מיטנ פונעמ זיבעצנטנ יאָרהונדערט. מיר וועלנ שפּעטער זענ, וויִאַזוי די פאַרײניקונג פונ רוס ארומ מאָסקווע איז אויכ מער ווי אפ דער העלפט געווענ אנ ארבעט פונ די טאָטערנ. נאָר דאָס וועט נאָכ זײַנ שפּעטער. אויכ די דירעקטע אומיטלבאַרע רעזולטאַטנ פונ דער טאָטערשער אינוואַזיע זײַנענ געווענ זײער גרויס. די שטאָטישע רוס, וועלכע איז אזוי אויכ געווענ אויסגעשעפּט פונ אירע אײגענע רויבערײַענ, וועלכע איז געווענ ארונטערגעריסנ. אדאַנק דעמ, וואָס די וועגנ פונעמ וועלט-האַנדל האָבנ זיכ אריבערגעטראָגנ פונעמ שוואַרצנ יאַמ אונ פונעמ דניעפּער צומ מיטללענדישנ יאַמ אונ צומ רײַנ, איז ענדגילטיק דערשלאָגנ געוואָרנ פונ די טאָטערנ, אונ נאָכ דעמ טאָטערשנ כורבנ האָט זי שוינ ניט געקאָנט קומענ צו זיכ. רוסלאַנד איז געוואָרנ אָט דאָס דאָרפ-לאַנד, ווי מיר זײַנענ עס געווױנט צו זענ. אונ די פאָראַנדקעס, וואָס האָבנ זיכ געשאַפנ אינ אָט דער „דאָרפישער רוס“, זײַנענ ניט ענלעכ געווענ ניט פונ דער גוטער אונ ניט פונ דער שלעכטער זײַט דערצו, וואָס עס האָט מיט זיכ פאָרגעשטעלט די שטאָטישע רוס פונ צענטנ אונ צוועלפטנ יאָרהונדערטנ. דער פירשט אונ זײַנ באָיאַרינ, וואָס זײַנענ טבילעס געווענ שקלאַפנ-הענדלער, ווערנ איצט פאַרוואַנדלט אינ ערד-באַזיצער. אַנשטאָט צו פאַרנעמענ זיכ מיט צושטעלנ סכוירעס אפנ שקלאַפנ-מאַרק, זעצנ זײ איצט אוועק זײערע געפאַנגענע אפ דער ערד, מאַכנ פונ זײ „סמערדנ“ פאַר זיכ. דאָס אלצ איז, פאַרשטײט זיכ, פאָרגעקומענ ניט מיטאַמאָל — ניט אינ אײנ יאָר, צוויי יאָר, ניט אפילע אינ אײנ—צוויי יאָרצענדליקנ. נאָכ לאַנג פאַר די טאָטערנ, נאָכ אינעמ צוועלפטנ יאָרהונדערט ווערט דער באָיאַרינ פונ א וואָכערניק אונ סויכער פאַרוואַנדלט אינ א לאַנדווירט. לויט דער „רוסקאַיאַ פּראַווּדאַ“ קומט אויס, אז ער האָט א דאָרפ, אינ דאָרפ האָט ער אנ אָנגעשטעלטנ אונ קאָלערלײ ארבעטער. די כראָניקע צײלט אָנ בא אײנ פירשט 700 אזעלכע דאָרפ-דינער; וועגנ א צווייטנ פירשט, דעמ

גאליצער פירשט ראמאנ, איז אפילע צוזאמענגעשטעלט געווארנ א ווערטל: „ראמאנ, ראמאנ, מיט מאגערע לעבסטו, מיט ליטע* אכערסטו", ווײל ער פלעגט באזעצנ די ליטווישע געפאנגענע אפ דער ערד אונ פלעגט זיי צווינגענ צו אקערנ. נאר דאס אלצ האט פונדעסטוועגנ די ערשטע צײט ניט געשטערט די פירשטנ אונ די באיארעס צו פארנעמענ זיכ מיט רויבערײ אונ צו האנדלענ בא א געלעגנהײט מיטנ אנגערויבטנ גוטס, אונ די וווכערײ האט זיכ זייער גוט אײנגעלעבט מיט לאנדווירטשאפט, צושטעלנדיק איר ארבעט-הענט אינ דער פערזאנ פונ די „כויוועס"-קנעכט". ערשט דאס פאלנ פונ די שטעט האט צוגעפעסטיקט דעמ באיארינ צו זײנ גאנצע אונ האט אימ ענדגילטיק געמאכט פאר א „בארינ" — א גוטבאזיצער.

פונ דער שטאטישער רוס (די היסטאריקער רופנ זי געוויינלעכ „קיעוור-נאווגאראדער", נאכ די צוויי הויפט-שטעט נאכ) איז פארבליבנ א היפשע צאל שריפטלעכע דענקמעלער, וואס באווײזנ, אז אינ יענע צײטנ זײנענ די מענטשנ אינ די שטעט, באזונדערס בא די פירשטלעכע הויפנ, שוינ געווענ גאנצ אנטוויקלט אינ אינטעלעקטועלנ זינ. זיי האבנ געהאט ליטעראַרישע, קינסטלערישע אינטערעסנ אאוו. די פירשטנ פלעגנ זיכ ניט נאר פארנעמענ מיט רויבערײ, נאר זיי האבנ זיכ אויכ געיאגט נאכ מיליטערישנ רומ. זייערע הויפ-פאעטנ פלעגנ באזינגענ זייערע העלדישקײטנ אונ באווייזנ זייערע אומגליקנ. אײנע אזא הויפ-פאעמע — „דאס ווארט וועגנ איגארס פאלק" — איז דערגאנגענ צו אונדז אינגאנצנ; זי דערציילט וועגנ אנ אומגעלונגענעמ אנפאל פונ אײנעמ א פירשט אפ די פאלאווצעס. פונ אנדערע אזוינע פאעמעס זײנענ פארבליבנ מער ניט ווי פראגמענטנ אינ די כראניקעס, וואס פלעגנ געפירט ווערנ בא יעדנ פירשטלעכנ הויפ; די פירשטנ פלעגנ זיכ פארופנ אפ די כראניקעס, ווענ זיי האבנ נייטיק געהאט צו דערווײזנ, אז זיי זײנענ גערעכט, אדער אז זייער שאכנ איז אומגערעכט. עס פארשטייט זיכ, אז אינ די דאזיקע כראניקעס איז ניט נאר די פירשטנ פארנעמענ דארט דאס ערשטע ארט, נאר וועגנ זיי ווערט דערציילט אלץ גוטס, וואס מע קאנ וועגנ זיי דערציילנ, אונ וועגנ זייערע סאנימ ווערט דערציילט אלדאסבייז. אויב אפילע די כראניקעס האבנ ניט געקאנט פארבאהאלטנ יענע קיעווער רעוואליוציעס, וועגנ וועלכע מיר האבנ אויבנ גערעדט, הייסט עס, אז דאס איז געווענ א צו שרײענדיקע זאכ, אז וועגנ דעמ האט מענ גערעדט צווישנ פאלק, אונ דעמ שרײבער פונ די כראניקעס איז געבליבנ מער ניט ווי צו פארענטפערנ זײנ פירשט, ארופווארפנ די שולד אפ זײנ יונגקײט, אפ זײנע שלעכטע אייצעגעבער אאוו. ביכלאל האבנ די שרײבער פונ די כראניקעס געזענ מיט אלע מיטלענ צו דערהייבנ די פירשטנ. גראד פונ די כראניקעס פונ דער קיעווער רוס האבנ עס די נײסטע היסטאריקער גענומענ די פארשיידענע מײסעס וועגנ דעמ, אז די פירשטנ זײנענ קלוימערשט געקומענ קײנ רוס, קעדיי אײנצופירנ ארדענונג, קעדיי צו מאכנ א סאפ צו די פארברעכנס, קעדיי צו באשיצנ די געקריוודעטע אאוו., — מײסעס, וועלכע מע קאנ נאכ איצט אויכ געפינענ אינ די שלעכטע היסטארישע ביכלעכ, וואס די צארישע רעגירונג פלעגט פארשפרייטנ.

דאס דאזיקע דערהייבנ די פירשטנ דערקלערט זיכ ניט בלויז מיט דעמ, וואס די

---

* זייער אנ אלטער אינדא-אייראפייִשער שייוועט אפנ צאפנ-מײרעוו פונ רוסלאנד (זײנ הויפט-שטאט איז טכילעס געווענ קאוונע, דערנאכ ווילנע). נאכ דעמ טאטערשנ כורבנ האט ער אפ די כורוועס פונ די מײרעוו-רוסישע פירשטנטומס געגרינדעט א גרויסע מעלוכע, וואס האט זיכ שפעטער צוזאמענגעגאסנ מיט פוילנ (אינ XIV—XVI-טנ יארהונדערט).

שרײַבער פון די כראָניקעס זײַנען געווען הויפּ־לײַט, נאָר אויך דערמיט, וואָס זיי זײַנען, דאָסראָװ, געווען גײַסטלעכע, הויפּ־גאַלאָכים אָדער אופּזעער איבער מאָ־נאַסטירן, וועלכע זײַנען געגרינדעט געוואָרן דורך די פירשטן און פלעגן פון זיי באַקומען רײַכע מאַטאָנעס. וועלטלעכע מענטשן, וואָס זאָלן קאָנען לייענען און שרײַבן, איז נאָך דעמלט גאַנץ ווינציק געווען; די „רוסקאיא פּראַווּדאַ", לעמאָשל, ווייס נאָך גיט פון קיין שריפטלעכע אַפּמאַכן. די גאַלאָכים אָבער האָבן אַלע ביז איינעם שוין אויך דעמלט געקענט לייענען און שרײַבן, און ס'איז דעריבער נאַטיר־לעך, אַז זיי זײַנען עס אָפטער פאַר אַלץ געווען די שרײַבער. נאָר די קריסטלעכע קירכע האָט צו פאַר־דאַנקען איר עקזיסטענץ און אויפבלי אין רוסלאַנד די פירשטן און באָיאַרעס. ווען ס'האָט זיך באַ אונדז אַנגעהויבן אויסצובילדן דער אויבערשטער שיכט פון דער געזעלשאַפט (זע אויבן), האָט ער געהאַלטן פאַר אַ כאָרפּע צו בלײַבן באַ די אַמאָליקע סלאַווישע רעליגיעזע מינהאָגים און באַ די סלאַווישע קישעפמאַ־כערס, די „מעכאַשפים" («волхвы»), נאָר ער האָט צוזאַמען מיט גריכישע זײַד־מאַטעריעס און גאָלד־צירונגען אָנגעהויבן אויסשרײַבן אויך גריכישע מינהאָ־גים און גריכישע „מעכאַשפים" — גאַלאָכים.

די פּראַוואָסלאַווישע קירכע האָט, פאַרשטייט זיך, געזען מיט אַלע מיטלען פאַנאַנדערצובלאָזן דעם באַטײַט פון דער דאָזיקער געשעעניש, פון דער אַזוי־גערופע־נער „טויפונג פון רוס"; אינדערעמעסן אָבער איז עס געווען אַ ריין אויסער־לעכע ענדערונג, און ס'האָט זיך געהאַנדלט טאַקע וועגן ענדערן די מינהאָגים. די רעליגיעזע גלייבונגען אָבער זײַנען סײַ פאַר, סײַ נאָך דער טויפונג און נאָך אַ לאַנגע צײַט שפּעטער, ביז אונדזערע צײַטן, געבליבן איינס און דער זעלביקער אַני־מיזם,* אַ גלייבן אין דעם, אַז די גאַנצע וועלט איז באַזעצט מיט אַ קאָלאָסאַלער צאָל גײַסטער, גוטע און בייזע, מער בייזע, איידער גוטע, פון וועלכע עס הענגט אָפּ אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אַף דער וועלט, — די באַוועגונג פון די ליכטער אינעם הימל, דאָס וועטער, די גערעטעניש, דאָס גליק און אומגליק פון מענטשן, — אַז דאָס אַלץ ווערט באַשטימט דורכן קאַפּריז און ווילן פון די דאָזיקע גײַסטער.

דער אַנימיזם איז אַמאָליקע יאָרן געווען די גרונט־גלייבונג פון דער גאַנצער מענטשהײַט און לעבט נאָך אַדײַעם אין דער שפּראַך. ווען מיר זאָגן: „די זון שטייט אויף", כאַזערן מיר איבער די רייד פון אַ מענטשן, וואָס האָט געלעבט מיט טויזנטער יאָרן צוריק און וואָס איז אופּריכטיק געווען איבערצײַגט, אַז די זון איז אַ לעבע־דיקע באַשעפעניש, אַז זי לייגט זיך יעדן אָוונט שלאָפן און אינדערפרי שטייט זי אויף פון בעט. ווען מיר זאָגן „דער וואַלד רוישט", „דער טײַך לויפט", שטעלן מיר זיי דערמיט פאָר ווי לעבעדיקע באַשעפענישן. נאָר איצט איז עס מער ניט ווי ווער־טער. אַמאָליקע יאָרן אָבער, כאָזער איך איבער, האָט דער מענטש בעעמעס גע־גלייבט, אַז די גאַנצע נאַטור איז באַלעבט. פאַר די גײַסטער, וואָס ברענגען אין באַ־וועגונג די גאַנצע נאַטור און פון וועלכע עס הענגט אַפּ די גאַנצע עקזיסטענץ פונעם מענטשן, האָט מען, פאַרשטייט זיך, שרעקלעך מוירע געהאַט. מע האָט געזען מיט אַלע מיטלען צו באַגיטיקן זיי, און אַזוי ווי מע האָט נאָיוו געמיינט, אַז די דאָזיקע גײַסטער האָבן די זעלביקע באַדערפענישן, וואָס די מענטשן, האָט מען געזען געבן עסן די דאָזיקע גײַסטער, באַזאָרגן זיי אפילע מיט קליידער, מיט איין וואָרט, אַזוי צו באַפרידיקן, אַז זיי זאָלן ניט האָבן אַף וואָס זיך צו באַקלאָגן. ווען ס'האָט זיך

---

* פון דעם לאַטײַנישן וואָרט „אַנימוס" — גײַסט.

פאַרשפּרייט דאָס קריסטנטומ, איז צו די פריערדיקע גייסטער צוגעקומענ נאָכ א סאַכ נייע, קריסטלעכע מאַלאָכימ אונ הייליקע, אינ אַלגעמיינ אָבער האָבנ זיכ די דאָזיקע גלייבונגענ ניט געענדערט. מע פלעגט נאָכ אַלצ ברענגענ ק אָ ר ב אָ נ ע ס, נאָר אַנשטאָט דעמ, אַז מע זאָל אָפּגעבנ אומיטלבאַר דעמ גייסט א הונ, א שעפּס, א פערד אָדער עפּעס וואָס אַנדערש, פלעגט מענ עס אָפּגעבנ די גייסטלעכע, וועגנ וועלכע מע האָט געהאַלטנ, אַז זיי ווייסנ וויאַזוי צו באַגיטיקנ די אַנטשפּרעכיקע גייסטער פונ די הייליקע, אָדער וויאַזוי אָנצושרעקנ די אַנטשפּרעכיקע בייזע גייסטער. די קריסטלעכע גייסטלעכע האָבנ, אַזוי־אַרומ, פאַרנומענ דאָס אָרט פונ די מעכאַשפימ אונ קישעפמאַכערס (кудесники), וועלכע פלעגנ קלוימערשט אַפּריער וויסנ דעמ מאַזל.

דער אַלט־רוסישער אַנימיזמ האָט זיכ באַזונדערס בוילעט אויסגעדריקט אינ „די לעבנס־באַשרייבונגענ פונ די הייליקע", באַזונדערס אינעמ זאַמלבוכ מיט דערציילונגענ וועגנ לעבנ פונ די מאָנאַכנ פונ אַלט־רוסישנ הויפּט־מאָנאַסטיר, פונעמ קיעווער פּעטשערער. דאָס גאַנצע לעבנ פונ די אַלט־רוסישע „הייליקע" אונ מאָנאַכנ איז באַשטאַנענ פונ אָנ א שיר געראַנגלענ מיט פאַרשיידענע „בייזע", דאָס הייסט פײַנטלעכע צומ קריסטנטומ גייסטער, אונ דערבײַ פלעגנ די מאָנאַכנ געשטיצט ווערנ פונ די „גוטע", דאָס הייסט, קריסטלעכע גייסטער, הייליקע אונ מאַלאָכימ. פאַר איינ וועג דערוויסנ מיר זיכ, אַז אינעמ אַלט־רוסישנ מאָנאַסטיר פלעגט קיינ זאַכ ניט געטאָנ ווערנ אומזיסט, מע האָט ניט געקאָנט ווערנ קיינ מאָנאַכ, אויב מע האָט ניט באַצאָלט קיינ געלט, — מיט איינ וואָרט, אַלצ איז געווענ דורכגעדרונגענ מיטנ זעלביקנ מיסכער־גייסט, ווי דאָס גאַנצע לעבנ פונ דער אַלט־רוסישער שטאָט.

די אויסבילדונג פונ דער מאָסקווער מעלוכע

צומ דרײַצנטנ יאָרהונדערט פונ אונדזער צײַטרעכענונג, ד. ה., א יאָר זעקסהונדערט צוריק, האָט זיכ בײַ אונדז אײַנגעשטעלט אַזאַ אָרדענונג, וואָס מע רופט געווײנלעכ אָנ פ ע אָ ד אַ ל ע,* דער טאָכ פונ דער דאָזיקער אָרדענונג באַשטייט אינ דעמ, וואָס די גאַנצע ערד מיט איר גאַנצער באַפעלקערונג געפינט זיכ אינ רעשוס פונ א קליינער צאָל קריג־לײַט, וועלכע הערשנ איבער די אַרבעטנדיקע קלאַסנ מיט דער הילפ פונ זייערע באַוואָפנטע דינער. די דאָזיקע קריג־לײַט האָט מענ, אייגנטלעכ גערעדט, גאָרניט געקאָנט אָנרופנ ערדבאַזיצער, ווײַל ווילדע, ניט באַאַרבעטע, מיט וועלדער באַדעקטע ערד איז אינ יענע צײַטנ געווענ אָנ א שיר, אונ די ערד אַליינ פאַר זיכ האָט קיינ שומ ווערט ניט געהאַט. נאָר צווישנ די וועלדער אונ זומפּנ זײַנענ געווענ צעוואָרפנ דערפלעכ פונ פויערימ־ערדאַרבעטער, טיילווײַז פונ פויערימ־געווערבלײַט, וואָס פלעגנ כאַפּנ פיש, יאָגנ זיכ נאָכ בײַעס, האַלטנ בינענ. אונ דאָס, וואָס די דאָזיקע פויערימ האָבנ אויסגעאַרבעט, פלעגט טאַקע אַרײַנפאַלנ אינ די הענט פונ די הערשנדיקע מיליטערישע קלאַסנ. פונקט ווי אינ מײַרעוו־אייראָפּע, אַזוי איז אויכ בײַ אונדז אינ רוסלאַנד דער דאָזיקער קלאַס ניט באַשטאַנענ פונ גלײַכע מענטשנ. וואָס מער דערפער ס'פלעגט פאַרכאַפּנ דער אָדער יענער פעאָדאַל, — אינ רוסישנ „באָיארינ", „באַרינ" (האַר), — אַלצ גרעסער איז געווענ זײַנ באַטײַט. די גרעסטע פונ זיי האָבנ בײַ אונדז געהייסנ פירשטנ, די קלענערע — באָיאַרעס, די נאָכ קלענערע — באָיאַרישע קינדער. אינ מײַרעוו־אייראָפּע איז דער לייטער געווענ א לענגערער, אונ

* פונעמ וואָרט „פעאָ" — אַזוי האָט מענ אינ מײַרעוו־אייראָפּע גערופנ אַנ ערד־טיילעק פונ א קריג־מאַנ, פינ א מעלוכע־דינער.

פאַרהעלטענישן קאָמפּליצירטער, — דאָרט געפינען מיר „הערצאָגנ", „גראַפנ", רקיזנ", „באַראָנענ" אאוו. דער טאָכ פונ דער זאַכ איז אָבער געווענ איינער וג דער זעלביקער סײַ דאָ, סײַ דאָרטנ. די קלענערע פעאָדאַלנ פלעגנ געוויינלעכ זיכ שטעלנ אינ אָפּהענגיקײַט פונ די גרעסערע. צוליב וואָס האָבנ זיי עס געדאַרפט טאָנ? ווײַל אינ דער פעאָדאַלער וועלט האָט זיכ אַלצ געהאַלטנ אַפ געוואַלד, אונ א שוואַכערער מענטש, ווענ ער איז אַפילע געווענ באַוואָפנט אונ געהאַט באַוואָפנטע היימ-דינער, האָט זיכ שטענדיק געקאָנט ריכטנ, אַז אַפ אימ וועט אָנפאַלנ זײַנ שטאַרקערער שאָכנ, וועט אימ אַלײנ מאַכנ פאַר א שקלאַפ, אָדער ער וועט אימ, ווײַניקסטנס, אַרויסטרײַבנ פונ זײַנ הויפ, וועט דעמ הויפ פאַרברענענ אונ דאָס דאָרפ מיט די פויערימ וועט ער צונעמענ פאַר זיכ.

וואָס איז שײַכ די פויערימ גופע, האָט מענ זיי אינ יענער צײַט ניט געקאָנט אָנרופנ לײַבייגענע. מיט 600 יאָר צוריק האָט אינ רוסלאַנד ניט געקאָנט זײַנ קיינ פויערשער ל ײַ ב יי ג נ ט ו מ פּאָשעט דערפאַר, ווײַל אינ יענער צײַט האָבנ ניט געקאָנט זײַנ אינ דאָרפ קיינ שומ פעסטע „לײַבייגנטימערישע" פאַרהעלטענישנ. ווי מיר האָבנ נאָרוואָס אָנגעוויזנ, איז ערד געווענ איבערגענוג. די ערדאַרבעטער פלעגנ וואַנדערווענ צווישנ די אומגעהײַער גרויסע וועלדער, אויסהאַקנ געוויסע טיילנ פונ די דאָזיקע וועלדער, אויסברענענ זיי אונ מאַכנ דאָרט אַנ אַקערפעלד. ווענ די דאָזיקע ערטער פלעגנ אופהערנ געבנ א גערעטעניש, פלעגנ די פויערימ אריבערגיינ אינ אַנדערע. אַזויאַרומ האָט די באַפעלקערונג פונעמ דעמלטיקנ רוסלאַנד שטענדיק געוואַנדערט פונ איינ אָרט אַפנ צווייטנ. זייער זעלטנ איז דעמ פויערס אייניקל געשטאָרבנ אַפ דעמ אָרט, ווו ס'איז געבאָרנ געוואָרנ זײַנ זיידע. אונ אַפילע אינ מעשעכ פונ זײַנ אייגנ לעבנ פלעגט דעמ פויער אויסקומענ צו בײַטנ, עפשער, ניט איינ צענדליק אַקערפעלדער. בא אַזאַ באַוועגלעכקײַט פונ דער באַפעלקערונג האָט דעמ הערשנדיקנ קלאַס גאָר ניט געלוינט צוצובינדנ די דאָזיקע באַפעלקערונג צו א וואָסער ס'ניט איז באַשטימט אָרט. ערשט א סאַכ שפּעטער, ווענ ס'איז געוואָרנ ענג, ערד איז געוואָרנ ווינציקער, אונ ס'איז אופגעקומענ א רעגלמעסיקע ווירטשאַפט, טכילעס א פאַרלאָזונג-ווירטשאַפט אונ שפּעטער א דרײַפעלדיקע, — ערשט דעמלט זײַנענ די פויערימ צוגעפעסטיקט געוואָרנ צו דער ערד אונ צו אירע באַלעבאַטימ.

מיר האָבנ נאָרוואָס געזאָגט, אַז די פעאָדאַלנ גופע זײַנענ ניט געווענ גלײַכ איינער צומ אַנדערנ. מע דאַרפ זיכ אָבער אויכ ניט פאָרשטעלנ אַזוי, אַז איינער פונ זיי האָט קלוימערשט געהערשט, אונ די איבעריקע זײַנענ געווענ פולקומ אונטערטעניק. אויב די קליינע פעאָדאַלנ האָבנ יעדע רעגע מוירע געהאַט, אַז די גרעסערע זאָלנ זיי ניט צעראַבירנ אונ רויִנירנ, האָבנ אויכ די גרויסע געקאָנט קעמפנ מיט אַנדערע גרויסע פעאָדאַלנ נאָר דאַנ, ווענ זיי האָבנ זיכ געשטיצט אַפ א גרויסער צאָל אונטערטעניקע (אינ מײַרעוו-אייראָפּע האָבנ זיי געהייסנ „וואַסאַלנ"). די אָפּהענגיקײַט איז דאָ אַזויאַרומ, געווענ א קעגנזײַטיקע. די פעאָדאַלע געזעלשאַפט, אַפ וויפל עס האָט זיכ געהאַנדלט וועגנ דעמ מיליטערישנ קלאַס, דאַרפ מענ זיכ פאָרשטעלנ, ווי א הײַפל מענטשנ, וואָס זײַנענ דורכ אַנ אָפּמאַכ פאַרבונדנ איינער מיטנ צווייטנ. דער אינהאַלט פונעמ דאָזיקנ אָפּמאַכ איז שטענדיק געווענ איינ אונ דער זעלביקער אונ ער איז באַשטאַנענ דערינ, וואָס די גרויסע פעאָדאַלנ פלעגנ צוזאָגנ די קליינע צו פאַרטיידיקנ אונ באַשיצנ זיי, אונ די קליינע פלעגנ צוזאָגנ צו זעצנ זיכ לויט זייער רופ אַפנ פערד אונ קומענ „מיט מענטשנ אונ געווער", מיט באַוואָפנטע „כאָלאָ-

פעס", מיט אייגענער באוואָפענונג, ווענ דער גרויסער פעאָדאל (אינ מײַרעוו־אייו האָט ער געהייסנ „סיוזערענ") וועט עס פונ זיי פאָדערנ. מע דארפ נאָכ צוגעבנ, אויכ אָט די באוואָפנטע כאָלאָפעס (אינ אלטרוסלאנד האָבנ זיי געהייסנ „רינסט־לײַט") פלעגנ באקומענ אינ זייער רעשוס דערפער אונ אָפטמאָל עטלעכע דערפער מיט פויערימ, קעדיי זיי זאָלנ דורכ דעמ זײַנ צוגעבונדנ צו זייער האר. פונ די דאָזיקע באוואָפנטע כאָלאָפעס האָט זיכ בעהאדראָגע אויסגעבילדעט א גאנצער קלאס קליינע פעאָדאלנ, וואָס האָבנ שפּעטער באקומענ דעמ נאָמענ פריצימ (גוטבאזיצער), אונ פונ זיי האָט זיכ דאָס שפּעטער אויסגעבילדעט דער אדל. דאָס זײַנענ אלצ, ווי מיר זעענ, קריג־מענטשנ לויט זייער שטענדיקער באשעפטיקונג. מיט ווירטשאפט האָבנ זיי זיכ ניט פארנומענ, ניט געקאָנט אונ ניט געוואָלט זיכ פארנעמענ. עמעס, ארומ די הײַזער פלעגנ זיי אָפט האָבנ א שטיקל פעלד, א גאָרטנ, א סאָד מיט עפּל אונ פלוימענ־ביימער אאוו. דאָס איז אָבער אלצ געגאנגענ בלויז פארנ אייגענעמ גע־ברויכ. אָנ א זײַט פלעגט פונ דעמ גאָרניט ניט גײנ. פונקט אזוי פלעגנ אויכ זייערע פויערימ ניט פארקויפנ די פראָדוקטנ פונ זייער ארבעט, אונ טשינש. זייערע הארנ פלעגנ זיי צאָלנ נאָר מיט נאטור. יעדער הויפ, לעמאָשל, פלעגט געבנ א שעפס, פינפ קעזנ, א זעקל הירזש אאוו. אפ אזא אויפנ, פלעגט מענ דורכ נאטוראלע אָפּ־צאָלנ באקומענ ניט בלויז רוי־מאטעריאלנ, נאָר אויכ אינדוסטריע־פראָדוקטנ. דער שמיד, לעמאָשל, פלעגט צאָלנ טשינש דעמ האר מיט העק אָדער ער פלעגט מאכנ פאר אימ אונ פאר זײַנע באוואָפנטע דינער פאנצערס, שווערדנ אאוו. דער אייגענער טעסלער פלעגט בויענ פאר זײַנ האר א הויז, דער אייגענער גארבער פלעגט גארבנ פאר אימ פעל, אונ דער אייגענער שוסטער פלעגט פונעמ דאָזיקנ פעל מאכנ שטיוול. יעדער פעאָדאל, אפילע דער קליינער, פלעגט אזויארומ זענ באגיינ זיכ מיט דער באדינונג פונ זײַנע אייגענע מענטשנ.

די שטענדיקע רײַסערײַענ צווישנ די פעאָדאלנ זײַנענ געווענ די הויפט־מעניע דערצו, אז עס זאָלנ זיכ קאָנענ אײַנשטעלנ באציִונגענ מיט ווײַטערע געגנטנ, אבוצ די נאָענטסטע דערפער אונ יישווימ. סאָכרימ זײַנענ געווענ א זעלטענע דערשײַנונג אינ דער דאָזיקער וועלט. זיי פלעגנ געוויינלעכ פירנ מיט זיכ ניט קיינ זאכנ פונ אלטעגלעכנ געברויכ, נאָר לוקסוס־זאכנ: טײַערע זײַדענע שטאָפנ, טײַערע געווער, פרויענ־צירונג, אויסלענדישע ווײַנענ, אויסלענדישע פרוכטנ אאוו. אונ דער פעאָדאל פלעגט זיכ באמיִענ צו בארויבנ אָט די זעלטענע געסט. אייניקע פלעגנ עס טאָנ גאנצ אָפנ אונ פאָשעט, זיי פלעגנ אָנפאלנ מיט זייערע באוואָפנטע דינער אפ די סאָכרימ. אנדערע, וואָס האָבנ ניט געוואָלט קוילענענ די הונ, וואָס לייגט זיי גאָלדענע אייער, פלעגנ זײַנ פאָרזיכטיקער אונ פלעגנ אײַנאָרדענענ אינ זייערע הערשאפטנ א גרענעצ־וואכ (טאמאָזשנעס) — אינ אלט־רוסיש „מיט", — אונ פלעגנ פאָדערנ אָפצאָל פונ אלע דורכפאָרנדיקע סאָכרימ. דורכפאָרנדיק עטלעכע צענדליק אזעלכע הערשאפטנ — אונ מיט אזעלכע הערשאפטנ האָט די דעמאָלטיקע אייראָפּע אונ דאָס דעמאָלטיקע רוסלאנד געשוויבלט אונ געגריבלט, — פלעגט דער סויכער בלײַבנ הויל אונ נאקעט. ס'איז קלאָר, אז אזעלכע אָרדענונגענ האָבנ ניט געקאָנט צוגעבנ קיינ חיישעק צו פארנעמענ זיכ מיט מיסכער, אונ ס'איז פארשטענדלעכ, פארוואָס דאָס וואָרט „מיטארסטווע" («мытарство») האָט אָנגעהויבנ באטײַטנ פײַניקונג, מאטערניש.

מיר האָבנ געזאָגט, אז די פעאָדאלנ פלעגנ זיכ שטענדיק רײַסנ איינער מיטנ צווייטנ. אינ די דאָזיקע רײַסערײַענ פלעגנ די שטארקערע פריצימ מאכנ א טעל פונ

די פּעאָדאַלע רוס און די האַנדל־וועגן (IX—XIII יה.)



וואָלאָסטן און פירשטנטומס:

I קיעווער
II פינסקער-טורעווער
III וואָלינער
IV גאַליטשער
V פּאָלאָצקער
VI נאָווגאָראָדער לאַנד
VII סמאָלענסקער
VIII טשערניגאָווער
IX סעווערסקער
X מוראָמ-ריאַזאַנער
XI פּערעיאַסלאַווער
XII ראָסטאָוו-סוזדאַלער
----האַנדל-וועגן

די קלענערע. אינ זעלטענע פאלנ, פארשטייט זיכ, פּאַשעט אונ דירעקט פארניכטנ פּונקט ווי אינ זעלטענע פאלנ פלעגנ זיי פּאַשעט אונ אומיטלבאר בארויבנ די סאָרימ. פיל אָפטער פלעגט עס פארקומענ אזוי, אַז דער גרויסער פעאָדאל פלעגט צווינגענ די קלענערע, זיי זאָלנ אימ דינענ. ס'פלעגט זיכ אָבער געפינענ נאָכ א גרעסערער פעאָדאל, וואָס פלעגט זיכ באַמיִענ צו פארקנעכטנ אויכ די גרעסערע. גאַנצ אָפט פלעגט אָט דער גרעסערער פעאָדאל האָבנ אנטקעגנ זיכ א פיל שטארקערנ קעגנער. אונ אָט אזוי ביסלעכווײַז האָט זיכ פונעמ פעאָדאלנ כאַאָס געקאָנט אויסבילדנ עפּעס א גאַנצעס, ס'האָט זיכ געמוזט אויסבילדנ א פ ע אָ ד א ל ע מ אָ נ א ר כ י ע (אנ אליינהערשאַפט). אונ טאקע מיטנ וועג פונ צונויפזאמלענ איינצלנע פעאָדאלנ ארומ איינעמ זײַנענ אויפגעקומענ די גרויסע מײַרעוו-אייראָפּייִשע מעלוכעס. אזוי האָט זיכ, לעמאָשל, אויסגעבילדעט דאָס מיטלאלטערלעכע פראנצויזישע קיניגרײַכ, אזוי האָט זיכ אויכ אויסגעבילדעט די מאָסקווער מעלוכע.

פארוואָס איז די דאָזיקע פארייניקונג פאָרגעקומענ בא אונדז גראָד ארומ מאָסקווע? דאָס איז, פארשטייט זיכ, ארויסגערופנ געוואָרנ דורכ א ריי סיבעס. די דאָזיקע סיבעס דארפ מענ בעשומויפנ ניט זוכנ דערינ, וואָס די מאָסקווער פירשטנ זײַנענ געווענ קליגער אונ העלדישער פאר די איבעריקע פירשטנ אונ ביכלאל פאר די איבעריקע פעאָדאלנ. פארקערט, דאָס זײַנענ געווענ, ווי עס דערציילנ אלע היסטאָריקער, גאַנצ געוויינלעכע אונ ניט קיינ מערקלעכע מענטשנ. נאָר טאקע דערפאר האָבנ זיי געהאַט מער גליק, איידער די אנדערע. אינ אָנהייב פונ דעמ פּעריאָד, פונ וועלכנ מיר ריידנ, איז דער מאָסקווער פירשט געווענ איינער פונ די קלענסטע אונ אומבאַדײַטנדיקסטע, ער איז אָבער געזעסנ אינ זייער א בעקוועמ אָרט. דורכ מאָסקווע זײַנענ דעמאָלט דורכגעגאַנגענ צוויי וועגנ: איינער אנ עלטערער, פונ סמאָלענסק צומ טײַכ קליאַזמע, פונ מײַרעוו צו מיזרעכ. אויפנ טײַכ קליאַזמע האָט זיכ געפונענ די שטאָט וולאדימיר, די גרעסטע שטאָט פונעמ דעמאָלטיקנ פעאָדאלנ רוסלאנד. אלע סכוירעס, וואָס פלעגנ גיינ פונ מײַרעוו אינ וולאדימירער לאנד, פלעגנ דורכגיינ דורכ מאָסקווע. דער צווייטער האנדל-וועג איז געגאַנגענ פונ צאָפנ קיינ דאָרעמ, פונ נאָווגאָראָדער לאנד, וואָס איז דעמאָלט געווענ ענגער פארבונדנ מיט מײַרעוו-אייראָפּע, איידער אלע איבעריקע טיילנ רוסלאנד, צו דער איצטיקער ריאַזאַנער גובערניע, זייער א פרוכטבארע געגנט. פונדאנענ פלעגט גיינ ברויט קיינ נאָווגאָראָד, וואָס האָט זיכ זעלטנ ווענ געקאָנט באַגיינ מיט זײַנ איינענער גערעטעניש. סײַ די, סײַ יענע סכוירעס איז געווענ גאַנצ ווינציק, אויב מע זאָל עס באַטראַכטנ מיט א איצטיקנ מאַסשטאַב (מע דארפ נעמענ אינ אכט, אַז אויכ אינ מײַרעוו-אייראָפּע האָט זיכ דעמאָלט דער מיסכער אויסגעדריקט אינ א גאַנצ קליינעמ סכומ סכוירעס. לעמאָשל, אלע סכוירעס, וואָס מע פלעגט אינ מיטלאלטער אריבערפירנ פונ איטאַליע קיינ דײַטשלאנד דורכנ סענ-גאָטאַרדער דורכגאַנג אינ משעכ פונ א יאָר, וואָלטנ ארײַנ אינ צוויי צוגנ פונ דער איצטיקער סענ-גאָטאַרדער אײַזנבאַנ). וויכטיק איז אָבער דאָס, וואָס אָט די קליינע סכוירעס-באַוועגונג פלעגט אומפארמײַדלעכ מוזנ דורכגיינ דורכ מאָסקווע. אנדערש געזאָגט, הייסט עס, אַז דער מאָסקווער פירשט האָט געהאַט די מעגלעכקײַט צו קלײַבנ פונ די סאָכרימ מער אָפּצאָל („מיט"), איידער א וואָסער ס'איז אנדער פירשט. אינ דער זעלביקער צײַט אונ טיילווײַז צוליב דער זעלביקער סיבע האָט ער אויכ געהאַט מער צינז אונ נאַטוראַפּצאָלנ פונ די פויערימ, ווײַל די פויערשע באַפעלקערונג ארומ מאָסקווע איז געווענ געדיכטער ווי אינ אנדערע ערטער. דאָס דערקלערט זיכ מיט דעמ, וואָס אינ

מאָסקווער פֿירשטנטום, וואָס איז געלעגן, אַזוי צו זאָגן, באַהאַלטן אין רעכטן מיטן רוסלאַנד, האָט זיך די באַפֿעלקערונג געפֿילט א סאך זיכערער, איידער אין די ראַנד־לענדער. און אַחוץ דעם איז דער מאָסקווער פֿירשט, וואָס האָט אַדאַנק זײַן באַקוועמער געאָגראַפֿישער לאַגע באַקומען גאַנץ היפּשע האַכנאָסעס, ווייניקער ווי אַנדערע נויטיק געווען צו רײַסערײַען, און אַף זײַן ערד פֿלעגט מען דעריבער זיך מיט מער כיישעק באַזעצן, ווײַל דאָ האָט מען ווייניקער געדאַרפֿט מוירע האָבן פֿאַר א מילכאָמע. אַדאַנק אָט דעם אַלעם, האָט דער מאָסקווער פֿירשט שוין אין דער ערשטער העלפֿט פֿון פֿערצנטן יאָרהונדערט באַקומען דעם צונאָמען „קאַליטאַ", דאָס הייסט, א זאַק מיט געלט. נאָר האַגאַם ער איז געווען דער רײַכסטער, איז ער נאָך ניט געווען דער שטאַרקסטער פֿירשט. און דאָס האָט אים ווידער געבראַכט נוצן. א סאך שטאַרקער פֿון אים זײַנען דעמאָלט געווען די ריאַזאַנער אָדער ניזשעגאָראָדער פֿירשטן און באַזונדערס די טווערער. מע דאַרף אָבער ניט פֿאַרגעסן, אַז די דאָזיקע פֿירשטן זײַנען צוזאַמען מיטן מאָסקווער דעמאָלט געווען וואַסאַלן, אָפּהענגיקע פֿונעם טאָטערישן כאַן. דער כאַן פֿלעגט מיט גרוים כשאַד קוקן אַף די רוסישע פֿירשטן און האָט גאָר קיין כיישעק ניט געהאַט צו העלפֿן די שטאַרקערע פֿון זיי, ווײַל א שטאַרקן פֿירשט האָט נאָך געקאָנט אײַנפֿאַלן גאָר אויפֿהערן פֿאָלגן די טאָטערן, אויפֿהייבן קעגן זיי אַן אויפֿשטאַנד. מיטן טווערער פֿירשט האָט טאַקע אַזוי פּאַסירט. און טאַקע דערפֿאַר האָט דער כאַן געשיצט גראָד דעם מאָסקווער פֿירשט, וואָס איז געווען דער שוואַכסטער, און וועלכן דער כאַן האָט געהאַלטן פֿאַר דעם סאַמע שטילן און רויִקן. דער מאָסקווער פֿירשט איז געוואָרן עפּעס א מין הויפּט־אָנגעשטעלטער באַם כאַן. אים איז איבערגעגעבן געוואָרן צונויפֿקלײַבן פֿון אַלע איבעריקע פֿירשטן דעם טאָטערישן טשינש. אַלס סאַמע רײַכסטער, איז ער, פֿאַרשטייט זיך, געווען אויך דער זיכערסטער טשינשן־זאַמלער. ער האָט שטענדיק געהאַט געלט. ער פֿלעגט שטענדיק אויסלײַען געלט די אָרעמערע פֿירשטן און — מיטאַמאָל גייט שוין דאָס אָדער יענץ פֿירשטנטום איבער אין מאָסקווער הענט. און ער פֿלעגט עס ניט פּאַשעט פֿאַרכאַפּן, ווי ס'פֿלעגט געווײנלעך פֿאָרקומען אין דער פֿעאָדאַלער צײַט, נאָר ער פֿלעגט עס אָפּקויפֿן אָדער צונעמען פֿאַר א מאַשקן. און אַדאַנק אָט דער זעלביקער קלוימערשטיקער אומבאַדײַטנדיקייט פֿונעם מאָסקווער פֿירשט, באַקומט ער, לעסאָף, די שטיצע אויבן פֿון א צווייטער קראַפֿט. אַחוץ דעם טאָטערישן כאַן, געפֿינט דער מאָסקווער פֿירשט לײַטזעליקייט אויך אין די אויגן פֿון דער רוסישער קירכע, וואָס הייבט אים אָן צו שטיצן.

די פּראַוואָסלאַווישע קירכע אין רוסלאַנד האָט מיט איר עצעם עקזיסטענץ צו פֿאַרדאַנקען די פֿירשטן. זי איז אויפֿגעקומען אין רוסלאַנד, ווען צום סאָף פֿונעם X יאָרהונדערט האָט זיך געטויפֿט דער פֿירשט וולאַדימיר, וועלכן די דאָזיקע קירכע האָט אָפּגעדאַנקט דערמיט, וואָס זי האָט אים פֿאַררעכנט צו דער מאַכנע הייליקע. די קירכע אין רוסלאַנד איז געווען א הויף־אַנשטאַלט, אַן אָפּהענגיקע פֿונעם פֿירשט. לויט דער רעקאָמענדאַציע פֿונעם פֿירשט פֿלעגט מען באַשטימען אַרכיערייען, וועלכע ער האָט פֿאַרלאַנגט, און ער פֿלעגט פֿאַרטרײַבן די, וואָס זײַנען אים ניט געפֿעלן געוואָרן. דער פֿירשט פֿלעגט בויען מאָנאַסטירן, ווו מע האָט געדאַרפֿט טפֿילע טאָן פֿאַר אים און זײַנע קרויווים, און ער פֿלעגט באַלעבאַטעווען אין די דאָזיקע מאָנאַסטירן, ווי אין זײַן אייגענעם גוט. אויב עמעצער האָט עפּשער יאָ געקאָנט קאָנקורירן מיט די פֿירשטן אין זין פֿון אויפֿווירקן אַף דער קירכע, זײַנען עס געווען די פֿאָלק־פֿאַרזאַמלונגען (וועטשעס) פֿון די גרויסע האַנדל־שטעט; זיי פֿלעגן זיך באַגיי־

מיט די ארכיערייען און ארכימאנדריטן פונקט אזוי, ווי אין אנדערע ערטער פלעגן דאס טאן די פירשטן. די וועטשעס פלעגן זיי ארופזעצן אף זייערע שטעלעס און אראפזעצן אאוו.

די טאטערשע הערשאפט האט זייער פיל געהאלפן דער פראוואסלאווישער קירכע צו באפרייען זיך פון אונטער דער אפהענגיקייט מיצאד דעם פירשט און דער וועטשע. די וועטשעס, ווי מיר ווייסן, האבן די טאטערן פאשעט פארניכטעט. וואס אנבאלאנגט דעם פירשט, האט די קירכע, וואס איז געווען געוווינט צו זיין א הויף-אנשטאלט, זיך איצט געפונען א סאך א מעכטיקערן הויף, איידער דער הויף פון א וואסער-ניט-איז רוסישן פירשט, נעמלעך: די מיטראפאליטן, וואס זיינען איצט אריבערגעפארן פון קיעוו קיין וולאדימיר-אף דער קליאזמע, האבן זיך פארבונדן דירעקט מיט די טאטערשע כאנעס און האבן אנגעהויבן באקומען פון זיי פריווילעגיע-גראמעטעס. אין די דאזיקע גראמעטעס פלעגט דער כאן צוזאגן דער קירכע קאלעדליי לגאטעס, ער פלעגט צוזאמען ניט צו מאנען פון איר קיין אפצאלן, ער האט געמאכט דעם מיטראפאליט פאר א ריכטער איבער אלע קיר-כע-לייט און אומאפהענגיק פונעם פירשטלעכן געריכט, בלויז מיט איין באדינג, אז די קירכע זאל בעטן גאט פאר אים, פארן כאן און פאר זיין מישפאכע. דער כאן, פארשטייט זיך, איז געווען אן אומגלייביקער, טכילעס א געצנדינער און שפעטער א מאכמעדאנער, נאר די פראוואסלאווישע קירכע האט זיך דערמיט ניט גערעכנט. פאר די כאנען האט געלוינט, אז מע זאל פאר זיי בעטן גאט אין די רוסישע קלוי-סטערס. זיי האבן פארשטאנען, אז בלויז מיט קראפט אליין קאן מען זיך ניט האלטן, און זיי האבן זיך געסטארעט איינריידן די באפעלקערונג פון רוסלאנד, אז זיי, די כאנען, העלפט גאט אליין, און אז זיי זיינען דאס די מאכט, וואס איז איינ-געשטעלט פון גאט, די מאכט, וועגן וועלכער עס שטייט געשריבן אין די הייליקע ביכער. און די רוסישע ארכיערייען און גאלאכים האבן געהאלפן דעם כאן דער-גרייכן דעם דאזיקן ציל.

אזוי איז צווישן דער פראוואסלאווישער קירכע און די אומגלייביקע כאנעס אופגעקומען א בונד, א בונד, וואס האט מער נוצן געבראכט דער קירכע איידער די טאטערן, ווייל די הערשאפט פון די טאטערן איז דאך סאפפאלסאפ אראפגעווארפן געווארן. די קירכע אבער האט אויסגענוצט דעם כאנס כסאדים, קעדיי צו ווערן זעלבשטענדיק בענעגייע צו די רוסישע פירשטן. די פירשטן האט עס, פארשטייט זיך, ניט געשמעקט, און דער טווערער פירשט, לעמאשל, וואס האט אופגעהויבן אן אופ-שטאנד קעגן די טאטערן, האט זיך געפרווט מאכן אונטערטעניק צו זיך אויך די קירכע. דער וולאדימירער מיטראפאליט איז געווען געצוווּנגען צו זוכן פארבינדעטע און האט זיך, פון זיין זייט, געווענדט צום רויקן און קלוימערשט שטילן מאסקווער פירשט. דער מיטראפאליט פיאטר איז אריבערגעפארן וווינען קיין מאסקווע, וואס איז פון דעמלט אן געווארן די קירכלעכע הויפט-שטאט פון רוסלאנד.

דער מאסקווער פירשט האט זיך געשטיצט, פון איין זייט, אף זיין רייכקייט פון דער צווייטער — אף די טאטערן, פון דער דריטער — אף דער שטיצע פון דער קירכע, און ער איז ביסלעכווייז געווארן דער הויפט פון אלע רוסישע פירשטן. דאס איז פארגעקומען גאנץ גיך, אין מעשעך פון איין יארהונדערט. שוין צום סאף XIV יארהונדערט האט דער דעמלטיקער מאסקווער פירשט סעמיאן איוואנא-וויטש, איוואנס קאליטאס זון („קאליטא" הייסט טאקע „א זאק מיט געלט"), געהייסן דער „שטאלצער" און די כראניקער האבן וועגן אים פארשריבן, אז „אונטער זיין

טעריטאָריעלער וווּקס פונ מאָסקווער פירשטנטום (XIII—XV יה.)



די לעבדער, וואָס זײַנע פאַרייניקט געוועג צו מאָסקווער פירשטנטום צומ 1410 יאָר.

די פאַרייניקונגעג צומ מאָסקווער פירשטנ־טומ ביזנ 1400 יאָר.

די פאַרייניקונגעג צומ מאָסקווער פירשטנ־טומ צומ 1334 ?.

מאָסקווער טייל־פירשטנטומ אינ 1271 יאָר.

וולאַדימירער גרויספירשטנטומ בא 1334 יאָר.

די טיילנ, וואָס זײַנע פאַרייניקט געוואָרנ צומ גרויספירשטנטומ ביזנ 1400 יאָר.

די טיילנ, וואָס זײַנע פאַרייניקט געוואָרנ צומ גרויספירשטנטומ ביזנ 1474 יאָר.

די גרענעצנ פונ מאָסקווער מעלוכע בעע־רעכ אינ 1474 יאָר.

האנט" זײַנענ אָפּגעגעבנ געוואָרנ אַלע רוסישע פירשטנ, דאָס הייסט, אַז ער איז בלוימערשט געוואָרנ דער ס י ו ז ע ר ע נ פונ גאַנצ רוסלאַנד. דאָס איז, פאַרשטיי זיכ, א גוזמע. דער סיוזערענ פונ גאַנצ רוסלאַנד איז געוואָרנ ערשט זײַנ אור-אור-ניקל, איוואַנ וואַסיליעוויטש, צומ סאָפ פונעמ XV יאָרהונדערט, אָבער די דאָזיקע גוזמע באַווײַזט, וויאַזוי מע האָט שוינ מיט הונדערט יאָר פאַר דעמ געקוקט אפנ מאָסקווער פירשט.

וואָס זשע פאַר אַנ עקאָנאָמישע באַדינגונגענ זײַנענ געלעגנ אינ גרונט פונ אָט דער ענדערונג, — דערפונ, וואָס פונ קליינע איינצלנע הערשאַפטנ האָט זיכ אויסגעבילדעט איינ גאַנצעס? ס'איז קלאָר, אַז די זאַכ האָט זיכ ניט געקאָנט באַגרענעצנ מיטנ פאַראייניקנ עטלעכע פעאָדאַלע הערשער ארומ איינ עלטערנ, אַז בײַ דעמ דאָזיקנ פאַקט האָט געמוזט זײַנ אַנ ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ס י ב ע. אַז מיר וועלנ זיכ צוקוקנ צו די ענדערונגענ, וואָס זײַנענ פאָרגעקומענ גלײַכצײַטיק מיט דער פאַראייניקונג פונ רוסלאַנד ארומ מאָסקווע, הייבנ מיר אָנ זענ אויכ די דאָזיקע עקאָנאָמישע סיבע. אינעמ XII יאָרהענדערט, ווענ עס ווערט צומ ערשטנ מאָל דערמאָנט מאָסקווע (דאָס ערשטע מאָל ווערט זי דערמאָנט אינ 1147-טנ יאָר) איז דאָס געווענ א פאַשעטע נאַכלע פונעמ דאַמאָלסטיקנ וולאַדימירער פירשט יורי דאָלגאָרוקי, וואָס האָט זיכ געפונענ אפנ שטיילנ קאָפ — צווישנ די טײַכנ נעגלינע אונ מאָסקווע, דאָרטנ, ווו עס שטייט איצט דער גרויסער קרעמל-פאַלעצ אונ די באָראָוויצקער טויערנ. אונ צומ סאָפ XIV יאָרהונדערט, מיט צוויי הונדערט יאָר שפּעטער, איז אינ מאָסקווע געווענ עטלעכע טויזנט הויפנ, דאָס הייסט א באַפעלקערונג פונ עטלעכע צענדליק טויזנט מאַנ. אונ צומ סאָפ XVI יאָרהונדערט, צוויי הונדערט יאָר נאָכ שפּעטער, איז מאָסקווע געווענ, ווי עס דערציילט איינער אַנ ענגלישער רײַזנדער, „עטוואָס גרעסער פאַר לאָנדאָנ", דאָס הייסט, זי איז געווענ איינע פונ די גרעסטע שטעט אינ אייראָפּע אונ, פאַרשטייט זיכ, די גרעסטע שטאָט אינ רוסלאַנד. ס'איז קלאָר, אַז די עצעמ עקזיסטענצ פונ אַזא מינ גרויסער שטאָט האָט באַטײַט, אַז רוסלאַנד ווערט שוינ מער ניט צעפאַלנ אפ א גרויסער צאָל קליינע פעאָדאַלע הערשאַפטנ, ווײַל א שטאָט מיט א באַפעלקערונג פונ עטלעכע צענדליק טויזנט מאַנ, וואָס האָבנ אַליינ, פאַרשטייט זיכ, ניט געקאָנט באַאַרבעטנ די ערד, ניט געאַקערט אונ האָבנ געמוזט באַקומענ ברויט פונ אויסנ, — אַזא גרויסע שטאָט האָט געקאָנט עקזיסטירנ נאָר אַדאַנק דעמ האַנדל מיט ברויט אונ מיט אַנדערע רוי-מאַטעריאַלנ. אויב מע וואָלט פונ די ארומיקע געגנטנ ניט צוגעפירט אַזוינע רוי-מאַטעריאַלנ, וואָלט די באַפעלקערונג פונ שטאָט אומגעקומענ פונ הונגער, אָדער זי וואָלט זיכ געמוזט צעגיינ אינ פאַרשיידענע זײַטנ.

פונ וועמענ אונ וויאַזוי איז געשאַפנ געוואָרנ די דאָזיקע באַפעלקערונג? אַזא באַפעלקערונג איז געווענ ניט נאָר אינ מאָסקווע. אי טווער, אי וולאַדימיר, אי ניזשני, אי ריאַזאַנ, אי יאַראָסלאַוול זײַנענ שוינ צו יענער צײַט געווענ באַדײַטנדיקע שטעט, האַגאַמ קלענערע פאַר מאָסקווע.

ערשטנס, האָבנ, פאַרשטייט זיכ, אַלע גרויסע פעאָדאַלנ, אַלצײַנס, צי דאָס איז געווענ דער מאָסקווער פירשט, אָדער דער טווערער, אָדער ריאַזאַנער, געהאַט א גרויסע צאָל, גאַנצע הונדערטער אָדער, עפּשער, טויזנטער הויפלײַט, קריג-לײַט אונ ניט קיינ קריג-לײַט. די כאַשעוועריע פונ דעמ פירשטס הויפ-לײַט האָבנ, פאַרשטייט זיכ, געהאַט אַנ אייגענעמ הויפ, אונ יעדער פונ זיי האָט געלעבט אינ זײַנ מאַיאָנטעק. נאָר דאָס איז נאָכ ניט אַלצ: ארומ דעמ האַרס הויפ פלעגנ זיכ

צונויפקלײַבנ ניט נאָר זײַנע דינסטלײַט, נאָר אויכ שוואַרצע לײַט, ווי זײ האָבנ דעמלט געהײסנ, אָדער פּאַרשטאָט־לײַט, ווי מע פּלעגט זײ רופנ אַנדערש, ווײַל זײ האָבנ געוווינט ניט אינ שטאָט גופע, דאָס הײסט, ניט אינעם ישעוו, וואָס איז געווענ באַפעסטיקט מיט מויערנ און זיכ געפונענ אַרום דעם פירשטלעכנ הויפ, נאָר אַרום די מויערנ, אינ דער אַזויגערופענער פּאַרשטאָט („פּאָסאַד”). די דאָזיקע פּאַרשטאָט־לײַט זײַנענ הויפּטזאַכלעכ געווענ באַלמעלאָכעס, די זעלביקע דאָרפ־באַלמעלאָכעס, וואָס מיר געפינענ שוינ פריִער, נאָר וועלכע האָבנ אָנגעהויבנ ביסלעכווײַז צו באַדינענ מיט זײער מעלאָכע ניט נאָר זײער אײגנ דאָרפ און די נאָענטסטע דערפער, נאָר אויכ די גאַנצע אַרומיקע באַפעלקערונג. די בעסטע שמידנ, די בעסטע זאָטלמאַכער, שוסטער, שנײַדער — זײ אַלע פלעגנ זיכ צונויפקלײַבנ אַרום דעם הויפ פונעם גרעסטנ פּאַרעץ, ווײַל דאָ פלעגנ זײ געפינענ די בעסטע קונדנ און דאָ פלעגנ זײ קאָנענ מער פונ אַלצ פאַרדינענ. צו די דאָזיקע באַלמעלאָכעס פלעגנ זיכ אָפטער פונ אַלצ וואָנדערנ יענע מאַסנ קלײנע פעאָדאַלנ, די צוקונפטיקע גוטבאַזיצער און אַדעליקע, וואָס זײַנענ, צוליב זײער אָרעמקײַט, ניט געווענ בעקויעכ אויסצוהאַלטנ בײַ זיכ אַזאַ גרויסע צאָל הויפ־לײַט מיט קאָלערלײ געלערנטע פאַכלײַט, ווי די גרויסע פעאָדאַלנ. ענדלעכ אויכ די סאָכרים, די פאַרקויפער פונ לוקסוס־זאַכנ, פלעגנ צוליב דער זעלביקער סיבע פאָרנ מיט מער כײשעק צום הויפ פונ די רײַכסטע פירשטנ. דאָ איז געווענ גרעסערע מעגלעכקײַטנ אָפּצוזעצנ די סכוירעס, דאָ זײַנענ געווענ די בעסטע קוינים. אינ מאָסקווע אינ פערצנ יאָרהונדערט געפינענ מיר שוינ „סוראָזשער געסט”, סאָכרים, וואָס האָבנ דורכ די גענועזישע קאָלאָניעס אינ קרים געהאַט באַציִונגענ מיט איטאַליע.

אַזויאַרום האָט זיכ אינ מאָסקווע געבנ דער פעאָדאַלער באַפעלקערונג אויסגעבילדעט אויכ אַ יונגע שטאָטישע באַפעלקערונג, אַ בורזשואַזע באַפעלקערונג, אויסדריקנדיק זיכ אָפּנ מײַרעוו־אײראָפּײִשנ שטײגער, וואָס איז באַשטאַנענ פונ באַלמעלאָכעס און סאָכרים. מאָסקווע איז שוינ ניט געווענ ענלעכ צו אַ געוויינלעכנ הויפ פונ אַ פעאָדאַלנ הערשער. דאָס איז שוינ געווענ אַ שטאָט אינ עמעסנ זינ פונעם וואָרט, עמעס, אַ מיטלאַלטערלעכע שטאָט, מיט קלײנע און דורכויס הילצערנע געבײַדעס, אַ שטאָט, וואָס איז מיט אירע שמאָלע און שמוציקע גאַסנ מער ענלעכ געווענ צו אַ דאָרפ, אײדער צו אַ שטאָט, אָבער זי האָט שוינ באַרעכטיקט דאָס שפּריכוואָרט, אַז מאָסקווע איז אַ גרויס דאָרפ. און, איכ כאַזער איבער, אַז דאָס איז ניט געווענ די אײנציקע שטאָט אינעם דעמלטיקנ רוסלאַנד. עטלעכע אַזעלכע שטעט האָבנ מיר שוינ אָנגערופנ, נאָר צו זײ דאַרפ מענ נאָכ צוגעבנ די גרעסטע נאָכ מאָסקווע און אינ פּראַט פונ האַנדל די נאָכ מער באַדײַטנדיקע אינ יענער צײַט שטאָט נאָווגאָראָד אָפּנ וואָלכאָוו. מיטנ קאַמפ צווישנ אָט די צווײ גרויסע שטעט, צווישנ מאָסקווע און נאָווגאָראָד, פאַרענדיקט זיכ טאַקע די אויסבילדונג פונ דער מאָסקווער מעלוכע. ווענ מאָסקווע האָט באַזיגט נאָווגאָראָד, איז זי ווירקלעכ געוואָרנ די הויפּט־שטאָט פונ גאַנצ רוס, און איר פירשט — דער עלטסטער, דער סיוזערענ איבער אַלע רוסישע פירשטנ.

דער קאַמפ צווישנ מאָסקווע מיט נאָווגאָראָד

נאָווגאָראָד איז נאָכ אַ סאַכ פריִער, אײדער מאָסקווע, געוואָרנ אַ גרויסער האַנדל־צענטער, אויכ אַדאַנק זײַנ באַקוועמער געאָגראַפישער לאַגע.

נאָווגאָראָד האָט זיכ געפונענ באַם קנופ פונ די וואַסער־וועגנ, וואָס האָבנ

געפירט צום באַלטישנ יאַמ. דורכנ טײַכ װאָלכאָװ, לאַדאָגער אָזערע אונ טײַכ נעװא איז ער פאַרבונדנ מיטנ סאַמע מיזרעכדיקנ אײַנגוס פונעמ באַלטישנ יאַמ — מיטנ פינישנ אײַנגוס, אונ דורכ די בײַטײַכנ פונ דער אילמענ-אָזערע, פונ װעלכער עס פליסט אַרױס דער טײַכ װאָלכאָװ, איז ער פאַרבונדנ מיט דער געגנט, װאָס ליגט אַרומ דער אױבערשטער שטראָמונג פונ דער װאָלגע; פונדאַנענ איז איבער קלײנע װאָלאָקעס *, דאָס הײסט, ערד-פּאַסנ צװישנ די טײַכנ, גרינג געװענ צוצופירנ סכױרעס קײנ נאָװגאָראָד.

אינ דער זעלביקער צײַט האָט אימ אַנעצ טײַכנ אונ אָזערעס, װאָס געפינענ זיכ צו צאָפנ-מיזרעכ צו פונ דער לאַדאָגער אָזערע, פונ דעמ טײַכ אָנעגע, פונ דער אָנעגער אָזערע אאַװ., פאַרבונדנ מיט דער יאַמ-געגנט אונ מיט דער געגנט פונ צאָפנ-דװינע. די צאָפנ-דװינע, די אַזױגערופענע הינטערװאָלאָק-געגנט (заволочье דאָס הײסט, דאָס לאַנד, װאָס געפינט זיכ אָפ יענער זײַט פונעמ „װאָלאָק" (צװישנ דער װאָלגע אונ צאָפנ-דװינע), פונעמ גרעסטנ ערד-פּאַס צװישנ די טײַכנ, פונ װעלכע ס'האָבנ געװוסט די נאָװגאָראָדער אײַנװױנער, איז געװאָרנ די ערשטע נאָװגאָראָדער קאָלאָניע. אָט די קאָלאָניע פלעגט צושטעלנ די נאָװגאָראָדער אײַנװױנער אײנע פונ די טײַערסטע זאַכנ פאַרנ אױסערלעכנ האַנדל, — רױכװאַרג, װאָס מיט דעמ פלעגט נאָװגאָראָדער געגנט באַזאָרגנ גאַנצ מײַרעװ-אײראָפּע. אונ, פונ דער אַנדערער זײַט, פלעגנ זײ באַקומענ זילבער פונעמ סאַמע מיזרעכ-עק פונ דער דאָזיקער הינטערװאָלאָק-געגנט, פונ אוראַל, װוהינ ס'פלעגנ דערלאַנגענ די נאָװגאָראָדער קאָלאָניזאַטערס (װאָס האָבנ, צװישנ אַנדערע, געגרינדעט די שטאָט װיאַטקע). קאָסטבאַרע מעטאַלנ איז דעמלט געװענ זײער װײניק אונ דאָס באַזיצנ קאָסטבאַרע מעטאַלנ איז געװענ אַפ אַזױפיל װיכטיק, אַז דאָס אַלײנ פלעגט שױנ צוגעבנ אַ גרױסנ באַטײַט דער אָדער יענער שטאָט, אױב אַפילע איר געאָגראַפישע לאַגע איז געװענ ניט גאָר קײנ גינסטיקע. אינ מיטל-דײַטשלאַנד, לעמאָשל, האָט זיכ אַרױסגערוקט האַסלאַר, אַ גאַנצ קלײנ שטעטל, נאָר צוליב דעמ, װאָס ניט װײַט פונ אימ פלעגט מענ אינ די האַרצ-בערג אַרױסבאַקומענ זילבער, דערבײַ אינ אַזאַ קלײנער צאָל, אַז איצט האָט מענ אינגאַנצנ פאַרװאָרפנ אָט די זילבער-גרובנ. דעמלט אָבער האָבנ זײ געהאַט אַ גרױסנ באַטײַט, װײַל, איכ כאַזער איבער, ביז מע האָט אַנטדעקט אַמעריקע, האָט אײראָפּע געהאַט זײער װײניק קאָסטבאַרע מעטאַלנ, אונ דער האַנדל-קאַפּיטאַל װידער האָט זיכ גענײטיקט אינ דעמ.

האַנדלדיק אינ זײַנ רעשוס װערטפולע סכױרעס אונ זילבער, דעמ הױפּט-מיטל פונעמ מיטלאַלטערלעכנ אױסטױש, האָט נאָװגאָראָד פאַרבונדנ ענגע באַציִונגענ מיט די האַנדל-שטעט פונ באַלטישנ אונ בײַרײנישנ דײַטשלאַנד, מיטנ האַנזע-בונד. אינ נאָװגאָראָד האָבנ זיכ שטענדיק געפונענ סאָכרימ פונ האַנזע, זײ האָבנ געהאַט דאָרטנ זײערע האַנדל-הױפנ אונ סכױרע-לאַגערס. אַזױ-אַרומ איז נאָװגאָראָד אינ יענע צײַטנ געװענ די אײנציקע רוסישע שטאָט, װאָס האָט זיכ געפונענ אינ דירעקטע פאַרבינדונגענ מיט מײַרעװ-אײראָפּע. אַדאַנק דעמ, האָט זיכ אינ נאָװגאָראָד שטאַרקער געפילט די װירקונג פונ דער מײַרעװ-אײראָפּײִשער קולטור. דאָס האָט זיכ אָפּגעשפיגלט אױכ אינ דער קונסט (די באַרימטע „קאָרסונער טױערנ", לעמאָשל,

---

* װאָלאָק (פונעמ רוסישנ װאָרט ВОЛОЧИТЬ — שלעפנ, איבערשלעפנ) — אַ קלײנער פּאַס יאַבאַשע צװישנ צװײ טײַכנ, איבער װעלכנ מע פלעגט אַריבערטראָגנ דאָס שיפל פונ אײנ טײַכ אינ צװײטנ (דער איבערז.).

פונ נאָווגאָראָדער הויפט־קלויסטער, פונ דער הייליקער סאָפיע, זײַנענ געמאַכט געוואָרנ אינ דײַטשלאַנד), אויכ אינ דער רעליגיע (סעקטעס פונ „שערערס" אונ „ייִדיזירנדיקע" (жидовствующие), וואָס זײַנענ אַרײַנגעדרונגענ פונ מיזרעוו־אייראָפע קיינ נאָווגאָראָד), אויכ אינעמ אומגאַנג — די נאָווגאָראָדער גווירימ פלעגנ טראָגנ קליידער פונ פלאַנדרישנ (איצטער אינ בעלגיע) געוואַנט אאַוו. אַדאַנק דעמ האַנדל, הייבט זיכ אָנ אינ נאָווגאָראָד פריִער, ווי אינ אַ וועלכנ ניט איז אַנדערנ טייל פונ רוסלאַנד, אויסצובילדנ דער האַנדל־קאַפיטאַל, דאָס הייסט, די אויסבײַט־מיטלענ קאָנצענטרירנ זיכ אינ די הענט פונ אַ קליינער צאָל מענטשנ. די ערשטע אינ רוסלאַנד גווירימ פונ דעמ מינ זײַנענ געווענ די נאָווגאָראָדער באָיאַרעס, די נאָווגאָראָדער פעאָדאַלנ, ערד־באַזיצער, וואָס האָבנ געראַבירט ניט אַזוי פיל אַנדערע פעאָדאַלנ, ווי דעמ רײַכנ הינטערוואָלאָק־קאַנט, אונ זיי זײַנענ דאָס געווענ די ערשטע קאָלאָניזאַטערס אונ באַצווינגערס פונעמ דאָזיקנ קאַנט (ווי, אַשטייגער, שפעטער די שפאַניער אינ אַמעריקע). אויסבײַטנדיק דאָס אָנגעראַבירטע אָפ געלט, פלעגנ אָט די רײַכע נאָווגאָראָדער באָיאַרעס דערנאָכ אויסלײַענ דאָס געלט סאָכרימ, קלענערע הענדלער, וואָס פלעגנ באַזאָרגנ מיט מיזרעוו־אייראָפייִשע סכוירעס די רוסישע געגנטנ, וועלכע זײַנענ געלעגנ צו דאָרעמ צו פונ נאָווגאָראָד, די איצטיקע מאָסקווער אונ איוואַנאָווער געגנטנ, אונ זיי פלעגנ באַקומענ דערפאַר רויוואַרג, באַזונדערס ברויט, אינ וועלכנ נאָווגאָראָד האָט זיכ גענייטיקט.

ווי מיר זעענ, איז נאָווגאָראָד, וואָס איז אַדאַנק דעמ דאָזיקנ מיסכער געוואָרנ גאַנצ שטאַרק, געווענ ענג פאַרבונדנ מיט די צוקונפטיקע הערשאַפטנ פונעמ מאָסקווער גרויספירשט.

אַכוצ באָיאַרעס אונ סאָכרימ, וואָס האָבנ געבילדעט דעמ אויבערשטנ שיכט פונ דער נאָווגאָראָדער באַפעלקערונג, האָבנ זיכ דאָרטנ, נאָכ מער ווי אינ מאָסקווע, קאָנצענטרירט אַ סאַכ באַלמעלאָכעס, קליינע הענדלער, קרעמער אאַוו., וואָס האָבנ געבילדעט די באַפעלקערונג פונ דער דאָזיקער שטאָט, וועלכע איז געווענ אײַנגעטיילט אָפ פינפ „עקנ" אָדער גרויסע קוואַרטאַלנ. פונ וועמענ ס'איז באַשטאַנענ די באַפעלקערונג פונ די דאָזיקע עקנ, באַווײַזנ זייערע נעמענ: איינער האָט געהייסנ מעסלער־עק, דער צווייטער — טעפער־עק אאַוו. די גרויסע האַנדל־שטאָט האָט זיכ גענייטיקט אינ אָט דער גאַנצער באַפעלקערונג אונ זי האָט דעריבער גאַנצ גיכ אויסגעקעמפט פאַר זיכ זעלבשטענדיקײַט, וואָס אַזאַ האָט ניט געהאַט די באַפעלקערונג פונ אַנדערע שטעט, וואָס זײַנענ געווענ רעזידענצנ פונ גרויסע פעאָדאַלנ. פאַר די באָיאַרעס אונ סאָכרימ האָט געלוינט, זיי האָבנ זיכ אַפילע גענייטיקט אינ דעמ, אַז אינ שטאָט אונ אינ דער נאָענטסטער אומגעגנט זאָל הערשנ אַ געוויסע רויִקײַט, אַנדערש וואָלטנ די אויסלענדער אויפגעהערט צו פאָרנ אַהער. אינ קעגנזאַצ צומ גאַנצנ איבעריקנ פעאָדאַלנ רוסלאַנד, איז אינ נאָווגאָראָד געווענ אַ געוויסע אָרדענונג. אַזוי ווי פאַר די נאָווגאָראָדער קאַפיטאַליסטנ איז זייער וויכטיק געווענ, עס זאָל באַ זיי זײַנ אַ געוויסע אָרדענונג, האָבנ זיי געמוזט אײַנגיינ אָפ אייניקע האַנאָכעס בענעגייע דער באַפעלקערונג, אינ וועלכער זיי האָבנ זיכ גענייטיקט. אַזאַ אָרדענונג האָט זיכ אײַנגעשטעלט ניט נאָר אינ נאָווגאָראָד, נאָר אויכ אינ אַלע גרויסע האַנדל־שטעט פונ דער מיטלאַלטערלעכער אייראָפע. אומעטומ האָט די נייטיקײַט אינ אַ מער פעסטער האַנדל־אָרגאַניזאַציע געפירט דערצו, אַז די נידעריקע קלאַסנ פונ דער באַפעלקערונג, וואָס זײַנענ געווענ פולשטענדיק פאַרשקלאַפט אינ די פעאָדאַלע גיטער, פלעגנ אינ די שטעט באַקומענ אַ געוויסע פרײַהײַט. אַזוי־אַרומ האָט

זיך אויסגעבילדעט די פראנצויזישע קאמונע, אזוי האבן זיך אויסגעבילדעט די דײַטשישע שטאָט־געמיינדעס, ס'איז אויפגעקומען דאָס אזויגערופענע „מאגדעבורגער רעכט“ מיט פארשיידענע פריווילעגיעס פאר די שטאָט־אײַנוווינער אאוו.

דאָס באטײַט אָבער לאַכלוטן ניט, אז נאָווגאָראָדער לאנד איז געווען א פרײַ לאנד. פארקערט, די דאָרפישע באפעלקערונג פון דער נאָווגאָראָדער געגנט איז גאָלע, אדאנק דעם, וואָס די דאָזיקע געגנט איז לויט איר עקאָנאָמישער אנטוויקלונג געגאנגען פאָרויס פאר די איבעריקע טיילן פון רוסלאנד, א סאך מער עקספּלואטירט געוואָרן. אין נאָווגאָראָדער געגנט הייבן אָן די סמערדן פריִער, ווי אין אנדערע ערטער, צו ווערן לײַביגענע אין ווירקלעכן זין פון וואָרט, דאָס הייסט, זיי ווערן צוגעפעסטיקט צו דער ערד און צו זייערע הארן. זיי זײַנען געווען לײַבייגענע ניט בלויז פון זייער האר, נאָר פון דער גאנצער נאָווגאָראָדער געמיינדע. די שטאָט נאָווגאָראָד איז געווען א מין גרויסער האר, וואָס האָט געהערשט איבערן גאנצן נאָווגאָראָדער לאנד. די באפעלקערונג פון דעם דאָזיקן לאנד איז אזויארום גארניט געווען פארינטערעסירט אין אָט דער מער אָדער ווייניקער פרײַער אָרדענונג, וואָס האָט עקזיסטירט אין דער שטאָט גופא.

די דאָזיקע שטאָט, כאָטש נאָמינעל איז זי געווען אונטערגעוואָרפן די פירשטן, איז אינדערעמעסן געווען א רעפובליק, זי פלעגט באשטימען און אראָפּזעצן אירע פרעזידענטן — די פּאָסאדניקעס, איר הויפּט־קאָמאנדיר — דעם „טיסיאצקי“ (קאָמאנדיר פון טויזנט), אירע ריכטער, די עלטסטע איבער באזונדערע געגנטן אאוו. נאָר אין אלע איניאָנים פלעגט זיך באטייליקן בלויז די שטאָטישע באפעלקערונג אין ענגן זין פון וואָרט. אזוי איז עס געווען, כאָזער איך איבער, ניט בלויז בא אונדז אין נאָווגאָראָד, נאָר אין גאנץ מיטל־אייראָפּע, אין אלע האנדל־שטעט. די שטאָטישע לופט פלעגט מאכן דעם מענטשן פרײַ, און אין א סאך שטעט איז אפילע געווען א כלל, אז אויב א מענטש האָט אָפּגעלעבט אין שטאָט א יאָר מיט א טאָג, ווערט ער שוין צוליב דעם אליין א פרײַער מענטש. נאָר הינטער די שטאָט־מויערן פלעגט זיך שוין אָנהייבן דאָס פעאָדאלע פארשקלאפטע לאנד.

די מאָסקווער בורזשואזיע האָט שטארק מעקאנע געווען דער נאָווגאָראָדער בורזשואזיע. וואָס גרעסער מאָסקווע איז געוואָרן, אלץ מער האָט זיך אירע סאָכרים געוואָלט פארכאפּן אין זייערע הענט אלע רעוואָכים, וואָס מע האָט נאָר געקאָנט צונויפקלײַבן אַפ דער רוסישער ערד. אין מאָסקווע האָט זיך אויך אָנגעהויבן אויסבילדן דער האנדל־קאפּיטאל, ד. ה. די אויסטויש־מיטלען האָבן זיך אָנגעהויבן קאָנצענטרירן אין די הענט פון א קליינער צאָל מענטשן. פונדאנען שטאמען די שטענדיקע צוזאמענשטויסן צווישן מאָסקווע מיט נאָווגאָראָד. פאר די דאָזיקע צוזאמענשטויסן פלעגט מען געפינען פארשיידענע טערוצים, נאָר די עמעסע סיבע איז געווען איינע: מאָסקווע האָט געוואָלט אָפּנעמען בא נאָווגאָראָד דעם רײַכן הינטערוואָלאָק־קאנט מיט זײַן רויכווארג און זילבער. די אויבערהאנט בייס די דאָזיקע צוזאמענשטויסן פלעגט אלץ מער און מער באקומען מאָסקווע, ווײַל מאָסקווע, וועלכע האָט אונטער דער אָנפירונג פונעם מאָסקווער פירשט אונטערטעניק געמאכט אלע איבעריקע פירשטן, איז געווען א מעכטיקע מיליטערישע קראפט, וואָס פלעגט אָנגעפירט ווערן פון איין צענטער, א קראפט, וואָס איז געווען נאָך דראָענדיקער צוליב דעם, ווײַל זי האָט געהאט צו אירע דינסטן די טאָטערשע קאוואלעריע, פאר וועלכער ס'האָט דעמלט מוירע געהאט גאנץ רוסלאנד. און נאָווגאָראָד האָט עס ניט געהאט.

נאָווגאָראָדער און מאָסקווער קאָלאָניזאַציע פונעם צאָפן און הינטערוואָלגע (XVI י.ה.)



מיר האָבנ שוינ דערמאָנט, אַז די דאָרפישע באַפעלקערונג פונעמ נאָווגאָראָדער קאַנט איז גאָרניט געווענ פאַראינטערעסירט צו פאַרטיידיקנ נאָווגאָראָד, ווײַל קיינ גוטס פונ זײַנ הערשאַפט האָט זי ניט געזענ, אונ איר, דער דאָזיקער דאָרפישער באַפעלקערונג, איז אַלציינס געווענ, אונטער וועמעס הערשאַפט זי וועט זיכ געפינענ, — צי אונטער נאָווגאָראָד מיט זײַנע באָיאַרעס, צי אונטער די באָיאַרעס פונ מאָסקווע מיטנ מאָסקווער גרויספירשט. מיר האָבנ אויכ געזענ, אַז אויכ צווישנ די הערשנדיקע קלאַסנ פונ דער נאָווגאָראָדער באַפעלקערונג איז ניט געווענ קיינ אייניקײַט. פאַר דער אומאָפּהענגיקײַט פונ נאָווגאָראָד זײַנענ געווענ דעריקער די נאָווגאָראָדער באָיאַרעס, וואָס האָבנ זיכ געשטיצט אַפּ די אונטערשטע שיכטנ פונ דער נאָווגאָראָדער באַפעלקערונג. אָבער די נאָווגאָראָדער סאָכרימ זײַנענ געווענ פאַראינטערעסירט אינ דעמ, זיי זאָלנ קאָנענ זיכ געפינענ אינ גוטע באַציִונגענ מיטנ „אונטנ" (אַזוי האָט געהייסנ דער וואָלגע־קאַנט, ווײַל פונעמ נאָווגאָראָדער קאַנט פליסט די וואָלגע אַראָפּצו). דער האַנדל אָט מיט דעמ „אונטנ" איז געווענ די הויפּט־באַשעפטיקונג פונ די נאָווגאָראָדער סאָכרימ, אונ יעטווידע מילכאָמע מיט מאָסקווע פלעגט בא זיי אָפּנעמענ אַלע קוואַלנ פונ רעווען: די סאָכרימ, דאָס הייסט, דער גאַנצער מיטלקלאַס פונ נאָווגאָראָד האָט דעריבער זייער שוואַכ געשטיצט די באָיאַרעס. אַדאַנק דעמ איז מאָסקווע נאָכ אַ גאַנצער ריי מילכאָמעס בײַגעקומענ נאָווגאָראָד. דער מאָסקווער גרויספירשט האָט באַהערשט די צאָפּנדיקע האַנדל־צענטערס (אַכוץ נאָווגאָראָד האָט באַקומענ אַ גרויסנ האַנדל־באַטײַט אויכ זײַנ „פאָרשטאָט" פּסקאָוו), איז געוואָרנ דאָרט פונקט אַזא באַלעבאָס, ווי ער איז געווענ אַפּ די ברעגנ פונ דעמ מאָסקווע־טײַכ, אונ מיט דעמ, וואָס ער האָט פאַרמאַכט אינ נאָווגאָראָד די האַנדל־הויפנ, איבערגעשיקט די נאָווגאָראָדער אונ די פּסקאָווער סאָכרימ אַז „אונטנ" אונ אַפּ זייער אָרט געשיקט עטלעכע הונדערט מאָסקווער סאָכרימ, האָט ער טײַעפּ באַוויזנ, וועמעס ווערקצײַג ער איז אינעמ דאָזיקנ קאַמפּ. נאָכדעמ איז די מאָסקווער בורזשואַזיע געוואָרנ דער גאַנצער באַלעבאָס איבערנ מיסכער אַפּנ גאַנצנ שעטעכ פונעמ דעמאָלטיקנ רוסלאַנד. פונ אַלע קליינע פעאָדאַלע הערשאַפטנ אונ פונ די פרײַע שטעט האָט זיכ אַפּנ צאָפּנ־מײַרעוו אויסגעבילדעט איינ גרויסע מאָסקווער מעלוכע.

די צעפאַלונג פונעמ מאָסקווער פעאָדאַליזמ; די סכוירע־ווירטשאַפט אונ דאָס לײַבייגנטומ

די מאָסקווער מעלוכע איז שוינ געווענ אַ סאַכ מער קאָמפּליצירט, איידער יענע קליינע פעאָדאַלע הערשאַפטנ, פונ וועלכע זי האָט זיכ אויסגעבילדעט. די קליינע פעאָדאַלע הערשאַפטנ — די טייל־פירשטנטומס האָבנ זיכ ס'ראָוו אויסגעבילדעט פונ הויפנ אָדער מאָנאַסטירנ, אַרומ וועלכע עס פלעגנ זיכ געפינענ האַנדל־פלעצער אונ גאַנצ גרויסע דערפער. אונ אָט דאָס איז געווענ די גאַנצע הויפּט־שטאָט. די הויפּט־שטאָט פונ דער מאָסקווער מעלוכע איז געווענ, ווי מיר האָבנ שוינ אָנגעוויזנ אויבנ, אַ גרויסע שטאָט, א גרויסע, לויט דעמ דעמאָלטיקנ מאַסשטאַב, איינע פונ די גרעסטע אינ יענער צײַט שטעט פונ אייראָפּע. די הויפּט־שטעט פונ די טייל־פירשטנטומס פלעגנ קאָנענ דורכלעבנ מיט די רוי־מאַטעריאַלנ, וואָס זיי פלעגנ באַקומענ פונ די אַרומיקע דערפער אונ וואָלאָסטנ, וועלכע די קליינע צאָל באַלמעלאָכעס, וואָס האָבנ געלעבט באַמ הויפ פונעמ טייל־פירשט אָדער וואָס האָבנ געלעבט אינ

די יִשוּווים ארומ די מאָנאַסטירנ, פלעגנ באַזאָרגנ מיט די איינפאַכע פראָדוקטנ פונ זייער מעלאָכע. מאָסקווע האָט ניט געקאָנט עקזיסטירנ אפ אַזאַ אופנ, זי פלעגט איינשלינגענ א גרויסע צאָל רויוואַרג, וואָס פלעגט גאַנצ אָפט אָנקומענ פונ גאַנצ ווייטע געגנטנ. די דאָזיקע רויוואַרג פלעגט גאַנצ אָפט גאַרניט פאַרבלייבנ אינ מאָסקווע, נאָר פלעגט אוועקגייענ פונדאַנענ א סאַכ ווייטער — אַזוי איז געווענ מיט רויכוואַרג. נאָר אַפילע אפנ אָרט פלעגט אויכ פאַרברויכט ווערנ א גרויסע צאָל רוי־פראָדוקטנ, און בלויז דורכנ יאַראָסלאַווער וועג פלעגט מענ יעדנ טאָג אַריינפירנ קיינ מאָסקווע ביז 700 וואַגאָנ דערנערונג־פראָדוקטנ.

„דינסט־לייט"

שטעלט זיכ די פראַגע, וויאַזוי זשע האָט זיכ געשפּייזט די דאָזיקע גרויסע שטאָט? ס'וואָלט זיכ געקאָנט דוכטנ, אַז די קליינע מויסרעס, וואָס זיינענ געווענ ביי די פויערימ, און וואָס זיי פלעגנ פאַרקויפנ אפנ מאַרק, האָבנ ניט געקאָנט סטייענ אפ א לאַנגער צייט. מע דאַרפ געדענקענ, אַז די דעמאָלטיקע לאַנדווירטשאַפט איז געווענ זייער עקסטענסיוו, ווי מיר דריקנ זיכ איצט אויס, דאָס הייסט, זי פלעגט ברענגענ גאַנצ ווייניק האַכנאָסעס, וויל מע פלעגט שלעכט באַאַרבעטנ די ערד, מע פלעגט זי ניט באַמיסטיקנ אאַוו. א גערעטעניש, וואָס פלעגט געבנ אינ צוויי־דריי מאָל מער, ווי מע האָט פאַרזייט, האָט מענ שוינ געהאַלטנ פאַר א גאַנצ נישקאָשעדיקע. קלאָר, אַז עס איז נייטיק געווענ, אַז די באַפעלקערונג זאָל אָנהייבנ אַרבעטנ מער, ווי זי האָט געאַרבעט פריִער, זי זאָל אַרבעטנ אַזויפיל, אַז זי זאָל קאָנענ אויסהאַלטנ זיכ און, אַכוץ דעמ, נאָכ באַזאָרגנ די שטאָטישע מערק. דאָס איז פונ איינ זייט. פונ דער אַנדערער זייט, איז וואָס מער מאָסקווע איז געוואָרנ דער צענטער פונעמ גאַנצנ רוסישנ האַנדל, צוציִענדיק צו זיכ אַלצ מער סכוירעס, וואָס פלעגנ אָנקומענ קיינ רוס פונ אַנדערע לענדער (צועַרשט, ווי מיר האָבנ געזענ, פונ איטאַליע, שפּעטער דורכ נאָווגאָראָד פונ דייטשלאַנד אאַוו.) האָבנ זיכ אַלצ מער אפ איר מאַרק באַוויזנ אַזעלכע סכוירעס, וואָס קאָנענ באַצירנ און פאַרזיסנ דאָס לעבנ: טייערע געפאַרבטע געוואַנטנ, אויסלענדישע ווייַנענ, פאַרשיידענע צירונגענ, געווירצנ, וואָס זיינענ געווענ נייטיק צו דער דעמאָלטיקער קיכ. דער אויבערשטער

שיכט פונ דער באפעלקערונג, די באיארעס און דער אדל, פלעגנ זיכ צוגעוווינט צו געברויכנ אט די אלע סכוירעס. קויפנ אבער דאס אלצ האט מענ געקאנט נאר פאר געלט. געלט איז געווענ אינעמ פירשטס קאסע, פונדאנענ פלעגט עס אינ זייער קליינע סומענ, אלס געהאלט, ארײַנפאלנ אינ די קעשענעס פונעמ פירשטס געהילפנ, פונ זײַנע וואסאלנ. אינ דעמ פעאדאלנ מאיאנטעק פלעגט אבער קיינ געלט ניט וואקסנ. געלט האט מענ איצט געקאנט באקומענ, ווענ מע זאל פארקויפנ אפנ שטאטישנ מארק די רויוואַרג, וואס מע באקומט פונ אט דעמ זעלביקנ גוט.

פריִער פלעגט זיכ דער ערדייגנטימער באנוגענענ מיט דעמ, וואס ער פלעגט באקומענ פונ די פויערימ לעפיערעכ א קליינעמ נאטור־טשינש אינ דער פארמ פונ שעפסנ, הינער, אייער אאוו. דאס פלעגט גיינ אפ אויסהאלטנ אימ אליינ און זײַנע הויפ־לײַט, איצט הייבט ער אנ פאדערנ רויוואַרג, וואס זאל באפרידיקנ ניט בלויז זײַנע אייגענע באדערפענישנ, נאר וואס מע זאל קאנענ אויכ פארקויפנ. ער הייבט שוינ אנ פאדערנ ניט א באשטימטנ סכומ ברויט, נאר א באשטימטנ כיילעק פונ דער גערעטעניש, א ⅛, ¼, ½, ער איז פארינטערעסירט אינ דעמ, ער זאל באקומענ אינ זײַנע הענט ארײַנ וואס מער ברויט, ווײַל וואס מער ברויט ער וועט האבנ, אלצ מער געלט וועט ער האבנ. ווײַטער הייבט ער אנ ארופצולייגנ אפ די פויערימ אכוצ דעמ נאטור־טשינש, אויכ א געלט־טשינש. פריִער פאר אלצ ווערנ פארביטנ אפ געלט קאלערליי קליינע טשינשנ, ווײַל קלייניקײַטנ האט אימ געלוינט בעסער צו קויפנ אפנ שטאטישנ מארק, ניט ווארטנדיק, ביז מ'וועט עס אימ ברענגענ פונ דארפ. צולעצט, ניט ווארטנדיק אפנ רוי־מאטעריאל, וואס עס ארבעטנ אויס די פויערימ, הייבט דער האר אליינ אנ צו „פראדוצירנ". ער פאראקערט אליינ ערד, וואס מיט דעמ האט ער זיכ פריִער ניט געהאט פארנומענ, נאר ארבעטנ ארבעט ער, פאר־שטייט זיכ, ניט מיט די אייגענע הענט, נאר מיט די הענט פונ זײַנע כאלאפעס, און ער אליינ גיט בלויז אכטונג אפ דער באלעבאטישקײַט. נאר איינגיכנ ווערט שוינ פאר אימ וויניציק זײַנע כאלאפעס און ער הייבט אנ מיט קאלערליי גערעכטע און אומגערעכטע מיטלענ צו צווינגענ די פ ו י ע ר י מ, זיי זאלנ ארבעטנ אפ זײַנ ערד.

די פויערימ זײַנענ, ווי מיר געדענקענ, געווענ אונטערגעווארפנ אונטערנ האר, זיי פלעגנ אימ באזארגנ מיט אלע נייטיקע רוי־מאטעריאלנ און פלעגנ אימ אויכ העלפנ מיט זייער פיזישער ארבעט. נאר די דאזיקע הילפ איז געווענ אנ אומבאדײַטנדיקע, און קיינ סאכ צײַט פלעגט זי בא די פויערימ ניט אפנעמענ. און איצטער הייבט דער האר אנ אלצ מער און מער צו פארלענגערנ אט די נאטוראלע פליכט פונ די פויערימ. פריִער האבנ זיי, לעמאשל, געארבעט אפנ האר 8 טעג אינ יאר, איצטער פאדערט ער, אז זיי זאלנ ארבעטנ 2 טעג אינ וואכ, דערנאכ 3 טעג, דער־נאכ נאכ מער. אזוי פארשטארקט זיכ צוזאמענ מיטנ פויערשנ לײַב־געלט אויכ די פאנשטשינע (מוז־ארבעט אינ מעשעכ פונ עטלעכע טעג אינ וואכ), און זי ווערט די סאמע שווערסטע פליכט פונ די פויערימ. נאר דאס איז נאכ אלצ וויניציק פארנ האר. אימ ווילט זיכ, אז די ארבעט־הענט פונ די פויערימ און זייער צײַט זאלנ אינגאנצנ איבערגיינ אינ זײַנ רעשוס, און ער נוצט אויס דאס, וואס די פויערשע יוגנט, וואס האט נארוואס כאסענע געהאט, קאנ זיכ ניט באגיינ באמ אײַנארדענענ איר ווירטשאפט, אנ פרעמדער הילפ. זי מוז האבנ אי א הויז, אי אינווענטאר (פי, לאנדווירטשאפטלעכע מאכשירימ), אי זריע אפ צו פארזייענ די פעלדער, אי ברויט אפ דורכלעבנ די ערשטע צײַט אאוו. דער האר פלעגט גאנצ גערנ באזארגנ מיט דעמ אלעמ די נײַע פויערשע מישפאכע, דערפאר אבער פלעגט ער זי פארפליכטנ צו

ארבעטנ פאר אימ אפ באדינגונגענ, וואס זיינענ וואס ווייטער געווארנ אלצ שווערער. מיט דער הילפ פונ דער דאזיקער „האלוואע" פלעגט ער פארקאבאלעווענ (פארקנעכטנ. קאבאלא — האט אפ דער אלטרוסישער שפראכ באטייט א כויוו־צעטל) די פויערימ, עס פארשטייט זיכ, אז אט די אלע נייע פאראנדקעס זיינענ שטארק ניט געפעלנ געווארנ די פויערימ, אונ סיי די עלטערע פויערימ, די אלטגעזעסענע, וועלכע דער האר האט אנגעהויבנ טרייבנ אפ פאנשטשינע, אונ סיי די יונגע פויערימ, וואס זיינענ געווארנ באלכויוועס פונעמ האר אונ פונ וועלכע ער פלעגט מאנענ לייב־געלט אונ „פאנשטשינע" אינ א גרויסער מאס, האבנ געזוכט ווי עס איז זיכ אויסצודרייענ דערפונ, אונ, אפ וויפל ס'איז נאר געווענ מעגלעכ, אוועקצוגייענ פונעמ האר. דעמלט האט דער האר זיכ אנגעהויבנ ווענדנ צו די עלטערע פונ אימ פעאדאלנ אונ, סאפאקאלסאפ, צומ מאסקווער גרויספירשט, אונ האט אנגעהויבנ באקומענ פונ אימ גראמעטעס, אינ וועלכע ס'איז אימ דערלויבט געווארנ „ניט אפצולאזנ פונ זיכ" די פויערימ, אופצוזוכנ די, וואס זיינענ פונ אימ אוועק, אונ ווידער אומקערנ זיי איבערגעוואלד אפנ אלטנ ארט. פריער פונ אלעמענ האבנ זיכ באווארנט מיט אזעלכע גראמעטעס די מאנאסטירנ. גאר די ערשטע גראמעטע האט באקומענ, ווי מיר ווייסנ, דער טראיצע־סערגיעווער מאנאסטיר. די מאנאסטירנ זיינענ ביכלאל געווענ די בעסטע לאנדווירטנ אינ יענער צייט. זיי זיינענ געגאנגענ פארויס אויכ אינעמ איניענ פונ שאפנ דעמ האנדל־קאפיטאל. אראנק די מאטאנעס פונ די פרומע מענטשנ, פונ אייגנ זייט, אונ אראנק דעמ, וואס אינ די מאנאסטירנ פלעגט מענ אפגעבנ אפ באהאלטנ קאלערליי טייערע כפייצימ, פונ דער אנדערער זייט, האבנ זיי קאנצענטרירט אינ זייערע הענט קאלאסאלע געלט־סומעס. מיטנ דאזיקנ געלט פלעגנ זיי אנהייבנ האנדלענ. דער סאלאוועצער מאנאסטיר האט, לעמאשל, געהאנדלט מיט זאלצ אפ גאנצ רוסלאנד, דער קירילא־בעלאזערער אונ דער טראיצע־סערגיעווער — מיט ברויט אפ א גרויסנ שטעכ. צווייטנס, פלעגנ זיי אפקויפנ ערד, דעריקער בא די רוינירטע ערדייגנטימער, אונ אפ דער דאזיקער ערד האבנ זיי אנגעהויבנ פירנ די ערשטע עמעסע לייב־אייגנטימערישע ווירטשאפט מיט שווערער פאנשטשינע פאר די פויערימ אונ מיט זייער שטרענגע פאראנדקעס. דאס זיינענ געווענ די עשטע גוט איינגעארדנטע לייבאייגנטימערישע גיטער אינ רוסלאנד. וואס אנבאלאנגט די איבעריקע פעאדאלנ, זיינענ זיי אינ דעמ פראט געווענ ווייט אפגעשטאנענ פונ די מאנאסטירנ. דער פעאדאל איז פריער פאר אלצ געווענ א מיליטער־מענטש. א סאכ צייט האבנ בא אימ אפגענומענ די קריג־מארשנ. אכוצ דעמ איז וואס גרעסער ס'איז געווענ דער פעאדאל, אלצ מער הויצאעס האט ער געהאט אפ דער אזויגערופענער „פארשטייערשאפט". ער האט געמוזט זיכ נאכשלעפנ נאכ די גרעסערע פעאדאלנ, אויסהאלטנ א גרויסנ הויפ, סיי א באוואפנטנ, סיי ניט קיינ באוואפנטנ, אנטאנ זיכ אינ פראכטפולע קליידער, קעדיי ניט פארשעמט ווערנ פאר אנדערע. אונ צולעצט האט ער אליינ אויכ געהאט כיישעק צו פירנ א גוט לעבנ, געשמאק צו עסנ אונ טרינקענ. דעריבער פלעגט דאס, וואס ער פלעגט אפלייזנ אפנ מארק באמ פארקויפנ די פראדוקטנ, וועלכע די פויערימ האבנ פראדוצירט, גיכ פארשווינדנ ווערנ פונ זיינע קעשענעס, ער פלעגט נאכ מער פארקריכנ אינ כויוועס, דעריקער בא די זעלביקע מאנאסטירנ, אונ סאפאקאלסאפ פלעגט ער אליינ ווערנ קימאט פונקט אזא ניט צאלפייקער באלכויוו, ווי ער פלעגט מאכנ זיינע פויערימ. הייסט עס, אז די גרויסע פעאדאלנ, באזונדערס די העכערע קלאסנ, זיינענ אראנק דער נייער ווירטשאפט גיכער רוינירט געווארנ איידער רייכער געווארנ.

א סאַך בעסערע געשעפטנ פלעגט מאַכנ אינ זײַנ ווירטשאַפט דער קלײנער פּאָרעצ, וואָס האָט גאַנצ אָפט געשטאַמט פונ פויערימ אָדער פונ די וואַסאַלנ, האָט אָפטמאָל געפירט א קאַרג אונ אָרעמ לעבנ, אָבער ער האָט דערפאַר גוט געוווּסט ווי אַזוי צו האַלטנ אינ די הענט די קלײנע צאָל פויערימ, וועלכע זײַנענ געווענ פונ אימ אָפּהענגיק. אָט דער קלײנער פּאָרעצ פלעגט געוויינלעך ניט געפינענ פאַר זיך קײנ ערד אינ דער אַלטער פאַנאַנדערגעאַקערטער וואָלאָסט אונ ער איז, אַדאַנק דעמ, געוואָרנ א מינ קאָלאָניזאַטער. ער פלעגט גרינדנ נײַע דערפער אונ באַזעצנ דאָרטנ פויערימ. נאָר אַזוי ווי די קלײנע ערדבאַזיצער פלעגנ א סאַך מער עקספּלואַטירנ די פויערימ, אײדער די גרויסע, טאַקע דערפאַר, וואָס זײ האָבנ געהאַט א סאַך ווינציקער פויערימ, פלעגנ די פויערימ גאָר קײנ כײשעק ניט האָבנ צו גײנ צו אַזעלכע קלײנע פּריצימ. די קלײנע פּריצימ האָבנ מיט קינע געקוקט אַפ די גרויסע גיטער, וווּ ס'איז געווענ א סאַך פויערימ, א סאַך אופגעאַקערטע (קולטיווירטע) ערד, אונ וואָס זײַנע באַלעבאַטימ „די רײַכע פּוליאַקעס", ליגנ אויסגעצויגנ אונ זויפנ אויסלענדישע ווײַנענ אונ מעדנ, טוענ ניט, ווי עס האָט זיך זײ געדוכט, קײנ שומ רעכטע זאַך, נאָר פּאַטערנ אומזיסט אונ אומניסט מאַטמוינימ געלט. די קלײנע פּריצימ האָבנ מיט סינע געקוקט אויך אַפ די רײַכע מאָנאַסטירנ; האָבנדיק אינ זײער רעשוס גרויסע קאַפּיטאַלנ האָבנ זײ א סאַך בעסער צוגעבונדנ צו זיך די פויערימ, אײדער די פּריצימ, וואָס זײערע גאַנצע געלט־מיטלענ זײַנענ באַשטאַנענ אינ א קלײנעמ געהאַלט, אינ א קלײנער געלט־סומע, וואָס זײ פלעגנ באַקומענ פאַר זײער מיליטער־דינסט, פאַר זײערע קריג־מאַרשנ.

אַזוי איז דער פעאָדאַלער קלאַס ביסלעכווײַז צעפאַלנ געוואָרנ אַפ צוויי אָדער, אויב איר ווילט, אַפילע אַפ דרײַ טײלנ: גרויסע פעאָדאַלע פּריצימ, קינדס־קינדער פונ די אַמאָליקע גרויספירשטנ אונ פונ אַנדערע גרויסע ערדײגנטימער, וואָס האָבנ פאַרמאָגט גרויסע יערושע־גיטער (פאָטער־גאַכלעס), נאָר וואָס זײַנענ אַלצ מער רויִנירט געוואָרנ; קלײנער אַדל, וואָס האָט, פאַרקערט, געשאַפנ נײַע ווירטשאַפטנ אונ מיט גרויס מאַטערניש געוואָרנ, ווי מע זאָגט עס, מיט לײַטנ גלײַך, שאַפנדיק זיך א וועלכנ עס איז פאַרמעגנ אונ נעבנ אָט די צוויי קלאַסנ האָט זיך געפונענ דער גרויסער קירכלעכער ערדבאַזיצ, וועלכנ זײ בײדע האָבנ גלײַך געהאַסט. אָט די דרײַ קלאַסנ: די באָיאַרעס, די קירכע אונ דער אַדל — האָבנ געהערשט איבערנ רוסישנ דאָרפ, אונ אינ שטאָט האָט זיך אַלצ מער אונ מער פאַרפעסטיקט נאָך א פערטע קראַפט — די קראַפט פונעמ האַנדל־קאַפּיטאַל, וואָס איז געווענ קאָנצענטרירט אינ די הענט פונ א קלײנער צאָל הורט־סאָכרימ, וועלכע האָבנ געפירט געשעפטנ הויפּטזאַכלעך מיט אויסלאַנד, — ג ע ס ט, וועלכע האָבנ, פונ זײער זײַט, געהאַלטנ אינ געלט־אָפּהענגיקײַט פונ זיך די קלײנע סאָכרימ אונ די מאַסע „ש וו אַ ר צ ע" מענטשנ, די קרעמער, קלײנע באַלמעלאָכעס אאַוו., וואָס האָבנ ניט אויסגעקעמפט פאַר זיך אַזאַ פרײַהײַט, ווי זײ האָבנ געהאַט אינ נאָווגאָראָד, נאָר וואָס האָבנ דאָך פאַרגעשטעלט מיט זיך א קראַפט, מיט וועלכער עס האָבנ זיך געמוזט רעכענענ אַפילע די מאָסקווער פירשטנ.

אָט פונ וואָס פאַר אַנ עלעמענטנ עס האָט זיך געשאַפנ די מאָסקווער געזעלשאַפט פונעמ XVI יאָרהונדערט. ס'איז ניט שווער צו זענ, אַז די פאַרהעלטענישנ צווישנ אָט די פאַרשײדענע קלאַסנ האָבנ ניט געקאָנט זײַנ קײנ פרײַנטלעכע, אונ אַז צווישנ זײ, ווי פריִער צווישנ די פעאָדאַלע הערשער, האָט זיך געמוזט אָנהײבנ א קאַמפ, אונ זיגנ אינעמ דאָזיקנ קאַמפ האָט געמוזט דער שטאַרקסטער פונ זײ־

דער שטאַרקסטער האָט זיכ אַרויסגעוויזנ דער בונד פונ די צוויי נייַע קלאַסנ — דעמ קליינעמ אַדל אונ די שטאָטישע אײַנוווינער — קעגנ דער אַלטער פעאָדאַלער אַריסטאָקראַטיע אונ קירכלעכנ ערדבאַזיץ.*

אָט די פיל מער קאָמפּליצירטע, איידער פריִער, פאַרהעלטענישנ האָבנ געפירט צו א גאַנצער רײ איבערקערענישנ אונ אופטרייסלונגענ, וואָס מיט זיי איז פול די רוסישע געשיכטע פונעמ XVI אונ אָנהייב XVII יאָרהונדערט. אַזוי ווי די הערשנדיקע קלאַסנ זײַנענ שוינ אינ דער צײַט געווענ א סאַכ מער געבילדעט, איידער פריִער, אונ צווישנ זיי איז געווענ זייער א סאַכ אַזוינע, וואָס האָבנ שוינ געקענט לייענענ אונ שרײַבנ אונ זײַנענ געוווינט געווענ איבערצוגעבנ אַפנ פּאַפּיר זייערע געדאַנקענ, איז דער קאַמפּ געווענ א סאַכ מער באַוווּסטזיניקער, ווי פריִער. פריִער פלעגט א וועלכער ס׳ניט איז פעאָדאַל מיט דער הילפ פונ סאַמע געמיינע שפּיצלעכ, וועלכע פאַסנ פאַר אַנ אַפריקאַנער ווילדנ, פאַרכאַפּנ בײַ זײַנ שכנ די ערד, אונ אַפ אויסקויפנ די זינד פלעגט ער בויענ א מאָנאַסטיר אָדער לעכאַלאַפּאָכעס אָפּגעבנ איינעמ פונ די עקזיסטירנדיקע מאָנאַסטירנ א פעטנ ביילעק פונעמ אָנגערויבטנ. ווײַטער פונ אָט דעמ איז דאָס באַזיניקנ דעמ באַגאַנגענעמ פאַרברעכנ ניט געגאַנגענ. איצטער האָבנ די באַזונדערע קלאַסנ, באַשטרײַטנדיק איינער באַמ אַנדערנ די רעכט אַפ דער ערד אונ די מאַכט איבער די אַרבעטנדיקע, זיכ באַמיט צו באַווײַזנ זייער גערעכטיקײַט. מיט בײַשפּילנ פונ דער אויסלענדישער געשיכטע אָדער פונ די הייליקע שריפטנ אאַוו. פלעגנ זיי זיכ פלײַסנ דערווײַזנ, אַז דאָס, וואָס זיי דאַרפנ, וואָלט געווענ זייער גוט פאַר אַלעמענ. זיי פלעגנ זיכ אָפּטמאָל אַפילע אָננעמענ פאַר די אונטערדריקטע אונ געקריוודעטע אונ פלעגנ אַרויסטרעטנ קלוימערשט ווי פאָרשטייער פונ די פאָלקמאַסנ אונ פונ זייערע אינטערעסנ.

אינעמ XVI יאָרהונדערט קומט בײַ אונדז פלוצלינג אופ עפּעס אַזוינס, וואָס מאָסקווע פונ XIV יאָרהונדערט האָט זיכ אַפילע גאָר ניט געכאָלעמט — פּאָליטישע ליטעראַטור, פּובליציסטיק, אונ די דאָזיקע באַוווּסטזיניקײַט פונעמ קאַמפּ מאַכט אימ, פאַרשטייט זיכ, נאָכ בוילעטער אונ אינטערעסאַנטער. די אַמערסטנ טאַלאַנטפולע אינ אָט דער אופקומענדיקער אינ רוסלאַנד פּובליציסטיק זײַנענ, ווי עס קומט שטענדיק פאָר אינ אַזעלכע פאַלנ, די פאָרשטייער פונעמ נײַעמ קלאַס, פונ די, וואָס שלאָגנ זיכ דורכ א וועג, — פונעמ נײַעמ פריצישנ ערדבאַזיץ אונ פונעמ שטאָטישנ קלאַס, פונ דער בורזשואַזיע. פונ זיי זײַנענ צו אונדז דערגאַנגענ די בעסטע ווערק פונ דער דעמלטיקער פּובליציסטיק. לויט די דאָזיקע ווערק קאָנענ מיר אורטיילנ וועגנ דעמ דעמלטיקנ קלאַסנקאַמפּ, — וועגנ דעמ, וואָס זיי האָבנ געוואָלט. אינ מיטנ XVI יאָרהונדערט פאַלט שטאַרק אָנ אייגער א פאָרשטייער פונעמ קליינעמ אַדעליקנ ערדבאַזיץ, וואָס האָט זיכ באַהאַלטנ אונטערנ נאָמענ פּערעסוועטאָוו, אַפ די באָיאַרעס אונ דערווײַזט, אַז די באָיאַרעס, אָט די „רײַכע פּויליאַקעס” ווילנ אומבאַדינגט ברענגענ צומ אומקומ די מאָסקווער מעלוכע אונ איר הערשער. ער פאָדערט, אַז מע זאָל אָפּנעמענ די מאַכט בײַ די באָיאַרעס, אונ מאָלט א בילד פונ א פּאָליצייִשער מעלוכע, וועלכע ווערט פאַרוואַלטעט דורכ באַאַמטע, וואָס באַקומענ געהאַלט, אונ ניט דורכ ערד-באַזיצער, מיט א

* עס איז אויסגעקומענ באַנוצנ דאָ דעמ ניט אינגאַנצנ פּינקטלעכנ טערמינ „קלאַס”, ווײַל קיינ אַנדערנ קאָנ מענ ניט צוטראַכטנ. אינדערעמעסנ זײַנענ די אַדל-לײַט, פאַרשטייט זיכ, ניט געווענ קיינ נײַער „קלאַס”, ווײַל זיי האָבנ אָנגעווענדט די זעלבע מעטאָדנ פונ פעאָדאַלנ צוואַנג, ווי זייערע פאָרגייער — די באָיאַרעס. די שטאָט-לײַט אָבער זײַנענ ווירקלעכ געווענ א נײַער קלאַס.

שטענדיקער ארמיי, אויכ א געדונגענער אונ א באוואָפנטער לויטנ לעצטנ וואָרט פונ דער דעמאָלטיקער קריגס־קונסט — „מיט „א פײַערדיקער שלאכט", דאָס הייסט, מיט פײַערשיסנדיקנ געווער, מיט א רעגלמעסיקער שטײַער־זאמלונג אאַוו. זײַנ פּראָגראמ איז אזא ברייטע, אז זי איז פארווירקלעכט געוואָרנ אינ רוסלאנד ערשט אינ הונדערט יאָר ארומ נאָכ פּערעסוועטאָוונ. באזונדערס שטארק פאָדערט דער אדעליקער פּובליציסט, אז עס זאָל געפירט ווערנ אנ ענערגישע אויסערנ־פּאָליטיק. ער האָט געפאָדערט דעראָבערונגענ. עס זאָל פריִער פאר אלצ אײַנגענומענ ווערנ קאזאנ אונ דערנאָכ זאָל ביכלאל געפירט ווערנ אנ אָנגרײַפנדיקע דעראָבערונג־מיל-כאָמע. מיר האָבנ שוינ דערמאָנט, אז דער איינציקער קוואל, פונוואַנענ די אָרעמע ערדבאזיצער פונ יענער צײַט האָבנ געקאָנט באקומענ געלט־מיטלענ צו בויענ זיכ א ווירטשאפט, איז געווענ דאָס געהאלט, וואָס זיי פלעגנ באקומענ פונ דער מעלוכע.

געהאלט פלעגט מענ צאָלנ פאר קריגס־מארשנ אונ דעריבער זײַנענ קריג־מארשנ געווענ א געווינטשענע זאכ פאר אָט דער מאסע „אָרעמע קריג־לײַט", שוינ אָפּגע־רעדט וועגנ דעמ, וואָס מע קאָנ ראבעווענ אינ דער צײַט פונ די מארשנ אונ וואָס דורכ געלונגענע מארשנ האָט מענ געקאָנט פארכאפּנ גרויסע ערד־פלעצער, ווי די פריצימ האָבנ געהאָפט צו געפינענ אנ אויסוועג פונ דער ערד־ענגשאפט. דאָס, וואָס מע האָט גראָד אינ יענער צײַט אײַנגענומענ קאזאנ מיטנ גאנצנ וואָלגע־קאנט ביז אסטראכאנ, דערווײַזט, אז די באגערנ פונ דער קליינ־אדעליקער מאסע זײַנענ ניט גע־ווענ קיינ פוסטער קלאנג, אז מע האָט זיכ שטארק גערעכנט מיט אירע פאָדערונגענ.

גלײַכצײַטיק זעענ מיר, אז אירע אינטערעסנ זײַנענ צונויפגעפאלנ מיט די אינ־טערעסנ פונעמ האנדל־קאפּיטאל. אויב דער פאָרעצ האָט זיכ גענייטיקט אינ ערד אונטער קאזאנ, האָט זיכ דער האנדל־קאפּיטאל גענייטיקט אינ דער וואָלגע, אלס האנדל־וועג פונ רוסלאנד צו מיזרעכ צו, פונוואַנענ מע פלעגט דעמאָלט פירנ קיינ אייראָפּע זײַד אונ קאָלערליי אנדערע סכוירעס, וואָס האָבנ געהאַט א גרויסנ ווערט אינ אייראָפּע. די פריצימ האָבנ אזוי־ארומ געהאַט א מעכטיקנ פארבינדעטנ אינ געשטאלט פונעמ האנדל־קאפּיטאל, וואָס פונ אימ ווידער איז געווענ אָפּהענגיק די גאנצע מאסע שטאָטישע באפעלקערונג.

פאר די פעאָדאלנ־באָיארעס האָט אָנגעהויבנ אויסוואקסנ א שרעקלעכער סוינע. זיי האָבנ נאָכ אלצ לויט דער טראדיציע געהאלטנ אינ זייערע הענט די פּאָליטישע מאכט, זיי האָבנ זיכ געפּרוווט אָפּפרעגנ די פּובליציסטיק פונ די אדעליקע, דער־ווײַזנ, אז גאָט איז קעגנ אנ אָנגרײַפערישער אויסערנ־פּאָליטיק, אז דער צאר וועט זײַנ פאראנטוואָרטלעכ פארנ פארגאָסענעמ בלוט, אז גאָט אליינ האָט קלוימערשט געהייסנ דעמ צאר, ער זאָל פארוואלטנ מיט דער מעלוכע ניט אליינ, נאָר ניט אנ־דערש, ווי מיט די באָיארעס צוזאמענ. דאָס איז אָבער אויסגעקומענ זייער בלייכ אונ שוואכ לעגאבע דעמ דראנג פונ די נײַע געזעלשאפטלעכע קלאסנ. די לעצטע באנוגענענ זיכ שוינ דערבײַ ניט מיט קאזאנ אונ הייבנ אָנ פאָדערנ, עס זאָל גע־פירט ווערנ אנ אָנגרײַפערישע פּאָליטיק אויכ אינ אנדערע ריכטונגענ, אינ דער מײַרעוו־ריכטונג. נאָכ דעמ, ווי דער האנדל־קאפּיטאל האָט פארכאפּט דעמ אונ־טערשטנ עק פונעמ גרויסנ וואסער־וועג, וואָס בינדט צונויפ, דורכ דער וואָלגע אונ דעמ קאספּישנ יאמ, מײַרעוו־אייראָפּע מיט מיטל־אזיע, הייבט ער אָנ, שטיצנדיק זיכ אָפ די גוטבאזיצערס, אײַנצונעמענ אויכ דעמ אויבערשטנ עק פונעמ דאָזיקנ וועג — דעמ ארויסגאנג צומ באלטישנ יאמ. דערמיט איז פארבונדנ די גרויסע מילכאָמע, וועלכע עס האָט געפירט איוואנ וואסיליעוויטש דער גרוזאמער, אנ איי־

ניקל פונ יענעמ איוואנ וואסיליעוויטש, וואס האט אונטערטעניק געמאכט נאָווגאָראָד, די אזויגערופענע ליוואָנישע מילכאָמע, צוליבנ ברעגנ פונעמ באלטישנ יאמ.

פארכאפּנ קאזאנ אונ אסטראכאנ, וואס האָבנ זיכ געפונענ אינ די הענט פונ די רעשטנ פונ דער טאָטערשער האָרדע, וועלכע איז צו יענער צײַט שוינ געווענ אײַנגאנצנ דעמאָראליזירט אונ אָפּגעשוואכט, איז געווענ פארהעלטנישמעסיק ניט שווער. אָבער אָפּ די ברעגנ פונ באלטישנ יאמ האָט די מאָסקווער מעלוכע געטראָפנ שטארקע קריגערישע מעלוכעס, וואס זײַנענ געווענ א סאך געבילדעטער פארנ דעמאלטיקנ רוסלאנד — פוילנ אונ שוועדנ. די ליוואָנישע מילכאָמע האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ אונ די גוטבאזיצער אונ די רײַכע סאָכרימ האָבנ באשולדיקט אינ דער דאָזיקער מאָפּאָלע פריִער פאר אלצ, פארשטייט זיכ, די באָיארעס. די קריג-מאָפּאָלע האָבנ זיי צוגעשריבנ דעמ פאראט פונ די באָיארעס. אינ איינצלנע פאלנ האָט זיכ טאקע טיילווײַז דער שטאנדפּונקט בארעכטיקט: איינער א נאָנגעזעענער באָיארינ, דער הויפּט-קאָמאנדיר איבער דעמ מאָסקווער מיליטער אינ ליוואָניע, דער פירשט קורבסקי, איז ווירקלעכ אריבער אָפּנ סוינעס צאד. די ניט אײַנגעגעבענע מילכאָמע האָט ענדגילטיק אָפּגענומענ בא די גוטבאזיצער די האָפענונג צו פארברייטערנ זייער ערד דורכ דעראָבערונגענ פונ אויסנ. זיי האָבנ זיכ שוינ מער ניט געהאט ווו אהינצוטאָנ, ניטאָ מער וואס צו פארכאפּנ, אכוצ די אלטע באָיארישע פאָטערגיטער אינווייניק אינ דער מאָסקווער מעלוכע גופע. דער האנדל-קאפּיטאל איז אויכ געווענ ביז גאָר אופגערעגט פונ דער ניט-אײַנגעגעבענער מילכאָמע, וואס ער האָט אויכ געהאלטנ פאר א רעזולטאט פונעמ באָיארישנ פאראט אָדער לעכאָלאָפּאָכעס, פונ דער באָיארישער פּאָכדאָנעס אונ ניט געניטקײַט.

אינ 1564 יאָר האָבנ טאקע די גוטבאזיצער צוזאמענ מיט די רײַכע סאָכרימ געמאכט א מעלוכע-איבערקערעניש. זיי האָבנ פארכאפּט די מאכט אונ קעגנ די באָיארעס האָבנ זיי, קלוימערשט פאר זייער פאראט, אָנגעווענדט אכזאָריעסדיק טעראָר. גאנצענע באָיארישע מישפּאָכעס זײַנענ אָנראכמאָנעסדיק פארניכטעט געוואָרנ, זייער ערד איז קאָנפיסקירט געוואָרנ אונ אָפּגעגעבנ דער „אָפּריטשינע“. „אָפּריטשינע“, „הויפּ“ האָט געהייסנ די נײַע פאָרמ מעלוכע-פארוואלטונג, וואס די גוטבאזיצער האָבנ געשאפנ; איר טאָכ איז באשטאנענ אינ דעמ, וואס איצט האָט פארוואלטעט, אזוי האָט דאס געהייסנ, דער צאר אליינ, אונ ניט דער צאר אינייִנעמ מיט דער באָיארעס-דומע, ווי ס'איז געווענ פריִער. די באָיארישע דומע איז פארבליבנ, זי האָט אָבער פארלאָרנ איר גאנצנ באטײַט. די הערשאפט פונעמ אָדל אונ פונ די סאָכרימ האָט זיכ אָפּ אזא אויפנ אויסגעדריקט אינ ד י ק ט א ט ו ר, אינ א גוואלטיקער פארשטארקונג פונ דער צארישער מאכט. דער טעראָר האָט זיכ ניט באגרענעצט מיט די באָיארעס, ער האָט זיכ פארשפּרייט אויכ אָפּ א גאנצער ריי אנדערע געזעלשאפטלעכע גרופּעס, וואס זײַנענ געווענ פארבונדנ מיט דער אלטער אָרדענונג (די קירכע, די מאָנאסטירנ, די רעשטנ פונעמ נאָווגאָראָדער האנדל-קאפּיטאל אאוו.). דער טעראָר איז א לאנגע צײַט פארבליבנ אינעמ זיקאָרנ פונעמ פאָלק, אונ דאס איז טאקע געווענ די סיבע, פארוואס איוואנ וואסילעוויטש, וועלכער איז דעמאלט געווענ צאר, האָט באקומענ דעמ נאָמענ גרויזאמער. דאס באטײַט ניט, פארשטייט זיכ, אז איוואנ איז פערזענלעכ געווענ א באזונדערס גרויסער אכזער אונ אז ער פערזענלעכ האָט געשפּילט א גרויסע ראָליע אינ דער איבערקערעניש. דער קאמפּ האָט זיכ געפירט ניט צווישנ איינצלנע מענטשנ, נאָר צווישנ קלאסנ. ס'איז אָבער אינטערעסאנט, אז איוואנ דער גרויזאמער האָט גענומענ א באדײַטנדיקנ אָנ-

טייל אינ קאמפ אונ האָט געהערט אפילע צו די פובליציסטנ, וואָס זײַנענ דערמלט ארויסגעטראָטנ. אינ זײַנע שרײַבעכצנ, אינ די בריוו, וואָס ער האָט געשריבנ דעמ אנטלאָפענעמ קיינ אויסלאַנד קורבסקינ, פרוווט ער זיכ אָפ זײַנ שטייגער באַרעכטיקנ דעמ טעראָר אונ דערווײַזנ די נייטיקײַט פונ דער איבערקערעניש.

אז די פאָרשטייער פונעמ האנדל־קאפיטאַל אונ פונעמ מיטעלנ פריצישנ ערד־באזיצ האָבנ פארכאפּט די מאכט, האָבנ זיי זי אויסגענוצט, זעלבסטפארשטענדלעכ, ניט קעדיי צו פארבעסערנ די לאגע פונ דער פויערשער מאסע, האנאָמ פערעסוועטאָוו פארורטיילט שטארק אינ זײַנע ווערק די שקלאפערײַ אונ דערווײַזט, אז די פארשקלאפונג פונ די פאָלקמאסנ לוינט ניט אפילע פונעמ מיליטערישנ שטאנדפונקט, ווײַל א כאָלאָפ איז א פאכדנ אונ שלאָגט זיכ שלעכט. אָנ אָט די אלע שיינע רייד האָט מענ איצט פארגעסנ. אז די פריצימ האָבנ פארכאפּט די רײַכע באָיארישע נאכלעס, האָבנ זיי אָנגעהויבנ ראַבירנ די דאָזיקע נאכלעס אונ האָבנ דערפירט די עקספּלואטאציע פונ די פויערימ צו אזא פארנעמ, וואָס די באָיארעס האָבנ אפילע ניט געטרוימט וועגנ אזא מינ עקספּלואטאציע. דער פאָרעצ פלעגט אָפּנעמענ באמ פויער זײַנ ערד אונ פלעגט זי פאראָקערנ פאר זיכ. מע פלעגט אָפטמאָל בארויבנ די פויערימ אינ בוכשטעבלעכנ זינ פונ וואָרט אונ אָפּנעמענ בא זיי זייער נעבעכדיק פארמעגנ. דאָס לײַב־געלט איז אלצ גרעסער אונ גרעסער געוואָרנ. אונ ס'איז גאָר קיינ וווּנדער ניט: פריִער פלעגנ די פויערימ פונ א וואָסער ניט איז באָיארישער נאכלע מוזנ אויסהאלטנ בלויז איינ באָיארישע מישפּאָכע מיט אירע דינער; איצט אָבער איז די דאָזיקע נאכלע צעטיילט געוואָרנ צווישנ צוויי צענדליק פריצימ אונ מע האָט געמוזט אויסהאלטנ צוואנציק מישפּאָכעס מיט זייערע דינער. אונ דערבײַ זײַנענ די מעטאָדנ פונ באארבעטנ די ערד געבליבנ די זעלביקע. מע פלעגט אויסהאקנ וואלד, פארוואנדלענ עס אינ אקערפעלד, די ערד האָט מענ נאָכנ אויסנוצנ ניט באמיסטיקט, נאָר אויסגעזאקערט אונ פארלאָזט. צומ סאָפ פונ XVI יאָרהונדערט פלעגנ די אויסלענדער, אָנשטאָט די געדיכטע וועלדער, וועגנ וועלכע זיי האָבנ געהערט, געפינענ אינ מאָסקווע בלויז פּעניאָקעס, אונ די ערד איז געווענ אזוי אויסגעצערט, אז דער גרעסטער טייל אירער איז געשטאנענ ליידיק אונ געווענ פארוואָקסנ מיט קוסטעס אונ יונגוואלד.

דאָס רוּיִנירטע פויערטומ איז געלאָפנ, וווּהינ נאָר די אויגנ האָבנ זיי געטראָגנ. די פריצימ אָבער האָבנ זיכ ניט געוואָלט שיידנ מיט די אומזיסטע ארבעט־הענט, פלעגנ זיי אויסבעטנ בא דער רעגירונג איינ פאראָרדענונג וועגנ די אנטלאָפענע נאָכ דער אנדערער. די דאָזיקע פאראָרדענונגענ וועגנ כאפּנ אונ אומקערנ צוריק די אנטלאָפענע האָבנ שפּעטער געגעבנ א גרונט צו דערציילנ, אז די פויערימ זײַנענ קלוימערשט אינ די צײַטנ פונ פיאָדאָר איוואנאָוויטש, איוואנ דעמ גרוזשאמענס זונ, צוגעפעסטיקט געוואָרנ צו דער ערד.

דער טריומפ פונ די פריצימ אונ פונעמ האנדל־קאפיטאַל האָט אזויארומ געבראכט דערצו, אז ס'איז מוירעדיק פארשטארקט געוואָרנ די עקספּלואטאציע פונ די פויערימ. ס'איז אויפגעקומענ א נײַ לײַבייגנטומ־רעכט, וואָס איז געווענ א סאַכ ערגער, הארבער, איידער דאָס פריִערדיקע פעאָדאלע רעכט. אונ איצט האָט דאָס נײַע אכזאָריִעסדיקע לײַבייגנטומ־רעכט ארומגעכאפּט שוינ גאנצ רוסלאַנד. ס'זײַנענ שוינ ניט געווענ אזעלכע גליקלעכע ווינקלענ, ווו די פויערימ זאָלנ זיכ קאָנענ פונ אימ אויסבאהאלטנ. די אומצופרידנקײַט פונ דער פויערשער מאסע איז, נאטירלעכ, געוואָרנ אלצ שטארקער אונ שטארקער, ביפראט נאָכ ווײַל די דאָזיקע מאסע האָט

הונגערט, ווײַל צוליב דער רויבערישער ווירטשאפט־פירונג איז די גערעטעניש געווארנ אלצ קלענער אונ קלענער.

צום אנהייב פונעם פאלגנדיקנ XVII יארהונדערט, אינ די צײַטנ פונ פיאדאר איוואנאוויטשעס נאכפאלגער, צאר באריס גאדונאוו, ווענ עס האבנ שוינ אויסגעקליבנ פאר א צאר דירעקט די פריצימ, ווײַל איוואנ דעמ גרויזאמענס זונ, פיאדאר איוואנאוויטש האט ניט געהאט קיינ קינדער, — אינ די צײַטנ פונ באריס גאדונאוו האט זיכ אנגעהויבנ אנ עמעסער הונגער, וואס די מענטשנ פונ יענער צײַט באשרײַבנ אימ אינ די סאמע שרעקלעכע פארבנ. מע זאגט, אז דער הונגער איז דערגאנגענ צו אזא מאדרייגע, אז מע האט געגעסנ מענטשנ־פלייש. צי איז עס ווירקלעכ געווענ אזוי אדער ניט, יעדנפאלס אבער ווערט אינ יענער צײַט די עקספלואטאציע מיצאד די פריצימ אומפארשעמט, ווי נאכ קיינמאל ניט, אונ די פארקנעכטונג פונ די פויערימ שווערער, ווי ווענ עס איז פריער. אויסנוצנדיק דעמ פויערשנ הונגער,

א מאסקווער גאס אינ XVII יארהונדערט

פלעגנ איצט די פריצימ פארקנעכטנ מענטשנ מאמעש פאר א שטיקל ברויט, אונ אט דאס שטיקל ברויט פלעגנ זיי אויכ ניט שטענדיק געבנ די פויערימ, נאר מער ניט אינ דער ארבעטרצײַט, אונ דערנאכ פלעגנ די פריצימ ארויסטרײַבנ דעמ אומגליקלעכנ אפ אלע פיר זײַטנ, אונ זאל ער זיכ דערנערנ, ווי ער קאנ. עס איז זעלבסטפארשטענדלעכ, אז, ניט געקוקט אפ די אכזאריעסדיקע פארארדענונגענ וועגנ אומקערנ די אנטלאפענע, איז דעמלט דאס אנטלויפנ פונ די פויערימ אינ אלע זײַטנ נאכ גרעסער געווארנ. פונ די אנטלאפענע פויערימ האבנ זיכ אינ די וועלדער אויסגעבילדעט גאנצע באוואפנטע מאכנעס, וואס דאס צארישע מיליטער האט זיי ניט געקאנט בײַקומענ. די מער אקטיווע אונ ענערגישע פונ זיי פלעגנ זיכ אבער ניט באנוגענענ מיט דעמ, וואס זיי פלעגנ אוועקגיינ אינ די נאענטע וועלדער, זיי האבנ זיכ געפלײַסט צו פארלײַבנ ביז יענע גרענעצנ פונ דער מאסקווער מעלוכע, ווו ארבעטהענט איז נאכ געווענ ווינציק, ווו די פריצימ האבנ דעריבער געמוזט טײַער האלטנ די פויערימ אונ ווו ס'איז פאר זיי אליינ ניט אזוי שווער געווענ צו ווערנ ביסלעכווײַז עפעס א מינ פארעצ, א זעלבשטענדיקער ערד־באזיצער. אינ אזא לאגע האבנ זיכ געפונענ די דארעמ־ראנדנ פונ דער רוסישער מעלוכע, דער דארעמ פונ דער איצטיקער צענטראלער שווארצערדישער געגנט. די דאזיקע ראנד־געגנטנ פונ דער מאסקווער מעלוכע האבנ נאכ דעמלט געהאלטנ אינ קא־

...אַניזירט ווערנ, אינ געשאַפנ ווערנ, זיי זײַנענ געווענ באַ...
דער, ניט דורכצוגיינ, וואָס מע פּלעגט בעקיוונ זענ אונטערהאַלטנ ... קעדיי צ...
דער הילפ פונ די דאָזיקע ווילדער צו פאַרהאַלטנ די אַנפאַלנ פונ די קרימער טאַ־
טערנ, וואָס פּלעגנ קימאַט יעדעס יאָר זיכ אַרײַנרײַסנ אינ די דאָזיקע קאַנטנ נאָכ
לעבעדיקער סכוירע (שקלאַפנ אונ שקלאַפנס).

ווער ס׳איז געווענ דרייסטער, דער פּלעגט זיכ ניט באַגרענעצנ מיט דעמ, וואָס
ער פּלעגט זיכ באַזעצנ אינעמ דאָזיקנ ראַנד־קאַנט, ווו ס׳האָט זיכ פונדעסטוועגנ גע־
לעבט א סאַכ בעסער, איידער אינ מיטל־רוסלאַנד, ווײַל דאָ פּלעגט אַפ איינ פּאָרעצ
אויסקומענ צוויי פויערימ, אונ קעדיי אײַנצוהאַלטנ די פויערימ אַפ זײַנ ערד, האָט
דער פּאָרעצ געמוזט וועגנ זיי זאָרגנ אונ האָט זיי שוינ ניט געקאָנט עקספּלואַטירנ
אַזוי אַנראַכמאָנעסדיק, — דער, וואָס איז געווענ דרייסטער, פּלעגט זיכ ניט אָפּ־
שטעלנ אפילע דאָ, נאָר ער פּלעגט זיכ אַריבערקלײַבנ אַפ יענער זײַט גרענעצ־וועל־
דער, שוינ אַפ גאָר פרײַער ערד, ווו די מאַכט פונעמ מאָסקווער צאַר האָט עקזיס־
טירט בלויז נאָמינעל אונ ווו די פויערימ האָבנ ניט געהאַט וואָס מוירע צו האָבנ
פאַר די צאַרישע פּריסטאַווס, פאַרנ פּאָרעצ אונ פאַר דער דעמלטיקער פּאָליציי.
עמעס, דאָ פּלעגט זיכ פאַר אימ עפענענ א ברייטער סטעפּ, ווו עס פּלעגנ אַרומ־
שנאָרענ טאַטערישע מאַכנעס (האָרדעס), ווו ס׳איז געווענ נאָכ געפערלעכער צו
לעבנ, איידער אַפ דער דאָרעמ־גרענעצ פונ דער מאָסקווער מעלוכע. קאָלזומאַנ איינ
העלפט פונ דער באַפעלקערונג פּלעגט אַקערנ, פּלעגט די צווייטע העלפט שטיינ מיט
א ביקס אינ האַנט אונ פּלעגט זיכ אופמערקזאַמ אַרײַנקוקנ אינ סטעפּ, קעדיי צו
באַהיטנ די אַרבעטער פונ אַנ אומגעריכטנ אָנפאַל. די לאַגע איז דאָ געווענ א
האַרבע, א מיליטערישע, דערפאַר אָבער האָט זיכ אינ די דאָזיקע נײַע ערטער גע־
לעבט נאָכ מער פרײַ, איידער אַפ דער דאָרעמ־גרענעצ פונ דער מאָסקווער מעלוכע.
דאָ איז געווענ איבערגענוג קאָלערליי כײַעס אונ פויגלענ אינ די וועלדער, איבערגענוג
פיש אינ די טײַכנ, וואָס פליסנ אַרײַנ אינ דאָנ, אונ אינעמ דאָנ גופע. דאָ האָט מענ
זיכ ניט געדאַרפט פאַרנעמענ מיט שווערער ערדאַרבעט, דאָ האָט מענ געקאָנט
דורכלעבנ פאַרנעמענדיק זיכ מיט א סאַכ א גרינגערער געווערב־ווירטשאַפט.

אָט אַזוי האָבנ זיכ צו דאָרעמ צו פונ מאָסקווער גרענעצ אויסגעבילדעט פרײַע
ק אָ ז אַ ק י ש ע יישוווימ. אָט די אַלע מענטשנ, האַגאַמ זיי זײַנענ אַנטלאָפנ פונ
דער מאָסקווער מעלוכע צוליב דער שווערער קנעכטשאַפט, דאָכ האָבנ זיי וועגנ
קיינ זאַכ אַזוי ניט געטרוימט, ווי וועגנ אומקערנ זיכ אינ דער אַלטער היימ, אָבער
אומקערנ זיכ, פאַרשטייט זיכ, ניט ווי אַנטלאָפענע לײַבאייגענע, נאָר ווי פרײַע
מענטשנ, וואָס זאָלנ ניט נאָר ניט דאַרפנ גיינ אַפ פּאַנשטשינע אונ צאָלנ טשינש,
נאָר זאָלנ זיכ, עפשער, אַליינ באַזעצנ אינ א באָיאַרישנ מאַיאָנטעק אונ אַליינ ווערנ
פּריצימ. אַזעלכע טרוימענ זײַנענ באַזונדערס שטאַרק געווענ אינ די מויכעס פונ
יענע, מער גליקלעכע איבערוואַנדערער, וואָס האָבנ באַוויזנ צו שאַפנ זיכ א באַלע־
באַטישקײַט אינ די נײַע ערטער אונ האָבנ שוינ, פאַרשטייט זיכ, ניט געוואָלט
בײַטנ זייער לעפּיערעכ זאַט אונ גליקלעכ לעבנ אַפנ לעבנ פונ א פּאַשעטנ פויער
ערגעצ־ווו אינ א דאָרפ הינטער מאָסקווע.

די מאָסקווער רעגירונג האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנענ, וואָס פאַר א געפאַר
פאַר דער פּריצישער מעלוכע עס שטעלט מיט זיכ פאָר אָט די האַלב־פרײַע אונ גאָר
פרײַע מאַסע, וואָס האָט זיכ צונויפגעקליבנ אינ דאָרעמ־אוקראַינע. זי האָט אָבער
גאָרנישט ניט געקאָנט טאָנ קעגנ דעמ. זי האָט זיכ, פונ איינ זײַט, גענייטיקט אינ

די קאָלאָניזאַציע פונ דער דאָרעמדיקער ראנד-געגנט פונ מאָסקווער מעלוכע (XVI—XVII יה.)



די קאָלאָניזאַציע צומ סאָפּ XVI יה.	בעלגאָראָדער גרענעצ
די קאָלאָניזאַציע פונ XVII יה.	סימבירסקער גרענעצ
די שטעט פונ XVI יה.	הינטערסעטשישע גרענעצ
די ליניע פונ די גרענעצ-שטעט אינ XVI יה.	מאָסקווער גרענעצ צו 1596 י.

די דאָזיקע דרײַסטע, באַוואָפנטע, צוגעווינטע צו מילכאָמע מענטשנ, קעדיי צו פאַרטיידיקנ זיכ קעגנ די קרימער טאָטערנ, אונ זי פלעגט אַפילע פאַרגרעסערנ זייער צאָל, שיקנדיק אינ יענע קאַנטנ פאַרשיקטע, געוויינלעכע פאַרברעכער אונ אַזויגערופענע פּאָליטישע פאַרברעכער, די, וואָס פלעגנ אַרײַנפאַלנ אינ אומכיינ, די הויפנ, לעמאָשל, פונ די געקעפּטע באָיאַרעס אאַוו. זי האָט זיכ בלויז געפלײַסט, אַז וויפל דאָס איז געווענ מעגלעכ, ניט אַרײַנצולאָזנ צוריק די דאָזיקע מענטשנ אינ די אינעווייניקסטע געגנטנ פונ דער מאָסקווער מעלוכע. אינ באָרים גאָדונאָווס צײַטנ פלעגט מענ די קאָזאַקנ ניט אַרײַנלאָזנ אַפילע אינ די שטעט, מע פלעגט זיי שטערנ צו קויפנ פולווער, געווער אאַוו. די דאָזיקע דאָפּלטע פּאָליטיק — פונ איינ זײַט אויסנוצנ די פרײַע מענטשנ קעגנ די טאָטערנ, אונ דריקנ זיי אַפ קאָלערליי אויפאָנימ, פונ דער אַנדערער זײַט, — האָט, פאַרשטייט זיכ, געפירט נאָר דערצו, אַז די קאָזאַקנ אונ די איבעריקע פרײַע לײַט, וואָס האָבנ זיכ צונויפגעקליבנ אַפנ דאָרעמ, האָבנ זיכ אַלץ מער אונ מער אײַנגעווינט צו האַסנ די מאַכט, וואָס איז געזעסנ אינ מאָסקווע, אונ קוקנ אַפ איר, ווי אַפ זייער א סוינע. אינ דער זעלביקער צײַט זײַנענ זיי, אָפטמאָל אַפילע מיט דער הילפ פונ דער זעלביקער מאַכט, געוואָרנ אַלץ שטאַרקער אונ שטאַרקער אינ מיליטערישער הינזיכט.

גראָד אינעמ סאַמע ברענ, פונעמ מאָסקווער הונגער, אינ אָנהייב XVII יאָרהונדערט האָבנ זיכ די באַציִונגענ פאַרשאַרפט ביז גאָר, אונ בא די קאָזאַקנ האָט זיכ אָנגעהויבנ אַרומטראָגנ א געדאַנק, אַז דער מאָסקווער צאַר (מיר האָבנ געזענ, אַז ער איז ניט בעיערושע געוואָרנ צאַר, נאָר ער איז אויסגעקליבנ געוואָרנ, אונ דאָס איז געווענ א נײַס אינ דער דעמאָלטיקער מאָסקווע) איז ניט קיינ עמעסער, אונ דער עמעסער צאַר באַהאַלט זיכ ערגעץ אונ, גיכער פונ אַלץ, בא די קאָזאַקנ.

אַזאַ מינ עמעסער צאַר איז קלוימערשט געווענ איוואַנ דעמ גרויזאַמענס יינגסטער זונ, וואָס איז א יאָר צענ פאַר דעמ פאַרשווונדנ געוואָרנ אַפ א סוירעספולנ אויפנ. לויט די רעגירונג־דאָקומענטנ איז ער אומגעקומענ פונ אַנ אומגליקלעכנ צופאַל, ביים ער איז שפּילנדיק זיכ געפאַלנ אַפ א מעסער. אינעמ פאָלק אָבער האָט מענ דערציילט, אַז באָרים גאָדונאָוו האָט אימ קלוימערשט געהיימנ דערהאַרגענענ. האַקלאַל קיינער האָט גוט ניט געוווּסט, ווו ער איז אַהינגעקומענ, אונ אָט האָבנ זיכ צווישנ די קאָזאַקנ אָנגעהויבנ פאַרשפּרייטנ קלאַנגענ, אַז ניט ער איז אַלייִנ דערהאַרגעט געוואָרנ אונ ניט מע האָט אימ דערהאַרגעט, נאָר ער לעבט. אונ אײַנגיכנ האָט זיכ געפונענ א יונגערמאַנ פונ אַנטשפּרעכיקנ עלטער, אונ, ווי מע האָט פאַרזיכערט, אויכ מיט א פּאַסיקנ אויסזענ, אונ די קאָזאַקנ האָבנ אימ טאַקע אָנערקענט פאַר דעמ גרויזאַמענס יינגסטנ זונ דימיטרי איוואַנאָוויטש. ווענ ס'האָט זיכ אַזויאַרומ אויסגעזוכט א נײַער צאַר, וואָס מע קאָנ אימ אַנטקעגנשטעלנ באָרים גאָדונאָוונ, דעמ „ניט־עמעסנ" צאַר, איז אַלץ גרייט געווענ, עס זאָל זיכ אָנהייבנ א קאָזאַקישע רעוואָליוציע, קעדיי אומצוקערנ אַפ די אַלטע ערטער די אַלע, וואָס זײַנענ אַנטלאָפנ פונ דער מאָסקווער מעלוכע צוליב דעמ דרוק, גוואַלדטאַט, אונ הונגער, נאָר אומקערנ זיכ שוינ ניט ווי קנעכט, נאָר ווי האַרנ. אונ אינעווייניק אינ לאַנד, אינעווייניק אינ דער מאָסקווער מעלוכע, האָבנ די שרעקלעכ אויסגעהונגערטע מאַסנ מיט אומגעדולד געוואַרט אַפ עפּעס אַנ אויסלייזער אונ זײַנענ אויכ גרייט געווענ צו אָנערקענענ דעמ צאַר פונעמ אָרל, באָרים גאָדונאָוונ, פאַר ניט קיינ עמעסנ, אונ פאַר אַנ עמעסנ — א באַליביקנ צאַר, וואָס וועט כאָטש וויפל ס'ניט איז פאַרבעסערנ אָדער פאַרגרינגערנ זייער לאַגע.

די פויערשע רעוואָלוציע

דער נײַער צאַר, גאָדונאָווס קאָנקורענט, האָט זיך צוערשט באַוויזן אין זאַפּאָ־ראָזשיע, אינעם סאַמע דאָרעמדיקן קאָזאַקישן יִשעוו אָפּן דניעפּער, דערנאָך אין קיִעוו, וואָס האָט דעמאָלט געהערט ניט דער מאָסקווער, נאָר דער פּויליש־ליטווישער מעלוכע. אין אָט דער מעלוכע האָט ער געפונען פאַר זיך אַ נײַע שטיצע. ערשטנס, האָבן זיך דאָרט צונויפגעקליבן אַ סאַך פאַרטריבענע מענטשן, וואָס זײַנען אַנטלאָפן פון גאָדונאָווס און פון זײַנע פּראָנדקעס. דאָס זײַנען געווען טיילווײַז האַנדלס־לײַט, טיילווײַז קרויווים און דינער פון די באָיאַרעס, וואָס גאָדונאָוו האָט געקעפּט, אאַוו. אָט די גאַנצע מאַסע עמיגראַנטן (איבערוואַנדערער)* האָט מיט פרייד אויפגענומען דעם נײַעם צאַר. און שפּעטער האָבן אויף אים געווענדט זייער אויפמערקזאַמקייט אויך די פּויליש־ליטווישע פּריצים. אין מײַרעוו־רוסלאַנד, ד. ה. אין דער דעמאָלטיקער פּויליש־ליטווישער געגנט, איז פאַרגעקומען פּונקט אַזאַ מין אַנטוויקלונג פון דער געלט־ווירטשאַפט און פונעם האַנדל־קאַפּיטאַל, ווי אין דער מאָסקווער מעלוכע. דאָרטן אָבער האָט זיך דאָס אַלץ אָנגעהויבן אַ גאַנצע יאָרהונדערט פריִער. פּונקט ווי אין דער מאָסקווער מעלוכע, האָבן דאָרט די פּריצים באַוויזן רויִנירט צו ווערן שוין צום אָנהייב XVII יאָרהונדערט, און זיי האָבן אויך געזוכט נײַע ערד־פלעצער. זיי האָבן טיילווײַז קאָלאָניזירט די לייִדיקע דעמאָלט דאָרעמ־אויעזדן פון מײַרעוו־אוקראַיִנע, באַזעצנדיק דאָרטן זייערע לײַבייגענע. די דאָרטיקע יִשעווים האָבן זיך אָבער געפונען אין אַ שטענדיקער געפאַר פון טאָטערשע אָנפאַלן, און בלויז די סאַמע רײַכע פּריצים (פּאַנעס), וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע צאָל באַוואָפנטע דינער און גענוג געלט אויף אײַנצוקויפן האַרמאַטן און אַנדער געווער, אויף צו בויען פעסטונגען אאַוו., האָבן זיך געקאָנט פאַרנעמען מיט דער דאָזיקער קאָלאָניזאַציע. יעדנפאַלס איז דאָס געווען זייער אַ קאָמפּליצירטער און אַ שווערער אינ־יען. איידער רוקן זיך צו דאָרעמ צו, האָט זיך געדוכט, אַז ס'איז גרינגער און פּאַ־שעטער צו רוקן זיך צו מיזרעך צו, אויב ס'איז נאָר פאַראַן אַ מעגלעכקײַט דערצו. און די אַרויסטרעטונג פונעם צאַר דימיטרי איוואַנאָוויטש האָט אַזוי ווי געגעבן אַ מעגלעכקײַט דערצו. העלפנדיק דעם נײַעם צאַר, האָבן די פּוילישע און מײַרעוו־רוסישע פּריצים געהאָפט צו באַקומען דורך דעם נײַע ערד־פלעצער און קאָלערליי אַנדערע רײַכטימער אין דער דעמאָלטיקער מאָסקווער מעלוכע. זיי האָבן אָנגעהויבן אַקטיִוו צו שטיצן דימיטריען.

מיר זעען די פאַרשיידענע קויכעס, וואָס האָבן געהאָלפן באַרים גאָדונאָווס קעגנער. די הויפּט־קראַפט אָבער זײַנען, פאַרשטייט זיך, געווען די קאָזאַקן און די מאַסע אונטערדריקטע און רויִנירטע מענטשן, וואָס האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז די קאָזאַקן זאָלן אָנקומען קיין מאָסקווע. ווען עס וואָלט ניט געווען אָט די קראַפט, וואָלט נאָרנישט ניט אַרויסגעקומען. די פּוילישע פּריצים וואָלט גאָר אַפילע ניט אײַנגעפאַלן צו העלפן דימיטריען, זיי וואָלטן נאָר פּאַשעט אַפ אים קיין שום אויפמערקזאַמקײַט ניט געווענדט. אויב זיי האָבן אים יאָ אָנגעהויבן שטיצן, איז עס געווען בלויז דערפאַר, ווײַל ער אַליין איז גענוג פעסט געשטאַנען אַפ די פיס און האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ באַדײַטנדיקע קראַפט, וואָס אויך די פּריצים האָבן זי געקאָנט אויסנוצן.

אָבער די בורזשואזע היסטאָריקער, וואָס האָבן געוואָלט באַהאַלטן, אַז די צײַט, וועלכע זיי רופן אָן „מעהומע־צײַט” איז געווען אַן אופשטאַנד פון דער פאָלקסמאַסע קעגן אירע אונטערדריקער, וואָס האָבן געוואָלט געבן

פאר די שפּעטערדיקע היסטאָריקער א קאָנסעקווענטע דערקלערונג, האָבן אָנגעהויבן דערציילן, אז דער נײַער צאַר, דער פאַלשער דימיטרי אָדער דער אָנגערופענער דימיטרי, ווי מע פלעגט אים רופן, איז קלוימערשט ארויסגעשטעלט געוואָרן גראָד דורך די פוילישע פּריצים און דורך דער קאטוילישער קירכע. דערמיט האָבן זיי אים געוואָלט דערנידעריקן, קלענער מאכן זײַן באַדײַטונג, פאַרשטעלן די זאך אזוי, אז דאָס איז קלוימערשט עפּעס אַן אויסלענדער, וואָס אויסלענדער האָבן אים אַראָפּגעבראַכט קיין מאָסקווע. אזוי פלעגן האנדלען שטענדיק און אויך שפּעטער די פאָלק־אונטערדריקער און די, וואָס האָבן זיך באַמיט צו באַרעכטיקן זייערע פּינצטערע מײַסים. שוין גאָר אין דער סאמע לעצטער צײַט, ווען דאָס פאָלק האָט זיך א הייב געטאָן צום לעצטן קאמף פאַר זײַן פרײַהײַט, אין 1917־טן יאָר, האָבן די בורזשואזע צײַטונגען אויך דערציילט, אז דאָס האָבן געמאכט די דײַטשן, אז דאָס איז אַלץ אַן אונטערגעקויפטע זאך, געמאכט אויף אויסלענדיש געלט אאוו. ווי איר זעט, איז שטענדיק און אין אַלע צײַטן קומט פאָר איינס און דאָס זעלביקע. ניט נאָר מע שטרעבט צוריק צו פאַרשקלאַפן דאָס פאָלק, וואָס שטייט אויף פאַר זײַן פרײַהײַט, נאָר מע וויל נאָך מיט קאָלערליי מיטלען מאכן צו שאַנד און פאַרשמוציקן דאָס אַלץ, פאַר וואָס עס האָט בעמעס געקעמפט.

וועמענס צאר עס איז אינדערעמעסן געווען דער אָנגערופענער דימיטרי, דאָס האָט ער באַוויזן, ווי נאָר ער איז געקומען קיין מאָסקווע. פאָרגעקומען איז עס ניט מיטאָמאָל. די פוילישע מיליטערישע הילף, די מיליטער־טיילן פון די געדונגענע פוילישע סאָלדאטן, וואָס די פּריצים האָבן צונויפגעקליבן און באַוואָפנט, האָבן אים ניט געבראַכט דעם נוצן, וואָס ער האָט געהאָפט צו באַקומען פון זיי. קאָלוזמאַנ גאָדונאָווס ארמיי האָט זיך געהאַלטן פעסט, האָט דער אָנגערופענער דימיטרי געליטן איין מאַפּאָלע נאָך דער אַנדערער, און ווען ניט די דרײַסטקײַט און גענייטקײַט פון די קאָזאַקישע טיילן, וואָס האָבן זיך געשלאָגן אונטער זײַן פאָן, וואָלט גאָדונאָווס ארמיי עפּשער אים אינגאנצן פאַרניכטעט. די דאָזיקע ארמיי איז אָבער דאָסראָוו באַשטאַנען פון קליינע מענטשן. די מאַסע פון איר אינפאַנטעריע (פוס־גייער), די שיסער (סטרעלצי) זײַנען געווען רעקרוטירט פון דער אומפאַרמעגלעכער שטאָטישער באַפעלקערונג, און לויט זייערע באַשעפטיקונגען האָבן זיי זיך קימאַט ווי צונויפגעוואַקסן מיט איר. צווישן איין מאַרש און דעם צווייטן פלעגן די שיסער האנדלען, פאַרנעמען זיך מיט פאַרשיידענע מעלאָכעס אאוו. זיי זײַנען געווען בלוט פונעם בלוט און פלייש פונעם פלייש פון דעם „שוואַרצן" פאַרשטאָט־פאָלק, וואָס האָט, ווי מיר האָבן געזען, ניט ווײַניקער געליטן אונטערן יאָך פונעם האנדל־קאַפּיטאַל, ווי דער פּויער אין דאָרף, נאָר אויף אַן אַנדער אויפן. גאָדונאָווס קאַוואַלעריע ווידער איז באַשטאַנען דאָסראָוו פון קליינגיטערישע אדלײַט און באָיאַרישע קינדער, וואָס זײַנען אָפּטמאָל אויך געווען אזוי אָרעם, אז זיי זײַנען געווען געצוווּנגען צו פאַרנעמען זיך מיט וועלכע ס'איז מעלאָכעס, און אין זייערע דינסט־פאָרמולאַרן געפינען מיר פאַרשריבן: „א שנײַדער א מײַסטערל". יענע פון זיי, וואָס זײַנען אַוועק צו די דאָרעמ־גרענעצן, וווּ די פּויערשע באַפעלקערונג איז, ווי מיר געדענקען, געווען א שיטערע, וווּ די פּריצים האָבן געהאַט זייער ווייניק לײַב־ייגענע, יענע פלעגן זיך אומבאַמערקט צונויפגיסן מיטן אויבערשטן פאַרמעגלעכן שיכט פונעם קאָזאַקנטום, און ס'איז אַפילו שווער געווען צו דערקענען וווּ עס ענדיקט זיך א קליינגיטערישער באָיאַרישער זון און וווּ הייבט זיך אָן א וואָסערער ס'איז קאָזאַקן־אַטאַמאַן. די דאָזיקע אדלײַט און באָיאַרישע קינדער פון די אוקראַיִנישע

בײַסטעפּישע שטעט האָבנ די ערשטע פּאַראַטנ גאָדונאָווג. זיי האָבנ געמאַכט אַנ
אופשטאַנד אינ גאָדונאָווס לאַגער. די הערשראָקענע צאַרישע קריגס=אָנפירער זײַנענ
אַנטלאָפנ. די שיסער האָבנ זיכ געהאַלטנ עטוואָס לענגער אונ פעסטער, נאָר אויכ
זיי זײַנענ דערנאָכ אַריבער אַפּ דער זײַט פונעמ נײַעמ צאַר. בא גאָדונאָווג איז סאָפּ־
קאָלסאָפּ פאַרבליבנ אַ קליינע צאָל געטרײַע דײַטשישע סאָלדאַטנ, זייער צאָל איז
אָבער געווענ אַזוי קליינ, אַז זיי זײַנענ ניט געווענ בעקויעכ צו ראַטעווענ זײַנ טראָנ.
פאַרלאָזנ פונ אַלעמענ, האָט זיכ גאָדונאָוו צי פאַרסאַמט, צי געשטאָרבנ פונ אַ
האַרצ־שלאַג, אונ זײַנ פאַמיליע האָבנ די אופגעשטאַנענע מאָסקווער אײַנוווינער
אויסגעהאַרגעט. דער אָנגערופענער דימיטרי איז דערמיט אַרײַנ אינ מאָסקווע, אונ
גלײַכ מיט זײַנע ערשטע פאַראָרדענונגענ האָט ער געגעבנ קלאָר צו פאַרשטיינ, אַפּ
וועמענ ער שטיצט זיכ אונ לעטויווועס וועמענ וועט ער פאַרוואַלטנ מיט דער מעלוכע.
איינע אַזאַ פאַראָרדענונג האָט שטאַרק פאַרקירצט די „ראַבאַלע=קנעכטשאַפט", ד. ה.
די כויוועס־קנעכטשאַפט. פריִער פלעגט מענ שרײַבנ די קאַבאַלע, ד.ה. די כויוו־פאַר־
פליכטונג אַפּ דער גאַנצער מישפּאָכע, אַשטייגער, אַפנ פאָטער מיטנ זונ, — אַז דער
פאָטער שטאַרבט, ווערט דער זונ דער באַלעבאָס, אַפּ אַזאַ אויפנ איז די קנעכט־
שאַפט געוואָרנ אַ יערושע־זאַכ; איצט איז די כויוו־פאַרפליכטונג גילטיק געווענ נאָר
קאָלזמאַנ עס האָט געלעבט יענער, בא וועמענ מע האָט געליענ דאָס געלט. ווי נאָר
דער האַר פלעגט שטאַרבנ, פלעגט דער קנעכט ווידער ווערנ אַ פרײַער מענטש.

א צווייטע פאַראָרדענונג האָט קימאַט ווי אָפּגעשאַפט די פאַראָרדענונגענ וועגנ
די אַנטלאָפענע, וואָס גאָדונאָוו פלעגט אַרויסגעבנ אינ אַזאַ גרויסער צאָל. אַלע פּויר־
ערימ, וואָס זײַנענ אַנטלאָפנ פונ זייערע פריצימ אינ דער הונגער־צײַט, — אונ אינ
יענער צײַט זײַנענ די פויערימ געלאָפנ פונ זייערע הארנ אינ אַ באַזונדערס גרויסער
צאָל, — אָט די אַלע פויערימ איז דערלויבט געוואָרנ ניט אומצוקערנ זיכ צוריק
אונטערנ יאָכ פונ זייערע פריצימ אונ פאַרבלײַבנ אינ די ערטער, ווו זיי האָבנ זיכ
אײַנגעאָרדנט. עס פאַרשטייט זיכ, אַז די פריצימ, באַזונדערס די גרויסע, האָט עס
ניט געלאָנט שמעקנ. ניט שטאַרק האָט עס געשמעקט אויכ די רײַכע סאָכרימ, בי־
פראַט נאָכ, ווענ זיי האָבנ דערזענ, אַז מיט דימיטריענ זײַנענ אָנגעקומענ אויסלענ־
דער, וואָס האָבנ זיכ געקליבנ פעסט צו באַזעצנ זיכ אינ מאָסקווע אונ נאָכ וועלכע
עס האָבנ געוויס געדאַרפט אָנקומענ פוילישע סאָכרימ מיט אויסלענדישע סכוירעס
אונ אָפּנעמענ בא דעמ מאָסקווער האַנדל־קאַפּיטאַל זײַנ מאָנאָפּאָל. אונ מיר געדענ־
קענ דאָכ, ווי פאַרצווייפלט ער האָט געקעמפט פאַר דער דאָזיקער מאָנאָפּאָל נאָכ
מיט 150 יאָר פריִער, ביים איוואַנ וואַסיליעוויטש, דעמ גרויזאַמענס זיידע, איז גע־
גאַנגענ אײַנעמענ נאָווגאָראָד. די באָיאַרעס אונ די רײַכע סאָכרימ האָבנ אָנגעהויבנ
אַגיטירנ קעגנ דימיטריִענ, וועלכער איז געווענ אַ קאַטויל. ער פלעגט עס באַהאַלטנ,
אָבער דאָס האָט מענ געזענ פונ זײַנ גאַנצנ לעבנ-שטייגער. ער פלעגט שלעכט אָפּ־
היטנ די רוסישע טאַנייסימ, די רוסישע יאָנטויווימ אאַוו. האָט מענ דאָס אויס־
גענוצט, קעדיי אײַנצורעדנ דאָס פאָלק, אַז ער איז געקומענ קעדיי אײַנצופירנ אינ
רוסלאַנד דעמ קאַטוילישנ גלויבנ. אַפנ פּאָשעטנ פאָלק, וואָס די פּראַוואָסלאַוונע
גײַסטלעכע האָבנ עס דערצויגנ אינ אָפּגעפרעמדקײַט אונ האַס צו אַלע אַנדערש־
גלייביקע (לויט דער לערע פונ דער קירכע האָט מענ אַפילע ניט געטאָרט עסנ פונ
איינ געשיר מיט אַ קאַטויל), האָט דאָס אַלצ געווירקט. נאָר מער פונ אַלצ האָבנ די־
מיטריענ צוגעדינט די פוילישע סאָלדאַטנ, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיכ.
זיי האָבנ געבושעוועט, געראַבעוועט אאַוו. דעמ שטאָטישנ האַמוינ, די באַלמע־

לאָכעס, די קליינע קרעמער האָט זיכ אָנגעהויבנ דוכטנ, אז עס הייבט זיכ טאַקע
בעממס אָנ עפּעס א מינ אויסלענדישע אינוואזיע, אונ זיי האָבנ זיכ אלצ אופמערק־
זאמער אונ אופמערקזאמער אָנגעהויבנ צוהערנ צו דעמ, וואָס עס פלעגנ ריידנ די
אגיטאטערס, וואָס די באָיארעס אונ רײַכע סאָכרימ האָבנ געשיקט. דימיטרי איז גע־
ווענ זייער פּעסט בא זיכ. פונעמ ניצאָכנ איבער גאָרונאָווג האָט ער באקומענ קאָפּ־
שווינדל, אונ ער האָט געמיינט, אז אינ מאָסקווע האָט ער קיינ קעגנער ניט.
אינ מאָסקווע אָבער האָט זיכ אינ דער צײַט געפלאָכטנ א באָיאריש־סאָכרישע פאר־
שווערונג. לעסאָפּ, אינ דער נאכט אפנ 17־טנ מײַ 1606 יאָר האָבנ די פארשווערער
באשלאָסנ ארויסצוטרעטנ. דער באָיארינ וואסילי איוואנאָוויטש שויסקי, וואָס איז
מיט עטלעכע כאדאָשימ פריִער שיר ניט געקעפּט געוואָרנ פאר א פארשווערונג, מער
ניט, וואָס דימיטרי האָט אימ באגנעדיקט, — האָט זיכ איצט בעראָש פונ זײַנע
באוואָפנטע כאָלאָפּעס אונ אנדערע כאָיארעס מיט זייערע דינער ארײַנגעריסנ אינ
קרעמל; דימיטריענ האָט מענ דערהארגעט. אונ אינ דער זעלביקער צײַט האָט מענ
אופגעהעצט די מאָסקווער פאָרשטאָט־איינוווינער אפ די הויפנ, וואָס זײַנענ געווענ
פארנומענ מיט די פוילישע סאָכרימ אונ פוילישע פריצימ, וועלכע זײַנענ געקומענ
צו פאָרנ מיט דימיטריענ. אזויארומ האָט מענ דעמ פּאָשעטנ האמוינ אײַנגערעדט,
אז דאָס איז אנ אופשטאנד קעגנ אויסלענדער, קעגנ די פּאָליאקנ, וואָס ווילנ קלוי־
מערשט פארקנעכטנ רוסלאנד. אינדערעמעסנ אָבער האָט מענ אויסגענוצט דעמ אופ־
שטאנד, קעדיי צו דערהארגענענ דעמ צאר, וואָס איז געגאנגענ קעגנ די אינטערעסנ
פונ די רײַכע פריצימ אונ קאפּיטאליסטנ. דער האס פונ די לעצטע צו דימיטריִענ
איז געווענ אזוי גרויס, אז זיי האָבנ זיכ ניט באנוגנט מיט א פּאָשעטנ מאָרד, נאָר
זיי האָבנ פארברענט דעמ קערפּער פונעמ אדלפּײַנטלעכנ צאר אונ אויסגעשאָסנ מיט
זײַנע ביינער פונ א האַרמאט.

נאָכדעמ, ווי דאָס איז פאָרגעקומענ, האָבנ די סאָכרימ אונ די באָיארעס ארויס־
געשטעלט א צאר פונ זייער סוויווע. פאר א פּאסיקנ מענטשנ האָט זיכ ארויסגעוויזנ
דער פירער פונ דער פארשווערונג וו. א. שויסקי. די באָיארעס האָבנ אימ ניט
שטארק ליב געהאט, ווײַל זיי האָבנ אימ געהאלטנ פאר א פארעטער: אינ דעמ גרוי־
זאמענס צײַטנ, אינ דער צײַט פונ דער „אָפּריטשינע", האָט ער געדינט אינ אָט דער
אָפּריטשינע אונ האָט, הייסט עס, געהאָלפנ די קליינע דינסט־לײַט אויסצוראָטנ די
באָיארעס. פּערזענלעכ אָבער, לויט זײַנ אָפּשטאמונג, האָט ער געהערט צו די מעיו־
כעסדיקע באָיארעס, איז געווענ אנ אייגענער מענטש פאר די באָיארעס. צוזאמענ
דערמיט האָט ער אויכ געהאט גרויסע פארבינדונגענ מיט די מאָסקווער סאָכרימ.
ער האָט פארמאָגט גרויסע אינדוסטריִעלע נאכלעס אינ דער איצטיקער איוואנאָווער
געגנט אונ נאָכ אדאיאָמ טראָגט א טייל פונ די מאָסקווער האנדל־רייענ דעמ נאָמענ
שויסקער הויפ, אונ עס דערמאָנט אָנ דעמ האנדל־באטײַט, וואָס עס האָט אמאָל גע־
האט די פאמיליע שויסקי. פונעמ גלאָקטורעמ פונעמ קלויסטער אפנ נאָמענ פונ
עליאָהו־האנאָווי, וואָס געפינט זיכ אינ מיטנ פונעמ דאָזיקנ הויפ, איז אינ דער
נאכט אפנ 17־טנ מײַ געגעבנ געוואָרנ דער סיגנאל צומ אָנפאל אפנ קרעמל. די
מאָסקווער סאָכרימ האָבנ דעריבער מיט באגײַסטערונג באגריסט שויסקינ, אונ אויכ
די סאָכרימ פונ די איבעריקע האנדל־שטעט — פונ ניזשני, יאראָסלאוול, וואָ־
לאָגדע — האָבנ אימ די גאנצע צײַט געשטיצט, ווי ער האָט אליינ אנערקענט אינ
זײַנע גראמעטעס. שויסקי איז אזויארומ געווענ א באָיאריש־סאָכרישער צאר, מער
אפילע א סאָכרישער, איידער א באָיארישער.

ער איז געווענ זייער א געלט־גייציקער מענטש, זייער ניט קיינ געוויסנהאַפטער אונ א צוויאַק, וואָס פלעגט זיכ גאַנצ אָפט אָפּזאָגנ פונ דעמ, וואָס ער האָט עפנטלעכ געזאָגט. ער האָט לעמאָשל, פריִער, לויט גאָדונאָווס פאָדערונג, געזאָגט, אַז דימיטרי איז געשטאָרבנ אונ אַז ער האָט אַליינ געזענ זיינ טויטנ גופ. שפּעטער, ווענ עס האָט געזיגט דער אָנגערופענער דימיטרי, האָט ער אימ אָנערקענט פאַר א צאַר, ד. ה. ער האָט אָנערקענט, אַז ער האָט פריִער געזאָגט א ליגנ; אונ שפּעטער, ווענ מע האָט אַראָפּגעוואָרפנ דימיטריִענ, אַנטדעקט ער ווידער די הייליקע רעליקוויעס פונ דימיטריִענ, וואָס באָריס גאָדונאָוו האָט אימ דערהאַרגעט. אַזויאַרומ האָט ער דריי מאָל דערציילט וועגנ איינ אונ דעמ זעלביקנ מענטשנ אַבסאָליוט קעגנזעצלעכע זאַכנ. ער האָט זיכ אַפּ דאָס ניי געפרוווט פאַרפעסטיקנ די פויערשע כנעכטשאַפט. די פאַראָרדענונגענ וועגנ די אַנטלאָפענע זיינענ אַפּ דאָסניי אופגעשטעלט געוואָרנ, אונ די פריצימ איז דערלויבט געוואָרנ אויסצוזוכנ די אַלע, וואָס זיינענ אַנטלאָפנ געוואָרנ פונ זייערע גיטער אַפילע מיט 15 יאָר פאַר דעמ. דאָס איז אָבער געווענ א פוסטע דראָונג, ווייל גאָר אינגיכנ נאָכ דעמ, ווי שויסקי איז געוואָרנ צאַר, איז ניט די פריצימ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ יאָגנ נאָכ די פויערימ, קעדיי אומצוקערנ זיי צו זיכ, נאָר די פויערימ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ יאָגנ נאָכ די פריצימ, קעדיי צו דערהאַרגענענ זיי אונ צו פאַרכאַפּנ זייערע גיטער, אונ די פריצימ האָבנ געמוזט אַנטלויפנ קיינ מאָסקווע.

שוינ אינ האַרבסט 1606 יאָר איז דער גאַנצער דאָרעמ פונ דער מאָסקווער מעלוכע געוואָרנ אַרומגענומענ מיט אַנ אופשטאַנד. ווי נאָר דאָס מיליטער, וואָס דימיטרי האָט געהאַט צונויפגעזאַמלט אַפּ דער דאָרעמ־גרענעצ, האָט זיכ דערוווּסט וועגנ זיינ טויט, האָט עס, ווי איינ מענטש, אופגעהויבנ אַנ אופשטאַנד קעגנ דער נייער רעגירונג. זיי האָבנ שטענדיק געדענקט, אַז אינ מאָסקווע האָט מענ אַראָפּגעוואָרפנ זייער ליבלינג, ס'האָבנ אָנגעהויבנ אַרומגיינ קלאַנגענ, אַז די גאַנצע מייסע האָבנ אויסגעטראַכט שויסקי אונ זיינע כאַווייריִמ (אונ שויסקי איז, ווי מיר געדענקענ, געווענ א בעריע צו זאָגנ ליגנס), אַז דימיטרי האָט זיכ אינדערעמעסנ געראַטעוועט אונ באַהאַלט זיכ ערגעצוו. מע האָט אינגיכנ געפונענ א מענטשנ, וואָס האָט גענומענ אַפּ זיכ דעמ דאָזיקנ נאָמענ, אונ מע האָט אָנגעהויבנ איינרעדנ, אַז דאָס איז ער דער ניצל געוואָרענער דימיטרי. אונ ווייל פערזענלעכ האָבנ דעמ צאַר געקענט זייער א קליינע צאָל מענטשנ, האָט זיכ די דאָזיקע אָפּנאַרעריי זייער גרינג איינגעגעבנ. די דאָרעמ־אַרמיי איז אַוועק אַפּ מאָסקווע. שויסקיס לאַגע איז פונ טאָג צו טאָג געוואָרנ אַלצ שווערער. נאָר דאָ, ביים עס האָבנ אימ פאַראַטנ זיינע מיליטערישע קויכעס, האָבנ אימ אַרויסגעהאָלפנ זיינע קלוגע איינפאַלנ אונ זיינ פייִקייט אויסצודרייענ זיכ. ער האָט זיכ באַנוצט מיט יענע קלאַסנ־ווידערשפּרוכנ, וואָס האָבנ זיכ גלייכ אַנטפּלעקט אינעמ לאַגער פונ זיינע פיינט. קעגנ שויסקינ זיינענ פאַר „דימיטריִענ" אַרויסגעטראָטנ אי די מיטעלע אי די קליינע פריצימ — די פּראָווינציעלע אונ ניט די מאָסקווער — אונ די מאַסנ פויערטומ. אָבער די פויערימ זיינענ געגאַנגענ ניט בלויז קעגנ שויסקינ, נאָר אויכ קעגנ די פריצימ. ווענ די אופגעשטאַנענע פויערימ האָבנ אָנגעהויבנ כאַרעוו מאַכנ די פריצישע גיטער, אויסהאַרגענענ די פריצימ, פאַרכאַפּנ זייער פאַרמעגנ, האָבנ די פריצימ פונ דימיטריס מיליטער געמוזט דערפילנ, אַז זיי זיינענ אַרלליינט.

דער פויערימ־אופשטאַנד האָט זיכ דערווייל פאַרשפּרייט אַלצ ברייטער אונ ברייטער. אויב ביים דעמ מאַרש פונעמ ערשטנ דימיטרי קעגנ גאָדונאָוונ האָבנ זיכ

די פויערימ קימאט ווי ניט גערירט, זײַנענ זיי איצט אינ דער גאנצער מאסע זייע־
רער אופגעשטאנענע קעגנ שויסקינ. זייער אנפירער, איוואנ איסײַעוויטש באלאט־
ניקאוו, אנ אנטלאפענער כאלאפ, וואס איז אמאל געווענ ארײַנגעפאלנ אינ געפענ־
קעניש צו די טאטערנ אונ איז אנטלאפנ געווארנ קײַנ אויסלאנד, א דרײַסטער אונ
ענערגישער מענטש, האט גערופנ דאס גאנצע פויערטומ, עס זאל אראפוואַרפנ דעמ
דרוק, פונ וועלכנ עס לײַדט, אונ זאל אליינ פארנעמענ דאס ארט פונ די פריצימ,
עס זאל ראבירנ בא זיי דאס, וואס זיי האבנ אנגעראבירט בא די פויערימ. אט די
צוויי טיילנ פונ די אופגעשטאנענע — דער אדעליקער אונ דער פויערשער — האבנ
וואס ווײַטער אלצ ווינציקער געשטימט איינער מיטנ צווייטנ. אונ ווענ דאס מילי־
טער, וואס איז אופגעשטאנענ קעגנ שויסקינ, איז צוגעקומענ צו מאסקווע, איז
צווישנ זיי פארגעקומענ א שפאלטונג. שויסקי האט צוגעזאגט די פריצימ קאלערליי
באַאדימ, האט זיי צעטיילט א סאכ ערד, האט ארײַנגענומענ זייערע פירער אינ
דער באיארישער דומע, אונ אינעמ אנטשיידנדיקנ מאמענט האבנ זיי אוועקגעווארפנ
זייערע פויערשע כאווירימ, אונ די פויערימ ווידער מיט די קאזאקנ אליינ זײַנענ
ניט געווענ בעקויעכ בײַצוקומענ דאס צארישע מיליטער. באלאטניקאוו איז צעקלאפט
געווארנ, איז אנטלאפנ קיינ טולע, דארטנ האט אימ דאס צארישע מיליטער
באלאגערט אונ פארכאפט. אונ די קאזאקנ זײַנענ ווידער אפגעטראטנ צו דער דא־
רעמ-גרענעצ פונ דער מאסקווער מעלוכע, אבער בלויז אפ א קורצער צײַט. אינגיכנ
זײַנענ זיי געקומענ צו זיכ, אונ מיט דער הילפ פונ פוילישע מיליטער־טיילנ, —
וואס זײַנענ ווידער געקומענ אינ דער מאסקווער מעלוכע טיילווײַז כעדיי זיכ נויקעמ
צו זײַנ פאר די זייעריקע, טיילווײַז פאשעט צו ראבעווענ, ווײַל דעמ וועג האבנ זיי
שוינ געוווסט, — זײַנענ די קאזאקנ ווידער צוגעקומענ צו מאסקווע אונ האבנ זיכ
באפעסטיקט אינ טושינא, 17 קילאמעטער צו צאפנ־מײַרעוו צו פונ דער דעמלטי־
קער מאסקווער ראגאטקע. אינ טושינא האט זיכ אויכ באזעצט דער צווייטער די־
מיטרי אליינ. ארומ אימ האט זיכ אויסגעבילדעט א גאנצער הויפ, וואס איז געווענ
ענלעכ צומ מאסקווער הויפ. אינ טושינא האט זיכ געשאפנ אזוי ווי א צווייטע
הויפט־שטאט, אונ ארויסשלאגנ פונ דארטנ די קאזאקנ מיט זייערע פוילישע מילי־
טער־טיילנ איז שוינ שויסקי ניט געווענ בעקויעכ. ביסלעכווײַז האבנ אפילע די בא־
יארעס אנגעהויבנ פארלאזנ שויסקינ, אונ פיל פונ זיי האבנ זיכ גאר ניט געמיִעסט
צו פארנעמענ שטעלעס באמ טושינער הויפ. בעראש פונ זיי איז געשטאנענ דער
עלטסטער צווישנ די דעמלטיקע באיארעס, א נאענטער קארעוו פונ דער אויסגע־
שטארבענער מאסקווער דינאסטיע, פיאדאר ניקיטיטש ראמאנאוו, וואס גאדונאוו האט
אימ געמאכט פאר א מאנאכ מיטנ נאמענ פילארעט אונ וואס דימיטרי האט אימ
באשטימט פארנ ראסטאווער מיטראפאליט. אז ער איז איבערגעפארנ קיינ טושינא,
איז פילארעט געווארנ פאטריארכ. אזוי ווי ס'איז געווענ צוויי צארנ, איז אינ דער
דעמלטיקער קירכע, נאטירלעכ, געווענ אויכ צוויי פאטריארכנ.

בא א צוויי יאר האט די מאסקווער מעלוכע געלעבט אזויארומ מיט צוויי
צארנ: איינעמ א קאזאקיש־פויערשנ אינ טושינא, וואס אינ מאסקווע פלעגט מענ
אימ רופנ טושינער פארברעכער, אבער אינ טושינא איז ער געווענ פונקט אזא קייסער,
ווי יעדער אנדערער, אונ א צווייטנ, א פריציש־סאכרישנ קייסער, אינ קרעמל.
נאר וואס ווײַטער איז די לאגע פונ די פריצימ אונ סאכרימ געווארנ אלצ ערגער.

פריער פאר אלצ האט דער קעסיידערדיקער בירגער־קריג זייער שווער געמאכט
די האנדל־באציִונגענ פונ דער מאסקווער מעלוכע. פונ די בריוו, וואס די שטעט

האָבן געשריבן איינע צו דער אַנדערער, דערוויסן מיר זיך, אַז גאַנצע יאָרן האָט פֿון קאָזאַקן קיין פּערם און צוריק ניט געקאָנט דורכגיין קיין איין האַנדל־קאַראַוואַן. שוין דאָס אַליין האָט געמוזט צווינגען דעם סאָכרישן קאַפּיטאַל צו באַציִען זיך אַלץ מיט מער אויפֿמערקזאַמקייט צו דעם, וואָס עס קומט פֿאָר. צווייטנס, איז די רעוואָליוציע ביסלעכווייז אַריבער פֿון דאָרף אין שטאָט. די מאַסע שטאָטישע באַפֿעלקערונג האָט זיך נאָך פֿון אָנהייב, ווי מיר האָבן געזען, צוגעהערט צו דער אַגיטאַציע פֿון די פּריצים און פֿון די קאַפּיטאַליסטן. אין מאָסקווע האָט זיך זיי אַפֿילע איינגעגעבן איינצורייִדן דעם האַמוין, ער זאָל אַרויסטרעטן קעגן דעם ערשטן דימיטרי. אָבער אויך די שטאָטישע באַפֿעלקערונג, וועמען דער האַנדל־קאַפּיטאַל האָט אונטערדריקט און עקספּלואַטירט ניט אַף קיין סאַך ווייניקער, ווי ער האָט אין דאָרף עקספּלואַטירט די פּויערים, אויך זי הייבט אָן ביסלעכווייז צו פֿאַרשטיין, אַף וועמעס זייט זי דאַרף זיין. און אַט הייבן אָן די „בעסטע מענטשן", ד. ה. די רייכע סאָכרים, די באַלעגופֿים פֿון פֿאַרשיידענע שטעט, מיט אומרויִקייט איבערגעבן אין זייערע בריוו איינער דעם צווייטן, אַז דאָ און דאָ האָט דער „האַמוין" געשוואָרן טרייהייט דימיטרי איוואַנאָוויטשן, און די בעסטע מענטשן האָבן געמוזט אַנטלויפֿן, וווּהין נאָר די אויגן האָבן זיי געטראָגן. אין די גרויסע שטאָטישע צענטערס, ווי פּסקאָוו, לעמאָשל, איז דערגאַנגען ביז אַן עמעסער שטאָטישער רעוואָליוציע. דאָ האָט די מאַסע באַלמעלאָכעס און קליינע הענדלער צוזאַמען מיט די שיסערס און מיט די קאָזאַקן פֿאַרכאַפּט די מאַכט און געגרינדעט אַ מין דעמאָקראַטישע רעפּובליק. און די „געסט", פּריצים און גרויסע סאָכרים, וואָס זיינען געווען אין שטאָט, האָט מען צוערשט אַריינגעזעצט אין טפֿיסע און דערנאָך מערסטנטייל אויסגעהאַרגעט.

דאָס אַלץ האָט באַוויזן דעם סאָכרישן קאַפּיטאַל, אַז אויך אים דראָט די געפֿאַר פֿון פֿולשטענדיקן אומקום, אויב דער בירגער־קריג וועט זיך נאָך לענגער פֿאַרציִען. פֿרעגט זיך, פֿון וואַנען זאָל מען זוכן הילף? דער ערשטער געדאַנק, פֿאַר וועלכן ס'האָבן זיך אָנגעכאַפּט די רייכע סאָכרים צוזאַמען מיט די פּריצים, איז געווען דער געדאַנק וועגן אויסלענדישער הילף. אין דער מאָסקווער מעלוכע זיינען שוין הינטער מאָסקווע גופֿע געשטאַנען פּוילישע מאַכנעס, וואָס זיינען געקומען „העלפֿן" דימיטריען און די קאָזאַקן. אינדערעמעסן אָבער זיינען זיי געקומען ראַבעווען, אויסנוצנדיק דעם בירגער־קריג. דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען אַ שלעכטע שטיצע פֿאַר די, וואָס האָבן געוואָלט מאַכן אַ סאָף צום בירגער־קריג. אָבער קעגן זיי האָט מען זיך געקאָנט ווענדן צו דער פּוילישער רעגירונג און בעטן באַ איר צו הילף פּוילישע רעגולערע מיליטער־טיילן. און אַזוי טאַקע האָט מען געטאָן. אין דער אייגענער צייט איז אויך פֿאַר די פּריצים, וואָס זיינען אַריבער אַפֿן צאַד פֿון טושינאָ, שווער געוואָרן אַריבערצוטראָגן זייער לאַגע. אין דער ערשטער רעגע האָבן זיי אויך געהאַפּט אויסצונוצן דעם אויפֿשטאַנד פֿונעם „האַמוין", קעדיי אָפּצוטאָן זייערע אייגענע געשעפֿטלעך. איינגיכן אָבער האָבן זיי זיך אין טושינאָ דערפֿילט ווי געפֿאַנגענע באַם קאָזאַקנטום און באַ די אויפֿגעשטאַנענע פּויערים. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ דאָפּלטע פֿאַרשווערונג: אין מאָסקווע האָט מען זיך צונויפֿגערעדט וויאַזוי פּאָטער צו ווערן פֿון וו. איוו. שויסקי, וואָס האָט ניט געקענט און איז ניט געווען בעקויעך אַ סאָף מאַכן צום בירגער־קריג, אין טושינאָ האָט מען געזוכט, ווי פּאָטער צו ווערן פֿון דימיטריען, וואָס איז בעפֿיירעש געווען אַ כאַלאָפּישער צאַר און פֿון וועלכן מע האָט

בעשומויפנ ניט געקאָנט מאַכנ קיינ צאַר פֿאַרנ אַדל אונ פֿאַר די סאָכרים. ביידע פֿאַרשווערונגענ האָבנ זיכ איננגיכנ צונויפֿגעגאָסנ אינייינעם. מע איז דורכגעקומענ אָפ דעם, אַז מאָסקווע אונ די געגנט פֿונ צאָפֿנ־וואָלגע וועלנ אַראָפּוואַרפֿנ שויסקינ, אונ טושינאָ וועט אַראָפּוואַרפֿנ דימיטריענ, אונ אַלע צוזאַמענ וועלנ זיי אַרופֿזעצנ אָפֿנ טראָנ דעמ פּוילישנ פּרינצ וולאַדיסלאַוו, מיט אים צוזאַמענ וועט קיינ מאָסקווע קומענ פּויליש מיליטער אונ וועט מאַכנ א סאָפּ צו דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע.

קיינ פּוילנ זײַנענ אַוועקגעפֿאָרנ שליכים, וואָס האָבנ געשלאָסנ אַנ אָפּמאַכ מיטנ קיניג סיגיזמונד, וולאַדיסלאַווס פֿאָטער. דער אָפּמאַכ איז אינטערעסאַנט אינ דעמ פּראַט, וואָס דאָס איז דער ערשטער פּרווו פֿונ א רוסישער קאָנסטיטוציע, דאָס הייסט, דער ערשטער פּרווו צו באַשטימענ די רעכט אונ היסכײַוועסנ פֿונעמ קייסער, פֿאַרפֿעסטיקנ זיי דורכ א שריפֿטלעכנ אָפּמאַכ, וואָס זאָל זײַנ אָבליגאַטעריש פֿאַר אים. עס איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעכ, אַז די דאָזיקע קאָנסטיטוציע איז לאַכלוטנ ניט געווענ באַשטימט ניט פֿאַר די פּויערים אונ ניט פֿאַר די אונטערשטע שיכטנ פֿונ דער שטאָטישער באַפֿעלקערונג. וועגנ די לעצטע איז דאָרטנ קיינ איינ וואָרט ניט דערמאָנט געוואָרנ, אונ וואָס איז שײַעכ די פּויערימ, ווערט וועגנ זיי דערמאָנט בלויז אינ דעמ זינ, אַז אַלע פּונקטנ אונ פֿאַראָרדענונגענ וועגנ די אַנטלאָפֿענע דאַרפֿנ צוריק אופֿגעשטעלט ווערנ, אונ אַז די פּויערימ טאָר ניט דערלויבט ווערנ אַריבערצוגיינ פֿונ דער מאָסקווער מעלוכע אינ דער פּוילישער, אונ פֿאַרקערט. דערפֿאַר אָבער ווערט אינעמ דאָזיקנ אָפּמאַכ אויספֿירלעכ באַשטימט, וויאַזוי דער צאַר דאַרפֿ רעגירנ — ניט אַנדערש ווי מיט דער באָיאַרישער דומע. אינ וויכטיקע פֿאַלנ מוז ער צונויפֿרופֿנ א לאַנד־פֿאַרזאַמלונג (זעמסקי סאָבאָר) פֿונ פֿאָרשטייער פֿונ די פֿאַרמעגלעכע קלאַסנ, פֿונ די פּריצימ אונ סאָכרים. אָנ זיי טאָר ער ניט אַרויסגעבנ קיינ נײַע געזעצנ. די גאַנצע לויפֿנדיקע אַרבעט ווידער געפֿינט זיכ אינ די הענט פֿונ דער באָיאַרישער דומע.

שוינ ניט דאָס ערשטע מאָל האָבנ די פֿאַרמעגלעכע קלאַסנ זיכ געפֿלײַסט אויסצונוצנ די רעוואָליוציע אינ זייערע אינטערעסנ. ווענ שויסקי איז אַרופֿ אָפֿנ טראָנ, האָט מענ אים אויכ געצוווּנגענ שווערנ, אַז ער וועט קיינעמ ניט באַשטראָפֿנ מיט טויט, וועט בײַ קיינעמ ניט אָפּנעמענ קיינ גוטס, סײַדנ לויטנ געריכט אונ אָפֿנ סמאַכ פֿונעמ געזעצ. פֿאַרשטייט זיכ, אַז אויכ דעמלט האָט עס געהאַט א שײַכעס בלויז צו די פּריצימ אונ די סאָכרים. דאָרט איז בעפֿיירעש געזאָגט געוואָרנ: „ניט אָפּנעמענ בײַ די פּריצימ זייערע פֿאָטער־נאַכלעס, אונ בײַ די געסט (סאָכרים—ר ע ד.) זייערע סכוירעס אונ קאַפּיטאַלנ". וואָס איז שײַעכ דעמ פּאָשעטנ האַמוינ, איז מענ זיכ מיט אים פּונקט אַזוי אַכזאָריעסדיק באַגאַנגענ נאָכ אָט דער גראַמעטע, ווי פֿריער.

אָפֿנ גרונט פֿונעמ אָפּמאַכ צווישנ די מאָסקווער אונ טושינער פֿאַרשווערער מיטנ פּוילישנ קיניג, האָט מענ שויסקינ אַראָפּגעוואָרפֿנ אונ געמאַכט פֿאַר א מאָנאַכ, אונ דימיטרי, האַגאַמ ער איז ניט אַראָפּגעוואָרפֿנ געוואָרנ, ווײַל די קאָזאַקנ האָבנ זיכ געשטעלט אָפּ זײַנ זײַט, איז ער אָבער מיט דער הילפֿ פֿונ די פּאָליאַקנ פֿאַרטריבנ געוואָרנ פֿונ טושינאָ. די מאָסקווער מעלוכע, דאָס הייסט, די מעלוכע פֿונ פּריצימ אונ קאַפּיטאַליסטנ, האָט זיכ ווידער אַזוי ווי פֿאַרייניקט. זי האָט ווידער געהאַט איינ הויפּט־שטאָט — מאָסקווע. נאָר גאָר גיכ האָבנ זיכ די פֿאַרשווערער אַרומגעזענ, אַז זיי האָבנ געמאַכט א שלעכטנ בײַט. דער קיניג סיגיזמונד האָט

מאסקים געווענ אפצוגעבנ זײַנ זונ קיינ מאסקווע גארניט צוליב דעם, קעדיי אײַנצושטעלנ ארדענונג אינ דער מאסקווער מעלוכע. דאס האט אימ ווייניקער פונ אלצ אינטערעסירט. ער איז געווענ א פארשטייער פונעמ דעמלטיקנ פוילישנ אימפעריאליזמ, די פוילישע פריצים, וואס האבנ, ווי מיר האבנ שוינ דערמאנט, ווײַט ארײַנבערגעיאגט די מאסקווער, ווײַל פוילנ איז לויט איר עקאנאמישער אנטוויקלונג געגאנגענ פארויס פאר רוסלאנד קימאט אפ גאנצע הונדערט יאר, — האבנ געבויט ברייטע פלענער. מיר האבנ שוינ געזענ, אז זיי האבנ זיכ אויכ גענייטיקט אינ ערד אונ אז זיי האבנ צוליב דעמ צוועק געוואלט אויסנוצנ נאכ דעמ ערשטנ דימיטרי. איצט האבנ זיי געהאט א סאכ א בעסערע געלעגנהײַט. אפנ מאסקווער טראנ האט זיכ ארופגעזעצט דירעקט א פאליאק. זיי האבנ אנגעהויבנ טרוימענ וועגנ דעמ, אז זיי זאלנ פאשעט פארייניקנ די מאסקווער מעלוכע מיט פוילנ, פונקט ווי זיי האבנ עס געטאנ מיט זעכציק יאר פריער בענעגייע צו ליטע, וועלכע איז פריער אויכ געווענ א באזונדערע מעלוכע. זיי האבנ זיכ אפילע ניט דערווארט, ביז דער נײַער צאר וולאדיסלאוו וועט קומענ קיינ מאסקווע, זיי האבנ שוינ באוויזנ אויסצונוצנ די ענדערונג, אונ דער קיניג סיגיזמונד האט אנגעהויבנ אפ רעכטס אונ אפ לינקס טיילנ ערד, אפנעמענדיק זי בא די, וואס זײַנענ צוליב די אדער יענע סיבעס געווענ קעגנ דעמ נײַעמ צאר, אדער אפילע אנ דעמ דאזיקנ טערעצ. א מאסקווער פארעצ פלעגט זיכ אינ א שיינעמ פרימארגנ דערוויסנ, אז זײַנ ערד איז שוינ גאר ניט זײַנע, אז מע האט זי ערגעצ-ווו פאר טויזנטער קילאמעטער, אינ ווארשע, אפגעגעבנ אנ אנדער באלעבאס.

פארשטייט זיכ, אז אזעלכע פאראנדקעס זײַנענ לאכלוטנ ניט געפעלנ געווארנ די פריצים, אונ די סאכרים האבנ מאקע אויכ גאנצ גיכ פארשטאנענ, אז דער ענגער צוזאמענבונד מיט פוילנ וועט פירנ דערצו, אז אינ מאסקווע וועט קומענ דער פוילישער האנדל-קאפיטאל, דאס הייסט, עס וועלנ קומענ קאנקורענטנ, אונ א סאכ וועט זײַנ צו יענער מאנאפאל, וואס דער מאסקווער קאפיטאל האט ביז איצט גענאסנ בא זיכ אינדערהיימ. מיט איינ ווארט, גאר אינגיכנ האט זיכ אינעמ לאנד ווידער אנגעהויבנ אנ אופרודערונג צווישנ די העכערע קלאסנ קעגנ דער נײַער רעגירונג. פארשטייט זיכ, אז וועגנ די דאזיקע עקאנאמישע סיבעס פונ דער אופרודערונג, וועגנ דעם, אז מע האט מוירע פאר די ערד-נאכלעס, פארנ קאפיטאל, וועגנ דעמ האט מענ אפנ ניט גערעדט. וועגנ דעמ קאנ מענ איבערלייענענ בלויז אינ דער געהיימער קארעספאנדענצ פונ די מאסקווער באיארעס, וואס זײַנענ איצט לויטנ אפמאכ מיט די פוילישע מעלוכע-לײַט געשטאנענ בערא‍ש פונ דער מעלוכע. אפנ ערשטנ פלאנ פלעגנ די אומצופרידענע מיט וולאדיסלאווס ארויסשטעלנ דאס, וואס ער איז, הייסט עס, ניט קיינ רוסישער אונ ניט קיינ פראוואסלאוונער, נאר א קאטויל. אונ ס'איז דעריבער מיעס צו אנערקענענ אימ פאר א צאר, — פונקט ווי ער וואלט ניט געווענ קיינ פאליאק אונ קיינ קאטויל, ביים מע האט אימ אויסגעקליבנ אונ געשווארנ אימ טרײַהײַט. נאר דעמלט האט מענ געהאפט צו באקומענ פונ אימ נוצנ, אונ איצט איז קלאר געווענ, אז קיינ גוטס וועט מענ פונ אימ ניט זענ.

דער וויכטיקסטער ציל, דער גרונט-ציל, צו וועלכנ מע האט געשטרעבט, ביים מע האט אויסגעקליבנ וולאדיסלאוונ, איז ניט דערגרייכט געווארנ. דער בירגערקריג האט ניט נאר ניט אופגעהערט, נאר ער האט אופגעפלאקערט מיט נאכ א גרעסערער קראפט. די פאליאקנ, וואס זײַנענ געווענ גענוג שטארק צו פארכאפנ מאסקווע אונ צו אנהייבנ טאשעווענ, ווי קארטנ, די גיטער פונ די באיארעס אונ פונ די

איבעריקע גרויסע ערדבאַזיצער, זײַנענ לאַכלוטנ ניט געווענ בעקויעכ צו מאַכנ א סאָפּ צו דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע. ערשטנס, האָבנ זיי געהאַט צו ווייניק מיליטער אונ, צווייטנס, האָט זיכ דאָ נאָכ אַמאָל ארויסגעוויזנ, ווי דאָס איז געוועזנ אינ די צײַטנ פונ ערשטנ דימיטרי, אַז טושינאָ איז שטאַרק געווענ גאָר ניט צוליב די פּוילישע אַטריאַדנ, ווי ס'האָבנ געמיינט די פאַרשווערער קעגנ דימיטריענ (דעמ צווייטנ), נאָר טאַקע צוליב די קאָזאַקנ. ווענ די פּוילישע טיילנ האָבנ לויטנ באַפעל פונ זייער רעגירונג אוועקגעוואָרפנ דימיטריענ, איז ער קלאָל ניט געפאַלנ, ווי ס'האָבנ געמיינט זײַנע קעגנער, ער איז מער ניט ווי אריבערגעפאָרנ פונ טושינאָ ווײַטער פונ מאָסקווע, ער איז אָבער פאַרבליבנ בעראָש פונ א קאָזאַקנ־ארמיי, וואָס איז געווענ גענוג שטאַרק, אַז די פּריצישע אונ סאָכרישע מאָסקווע זאָל ווידעראַמאָל מוזנ פאַר איר ציטערנ. אַפילע נאָכדעמ, ווי דימיטרי איז דערהאַרגעט געוואָרנ, — ס'איז אומבאַוווּסט צי מיט אַנטייל פונ די פאַרשווערער אָדער אָנ זייער אַנטייל — די כראָניק־שרײַבערס פונ יענער צײַט דערציילנ, אַז ער איז צופעליק געשטאָרבנ, — איז די קאָזאַקישע באַוועגונג ניט געוואָרנ ווייניקער דראָענדיק, ווײַל נאָכ דימיטריענ איז איבערגעבליבנ א זונ, אונ די קאָזאַקנ האָבנ אימ ארויסגעשטעלט אַלס א קאַנדידאַט אַפנ טראָנ. מיט איינ וואָרט, די דאָפּלטע פאַרשווערונג קעגנ שויסקינ אונ דימיטריענ האָט לאַכלוטנ צו קיינ זאַכ ניט געבראַכט, אונ די פאַרמעגלעכע קלאַסנ האָבנ געמוזט זוכנ אנ אַנדער אויסוועג פונ זייער לאַגע.

די ענדערונגענ אינ דער הייכ — דאָס איז קלאָר געווענ — האָבנ גאָרניט געהאָלפנ. עפּעס זאָל מענ זיכ א פּרוּוו טאָנ דורכפירנ ענדערונגענ אונטנ, צעשפּאַלטנ די דאָזיקע מאַסע, וואָס איז געשטאַנענ קעגנ די פּריצימ אונ סאָכרימ אונ האָט זיי געדראָט? מיר האָבנ געזענ, אַז די דאָזיקע מאַסע איז ניט געווענ קיינ איינאַרטיקע, אַז זי איז באַשטאַנענ פונ מענטשנ מיט א פאַרשיידענער לאַגע, מיט פאַרשיידענע אינטערעסנ. אינ סאַמע שפּיצ זײַנענ געשטאַנענ די כאָשעווסטע קאָזאַקנ, די אַטאַמאַנעס אונ די איבעריקע קאָזאַקישע קאָמאַנדירנ אונ די קליינגיטערישע אַדעליקע, דעריקער פונ דעמ דאָרעמדיקנ ראַנד־טייל פונ דער מאָסקווער מעלוכע. זיי זײַנענ אויכ געווענ ערדבאַזיצער, נאָר קליינע, וואָס האָבנ געהאַט ניט קיינ הונדערטער אונ אַפילע ניט קיינ צענדליקער לײַבייגענע, נאָר צענדליקער העקטאַרנ ערד, אַפּ וועלכער עס איז אינ דער צײַט אַפּטמאָל אַפילע קיינ פּויערימ ניט געווענ. לויט זייער פאַרמעגנ־לאַגע זײַנענ זיי געווענ עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענלעכ צו די איצטיקע באַלעגופימ. נידעריקער זײַנענ געשטאַנענ די באַלמעלאָכעס, פּויערימ, כאָלאָפּעס אאַוו.

מיר האָבנ געזענ, אַז שויסקינ האָט זיכ שוינ איינמאָל אײַנגעגעבנ אָפּצושפּאַלטנ דעמ דאָזיקנ אויבערשיכט אונ צוציִענ אימ אַפּ זײַנ זײַט, אונ אַז מיט דעמ דערקלערט זיכ זײַנ ערשטער אונ זײַנ לעצטער ניצאָכנ איבער באָלאָטניקאָווס מיליטער. ס'איז פאַרבליבנ איבערצוכאַזערנ אָט דעמ עקספּערימענט שויסקיס. וואָס מער ס'איז געוואַקסנ די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע, אַלצ מער האָבנ די אויבערשיכטנ פונ דעמ קאָזאַקישנ כײַעל אָנגעהויבנ צו פילנ זיכ פּונקט אַזוי אומהיימלעכ, ווי ס'האָבנ זיכ געפילט די אַדעליקע אונ די באָיאַרעס, וואָס האָבנ טכילעס געבילדעט דעמ הויפּ פונעמ טושינער צאַר. זיי, אָט די דאָזיקע אויבערשיכטנ האָט זיכ אויכ געוואָלט מאַכנ א סאָפּ צומ בירגער־קריג, קעדיי צו פאַרפעסטיקנ פאַר זיכ דאָס, וואָס זיי האָט זיכ אײַנגעגעבנ צו פאַרכאַפּנ פאַר דער צײַט פונ דער דאָזיקער מילכאָמע, ווענ זיי האָבנ אָנגעקליבנ גענוג נאַכלעס אונ געלט. קעדיי

צוציִענ זיי ענדגילטיק אפ זייער זײַט, איז די האנדלײַט, די סאָכרימ אויסגעקומענ צו מאכנ נאָכ איינ אָנשטרענגונג — ענדגילטיק אונ ברייט פאנאנדערצוזעפּענ זייער געלט־בײַטל. דער ניזשעגאָראָדער סויכער מינינ האָט אָנגעהויבנ זאמלענ כײַעל „קעדיי צו באפרײַענ מאָסקווע פונ די פּאָליאקנ אונ פונ די אנדערש־גלייביקע", אונ דערבײַ — אונ דערינ איז טאקע באשטאנענ זײַנ געניאלער אײַנפאל — האָט ער אָנגעהויבנ צוזאָגנ די, וואָס וועלנ גיינ אינ דער דאָזיקער ארמיי, אזא געהאלט, וואָס פריִער פלעגט עס ניט באקומענ אפילע די צארישע גווארדיע. פּאָשעטע דינסט־לײַט האָט ער צוגעזאָגט אזויפיל, וויפל עס פלעגט פריִער ניט

רוסישע פויערימ אינ XVII יאָרהונדערט

באקומענ א גווארדיע־אָפיצער. איז גאָר קיינ וווּנדער ניט, וואָס אזא מיטל האָט געבראכט, ווי עס דערציילנ די מענטשנ פונ יענער צײַט, צו א פולשטענדיקנ אויסגלײַכ צווישנ די פּריצימ אונ די סאָכרימ, פונ איינ זייט, מיט די קליינע דינסט־לײַט אונ מיט די מער פארמעגלעכע קאָזאקנ, פונ דער אנדערער זײַט. יענע האָבנ דערזענ, אז עס לוינט א סאך בעסער צו דינענ די פארמעגלעכע קלאסנ, איידער צו כאוורנ זיכ מיט דער פּאָלקמאסע אונ העלפנ דער דעמאָקראטישער רעוואָליוציע, וואָס האָט באשײַמפערלעכ געבראכט נוצנ די אָרעמעלײַט אונ האָט קיינעמ ניט צוגעזאָגט קיינ שומ רײַכטומ.

מע דארפ בלויז צוגעבנ, אז די סאָכרימ האָבנ זיכ אויכ דאָ באמיט צו געבנ זייער געלט וואָס ווייניקער, אונ האָבנ אויסערגעוויינלעכ באשטײַערט די קליינבורזשואזיע, „די פּראָסטע מענטשנ". ווענ מינינ האָט געזאָגט, אז מע מוז „פארמאשקענענ די ווײַבער מיט די קינדער", קעדיי צונויפצוזאמלענ געלט אפ אנ ארמיי, האָט זיכ געהאנדלט, פארשטייט זיכ, ניט וועגנ די רײַכע סויכערטעס אונ סאָכרישע טעכטער — אָבער די מישפּאָכעס פונ דער שטאָטישער אָרעמשאפט האָט מענ ווירקלעכ פארשכלאפט, קעדיי אָפּצוצאָלנ דעמ שטײַער.

ביסלעכווײַז איז דער גאנצער שטאָב פונ טושינער לאגער אריבער אפ דער זײַט פונ מינינענ אונ פונ פּאָזשארסקינ, וועמענ די סאָכרימ האָבנ באשטימט פארנ הויפּט־קאָמאנדיר איבערנ כײַעל. די אופגעשטאנענע מאסנ, וואָס זײַנענ געבליבנ אָנ פירער, זײַנענ ניט בעכויעכ געווענ צו געבנ א ווידערשטאנד. די מינדערהײַט פונ די קאָזאקנ, וואָס האָט אויכ ווײַטער אונטערגעהאלטנ דעמ זונ פונעמ אָנגערופענעמ דימיטרי האָט געמוזט אנטלויפנ אפ דער וואָלגע, אונ פונ דאָרטנ —

נאָכ ווײַטער. די סאָבריש־פּריצישע ארמיי האָט איצט געהאט פאר זיכ בלויז איינ אָרגאניזירטנ קעגנער — דאָס פּוילישע מיליטער אינ קרעמל, אָבער דעמ דאָזיקנ קעגנער איז ניט שווער געווענ בײַצוקומענ מיט דער הילפ פונ די קאָזאקנ, וואָס זײַנענ אריבער אפ דער זײַט פונ די פּארמעגלעכע קלאסנ. דער צאר וולא־דיסלאוו איז אראָפּגעוואָרפנ געוואָרנ; אראָפּגעוואָרפנ איז ער, אגעוו, געוואָרנ פּונקט אזוי, ווי ער איז אויסגעקליבנ געוואָרנ, דאָס הייסט, בלויז נאָמינעל, ווײַל צוליב זײַנ מינדעריאָריקײַט איז ער גאָר ניט געהאט געקומענ צופאָרנ קיינ מאָס־

אינ אנ אלט־רוסיש דאָרפ

קווע. אינ מאָסקווע האָט מענ געפּײַערט דעמ ניצאָכנ פונ פּראוואָסלאוונעמ גלויבנ איבערנ קאטוילישנ, וואָס האָט זיכ קלוימערשט ווידער געוואָלט פארקלײַבנ אהער, ווי אינ די צײַטנ פונעמ ערשטנ דימיטרי. אָט דעמלט באווײַזנ זיכ בא די מאָס־קווער סאָכרימ צומ ערשטנ מאָל פּאטריאָטישע טענער. אינ זייערע אופרופנ רופנ די סאָכרימ צו פארטיידיקנ ניט בלויז דעמ פּראוואָסלאוונעמ גלויבנ, נאָר אויכ די אייגענע ערד אונ זיי גיבנ צו, — דאָס האָב אונ גוטס, וואָס דער אויבערשטער האָט אונדז געגעבנ. די פארטיידיקונג פונ פאָטערלאנד אונ די פארטיידיקונג פונ דעמ אייגענעמ געלט־בײַטל האָט זיכ, אזויארומ, צונויפגעגאָסן אינאיינעמ בא די דאָזיקע לײַט, ווי בא דער בורזשואזיע פונ אלע צײַטנ.

אזא מינ פּאטריאָטיזמ האָט, פארשטייט זיכ, ניט נאָר ניט געשטערט אויפ־מערקזאמ צו באשיצנ די אייגענע אינטערעסנ, פארקערט, ער האָט נאָכ אפילע מיטגעהאָלפנ דערצו. די קאפּיטאליסטנ אונ די פּריצימ, האלטנדיק, אז פאר זיי לוינט צו האָבנ א צאר אנ אויסלענדער, וואָס זאָל ניט האָבנ קיינ שומ ווארצלענ אינווייניק אינעמ לאנד, וואָלטנ גאָר ניט געהאט קעגנ צו ווענדנ זיכ נאָכ א צאר קיינ שוועדנ. אונ פּאָזשארסקי איז טאקע געווענ פאר דעמ, מע זאָל אויסקלײַבנ אפנ מאָסקווער טראָנ א שוועדישנ פּרינצ. נאָר דאָ האָט זיכ ארײַנגעמישט יענע קראפט, וואָס אָנ איר וואָלט דער האנדל־קאפּיטאל גאָרנישט ניט געקאָנט אויפטאָנ. די קאָזאקנ, וואָס זײַנענ אריבער אפ דער זײַט פונ די פּארמעגלעכע קלאסנ, אונ די קלייניגיטערישע אדעליקע מיט די באָיארישע קינדער האָבנ געהאט זייערנ אנ אייגענעמ קאנדידאט, וואָס איז גראָד אינ טושינא געוואָרנ שטארק פּאָפּולער. דאָס

איז געווענ דער זונ פונעמ טושינער פאטריארכ פילארעט ניקיטיטש ראמאנאוו. דער פאטריארכ גופע האט זיכ דעמלט געפונענ אינ פוילנ, וווהינ ער איז געפארנ פירנ אונטערהאנדלונגענ מיט סיגיזמונדנ, אונ אימ אליינ, אלס א געוועזענעמ מאנאכ, וואלט מענ סיי ווי סיי ניט געטארט אויסקלייבנ פאר א צאר. ער האט אבער גע־האט א זונ, א נארישעוואטנ 16־יאריקנ יונג, וואס איז זייער פאפולער געווענ אינ די קאזאקישע אונ קלייניגיטערישע קרייזנ, אלס א פארשטייער פונ דער מישפאכע ראמאנאווס. א קלייניגיטערישער גאליטשער אדעליקער האט דער ערשטער אנגערופנ דעמ דאזיקנ קאנדידאט. אונ וועגנ די פירער פונ דער אדעליקער אונ פרייצישער ארמיי האבנ אנגעהויבנ אויסדריקנ זייער אומצופרידנקייט מיטנ דאזיקנ קאנדי־דאט, איז פונ די פארזאמלטע ארויסגעטראטנ א דאנער אטאמאנ אונ האט גאנצ פעסט אונטערגעהאלטנ די דאזיקע קאנדידאטור. פאזשארסקי אונ זיינע כאוויירימ האבנ פארשטאנענ, אז איבערגוואלד וועלנ זיי קיינ זאכ ניט מאכנ; זיי האבנ אוועקגעווארפנ זייערע טרוימענ וועגנ א שוועדישנ פרינצ אונ זיכ אונטערגעגעבנ. דער קאנדידאט פונ די קאזאקנ אונ פונ די קלייניגיטערישע אדעליקע איז געווארנ צאר. ס'איז צונויפגערופנ געווארנ א לאנד־פארזאמלונג (זעמסקי סאבאר) אונ איר איז אויסגעקומענ בלויז באשטעטיקנ דעמ געשעענעמ פאקט.

אט אזוי האט אינ רוסלאנד אנגעהויבנ קיניגנ די דינאסטיע ראמאנאווס. א פראדוקט פונ דעמ, וואס די אויבערשטע שיכטנ פונ דער רעוואליוציאנערער ארמיי האבנ פאראטנ די אונטערשטע, האט זי אליינ גלייכ פאראטנ די, וואס האבנ זי ארויסגעשטעלט. ס'האט זיכ געקאנט דוכטנ, אז די ראמאנאווס, וועלכע האבנ באקומענ די מאכט, האגאמ, ניט דורכ דער דעמאקראטישער רעוואליוציע, נאר דאכ דורכ מענטשנ, וואס זיינענ ארויס פונ די רייענ פונ דער דאזיקער רע־וואליוציע, וואלטנ געדארפט העלפנ אויכ ניט דעמ פויערטומ אונ די כאלאפעס, איז לעכאלאפאכעס די נידעריקע שיכטנ פונעמ אדל. נאר געווענ איז עס ניט אזוי. אינדערעמעסנ האט זיכ אינ די צייטנ פונ די ערשטע ראמאנאווס בעסער פונ אלע־מענ געלעבט דעמ גרויסנ האנדל־קאפיטאל. די גרויסע סאכרימ האבנ ביסלעכווייז אריינגענומענ אינ זייערע הענט די גאנצע פארוואלטונג מיט די מעלוכע־פינאנצנ, זיי פלעגנ פאנאנדערטיילנ אונ צונויפקלייבנ אלע שטייערנ, זיי פלעגנ נעמענ אינ ארענדע די שטייערנ־זאמלונג אונ אנדערע פעטע געשעפטלעכ אאוו. וואס איז שייכ דעמ ערדבאזיצ, האט זיכ די ראמאנאווס איינגעגעבנ צוריק אופ־צושטעלנ דאס, וואס איוואנ דער גרויזאמער האט אנגעהויבנ צעשטערנ. אינ זייערע צייטנ קומט אינ דער מאסקווער מעלוכע ווידער אופ דער גרויסער בעירושעדיקער ערד־פארמעגנ. קוידעמקאל, האט די צארישע פאמיליע אונ אירע קרויווימ פאר־כאפט צו זיכ אינ די הענט א גרויסע צאל ערד, זיי האבנ נאכגעטאנ אלע אנדערע, וואס האבנ געהאלפנ אדער געדינט דער נייער צארישער פאמיליע. אנשטאט דעמ נערוידעפטנ אונ דערשטיקטנ באיארנטומ קומט אופ א נייע אריסטאקראטיע, וואס אונטערשיידט זיכ פו דער אלטער דערמיט, וואס יענע האט געפירט איר אפ־שטאמונג פונ די גרויסע פעאדאלנ, פונ די פירשטנ אונ באיארעס, אונ די — פונ נייע מענטשנ, וואס האבנ אפטמאל געשטאמט ניט פונ קיינ גרויסנ ייכעס. נאר מיט דער צייט זיינענ די דאזיקע באיארעס געווארנ ניט ערגער פונ די פריערדיקע. אונ אינ זייערע גיטער מיט טויזנטער אונ צענדליקער טויזנטער לייביגענע פויערימ זיינענ זיי ווידער געווארנ עטוואס ענלעכס אפ פעאדאלנ. אויב אינ רוסלאנד איז ניט אינגאנצנ אופגעשטעלט געווארנ דאס, וואס איוואנ דער גרויזאמער האט פאר־

ניכטעט, איז עס בלויז דערפאַר, ווײַל די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג איז אַוועק אַזוי ווײַט, אַז ס'איז שוין אוממעגלעך געווען אומצוקערן זיך צום אַלטן.

אין דער פּערזאָן פֿון מינין און פּאָזשאַרסקי האָט אָפּגעהאַלטן א ניצחון דער פּריצישער ערדבאַזיץ און דער האַנדל־קאַפּיטאַל. די סאָחרים און פּריצים, וואָס האָבן אַדאַנק א גאַנצער רײ ניט געלונגענע קייסאָרים פֿון דער „מעהומע־צײַט" אָנגעהויבן קוקן מיט כשאַר, האָבן די ערשטע צײַט אויפֿמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָך זייער אויסגעוויילטן, און די לאַנד־פֿאַרזאַמלונג, וואָס די סאָחרים און פּריצים האָבן געהאַט אין איר אַן איבערוועגנדיקע מערהײַט, איז זיך גאָרנ'ט פֿאַנאַנדערגעגאַנגען אין משך פֿון עטלעכע יאָר, און אויב שפּעטער פֿלעגט זי זיך גאַנץ אָפֿט צונויפֿקלײַבן. ניסלעכווײַז אָבער זײַנען די פֿאַרמעגלעכע קלאַסן דורכגעדרונגען געוואָרן מיט צוטרוי צו דער נײַער דינאַסטיע, באַזונדערס פֿון זינט ס'האָט זיך אומגעקערט פֿון אויסלאַנד מיכאיל פּיאָדאָראָוויטשעס פֿאָטער, דער פּאַטריאַרך פֿילאַרעט, איינער פֿון די סאַמע געשיקטע געשעפֿט־מאַכערס און דיפּלאָמאַטן פֿון זײַן צײַט. ווען מיכאיל איז געשטאָרבן, האָט מען זײַן זון אַלעקסיי אויסגעקליבן פֿאַר א צאַר שוין אָן שום וואַקלונגען און מאַכלויקעסן.

אַלע האָבן זיך צוגעוווינט דערצו, אַז די פֿאַמיליע ראָמאַנאָוו דינט ערלעך דעם פֿעאָדאַלן ערדבאַזיץ, וואָס איז ווידער צום לעבן געקומען, און דעם האַנדל־קאַפּיטאַל. זי האָט ניט נאָר געדינט דעם האַנדל־קאַפּיטאַל, נאָר זי איז זיך ווי צונויפֿגעוואַקסן מיט אים. דער צאַרישער הויף האָט שוין אין די צײַטן פֿונעם גרויזאַמען אַנטייל גענומען אין האַנדל־געשעפֿטן. דער גרויזאַמער פֿלעגט געבן סובסידיע — „כסאָדרים" — די רוסישע סאָחרים, וואָס זײַנען געפֿאָרן קיין אויסלאַנד. זײַן זון פֿיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט געהאַט א חײַלעק אין אַן ענגלישער קאָמפּאַניע, וואָס האָט געהאַנדלט אין מאָסקווע. אין די צײַטן פֿון די ראָמאַנאָוו איז דער צאַר, באַנוצנדיק דעם געלונגענעם אויסדרוק פֿון איינעם אַן אויסלענדער, געוואָרן דער ערשטער סוחר פֿון זײַן מעלוכע. די גרויסע סאָחרים, די מאָסקווער „געסט", זײַנען געוואָרן דעם צאַרס דירעקטע אַגענטן, און דער האַנדל מיט אַלע ווערטפֿולע סכוירעס, מיט זײַד, וואָס פֿלעגט זיך באַקומען פֿון פּערסיע, מיטן טײַערן סיבירער פּוטערוואַרג, מיט לעדער, וואָס פֿלעגט אויסגעאַרבעט ווערן אַף א ספּעציעלן רוסישן אופֿן און וואָס מע האָט באַזונדערס הויך געשאַצט אין מערעוו־אייראָפּע אאַוו. איז געוואָרן א צאַרישע מאָנאָפּאָל. צום אָנהייב פֿונעם XVIII יאָרהונדערט, אין א יאָרהונדערט אַרום נאָך דעם, ווי די ראָמאַנאָווס האָבן זיך געזעצט אַפֿן מאָסקווער טראָן, איז דער צאַרישער הויף געוואָרן, ווי עס דערציילט א צווייטער אויסלענדער, ענלעך צו א האַנדל־קאָנטאָר. די גאַנצע צײַט האָט מען דאָרט געשמועסט וועגן פֿאַרשיידענע האַנדל־אָפּמאַכן, וועגן פּאָטאַש, וועגן האַנף, קאָנאָפּליעס אאַוו. אַזוי, אַז די אויסלענדער, וואָס זײַנען געוווינט געווען צו גאָר אַנדערע הויף־שמועסן, האָבן ניט געקאָנט קומען צו זיך פֿון פֿאַרוווּנדערונג. די סאָחרים זײַנען געוואָרן א מין פּריווילעגירטער שטאַנד. דאָס איז געווען א האַנדל־אַדל, — די גאַנצע מאַסע קליינע סאָחרים איז געווען קימאַט פֿאַרשקלאַפֿט בא אים, קימאַט אַזוי, ווי די פּויערים זײַנען געווען פֿאַרשקלאַפֿט בא די פּריצים.

א דריטער אויסלענדער, — אַלע אויסלענדער האָבן געוווּנדערט זייער אויפֿמערקזאַמקײַט אַף דער דאָזיקער אייגנאַרטיקייט פֿון דער מאָסקווער מעלוכע, —

די קאָלאָניזאַציע פון סיביר (XIX י״ה.)



דערציילט, אז אויב אינ דער מאָסקווער מעלוכע וואָלט אויסגעבראָכנ אנ אופשטאנד, וואָלט מענ פּוידעמקאָל אראָפּגעדרייט די קעפּ די „געסט“. אָבער די אדעליק־פּריצישע מאכט האָט וואכזאמ געהיט די „אָרדענונג“ אינ דער מעלוכע אונ האָט אָנגענומענ אלע מיטלענ, עס זאָלנ זיכ ניט איבערכאזערנ די געשעענישנ, מיט וועלכע ס'איז געווענ באצייכנט די „מעהומע־צייט“, ווי די אדעליקע אונ די פּאָכרימ האָבנ א נאָמענ געגעבנ די פּאָלק־באוועגונג אינעמ אָנהייב XVII יאָרהונדערט. פריִער פאר אלצ האָט מענ זאָרגזאמ אָפּגעהיט די פּערזאָנ פונעמ צאר גופע, עס זאָל זיכ ניט טרעפנ מיט אימ אזא אומאָנגענעמלעכקייט, ווי מיטנ ערשטנ דימיטרי, וואָס מע האָט דערהארגעט, אָדער ווי מיט שויסקינ, וואָס מע האָט אראָפּגעוואָרפנ פונ טראָנ אונ געמאכט פאר א מאָנאכ. ס'איז שטרענג געווענ פארבאָטנ צוצוגיינ נאָענט מיטנ געווער אינ די הענט צומ צארישנ פּאלאצ, אכוצ, פארשטייט זיכ, די וואכ־סאָלדאטנ. אפילע אינ די טויערנ פונעמ קרעמל, אינ די אזוי־גערופענע ספּאסקע טויערנ, האָט דאָס פאָלק ניט געוואָגט אריינגיינ אינ היטלענ. איינעמ א קנעכט האָט מענ אכזאָריעסדיק געשמיסנ מיט ריטער דערפאר, וואָס ער האָט זיכ דערוועגט דורכצופירנ א פערד דורכנ צארישנ הויפ. מיט איינ וואָרט, מע האָט געזענ איינפלאנצנ אינ די אונטערטעניקע אזא אָפּשיי פאר דער דינאסטיע, וואָס אפילע די דינאסטיע פונ איוואנ דעמ דריטנ אונ פונעמ גרויזאמענ האָט עס ניט געפּאָדערט. ווייטער האָט מענ גוט אָרגאניזירט די פּאָליציי. בעראָש קימאט פונ דער גאנצער מעלוכע איז אינ די צייטנ פונ די ראָמאנאָוומ אוועקגעשטעלט געוואָרנ „די אָפּטיילונג („פּריקאז“) פאר געהיימע איניאָנימ“, אונ אדאנק דעמ האָבנ מיר דעמ גאנצנ XVIII יאָרהונדערט מיט מאזל צו טאָנ מיט קאָלערליי געהיימע „קאנצעליאריעס“ אונ „עקספּעדיציעס“. אינעמ XIX יאָרהונדערט ווערנ אָט די אלע געהיימע אנשטאלטנ איבערגעגעבנ אינ די הענט פונעמ זשאנדארמענ־קאָרפּוס אונ פונעמ פּאָליציי־דעפּארטאמענט. די געהיימע אָפּטיילונג האָט פונ סאמע אָנהייב אָנ, בא די ערשטע ראָמאנאָוומ, באקומענ קאָלאָסאלע פּולמאכטנ. אפילע די מיטגלידער פונ דער באָיארישער דומע, ד. ה. פונעמ מעלוכע־ראט, אויב מע זאָל באנוצנ דעמ שפּעטערדיקנ אויסדרוק, פלעגנ ניט אריינגיינ אינעמ דאָזיקנ „פּריקאז“, אונ זיינע איניאָנימ זיינענ ניט געווענ אינ זייער רעשומ. ער האָט זיכ געפונענ, הייסט עס, אויסערנ קאָנטראָל פונ דעמ דאָזיקנ מאָסקווער מעלוכע־ראט. ער איז געווענ אונטערגעוואָרפנ דירעקט דעמ צאר אליינ, אונ זיינע באאמטע האָבנ אינ דער ווירקלעכקייט געהאט מער מאכט, איידער די מיטגלידער פונ דער באָיארישער דומע.

אָבער אזא מינ פּאָליציי איז אויכ דעמאָלט געווענ ניט מער ווי אנ אָרגאניזירנדיקע קראפט, זי איז געווענ, אזוי צו זאָגנ, דער מארכ פונ דער דאָזיקער פּראוואלטונג. דער מארכ האָט זיכ אָבער גענייטיקט אינ הענט, אונ די ערשטע ראָמאנאָוומ האָבנ געזאָרגט צו שאפנ א גוטע באוואָפנטע קראפט, א פולקומ זיכערע אונ, ווי מעגלעכ אומאָפּהענגיקע פונ דער פּאָלקמאסע. אפ דער פריִערדיקער ארמיי פונעמ מאָסקווער צאר, וואָס איז באשטאנענ פונ זיינע וואסאלנ־פּריצימ אונ פונ געדונגענער אינפאנטעריע, וועלכע איז רעקרוטירט געוואָרנ דערהויפּט פונ די נידעריקע שיכטנ פונ דער שטאָטישער באפעלקערונג, פונ שיסערס, האָט מענ זיכ ווינציק וואָס געקאָנט פארלאָזנ. זי איז געווענ ניט גענוג דיסציפּלינירט אונ פלעגט גרינג אריינגעצויגנ ווערנ, ווי ס'האָבנ באוויזנ די געשעענישנ אינ אָנהייב XVII יאָרהונדערט, אינ די פּאָלק־אומרוענ. די דאָזיקע שיסערס אונ קליינע פּריצימ זענ

מיר אט אפ איינ צאד, אט אפנ צווייטנ, אט זײַנענ זיי צוזאמענ מיט טושינא, אונ אט מיטנ צאר וואסילי. די ראמאנאווס האבנ אנגעהויבנ דערפונ, וואס זיי האבנ גענומענ צו זיכ אפ דינסט א גרויסע צאל געדונגענע סאלדאטנ פונ אויסלאנד. מיר געדענקענ, אז די דײַטשישע מיליטער־טיילנ זײַנענ געווענ די לעצטע שטיצע פונ גאדונאווס מאכט, ביים דאס גאנצע איבעריקע מיליטער איז אריבער אפ דימיטריס זײַט. גאדונאוו האט אבער געהאט צו וויניק אזעלכע דײַטשישע סאלדאטנ. אינ די צײַטנ פונ די ערשטע ראמאנאווס איז אינ מײַרעוו־אייראפע פארגעקומענ דער קא־לאסאלער דרײַסיקיאריקער קריג, ווענ ס'איז אופגעקומענ אנ א שיר מענטשנ, וואס מילכאמע איז געווארנ זייער פראפעסיע אונ ווענ אפנ מארק איז געווענ וויפל איר ווילט מיליטער־הענט. פונ די דאזיקע מענטשנ האט מענ אנגעהויבנ פארמירנ די מאסקווער פאלקנ. אינגיכנ אבער האט מענ אײַנגעפונענ, פונ איינ זײַט, אז דאכ קאסט צו טײַער, אונ אז, פונ דער אנדערער זײַט, איז דאס ניט גאר זיכער, ווײַל די דאזיקע לײַט האבנ געדינט בלויז פאר געלט, אונ מיט געלט האט מענ זיי גע־קאנט איבערקויפנ. ביסלעכווײַז האט מענ אנגעהויבנ אט די טײַערע אונ ניט גאר זיכערע קאדרענ פונעמ נײַעמ מיליטער דערגאנצנ מיט מענטשנ, ארויסגענומענע פונ דער פאלקמאסע, וואס פלעגנ אבער אינגאנצנ, אפ אייביק פונ איר אפגעריסנ ווערנ. דאס איז ניט געווענ קיינ רעזערוו־ארמיי, וואס מע פלעגט רופנ פונ צײַט צו צײַט, ווי פריער. דער מענטש פלעגט ווערנ א סאלדאט אפ זײַנ גאנצ לעבנ. ער פלעגט זיכ אינגאנצנ אפרײַסנ פונ דער היימ — פונ דארפ, די קאזארמע פלעגט ווערנ זײַנ צווייטע היימ.

„די שטײַפע רענצלעכ — דאס זײַנענ אונדזערע ברידער, שארפע שווערדנ זײַ־נענ אונדזערע שוועסטער, קוילנ טרעפלעכע — דאס זײַנענ אונדזערע קינדער", — אזוי האט מענ געזונגענ אינ א סאלדאטנ־ליד פונ ניקאלײַ דעמ 1־טנס צײַטנ.

אט דא פלעגט דער סאלדאט זיכ צוגעווינענ צומ געדאנק — אונ אפ קא־לערליי אופאנימ האט מענ אימ דאס ארײַנגעקלאפט מיט שטעקנס אונ אײַנגע־שמועסט מיט רייד, — אז ער איז מעכוייעוו צו דינענ אויסשליסלעכ דעמ צאר, אונ אז דער צאר הייסט, דארפ ער שיסנ זײַנ אייגענעמ פאטער, מוטער, — ווע־מענ איר ווילט. אונטער דער אנפירונג פונ דײַטשישע אדער בא די דײַטשנ אויס־געלערנטע אפיצערנ איז פונ די דאזיקע רעקרוטנ אינגיכנ אויסגעוואקסנ א רעגו־לערע ארמיי, וואס איז, לויט איר באוואפענונג, ארגאניזירטקײַט אונ דיסציפלי־נירטקײַט געשטאנענ אנ א שיר העכער פאר דער אלטער מאסקווער ארמיי. מיט אזא ארמיי אינ די הענט, האט מענ ניט נאר ניט געדארפט מוירע האבנ פאר קיינ אינערלעכע אומרוענ, נאר, האבנדיק אינ רעשוס אזא ווערקצײַג, האט דער האנדל־קאפיטאל געהאט די מעגלעכקײַט צו פירנ אזא דרײַסטע אונ ענערגישע אויסערנ־פאליטיק, וואס מיט הונדערט יאר פריער האט ער קוימ געקאנט טרוימענ וועגנ דעמ.

פריער פונ אלצ האט זיכ ארויסגעוויזנ דער אינערלעכער באטײַט פונ דער רעגולערער ארמיי. זינט די ראמאנאווס האבנ פארנומענ דעמ מאסקווער טראנ איז די לאגע פונ די פאלקמאסנ ניט נאר ניט געווארנ בעסער, נאר זי איז, פארקערט, געווארנ נאכ ערגער, ווײַל דאס לײַבייגנטומ־רעכט, וואס האט זיכ טכילעס גע־וואקסט, וואס אט פלעגט זיכ עס פארשפרייטנ אפ נײַע אונ נײַע מאסנ פויערימ, אונ אט פלעגט עס אפטרעטנ אונ ארויסלאזנ די פויערימ פונ זײַנע פעסטע נעגל, דאס לײַבייגנטומ־רעכט האט זיכ אינ די צײַטנ פונ די ראמאנאווס ענדגילטיק

ראזינס אופשטאנד פונ 1670—1671 יאָר



אײַנגעשטעלט. אין מיטן XVII יאָרהונדערט איז, ניט פאַרבליבן קיין שום אַנדערע פּויערים, אויסער אַ טייל צאָפּנ־רוסלאַנד, וווּ די לאַנדווירטשאַפט האָט געקאָנט זײַן מער ניט ווי אַ בײַזאַך אַן וווּהין די פּריצים פּלעגן גאָר ניט אַרײַנשמעקן, בוץ לײַבייגענע, — בלויז זעלטן טרעפֿן מיר פּויערים, וואָס שליסן אָפּמאַכן מיט זייער פּאָרעץ, ד. ה. פֿרײַע פּויערים, וואָס מע דאַרף זיי אַרײַנאַרן מיט דער הילף פֿון אַ האַלוואָע. די איבערוועגנדיקע מערהײַט איז געווען צוגעפּעסטיקט צו די האַרן אָן שום „האַלוואָע־צעטלעך״ און פּלעגט באַטראַכט ווערן ווי דעם פּאָרעצס אַן אייגנטום. אויב, לעמאָשל, דער פּאָרעץ איז שולדיק געווען, פּלעגן דאַרפֿן ענט־פֿערן זײַנע פּויערים. באַלכוויוועס, ניט קיין פּינקטלעכע צאָלערס, פּלעגט מען שטעלן אַף עקזעקוציע (правеж), דאָס הייסט, מע פּלעגט שלאָגן מיט שטעקנס יעדן טאָג ביזוואַנען זיי פּלעגן ניט אײַנצאָלן דעם כוויוו. פּלעגט מען, אַנשטאָט דעם פּאָ־רעץ, שטעלן אַף עקזעקוציע זײַנע פּויערים, פּונקט ווי מע פּלעגט עס פריִער טאָן מיט די שקלאַפֿן. אַזוי אַז איצט איז שוין קיין שום אונטערשייד ניט געווען צווישן פּויערים און כאָלאָפּעס.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז אונטערן יאָך פֿונעם האַנדל־קאַפּיטאַל איז ניט בעסער געוואָרן אויך די לאַגע פֿונעם שטאָטישן קלאַס, און אַזוי ווי אַף אויסהאַלטן די נײַע אַרמיי און ביכלאַל די גאַנצע אַדמיניסטראַציע האָט מען געדאַרפֿט האָבן גרויסע הויצאָעס, זײַנען אַכוץ אַלע איבעריקע זאַכן, נאָך מוירעדיק אויסגעוואַקסן די שטײַערן און אָפּצאָלונגען, וואָס זײַנען געווען אַרופֿגעלייגט אַף די נידעריקע קלאַסן פֿון דער באַפֿעלקערונג — אַף די פּויערים און אַף די קלײנע מענטשן אין שטאָט. מוסטערן פֿאַר די דאָזיקע שטײַערן פּלעגט מען איצט טיילווײַז נעמען פֿון דאָרטן, פֿונוואַנען מע האָט גענומען אַ מוסטער פֿאַר דער נײַער מיליטערישער קראַפֿט. אַזוי האָט דער צאַר אַלעקסיי, דער צווייטער ראָמאַנאָוו, וואָס האָט געוואָלט נאָכ־טאָגן מײַרעוו־אייראָפּע, אײַנגעפֿירט אַ שטײַער אַף זאַלץ. דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַ בונט, אָבער מיט דער הילף פֿון דער נײַער מיליטערישער קראַפֿט איז דער דאָ־זיקער בונט דערשטיקט געוואָרן. ס'איז אויך דערשטיקט געוואָרן אַ צווייטער בונט, וואָס איז אַרויסגערופֿן געוואָרן דורכן פּרוּוו פֿון דער רעגירונג אַרויסצולאָזן ניט קיין עכט געלט, די אַזויגערופֿענע קופּערנע רובלס. ס'איז דעמאָלט געווען אַ מינ־העג, ניט נאָר בײַ דער מאָסקווער רעגירונג, קאַליע צו מאַכן די מאַטבייעס, דורך דעם, וואָס מע פּלעגט צומישן קופּער צו זילבער. דאָס פֿאָלק פּלעגט עס ווייניק באַמערקן, און די פֿאַרדאָרבענע רובלס האָבן געהאַט פּונקט אַזאַ אָנגאַנג, ווי די פֿולוועדטיקע. אָט אַזוי איז די רעגירונג ביסלעכווײַז געקומען צום געדאַנק אַרויס־צולאָזן אינגאַנצן קופּערנע געלט, וואָס זאָלן גיין ווי זילבער. דאָס האָט זיך שוין אָבער געוואָרפֿן אין די אויגן, און די קופּערנע מאַטבייעס, וואָס מע האָט נאָך דערבײַ אַרויסגעלאָזן אין זייער אַ גרויסער צאָל, האָבן שוין אָנגעהויבן פֿאַרלירן זייער ווערט, און אַלע סכוירעס האָבן אָנגעהויבן טײַערער ווערן. דאָס האָט ווי־דעראַמאָל אַרויסגערופֿן אומרוען צווישן פֿאָלק. די רעגירונג פֿון די ראָמאַנאָווס איז אָבער געווען גענוג שטאַרק קעדיי זיך ספּראַווען אויך מיט די דאָזיקע אומרוען.

דער גרעסטער אופֿשטאַנד, מיט וועלכן ס'האָבן געהאַט צו טאָן די ערשטע ראָמאַנאָווס, איז געווען דער קאָזאַקיש־פּויערישער אופֿשטאַנד, וואָס האָט זיך אָנ־געהויבן אַפֿן דאָן, סטעפּאַן ראַזינס אופֿשטאַנד. דער דאָזיקער אופֿשטאַנד איז די־רעקט פֿאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג פֿונעם האַנדל־קאַפּיטאַל. ער האָט זיך

אָפּגעשפּילט אינ דער וואָלגע-געגנט, גראָד אינ די ערטער, דורכ וועלכע ס'איז דורכ-
געגאַנגענ דער וויכטיקסטער האַנדל-וועג פונ מאָסקווער רוסלאַנד — דער טײַכ
וואָלגע, וואָס האָט צונויפגעבונדנ די
מאָסקווער געגנט מיט פּערסיע, פונ
וואַנענ מע פלעגט באַקומענ די טײַ-
ערסטע סכוירעס, וועלכע די צאַרישע
סאָכרימ פלעגנ דערנאָכ מיט גרויס רע-
ווער פאַרקויפנ אינ מערעוו-אייראָפּע,
צו די ענגלישע אונ האָלענדישע סאָכ-
רימ אינ מאָסקווע אונ אינ אַרכאַנ-
געלסק. לענגאויס דעמ דאָזיקנ האַנדל-
וועג האָט זיכ צונויפגעקליבנ אַ
שיר ערדלאָזע מענטשנ, — טרעגער,
בורלאַקעס, קאָלערליי קליינע האַנדל-
אָנגעשטעלטע אונ גלאַט אַזוי קליינע
סאָכרימ אונ באַלמעלאָכעס. דער פּרי-
צישער ערדבאַזיצ האָט זיכ ניכ פאַר-
שפּרייט אַפ דער וואָלגער שוואַרצ-
ערד, אונ אַזוי ווי די אָרטיקע פּרי-

סטעפּאַנ ראַזינ

צימ האָבנ געהאַט אַ סאַכ ערד, אָבער געוויינלעכ ווייניק פּויערימ,
וואָס די פּריצימ האָבנ זיי אַריבערגעפירט אַהער פונ די צענטראַלע
געגנטנ פונ דער מאָסקווער מעלוכע, האָט דאָ, פאַרשטייט זיכ, עקזיסטירט די סאַמע
אַכזאָריעסדיקע פּאַנשטשינע. די פּויערימ פלעגט מענ צווינגענ צו אַרבעטנ מער,
ווי ערגעצ-ווו אַנדערש. אונ, דערבײַ איז דאָ ניט ווײַט, בײַשכייניעס, געווענ דער
פרײַער דאָנ, די קאָזאַקנ-נעסט, וואָס די ראָמאַנאָווס האָבנ אַ לאַנגע צײַט ניט גע-
וואַגט ניט צו צעשטערנ אונ ניט צו באַהערשנ. אַזוי ווי זיי זײַנענ געווענ פאַרנו-
מענ מיט אײַנפירנ אָרדענונג אַניוויינִיק אינ דער מעלוכע, האָבנ זיי זיכ ניט געפּילט
גענוג בעקויעכ אַרײַנצונעמענ אינ זייערע הענט די אַנטלאָפענע פונ זייער מעלוכע,
וואָס האָבנ געוווינט אַפ יענער זײַט גרענעצ. דערצו איז מענ געקומענ ערשט שפּע-
טער, אינ אַ יאָר הונדערט אַרומ. דאָס דאָנער קאָזאַקנטומ האָט זיכ אַ לאַנגע צײַט
נאָכ דער מעהומע ניט אַרײַנגעמישט אינ די אינווייניקסטע איניאָנימ פונ דער מאָס-
קווער מעלוכע. מיר געדענקענ, אַז אינ דער רעוואָליוציע פונעמ אָנהייב XVII
יאָרהונדערט האָבנ זיכ די באַוואָפנטע קויכעס פונ די קאָזאַקנ געשפּאָלטנ, אונ די
קאָזאַקישע אָפיצערנ — די אַטאַמאַנעס — זײַנענ אַריבער אַפנ צאַד פונ די פאַר-
מעגלעכע קלאַסנ. דאָס האָט דעזאָרגאַניזירט די קאָזאַקנ. אַ טייל פונ זיי זײַנענ גע-
וואָרנ אַדעליקע, די איבעריקע האָט די ראָמאַנאָווישע רעגירונג אויכ גע
זוכט צו פאַר-
גיטיקנ, אונ פלעגט זיי ניט נאָר ניט אופּרייצנ, ווי דאָס האָט געטאָנ גאָדונאָוו, נאָר
זי פלעגט זיכ באַמיִענ מיט אַלע כויכעס צוצוציִענ זיי צו זיכ, פלעגט זיי באַזאָרגנ
מיט ברויט אונ אָנרייצנ זיי קעגנ די שכייניִמ — די טערקנ אונ טאָטערנ. רויבע-
רײַענ אונ אָנפאַלנ האָבנ אײַנגעשלונגענ די גאַנצע אופמערקזאַמקייט פונ די קאָ-
זאַקנ אינעמ XVII יאָרהונדערט. אָבער ווענ ס'האָט געטראָפנ, אַז די טערקישע
הויפּט-פעסטונג, אַזאָוו, איז אַרײַנגעפאַלנ אינ זייערע הענט, אונ די קאָזאַקנ האָבנ
זיכ נאָיִוו געווענדט צו מאָסקווע מיט אַ באַקאָשע וועגנ שטיצע, האָט מאָסקווע אָפּ-

געזאָגט. זי האָט זיכ גאָרניט גענייטיקט אינ אזאָװ, זי האָט נאָר געװאָלט, אז די קאָזאַקנ זאָלנ זײַנ פארנומענ. די טערקנ האָבנ פארטריבנ די קאָזאַקנ פונ אזאָװ אונ האָבנ זיכ דאָרט אזוי שטארק פארפעסטיקט, אז די דאָזיקע פעסטונג איז געװאָרנ אַנ אומצוטריטלעכער שטיצפונקט פאר די טערקנ. גײנ װײַטער צו דאָרעמ־צו האָבנ די קאָזאַקנ ניט געקאָנט, אונ זײ זײַנענ געװענ געצװוּנגענ צו זוכנ אַנ אויסװעג אינ אַנ אַנדער ריכטונג, צו מיזרעכ צו, אונ זײ האָבנ גאַנצ נאטירלעכ אָנגעטראָפנ אפנ האנדל־װעג, װעלכנ עס האָט אזוי טײַער געהאַלטנ דער האנדל־קאַפּיטאַל, אפ דער נידער־װאָלגע אונ אפנ קאספּישנ יאמ. די קאָזאַקנ האָבנ אָנגעהויבנ



ראזינ אטאַקירט אסטראכאנ

פונ באראבעװענ ניט־רוסישע סאָכרימ, די פּערסנ. דערמיט אָבער האָבנ זײ, גאַנצ נאטירלעכ, געבראַכט שאָדנ אויכ די אינטערעסנ פונעמ רוסישנ האנדל, אונ א צוזאמענשטויס מיט דער מאָסקװער רעגירונג איז געװאָרנ אינגאַנצנ אומפארמײַדלעכ. אונ װיבאַלד עס האָט זיכ שוינ אָנגעהויבנ א קאמפּ אינ די דאָזיקע ערטער, זײַנענ די קאָזאַקנ ניט װילנדיק געװאָרנ דער צענטער פונ אָט די קלײנע אונטערדריקטע, פארקנעכטעטע מענטשנ, װעגנ װעלכע מיר האָבנ גערעדט. סטעפּאַנ ראזינ איז געװאָרנ באַלאָטניקאָװס יורש. אונטער זײַנ אָנפירונג האָבנ די אופגעשטאַנענע פארכאַפּט אסטראַכאַנ, צאַריצינ אונ זײַנענ אװעק ארופ מיט דער װאָלגע צו מאָסקװע צו. נאָר אונטער סימבירסק האָבנ זײ זיכ געטראָפנ מיטנ נײַעמ, אפנ אויסלענדישנ שטייגער געשולטנ, מאָסקװער מיליטער אונ זײַנענ אינגאַנצנ צעקלאַפּט געװאָרנ. ראזינ איז ארײַנגעפאַלנ אינ געפענקעניש אונ איז געקעפּט געװאָרנ אינ מאָסקװע. אזא סאָפ האָט געהאַט אָט די נײַע קאָזאַקיש־פויערשע רעװאָליוציע, װאָס האָט איבערגעלאָזנ נאָכ זיכ א זײיכער אינ די פאָלקסלידער, אָבער זי האָט א סאַכ װינציקער אופגעטרייסלט די פּריצישע מעלוכע איידער די רעװאָליוציע אינ אָנהייב

XVII יאָרהונדערט. און דער דאָזיקער אופשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרנ אַזוי גרינטלעכ, אַז גאַנצע הונדערט יאָר נאָכ ראזינענ איז שוינ מער אַזעלכע אופשטאַנדנ ניט געווענ, און בלויז די אומדערהערטע פאַרשטאַרקונג פונעמ דרוק איבער די פויערימ האָט געבראַכט דערצו, אַז אינ דער צווייטער העלפט פונעמ XVIII יאָרהונדערט האָט קימאַט אינ די זעלביקע ערטער אויסגעבראָכנ א נייער אופשטאַנד, אונטער דער אָנפירונג פונ פוגאַטשאָוו, וואָס וועגנ אימ וועלנ מיר דערציילנ שפּעטער.

די לעצטע טו"ווע אינ זייער קאַמפּ קעגנ די אינווייניקסטע סאָנימ האָבנ די ראַמאַנאָווס געהאַט מיצאַד דעמ נייעמ מיליטער גראָד אינ זייער קאַמפּ קעגנ דעמ אַלטנ מיליטער. די שיסערס, וואָס האָבנ אומקלאָר געפילט, אַז די נייע פּאָראַנדקעס זיינענ א געפאַר פאַר דער עצעמ עקזיסטענצ פונעמ שיסער-מיליטער, זיינענ געוואָרנ אומרויִק און האָבנ אויסגענוצט די אינערלעכע רייסערייענ אינעמ צאַרישנ הויפ, קעדיי צו פאַרכאַפּנ אפּ א קורצע צייט מאָסקווע. די נייע פּאָלקנ, געבויט אפּנ אויסלענדישנ שטייגער, בעראָש מיטנ צאַר פּיאָטר, דעמ סאַמע ענערגישנ, סאַמע טאַלאַנטפולנ און סאַמע מערקווירדיקנ פונ די ראַמאַנאָווס, האָבנ זיכ אָבער גאַנצ גיכ כפּראַוועט מיטנ אופשטאַנד פונ די שיסערס. ביימ פּיאָטר איז אוועקגעפאָרנ קיינ אויסלאַנד, האָבנ די שיסערס געפּרווט מאַכנ נאָכאַמאָל אַנ אופשטאַנד, זיי זיינענ אָבער ענדגילטיק צעקלאַפּט געוואָרנ, און פּיאָטר, וואָס איז געווענ ניט בלויז דער סאַמע טאַלאַנטפולער, נאָר אויכ דער סאַמע אכזאָריעסדיקער פונ די ראַמאַנאָווס, האָט זיי קימאַט אַלעמענ אויסגעראָטנ. „ווו נאָר א שפּיצ, דאָרט א שיסער", האָט זיכ דעמאָלט גערעדט אינ א טרויעריק שפּריכוואָרט וועגנ דעמ, ווי פּיאָטר האָט צעהאַנגענ די פּירער פונ די אופגעשטאַנענע אפּ די שפּיצנ פונ די קרעמל-מויערנ, ניט גערעכנט די, וואָס זיינענ דערשאָסנ געוואָרנ גלייכ אפּ אַנ אָרט, ביימ דער שלאַכט.

גלייכצייטיק אָבער האָט זיכ דער האַנדל-קאַפּיטאַל שוינ גענייטיקט אינ דער נייער אַרמיי ניט בלויז קעדיי צו דערשטיקנ די אינערלעכע סאָנימ, נאָר אויכ פאַר אויסערלעכע אונטערנעמונגענ, אַזעלכע קאָלאָסאַלע און דרייסטע, וואָס מיט הונדערט יאָר פריִער וואָלט ער גאָר ניט געוואַגט צו טראַכטנ וועגנ זיי. שוינ אינ מיטנ XVII יאָרהונדערט האָט די רעגירונג פונ די ראַמאַנאָווס זייער קונציק אויסגענוצט די קאָזאַקיש-פויערשע רעוואָליוציע, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ אוקראַיִנע. דאָרטנ, אינעמ דאָרעמ-מיזרעכדיקנ טייל פונעמ פויליש-ליטווישנ קיניגרייכ, איז פאָרגעקומענ דאָס זעלביקע, וואָס איז געווענ אינ דער מאָסקווער מעלוכע. דאָרטנ האָט זיכ אויכ אַנטוויקלט דער האַנדל, דער קאַפּיטאַל, אונטער דער ווירקונג פונעמ דאָזיקנ האַנדל זיינענ דאָרט אופגעקומענ, אָנשטאָט די פעאָדאַלע פּליכטנ, מוירעדיקע לייבגעלט-אָפּצאָלנ, מוירעדיקע פּאַנשטשינע, — האַקלאַל, אַלע מיטלענ אפּ אויסצופּרעסנ פונעמ פויער, פונעמ „כלאָפּ", ווי ער האָט געהייסנ אינ מייַרעוו-רוסלאַנד, דעמ מער-פּראָדוקט, וואָס פלעגט דערנאָכ גיינ אפּנ מאַרק, און וואָס די סאָכרימ פלעגנ אימ פאַרשפּרייטנ איבער גאַנצ אייראָפּע. דעמ פּוילישנ ברויט האָט מענ געגעסנ סיי אינ ליסאַבאָנ און סיי אינ נעאַפּאָל, און אַנ אומגערעטעניש אינ פּוילנ האָט אָפּטמאָל באַטייט א הונגער אינ איטאַליע. פּונקט ווי דאָס איז געווענ אינ דער מאָסקווער מעלוכע, האָבנ אויכ דאָ די נייע פּאָראַנדקעס באַזונדערס שווער זיכ געלאָזט פילנ אינ די נייע קאָלאָניזיר-ערטער, ד. ה. גראָד אינ דער ביידניעפּער-געגנט, אינ דער רעכטברעגיקער אוקראַיִנע.

און דאָ ניט ווײַט, אפן דניעפּער, איז געווען אַ קאָזאַקן־נעסט — די זאַפּאַראָזשיע, — וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט, פונקט ווי אפן דאָן, פון אַנטלאָפענע „כלאָפּעס“. ס'איז נאַטירלעך, אַז דאָ האָט זיך איבערגעכאַזערט דאָס זעלביקע, וואָס ס'איז געווען אין מאָסקווער רוסלאַנד. און פונקט ווי די מאָסקווער מעלוכע האָט איבערגעלעבט אַ קאָזאַקיש־פּויערשן אופשטאַנד אין אָנהייב XVII יאָרהונדערט, אַזוי איז אויך דער סאָף XVI און דער אָנהייב XVII יאָרהונדערט פאַרפולט געווען מיט אַ רײ קאָזאַקן־אופשטאַנדן אין דער בײַדניעפּערישער געגנט. די פּוילישע רעגירונג, וואָס האָט פון לעכאַטכילע אָן געהאַט אין איר רעשוס סײַ אַ גוטע רעגולערע אַרמיי און סײַ אַ בעסערע פּאָליציייִשע אָרגאַניזאַציע, איידער דאָס האָט געהאַט מאָסקווע אין שויסקים צײַטן, האָט אַ לאַנגע צײַט געקעמפט קעגן די דאָזיקע אופשטאַנדן. אָבער דאָ איז דער קעגנער אויך געווען אַ מער ערנסטער. די קאָזאַקן און פּויערים פון גרויסרוסלאַנד זײַנען געווען אַ פינצטערע אומוויסנדיקע מאַסע. די קאָזאַקן און „כלאָפּעס“ פון מײַרעוו־רוסלאַנד האָבן געהאַט זייער אייגענע אינטעליגענץ אין געשטאַלט פון די שטאָטישע קליינבירגער. דאָס דאָזיקע שטאָטישע קליינבירגערטום פון לעמבערג, קיִעוו, זשיטאָמיר און פון אַנדערע אוקראַיִנישע שטעט האָט געליטן פונעם האַנדל־קאַפּיטאַל ניט ווייניקער, ווי די מאָסקווער פון אירן. די פּוילישע רעגירונג איז, פאַרשטייט זיך, פונקט ווי די מאָסקווער, געווען אפן צאַד פון די רײַכע סאָכרים און האָט אַף אַלערליי אופאַנים געשטיצט און געדריקט דעם אוקראַיִנישן קליינבירגער. דער אוקראַיִנישער קליינבירגער האָט אָבער געהאַט זײַנע אַן אָרגאַניזאַציע אפן מײַרעוו־אייראָפּייִשן שטייגער, אַ קירכלעכע אָרגאַניזאַציע: די אוקראַיִנישע באַלמעלאָכעס און קליינע סאָכרים האָבן געבילדעט זייערע „ברודערשאַפטן“ בא די קלויסטערס, מיט שפּיטאָלן, שולן אאַוו. דער האַנדל־קאַפּיטאַל האָט זיך באַמיט צו צעברעכן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע: צום סאָף XVI יאָרהונדערט האָט די פּוילישע רעגירונג דורכגעפירט אין מײַרעוו־רוסלאַנד די „אוניע“, ד. ה. זי האָט אונטערגעוואָרפן די אוקראַיִנישע קירכע אונטער אַרכיערייען, וואָס די רעגירונג האָט באַשטימט און וואָס זײַנען, פון זייער זײַט, געווען אונטערגעוואָרפן דעם אַלגעמיין־קאַטוילישן צענטער, דעם רוימישן פּויפּסט. פאַרן פאָלק האָט מען די דאָזיקע רעגירונג־קירכע פײַן אויסגעמאָלט ווי אַ „פאַרייניקונג פון אַלע קריסטן אין איין קירכע“ (פונדאַנען נעמט זיך דאָס וואָרט „אוניע“, וואָס באַטײַט „פאַרייניקונג“). דאָס קליינבירגערטום האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז די אוניע גיט אַ טויטקלאַפּ זײַן אָרגאַניזאַציע, און עס איז מיט אַלע קויכעס אַרויסגעטראָטן קעגן דער אוניע און האָט זיך ניט אונטערגעוואָרפן די „אוניאַטישע“ קאַזיאָנע אַרכיערייען. דערפאַר האָט מען אָנגעהויבן שרעקלעך רודפן די קליינבירגערלעכע ברודערשאַפטן, און די דאָזיקע רעדיפעס האָבן אַלץ מער און מער געשטויסן די קליינבירגער אין דער זײַט פון דער „כלאָפּישער“ רעוואָליוציע. דער פּראַוואָסלאַוונער גלויבן איז געוואָרן די פאָן פון דער דאָזיקער רעוואָליוציע און די קיִעווער גײַסטלעכע אַקאַדעמיע — איר גײַסטיקער צענטער. די קאָזאַקן און די „כלאָפּעס“ האָבן דאָ, אַזוי אַרום, געליטן ניט נאָר פונעם דרוק פון די „פּאַנעס“ — פון די פּריצים און פון דער פּריצישער רעגירונג, נאָר זיי האָבן דאָ געהאַט אויך אַ גרייטע, פאַרשטענדלעכע פאַר זיי באַרעכטיקונג פאַר זייער אופשטאַנד קעגן דעם דאָזיקן דרוק.

אויב דער אופשטאַנד איז דאָ געווען בעסער אָרגאַניזירט, איידער אין מאָסקווער רוסלאַנד, האָט זיך אָבער די פּוילישע רעגירונג אופגעפירט מיט אַ סאַך ווײַ־

מאָסקווער מעלוכע פון דער ערשטער העלפט XVII יה.

גרענעץ פון מאָסקווער מעלוכע אין 1595 יאָר.

די צענטערס פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג פון די יאָרן 1605—1612.

וועגן: 1) די קאָזאקן צוהילפ דימיטריען,
2) דימיטרי, שפּעטער באָלאָטניקאָוו.
3) 2-טער דימיטרי („דער גאַנעוו")

גרענעץ פונעם פוילישן קיניגרייך אין 1684 יאָר.

ראיאָן פון כמעלניצקיס אופשטאנד.

ניקער געשיקטקײט, ווי די מאָסקווער רעגירונג. די מאָסקווער רעגירונג האָט, פילנ־דיק איר שוואַכקײט, געזוכט צו צעשפּאַלטנ אונ אונטערצוקויפנ די אופגעשטאַנענע. די פּוילישע רעגירונג ווידער האָט זיכ פאַרלאָזנ אַפ איר קראַפט, זי האָט ניט גע־האַלטנ פונ אַזוינע מיטלענ אונ האָט אינ א גלײַכער מאָס געשטיקט אונ געדריקט אי דעמ אָרעמענ „כלאָפּ", אי דעמ פאַרמעגלעכנ קאָזאַק, אי דעמ שטאָטישנ קרע־מער אונ אַפילע דעמ פּראַוואָסלאַוונעמ גאַלעכ אָדער אַרכיערײ, וואָס האָט ניט גע־וואָלט אָנערקענענ די אוניע. אָנשטאָט צו צעשפּאַלטנ אירע פײַנט, האָט זי זײ אַלײנ צונויפגעשמאָלצנ. דעריבער האָט דער קאָזאַקנ־אופשטאַנד פונ 1648־טנ יאָר, וואָס בעראָש פונ אימ איז געשטאַנענ אײנער א פאָרשטײער פונעמ אויבערשטנ, פונעמ פאַרמעגלעכנ שיכט קאָזאַקנ, באָגדאַנ כמעלניצקי, אָפּגעהאַלטנ א גלענצנדיקנ ניצאָכנ איבער דעמ פּויליש־ליטווישנ רעגירונג־מיליטער. דערפירנ אָבער זײַנ ניצאָכנ ביזנ סאָפ איז כמעלניצקי ניט געווענ בעכויעכ, אונ ער האָט געמוזט זוכנ פאַר־בינדעטע. דאָס האָט זײער קונציק אויסגענוצט די מאָסקווער מעלוכע: זי האָט גע־נומענ כמעלניצקינ אונטער איר שוץ אונ אַפ אַזא אויפנ איז אוקראַינע, צוערשט דער לינקער ברעג דניעפּער מיט דער שטאָט קיִעוו, אַריבער אינ די הענט פונ דער מאָסקווער מעלוכע. אַכוץ דעמ וואָלגער האַנדל־וועג, האָט איצט די מאָסקווער מע־לוכע געהאַלטנ אינ אירע הענט אויכ דעמ צווײטנ האַנדל־וועג צומ שוואַרצנ יאַמ — דעמ וועג מיטנ דניעפּער. ס'איז נאָכ אָבער אַוועק אַסאַכ צײַט, ביז זי האָט אויסגענוצט אָט דעמ נײַעמ האַנדל־וועג אונ ביז דער קאַמפ פאַרנ שוואַרצנ יאַמ איז געוואָרנ דער הויפּט־קאַמפ פאַרנ מאָסקווער האַנדל־קאַפּיטאַל. איצט איז אינ טאָג־סײדער געשטאַנענ אַנ אַנדער אופגאַבע. דער נאָענטסטער וועג קײנ מערעוו־אײראָפּע איז פאַר דער מאָסקווער מעלוכע געווענ ניט דער שוואַרצער יאַמ, נאָר דער באַלטישער. אונ אינ דעמ דאָזיקנ קאַמפ פאַרנ באַלטישנ יאַמ, אינ דער אַזוי־גערופענער גרויסער צאָפנ־מילכאָמע פונ די יאָרנ 1700—1721, האָט דעמ האַנדל־קאַפּיטאַל באַזונדערס גרויסע נוצנ געבראַכט זײַנ נײַ געווער — די אַפנ אויסלענ־דישנ שטײגער אָרגאַניזירטע אַרמײ.

די מעלוכע פונ די ראָמאַנאָווס אונ דער „ראַסקאָל" (די שפּאַלטונג)

מיט דער הילפ פונ די קלײנאַדעליקע אונ פונ א טײל קאָזאַקנ, וועלכע זײַנענ אַריבער אַפ דער זײַט פונ די העכערע קלאַסנ, האָבנ די ערשטע ראָמאַנאָווס אונ־טערטעניק געמאַכט די פויערשע מאַסע, אונ אַזויאַרומ געגרינדעט א מעלוכע, וואָס האָט זיכ געהאַלטנ אַפ לײַבײגנטומ, אַפ א באַאַמטנטומ אונ אַפ א שטענדיקער אַרמײ, א מעלוכע, וועלכע האָט עקזיסטירט אינ רוסלאַנד ביזנ מיטנ XIX יאָרהונדערט. ערשט דעמאָלט הײבט אָנ די מעלוכע־אָר־דענונג צעפאַלנ צו ווערנ אַדאַנק דער ווײַטערדיקער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, אַדאַנק דעמ, וואָס אָנשטאָט דעמ האַנדל־קאַפּיטאַל קומט אופ דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל, עס פאַלט דאָס לײַבײגנטומ, צומ סאָפ ווערט אָפּגעשוואַכט די מאַכט פונ־נעמ באַאַמטנטומ, אונ צומ סאַמע סאָפ פעלשט אינ דער דאָזיקער מעלוכע אַפילע די הויפּט־שטיצע אירע—די שטענדיקע אַרמײ. אָבער כאָטש זי וועפּט זיכ ביסלעכ־ווײַז אויס, דערלעבט פונדעסטוועגנ די ראָמאַנאָווישע אָרדענונג אינ אירע רעשטנ ביז דער רעוואָליוציע פונעמ 1917־טנ יאָר. מיט דער ראָמאַנאָווישער מאָנאַרכיע טרעטנ מיר אַזויאַרומ אַרײַנ אינ דער עפּאָכע פונ דער נײַסטער רוסישער געשיכטע. אָבער קעדײ צו פאַרענדיקנ די כאַראַקטעריסטיק פונ דער דאָזיקער מאָנאַרכיע, דאַרפ

מענ נאָכ דערמאָנענ וועגנ איינ זאַך, וואָס מיר האָבנ נאָכ ניט באַרירט ביז איצט. די ראָזיקע מאָנארכיע איז געווענ ניט בלויז א קאַפּיטאליסטישע, א ביוראָקראַטישע (א באַאמטנ־מעלוכע) אונ א מיליטערישע מעלוכע, נאָר זי איז אויכ געווענ די ערשטע אינ רוסלאַנד וו ע ל ט ל ע כ ע מעלוכע. די רוסישע קירכע איז אינ די צײַטנ פונ די ראָמאַנאָווס געוואָרנ פּונקט אזא וועלטלעכער אנשטאַלט, ווי יעדער פּריקאַז (אַמט) אָדער מיניסטעריום. די ארכיערייענ זײַנענ געוואָרנ פּונקט אזעלכע באַאמטע, ווי די גובערנאַטאָרנ, אונ די גאַלאָכימ, פּונקט ווי די קרײַזישע פּריסטאַווס. וועגנ דעם, וויאַזוי די קירכע איז אונטערגעוואָרפנ געוואָרנ דער מעלוכע, וואָס דאָס איז אויכ פאָרגעקומענ אינ דער זעלביקער צײַט, אינ מיטנ XVII יאָרהונדערט, — וועגנ דעם דאַרפ מענ זאָגנ עטלעכע ווערטער.

אינ דער עקזיסטענצ פונ די גײַסטלעכע אונ פונ דער קירכע איז געלעגנ א פּראַקטישער זינ. אונדז איז שוינ אויסגעקומענ אנגעווירכע צו דערמאָנענ, אז די קירכע אונ די גײַסטלעכע, באַזונדערס די מאָנאַכנ אונ די מאָנאַסטירנ, זײַנענ געווענ די ערשטע דורכפירער פונ דער געלט־ווירטשאַפט. אדאַנק די געשאַנקענ פונ די גלייביקע האָבנ זיכ אינ זייערע הענט קאָנצענטרירט קאָלאָסאַלע געלט־מיטלענ. אנדערע גלייביקע פלעגנ זיי אָפּגעבנ באַהאַלטנ זייערע רײַכטימער, אונ די קירכע איז אַזויארומ געוואָרנ א האַנדל־לאַגער, אונ די מאָנאַסטירנ — די ערשטע באַנקירנ, פונ וועלכע ס'האָט געוווּסט דאָס אוראַלטע רוסלאַנד אונ צוזאַמענ דערמיט די גאַנצע מיטלאַלטערלעכע אייראָפּע. ס'פאַרשטייט זיך, אז אָט די אלע נעדאָוועס, וואָס די גלייביקע פלעגנ געבנ דער קירכע, דערקלערנ מיר גאָר אנדערש, איידער די מענאַהאָוויִמ גופע. די דעמלטיקע מענטשנ האָבנ לאַכלוטנ ניט געזענ דעמ עקאָנאָמישנ זינ דערפונ. זיי פלעגנ שענקענ, קעדיי צו פאַרגיטיקנ דעמ גײַסט, מיט וועלכנ די קריסטלעכע גײַסטלעכע האָבנ געוווּסט, וויאַזוי זיכ צונויפצורייידנ, ווי אַזוי זיכ צו באַגיינ. א באַזונדערס שרעקלעכער מאָמענט איז פאַר דעמ מענטשנ געווענ, פאַרשטייט זיכ, דער טויט, ווענ ער אליינ ווערט פאַרוואַנדלט אינ א „גײַסט“. דער ראָזיקער מאָמענט איז געווענ ניט אַזוי שרעקלעכ פאַר אימ אליינ, ווי פאַר זײַנע קרויווימ אונ נאָענטע, וועלכע ווייסנ ניט, אפ וואָס דאַרפנ זיי זיכ ריכטנ פונ דעמ ראָזיקנ גײַסט — אפ גוטס צי אפ שלעכטס. אונ דאָ קומענ צו גיינ דער גאַלעכ, מאַכט עפּעס פאַרשיידענע קישעפ־שטיק, רעדט פאַרשיידענע ווערטער, רויכערט מיט ווײַרעכ, איז מאַזיקער־נעשאָמעס אונ מאַכט אפ אזא אויפנ שאָלעמ צווישנ דעמ פאַרשטאָרבענעמ מיט די פאַרבליבענע קרויווימ. דער פאַרשטאָרבענער פאַרוואַנדלט זיכ נאָכדעמ אינ א גוטנ גײַסט, אונ קיינ בייז וועט ער שוינ קיינעמ ניט טאָנ. אָט פאַרוואָס די קירכע פלעגט דערבײַ באַקומענ באַזונדערס רײַכע געשאַנקענ. מע פלעגט איר אָפּגעבנ ניט נאָר דאָס באַוועגלעכע פאַרמעגנ פונעמ פאַרשטאָרבענעמ, נאָר אויכ גרויסע ערד־באַצירקנ, אונ די קירכע איז אַזויארומ געוואָרנ זייער א גרויסער ערדבאַזיצער. זי האָט געוווּסט, וויאַזוי צו פאַרגרעסערנ איר ערד־באַזיצ: אפ דעמ געלט, וואָס זיי פלעגנ אָנקלײַבנ פונ די האַנדל־געשעפטנ, פלעגנ די מאָנאַסטירנ אָפּקויפנ ערד בא די פּריצימ, געבנ די ראָזיקע פּריצימ האַלוואָעס אפ די סאַמע שווערסטע באַדינגונגענ אאַוו. די קירכע איז געווענ איינער פונ די סאַמע אכזאָריעסדיקע עקספּלואַטאַטערס פונעמ רוסישנ פּויערטומ. מע דאַרפ ניט פאַרגעסנ, אז דער ערשטער גרינדער פונ דער פּויערשער שקלאַפערײַ איז געווענ די טראָיִצקער לאַווראַ, וואָס האָט אינעמ XV יאָרהונדערט די ערשטע אויסגעבעטנ פאַר זיכ דאָס רעכט ניט ארויסצולאָזנ פונ אירע גיטער די פּויערימ, אונ וואָס האָט

זיכ נאָכ דער „מעהומע־צײַט" די ערשטע געלאָזנ זוכנ די דאָזיקע פּויערימ, דערבײַ האָט זי זיכ באַצײַטנס גאַראַנטירט אַנ 11־יאָריקנ טערמינ אפּ אופּצוזוכנ זיי, דאָס הייסט, זי האָט געשטרעבט אומצוקערנ צוריק אַלע פּויערימ, וואָס זײַנענ אַנטלאָפנ אינ דער „מעהומע־צײַט". די טראָיִצקער לאַווורע האָט דערמיט געגעבנ אַ בײַשפּיל די איבעריקע פּריצימ. פאַר די מאַסנ באַפעלקערונג איז אָבער וויכטיק געווענ ניט דאָס, צי זײַנענ די גײַסטלעכע פרומ אָדער ניט פרומ, צי זײַנענ זיי גוטע אָדער שלעכטע, נאָר דאָס, וואָס די דאָזיקע גײַסטלעכע האָבנ געוווּסט, וויאַזוי דורכצוקומענ מיט יענער וועלט פונ הייליקע אונ טײַוואָלימ, וואָס זײַנענ געשאַפנ געוואָרנ אינ דער פאַנטאַזיע פונעמ דעמלטיקנ מענטשנ, אונ וואָס פונ זיי איז, לויט דער איבערצײַגונג פונעמ דאָזיקנ מענטשנ, געווענ אָפּהענגיק זײַנ גאַנצער וווילשטאַנד.

די קירכע האָט, פאַרשטייט זיכ, געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אפּ די דעמלטיקע מענטשנ. די קירכע־לײַט האָבנ געלערנט, אַז זיי קענענ אַלצ מאַכנ, אַז נאָר זיי אייגנטלעכ באַשטימענ אויכ דעמ קייסער, אונ נאָר אַדאַנק דער זאַלבונג, וואָס די קירכע גיט דעמ קייסער, ווערט ער אַנ עמעסער קייסער. ער בלײַבט קייסער, קאָלזמאַנ ער דינט דער קירכע. ווי נאָר ער הערט איר אופּ צו דינענ, פאַרלירט ער גלײַכ זײַנע רעכט אפּנ טראָנ. אינדערעמעסנ איז עס שוינ אינעמ XVI יאָרהונדערט געווענ ניט מער ווי אַ טעאָריע (דאָס הייסט, ס'איז געווענ בלויז אָנגעשריבנ אינ די ביכער). אינ דער פּראַקטיק אָבער איז ווי נאָר די מאָסקווער מעלוכע האָט זיכ פאַרייניקט, ווי נאָר זי האָט אַרײַנגענומענ אינ אירע הענט גרויסע ערד־שעטעכנ, דעמ האַנדל־קאַפּיטאַל אאַוו. אַזוי האָט זי אָנגעהויבנ באַהערשנ אויכ די קירכע, ווײַל די עמעסע מאַכט פונ דער קירכע האָט זיכ געהאַלטנ, כאָזער איכ איבער, פאַרשטייט זיכ, ניט אפּ דעמ, וואָס עס האָבנ געטראַכט וועגנ איר די מענטשנ, נאָר אפּ דעמ, וואָס זי האָט געהאַט אינ די הענט. שוינ אינ דעמ גרויזאַמענס צײַטנ איז געמאַכט געוואָרנ אַ פּרווו אָפּצונעמענ בײַ דער פּראַוואָסלאַווּנער קירכע אירע ערד־כאַלאָקימ, קעדיי צו באַפרידיקנ דעמ דאָרשט נאָכ ערד בײַ די קליינע פּריצימ, פאַר וועלכע עס האָט שוינ אָנגעהויבנ ניט קלעקנ די קאָנפיסקירטע נאַכלעס פונ די אַלטע מעיוכאָסימ. אונ שוינ דער גרויזאַמער האָט איינעמ אַ מאָסקווער מיטראָפּאָליט, פיליפּנ, צוערשט אַראָפּגעטריבנ פונעמ מיטראָפּאָליטנ־טראָנ דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט די האָזע אימ צו דערווידערנ, אונ דערנאָכ געהייסנ דערשטיקנ פיליפּנ אינ דעמ מאָנאַסטיר, וווּהינ ער האָט אימ פאַרשיקט.

צומ סאָפּ XVI יאָרהונדערט, ערעוו דער „מעהומע" איז די מאַכט פונ דער קירכע איבער דער באַפעלקערונג באַדײַטנדיק קלענער געוואָרנ, אונ די שרײַבער פונ יענער צײַט, מענטשנ פרומע (שרײַבנ אינ יענע צײַטנ האָבנ געקענט דעריקער די קלייקוידעש, אונ אַלע, וואָס האָבנ געקענט שרײַבנ, זײַנענ דערצויגנ געוואָרנ אונ האָבנ זיכ אויסגעלערנט לייענענ אונ שרײַבנ לויט די קירכע־ביכער), באַקלאָגנ זיכ, אַז דאָס „פאָלק" איז צעלאָזנ געוואָרנ. פונ זייערע דערציילונגענ איז צו זענ, אַז צעלאָזנ געוואָרנ איז דער פאַרמעגלעכער טייל פונעמ פאָלק, ווײַל אויווער זײַנענ די קירכע־פאַראָרדענונגענ וועגנ טאַנייסימ, גוט־עסנ, אַ סאַכ טרינקענ, אָנטאָנ זיכ אינ טײַערע מאַלבושימ — אַט די אַלע זינד האָבנ געקאָנט באַגיינ בלויז רײַכע מענטשנ. די מאַכט פונ דער קירכע איז אַזוי־אַרומ צעשטערט געוואָרנ אַלצ מער, וואָס גרעסער ס'איז געוואָרנ די מאַכט פונעמ האַנדל־קאַפּיטאַל.

באַזונדערס דעמאָראַליזאַטעריש האָט די געלט־ווירטשאַפט געווירקט אפּנ אַ ס ק ע ט י ז מ פונ די אַלט־רוסישע מענטשנ. וואָס איז אַזוינס אַסקעטיזמ? אַלע האָבנ,

פארשטייט זיכ, געהערט וועגנ די פארשיידענע העלדנטאטנ, וואס עס פלעגנ אופטאנ קאלערליי „צאדיקימ" פונעמ אוראלטנ רוסלאנד. די דאזיקע „צאדיקימ" האבנ געהייסנ הייליקע העלדנ, וויל גראד זייער „העלדנטאט" פלעגט זיי מאכנ פאר מענטשנ, וואס האבנ ביינ בא גאט אונ בא זיינע הייליקע. אינ וואס איז באשטאנענ די העלדנטאט? דערינ, וואס דער מענטש פלעגט ניט עסנ, פלעגט שלאפנ אפ הוילע ברעטער, פלעגט פארברענגענ גאנצע נעכט אפ די קני אונ אינ טפילע־טאנ, פלעגט זענ, מיט איינ ווארט, אפקומענ אפ קאלערליי אויפאנימ אונ דערמיט פלעגט ער, ווי ער האט געגלייבט, פארשאפנ גאט פארגעניגנ. אינ וואס זשע איז דא באשטאנענ דאס פארגעניגנ אנטאנ? אינ דעמ, וואס די פארגעניגנס, פונ וועלכע דער מענטש פלעגט זיכ אפזאגנ, פלעגנ אפ אנ אומפארשטענדלעכנ אויפנ אנקומענ דעמ גייסט, וואס זיינ בעסער האט ער געהאפט צו באקומענ. דער מענטש פלעגט זיכ אפזאגנ פונ עסנווארג, אונ דאס דאזיקע עסנווארג, וואס ער פלעגט ניט אופעסנ, איז אויכ געווענ א מינ קארבנ, וואס פלעגט אפ א סוידעספולנ אויפנ אנקומענ דעמ גייסט. פארשטייט זיכ, אז די דעמלטיקע מענטשנ האבנ ניט געהאט וועגנ דעמ אזא בוילעטע פארשטעלונג. פארנ דעמלטיקנ מענטשנ, כאזשע איכ איבער, איז דער זינ פונעמ טאנעס אונ פונעמ אפהאלטנ זיכ באשטאנענ גראד אינ דעמ, וואס ער פלעגט אויסנעמענ דערמיט בא גאט אונ בא דעמ הייליקנ, צו וועלכנ ער פלעגט טפילע טאנ. דער זינ, ווידער, וואס ער האט ניט פארשטאנענ, איז באשטאנענ גראד אינ דעמ, וואס אפ אזא אויפנ האבנ זיכ די מענטשנ צוגעווינט „אפצושפארנ". נאכ א טאנעס פלעגט מענ זיכ געוויינלעכ (אונ אינ די דערפער טוט מענ עס נאכ אנ אנדערש מאל איצט אויכ) אפפאסטנ, ד. ה. עס פלעגט זיכ אנהייבנ א ווילדע סודע, ווענ מענטשנ פלעגנ פרעסנ ביז דער מאגנ האט אופגעהערט צו פארדייענ אונ אנזויפנ זיכ ביזנ פארלירנ דעמ באוווסטזיינ. אזוי טוענ נאכ איצט אויכ אלע ווילדע, וואס פאסטנ גאנצע כאדאשימ אונ פרעסנ דערנאכ עטלעכע טעג נאכאנאנד. בא וואס פאר א ווירטשאפט קאנ עס זיינ נייטיק אזא מינ איינגעהאלטנקייט? פארשטייט זיכ, אז בא א „נאטוראלער", ווענ ס'איז נאכ ניטא קיינ מארק, ווענ דער מענטש האט ניט ווו צו קויפנ קיינ פראדוקטנ, ווענ ער מוז, ווי מע זאגט עס, לייגנ זיכ אזוי, ווי מע בעט אימ אויס, אונ פינקטלעכ אויסרעכענענ, וויפל ער האט נאכ פראדוקטנ ביז דער נייער גערעטעניש. אונ אט קומט ער אפ, ער ציט איינ אפ זיכ, ווי מע זאגט עס, דעמ גארטל אפ 4—6 וואכנ, קעדיי דערנאכ עסנ צו זאט אינ מעשעכ פונ איינ וואכ. ווענ ס'איז אופגעקומענ די האנדל־ווירטשאפט, די אויסטויש־ווירטשאפט, האט מענ אלצ, וואס עס האט אויסגעפעלט, געקאנט קויפנ אפנ מארק; נאטירלעכ, אז דער דאזיקער מינהעג האט פארלארנ זיינ זינ, לעבאלאפאכעס פאר די פארמעגלעכע קלאסנ, אונ דעמלט, ווענ די מאסע באפעלקערונג הייבט אנ צו פאסטנ א גאנצ יאר — אונדזערע פויערימ פלעגנ אויכ נאכרעמ עסנ, ווי עס באדארפ צו זיינ, מער ניט, ווי אינ די זעלטענע יאנטויווימ — הייבנ די פארמעגלעכע קלאסנ אנ אלצ וויינציקער אפצוהיטנ די טאנייסימ.

די „מעהומע־צייט", ד. ה. די פאלק־רעוואליוציע אינעמ אנהייב XVII יאר־הונדערט, איז, לויט דער מיינונג פונ די דעמלטיקע פרומע שרייבערס, געווענ א שטראפ, וואס גאט האט אנגעשיקט אפ די רייכע טאקע פאר אט די זינד אונ ווענ ס'איז נאכ דער מעהומע ווידער אופגעשטעלט געווארנ אנ ארדענונג, ד. ה. ווענ ס'האט ווידער טריומפירט דאס לייבייגנטומ, אונ צוזאמענ דערמיט האט טריומפירט דער האנדל־קאפיטאל, האבנ די העכערע קלאסנ די ערשטע צייט ארויסגע־

זויזנ א באזונדערס פארשטארקטע פרומקייט, און די קירכע האָט באקומענ אזא מאכט און איינפלוס, ווי זי האָט נאָכ קיינמאָל ניט געהאט פריִער. דער פאטריִארכ איז געווענ דער צווייטער קייסער.

אינ די צייטנ פונעמ ערשטנ ראָמאנאָוו האָט נאָכ דערצו שטארק מיטגעהאָלפנ דאָס, וואָס דער פאטריִארכ איז געווענ דעמ קייסערס א פאָטער. נאָר דאָס אייגענע איז געווענ אויכ אינ די צייטנ פונעמ צווייטנ ראָמאנאָוו (אלעקסיי מיכיילאָוויטש), ווענ דער פאטריִארכ ניקאָנ איז ניט געווענ דעמ קייסערס קיינ קאָרעוו, אזוי, אז דאָס איז שוינ געווענ ניט די ווירקונג פונעמ פאָטער, נאָר די ווירקונג פונ דער קירכע גופע. פארשטייט זיכ, אז די קירכע האָט דערביי אָנגעהויבנ צונויפזאמלענ אינ אירע הענט קאָלאָסאלע רייכטימער. אינגיכנ אָבער איז דער נייער געזעלשאפט נימעס געוואָרנ די איינגעהאלטנקייט, אפ וועלכער זי האָט זיכ אליינ פארמישפעט. די אסקעטישע ריכטונג האָט ווידער אָנגעהויבנ אָפגעשוואכט ווערנ. מע האָט ווידער אָנגעהויבנ שלעכט אָפהיטנ די טאנייסימ, מע פלעגט זענ פארקירצנ די לאנגע גאָטעס-דינסטנ — שטיינ די גאנצע צייט אפ די פיס איז אויכ געווענ א מינ העלדנטאט. דער איקער אָבער איז דאָס, וואָס דער וועלטלעכער מאכט האָט אָנגעהויבנ שטארק ניט שמעקנ דער איינפלוס, וואָס עס האָט באקומענ די קירכע.

דער פאטריִארכ ניקאָנ, וואָס האָט אויסגערעכנט אפ דער קלוימערשט אומגעהייער גרויסער כראפט פונ דער קירכע, האָט זיכ געפרוווט אָנהייבנ א קאמפ קעגנ דער וועלטלעכער מאכט. נאָר דאָ האָט זיכ גלייכ ארויסגעוויזנ, אז די מאכט איז געווענ ניט אינ דער איינבילדונג פונ די מענטשנ, נאָר אינ די מאטעריעלע מיטלענ, וואָס זיי האָבנ אינ זייערע הענט. די קירכע האָט זיכ ארויסגעוויזנ אינגאנצנ מאכטלאָז לעגאבע דער מעלוכע פונ די ראָמאנאָווס מיט אירע קאָלאָסאלע געלט-מיטלענ, מיט איר באאמטנטומ, מיט איר ארמיי אאוו. קיינער פונ די קירכע-לייט האָט אפילע גאָרניט א טראכט געטאָנ אָנצונעמענ זיכ פאר ניקאָנענ, און ס'האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז די קירכע איז ניט בעקויעכ ארויסצוווייזנ קיינ ווירקלעכנ ווידערשטאנד דעמ צארס מאכט, און דער צאר האָט, אויסנוצנדיק זיינע האנדל-פארבינדונגענ און זיינע געלט-מיטלענ, אָנ שומ מי געדונגענ אנדערע פאטריִארכנ, די מיזרעכ-פאטריִארכנ, וואָס האָבנ זיכ אינ דער פראוואָסלאווער קירכע גערעכנט עלטער פונ ניקאָנענ. ער האָט צונויפגערופנ א קירכע-פארזאמלונג און האָט דורכ א באשלוס פונ דער קירכע גופע פארמישפעט דעמ מענטשנ, וואָס האָט געהאט די העזע אונטערצוהאלטנ די זעלבשטענדיקייט פונ דער דאָזיקער קירכע קעגנ דעמ צאר. די שפעטערדיקע פאטריִארכנ האָבנ שוינ נאָכדעמ ניט געהאט קיינ מוט ארויסצוטרעטנ קעגנ דער צארישער מאכט, און אינ אָנהייב XVIII יאָרהונדערט איז אָפגעשאפט געוואָרנ דער עצעמ טיטל „פאטריִארכ". אָנשטאָט אימ איז געשאפנ געוואָרנ א סינאָד, ד. ה. א פארזאמלונג פונ ארכיערייענ, און צו זיי איז צוגעשטעלט געוואָרנ אנ אופזעער מיצאד דער וועלטלעכער מאכט, דער אויבער-פראָקוראָר פונעמ הייליקסטנ סינאָד, א באאמטער, וואָס איז אינ דער ווירקלעכקייט געווענ דער גאנצער באלעבאָס אינ דער פראוואָסלאווער קירכע. ער פלעגט אראָפזעצנ און באשטימענ ארכיערייענ, פונקט ווי מע פלעגט באשטימענ און אראָפזעצנ גובערנאטערס. נאָכדעמ איז די פארוואלטונג מיט דער פראוואָסלאווער קירכע פאשעט פארוואנדלט געוואָרנ אינ א מיניסטעריומ פונ דער רוסישער מעלוכע אָדער פונ דער רוסלענדישער אימפעריע, ווי מע האָט זי אָנגעהייבנ רופנ פונעמ אָנהייב XVIII יאָרהונדערט.

נאָכ אויב די העכערע קלאַסנ האָבנ זיכ אַזויאַרומ זייער גרינג צעשיידט מיט דער קלוימערשטער פרומקייט, וואָס זיי האָבנ אָנגעהויבנ אַרויסווייזנ נאָכ דער רעוואָליוציע, איז די געזעלשאַפטלעכע שיכטנ, וועלכע דער האַנדל־קאַפּיטאַל האָט אונטערדריקט אונ געשטיקט, זיי האָבנ זיכ, פאַרקערט, מיט האָפענונג געווענדט גראָד צו דער קירכע, וואָס האָט גלייכ מיט זיי געליטנ פונ דער וועלטלעכער מעלוכע אונ האָט געהאַט דעמ זעלביקנ גורל, ווי זיי. עס פאַרשטייט זיכ, אַז דאָס איז ניט געווענ די אָפיציעלע רעגירונג־קירכע, ווו דער גאַנצער באַלעבאָס איז געווענ דער אויבער־פּראָקוראָר. די דאָזיקע רעגירונג־קירכע האָט ניט געוואָלט אָנערקענענ די פאָלקס־קירכע. זי האָט אָנגערופנ די פאָלקס־קירכע מיטנ נאָמענ „ראַסקאָל" (שפּאַלטונג), אונ די מענטשנ, וואָס זיינענ געבליבנ טריי דער אַלטער קירכע, מיטנ נאָמענ „ראַסקאָלניקעס" (שפּאַלטער). די מעלוכע פלעגט אָפּנעמענ בא די דאָזיקע שפּאַלטער זייערע רעכט; די שפּאַלטונגס־לערער, דאָס הייסט, די גייסטלעכע פונ דער דאָזיקער פאָלקס־קירכע, פלעגט מענ אַריינזעצנ אינ טפיסע, פאַרמישפּעטנ צומ טויט אאַז״וו. אָבער זי האָט ניט געקאָנט אויסראָטנ דעמ פאָלקס־גלויבנ, וואָס האָט זיכ געהאַלטנ גאַנצע יאָרהונדערטנ. דער דאָזיקער גלויבנ איז, פאַרשטייט זיכ, געווענ פּונקט אַזאַ פינצטערער אַנימיזמ, ווי דער גאַנצער אַזוי־גערופענער פּראַוואָסלאַוונער גלויבנ ביכלאַל. די „ראַסקאָלניקעס" האָבנ פּונקט אַזוי געגלייבט אינ אָנ אַ שיר גייסטער, אינ הייליקע אונ טייוואָלימ, וואָס רינגלענ אַרומ דעמ מענטשנ, אונ האָבנ געזוכנ מיט קאָלערליי כישעפ־מיטלענ, טפילעס, רעליגיעזע צערעמאָניעס אאַז״וו. באַקומענ די מאַכט איבער די דאָזיקע גייסטער. אָבער דאָס, וואָס די דאָזיקע קירכע איז געווענ גערודפט אונ געיאָגט, האָט איר פאַרשאַפט אַכטונג אונ מיטגעפיל מיצאַד די מאַסנ, ווייל אָט די קירכע אונ די מאַסנ זיינענ געווענ אַ קאָרבנ פונ איינ אונ דער זעלביקער קראַפט — פונ דער וואַקסנדיקער האַנדל־בורזשואַזיע אונ פונ דעמ ענג מיט איר פאַרבונדענעמ פּריצישנ קלאַס. אינעמ קאַמפ קעגנ דעמ דרוק פונעמ דעמלטיקנ האַנדל־קאַפּיטאַל זיינענ די „ראַסקאָלניקעס"־געמיינדעס איינגיכנ אַליינ געוואָרנ אַ קראַפט, וואָס זאַמלט אָנ אָט דעמ זעלביקנ האַנדל־קאַפּיטאַל. די ניכטערע, האָרעפּאַשנע „ראַסקאָלניקעס", וואָס האָבנ זיכ פעסט געהאַלטנ איינער אָנ דעמ צווייטנ, וואָס פלעגנ אַרויסטרעטנ באַהעפט, האָבנ זיכ אַרויסגעוויזנ פאַר אויסגעצייכנטע אָפּשפּאָרער. די ברייטע אונטערערדישע פאַרבינדונגענ פונ דער פאָלקס־קירכע, וואָס האָבנ פאַרבונדנ אינ איינ גאַנצעס דעמ וואָלגע־קאַנט מיטנ יאַמ־קאַנט, ווייסרוסלאַנד מיט גרויסרוסלאַנד, האָבנ זיכ אַרויסגעוויזנ פאַר אַנ אויסגעצייכנטנ באָדנ אויכ פאַר עקאָנאָמישע פאַרבינדונגענ. אונ דאָס פאָלק האָט דעריבער אינ דער נייסטער צייט זיכ פאָרגעשטעלט דעמ „ראַסקאָל", ווי עפּעס אַ מינ סאָכרישנ גלויבנ. זיינע גרינדער אָבער אינעמ XVII יאָרהונדערט זיינענ געווענ ניט קיינ סאָכרימ, נאָר הויפּטזאַכלעכ אַרויסגעקומענע פונ די אונטערשטע שיכטנ פונ דער שטאָטישער באַפעלקערונג: קאָלערליי באַלמעלאָכעס, שמידנ, טעסלערס אאַז״וו. אונ אויכ מענטשנ פונ דער דעמלטיקער אינטעליגענצ, ד. ה. דערהויפּט פונ די נידעריקערע, ניט אַמטלעכע גייסטלעכע. אינ איינצלנע פאַלנ טרעפנ מיר (ווי דאָס קומט שטענדיק פאָר אינ יעדער רעליגיעזער באַוועגונג) צווישנ די דאָזיקע דעמאָקראַטישע עלעמענטנ אויכ אַרויסגעקומענע פונ די העכערע שיכטנ פונ דער געזעלשאַפט, ווי, אַשטייגער, די באַרימטע באָיאַרינע מאָראָזאָווע, פּונקט ווי אינ צוויי הונדערט יאָר אַרומ וועלנ מיר צווישנ די רעוואָליוציאָנערע סאָציאַליסטנ טרעפנ אויכ טעכטער פונ גענעראַלנ אונ געהיימע ראַטמענער.

אָבער סײַ אינ דעמ, סײַ אינ יענעמ פאַל ענדערט עס ניט דעמ כאַראַקטער פונ דער באַוועגונג, אַלס דעמאָקראַטישע באַוועגונג.

דער „ראַסקאָל" האָט אָבער ניט געקאָנט אַרויסברענגענ קיינ דעמאָקראַטישע רעוואָליוציע, אַזאַ ווי די, וואָס האָט אופגעטרייסלט די יעסוידעס פונ דער מאָסקווער מעלוכע אינ די ערשטע יאָרנ פונעמ XVII יאָרהונדערט. מע קאָנ זאָגנ, אַז צומ „ראַסקאָל" זײַנענ אַוועק יענע מענטשנ, וואָס זײַנענ אַרײַנגעפאַלנ אינ פאַרצווייפלונג אַדאַנק דעמ, וואָס עס האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ די רעוואָליוציע. דער „ראַסקאָל" האָט לעבאַטכילע פאַרורטיילט די מאָסקווער וועלטלעכע מעלוכע, ער האָט זי דערקלערט פאַר אַנ אופטו פונעמ אַנטיכריסט. דערמיט גופע האָט ער אָבער אָנערקענט, אַז ער איז ניט בעקויעכ צו באַזיגנ די דאָזיקע וועלטלעכע מעלוכע, אונ דער „ראַסקאָל" האָט געקעמפט קעגנ דער הענדלערישער מעלוכע פונ די ראָמאַנאָווכ ניט דורכ אָנפאַלנ אָפ איר, נאָר דורכ אַנטלויפנ פונ איר, פונקט ווי די פויערימ פלעגנ פריִער אַנטלויפנ פונעמ לײַבאייגנטומ. אינ איינצלנע פאַלנ פלעגנ זיכ די „ראַסקאָלניקעס", עמעס, נעמענ פאַר געווער. דאָס איז געווענ אינ די פאַלנ, ווענ די רעגירונג פלעגט זיי פאַקנ דאָרטנ, וווּהינ זיי זײַנענ אַנטלאָפנ געוואָרנ, אונ פלעגט זיי אויכ דאָרטנ ניט לאָזנ לעבנ. א סאַכ „ראַסקאָלניקעס" איז געווענ אויכ אינ סטעפאַנ ראַזינס מיליטער, אונ איינציקע פונ ראַזינס אָנהענגער האָבנ שפעטער פאַרטיידיקט די לעצטע פעסטונג פונ די „ראַסקאָלניקעס" אָפנ צאָפנ, דעמ סאָלאָוועצער מאָנאַסטיר, וואָס די צאַרישע אַרמיי האָט אימ געמוזט נעמענ מיט געווער. אויכ אינ די שפעטערדיקע פויערבאַוועגונגענ פונעמ XVIII יאָרהונדערט, אַזש ביז דער פוגאַטשאָווישער באַוועגונג, האָבנ די „ראַסקאָלניקעס" שטענדיק געשפילט די ראָליע פונ עלעמענטנ, וואָס פילנ מיט דער באַוועגונג אונ זײַנענ פײַנטלעכ צו דער רעגירונג. זיי זײַנענ אָבער לאַכלוטנ ניט געווענ בעקויעכ אַוועקצושטעלנ אָפנ אָרט פונ דער געשאַפענער לײַבאייגנטימערישער אונ ביוראָקראַטישער מעלוכע עפעס א נײַעס, אונ זיי האָבנ אַפילע גאָרניט געטראַכט וועגנ דעמ. פאַרקערט, די געמיינדעס פונ די „ראַסקאָלניקעס" פלעגנ זיכ, ווי מיר האָבנ שוינ אָנגעוויזנ, אַלצ מער אונ מער צופאַסנ אינעמ פאָליטישנ לעבנ צו דער דאָזיקער מעלוכע אונ זײַנענ געוואָרנ „גרויסע אָנזאַמלער" פונעמ זעלביקנ האַנדל־קאַפיטאַל. דער „ראַסקאָל" האָט אַזוי אַרומ געמוזט פאַרבלײַבנ אונ איז פאַרבליבנ א ריינ רעליגיעזער אופשטאַנד אונ האָט אינ דעמ גראָט דערמאָנט דאָס קריסטנטומ אינ זײַנ ערשטנ פעריאָד, וואָס האָט אויכ געענדיקט דערמיט, וואָס עס האָט זיכ צוגעפאַסט צו דער אָרדענונג פונ דער רוימישער אימפעריע אונ האָט ניט געמאַכט קיינ שומ פרווּו איבערצואַנדערשנ די מעלוכע גופע.

די צאָפנ־מילכאָמע אונ די רוסלענדישע אימפעריע

דער קאַמפ פאַרנ באַלטישנ יאַמ איז געווענ א גרויסער ניסאָיענ פאַר דער מעלוכע פונ די ראָמאַנאָווס. אָנ דעמ רעזולטאַט פונעמ דאָזיקנ קאַמפ האָט זיכ געווענדט, צי וועט אויסהאַלטנ אָט דער נײַער ביניענ, אָדער ער וועט אײַנפאַלנ, אונ שטיקלעכ פונ אימ וועלנ צעשלעפנ אַנדערע, מער גליקלעכע קאָנקורענטנ. אַזאַ מינ סאָפ איז געווענ מעגלעכ. די הענדלעריש־פעאָדאַלע מעלוכע פוילנ, וואָס איז אופגעקומענ פריִער, ווי די מאָסקווער מעלוכע, איז טאַקע אָפ אַזאַ אויפנ געפאַלנ צומ סאָף XVIII יאָרהונדערט, אונ אירע רעשטנ האָבנ צענומענ פאַר זיכ די שכייניִמ. די מאָסקווער מעלוכע איז געווענ גליקלעכער. אָט די מילכאָמע, וואָס אָנ איר

איז געווענדט געווענ איר עקזיסטענצ, האָט, סאָפקאָלסאָפ, געשאפנ זייער גינסטיקע באדינגונגענ פאר איר ווײַטערדיקער אנטוויקלונג און, באנוצנדיק דעמ אויסדרוק פונ א דיכטער, וואָס האָט באזונגענ די דאָזיקע עפּאָכע, האָט זי אויסגעשמידט די דאָזיקע מעלוכע, ווי א האמער שמידט שטאָל. די דאָזיקע מילכאָמע איז ניט געווענ קיינ צופעליקײַט און איז ניט געקומענ אומגעריכטערהייט. מיר געדענקענ, אז נאָכ איוואנ דער גרויזאמער האָט זיכ געפרווט פארכאפנ די ברעגנ פונעמ באלטישנ יאמ, און בלויז די פויערשע רעוואָליוציע אינ אָנהייב XVII יאָרהונדערט האָט געצווונגענ צו פארגעסנ וועגנ דעמ אפ א צײַט. די מאָסקווער מעלוכע האָט זיכ געגרייט צו דער מילכאָמע ביסלעכווײַז און פאָרזיכטיק, אָנקלײַבנדיק קויכעס און זאָרגזאמ באהאלטנדיק אירע כאוואָנעס. דער צאר פיאָטר, וואָס האָט שוינ פונ לאנג געהאט באשלאָסנ צו פירנ א מילכאָמע קעגנ די שוועדנ, האָט מיט דעמ צוועק געשלאָסנ א בונד מיט פוילנ און מיט דענעמארק, צוויי אנדערע קעגנער פונ שוועדנ אינעמ קאמפ פארנ באלטישנ יאמ. אינ דער זעלביקער צײַט פלעגט ער באשיטנ דעמ שוועדישנ אמבאסאדער אינ מאָסקווע מיט זיסע רייד, פאָרנ צו אימ צו גאסט, ארויסווײַזנ גרויס ליבשאפט צו זײַנע קינדער א.אז.וו. דערמיט האָט ער זיכ געפלײַסט צו באווײַזנ, אז די שוועדנ האָבנ גאָרניט קיינ בעסערנ גוטנ פרײַנט, ווי דער מאָסקווער צאר. ניט געקוקט אָבער אפ אָט די אלע פאָרזיכטיקײַט־מיטלענ, האָט זיכ דער מאָסקווער מעלוכע פאָרט ניט אײַנגעגעבנ גוט צוצוגרייטנ זיכ צו דער מילכאָמע. צו שווער איז געווענ די דאָזיקע אויפגאבע. אינ אונדזער צײַט איז שוועדנ א קליינ לאנד, זייער א געבילדעטס, אָבער אינגאנצנ א מאכטלאָז לאנד אינ מיליטערישער הינזיכט, און פאר די לעצטע פערציק יאָר האָט עס שרעקלעכ מוירע געהאט פאר דעמ אימפעראטערישנ רוסלאנד און פלעגט אָפט מאמעש שטיינ פאר אימ אפ די קני. מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק אָבער איז שוועדנ געווענ איינע פונ די גרעסטע, אויב ניט די סאמע גרעסטע מיליטערישע מעלוכע אינ אייראָפע. אינ מעשעכ פונ XVII יאָרהונדערט האָט זי אריבערגעטראָגנ דעמ בארימטנ דרײַסיקיאָריקנ קריג, בײַמ וועלכנ די שוועדישע ארמיי האָט פארנומענ דאָס ערשטע אָרט צווישנ די אייראָפעיִשע ארמייענ פונ יענער צײַט. דאָס איז געווענ די אמבעסטנ באוואָפנטע, אמבעסטנ דיסציפלינירטע און אָרגאניזירטע ארמיי. גרייטנדיק זיכ ארײַנצוטרעטנ אינ קאמפ קעגנ דעמ דאָזיקנ ריז, לויט דעמאָלטיקנ מאסשטאב, האָט זיכ די מאָסקווער מעלוכע פארזאָרגט מיט אלע נײַסטע, לויט יענער צײַט, דערפינדונגענ. דער אלטער לייטנ־מושקעט פונ דער מעהומע־צײַט איז פארביטנ געוואָרנ מיט א פײַערשטיינ־ביקס. אפנ עק פונעמ דאָזיקנ ביקס האָט מענ צוגעשרויפט א באגנעט, און דאָס איז עפשער געווענ די מיליטערישע הויפט־דערפינדונג פונ יענער צײַט. די זאכ באשטייט אינ דעמ, וואָס די אינפאנטעריע פונעמ XVII יאָרהונדערט האָט נאָכ ניט געוווסט, וויאזוי צו פאראייניקנ קאלט געווער מיט פײַערשיסנדיקנ. א העלפט איז געווענ באוואָפנט מיט פײַערשיסנדיקנ געווער — מיט מושקעטנ, און די צווייטע העלפט — מיט פיקעס. אזוי־ארומ איז אויסגעקומענ, אז סײַ ווענ די סאָלדאטנ פלעגנ שיסנ, סײַ ווענ זיי פלעגנ איבערגיינ צו האנטגעשלעג, אלציינס פלעגט א העלפט קויכעס גיינ לעיִבעד. דער באגנעט האָט געגעבנ א מעגלעכקײַט גלײַכצײַטיק צו זײַנ אי א שיסער, אי א פיקע־וואָרפער און האָט אזוי־ארומ צוויי מאָל שטארקער געמאכט די אינפאנטעריע. מע דארפ פארצייכענענ, אז די שוועדנ האָבנ נאָכ ניט געהאט באהערשט אָט די דערפינדונג. אינ מאָסקווע האָט מענ דאָס אויסגענוצט: פיאָטרס סאָלדאטנ האָבנ געהאט ביקסנ מיט באגנעטנ.

ניט געקוקט דערופֿ, איז די אַלטע פֿעסטע שוועדישע אַרמיי פֿאָרט געווען שטאַרקער פֿאַר דער יונגער מאָסקווער אַרמיי, און גלײַך אין דער ערשטער שלאַכט אונטער נאַרווע (אין 1700־טן יאָר) האָט פּיאָטרס מיליטער געליטן אַ שרעקלעכע מאַפּאָלע. פֿון זײַן אַרמיי איז קימאַט גאָרנישט ניט געבליבן. די מאָסקווער מעלוכע איז געווען נאָענט פֿון אומקום, נאָר צו מאָסקוועס גליק האָבן זיך די שוועדן ניט געהאַלטן פֿאַר זייער הויפּט־קעגנער. אַזוי ווי זיי זײַנען געוווינט געווען צו פֿירן מילכאָמעס אַפֿן מיזרעך, האָבן זיי זיך מער גערעכנט מיט די דענער, מיט די פּאָליאַקן און מיט די זאַקסן, וואָס האָבן זיך פֿאַרייניקט מיט די פּאָליאַקן. נאָכדעם ווי ער האָט צעקלאַפּט די מאָסקווער אַרמיי, האָט דער קיניג קאַרל דער צוועלפֿטער געמיינט, אַז אַפֿן מיזרעך איז שוין אַלץ אָפּגעטאָן און ער איז אַוועק מיט זײַן אַרמיי צו די ברעגן פֿון ווײַסל. דערמיט האָט ער געגעבן מאָסקווע עטלעכע יאָר אָפּקומען צו זיך, אויסנוצן די דערפֿאַרונג פֿון די ערשטע יאָרן מילכאָמע און שאַפֿן אַ נײַע אַרמיי. ווען די שוועדן האָבן זיך געכאַפּט און פֿאַרשטאַנען, אַז זיי זײַנען באַגאַנגען אַ פֿעלער, איז שוין געווען צו שפּעט. די מאָסקווער אַרמיי איז שוין דערווײַל פֿעסט געשטאַנען אַף די ברעגן פֿונעם פֿינישן יאַם־אײַנגוס, וווּהין פּיאָטר האָט אַריבערגעטראָגן אויך זײַן הויפּט־קוואַרטיר, אין די מויערן פֿון דער שוועדישער פֿעסטונג, וואָס ער האָט אײַנגענומען און וואָס ער האָט שפּעטער געמאַכט פֿאַר דער נײַער הויפּט־שטאָט פֿון דער רוסישער מעלוכע. קאַרל דעם צוועלפֿטן איז אויסגעקומען דורכצומאַכן זיך אַ וועג פֿון פּוילן איבער דעם דאָרעם־גרענעץ פֿון דער מאָסקווער מעלוכע. דאָ, עמעס, האָט ער געפֿונען פֿאַרבינדעטע אין געשטאַלט פֿון די אוקראַיִנישע קאָזאַקן־עלטסטע, וואָס האָבן שוין באַוויזן צו אַנטוישן זיך אין די מאָסקווער צאַרן און וואָס האָבן פֿעסט באַהערשט די אוקראַיִנישע פּויערים און געוואָלט עקספּלואַטירן זיי זעלבשטענדיק. אָבער אַפֿילע די דאָזיקע הילף האָט ניט געראַטעוועט די שוועדן, און אין דער שלאַכט אונטער פּאָלטאַווע (1709) איז די שוועדישע אַרמיי פּונקט אַזוי גרונטלעך צעקלאַפּט געוואָרן, ווי נײַן יאָר פֿאַר דעם איז אונטער נאַרווע צעקלאַפּט געוואָרן די מאָסקווער אַרמיי. די ראָלן האָבן זיך אינגאַנצן געביטן. פֿון פּאַרטיידיקונג איז מאָסקווע אַריבער אין אָנגריף. בייסן קיניגן פֿון די ראָמאַנאָווס איז די מאָסקווער מעלוכע פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער רוסלענדישער אימפּעריע מיט דער הויפּט־שטאָט פּעטערבורג, אַפֿן ברעג פֿון באַלטישן יאַם. גאַנצע צוועלף יאָר נאָך דער פּאָלטאַווער שלאַכט האָט זיך געצויגן די מילכאָמע. די שוועדן האָבן זיך אויסגעזוכט אַנדערע פֿאַרבינדעטע, פֿריִער פֿאַר אַלץ אין דער פּערזאָן פֿון די טערקן, וואָס האָבן איינמאָל שיִער ניט געמאַכט אַ טעל פֿון פּיאָטערן מיט זײַן אַרמיי, ביים ער איז געגאַנגען אַף רומעניע (דער אַזויגערופֿענער פּרוטער מאַרש אין 1711־טן י.). די ענדגילטיקע סאַכאַקלען האָבן זיך אָבער אַלץ מער און מער אויסגעקריסטאַליזירט לעטוויִועס פּיאָטערן. לעסאָף, אין 1721־טן יאָר, לויט דעם נישטאַטער שאָלעם, האָט זיך שוועדן געמוזט אָנערקענען פֿאַר באַזיגט, און די מאָסקווער מעלוכע איז געוואָרן איינע פֿון די גרעסטע באַלטישע מעלוכעס. צו דער צײַט איז שוין אין די הענט פֿון דער נײַער רוסלענדישער אימפּעריע געווען ניט נאָר די לעפֿצונג פֿון דעם טײַך נעוואַ מיט פּעטערבורג און קראָנשטאַט, נאָר אויך אַ גאַנצע ריי באַלטישע יאַם־האַפֿנס: וויבאָרג, ריגע און רעוועל. דער צאָפֿן־עק פֿונעם גרויסן וואַסער־וועג, וואָס בינדט צונויף אייראָפּע מיט אַזיע, דעם באַלטישן יאַם מיטן קאַספּישן, איז איצט פֿעסט געלעגן אין די מאָסקווער הענט. ס׳איז נאָר פֿאַרבליבן

צו פאַרפעסטיקנ די לאַגע אפנ דאָרעמ־עק פונעמ דאָזיקנ וועג, ווי צו מאָסקווע האָט פריִער געהערט בלויז די שטאָט אסטראַכאַנ. פּיאָטרס לעצטער קריג־מאַרש איז געווענ געווענדט קעגנ פּערסיע אונ זײַנ אויפגאַבע איז געווענ: פאַרכאַפּנ דעמ קאַספּישנ יאַמ אינ די הענט פונעמ רוסישנ האַנדל־קאַפּיטאַל פּונקט אַזוי פּעסט, ווי ער האָט פריִער פאַרכאַפּט דעמ מיזרעכ־טייל פונעמ באַלטישנ יאַמ. דער דאָזיקער פּערסישער קריג־מאַרש פּיאָטרס איז ווייניקער געלונגענ, ווי די גרויסע צאָפנ־מילכאָמע, דאָכ אָבער איז דער טראַנזיט־האַנדל מיט די אַזיאַטישע סכוירעס, דערהויפּט מיט זײַד (וואָס האָט געהאַט דעמאָלט א גרויסנ ווערט, אַזוי אַז דער מיסכער מיט זײַד איז געווענ, ווי עס דריקט זיכ אויס איינער א רײַזנדער, שיִר ניט דער הויפּט־מיסכער אינ אייראָפּע) פאַרבליבנ אינ די מאָסקווער הענט.

דער מאָסקווער האַנדל־קאַפּיטאַל האָט גלענצנדיק אויסגעהאַלטנ דעמ עקזאַמענ אינ האָט איצט ניט געהאַט וואָס מוירע צו האָבנ ניט פאַר שוועדנ, ניט פאַר פּוילנ. אָט די צוויי פריִערי מעכטיקע קעגנער פונ מאָסקווע, פאַר וועלכע די רוסישע אַרמיי פלעגט אַנטלויפנ, וואָס איינער פונ זיי האָט אַפילע געהאַט פאַרכאַפּט מאָסקווע אפּ א קורצער צײַט, ווערנ אינ די שפּעטערדיקע מילכאָמעס פונעמ XVIII יאָרהונ־דערט אַלצ מער אונ מער אָפּגעשוואַכט, ביז שוועדנ איז דערגאַנגענ צו דער מאַ־דרייגע פונ דערנידעריקנ זיכ פאַר דער רוסישער אימפּעריע, ווי איכ האָב שוינ אויבנ דערמאָנט, אונ ביז פּוילנ איז פּאַשעט אַרײַנגעפאַלנ אינ די הענט פונעמ מאָסקווער צאַר, וועלכער איז געוואָרנ רוסלענדישער אימפּעראַטער.

ביימ דער צאָפנ־מילכאָמע בילדעט זיכ ענדגילטיק אויס אויכ דער גאַנצער מע־כאַניזמ פונ דער מעלוכע, וואָס די ראָמאַנאָווס האָבנ געגרינדעט. מיר וועלנ אינ קורצע ווערטער דערמאָנענ איר סאָציאַל־עקאָנאָמישע (ווירטשאַפטלעכע אונ געזעל־שאַפטלעכע) באַזע. זי איז באַשאַפנ געוואָרנ דורכ א קאָמבינאַציע פונ צוויי קרעפטנ — פונ איינ זײַט, דער לײַבאייגנטימערישער גוט, פונ דער אַנדערער זײַט — דער ס אָ כ ר י ש ע ר ק אַ פּ י ט אַ ל, — זיי זײַנענ געווענ די פאַרקערפּערונג פונ אָט דעמ יעסאָד. דער האַנדל־קאַפּיטאַל האָט אַליינ ניט אָרגאַניזירט די פּראָדוקציע. אינ זײַנע הענט האָבנ זיכ געפונענ בלויז אַלע אָפּזאַצ־אונ אויסטויש־מיטלענ. דער האַנדל־קאַפּיטאַל איז געווענ אַנ אויפקויפער פונ פּאַרטיקע סכוירעס, וואָס זײַנענ געשאַפנ, פּראָדוצירט געוואָרנ זעלבשטענדיק דורכ די קליינע ווירטשאַפטנ, די פּוי־ערימ אונ באַלמעלאָכעס. די דאָזיקע קליינע באַלעבאַטימ נייטיקנ זיכ ניט אייגנט־לעכ אינ אויפקויפערס, זיי וואָלטנ אַליינ געקאָנט פאַרקויפנ אַלע זייערע סכוירעס אונ אַרײַנלייגנ די גאַנצע האַכנאָסע צו זיכ אינ קעשענע, אָדער זיי וואָלטנ אַליינ געקאָנט פאַרנוצנ זייערע פּראָדוקטנ. מע האָט זיי דעריבער געמוזט צווינגענ אָפּצו־געבנ זייערע פּראָדוקטנ; דער דרוק פונעמ לײַבאייגנטומ־רעכט האָט איבערגעגעבנ אָט די גאַנצע אַרבעטנדיקע מאַסע אינ די הענט פונעמ פּאָרעצ אונ פונעמ אויפקויפער. אָבער א ל יי נ איז דער פּאָרעצ שוינ אינ XVI יאָרהונדערט ניט בעקויעכ געווענ צו ספּראַווענ זיכ מיטנ אויספּרעסנ פונ די פּויערימ די פּראָדוקטנ פונ זייער אַר־בעט. צומ XVIII יאָרהונדערט האָט זיכ טאַקע ביסלעכווײַז אויסגעבילדעט די גאַנצע מאַשינ, וואָס האָט אויסגעפּרעסט פונ דער פאָלקסמאַסע דאָס, וואָס יענע האָט אויסגעאַרבעט. עס איז באַשאַפנ געוואָרנ א שטאַרקע צענטראַלע מאַכט, מיט אַנ אויסגעצייכנט אָרגאַניזירטנ, לויטנ מוסטער פונ א האַנדל־קאָנטאָר, באַאַמטנ־טומ, מיט אומבאַגרענעצטע פּאָליציייִשע פולמאַכטנ, מיט אַנ אַכזאָריעסדיקנ גע־ריכט, ניט קיינ פאָלקס־געריכט, נאָר אויכ א באַאַמטנ־געריכט, וואָס אַרבעט בע־

סווידסווידעס און פירט בלויז אויס אָפ זײַנ אורטייל. אינ דער זעלביקער צײַט האָט אינ דאָרפ דאָס לײַבײגנטומ־רעכט מיט דער הילפ פונ די פריצימ געצוווּנגענ די פויערימ, זיי זאָלנ אָפגעבנ זייער ברויט אונ אַנדערע רוי־מאַטעריאַלנ. דאָס פלעגט אַרויסבאַקומענ ווערנ בא די פויערימ דורכ שמיצ אינ די פריצישע פערדשטאַלנ. דאָס אַלצ האָט זיכ אָנגעהויבנ אויסבילדנ אינ דער מאָסקווער מעלוכע שוינ פונעמ XVII יאָרהונדערט, דאָס אַלצ האָט זיכ אָבער נאָכ געפונענ אינ א כאַאָטישנ (אומאָרגאַניזירטנ) צושטאַנד. א שטאַרקע צענטראַלע מאַכט איז שוינ געווענ, זי איז אָבער נאָכ געווענ אַרומגערינגלט מיט אַלטע פעאָדאַלע אינסטיטוציעס, וואָס זײַנענ דער ביוראָקראַטישער מעלוכע לאַכלוטנ ניט נייטיק געווענ. נעבנ דעמ צאַר איז געשטאַנענ די באָיאַרישע דומע, וואָס אירע מיטגלידער פלעגנ באַשטימט ווערנ לויט זייער אָפשטאַמונג. די דומע האָט, פאַרשטייט זיכ, ניט דערוועגט זיכ אַרויסצוטרעטנ קעגנ דער צאַרישער מאַכט, נאָר זי איז געווענ אַנ איבעריקע ראָד, וואָס האָט געסקריפעט אונ זיכ זייער לאַנגזאַמ געדרייט, האָט שווער געמאַכט דעמ גאַנג פונ דער גאַנצער מאַשינ. אינ דער צײַט פונ דער צאָפנ־מילכאָמע פאַרשווינדט די באָיאַרישע דומע ענדגילטיק, איר אָרט פאַרנעמט דער סענאַט, וואָס ווערט צונויפגעשטעלט פונ באַאַמטע, וועלכע דער קייסער באַשטימט, ניט רעכענענדיק זיכ אַבסאָליוט מיט זייער אָפשטאַמונג, אונ וואָס זײַנענ מעכויעוו אויסצופילנ אָנ שומ טײַנעס דעמ קייסערס באַפעלנ. דער סענאַט איז א פאַרזאַמלונג פונ צאַרישע אָנגעשטעלטע. נעבנ דעמ סענאַט אונ אונטער זײַנ קאָנטראָל ווערט פונעמ פילפאַרביקנ הויפנ פונ די מאָסקווער „פריקאַזנ", וואָס פלעגנ אופקומענ צופעליק, אונ פאַרוואַלטנ מיט אַלצ אינ דער וועלט — אי מיטנ געריכט, אי מיטנ דער שטײַערנ־זאַמלונג, אי מיטנ מיליטער, אַלצ צו ביסלעכ, — פונ זיי ווערט אויסגעבילדעט א האַרמאָנישע סיסטעמ פונ קאָלעגיעס, די פאָרגייער פונ די שפּעטערדיקע מיניסטעריומס, צווישנ וועלכע די מעלוכע־ענינימ זײַנענ פאַרטיילט געוואָרנ אינ א שטרענגער אָרדענונג. ס'איז געווענ א באַזונדערע קאָלעגיע פאַר געריכט־ענינימ — די יוסטיצ־קאָלעגיע, א באַזונדערע קאָלעגיע צו זאַמלענ די מעלוכע־האַכנאָסעס, א באַזונדערע פאַר די הויצאָעס; א באַזונדערע פאַרנ קאָנטראָל. זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער סיסטעמ איז די גרויסע צאָל קאָלעגיעס מיט א רייכ ווירטשאַפטלעכער באַשטימונג. ס'איז געגרינדעט געוואָרנ א באַזונדערע קאָלעגיע צו פאַרוואַלטנ מיט די באַרג־זאַוואָדנ (די בערג־קאָלעגיע), מיט די פאַבריקנ (די מאַנופאַקטור־קאָלעגיע), א באַזונדערע אפ צו פאַרוואַלטנ מיטנ האַנדל (די קאָמערצ־קאָלעגיע).

פונקט אַזוי איז אָרגאַניזירט געוואָרנ אויכ די גאַנצע איבעריקע פאַרוואַלטונג מיט דער מעלוכע. די שטעט זײַנענ ענדגילטיק איבערגעגעבנ געוואָרנ אינ רעשוס פונ די אָרטיקע סאָכרימ. די ערשטע צײַט איז אַפילע געבילדעט געוואָרנ אַנ אַלרוסלענדישער ריינ־סאָכרישער קלאַסנ־אַנשטאַלט — א ראַטהויז, עפּעס א מינ צענטראַלע לאָלעגיע פונ סאָכרימ, וואָס פלעגנ זאַמלענ די האַכנאָסעס פונ גאַנצ רוסלאַנד. נאָר אינ דער צײַט פונ דער מילכאָמע האָט זיכ דער דאָזיקער אָרגאַנ אַרויסגעוויזנ פאַר אומבאַקוועמ אונ איז פאַרביטנ געוואָרנ מיט אַנטשפּרעכיקע קאָלעגיעס. אינ די הענט פונ די סאָכרימ איז פאַרבליבנ בלויז די פאַרוואַלטונג אפ די ערטער, אינ די באַזונדערע שטעט. וואָס אָנבאַלאַנגט דעמ דאָרפ, איז עס אָפגעגעבנ געוואָרנ אינ פולנ רעשוס פונ די פריצימ, וואָס אינ זייערע הענט גייט דערנאָכ איבער די הויפּט־פונקציע פונ פאַרוואַלטונג אינ די דערפער. זיי מישפּעטנ אונ באַשטראָפנ

אלע פּויערימ ביז פאַרשיקנ אפּ קאַטאָרגע אונ זאמלענ פונ זײ דעמ נײעמ קאַפּ־שטײער, וואָס איז אײנגעפירט געוואָרנ אינ דער צײט פונ דער גרויסער צאַפּנ־מיל־כאַמע, אָנשטאָט די פאַרשײדענע זאמלונגענ, וואָס די ראָמאַנאָווישע מעלוכע האָט איבערגענומענ בעירושע פונ די מאָסקווער קײסאָרימ פונעמ XVI יאָרהונדערט. דעמ קאַפּ־שטײער האָבנ געצאָלט אלע מאַנצבילנ אָנ אויסנאַמ אונ אָנ אונטערשײד פונ עלטער. זויג־קינדער אונ זקײנימ האָבנ אלע גלײכ געמוזט צאָלנ. דאָס איז אַזוי־אַרומ, ניט געווענ קײנ פּרווו צו באַשטײערנ די אָדער יענע האַכנאָסע, דאָס איז געווענ פּאָשעט א מיטל צו באַקומענ פונעמ פאָלק געלט אפּנ פּאָשעטסטנ אונ גרינגסטנ אופנ — איבערצײלנ די צאָל אײנוווינער־מאַנצבילנ, דערנאָכ צעטײלנ צווישנ זײ די סומע, וואָס די מעלוכע דאַרפ באַקומענ, הויפּטזאַכלעכ אפּ אויסצי־האַלטנ די אַרמײ, — דער קאַפּ־שטײער איז געווענ באַשטימט פאַרנ דאָזיקנ צוועק, — אונ אלצ איז געווענ פּאַרטיק. וואָס אָנבאַלאַנגט די אומדירעקטע שטײ־ערנ, איז בענעגײע צומ הויפּט־שטײער, צומ געטראַנק־שטײער, צומ אָפּצאָל פאַרנ דעכט צו פאַרקויפנ בראַנפנ, ווערט אינ מעשעכ פונ XVIII יאָרהונדערט אלצ מער אונ מער אָנגעווענדט די א ר ע נ ד ע ־ ס י ס ט ע מ. די גרויסע כאָכרימ פלעגנ צאָלנ דער מעלוכע א געוויסע סומע אונ דערפאַר פלעגנ זײ באַקומענ דאָס רעכט צו האַנדלענ מיט בראַנפנ אינ דער אָדער יענער גובערניע. וויאַזוי זײ האַנדלענ, אז זײ פאַרשפּרײטנ שיקערימ אינ פאָלק, אז זײ פאַרסאַמענ דאָס פאָלק, אז זײ גיבנ אימ אָנשטאָט גוטע בראַנפנ עמעסנ סאַמ, וועגנ דעמ האָט זיכ די מעלוכע ווינציק וואָס געקימערט, אבי נאָר זי זאָל באַקומענ דאָס, וואָס איר קומט. די אָרענדעס זײנענ געווענ אײנער פונ די הויפּט־קוואַלנ פונ דער אָנפאַנגלעכער אָנזאַמלונג אינעמ לײב־אײגנטימערישנ רוסלאַנד — טאַקע אָט דער אָנפאַנגלעכער אָנזאַמלונג האָט געדינט בא אונדז די גאַנצע סיסטעמ אינ אונדזער לאַנד, פּונקט ווי אינ מערעוו־אײראָפּע פונ XVIII—XVI יאָרהונדערטנ.

דער אינדוסטריעלער קאפיטאליזם

דער האנדל־קאפיטאל פלעגט ניט ארגאניזירן די פראדוקציע. ער פלעגט נעמען פארטיקע פראדוקטן. דער פויער פלעגט פארזייען און ארויסנעמען טווע, דער פישער פלעגט כאפן פיש, דער יעגער פלעגט זיך יאגן נאך בהעמעס, דער שוסטער פלעגט מאכן שטיוול, די דארפישע פרויען פלעגן וועבן לייוונט, ווי זיי האבן געקענט און ווי זיי האבן זיך אויסגעלערנט בא זייערע פאטערס און זיידעס, מוטערס און באבעס. דער סויחער פלעגט קומען און נעמען; דערנאך האט ער אנגעהויבן צומאל געבן רוי־מאטעריאלן, כדי זיכערער צו פארשקלאפן דעם קליינעם פראדוצירער. דער שוסטער, לעמאשל, וואס פלעגט באקומען אפ בארג לעדער, פלעגט שוין קיינעם ניט טארן פארקויפן די אויסגעארבעטע שטיוול, אחוץ דעם סויחער, וועלכן ער איז שולדיק געוועז. אט די אזוי־גערופענע „סיסטעם פון הויז־פראדוקציע" האט זיך, אייגנטלעך, ווייניק וואס אונטערשיידט פון דער סיסטעם, וואס מיט איר הילף פלעגן זיך די פריצים פון XVII—XVI יארהונדערט באווארענען מיט ארבעט־הענט.

מיט דער הילף פון אט דעם פאשעטן מיטל האט מען געקאנט צונויפקלייבן און ארויסווארפן אפן מארק א קאלאסאלן סכום סחוירע. צום סאפ XVIII יארהונדערט פלעגט מען יעדעס יאר ארויספירן פון רוסלאנד בלויז קיין אויסלאנד העבער 10 מיליאן מעטער לייוונט. אונדזער דארפישער לייוונט פלעגט אבער ניט בלויז עקספארטירט ווערן קיין אויסלאנד; אינווייניק אין רוסלאנד פלעגט ער פארקויפט ווערן עטלעכע מאל מערער: איין טווערער גובערניע (איצט גייט ארײַן א טייל אין דער אין מאסקווער געגנט און א טייל אין מיזרעך־געגנט) פלעגט אין דער זעלבער צײַט פארקויפן ניט ווינציקער פון 7 מיליאן מעטער א יאר. העיווים ווי צום סאפ פונעם XIX יארהונדערט פלעגט די זעלביקע גובערניע פארקויפן ניט מער ווי 11 מיליאן מעטער לייוונט, קומט אויס, אז פאר הונדערט יאר האבן די אײַנוווינער פון טווערער גובערניע פארגרעסערט זייער לייוונט־פראדוקציע עטוואס מער ווי אין אנדערהאלבן מאל, אין דער צײַט וועג די באפעלקערונג פון טווערער גובערניע איז פון דעמלט אן גרעסער געווארן אין צוויי א האלבן מאל. קומט, הייסט עס, אויס, אז מיט 150 יאר צוריק פלעגט יעדער אײַנוווינער פון טווערער גובערניע אויסארבעטן מער לייוונט פארן מארק, ווי איצטער, און א סאך סאכרים זײַנען אפ אזא אופן מיורעדיק ניסאשער געווארן. דער לייוונט־„פאבריקאנט" גאנטשאראוו, וואס זײַן „פאבריק", ווי די פאבריקן פון דער מערהײַט „פאבריקאנטן" אין יענע צײַטן, איז באשטאנען דעריקער פון א ריי קאנטארן, ווו מע פלעגט פאנאנדערטיילן רוי־וואַרג צווישן די פויערים־קוסטארן און אפנעמען בא זיי פארטיקע סחוירעס, האט פארדינט 6 מיליאן רובל, וואס אין גאלד־רובלס פון 1914־טן יאר וואלט עס געווען א פארמעגן פון א מיליאן 12.

ניט געקוקט אָבער אפ אלעמ דעמ, האָט די דאָזיקע סיסטעמ געהאט אויכ איר לינקע זײַט, די זעלבשטענדיקע קליינ-פּראָדוקציע איז זייער ווײַניק באַוועגלעכ. ווענ מענטשנ ארבעטנ אזוי, ווי עס האָבנ נאָכ געארבעט זייערע זיידעס אונ עלטערזיידעס, אָנ מאשינעס, ארבעטנ זיי אויס יאָר-אײַנ יאָר-אויס איינ אונ דעמ זעלביקנ סכומ אלצײַנע סכוירעס. דער מארק איז אָבער פול מיט קאפּריזנ: הײַנט דאַרפ ער אזויפיל סכוירעס, אונ מאָרגנ אָדער אינ א יאָר ארומ — אינ דרײַ מאָל מער. נאָכ מער פול מיט קאפּריזנ איז די מאָדע: שוינ אינ פּיאָטרס צײַטנ פלעגנ אונדזערע קוסטארנ האָבנ אויסצושטיינ קאָלערליי צאָרעס אונ אומאָנגענעמלעכקײַטנ, ביז שטראָפנ מיצאַד דער מאכט, דערפאר, וואָס זיי פלעגנ וועבנ צו שמאָלנ לײַוונט, ביימ מערעוו-אייראָפּע פלעגט פאָדערנ ברייטנ. בא זיכ אינ הויז האָבנ זיי אָבער ניט געהאט ווו אוועקצושטעלנ ברייטע וועבער-קאמענ. אונ שוינ אינ פּיאָטרס צײַטנ (אינ אָנהייב XVIII יאָרהונדערט) האָט עס געבראַכט צו פּרוּוונ צו שאפנ לײַוונט-מאנופאקטורנ מיט הונדערטער ארבעטער, וואָס זײַנענ צונויפגעקליבנ אינ איינ דירע, ווו מע קאָנ וועבנ לײַוונט פונ קאָלערליי מוסטערנ אונ אינ וואָס פאר א סכומ מע וויל. מע האָט עס נאָכ ניט געקאָנט אָנרופנ פאבריקנ, ווײַל אינ די דאָזיקע דירעס פלעגט מענ דעריקער ארבעטנ מיט די הענט אונ ניט מיט מאשינעס. אָבער דאָס איז שוינ געווענ גרויס-פּראָדוקציע. גלײַכ נאָכ דער קאָנצענטראציע (צוזאמענקלײַבנ אינ איינ האנט) פונעמ אויסטויש האָט זיכ אָנגעהויבנ אויכ די קאָנצענטראציע פונ די פּראָדוצירמיטלענ. דער קוסטאר האָט געארבעט בא זיכ אינ זײַנ אייגענעמ הויז מיט אייגענע אינסטרומענטנ. דער מאנופאקטור-ארבעטער האָט געארבעט אינ א פרעמדער דירע מיט אינסטרומענטנ, וואָס האָבנ געהערט דעמ באלעבאָס. דער קוסטאר איז געווענ א זעלבשטענדיקער קליינער פּראָדוצירער, אונ אינעמ ארבעטער פונ דער מאנופאקטור איז שוינ געווענ אנ עמבריאָנ פונעמ מאָדערנעמ פּראָלעטאריאט.

דערווײַל ניט מער ווי אנ עמבריאָנ. ווײַל דער נײַסטער פּראָלעטאריער איז א מענטש א פרײַער, וואָס פארדינגט זיכ פרײַ אפ ארבעט צו א פאבריקאנט; די ארבעטער ווידער אינ די רוסישע מאנופאקטורנ פונעמ XVIII יאָרהונדערט זײַנענ געווענ ניט קיינ פרײַע מענטשנ: זיי זײַנענ געווענ אָדער לײַבייגענע פונ דעמ באלעבאָס פונ דער מאנופאקטור, אָדער ארעסטאנטנ, סאָלדאטנ אאַו., וואָס די מאכט פלעגט אָפּגעבנ אינ רעשוס פונעמ באלעבאָס. די ערשטע רוסישע מאנופאקטורנ זײַנענ איבערהויפּט נאָכ גאנצ ווײַט געווענ פונ אינדוסטריעלנ קאפּיטאליזמ. זיי האָט פריִער פאר אלצ, ווי מיר האָבנ שוינ דערמאָנט, אויסגעפעלט מאשינעס. דאָס איז זייער וויכטיק דערפאר, ווײַל בלויז די מאשינ גיט דער גרויס-פּראָדוקציע אנ איבערוואָג איבער דער קלײנער, מאכט די גרויס-פּראָדוקציע לוינעוודיקער פאר דער קליינער. וואָס די מאשינ איז גרעסער, אלצ לוינעוודיקער איז זי. לעמאָשל, בא א דאמפּ-מאשינ פונ פינפ קראפט קאָסט יעדע קראפט 354 רובל א יאָר, בא א מאשינ פונ 50 קראפט קאָסט יעדע קראפט שוינ מער ניט ווי 105 רובל, אונ בא א מאשינ פונ 3 טויזנט קראפט — סאכאקל 36 רובל. אָט פארוואָס ניט נאָר די פאבריק דערשלאָגט דעמ קליינעמ פּראָדוצירער (אינ 1866-טנ יאָר האָבנ בא אונדז אינ רוסלאנד אינ די פאבריקנ געארבעט 95 טויזנט וועבער אונ בא זיכ אינדערהיימ — 65 טויזנט וועבער; אינ 1895 יאָר האָבנ שוינ אינ די פאבריקנ געארבעט 242 טויזנט וועבער אונ אינדערהיימ סאכאקל 20 טויזנט), נאָר די

גרויסע פאבריקן דערשלאָגן אויך די קליינע און מיטלע אונטערנעמונגען (פון 1904־טן ביז 1909־טן איז די אַלגעמיינע צאָל ארבעטער אין רוסלאַנד גרעסער געוואָרן סאַכאַקל אַף 7 פּראָצ. און די צאָל ארבעטער אין די פאבריקן, אין וועלכע ס'איז געווען מער ווי צו 1000 ארבעטער, איז גרעסער געוואָרן אַף 20 פּראָצענט. אין די דאָזיקע קאָלאָסאַלע פאבריקן איז געווען פארנומען העכער א דריטל פון אַלע ארבעטער — 672 טויזנט פון 1.778 טויזנט). אָבער די גרויסע אונטערנעמונגען פונעם XVIII יאָרהונדערט (אין רוסלאַנד איז שוין אויך דעמלט געווען מאַנופאַקטורן מיט העכער טויזנט ארבעטער) האָבן געאַרבעט מיט די הענט, און אזא ארבעט האָט נישט שטענדיק בעסער געלונגט, ווי די ארבעט פון די קוסטאַרן. דער קוסטאַר, וואָס פלעגט באַקומען פון שטיק, האָט זיך מער „געפּלײַסט", איידער דער ארבעטער — דער לײַביגענער, וואָס פלעגט פאַר זײַן ארבעט גאָרנישט ניט באַקומען. און האַגאַם אַף די דעמלטיקע מאַנופאַקטורן פלעגט מען אָנווענדן די סאַמע באַרבאַרישע שטראָפן און, ווי עס דערציילט איינער פון יענער צײַט, דערצו נאָך אַן אַדעליקער און א פּאָרעץ, פלעגן די פּויערים זאָגן: „אינעם דאָזיקן דאָרף איז א פאבריק" מיטן זעלביקן טאָן, ווי זיי וואָלטן וועלן זאָגן „אינעם דאָזיקן דאָרף איז א מאַגייפע", — איז ניט געקוקט אַף אַלע אַכזאָריעסן, פלעגט זיך פונדעסטוועגן ניט אײַנגעבן אויסצופּרעסן פונעם מאַנופאַקטור־ארבעטער אַזויפיל „מערפּראָדוקט" וויפל מע פלעגט קאָנען אויספּרעסן פונעם קוסטאַר. ס'ראָוו רוסישע פאבריקאַנטן פונעם XVIII יאָרהונדערט זײַנען אָדער רוינירט געוואָרן, אָדער זיי זײַנען איבערגעגאַנגען צום סאַמע לײַכטסטן אויפן פון „פאבריקאַנטעווען", — זיי האָבן אָנגעהויבן פאַנאַנדערגעבן רויוואַרג צווישן די קוסטאַרן, דאָס הייסט, זיי האָבן זיך פארוואַנדלט אין אויפקויפערס.

אַזויאַרום, האָבן פאַר די ערשטע רוסישע מאַנופאַקטורן (אין 1725־טן יאָר איז שוין געווען העכער 200 מאַנופאַקטורן) אויסגעפעלט ניט בלויז מאַשינעס, נאָר נאָך עפּעס אַנדערש: ס'האָט זיי אויסגעפעלט דער פרײַער ארבעטער, וואָס זאָל זײַן פארינטערעסירט צו ארבעטן וואָס בעסער און אויסאַרבעטן וואָס מערער. און אַף אַזאַ אויפן שטויסן מיר זיך גלײַך אָן אַף דעם קאַרדינאַלן ווידערשפּרוך צווישן דעם האַנדל־קאַפּיטאַל און דעם אינדוסטריע־קאַפּיטאַל. דער ערשטער איז געווען פארינטערעסירט צו פארשקלאַפן דעם קליינעם פּראָדוצירער און האָט דעריבער געשטיצט דאָס לײַביגנשאַפט; דער צווייטער האָט זיך געניטיקט אין א פרײַען ארבעטער און האָט זיך דעריבער געמוזט דערשלאָגן צו דער באַפרײַונג פון די פּויערים. די אַנטוויקלונג פונעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם האָט געדאַרפט א קער טאָן דעם ווינקלשטיין, אַף וועלכן ס'האָט זיך געהאַלטן די גאַנצע רוסישע געזעלשאַפטלעכע און מעלוכישע אײַנאָרדענונג ביזן XVIII יאָרהונדערט. פריער איידער ער שאַפט זײַן אייגענעם קאַברען אין געשטאַלט פונעם פּראָלעטאַריאַט, און קעדיי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן צוועק, האָט דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל געמוזט אַליין ווערן דער באַגראָבער פון דער ראָמאַנאָווישער מעלוכע, וואָס מיר האָבן באַשריבן צום סאָף פונעם פריערדיקן עטיוד.

דאָס איז אָבער גאָרניט אַזאַ גרינגע און פּאַשעטע זאַך. מע דאַרף זיך ניט פאָרשטעלן די זאַך אַזוי, אַז דער האַנדל־קאַפּיטאַל האָט זיך „געענדיקט" און אָנגעשטאָט אים האָט זיך „אָנגעהויבן" דער אינדוסטריעלער. אַזאַ מין פאָרשטעלונג וואָלט געווען לאַכלוטן ניט ריכטיק. דער האַנדל־קאַפּיטאַל האָט עקזיסטירט אין רוסלאַנד אויך א לאַנגע צײַט נאָכדעם, ווי עס זײַנען אויפגעקומען ניט בלויז שפּראָ־

צונגענ פונעמ אינדוסטריעלנ קאפּיטאליזמ, נאָר אפילע דעמלט, ווענ דער לעצטער איז שוינ געווענ גאנצ רײַפ, מיט מאשינעס אונ א פרײַענ ארבעטער. נאָכ מער: דער האנדל-קאפּיטאל האָט זיכ נאָכ ווײַטער אנטוויקלט, אונ צו זײַנ פולנ אויפבלי האָט ער דערגרייכט גראָד אינ דער צווייטער העלפט XIX יאָרהונדערט, ווענ אונטער זײַנ ווירקונג איז פאָרגעקומענ איינע פונ די סאמע מערקווירדיקע געשעענישנ אינ דער נײַסטער עקאָנאָמישער געשיכטע פונ רוסלאנד: ס'איז אויסגעבויט געוואָרנ א נעצ אײַזנבאנענ אינ די 1860—1870-קער יאָרנ. אפילע אינ אָנהייב XX יאָרהונדערט האָט אזא ווירקונגפולע בורזשואזע פּארטיי, ווי די „אָקטיאבריסטנ”, פאָרגעשטעלט מיט זיכ דעריקער דעמ אלט-סאָכרישנ האנדל-קאפּיטאל, אינ דער צײַט, ווענ די פאָרשטייערשאפט פונעמ אינדוסטריעלנ קאפּיטאל האָט זיכ קאָנצענטרירט אינ דער קאדעטישער אונ פּראָגרעסיסטישער פּארטייענ. די ניצכוינעס, וואָס דער אינדוסטריעלער קאפּיטאל פלעגט אָפּהאלטנ, פלעגט ער אָפּהאלטנ אינ בונד מיטנ האנדל-קאפּיטאל. די „באפרײַונג” פונ די פּויערימ (ניט נאָר פונ אונטערנ יאָכ פונ די פּריצימ, נאָר אויכ פונ א היפּשנ טייל פונ זייער אייגענער פּויערשער ערד) אינ 1861-טנ יאָר האָט געקאָנט פאָרקומענ בלויז דערפאר, וואָס דאָס האָט געלוינט אויכ דעמ האנדל-קאפּיטאל. אָבער אינגאנצנ ליקווידירנ די לײַבאייגנטימערישע מעלוכע האָט זיכ א לאנגע צײַט ניט אײַנגעגעבנ, ווײַל דער האנדל-קאפּיטאל האָט זיכ געניייטיקט אינ דער דאָזיקער מעלוכע. אונ זי האָט דערלעבט ביז דער פעווראל-רעוואָליוציע פונ 1917-טנ יאָר. דער פּאָליטישער ניצאָכנ פונעמ אינדוסטריעלנ קאפּיטאליזמ האָט בלויז אפ 8 כאָדאָשימ אריבערגעיאָגט די פּראָלעטארישע רעוואָליוציע.

דער האנדל-קאפּיטאל האָט זיכ באַ אונדז אויסגעבילדעט אינ די נאָווגאָראָד-מאָסקווער צײַטנ, אראָנק דעמ עקספּאָרט פונ לוקסוס-פּראָדוקטנ — פונ ווערטפולנ פוטערוואַרג, זײַד אד״ג. פּראָדוקטנ פונ מאסנ-געברויכ האָט מענ באַ אונדז אָנגעהויבנ עקספּאָרטירנ ערשט נאָכ דער צאָפנ-מילכאָמע, ווענ רוסלאנד האָט באקומענ אינ איר רעשוס א ריי האפנס אפנ באלטישנ יאמ. פריִער, לעמאָשל, פלעגט ברויט קיינ מײַרעוו-אייראָפּע ארויספירנ פּוילנ, ווײַל זי האָט זיכ געפונענ ניט ווײַט פונ אזעלכע באקוועמע באלטישע האפנס, ווי דאנציק אונ קיניגסבערג. די באקוועמלעכקײַט פונ די דאָזיקע האפנס איז באשטאנענ אינ דעמ, וואָס זיי ווערנ קיינמאָל ניט פארפראָרנ אינ דער צייט, ווענ פעטערבורג, רעוועל, וויבאָרג אונ אפילע ריגע ווערנ באדעקט מיט אײַז אפ עטלעכע כאָדאָשימ אינ יאָר. דער רוסישער האנדל-קאפּיטאל האָט פונ לעכאטכילע אָנ געשטרעבט צו פארכאפּנ כאָטש איינ ניט-פארפרירנדיקנ באלטישנ האפנ, אונ אינ א יאָר פערציק ארומ נאָכ דער צאָפנ-מילכאָמע, האָט זיכ רוסלאנד ווידער ארײַנגעמישט אינ א קאָלאָסאלער מילכאָמע, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ מײַרעוו-אייראָפּע (דערהויפּט צווישנ ענגלאנד אונ פראנקרײַכ; נאָר די ערשטע האָט געהאט אפ איר זײַט פּרײַסנ, אונ די צווייטע עסטרײַכ). דאָס איז די אזוי-גערופענע זיבנ-יאָריקע מילכאָמע. דער צוועק פונ דער דאָזיקער מילכאָמע פאר רוסלאנד איז געווענ צו פארכאפּנ קורלאנד מיט אירע ניט-פארפרירנדיקע האפנס — ווינדאווע אונ ליבאווע. קורלאנד איז נאָכ דעמלט געווענ א „זעלבשטענדיקע” מעלוכע, וואָס איז געווענ אָפּהענגיק אמאָל פונ רוסלאנד, אמאָל פונ פּוילנ. פּוילנ אָבער איז שוינ געווענ אזוי שוואכ, אז מיט איר האָט מענ זיכ ניט גערעכנט, אונ רוסלאנדס הויפּט-קעגנער איז געווענ פּרײַסנ, קעגנ וועלכער ס'האָט זיכ טאקע געפירט די מילכאָמע. די רוסנ האָבנ שוינ געהאט פארכאפּט

אפילע אייגעמ פונ די פּרײַסישע האפנס — קיניגסבערג, נאָר רוסלאַנד איז אזוי שטארק געווענ אויסגעמאטערט פונ דער מילכאָמע, אז זי איז געצוווּנגענ געווענ צו שליסנ שאָלעמ אונ האָט גאָרניט באקומענ.

ביז דער דאָזיקער מילכאָמע פלעגט רוסלאַנד עקספּאָרטירנ בלויז ביילעוו, מאסטנ־געהילצ, האנפ, וואלס אונ פוטערוואַרג, אפנ אלטנ שטייגער. דער לעצטער ארטיקל האָט ביסלעכווײַז אנגעהויבנ פארלירנ זײַנ באטײַט, אפ וויפל עס האָבנ אנגעהויבנ אויסגעשעפּט ווערנ די רוסישע פוטערוואַרג־רײַכטימער אונ אפנ מארק פלעגט זיכ באווײַזנ אלצ אינ א גרעסערער צאָל אמעריקאנער רויכוואַרג. וואקס האָט מענ דעמלט געפאָדערט זייער א סאַכ, ווײַל ביילעווע ליכט זײַנענ געווענ אומבאקוועם אונ אומריינ, קיינ סטעארינענע ליכט האָט מענ נאָכ דעמלט ניט געקאָנט מאכנ אונ נאַפט האָט מענ אויכ ניט געוווּסט וויאזוי צו באַנוצנ. דעריבער פלעגנ אינ אלע רײַכע הײַזער, לעכאָלאָפּאָכעס, אינ די „האַרישע” צימערנ, ברענענ וועקסענע ליכט. האנפ אונ מאסט־געהילצ פלעגנ קויפנ דערהויפּט די ענגלענדער, וואָס זײַנענ ביכלאל געווענ די הויפּט־קוינים פונ רוסישע סכוירעס אונ האָבנ געהאלטנ אינ זייערע הענט דעמ גאנצנ רוסישנ עקספּאָרט־האנדל. זיי פלעגנ עס טאַקע צושטעלנ די גאנצע מאנופאַקטור פאַר די העכערע קלאסנ פונ דער רוסישער געזעלשאפט — פונ „אגלישנ” געוואנט ביז פּאָסט־פּאַפּיר, קאָנווערטנ אונ אפילע באנדעראָלנ, מיט וועלכע מע פלעגט פארקלעפּנ די בריוו. די פּראָדוקטנ פונ די רוסישע מאנופאַקטורנ פלעגנ מער פארשפּרייט ווערנ צווישנ דעמ האמוינ אָדער זיי פלעגנ אופּגעקויפט ווערנ דורכ קאזנא (לעמאָשל, געוואנט פאַר דער ארמיי, פארוסינע אונ שטריק פאַרנ פלאָט אאוו.). ערשט צומ סאָפ פונ דער זיבנ־יאָריקער מילכאָמע האָט מענ אנגעהויבנ ריידנ, אז פאַר רוסלאַנד „איז דער טווע־האנדל נאַטירלעכער פאַר אלע אנדערע”, אונ ערשט פונ די ערשטע יאָרנ XIX יאָרהונדערט הייבט אָנ דער טווע־עקספּאָרט באקומענ פארנ רוסישנ האנדל דעמ באטײַט, וואָס ער האָט געהאט ביז דער מילכאָמע פונ 1914־טנ יאָר. *אפנ טווע־עקספּאָרט איז דעריקער ענדגילטיק אויסגעוואקסנ אונ האָט זיכ אנטוויקלט דער רוסישער האנדל־קאַפּיטאל.*

ער האָט דערבײַ זייער קונציק אויסגענוצט די אנטוויקלונג פונעמ *פרעמדנ* אינדוסטריעלנ קאַפּיטאל. פארוואָס האָבנ די ענגלענדער ביזנ 1760 יאָר ניט געקויפט קיינ רוסיש ברויט? ווײַל זיי האָבנ געהאט גענוג אייגנ ברויט: ענגלאַנד פונ יענער צײַט איז געווענ קוידעמקאָל א לאנדווירטשאפטלעכ לאנד. נאָר אינ מיטנ XVIII יאָרהונדערט קומט פאָר אינ ענגלאַנד א *אינדוסטריעלע רעוואָליוציע*: אדאנק דעמ, וואָס די פּריצימ האָבנ צוגענומענ בא די פּויערימ די ערד, בילדעט זיכ אויס אינ ענגלאַנד א פילצאָליקער פּראָלעטאריאַט; אדאנק דעמ, וואָס ענגלאַנד האָט פארכאַפּט קאָלאָניעס, באקומט עס אינ זײַנ רעשוס אָנ א שיר ווערטפולנ רויוואַרג (באַזונדערס בוימוואָל אונ פארבנ), אונ, לעסאָף, אדאנק א גאנצער ריי דערפינדונגענ (א זעלבסטשפּינערײַ, א מעכאַנישער וועב־שטול, באַזונדערס וואַטס דאמפּ־מאַשינ) ווערט ענגלאַנד דאָס היימלאַנד פונ מאשינעס, אונ די גרויס־פּראָדוקציע נעמט די אויבערהאנט איבער דער קליינ־פּראָדוקציע דאָס ערשטע מאָל אינ ענגלאַנד.

אונטער דער ווירקונג פונ דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש הייבט אָנ אינ ענגלאַנד וואקסנ די שטאָטישע אונ ביכלאל די ניט־לאנדווירטשאפטלעכע באפעל־

קערונג. קאָלזמאַנ דער איבערוועגנדיקער קלאַס פונ דער ענגלישער באַפעלקערונג איז געווענ דאָס פויערטומ, איז די באַפעלקערונג פונעמ לאַנד בכלל זייער לאַנג־זאַמ געוואַקסנ: אינ 1700־טנ יאָר איז אינ ענגלאַנד געווענ עטוואָס מער פונ 5 מיליאָנ איינוווינער, אינ 1750־טנ יאָר — קימאַט גלייכ 6 מיליאָנ. אינ דער צווײ־טער העלפט XVIII יאָרהונדערט איז פאָרגעקומענ די איבערקערעניש, וועגנ וועלכער מיר האָבנ נאָרוואָס גערעדט, אונ אינ 1801־טנ יאָר איז שוינ אינ ענגלאַנד געווענ העכער 9 מיליאָנ איינוווינער. אַזויאַרומ האָט זיכ די באַפעלקערונג פונ ענג־לאַנד אינ דער ערשטער העלפט פונעמ יאָרהונדערט פאַרגרעסערט ווינציקער ווי אויפ 20% אונ פאַר דער צווייטער העלפט — מער ווי אויפ 50%. דאָס אייגענע איז גע־ווענ אויכ אינ אָנהייב XIX יאָרהונדערט. פאַר צוואַנציק יאָר פונ 1801־טנ ביז 1820־טנ איז די באַפעלקערונג פונ ענגלאַנד גרעסער געוואָרנ אויפ איינ דריטל — פונ 9 מיליאָנ ביז 12. אינ דער אייגענער צייט זיינענ אינ ענגלאַנד אינ אָנהייב XVIII יאָרהונדערט געווענ פאַרנומענ אינ דער לאַנדווירטשאַפט 4¼ מיליאָנ איינוווינער אונ אינ דער אינדוסטריע ¼ מיליאָנ; אינ דער צווייטער העלפט יאָר־הונדערט האָט זיכ די צאָל ערדאַרבעטער אַראָפּגעלאָזנ נידעריקער פאַר 3 מיליאָנ אונ די צאָל אינדוסטריע־אַרבעטער איז געשטיגנ קימאַט ביז 3 מיליאָנ.* עמעס, פאַר אָט דער צייט איז דערגרייכט געוואָרנ אַ גאַנצע ריי פאַרפולקומונגענ אויכ אינ דער ענגלישער לאַנדווירטשאַפט, אויכ אַהינ זיינענ אַריינגעדרונגענ מאַשינעס, אונ די פּראָדוקטיווקייט פונ דער ענגלישער לאַנדווירטשאַפט איז ניט נאָר ניט קלענער געוואָרנ, נאָר איז אַפילע גרעסער געוואָרנ. דאָכ אָבער איז זי ניט אימשטאַנד גע־ווענ צו דערנערנ די גיכ־וואַקסנדיקע אינדוסטריעלע באַפעלקערונג פונ ענגלאַנד. די פּרייזנ אויפ ברויט האָבנ אינ ענגלאַנד אָנגעהויבנ גיכ וואַקסנ: אינ דער צייט, ווענ דער דורכשניטלעכער פּרייז פונ אַ „קוואַרטער" ווייצ (באַ 2 צענטנער) איז אינ מעשעכ פונ XVIII יאָרהונדערט געווענ עטוואָס העכער פאַר 40 שילינג,** האָט שוינ דער זעלביקער קוואַרטער געקאָסט אינ דעמ ערשטנ יאָרצענדליק פונעמ XIX יאָרהונדערט 74 שילינג, אונ פונ 1811־טנ ביזנ 1820־טנ יאָר האָט ער שוינ גע־קאָסט 87½ שילינג. עמעס, די פּרייזנ זיינענ שפּעטער עטוואָס געפאַלנ, נאָר ביזנ לעצטנ פערטל פונעמ XIX יאָרהונדערט זיינענ זיי אַלצ געווענ העכער ווי אינעמ XVIII יאָרהונדערט.

גראָד אינ דער צווייטער העלפט XVIII יאָרהונדערט הייבט זיכ אָנ אַ גרויסע אויפלעבונג צווישנ די רוסישע פריצימ. זיי גרינדנ די פרייע עקאָנאָמישע געזעל־שאַפט מיטנ צוועק צו באַטראַכטנ אונ צו שטודירנ פראַגנ, וואָס זיינענ פאַרבונדנ הויפטזאַכלעכ מיט דער לאַנדווירטשאַפט, זיי הייבנ אָנ מאַכנ פאַרשיידענע עקספּע־רימענטנ מיט נייע זריע, באַמיסטיקונג אדג. זיי שרייבנ אויס פונ אויסלאַנד (טאָ־קע פונעמ זעלביקנ ענגלאַנד) מאַשינעס אונ מאַשיניסטנ אאַוו. אינ די „ווערק" פונ דער פרייער עקאָנאָמישער געזעלשאַפט הייבט מענ אָנ צו שרייבנ, אַז ווייצ איז די סאַמע לוינעוודיקע סכוירע אונ אַז ס'איז אַ באַשערטע זאַכ, אַז רוסלאַנד זאָל ווערנ די „ברויטקאַמער פונ אייראָפּע" אונ דער קוואַל פונ ווייצ פאַר אַלע מיירעוודיקע לענדער. אָט די אַלע דערשיינונגענ האָבנ זיכ גלייכ אָפּגעשפּיגלט אויכ אויפ רוסלאַנדס אויסערלעכער פּאָליטיק. דאָס בעסטע אָרט פונ פאַרזייענ ווייצ זיינענ די שוואַרצערדי־

* די סטאַטיסטיק פונ אָנהייב XVIII יאָרהונדערט איז ניט נאָר קיינ פּינקטלעכע, אָבער אַ באַ־גריפ וועגנ דער פאַרהעלטעניש צווישנ די פאַרשיידענע קלאַסנ גיט זי פונדעסטוועגנ.

** אַ שילינג איז 48 קאָפּעקעס אויפ רוסיש געלט.

פֿע דאָרעם־ראַיאָנען. פֿון דאָרטן אָבער איז זייער ווײַט ביז די האַפֿנס פֿונעם באַל־טישן יאַם, און רוסלאַנד הייבט אָן דורכצושלאָגן זיך א וועג צו דאָרעם־צו, צו די האַפֿנס פֿונעם שוואַרצן יאַם. אין דער צווייטער העלפֿט XVIII יאָרהונדערט פֿירט רוסלאַנד צוויי מילכאָמעס מיט טערקײַ, און אַלס רעזולטאַט פֿון דעם פּאָר־כאַפּט רוסלאַנד קרים און אָדעס (ריכטיקער, דאָס אָרט, וווּ עס געפֿינט זיך איצט אָדעס, ווײַל אָדעס איז ערשט דעמלט אויסגעבויט געוואָרן), און דערשלאָגט זיך בא טערקײַ דאָס רעכט דורכצוגיין דורך די דורכגוסן, וואָס טיילן אָפּ דעם שוואַרצן יאַם פֿונעם מיטללענדישן. די פֿראַגע וועגן די דורכגוסן, וואָס צוליב איר האָט זיך רוסלאַנד אַרײַנגעפּלאָנטערט אין דער וועלט־מילכאָמע פֿונעם 1914־טן יאָר, איז אַזוי־אַרום, אויך אַוועקגעשטעלט געוואָרן דורכן האַנדל־קאַפּיטאַל.

די רעזולטאַטן האָבן באַרעכטיקט די האָפֿענונגען פֿונעם רוסישן סוחער און פֿונעם רוסישן פּאָרעץ, אָבער ניט אַזוי גיך, ווי זיי האָבן געמיינט; דאָס פֿאַלן פֿון די טוווּע־פּרײַזן נאָכן 1820־טן יאָר, וואָס וועגן דעם האָבן מיר אויבן דערמאָנט, האָט עטוואָס פֿאַרהאַלטן דעם וווּקס פֿונעם רוסישן טוווּע־עקספּאָרט. פֿונדעסט־וועגן האָט רוסלאַנד דאָך געשפּילט די ראָליע פֿון א „ברויטקאַמער". שוין אינעם 1801־טן יאָר האָט זי אַרויסגעפֿירט קימאַט 114.663 טאָן ווייץ, אין 1820־טן יאָר איז דער דאָזיקער עקספּאָרט אין צווייען גרעסער געוואָרן. אין 1840־טן יאָר איז ער גרעסער געוואָרן קימאַט אין דרײַ מאָל אַזוי פֿיל. ווײַטער איז די זאַך אַוועק גי־כער. אין 1850־טן יאָר איז אַרויסגעפֿירט געוואָרן 425.892 טאָן, אין 1860־טן יאָר — 487.980 טאָן, אין 1870־טן יאָר — 1.580.717 טאָן. צום סאָף XIX יאָרהונדערט (1895) האָט דער עקספּאָרט פֿון רוסישן ווייץ קיין אויסלאַנד דער־גרייכט א קאָלאָסאַלע ציפֿער: 3.882.177 טאָן. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז ניט די גאַנצע ווייץ פֿלעגט מען עקספּאָרטירן קיין ענגלאַנד. רוסישע ווייץ פֿלעגט אין א גרויסן סכום געברויכט ווערן אויך אין פֿראַנקרײַך, איטאַליע, דײַטשלאַנד (האַגאַם אַהער פֿלעגט מען אַרײַנפֿירן דערהויפּט־רוסישן קאָרן, וואָס זײַן עקספּאָרט האָט שוין אינעם 1860־טן יאָר דערגרייכט ביז 327.609 טאָן; אין 1895 יאָר פֿלעגט מען אַרויספֿירן העכער 1.477.244 טאָן קאָרן), נאָר דער הויפּט־קונע איז נאָך א לאַנגע צײַט געווען ענגלאַנד, וואָס פֿלעגט אַרײַנפֿירן קיין רוסלאַנד, אָנשטאָט דעם ברויט, פּראָדוקטן פֿון זײַן אינדוסטריע. נאָך אין 1878 יאָר האָט מען געשאַצט דעם ענגלישן אימפּאָרט קיין רוסלאַנד אין 150 מיליאָן אַלטע (ביזן 1914־טן יאָר) רוסישע רובל, כאָטש צו דער צײַט איז שוין דער אימפּאָרט פֿון אויסלענדישע סכוירעס קיין רוסלאַנד געווען פֿאַרבונדן מיט א סאַך שוועריקייטן, וואָס מע האָט אײַנגעפֿירט לטובֿעס דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל.

די ערשטע צײַט האָט דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל געמוזט, פֿאַרשטייט זיך, שטאַרק לײַדן פֿון דער ענגלישער קאָנקורענץ. אָבער אין גאַנג פֿון די געשעענישן האָבן די ענגלענדער גופֿע געגעבן מיט זייער פּאָליטיק א מעכטיקן שטויס דער אַנט־וויקלונג פֿון דער אינדוסטריע. דער קאַמף צווישן ענגלאַנד מיט פֿראַנקרײַך פֿאַר דער אויבערהאַנט איבער דער וועלט האָט זיך ניט פֿאַרענדיקט מיט דער זיבן־יאָרי־קער מילכאָמע. ער האָט ווידער אויפֿגעפֿלאַקערט צום סאָף XVIII יאָרהונדערט, ווען ענגלאַנד האָט געוואָלט אויסנוצן די פֿראַנצויזישע רעוואָליוציע, כדי ענדגילטיק צו דערשטיקן איר קאָנקורענט. זי האָט זיך אָבער שטאַרק אָפּגענאַרט: אינדערעמעסן איז פֿראַנקרײַך ניט נאָר ניט שוואַכער געוואָרן פֿון דער רעוואָליוציע, ווי עס האָבן גע־האָפֿט די ענגלענדער, נאָר זי איז געוואָרן נאָך שטאַרקער און האָט גיך אָנגעהויבן

וואקסנ עקאָנאָמיש. דער פראנצויזישער אינדוסטריעלער קאפיטאליזמ, וואָס האָט זיכ אָרגאניזירט אינ נאפאָלעאָנ באָנאפארטס אימפעריע, איז ארײַנגעטראָטנ אינ קאמפ קעגנ דעמ ענגלישנ אינדוסטריעלנ קאפיטאליזמ פאר די מערק, אונ אפ דעמ האָבנ שוינ די ענגלענדער לאכלוטנ זיכ ניט געריכט. פריער איז דער קאמפ צווישנ ענגלאנד מיט פראנקרײַכ געפירט געוואָרנ מער פאר קאָלאָניעס אונ יאמ־האנדל. ענגלאנד האָט אָנגעהויבנ אָרגאניזירנ קעגנ פראנקרײַכ איינ קאאליציע (א מיליטערישער בונד פונ עטלעכע מעלוכעס) נאָכ דער צווייטער, אונ דערבײַ איז רוסלאנד, וואָס די ענגלענדער האָבנ געקוקט אפ אימ קימאט ווי אפ זייערע א קאָלאָניע, געשטאנענ אינ צענטער פונ אָט די אלע קאאליציעס. נאָר דאָס נאפאָלעאָנישע פראנקרײַכ האָט זיכ געהאלטנ לאנג אונ אלשאָנעסדיק פעסט. די ערשטע צוויי קאאליציעס (טכילעס רוסלאנד מיט עסטרײַכ, דערנאָכ רוסלאנד מיט פרײַסנ) זײַנענ צעקלאפט געוואָרנ אפ פיצ־פיצלעכ. נאפאָלעאָנ האָט אײַנגענומענ אי בערלינ אי ווינ, אינ האָט געצוווּנגענ רוסלאנד צו שליסנ א שאָלעמ (אינ טילזיט אינ 1807־טנ יאָר), לויט וועלכנ דער רוסישער צאר אלעקסאנדער דער ערשטער האָט זיכ אָפגעזאָגט פונ א בונד מיט ענגלאנד אונ האָט געשלאָסנ א בונד מיט פראנקרײַכ. נאפאָלעאָנ האָט אימ געצוווּנגענ צוצושטיינ צו דער אזויגערופענער „קאָנטינענטאלער בלאָקאדע", דאָס הייסט, געבנ א היסכײַוועס ניט צו האנדלענ מיט ענגלאנד, דאָס, וואָס נאפאָלעאָנ האָט געפאָדערט פונ אלע מעלוכעס, וואָס ער האָט באזיגט. נאפאָלעאָנ האָט געהאָפט צו פארשפארנ אזויארומ פאר די ענגלישע סכוירעס דעמ גאנצנ אייראָפּעיִשנ קאָנטינענט (פונדאנענ נעמט זיכ דער נאָמענ קאָנטינענטאלע בלאָקאדע) אונ אָפצוקאָכנ, אזוי צו זאָגנ, די ענגלענדער אינ זייער אייגענער זאפט.

רוסלאנד איז מיטאמאָל געבליבנ אָנ די פראָדוקטנ פונ די ענגלישע פאבריקנ, וואָס דערצו איז אזוי צוגעוווינט געווענ דער רוסישער אדל. דער אדל איז געווענ שטארק אומצופרידנ מיטנ טילזיטער שאָלעמ, איז געווענ די גאנצע צײַט ברויגעז אונ האָט בישטיקע געדראָט אלעקסאנדערנ, אז ער וועט נאָכ האָבנ דעמ זעלביקנ סאָפ, וואָס עס האָט געהאט זײַנ פאָטער, פאוול דער ערשטער, וועמענ די אדעליקע האָבנ דערהארגעט טיילווײַז אויכ דערפאר, וואָס ער האָט איבערגעריסנ מיט ענגלאנד (אינ 1801־טנ יאָר; דער דאָזיקער בײַשפיל האָט טאקע מער פונ אלצ אופגעמונטערט די ענגלענדער אונ האָט זיי צוגעגעבנ מוט אויסצונוצנ רוסלאנד אָנ שומ צערעמאָניעס). דעמ אדל אונ דעמ האנדל־קאפיטאל, וואָס איז געשטאנענ הינטער אימ אונ איז, פארשטייט זיכ, נאָכ מער אומצופרידנ געווענ מיט דעמ, וואָס עס האָט אופגעהערט דער ענגלישער האנדל, האָט זיכ סאָפקאָלסאָפ אײַנגעגעבנ ווידעראמאָל צו דערשלאָגנ זיכ זײַנס: אינ 1812־טנ יאָר האָט רוסלאנד ווידער אײַנגעריסנ מיט פראנקרײַכ. נאפאָלעאָנס ארמיי איז נאָכ איר לעצטנ דערפאָלג, נאָכ דעמ, ווי זי האָט פארנומענ מאָסקווע, פארפאָרנ געוואָרנ אינ די רוסישע שנייענ; קעגנ נאפאָלעאָנענ האָט זיכ געשאפנ א נײַע, די לעצטע, די שרעקלעכע קאאליציע, אונ דער ענגלישער אינדוסטריעלער קאפיטאל האָט, ענדלעכ, באקומענ די מעגלעכקײַט צו פײַערנ זײַנ פולשטענדיקנ ניצאָכנ. דער דאָזיקער ניצאָכנ האָט אימ אָבער גאנצ טײַער געקאָסט: ער איז שוינ ניט געווענ בעקויעס אומצוקערנ זיכ אלע זײַנע פריערדיקע פאזיציעס, אונ צווישנ די פארלאָרענע פאזיציעס איז געווענ זײַנ לאגע אינ רוסלאנד.

אינ דער צײַט, ווענ דער האנדל־קאפיטאל האָט אינגאנצנ אראָפּגעלאָזנ די נאָז נאָכנ טילזיטער שאָלעמ (אלעקסאנדער דער ערשטער האָט זיכ א לאנגע צײַט

ניט געקאָנט באַשליסנ צו פאַרעפנטלעכנ דעמ שענדלעכנ פּאַר אימ שאָלעמ, אונ
אָפ דער פּעטערבורגער בירזשע האָט מענ עס אויסגענוצט אונ פאַרזיכערט, אַז
ס'איז גאָר קיינ שומ שאָלעמ ניט געשלאָסנ געוואָרנ), האָט זיכ דער אינדוסטריע-
קאַפּיטאַל געפילט אַזוי, פּונקט ווי מע וואָלט אימ באַשפּריצט מיט לעבעדיק וואַ-
סער, די רוסישע פאַבריקנ, וואָס זיינענ פאַטער געוואָרנ פונ דער ענגלישער קאָנ-
קורענצ, האָבנ אָנגעהויבנ וואַקסנ מאַמעש ווי שוועמלעכ, באַזונדערס, די בוימוואָל-
שפּינענדיקע אונ בוימוואָלוועבנדיקע: באַוולנע סכוירעס איז נאָכ דעמלט געווענ אַ
זעלטנהייט, אונ מע פלעגט זיי ברענגענ צו פירנ קיינ רוסלאַנד אויסשליסלעכ פונ
ענגלאַנד. אינ 1804-טנ יאָר איז אינ רוסלאַנד געווענ 199 אַזעלכע פאַבריקנ, דאָס-
ראָוו קליינע, מיט 6½ טויזנט אַרבעטער אונ מיט אַ פּראָדוקציע פונ 5 מיליאָנ
רובל; אונ אינ צענ יאָר אַרומ, אינ 1814-טנ יאָר, איז שוינ געווענ 423 פאַבריקנ,
מיט 39 טויזנט אַרבעטער, אונ זייער פּראָדוקציע איז גרעסער געוואָרנ אינ ז ע ק ס
מאָל, ביז 30 מיליאָנ. מע האָט אָנגעהויבנ אַריינפירנ אינ רוסלאַנד אַ מ ע ר י ק אַ-
נ ע ר בוימוואָל (קיינ אַנדערער איז דעמלט ניט געווענ) אינ אַזאַ גרויסנ סכומ, אַז
רוסלאַנד האָט אַריבערגעיאָגט שיר ניט אַלע אייראָפּייִשע לענדער: נאָכ אינ 1809
יאָר האָט מענ אַריינגעפירט סאַכאַכל 204 טאָנ בוימוואָל, אונ אינ 1811-טנ יאָר
האָט מענ שוינ אַריינגעפירט קיינ רוסלאַנד 3787 טאָנ. אינ דער צייט, ווענ די
פּרייזנ אָפ אַלע אויסלענדישע סכוירעס פלעגנ שטייגנ מעשוגענערווייז, איז בוימ-
וואָל געוואָרנ אַלצ ביליקער אונ זיינ פּרייז איז געפאַלנ קימאַט אינ צווייענ, —
אַזויפיל האָט מענ עס געבראַכט צו פירנ. די אויסלענדער, וואָס האָבנ געהערט פונ
אַלע „אָנשטענדיקע מענטשנ” אָנקלאָגענ אָפ דער קאָנטינענטאַלער בלאָקאַדע אונ
וועלכע האָבנ גלייכצייטיק באַמערקט דעמ האָזיקנ אופּבלי, פלעגנ זיכ שטאַרק וווּנ-
דערנ. אינ סאַמע ברענ פונ דער בלאָקאַדע האָט דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדער
געשריבנ זיינ רעגירונג, אַז האַנאַמ די רוסלענדער קלאָגנ זיכ אָפנ יאָקרעס פונ
לוקסוס-פּראָדוקטנ, אָפ דעמ, וואָס עס איז געפאַלנ דער קורס פונעמ רובל, איז
אָבער די אינדוסטריע אינ רוסלאַנד אַנטוויקלט זיכ. ס'איז געגרינדעט געוואָרנ אַ
סאַכ טוכ, זייד אונ שפּינערײַ-פאַבריקנ, די רייכע פּריצימ שרייבנ אויס אויסלענדישע
אַרבעטער, וועלכע לערנענ די רוסישע אַרבעטער. ס'האָבנ זיכ אויכ געעפנט
צוקער-זאַוואָדנ, עס ווערט גרעסער די צאָל ברויזנ (בראַנפנ-זאַוואָדנ) אאַוו.

ווענ ס'איז צוריק אופגעשטעלט געוואָרנ דער בונד מיט ענגלאַנד, האָט די רע-
גירונג, אונטער דער ווירקונג פונעמ אַדל, וואָס האָט זיכ נאָכ אַלצ געקלאָגט אָפנ
יאָקרעס פונ די אויסלענדישע סכוירעס, געהאַט דערלויבט קימאַט אַ פרייענ אימ-
פּאָרט פונ די פּראָדוקטנ פונ דער ענגלישער אינדוסטריע, ווי דאָס איז געווענ
פריִער. אָבער דאָ האָבנ שוינ געמאַכט אַ גוואַלד די פאַבריקאַנטנ, אונ מע האָט
זיכ געמוזט צו זיי צוהערנ. זיי האָבנ דערלאַנגט אַלעקסאַנדער דעמ ערשטנ אַ מע-
מאָראַנדומ, אינ וועלכנ זיי האָבנ אָפנ דערקלערט, אַז ענגלאַנד איז פאַר זיי ער-
גער, ווי נאַפּאָלעאָנ, אונ דער פרייער אימפּאָרט פונ ענגלישע סכוירעס איז פאַר
זיי ערגער, ווי די מאָסקווער סרייפע פונעמ 1812-טנ יאָר. דער אינדוסטריע-קאַ-
פּיטאַל איז שוינ געווענ אַזוי שטאַרק, — אינ אַ סאַכ פאַבריקנ איז פאַרינטערע-
סירט געווענ אויכ דער אַדל (דער פירשט יוסופּאָוו, לעמאָשל, האָט געהאַט גרויסע
טוכ-פאַבריקנ), — אַז מע האָט זיכ געמוזט מיט אימ רעכענענ. אינ 1822-טנ יאָר
זיינענ איינגעפירט געוואָרנ הויכע גרענעצ-אָפּצאָלנ אָפ אויסלענדישע סכוירעס מיטנ
צוועק צו „באַשיצנ” די פאָטערלענדישע אינדוסטריע. פונ דעמלט אָנ האָט זיכ די

רוסישע רעגירונג קײנמאָל נִיט אָפּגעזאָגט פֿונ דער דאָזיקער „שוץ־סיסטעם“, נאָר צײַטנווײַז פֿלעגט די דאָזיקע סיסטעם עטוואָס שוואַכער ווערנ (אַזוי איז געווענ אינ די יאָרנ 1857—1877, די סיבעס דערפֿונ וועלנ מיר זענ ווײַטער).

דער אימפּאָרט פֿונ ענגלישע סכוירעס האָט זיכ נִיט אינגאַנצנ אָפּגעשטעלט, — ווער ס'איז געווענ אומשטאַנד, פֿלעגט פֿונדעסטוועגנ קויפֿנ די טײַערע, ענגלישע סכוירעס, — ער איז אָבער ביז גאָר פֿאַרקירצט געוואָרנ. ביז די גרענעצ־אָפּצאָלנ פֿונ 1822־טנ יאָר פֿלעגט ענגלאַנד אַרײַנפֿירנ קײנ רוסלאַנד יערלעכ אָפּ 3 מיליאָנ פֿונט סטערלינג, און אינ 1831־טנ יאָר האָט זי אַרײַנגעפֿירט ווינציקער ווי אָפּ 2 מיליאָנ, און דערבײַ איז קימאַט ווי $^2/_3$ פֿונעם דאָזיקנ אימפּאָרט באַשטאַנענ נִיט פֿונ פֿאַרטיקע סכוירעס, נאָר פֿונ גאַרנ, וואָס האָט געזאָלט איבערגעאַרבעט ווערנ אָפּ שטאָפּ אינווייניק אינ רוסלאַנד, אינ די רוסישע פֿאַבריקנ, ד. ה. דער אימפּאָרט האָט ווידעראַמאָל געדינט אָפּ צו קאָנקורירנ מיט די ענגלענדער. די רוסישע אינדוסטריע ווידער איז זייער שנעל געוואַקסנ אונטער דער שוץ פֿונ די גרענעצ־אָפּצאָלנ. אינ די יאָרנ 1824—1826 פֿלעגט מענ אַרײַנפֿירנ קײנ רוסלאַנד דורכשניטלעכ 1212 טאָנ בוימוואָל און 5520 טאָנ גאַרנ אַ יאָר, און אינ די יאָרנ 1848—1850 שוינ העכער 20.475 טאָנ בוימוואָל, דערפֿאַר אָבער מאַקסימום 4600 טאָנ גאַרנ. דאָס דאָזיקע ראַדיקאַלע שטײַגנ פֿונעם בוימוואָל־אימפּאָרט צוזאַמענ מיט דער פֿאַרקלענערונג פֿונעם גאַרנ־אימפּאָרט באַווײַזט, אָפּ וויפֿל ס'איז אויסגעוואַקסנ די זעלבשטענדיקײַט פֿונ



די אַנטוויקלונג פֿונ דער רוסישער אינדוסטריע

דער רוסישער טעקסטיל־אינדוסטריע. פֿריִער האָט זיכ דער רוסישער ציץ־פֿאַבריקאַנט נִיט געקאָנט באַגײנ אָנ ענגלישע גאַרנ; איצטער אָבער קומענ אויפֿ אינ רוסלאַנד אײגענע שפּינ־פֿאַבריקנ און זיי וואַקסנ פּונקט מיט דער זעלביקער גיכקײַט, ווי עס זײַנענ פֿריִער געוואַקסנ די וועבערײַענ. אינ 1843־טנ יאָר איז אינ רוסלאַנד געווענ 40 אַזעלכע פֿאַבריקנ, אינ זיי האָבנ געאַרבעט ביז 350 טויזנט שפּינדלענ, און אינ 1853־טנ יאָר האָט שוינ געאַרבעט ביז אַ מיליאָנ שפּינדלענ. צום סאָפּ פֿונעם יאָרהונדערט (אינ 1891־טנ יאָר) האָט רוסלאַנד, לויט דער צאָל שפּינדלענ, פֿאַרנומענ שוינ דאָס ערשטע אָרט אינ אייראָפּע נאָכ ענגלאַנד (אינ ענגלאַנד איז געווענ 44 מיליאָנ שפּינדלענ, אינ רוסלאַנד 6 מיליאָנ, אינ פֿראַנקרײַכ עטוואָס מער פֿונ 5 מיליאָנ, אינ דײַטשלאַנד 5, אינ עסטרײַכ 2 אאַוו.).
ליאָנ, אינ דײַטשלאַנד 5, אינ עסטרײַכ 2 אאַוו.).

דער גיכער וווּקס פֿונ דער רוסישער אינדוסטריע האָט אָנגעהויבנ אַריבעריאָגנ דעמ וווּקס פֿונ אונדזער אינערלעכנ מאַרק. אַזוי ווי דער פּאָרעצ פֿלעגט אָפּנעמענ באַמ לײַביגענעמ פּויער „אַלצ, וואָס עס איז „איבעריק“, איז דער דאָזיקער פּויער, אינ טאָכ גענומענ, געווענ אַנ אָרעמאַנ. וואָס פֿאַר אַ קוינע האָט ער געקאָנט זײַנ?

דער הויפּט־קוינע פונ די פּראָדוקטנ פונ די רוסישע פאַבריקנ איז געווענ די
שטאָטישע באַפעלקערונג, זי איז אָבער געוואַקסנ זייער לאַנגזאַם, ווידעראַמאָל צו־
ליב דעמ זעלביקנ לײַבייגנטום, וואָס האָט צוגעבונדנ דעמ פּויער צומ דאָרפ. די
שטאָטישע באַפעלקערונג, זי איז אָבער געוואַקסנ זייער לאַנגזאַם, ווידעראַמאָל צו־
טראָפנ ניט מער ווי 4% פונ דער גאַנצער באַפעלקערונג, אינ דער ערשטער העלפט
XIX יה. — עטוואָס מער פונ 6%. דער פּאַשעטסטער אויסוועג וואָלט געווענ ווידער־
אַמאָל די באַפרײַונג פונ די פּויערימ. באַפרײַט פונ דער פּריצישער עקספּלואַטאַ־
ציע, ווערנדיק א באַלעבאָס איבער זײַנ פאַרדינסט, וואָלט דער פּויער גלײַכ פאַר־
וואַנדלט געוואָרנ אינ א „קוינע", — דאָס האָט טאַקע דערוויזנ די געשיכטע פונ
דער רוסישער אינדוסטריע נאָכנ 1861־טנ יאָר. די פּריצימ אונ דער האַנדל־קאַפּי־
טאַל האָבנ אָבער נאָכ ניט געוואָלט זיכ צעשיידנ מיט זייער קאָרבנ. די פּרײַזנ אַפּ
ברויט האָבנ שוינ דעמלט אויפגעהערט שטײַגנ, דער פּאָרעצ אונ דער סויכער, קוקנ־
דיק אַפּ דעמ הויכנ ארבעטלוינ פונעמ דעמלטיקנ רוסישנ ארבעטער (וואָס פלעגט
ווירקלעכ באַקומענ מער, ווי דער דײַטשישער ארבעטער אינ יענער צײַט) האָבנ מוירע
געהאַט, אז דער דאָזיקער ארבעטלוינ זאָל ניט צופיל פאַרקלענערנ זייער רעווער.
זיי איז גאָר אַפּנ געדאַנק ניט געקומענ, אז דער הויכער ארבעטלוינ אינ רוסלאַנד
איז ווידעראַמאָל א רעזולטאַט פונעמ לײַבייגנטום: דער גרעסטער טייל לוינ־אר־
בעטער איז באַשטאַנענ פונ די לײַבייגענע, וואָס מע האָט אָפּגעלאָזנ פאַר לײַב־
געלט — אונ אינ זייער ארבעטלוינ איז, אכוצ דעמ געלט אַפּ אויסצוהאַלטנ זיכ
גופע, נאָכ ארײַנ אויכ דאָס לײַב־געלט, וואָס זיי האָבנ געמוזט צאָלנ זייער פּאָ־
רעצ. דער פאַבריקאַנט איז אינ דעמ פאַל געווענ קליגער אונ אויסגערעכנטער פאַר
זײַנע פּאָרגייער אינ פּראַט פונ עקספּלואַטירנ דעמ ארבעטמאַנ, קליגער פאַרנ סוי־
כער אונ פאַרנ פּאָרעצ. דער פאַבריקאַנט האָט קיינ מוירע ניט געהאַט פאַר א
פרײַ־געדונגענעמ ארבעטער, ניט געקוקט אַפּ דעמ, וואָס ער פלעגט קאָסטנ טײַער.
שוינ אינעמ 1825־טנ יאָר איז א העלפט ארבעטער אינ אונדזערע פאַבריקנ באַ־
שטאַנענ פונ פרײַ־געדונגענע. אינ די 30־קער יאָרנ האָט דער פאַבריקאַנט אָנגע־
הויבנ באַפרײַענ אויכ זײַנע לײַבייגענע ארבעטער, אונ אינ די 40־קער יאָרנ איז
באַפרײַט געוואָרנ די גרעסטע העלפט פונ די אזוי־גערופענע „פּאָסעסיאָנע" ארבע־
טער. דער פּאָרעצ האָט זיכ אָבער ניט געקאָנט שיידנ מיט זײַנ מוירע אונ ס'איז
געווענ נייטיק, אז די געשיכטע זאָל אימ צודריקנ צו דער וואַנט.

קאָלזמאַנ ס'האָט עקזיסטירט דאָס לײַבייגנטום, האָט זיכ דער אינערלעכער
מאַרק ניט געקאָנט פאַרברייטערנ; מע האָט געמוזט זוכנ אויסערלעכע מערק. פריִער
האָבנ פיל געמיינט, אז די אימפּעריע פונ ניקאָלײַ דעמ ערשטנ, פונ „ניקאָלײַ
פּאַלקינ" (דער שטעקנ) מיט איר קאָלאָסאַלער ארמיי, מיט אירע קאַזאַרמעס,
שפּיצרוטנס, רעקרוטנ־סיסטעמ, מיט איר בוקנ זיכ פאַרנ מיליטערישנ מונדיר, מיטנ
מיליטאַריזמ, וואָס האָט אומעטומ געהערשט, — אז די דאָזיקע אימפּעריע איז
אזא מינ ווידערשפּרוכ צו דער בורזשואַזיע, וואָס מע קאָנ נאָר צוטראַכטנ. אינ
דערעמעסנ אָבער איז די קאַזאַרמע געווענ א נייטיקע דערגאַנצונג צו דער פאַבריק:
ניקאָלײַ פּאַלקינ „האָט מיט א באַוואָפנטער האַנט „דורכגעבראָכנ פאַרנ רוסישנ
האַנדל נײַע וועגנ אַפּנ מיזרעכ", — אזוי זאָגט איידעס דער מעלוכע־ראַט פונעמ
דאָזיקנ צאַר. אַט צוליב וואָס גאַנצ רוסלאַנד איז אײַנגעשנורעוועט געוואָרנ אינ
מיליטערישנ מונדיר. אונ ניט אומזיסט פלעגט ניקאָלײַ מיט א גלײַכער האַסמאָדנע
אײַנאָרדענענ פּאַראַדנ זײַנע סאָלדאַטנ אונ מאַנופאַקטור־אויסשטעלונגענ פונ די

רוסישע סכוירעס, עפענענ קאדעטנ־קארפוסנ אונ טעכנאלאגישע אינסטיטוטנ, פלעגט פארנ אפ מאנעווערס אונ אפנ ניזשעגאראדער יאריד. טכילעס האט ער געהאט דערפאלג: זײנע ערשטע צוויי מילכאמעס, מיט פערסיע אונ מיט טערקײ, האבנ זיכ געענדיקט מיט ניצכוינעס אונ מיט אזא שאלעמ, וואס האט ברייט געעפנט די גרענעצנ פונ אט די צוויי אפגעשטאנענע לענדער פאר די רוסישע סכוירעס. דעמ פערסישנ מארק האט זיכ אײנגעגעבנ צו פארכאפנ אינגאנצנ; דער רוסישער פאבריקאנט האט דארטנ געהערשט, דאס רוסישע רענדל איז געווארנ א גאנגבארע מאטבייע, די רוסישע האנדל־זיטנ — א מוסטער; די אויסלענדער — ענגלענדער אונ דײטשנ — פלעגנ הערנ אפ יעדנ טריט: „אזוי טוענ די רוסנ. אזוי איז אנגענומענ אינעמ האנדל מיט רוסלאנד".

שוינ דאס אלײנ איז שטארק ניט געפעלנ געווארנ די אויסלענדער — פריער פאר אלצ טאקע די זעלביקע ענגלענדער. דאס פארמאכנ די גרענעצנ פונ רוסלאנד גופע פאר דעמ גרעסטנ טײל ענגלישע סכוירעס, האט נאכ מער געדארפט אופרעגנ די ענגלענדער. אונ ווענ רוסלאנד האט זיכ ניט באנוגנט מיט טערקײ אונ פערסיע אונ אנגעהויבנ פארקריכנ אויכ אינ מיטל־אזיע אונ אפגאניסטאנ, צו די גרענעצנ פונ אינדיע, זײנענ די ענגלענדער שוינ גאר שטארק אומרויק געווארנ, אונ אינ דער לופט האט אנגעהויבנ שמעקנ מיט מילכאמע. אזוי ווי ניקאלײ האט זיכ געפירט גראב אונ אפנ, אזוי ווי ער האט ניט באהאלטנ זײנע דעראבערונג־פלענער, איז קלאר געווענ, אז רוסלאנד קלײבט זיכ מאנאפאליזירנ (מאכנ אויסשליסלעכ פאר איר אײגנטומ) די מיזרעכ־מערק פאר איר אינדוסטריע. איז די ענגלענדער דעריבער ניט שווער געווענ צו געפינענ קײנ פארבינדעטע. אינעמ מיזרעכ־האנדל זײנענ, לעמאשל, צוזאמענ מיט זיי פארינטערעסירט געווענ אויכ די פראנצויזנ. דערצו נאכ האט אויכ דער האנדל־קאפיטאל געהאט כיישעק אויסצונוצנ די „רעכטע האנט, וואס צעטרייסלט סטאמבול אונ טעהעראנ", ווי מע האט געבאנפעט ניקאלײ דעמ ערשטנ אינ אײנער א סאכרישער רעדע. דער ברויט־האנדל פונ די דונײ־לענדער, — פונ אונגארנ, מאלדאוויע, וואלאכיע, דורכ די רומענישע האפנס פונעמ אונטערשטנ דונײ, דורכ בראילאוו אונ גאלאצ, — האט געשטערט דעמ ברויט־האנדל פונ אדעס אונ טאהאנראג, האט שטארק מיט אימ קאנקורירט. דאס האט מענ בעשומויפנ ניט געקאנט דערלאזנ, מע האט געמוזט ארײנעמענ אינ די הענט אויכ דעמ אונטערשטנ דונײ. ניקאלײ איז אינ 1849־טנ יאר געגאנגענ אפ אונגארנ מיטנ אויסרייד צו דערשטיקנ דארטנ די רעוואליוציע, ער האט אבער דארטנ ניט געקאנט פארבלײבנ. אונ אינ 1853־טנ יאר האט די רוסישע ארמיי פארנומענ מאלדאוויע אונ וואלאכיע (די איצטיקע רומעניע). דאס האט געבראכט צו א מילכאמע מיט טערקײ אונ ארײנגעווארפנ אינעמ לאגער פונ רוסלאנדס קעגנער אויכ עסטרײכ, וואס איז געווענ פארינטערעסירט אינ דער פרײהײט פונעמ דונײ־האנדל.

אינ דער טערקישער מילכאמע האט ניקאלײ פונ אנהייב געהאט דערפאלג: דער רוסישער פלאט אפנ שווארצנ יאמ האט בא סינאפ פארניכטעט דעמ טערקישנ פלאט, די רוסישע ארמיי איז אריבער דעמ דונײ. ניקאלײ האט געטרוימט ווענ פארכאפנ קאנסטאנטינאפאל. דער רוסישער האנדלשער אונ אינדוסטריעלער קאפיטאל האבנ זיכ אינײנעמ געגרייט צו ווערנ באלעבאטימ איבערנ גאנצנ מיזרעכ. דאס האט, פארשטייט זיכ, ניט געקאנט אריבערטראגנ ניט ענגלאנד, ניט פראנקרײכ, ניט עסטרײכ. די פלאטנ פונ ענגלאנד אונ פראנקרײכ זײנענ ארײנ אינ

שווארצנ יאמ, עסטרײַכ האָט מאָביליזירט איר ארמיי. ניקאָלײַ האָט דערקלערט מילכאָמע די ענגלענדער און די פראנצויזנ, ער האָט אָבער ניט געוואגט צו טאָנ דאָס אײגענע אויכ בענעגייע צו עסטרײַכ, — און די לעצטע איז געבליבנ אינ דער לאגע פונ „באוואָפנטער נייטראליטעט". פונדעסטוועגנ האָבנ זיכ די קריגס־אָפּעראציעס פונ דער רוסישער ארמיי אפ יענער זײַט דונײַ געמוזט אָפּשטעלנ: ס'איז געווענ געפערלעכ צו גיינ פאָרויס, ווענ מע האָט הינטער זיכ געהאט די עסטרײַכער. אפנ יאמ האָט דער רוסישער פלאָט געמוזט אומעטום אָפּטרעטנ פארנ ענגליש־פראנצויזישנ, וואָס איז געווענ אַ אנערעכ שטארקער און בעסער פארנ רוסישנ (ער איז געווענ דאָסראָוו א דאמפ־פלאָט, און דער רוסישער אַ זעגל־פלאָט). די ענגלענדער און די פראנצויזנ האָבנ ארויסגעזעצט א דעסאנט אפ די רוסישע ברעגנ, אינ קרימ, און נאָכ אַנ 11־כאָדאָשימדיקער באלאגערונג האָבנ זיי גענומענ סעוואסטאָפּאָל, דעמ רוסישנ מיליטערישנ הויפּט־האפנ אפנ שווארצנ יאמ, ווו ס'איז געשטאנענ דער שווארציאמישער פלאָט, וועלכער איז דערבײַ אינגאנצנ דערטרונקענ געוואָרנ.

ניקאָלײַ האָט ניט געקאָנט אריבערטראָגנ די מאפּאָלע און האָט זיכ פארסאמט, און זײַנ זונ און יורעש, אלעקסאנדער דער צווייטער, איז געווענ געצוווּנגענ צו שליסנ שאָלעמ (דעמ פאריזשער שאָלעמ, אינ 1856־טנ יאָר), לויט וועלכנ רוסלאנד האָט פארלאָרנ דאָס רעכט צו האלטנ א פלאָט אפנ שווארצנ יאמ. דער רוסישער קאפּיטאליזמ האָט זיכ געמוזט אָפּזאָגנ פונ דער האָפענונג צו ווערנ באלעבאָס אינ טערקײַ. די זוכענישנ פונ אַנ אויסערלעכנ מארק האָבנ זיכ פארענדיקט מיט א קראכ; מע האָט, ווילנדיק ניט ווילנדיק, געמוזט פארברייטערנ דעמ אינערלעכנ מארק. צו דער צײַט האָט זיכ שוינ אויכ א באדײַטנדיקער טייל פריצימ (האָטש ניט די מערהײַט) באפרײַט פונ דער מוירע פאר א פרײַענ ארבעטער. די אדעליקע פובליציסטנ האָבנ אפילע אָנגעהויבנ אויסרעכענענ, אפ וויפל פרײַע לוינ־ארבעט ברענגט מער נוצנ ווי פאנשטשינע. די פרײַזנ אפ ברויט אינ מערעוו־אייראָפּע זײַנענ צומ סאָפ פונ די פערציקער יאָרנ ווידער „פעסט" געוואָרנ, און דער האנדל־קאפּיטאל האָט מיט גרויס האנאָע געטרוימט וועגנ די קאָלאָסאלע מאסנ ווייצ, וואָס וועלנ געוואָרפנ ווערנ מיט די נײַע אויסגעבויטע אײַזנבאנענ פונ די סאמע פארוואָרפענע שווארצערדישע גובערניעס צו די האפנס פונעמ באלטישנ און פונעמ שווארצנ יאמענ. דער פראָיעקט אויסצובויענ אַנ אײַזנבאנ־נעצ איז אויפגעקומענ נאָכ אינ די 30־קער יאָרנ, נאָר אימ האָט פארהאלטנ דאפקע דער אינדוסטריעלער קאפּיטאל, וואָס האָט בא ניקאָלײַס הויפ געהאט א מעכטיקנ פארטיידיקער אינ דער פערזאָנ פונעמ פינאנצ־מיניסטער קאנקרינ. קאנקרינ פלעגט מיט פארשיידענע נארישע טערוצימ, — די אײַזנבאנענ וועלנ קלוימערשט אנטוויקלענ שלעפערײַ צווישנ דער באפעלקערונג א.א.וו., — שטערנ בויענ די אײַזנבאנענ; אינדערעמעסנ האָט דער אינדוסטריעלער קאפּיטאל מוירע געהאט, טאָמער וועט צו גרינג זײַנ פאר די אויסלענדישע סכוירעס ארײַנצודרינגענ אינוויניק אינ רוסלאנד. איצטער, ווענ ס'איז סײַ ווי סײַ אויסגעקומענ זיכ אונטערצוגעבנ אינעמ דאָזיקנ געביט, — אינ 1857־טנ יאָר האָט מענ געמוזט קלענער מאכנ די גרענעצ־אָפּצאָלנ לעטוויועס ענגלאנד און פראנקרײַכ, — איז אָפּגעפאלנ אויכ דער מאָטיוו; מיט איינ וואָרט, דער ווידערשטאנד קעגנ אָפּשאפנ דאָס לײַבייגנטומ איז איצט געווענ אַנ אנערעכ שוואכער, ווי מיט צוואנציק יאָר פאר דעמ. דער ווידערשטאנד אָבער קעגנ דעמ לײַבייגנטומ מיצאַד די פויערימ האָט זיכ אלצ מער־

פארשטארקט, דערמאָנענדיק וועגנ דער מײַסע פּ ו ג א ט ש אָ ו ו (זע ווײַטער). די צאָל פּויערשע אומרוענ האָט זיכ פונ 1842-טנ ביז 1849 יאָר פארגרעסערט אינ 5 מאָל. צום סאָפ פונ די 50-קער יאָרנ, ערעוו דער סאמע „באפרײַונג" האָבנ פּויערשע אומרוענ ארומגעכאפּט 25 גובערניעס — א העלפט פונ אלע גובערניעס פונעמ דעמאלטיקנ רוסלאנד.

עס וואָלט, פארשטייט זיכ, געווענ זייער נאַיִוו צו מיינענ, אז דער האנדל־קאַפּיטאל אונ זײַנ פארבינדעטער, דער לײַבייגנטימער, — דער פּאָרעצ — וועלנ אינגאנצנ זיכ אונטערגעבנ אונ וועלנ מיט האכנאָע פאלנ צו די פיס פונ דער רוסישער אינדוסטריע. אינעמ געשעפט, וואָס די בורזשואזע געשיכטע האָט באפּוצט מיטנ הויכקלינגענדיקנ נאָמענ „די גרויסע רעפאָרמ פונעמ 19-טנ פעווראל" (אינ דעמ טאָג, דעמ 19-טנ פעווראל 1861 יאָר לויטנ אלטנ סטיל, איז א ו נ ט ע ר ג ע ש ר י ב נ געוואָרנ דער מאניפעסט וועגנ באפרײַענ די פּויערימ, נאָר פארעפנטלעכט איז ער געוואָרנ ערשט דעמ 5-טנ מארט: דעמ 19-טנ פעווראל איז געווענ מאַסליעניצע, אונ מע האָט מוירע געהאט, אז דאָס באפרײַטע פאָלק וועט זיכ אָנשיקערנ אונ וועט זיכ „צעבונטעווענ". אָט וואָס פאר א פאָרשטעלונגענ די „באפרײַער" האָבנ געהאט וועגנ די, וואָס זיי האָבנ באפרײַט!), האָבנ די אלטע האַרנ באקומענ, פארשטייט זיכ, דעמ לייבנ־טייל, אונ די אינדוסטריעלע בורזשואזיע האָט באקומענ בלויז אזויפיל, אינ וויפל זי האָט זיכ אומבאדינגט גענייטיקט אונ אפילע נאָכ עטוואָס ווינציקער דערפונ. קודעמקאָל האָט דער האנדל־קאפּיטאל פאָרט אײַנגעהיט דעמ קליינעמ זעלבשטענדיקנ פּראָדוצירער, צו וועלכנ ער איז געווענ צוגעוווינט; דער פּויער איז באפרײַט געוואָרנ מיט דער ערד אונ איז צוגעפּעסטיקט געוואָרנ צו דער דאָזיקער ערד: ער האָט ניט געטאָרט אוועקגיינ פונעמ דאָרפ אָנ דעמ העסקעמ פונ דער געמיינדע אונ אזויווי די באפעלקערונג פונעמ דאָרפ איז געווענ געבונדנ מיט קעגנזײַטיקע אָרוועס בענעגייע צומ אײַנצאָלנ די שטײַערנ (וואָס זײַנענ א סאכ גרעסער געוואָרנ נאָכנ 19-טנ פעווראל, ווי מיר וועלנ באלד זענ), איז די געמיינדע שטארק פאראינטערעסירט געווענ ניט ארויסצולאָזנ דעמ פּויער, ווײַל יעדערנ פונ די איבערגעבליבענע וואָלט דעמאלט אויסגעקומענ צו צאָלנ מערער. וועגנ דער דאָזיקער „באפרײַונג מיט ערד" האָט מענ דעמאלט געשריענ, ווי וועגנ דעמ גרעסטנ בעסעד פאר די פּויערימ, אונ דער דאָזיקער שווינדל האָט פארפירט אייניקע, אפילע זייער קלוגע, אָבער אומדערפארענע אינ עקאָנאָמישע פראגנ מענטשנ, ווי לעמאָשל, דעמ בארימטנ שרײַבער הערצענ (וועגנ דעמ וועט אונדז נאָכ אויסקומענ צו ריידנ ווײַטער). אינדערעמעסנ אָבער איז דאָ גאָר קיינ שומ באפרײַונג ניט געווענ: דער פּויער, א צוגעבונדענער צו זײַנ נעבעכדיק שטיקל ערד, איז פארבליבנ אונטער דער מאכט פונעמ אדל, אינ דער פּערזאָנ פונ געמיינדע־פארמיטלער (мировой посредник), וואָס לויט זײַנ באפעל האָט דער וואָלאָסט־„געריכט", וואָס איז אינגאנצנ געווענ אָפּהענגיק פונעמ פארמיטלער, געקאָנט אפילע שמײַסנ דעמ „באפרײַטנ" פּויער, פּונקט ווי אינ די צײַטנ פונ לײַבייגנטומ.

אונ די הויפּטזאך איז, וואָס עס איז פארבליבנ די מאשינ, וואָס פלעגט אויספּרעסנ פונעמ פּויער דעמ „מער־פּראָדוקט", זי איז איצט נאָר פאָלקומער געוואָרנ. פריִער פלעגט יעדער פּאָרעצ באזונדער אויספּרעסנ פונעמ פּויער דעמ דאָזיקנ פּראָדוקט דורכ פאנשטשינע אָדער דורכ לײַב־געלט, איצטער האָט עס אָנגעהויבנ טאָנ די גאנצע אדעליקע מעלוכע מיט דער הילפ פונ שטײַערנ. מיר וועלנ

די פאנאנדערטיילונג פון פאנשטשינע און- לייַב-געלט-פויערים לויט דער 10-טער רעוויזיע פון 1858 יאָר



פאנשטשינע-פויערים

- העכער 90 פראָצ. (91—100 פראָצ.)
- העכער 70 פראָצ. (71—80 פראָצ.)
- העכער 50 פראָצ. (54—67 פראָצ.)

לייַב-געלט-פויערים

- העכער 80 פראָצ. (84—87½ פראָצ.)
- העכער 60 פראָצ. (64—72 פראָצ.)
- העכער 50 פראָצ. (55 פראָצ.)

אָנהייבן דערפון, וואָס דער פּאָרעצ האָט, פאַרשטייט זיך, גאָרניט געטראכט וועגן באפרייען דעם פויער אומזיסט. האָגאָם מע האָט אָפ יעדן טריט און שריט געשריען, אז דעם פּאָרעצ קומט קיין שום באלוינונג ניט פאר דער פערזענלעכקייט פונעם פויער, נאָר אויך בענוגייע צו דעם, ווי צו אלעם איבעריקן, האָט די „גרויסע רעפאָרמע" געזאָגט א ליגן, אינדערעמעסן האָבן די פּריצים באקומען פון

די פּויערימ העכער 800 מיליאָנ רובל (די רובלס פונ 1861-טנ יאָר זײַנענ געווענ
אינ אַנדערהאַלבנ מאָל גרעסער פאר די רובלס פונ 1914-טנ יאָר) אינ דער פאָרמ
פונ א ו י ס ק ו י פ ־ ג ע ל ט פאר דער ערד, וואָס האָט געהערט צו די פּויערשע
ערד־באַלאַקימ. די דאָזיקע ערד איז פונ דאָר־דוירעס אָנ באַאַרבעט געוואָרנ דורכ די
פּויערימ, דער פּאָרעצ האָט זי קיינמאָל ניט באַנוצט, זי איז פאר אימ געווענ ניט מער
ווי א מיטל אָפּ אויסצוהאַלטנ די לײַבאייגענע ארבעט־הענט. ס'איז גאַנצ קלאָר,
אַז צאָלנ פאר דער ערד האָט געהייסנ טאַקע אויסקויפנ אָט די דאָרפּישע ארבעט־
הענט. קעדיי די זאַכ זאָל זײַנ נאָכ קלאָרער, איז די דאָזיקע ערד אָפּגעשאַצט גע־
וואָרנ א סאַכ העכער פאר איר עמעסנ ווערט; זי איז, לויט די דעמאָלטיקע פּרײַזנ,
ווערט געווענ 648 מיליאָנ, אונ די פּויערימ האָבנ פאר איר געמוזט באַצאָלנ 867
מיליאָנ. דאָס דאָזיקע געלט האָבנ די פּריצימ באַקומענ מיטאַמאָל, פונ דער רע־
גירונג, אונ די פּויערימ האָבנ עס געמוזט אויסצאָלנ דער רעגירונג ראַטעסווײַז; אָט דאָס
זײַנענ עס געווענ די באַרימטע א ו י ס ק ו י פ ־ צ אָ ל ו נ ג ע נ. די רעגירונג אַלײנ
האָט מודע געווענ, אַז זיי זײַנענ געווענ א סאַכ גרעסער פאר דער האַכנאָסע פונ
דער ערד, ביפּראַט אינ דעמ ניט שוואַרצערדישנ פּאַס: אינ מאָסקווער גובערניע
(איצט — געגנט), למאָשל, האָט א העקטאַר ערד, וואָס מע האָט „אָפּגעגעבנ" די
פּויערימ, געלאָסט 23 רובל 83 קאָפּ., דער פּויער אָבער האָט געמוזט באַצאָלנ פאר
אימ 43 רובל. ערטערווײַז אָפּנ צאָפנ, אינ אָלאָניעצער גובערניע (די איצטיקע
קארעלער אווטאָנאָמע סאָציאַליסטישע ראַטנ־רעפּובליק) זײַנענ די אויסקויפ־צאָלונ־
גענ געווענ אינ פיר אונ אינ פינפ מאָל גרעסער פאר דער האַכנאָסע פונ דער פּוי־
ערשער נאַכלע. נאָר אַכוצ די אויסקויפ־צאָלונגענ, איז נאָכ דער „באַפרײַונג" גרע־
סער געוואָרנ דער קאָפּ־שטײַער, אונ דאָס אויסהאַלטנ די זעמסטווע־ אַנשטאַלטנ,
וואָס זײַנענ געשאַפנ געוואָרנ נאָכ דער „גרויסער רעפאָרמע", איז אויכ אַרופגעלייגט
געוואָרנ קימאַט אויסשליסלעכ אָפּ די פּויערשע פּלייצעס.

ארומ אונ ארומ האָט דער פּויער אינ מעשעכ פונ פופצנ יאָר נאָכ דער באַ־
פרײַונג געצאָלט דער מעלוכע מינימומ אָפּ צוואַנציק פּראָצענט מער פונ דער האַכ־
נאָסע פונ זײַנ ערד, אונ גאַנצ אָפט אויכ אינ צוויי אונ אפילע אינ דרײַ מאָל מער
(ביז 270 פּראָצענט). מיט אַנדערע ווערטער, בלויז אָפּ אײַנצוצאָל די שטײַערנ
האָט דער פּויער געמוזט פארקויפנ זײַנ גאַנצנ ברויט אונ אַכוצ דעמ נאָכ צואַר־
בעטנ אָנ א זײַט. די שטײַערנ פלעגנ אויספּרעסנ פונ אימ דעמ מער־פּראָדוקט
ניט מיט קיינ קלענערנ דערפּאָלג, ווי דאָס לײַב־געלט אונ די פּאַנשטשינע. אָט אינ
וואָס ס'איז באַשטאַנענ דער סאָד פונ דעמ באַרימטנ: „באַפרײַענ די פּויערימ מיט
דער ערד".

נאָר, באַרויבט דורכ דער „גרויסער רעפאָרמע פונ 19-טנ פעווראַל" איז דער
פּויער פונדעסטוועגנ ניט געוואָרנ קיינ פּראָלעטאַריער. א פּראָלעטאַריער איז א
פרײַער ארבעטער, וואָס גייט אַהינ, ווו ס'איז פאַראַנ א פאָדערונג אָפּ זײַנ אַר־
בעט; דער פּויער אָבער איז געבליבנ צוגעפעסטיקט צו זײַנ דאָרפ אונ אָפּגעגעבנ
געוואָרנ אונטער דער אַפּעטראָפּסעס פונ דער אָדעליקער פּאָליציי אינ דער פּערזאָנ
פונעמ געמיינדע־פּאַרמיטלער (שפּעטער — פונעמ זעמסקי נאַטשאַלניק). די „רע־
זערוו־ארמיי פונ ארבעט", אינ וועלכע עס נייטיקט זיכ דער אינדוסטריעלער קאַ־
פּיטאַליזמ, איז באַ אונדז ניט געשאַפנ געוואָרנ מיטאַמאָל, גלײַכ נאָכנ פאַלנ פונעמ
לײַבאייגנטומ. זי האָט זיכ געמוזט אויסבילדנ ביסלעכווײַז אונ מיט גרויס מאַטער־
ניש, נ י ט ג ע ק ו ק ט אָפּ די באַדינגונגענ, באַ וועלכע ס'איז פארגעקומענ דאָס

דאָזיקע פאלנ. אינ דער זעלביקער צײַט איז דער באַרויבטער פויער ווײַט ניט מיטאמאָל געוואָרנ דער גוטער קוינע, אינ וועלכנ ס'האָבנ זיכ גענייטיקט די רוסישע פאבריקנ, באַזונדערס די טעקסטיל־פאבריקנ. די ערשטע יאָרנ נאָכ דער באַפרײַונג איז אונדזער אינדוסטריע אפילע אוועק אפ צוריק, אונ ניט פאָרויס. נאָר מיט דער צײַט האָט זיכ די זאכ אויסגעגלײַכט אויכ דאָ. איינ פאָרויסזאָגונג פונ די אדעליקע פובליציסטנ, וואָס האָבנ געפריידיקט ד' רעפאָרמע נאָכ פארנ 1861-טנ יאָר, האָט זיכ פולקומ באַרעכטיקט: די פרײַע ארבעט האָט זיכ ארויסגעוויזנ אָנ אנערעכ פּראָדוקטיווער, איידער די ארבעט פונ די לײַביגענע. פאר דער באַפרײַונג (צומ סאָפ פונ די פערציקער יאָרנ) פלעגנ די 4 הויפּט־טוועס (ווייצ, קאָרנ, גערשטנ אונ האָבער) געבנ אינ רוסלאנד א גערעטעניש סאכאקל פונ 436.612—438.712 טויזנט צענטנער; נאָכ דער באַפרײַונג, אינ די 70־קער יאָרנ — העכער 629.730 טויזנט צענטנער. דער דאָזיקער אופשטײַג פונ דער פּראָדוקטיווקײַט פונ דער לאנדווירטשאפט האָט ביסלעכווײַז געהעכערט אויכ די אײַנקויפ־פײַיִקייט פונ דער פאָלקמאסע. נאָכ א קלײנעמ אָפּהאלט איז די אינדוסטריע, באַזונדערס די טעקסטיל־אינדוסטריע, גיכ אוועק פאָרויס. אינ 1861־טנ יאָר האָבנ אלע אונדזערע טעקסטיל־פאבריקנ איבערגעארבעט עטוואָס מער ווי 30.951 טאָנ בוימוואָל, אונ אינ 1881־טנ יאָר האָבנ זיי שוינ איבערגעארבעט 147.494 טאָנ, אינ 1891־טנ יאָר — 171.994 טאָנ, אינ 1901־טנ יאָר — העכער 262.088 טאָנ (דעמ העכסטנ פונקט האָבנ זיי דערגרייכט אינ 1910־טנ יאָר, ווענ זיי האָבנ איבערגעארבעט 360.371 טאָנ בוימוואָל). ווײַטער האָט רוסלאנד פאר דער פויערימ־באַפרײַונג געהאט ווינציקער ווי 1060 קילאָמעטער אײַזנבאנענ. צומ אָנהייב פונ די 70־קער יאָרנ האָבנ מיר שוינ געהאט העכער 10.668 קילאָמעטער, צומ אָנהייב פונ די 80־קער יאָרנ—העכער 22.403 קילאָמעטר, צומ אָנהייב פונ די 90־קער יאָרנ — בא 28.803 קילאָמעטר. אונ פאראלעל מיטנ וווּקס פונ דער אײַזנבאנ־נעצ איז אויכ געוואקסנ די רוסישע *מעטאלורגישע אינדוסטריע* (וואָס האָט צוגעשטעלט פאר די דאָזיקע אײַזנבאנענ דערהויפּט רעלסנ; לאָקאָמאָטיווּנ אאוו. פלעגט מענ נאָכ א לאנגע צײַט אײַנקויפנ, דעריקער, אינ אויסלאנד). אינ 1861־טנ יאָר האָט מענ בא אונדז אויסגעשמעלצט ווינציקער ווי 327.610 טאָנ טשוהונ (גוס־אײַזנ), אינ 1891־טנ יאָר — שוינ 992.210 טאָנ, אונ אינ 1901־טנ יאָר — שוינ 2.833.825 טאָנ. אינ אָט דעמ יאָר האָט אונדזער מעטאלורגיע שוינ געהאט אריבערגעיאָגט אייניקע גרויסע מערעוו־אייראָפּײיִשע לענדער, לעמאָשל, פראנקרײַכ, פונקט ווי מיט צענ יאָר פאר דעמ האָט רוסלאנד געהאט אריבערגעיאָגט פראנקרײַכ אינעמ געביט פונ דער באוולשפינערײַ־פּראָדוקציע.

אינעמ צוואנציקסטנ יאָרהונדערט איז שוינ רוסלאנד גאנצ באַשטימט אונ זיכער ארײַנגעטראָטנ ווי א לאנד מיט אנ אנטוויקלטנ אינדוסטריעלנ קאפּיטאליזמ.

די לײַבייגנטימערישע מעלוכע

ניט געקוקט אפנ טריומפ פונעמ אינדוסטריעלנ קאפּיטאליזמ, איז די מעלוכע־אײַנאָרדענונג אינ רוסלאנד ביזנ סאָפ XIX יאָרהונדערט פארבליבנ די אייגענע, ווי זי האָט זיכ אויסגעבילדעט צומ אָנהייב XVIII יאָרהונדערט.

דער צאר האָט אופגעהערט צו זײַנ דער „ערשטער סויכער פונ זײַנ מעלוכע", אונ באַמ צארישנ הויפ האָט מענ שוינ מער ניט געשמועסט וועגנ ביילעוו אונ האנפ,

נאָר מע האָט געפירט געוויינלעכע הויף־שמועסנ. די „ראָמאַנאָווס"* אָבער זײַנענ פונדעסטוועגנ פארבליבנ גרויסע אָנזאַמלער פונ רײַכטימער. וועגנ זייערע קאַפיטאַלנ האָבנ זיי, פארשטייט זיך, ניט דערציילט, עס זײַנענ אָבער געגאַנגענ פעסטע קלאַנגענ, אַז צום סאָפ XIX יאָרהונדערט האָט זייער פארמעגנ דערגרייכט ביז 700 מיליאָנ רובל (גאָלד) בלויז מעזומאָנים. פונ זיכערע קוועלנ ווייסט מענ, אַז אינ די 80־קער יאָרנ האָט אַלעקסאַנדער דער דריטער אַריבערגעפירט פונ איינ מײַרעוו־אייראָפּײַישנ באַנק אינ אַ צווייטנ 300 מיליאָנ (די „ראָמאַנאָווס" האָבנ, פאַרשטייט זיך, פונ זיכערקײַט וועגנ געהאַלטנ זייער גאַנצנ פארמעגנ אינ אויסלענדישע בענק). אַכוץ דעם האָט דער צאַרישער פאַמיליע געהערט אַ קאָלאָסאַלער אומבאַוועגלעכער פארמעגנ, די אַזוי־גערופענע „הויף"־אונ „קאַבינעט"־גיטער; דאָ זײַנענ געווענ סײַ גאָלד־גרובנ, סײַ פאַבריקנ, סײַ ווײַנגערטנער אאַוו. סאַכאַקל מער ווי אַפּ אַ מיליאַרד אַפילע דעמאָלטיקע רובל. דער „ערשטער סויכער פונ זײַנ מעלוכע" האָט זיך פארוואַנדלט אינעם ערשטנ מ י ל י אַ ר ד ע ר פונ דער וועלט.

זײַנע מעקוראָווימ זײַנענ געווענ די ערשטע גווירימ אינ רוסלאַנד אונ ניט פונ די לעצטע אינ דער גאַנצער וועלט. די פויערשע לײַבגעלט אונ די פאַנשטשינע פלעגט מענ מיט 100—150 יאָר צוריק פאַרלעבנ, דעריקער, אינ פאַריזש אונ דאָרטנ זײַנענ די „רוסישע באָיאַרעס" געווענ בײַ אַלעמענ אינ די מײַלער. אַכוץ עפשער, ענגלאַנד אונ האָלאַנד, וואָס האָבנ שוינ דעמאָלט געראַבעוועט קאָלאָסאַלע קאָלאָניעס, זײַנענ אינ גאַנצ אייראָפע קוימ געווענ אַזעלכע גרויסע פאַרמעגנס, ווי אינ רוסלאַנד. די עלטסטע פונ זיי שטאַמענ נאָכ פונ די פאַרפּיאַטרישע צײַטנ, פונעם XVII יאָרהונדערט; די סטראָגאַנאָווס זײַנענ שוינ דעמאָלט געווענ מיליאָנערנ. אינ פּיאָטרס צײַטנ האָבנ זיי געהאַט לײַבייגענע פויערימ 120 טויזנט נעפאַשעס; אַזוי ווי מע האָט גערעכנט בלויז די מאַנצבילנ, האָט עס באַטײַט אַ פערטל מיליאָנ באַפעלקערונג, ביכלאַל — אַ גאַנצע מעלוכע. אינ פּיאָטרס צײַטנ איז דער סאַמע רײַכסטער מאַנ געוואָרנ זײַנ פאַוואָריט** „אַלעקסאַשקע" מענשיקאָוו, אַ קליינעמ באַלמעלאָכעס אַ זונ, וואָס איז געוואָרנ גענעראַליסימוס פונ דער רוסישער אַרמיי, אַ דורכלויכטיקסטער פירשט אונ „הערצאָג פונ איזשאָרע". בײַ אימ האָט זיכ גערעכנט ביז 90 טויזנט נעפאַשעס פויערימ אונ, אַכוץ דעם, 14 מיליאָנ (דעמאָלטיקע) רובל געלט אונ טײַערע כפייצימ. אינ יעליזאַוועטע פּעטראָוונעס צײַטנ האָט די פאַמיליע פונ איר פאַוואָריט — די ראַזומאָווסקיס — געהאַט ביז 120 טויזנט נעפאַשעס. מיט צוויי צאַרנ שפּעטער, אינ די צײַטנ פונ יעקאַטערינע דער צווייטער, האָט מענ געשאַצט דעם פאַרמעגנ פונ איר הויפּט־פאַוואָריט — פּאָטיאָמקינ — אינ 50 מיליאָנ דעמאָלטיקע רובל. די קינדס־קינדער פונ דער דאָזיקער

---

* די פאַמיליע ראָמאַנאָווס קומט אויס צו שרײַבנ אינ גענזנפיסלעכ דערפאַר, ווײַל די דאָזיקע פאַמיליע איז, ווי ס'איז שוינ פאַרבײַגייענדיק דערמאָנט געוואָרנ אויבנ, אויסגעשטאָרבנ מויטנ טויט פונעם ערשטנ „אַלרוסלענדישנ אימפּעראַטאָר" פּיאָטר אַלעקסייעוויטשעס טאָכטער, יעליזאַוועטאַ. יעליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַ האָט ניט געהאַט קיינ קינדער, אונ פאַרנ יורעש אירנ האָט זי באַשטימט איר פּלימעניק פּיאָטר, דעמ פּרינצ פונ האָלשטיינ־האָטאָרפּ. ער האָט אויכ ניט געהאַט קיינ קינדער אונ זײַנ יורעש, פּאַוועל פּעטראָוויטש, איז געבאָרנ געוואָרנ בײַ זײַנ פרוי, ווי ס'איז אַלעמענ דעמאָלט באַוווּסט געווענ, פונ איינעם פונ די הויפלײַט. פונ דעם דאָזיקנ פּאַוועל שטאַמענ די שפּעטערדיקע „ראָמאַנאָווס".

** פאַוואָריט (ליבלינג) איז אַ פרעמד וואָרט, וואָס די העפלעכע היסטאָריקער האָבנ אַרײַנגעפירט אינ דער רוסישער שפּראַכ, קעדיי צו באַצייכענענ די מענטשנ, וואָס זײַנענ געווענ ביז׳ש נאָענט צו די צאַרישע פּערזאָנעס.

יעקאַטערינע פונ איר ערשטנ פאַוואָריט לויט דער צײַט, פונ אָרלאָוונ, די גראַפנ באָברינסקיס, האָבנ ביז דער לעצטער צײַט זיכ גערעכנט צווישנ די רײַכסטע מענטשנ אינ רוסלאַנד. די קעשענעס זײַנענ געווענ אָנגעשטאָפּט ניט בלויז בײַ די, וואָס האָבנ דערקוויקט דעמ צאַרישנ גופ, נאָר אויכ בײַ די, וואָס האָבנ געזאָרגט וועגנ דער צאַרישער נעשאָמע, האַגאַמ די לעצטע פלעגנ באַקומענ א סאַכ ווינציקער. די צאַרישע גאַלאָכימ זײַנענ אַלע געווענ רײַכע מענטשנ. דוביאַנסקי, לעמאָשל, דער גאַלעכ ניט נאָר פונ דער לעצטער, נאָר אויכ פונ דער סאַמע אויסגעלאַסענער פונ די ראָמאַנאָווס, פונ יעליזאַוועטע פּעטראָוונע, האָט געהאַט 8 טויזנט נעפּאַשעס.

מע דאַרפ זאָגנ, אַז אויכ אַרבעט האָבנ די צאַרישע גאַלאָכימ געהאַט גאַנצ־גענוג. סײַדנ עפּשער אינ א קרימינאַל־אָפּטײלונג פונ א קאַטאָרגע־טורמע קאָנ מענ געפינענ בײַ א מענטשנ אַזויפיל אַוועירעס, וויפל ס'האָבנ געטראָגנ אָפּ זיכ די „פרומ־סטע, זעלבסטהערשנדיקסטע” רוסלענדישע אימפּעראַטאָרס. גאַנצ אָפּט פינצטערע אונ אומוויסנדיקע (ניט אַלע קייסערינעס פונעמ XVIII יאָרהונדערט האָבנ געקענט גוט לייענענ אונ שרײַבנ), אַרומגערינגלט פונ א מאַכנע געלטדורשטיקע קנעכט, דורשטנדיק אַליינ נאָכ מאַכט אונ געלט, האָבנ זיי גאָר פונ קיינ אָפּהאַלט ניט געוווסט. איטלעכס וואָרט זייערס איז געווענ א געזעצ, קיינער האָט ניט געוואַגט זאָגנ זיי א וואָרט אַנטקעגנ. דאָס אַלטע פאַר־ראָמאַנאָווישע רוסלאַנד האָט געוווסט פונ מינהאָגימ, וואָס זײַנענ געווענ א כויוו אויכ פאַרנ צאַר; דער האַנדל־קאַפּיטאַל, וואָס האָט מיטנ וואָרצל אויסגעריסנ די דאָזיקע מינהאָגימ, האָט געדענקט וועגנ איינ געבאָט: „וועסטו ניט אָפּנאַרנ, וועסטו ניט פאַרקויפנ”. פאַלשקײַט אונ שווינדל זײַנענ געווענ דער מעהוס פונעמ דעמאָלטיקנ האַנדל, פאַלשקײַט אונ שווינדל זײַנענ געווענ דער מעהוס פונ דער רוסישער „העכסטער” געזעלשאַפט אינעמ אַכצנטנ אונ אינעמ אָנהייב נײַנצנטנ יאָרהונדערט. אָנשטענדיקע מענטשנ, וואָס האָבנ אַפילע געשטאַמט פונעמ אַדל, פלעגנ אַנטלויפנ פונעמ הויפ, ווי פונ א מאַגייפע. פּיאָטר, וואָס די כניפעסדיקע היסטאָריקער האָבנ אימ א נאָמענ געגעבנ „דער גרויסער”, האָט פאַרשפּאַרט זײַנ פרוי אינ א מאָנאַסטיר, כּדי כאַסענע צו האָבנ מיט יעקאַטערינענ, וואָס איז פריער געווענ א שטוב־מיידל בײַ אינעמ א פּאַסטער (ליוטעראַנישער גאַלעכ אינ עסטלאַנד). דעמ זונ זײַנעמ, אַלעקסיי, האָט ער געפּײַניקט מיט זײַנע אייגענע הענט, אונ דערנאָכ האָט ער געהייסנ דער־הארגענענ אימ בישטיקע אינ א קאַזעמאַט פונ דער פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג. וויאַזוי ער פלעגט אײַנשטילנ בונטנ, האָבנ מיר שוינ גערעדט. געשטאָרבנ איז ער (אינ 1725־טנ יאָר) פונ די רעזולטאַטנ פונ סיפיליס, מיט וועלכנ ער האָט אָנגעשטעקט אויכ זײַנ צווייטע פרוי, וואָס האָט אימ איבערגעלעבט סאַכאַקל אָפּ צוויי יאָר. אַגעוו איז שווער צו זאָגנ גענוי, וואָס איז געווענ די סיבע פונ איר פרי־צײַטיקנ טויט — צי סיפיליס, צי אַלקאָהאָליזמ. דערקליבנ זיכ ביז צומ צאַרישנ טראָנ, פלעגט דאָס דאָזיקע געוועזענע שטוב־מיידל, וואָס האָט אַפילע איר נאָמענ ניט געקאָנט אונטערשרײַבנ, פאַרברענגענ דעמ גאַנצנ טאָג אונ דעמ גרעסטנ טייל נאַכט אינ שיקערנ. פּיאָטרס אייניקל (דעמ דערהאַרגעטנ אַלעקסייס זונ), וואָס איז געוואָרנ קייסער נאָכ איר, איז געשטאָרבנ פונ פּאָקנ אינ עלטער פונ 15 יאָר, אונ האָט דעריבער נאָכ ניט באַוויזנ אָפּצוטאָנ קיינ איינ פאַרברעכנ. זײַנ נאָכ־פאָלגערנ, פּיאָטרס א פּלימעניצע, אַנאַ, איז געקומענ צו פאָרנ מיט א פאַרטיקנ שטאַט הויפלײַט פונ קורלאַנד, ווו זי איז געווענ אַנ אַלמאָנע נאָכ איר מאַנ, דעמ הערצאָג פונ קורלאַנד, אונ האָט מיטגעבראַכט מיט זיכ אָנ אויסלענדישנ פאַוואָ־

ריט, עפּעס אײנעם אַ בירן, װאָס איז פֿונ אַ שטאַלקנעכט דערהױבנ געװאָרנ טכילעס ביז אַ גראַפֿ אונ שפּעטער, בײַם אַנאַ איז געװאָרנ קײסערינע, אױכ בײַ אַ הערצאָג פֿונ קורלאַנד. ער אונ זײַנע כאַװײרים האָבנ געראַבעװעט רוסלאַנד, װי אַנ אײַנגענומענ לאַנד. קײנמאָל נאָכ פֿלעגט מענ ניט אױפֿמאַנענ די אָפּצאָלנ מיט אַזאַ אַכזאָריעס. די שטײַערנ־באַלכױװעס פֿלעגט מענ שטעלנ אױפֿ „עקזעקוציע" (правеж), דאָס הײסט, מע פֿלעגט זײ שלאָגנ מיט שטעקנס, ביז זײ װעלנ ניט אָפּצאָלנ, ניט בעסער, װי אינ דעמ גרױזאַמענס צײַטנ. דער נאָמענ „בירענאָװ־שטשינע" איז אױפֿ לאַנגע דױרעס פֿאַרבליבנ אַ שרעק־װאָרט. אינ דער זעלביקער צײַט האָט מענ זיכ, װי עס דערצײלט דער ענגלישער אַמבאַסאַדער (די ענגלענדער האָבנ זיכ צוליב פֿאַרשטענדלעכע סיבעס גוט צוגעקוקט צו דעמ, װאָס עס טוט זיכ אינ רוסלאַנד), „ניט געקאָנט פֿאָרשטעלנ, צו װאָס פֿאַר אַ פּראַכט עס איז דערגאַנגענ דער רוסישער הױפֿ בײַ דער איצטיקער קײסערינע, ניט געקוקט אױפֿ דעמ, װאָס אינ דער מעלוכע־קאַסע איז ניטאָ קײנ אײנ גראָשנ, אונ מע צאָלט דעריבער קײנעמ גאָרנישט ניט... אַלע געדאַנקענ פֿונ איר מאַיעסטעט זײַנענ פֿאַרנומענ בלױז מיט פֿאַרגעניגנס אונ מיט דעמ, װאָס פֿאַר אַ רײַכטימער אױ קאָװעד מע זאָל אָפּגעבנ דעמ גראַפֿ בירנ".

אַנאַ האָט באַשטימט פֿאַר איר יורעש דעמ קלײנעמ פּלימעניק, איװאַנ אַנטאָנאָװיטש, זי האָט אימ באַשטימט נאָכ אײדער ער איז געבאָרנ געװאָרנ. נאָר גלײַכ נאָכ איר טױט האָט זיכ בירנס באַנדע אָנגעהױבנ רײַסנ אײנער מיטנ אַנדערנ. דאָס האָט אױסגענוצט פּיאָטערס טאָכטער, יעליזאַװעטע, מיט דער הילפֿ פֿונ אַ ראָטע גװאַרדײער האָט זי אַראָפּגעװאָרפֿנ דעמ קלײנעמ אימפּעראַטער, װאָס איז נאָכ אַרומגעקראָכנ אױפֿ אַלע פֿיר, אונ איז אַלײנ געװאָרנ קײסערינע. נאָר אַזױ װי זי האָט לעבאַטכילע ניט געהאָפֿט, אַז די זאַכ װעט דורכגײנ אַזױ גלאַט, האָט זי זיכ געהאַט באַװאָרנט מיט אַ בונד מיט פֿראַנקרײַכ אונ שװעדנ; דאָס לעצטע האָט דעמאָלט געפֿירט מילכאָמע מיט רוסלאַנד, אונ יעליזאַװעטע האָט צוגעזאָגט די שװעדנ, אַז פֿאַר זײער הילפֿ װעט זי זײ אומקערנ דאָס, װאָס פּיאָטער האָט בײַ זײ אָפּגענומענ. אַז זי איז זיכ אָבער באַגאַנגענ אָנ דער הילפֿ פֿונ די שװעדנ, האָט זײ יעליזאַװעטע גאָר אָנ קונצנ אָפּגענאַרט. דאָס איז געװענ, װי מיר האָבנ שױנ געזאָגט, די סאַמע אױסגעלאַסנסטע פֿונ די ראָמאַנאָװס. „פֿאַװאָריטנ" האָט זי געהאַט אָנ אַ שיר, אונ װער נאָר האָט ניט פֿאַרנומענ די דאָזיקע „שטעלע": אָנגעהױבנ פֿונעמ פֿראַנצױזישנ אַמבאַסאַדער שעטאַרדי ביז שילער פֿונ קאַדעטנ־קאָרפּוס. נאָר איר הױפּט־פֿאַװאָריט איז געװענ אַ הױפֿ־זינגער אַנ אוקראַינער — ראַזומאָװסקי. אירע הױפֿ־דאַמענ פֿלעגט זי הײסנ שמײַסנ מיט אַ בײַטש אױפֿנ פּלאַצ אונ אַרױסרײַסנ בײַ זײ די צינגער דערפֿאַר, װאָס זײ פֿלעגנ ניט מיט גענוג ערפֿורכט רײדנ װעגנ איר מאַיעסטעט. זי האָט געהאַט 15 טױזנט קלײדער, אונ אַז זי איז געשטאָרבנ, איז אינ מעלוכע־קאַסע קײנ אײנ זילבערנער רובל ניט געװענ: געהאַלט די סאָלדאַטנ פֿלעגט מענ צאָלנ מיט לופֿערנע מאַטבײעס אונ דאָס אױכ איבערגעגאָסענע פֿונ האַרמאַטנ.

יעליזאַװעטע האָט אױכ באַשטימט פֿאַר איר יורעש איר פּלימעניק, פּיאָטער פֿונ האָלשטײנ, װאָס איז נאָכ איר טױט געװאָרנ אימפּעראַטער מיטנ נאָמענ פּיאָטער דער דריטער. ער האָט זיכ אָבער אײַנגעהאַלטנ אױפֿנ טראָנ סאַכאַקל עטלעכע כאָדאָשימ. דאָס איז געװענ אַ נישטיקער שיקער, מיט געװױנהײַטנ פֿונ אַנ אונטער־אָפֿיצער. ער האָט געהאַט אַ פֿרױ, זײער אַ כיטרע אונ ערנגײַציקע אינטריגאַנטקע.

זי איז געווענ אַנ אָרעמע דײַטשישע פּרינצעסנ, אונ יעליזאַוועטע האָט זי גענומענ פאַר אַ פרוי פאַר איר פּלימעניק, ווײַל זי האָט געהאָפט אַפּ איר געהאָרכזאַמקײַט אונ האַכנאָעדיקײַט. זי האָט זיך טאַקע פאַרשטעלט פאַר אַ באַשיידענער אונ איבערגעגעבענער, האָט דערווײַל געהאַנדלט מיט רוסישע סוידעס (אינ דער צײַט פונעמ זיבניאָריקנ קריג) אונ פלעגט אָפּנאַרנ ניט נאָר יעליזאַוועטענ, נאָר אויך איר מאַנ. זי האָט אימ געשענקט אַ יורש, וואָס ער איז אינ זײַנ געבורט אינגאַנצנ ניט געווענ שולדיק. נאָכנ פאָטער פונ איר קינד האָט זי איבערגעביטנ נאָך עטלעכע פאַוואָריטנ. ווענ יעליזאַוועטע איז געשטאָרבנ, האָט די דאָזיקע שטעלע בא איר פאַרנומענ אַ געשיקטער אונ דרייסטער גוואַרדיע־אָפיצער, אָרלאָוו, וועלכער האָט געהאַט אינ דער גוואַרדיע קאָלאָסאַלע פאַרבינדונגענ אונ אַ קאָלאָסאַלנ אײַנפלוס. פּיאָטר דער דריטער האָט זיך אַלס הערצאָג פונ האָלשטיינ צעקריגט מיט דענעמאַרק אונ האָט געוואָלט אויסנוצנ זײַנ לאַגע, אַלס רוסישער אימפּעראַטאָר קעדיי זיך נויקעמ זײַנ אָנ זײַנ שאָכנ. די רוסישע גוואַרדיע האָט אָבער קיינ שומ כיישעק ניט געהאַט צו פאַרגיסנ איר בלוט פאַר די אינטערעסנ פונ די האָלשטיינער; די אָרלאָווס (אינ דער גוואַרדיע איז געווענ אַ גאַנצע מישפּאָכע אָרלאָווס) האָבנ דאָס אויסגענוצט. פּיאָטר האָט שיקערהייט נאָך גאָרניט באַוויזנ אַפילע צו פאַרשטיינ, וועגנ וואָס דאָ האַנדלט זיך, ווי מע האָט אימ אַראָפּגעוואָרפנ אונ אַרעסטירט, אונ זײַנ פרוי איז געוואָרנ די אימפּעראַטאָרנ יעקאַטערינע די צווייטע (די ערשטע איז געווענ די אויבנ דערמאָנטע פּיאָטרס פרוי).

דער אַראָפּגעוואָרפענער פּיאָטר איז טייקעפּ דערהאַרגעט געוואָרנ אינ ראָפּשע. ס'האָבנ זיך נאָך געקאָנט געפינענ באַלאָנימ נאָכצוטאָנ די אָרלאָווס, מע האָט דעריבער געמוזט פּאָטער ווערנ פונעמ אומבאַקוועמענ „פּרעטענדענט“ (קאָנקורענט). אַפּ וויפל יעקאַטערינע איז געווענ פאַרויסזעעוודיק איז צו זענ דערפונ, וואָס אַפילע אינ 15 יאָר אַרומ איז אַ פּאָשעטער דאָנער קאָזאַק, וואָס האָט אָנגענומענ פּיאָטר דעמ דריטנס נאָמענ, געווענ בעקויעך אופצובונטעווענ אַ העלפט רוסלאַנד (זע ווײַטער וועגנ פּוגאַטשאָוונ). מע האָט זיך אָבער גלײַך געמוזט דערמאָנענ אָנ דעמ צווייטנ פּרעטענדענט: ס'האָט נאָך געלעבט אינ שליסעלבורג דער אומגליקלעכער איוואַנ אַנטאָנאָוויטש, וואָס איז אויסגעוואַקסנ אינ טפיסע. איינעמ אַ גוואַרדיע־אָפיציר מיראָוויטש, איז אײַנגעפאַלנ אָפּצושפּילנ בענעגייע צו אימ די ראָליע פונ אָרלאָוונ. איוואַנ איז טייקעפּ דערהאַרגעט געוואָרנ, אונ מיראָוויטשנ האָט מענ געכאַפּט אונ געקעפּט. נאָכדעמ ווי זי האָט פאַרנומענ דעמ טראָנ, איבער עטלעכע טויטע קערפּערס, וואָס איינער פונ זיי איז געווענ דער קערפּער פונ איר מאַנ, האָט יעקאַטערינע אָנגעהויבנ איר „גלענצנדיקנ“ רעגירנ. זי איז געווענ קליגער אונ געבילדעטער פונ אַלע אירע פאָרגייערנס, זי פלעגט זיך דורכשרײַבנ מיט די באַרימטע אייראָפּייִשע געלערנטע אונ שרײַבער פונ יענער צײַט (מיט וואָלטערנ, דידראָ), האָט זיך געפלײַסט צו באַקומענ אַ נאָמענ פונ אַ באַשיצערנ פונ בילדונג אונ האָט עס גאַנצ געלונגענ געטאָנ. נאָר אינ הילכעס אויסגעלאַסנקײַט האָט זי שיר ניט איבערגעשטײַגט אַפילע יעליזאַוועטענ, זי פלעגט האָבנ צו עטלעכע פאַוואָריטנ מיטאַמאָל, וואָס איינער פונ זיי פלעגט זײַנ דער הויפּט־פאַוואָריט אונ די איבעריקע פונ אַ צווייטער מאַדרייגע. ביימ דער הויפּט־פאַוואָריט איז געווענ פּאָטיאָמקינ, פלעגט ער שוינ אַליינ אויסקלײַבנ די איבעריקע. זי איז געשטאָרבנ אינ עלטער פונ 67 יאָר אונ ביז די לעצטע טעג האָט זי געהאַט אַלס אַ פאַוואָריט אַ יונגנ אָפיצער, זובאָוו. פאַרנ טויט האָט זי געוואָלט אָפּנעמענ דעמ טראָנ בא איר

זון פּאַוול. זי האָט אים שרעקלעך פּײַנט געהאַט, און ער האָט זי אויך פּײַנט גע־האַט מאַכלעם סינע, זי האָט אָבער עס ניט באַוויזן אָפּצוטאָן: זי איז געשטאָרבן פּלוצלינג.

יעקאַטערינע די צווייטע איז געשטאָרבן, אַרומגערינגלט מיט דער גרעסטער אַכטונג פון דער אַדעליק־בורזשואַזער געזעלשאַפט, און די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט הייליק געהיט דעם אָנדענק וועגן דער „יעקאַטערינע־טקופע". נעמען פון שטעט — יעקאַטערינאָסלאַוו (איצט דניעפּראָפּעטראָווסק), יעקאַטערינאָדאַר (איצט קראַסנאָ־דאַר), נעמען פון לערנאַנשטאַלטן (דער יעקאַטערינישער אינסטיטוט), יעקאַטערי־נעס דענקמעלער אין לענינגראַד און אין אַנדערע ערטער, וואָס שטייען נאָך — ניט צו פאַרשטיין פאַרוואָס — ביז איצט, — דאָס אַלץ האָט אַ לאַנגע צײַט דער־מאָנט וועגן איר. פאַרוואָס זשע האָט עס אַזאַ אויסגעלאָסענע און פאַרברעכערישע פרוי באַקומען אַזאַ רום? עס פאַרשטייט זיך, אַז ניט דערפאַר, וואָס זי האָט געקענט לייענען פראַנצויזישע ביכלעך און שמועסן מיט שרײַבערס. דער גורל פון קיי־סאָרים ווערט באַשטימט ניט דורך זייערע פּערזענלעכע אייגנשאַפטן, נאָר דורך דעם, צי איז זייער טעטיקייט נייטיק און נוצלעך פאַר די קויכעס, וואָס האָבן גע־שאַפן די קאַפּיטאַליסטיש־לײַבייגנטימערישע מעלוכע. מיר האָבן שוין געזען, אַז דערמיט, וואָס זי האָט אײַנגענומען די צאָפן־ברעגן פונעם שוואַרצן יאַם האָט יעקאַטערינע געעפנט פאַרן רוסישן ווייץ אַ וועג קיין מײַרעוו־אייראָפּע און האָט דערמיט אַ קאָלאָסאַלן שטויס געטאָן פאַרויס די פריצישע ווירטשאַפט פון די שוואַרצערדישע גובערניעס. נאָר דערמיט ענדיקן זיך נאָך ניט אירע פאַרדינסטן פאַרן רוסישן האַנדל־קאַפּיטאַל. זי האָט פאַראייניקט אין די גרענעצן פון איין מע־לוכע דאָס גאַנצע מיזרעך־אייראָפּייִשע פלאַכלאַנד, פונעם באַלטישן ביזן שוואַרצן יאַם, נעמענדיק אָנטייל אין די אַזויגערופענע צעטיילונגען פון פּוילן.

אַמאָל, אינעם XVI יאָרהונדערט, אין די צײַטן פון איוואַן דעם גרויזאַמען, איז פּוילן געווען מאַסקוועס אַ קאָנקורענט. זי האָט געהאַלטן אין אירע הענט דעם גאַנצן באַסיין פון דניעפּער און האָט געהאַט פאַרטריבן די מאַסקווער אַר־מייען פון די ברעגן פונעם באַלטישן יאַם. די קאָזאַקישע רעוואָליוציע פונעם XVII יאָרהונדערט האָט איר געגעבן דעם ערשטן קלאַפּ: דער דניעפּער איז אַרי־בער אין די הענט פון מאַסקווע, וועלכע האָט פאַרכאַפּט קיִעוו. פּיאָטר האָט אײַנ־גענומען ריגע, און דער צווייטער אַרויסגאַנג פון די מיזרעך־געגנטן פון דער פּוי־ליש־ליטווישער מעלוכע — די מײַרעוו־דווינע — איז אויך אַריבער אין די רוסישע הענט. נאָכדעם זײַנען שוין אָט די מיזרעך־געגנטן (ליטע, ווײַסרוסלאַנד און אַ טייל אוקראַינע, וואָס איז פאַרבליבן בײַ פּוילן) עקאָנאָמיש געוואָרן אָפּהענגיק ניט פון וואַרשע, נאָר פון מאַסקווע און פּעטערבורג; מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דאָס איז געווען די טקופע פונעם האַנדל־קאַפּיטאַל, ווען האַנדל־וועגן האָבן גע־האַט דעם אַנטשיידנדיקן באַטײַט.

דאָס אַריבערגיין פון די אַלטע געגנטן אונטער דער פּאָליטישער מאַכט פון פּיאָטרס יאָרשים איז שוין געווען ניט מער ווי אַ פראַגע פון צײַט. אָבער ניט בלויז די מיזרעכדיקע, נאָר אויך די מײַרעוודיקע געגנטן פון פּוילן זײַנען גע־ווען קימאַט אין דער זעלביקער אָפּהענגיקער לאַגע, אָבער שוין ניט פון רוסלאַנד, נאָר פון פּרײַסן: מיר געדענקען, אַז אויך פון דאָרטן איז ניט געווען קיין אַרויס־גאַנג צום יאַם, סײַדן דורך פרעמדע האַפנס — דורך דאַנציק און קיניגסבערג. דאַנציק האָט זיך אַפן פּאַפּיר גערעכנט פאַר אַ פּוילישער שטאָט, אינדערעמעסן

אבער איז דאס געווענ א דײַטשישע שטאט, א „פרײַע" (דאס הייסט, א זעלבשטענ־דיקע רעפובליק) אונ האט, פארשטייט זיכ, מער געצויגנ צו פרײַסנ. קיניגסבערג האט טאקע דירעקט געהערט צו פרײַסנ.

דער פוילישער אדל האט פארשטאנענ אט די אפהענגיקײַט זײַנע פונ די שכיינימ, וואס זײַנענ פונעמ אנהייב XVIII יארהונדערט געווענ שטארקער פאר פוילנ. דער פוילישער קיניג איז דעמלט געווענ ניט קיינ בעירושע־קיניג, נאר ער פלעגט אויסגעקליבנ ווערנ דורכנ אדל־סיימ; לעכאטכילע פלעגט מענ, קעדיי צו געפינענ פאר זיכ א שטיצע קעגנ פרײַסנ, אויסקלײַבנ די קורפירשטנ פונ זאקסנ, וואס זײַנענ נאכנ פרײַסישנ קיניג געווענ די שטארקסטע הערשער אינ מיזרעכ־דײַטשלאנד. ווענ זאקסנ איז בײַמ דער זיבנ־יאריקער מילכאמע צעקלאפט געווארנ דורכ די פרײַסנ, האט מענ זיכ א ווארפ געטאנ צו רוסלאנד אונ מע האט אויסגעקליבנ סטאניסלאוו פאניאטאווסקינ, איינעמ פונ יעקאטערינע דער צווייטערס פאוואריטנ. אבער די פערזענלעכע נאענטקײַט פונעמ פוילישנ קיניג צו דער רוסישער קייסערינע האט ניט געהאלפנ. ווענ פרײַסנ האט פארגעלייגט יעקאטערינענ צו צעטיילנ פוילנ, איז יעקאטערינע גערנ אײַנגעגאנגענ אפנ דאזיקנ פלאנ: ס'וואלט געווענ צו אומגעלומפערט דורכצולאזנ אזא געלעגנהײַט צו פארייניקנ אינ די הענט פונעמ רוסישנ האנדל־קאפיטאל די גאנצע מיזרעכ־העלפט פונ אייראפע. די באפעלקערונג פונ די מיזרעכ־געגנטנ פונ פוילנ איז געווענ א רוסישע, פאליאקנ זײַנענ דארטנ געווענ בלויז די פריצימ אונ די באאמטע, וואס די רוסישע רעגירונג האט די ערשטע צײַט ניט אנגערירט (זי האט פונדעסטוועגנ קאנפיסקירט די גיטער בא די, וואס האבנ ארויסגעוויזנ א ווידערשטאנד קעגנ רוסלאנד; פונ די דאזיקע גיטער פלעגנ יעקאטערינעס פאוואריטנ באקומענ זייער נאדאנ), — מיט איינ ווארט, די צעטיילונג האט זיכ דא ניט אנגעשטויסנ אפ קיינ שטארקנ ווידערשטאנד, דאס לאנד האט זיכ אונטערגעגעבנ קימאט אנ א שלאכט. אנדערש איז געווענ אפנ מײַרעוו, ווו די באפעלקערונג איז געווענ דורכויס א פוילישע, דארטנ האבנ זיכ די פרײַסנ אונ די רוסנ, וואס האבנ זיי געהאלפנ, אנגעשטויסנ אפ א פארביסענעמ ווידערשטאנד. דאס האט געפירט צו נײַע מילכאמעס אונ צו נײַע צעטיילונגענ, ביז (אינ 1795־טנ יאר, אונ אנגעהויבנ האבנ זיכ די צעטיילונגענ אינ 1772־טנ יאר; דעריבער, אז מע וויל באשטימענ די גרענעצנ פונ פוילנ ביז די צעטיילונגענ, רעדט מענ וועגנ דער גרענעצ פונ 1772־טנ יאר) דאס פוילישע קיניגרײַכ האט אופגעהערט אינגאנצנ צו עקזיסטירנ ווי א זעלבשטענדיקע מעלוכע. דאס רוסישע מיליטער איז דא באגאנגענ א סאכ אכזאריעס; מיט א באזונדערער ווילדקײַט האט זיכ אויסגעצייכנט דאס שטורמעווענ פראגע (א פארשטאט פונ ווארשע אפנ רעכטנ ברעג פונ דער ווײַסל). פונ דעמלט אנ האט זיכ אנגעהויבנ דער האס פונ די פאליאקנ צו די רוסנ. אבער געוווּנענ פונ די דאזיקע צעטיילונגענ האט מער פרײַסנ — זי האט ענדגילטיק באקומענ דאנציק, ווי אויכ די פוילישע הויפט־שטאט ווארשע — אונ עסטרײַכ, וואס האט באקומענ גאליציע. רוסלאנד האט צו די אוקראינישע אונ ווײַסרוסישע גובערניעס צוגעגעבנ בלויז קורלאנד, אפ וועלכער זי האט שוינ לאנג, ווי מיר האבנ געזענ, געווארפנ אנ אויג.

אויב מע זאל נאכ צו דעמ אלעמענ צוגעבנ, אז יעקאטערינע האט אויכ אינווייניק אינ דער אימפעריע מיט גרויס ענערגיע פארשפרייט אינ דער ברייט אונ אינ דער טיפ דאס לײַבאייגנטומ־רעכט, וואס אינ דעמ האט זיכ אזוי שטארק גע־נייטיקט דער האנדל־קאפיטאל, — זי האט די מאכט פונ די פריצימ געמאכט קי־

מאַט אומבאַגרענעצט, האָט פאַווערט אַנצונעמענ אָנקלאָגעס קעגנ זיי מיצאַד, די ליבייגענע, האָט איינגעפירט ליבייגנטומ אינ די אוקראַיִנישע גובערניעס, ווו פריִער איז די אָפּהענגיקייט פונ די פויערימ בענעגייע די פריצימ געווענ ניט אזוי גרויס ווי אינ גרויסרוסלאַנד, זי האָט לעסאָפ, דערשטיקט דעמ זייער געפערלעכנ פאַר די פריצימ פוגאַטשאָווער אופשטאַנד (וועגנ דעמ זע ווייטער), — וועלנ מיר פאַרשטיינ, פאַרוואָס דער אדל אונ די בורזשואזיע האָבנ זי ליב געהאַט, ניט געקוקט אָפּ אַלע אירע כאַטאָימ, אונ מיר וועלנ אויכ פאַרשטיינ דעמ גורל פונ איר זונ. פאַוועל פעטראָוויטש האָט טאַקע סינע פיינט געהאַט זיינ מוטער. אימ איז שטאַרק ניט געפעלנ געווענ, וואָס די הויפישע, פריצישע געזעלשאַפט האָט זי ליב געהאַט, אונ ער האָט דעריבער פיינט געקראָגנ די פריצימ אונ יעקאַטערינעס הויפלייט.
ער איז געווענ א גייסטיק קראַנקער מענטש, האָט געליטנ אָפּ פאַרפאָלגונג-מאַניע, אונ מעטומ האָבנ זיכ אימ געדוכט פאַרשווערונגענ אונ רעוואָליוציעס (ווי אָפּ צעלאָכעס איז עס געווענ גראָד אינ דער צייט פונ דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָליוציע, וואָס האָט מיט א קאַלטנ שווייס אָפּגעגאָסנ אַלע הערשער פונ אייראָפּע); אונ ס'איז נאַטירלעכ, וואָס ער האָט געזענ פאַרשווערערס אונ רעוואָליוציאָנערנ אינ די, וואָס ער האָט פיינט געהאַט. טויזנטערווייז פלעגט ער אַרויסטרייבנ אָפיצערנ פונ דער אַרמיי. ער פלעגט פאַרשיקנ קיינ סיביר הונדערטערווייז די „פאַרדעכטיקע” אַדעליקע, ער האָט אופגעשטעלט פאַר די אַדעליקע קערפּער-שטראָפ, וואָס יעקאַטערינע האָט אָפּגעשאַפט, ער האָט אַפילע פאַרבאָטנ צו באַנוצנ די ווערטער, וואָס ער האָט געהאַלטנ פאַר רעוואָליוציאָנערע. ער פלעגט, לעמאָשל, ניט קאָנענ אַריבערטראָגנ דאָס וואָרט „פאַרשטייער” אונ ער האָט איינמאָל אַרויסגעטריבנ פונ זיינ קאַרעטע א הויפמאַנ, וואָס האָט געהאַט די העזה אַרויסצורעדנ דאָס דאָזיקע וואָרט. ס'איז געווענ שטרענג פאַרבאָטנ צו קליידנ זיכ נאָכ דער פראַנצויזישער מאָדע, ווייל אינ פראַנקרייכ איז געווענ א רעוואָליוציע. צומ סאָפ פונ זיינ לעבנ האָט ער אויסגעבויט פאַר זיכ אינ פעטערבורג א באַפעסטיקטנ שלאָס, וואָס איז געווענ אַרומגערינגלט מיט א גראָבנ, אונ האָט דאָרט געלעבט, ווי אינ א באַלאַגערטער פעסטונג.

דאָס אַלץ האָט פונדעסטוועגנ ניט געשטערט, ער זאָל האָבנ פונקט אזא סאָפ, ווי פיאָטר דער דריטער: ער איז דערהאַרגעט געוואָרנ אינ אָט דעמ שלאָס זיינעמ דורכ גוואַרדייִשע אָפיצערנ (דעמ 11-טנ מאַרט 1801 יאָר). נאָר אזא, סאָפ האָט ער געהאַט ניט פאַר זיינע מעשוגאַסנ: זיינ ייִנגערער זונ, ניקאָליי דער ערשטער, איז, ווי מיר וועלנ זענ, געווענ קימאַט ניט קיינ קלענערער אַכזער אונ פונדעסטוועגנ האָט קיינער פונ זיינע הויפלייט ניט געטראַכט אַפילע צו מאַכנ אָפּ אימ אַנ אַטענטאַט. פאַוועל האָט אָבער, אַכוץ אַלע איבעריקע זאַכנ, געפירט א פאָליטיק, וואָס איז געווענ שעדלעכ פאַר די אינטערעסנ פונעמ אַדל אונ פונעמ האַנדל-קאַפּיטאַל. דאָס איז געווענ די צייט, ווענ ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ דער ברויט-האַנדל מיט אויסלאַנד, אונ ווענ ס'איז געווענ מוירעדיק אַנטוויקלט די „פאַנשטשינע”: דער פאָרעץ האָט זיכ געפלייסט אויסצופּרעסנ פונעמ ליבייגענעמ פויער וואָס מערער „מערפּראָדוקטנ”. פאַוולענ איז איינגעפאַלנ אינ קאָפּ צו באַגרענעצנ די פאַנשטשינע, ער האָט אַרויסגעגעבנ א פאַראָרדענונג, וואָס האָט פאַרבאָטנ צו צווינגענ די ליבייגענע אַרבעטנ מער ווי דריי טעג אינ וואָכ. די צעטיילונג פונ פוילנ האָט, ווי מיר האָבנ געזענ, געלויִנט פאַרנ האַנדל-קאַפּיטאַל: פאַוועל האָט אָנגעהויבנ פראָטעזשירנ די פאָליאַקנ, האָט באַפרייט קאָסציושקענ, דעמ העלד פונ דער לעצטער פוילישער מיל-

באמע, וואס איז געזעסנ אינ טפיסע, אונ דעמ גענעראל סוואראוו, וואס האט איינגענומענ פראגע, האט ער ארויסגעטריבנ אינ דעמיסיע. ער האט דאס אלצ אפגעטאנ אנ שומ אויסרעכענונג, פאשעט צוליב זײנ צעדרייטקײט; אבער דערמיט האט ער אפגעשטויסנ פונ זיכ די רעגירנדיקע קלאסנ פונ דער רוסישער געזעלשאפט. נאר ענדגילטיק האט קעגנ אימ אופגערעגט די דאזיקע קלאסנ זײנ אויסערלעכע פאליטיק. טכילעס האט ער מיט האכנאע געפאלגט ענגלאנד, האט מיט איר אינ א בונד געפירט מילכאמע קעגנ דעמ רעוואליוציאנערנ פראנקרײכ: דאס איז אימ געווענ אנגענעמ, ווײל ער האט מוירע געהאט פאר דער רעוואליוציע, אונ דאס איז געווענ אויכ לויט די געוווינהײטנ פונעמ רוסישנ אדל, וואס איז עקאנאמיש געווענ ענג פארבונדנ מיט ענגלאנד (זע דעמ פריערדיקנ קאפיטל). די מילכאמע איז, אינ אלגעמײנ גענומענ, צוגעגאנגענ געלונגענ. סוואראוו, וואס צוליב דעמ האט מענ אימ ווידער געמוזט רופנ צו דינסט, האט אפגעהאלטנ עטלעכע ניצכוינעס. נאר פלוצלינג האט פאוועל צוליב ריינ פערזענלעכע סיבעס זיכ צעקריגט מיט זײנ פארבינדעטנ אונ האט פארביטנ דעמ בונד מיט ענגלאנד אפ א בונד מיט פראנקרײכ. די רוסישע האפנס זײנענ פארמאכט געווארנ פאר די ענגלישע שיפנ, אונ עס האבנ זיכ אנגעהויבנ באציונגענ מיט פראנקרײכ. דאס האט אזוי אופגעבראכט די העכערע רוסישע געזעלשאפט, אז די פארשווערונג איז, קאנ מענ זאגנ, אופגעקומענ פונ זיכ אליינ, דערבײ האט זיכ בעראש פונ דער פארשווערונג געשטעלט פאוועלס לײבלעכער זונ אלעקסאנדער, יעקאטערינעס געליבט אייניקל, וואס זײנ פאטער האט אימ דעריבער שטארק ניט ליב געהאט.

אויכ אט דער קייסער, אלעקסאנדער דער 1־טער (וואס די כניפעניקעס האבנ אימ א נאמענ געגעבנ „דער געבענטשטער") האט פארנומענ דעמ טראנ, איבערטרעטנדיק איבער א טויטנ קערפער אונ דערצו נאכ פונ זײנ אייגענעמ פאטער. איצט איז אפנ רוסישנ טראנ געזעסנ א פאטער־מערדער, נאכדעמ ווי עס זײנענ שוינ געזעסנ אפ אימ א זונ־מערדער אונ א מאנ־מערדערנ. אנגעשראקנ דורכנ בײשפיל פונ זײנ פאטער, האט זיכ אלעקסאנדער פעסט געהאלטנ פארנ בונד מיט ענגלאנד, אזוי לאנג, ווי דאס איז נאר געווענ מעגלעכ. בלויז די ביטערע נויט האט אימ געצוווּנגענ צו שליסנ א בונד מיט פראנקרײכ, אונ פונעמ דאזיקנ בונד האט ער געזוענ פאטער צו ווערנ גלײכ בא דער ערשטער געלעגנהײט (זע אויבנ). ער האט געזוענ מיט קאלערליי מיטלענ צו כאנפענענ דעמ אדל, מיט כאלערליי מיטלענ צו באגיטיקנ אימ, באזונדערס ביז זײנ ניצאכנ איבער נאפאלעאנענ, וואס אדאנק דעמ איז ער געווארנ א סאכ זעלבשטענדיקער. ביכלאל האט ער אינ דער ערשטער העלפט פונ זײנ רעגירנ געזוענ נאכצוטאנ יעקאטערינענ, אנגעווענדעט אויכ אינעמ פראטעזשירנ בילדונג (אינ זײנע צײטנ זײנענ געגרינדעט געווארנ עטלעכע אוניווערסיטעטנ — אינ פעטערבורג, כארקאוו אונ קאזאנ; דער ערשטער אוניווערסיטעט אינ רוסלאנד, דער מאסקווער, איז געגרינדעט געווארנ נאכ אינ יעליזאוועטעס צײטנ).

די גלענצנדיקע ניצכוינעס (די רוסישע ארמיי איז צוויי מאל, אינ 1814־טנ אונ 1815־טנ יאר, ארײנ אינ פאריזש) האבנ אימ גאר צעטומלט דעמ קאפ. ער האט אנגעהויבנ קוקנ אפ זיכ, ווי אפנ ראש פונ אלע אייראפײשע הערשער, האט געשאפנ דעמ „הייליקנ בונד", וואס די מענטשנ פונ יענער צײט האבנ גאנצ ריכטיק אנגערופנ „בונד פונ צוויִעס אונ טיראניע"; דער בונד האט קלוימערשט געזאלט העלפנ צו פארשטארקנ דעמ אלגעמײנעמ שאלעמ, אינדערעמעסנ אבער איז

ער געווענ א פּאָליציייִש געווער צו קעמפנ קעגנ דער רעוואָליוציע. די גאנצע צייט זיינע האָט אלעקסאנדער אָפּגעגעבנ זיינ ארמיי, אונ ער האָט זיכ אלצ מער אונ מער פארוואנדלט אינ א „געקרוינטנ סאָלדאט", ווי ס'האָט אימ אָנגערופנ פּושקינ. בעראָש פונ דער מעלוכע האָט ער אוועקגעשטעלט אנ עמעסנ, ניט קיינ געקרוינטנ סאָלדאט — אראקטשייעוונ. צוזאמענ מיט אראלטשייעוונ האָט ער צוגעטראכט די בארימטע „מיליטערישע יִשוּווים", אונ געמאכט פאר בעיערושע־סאָלדאטנ עט־לעכע הונדערט טויזנט מעלוכישע (ניט קיינ לייבייגענע) פויערים. דאָס האָט געזאָלט אי מיטאמאָל ביליקער מאכנ די ארמיי, וויל די סאָלדאטנ־פויערימ פלעגנ זיכ אליינ אויסהאלטנ, אי שאפנ א באזונדערנ מיליטערישנ שטאנד, וואָס זאָל זיינ אָפּ־געריסנ פונ דער גאנצער איבעריקער געזעלשאפט אונ זאָל זיכ שטענדיק געפינענ אינ רעשוס פונעמ צאר קעגנ אלע זיינע סאָנימ — די אינווייניקסטע אונ אויסווייניקסטע. די פויערימ האָבנ ניט געוואָלט גיינ אינ דער דאָזיקער מיליטערישער קאַטאָרגע, זיי האָבנ ארויסגעוויזנ א ווידערשטאנד; זייער ווידערשטאנד איז דערשטיקט געוואָרנ מיט די סאמע אכזאָריעסדיקע מיטלענ: טויזנטער פויערימ האָט מענ גע־שמיסנ אונ הונדערטער פארשמיסנ אפ טויט. מיקוייעכ דעמ טאקע האָט אלעקסאנ־דער ארויסגעזאָגט זיינע בארימטע ווערטער: „די מיליטערישע יִשוּווימ וועלנ זיינ, ווענ עס זאָל אפילע אויסקומענ אויסצובעטנ מיט טויטע קערפּערס דעמ גאנצנ וועג פונ פּעטערבורג ביז טשודאָווע" (אינ איצטיקער לענינגראדער געגנט, — דאָרטנ איז געווענ דער אָנהייב פונעמ ראיאָנ פונ די מיליטערישע יִשוּווימ).

די זעלביקע זאָרג וועגנ פארנעמענ דאָס ערשטע אָרט אינ אייראָפּע האָט גע־בראכט אלעקסאנדערנ אויכ צו נייע פארכאפּונגענ אפנ מיזרעך. נאָכנ ניצחונ אי־בער נאפּאָלעאָנען האָט ער געפאָדערט פאר זיכ, אלס באלוינונג, יענעמ טייל פּוילנ, וואָס איז, לויט די צעטיילונגענ, איבערגעגאנגענ צו פּריסנ, אונ וואָס נאפּאָלעאָנ האָט אימ, בייס ער האָט אינ 1806־טנ יאָר צעקלאפּט פּריסנ, פארוואנדלט אינ א זעלבשטענדיק „ווארשעווער הערצאָגטומ" (טאקע מאכמעס העפלעכקייט בענעגייע צו אלעקסאנדערנ, האָט נאפּאָלעאָנ ניט אופגעשטעלט דעמ נאָמענ „פּויליש קיניג־רייכ"). אינ קעגנזאצ צו יעלאטערינע דער צווייטערס דעראָבערונגענ האָט זיכ רוס־לאנד עקאָנאָמיש גאָרניט גענייטיקט אינ אָט דעמ טייל פּוילנ (דער מיטעלער שטראָמונג פונ דער ווייסל). פארקערט, ער איז אפילע געווענ א מעניע פאר דער אנטוויקלונג פונעמ אינדוסטריעלנ קאפּיטאליזמ אינ רוסלאנד: די מער אנטוויקלטע פּוילישע אינדוסטריע פלעגט שלאָגנ די גרויסרוסישע, אונ שיר ניט צומ סאָפ XIX יאָרהונדערט האָבנ די מאָסקווער אונ וולאדימירער פאבריקאנטנ געמאכט קוילעס, מע זאָל זיי באשיצנ קעגנ דער קאָנקורענצ פונ די לאָדזשער פאבריקנ. אלעק־סאנדער אָבער האָט זיכ גענייטיקט אינ דעמ טייל סטראטעגיש (פונעמ מילי־טערישנ שטאנדפּונקט). אזוי ווי דאָס „פּוילישע קיניגרייכ" שניידט זיכ ארייננ אינ דייטשלאנד אונ שטעלט די רוסישע ארמייענ אפ א מעהאלעכ פונ עטלעכע איבער־געענג פונ בערלינ אונ ווינ, האָט עס געמאכט דעמ רוסישנ קייסער פאר א הערשער איבער גאנצ מיטל־אייראָפּע, אונ פונ אימ אָפּהענגיק געמאכט דעמ פּריסישנ קיניג אונ דעמ עסטרייכישנ אימפּעראטער. אלעקסאנדער האָט זיכ דעריבער באמיט וואָס זיכערער צו פארפעסטיקנ זיכ אפ דער ווייסל אונ האָט מיט קאָלערליי מיטלענ גע־באנפעט די פּאָליאקנ, ווי ער האָט פריער געבאנפעט דעמ רוסישנ אדל. דאָס „ווארשעווער הערצאָגטומ" איז ניט פארוואנדלט געוואָרנ אינ עטלעכע רוסישע גובער־ניעס, נאָר עס איז געוואָרנ א באזונדערע מעלוכע (אפ אנדערע שפּראכנ האָט מענ

עס איבערגעזעצט מיטן וואָרט „קיניגרײַך"). מיט א באַזונדערער פאַרוואַלטונג, מיט א באַזונדערער ארמיי, נאָר אָט די באַזונדערע מעלוכע האָט געהאַט איין געמײנ־זאַמען קייסער מיט דער אַלטער רוסישער מעלוכע — אַלעקסאַנדערן. קעדיי נאָך מער צובינדן צו זיך זײַנע נײַע אונטערטאַנען, האָט אַלעקסאַנדער געגעבן דעם „פּוילישן" קיניגרײַך א קאָנסטיטוציע, דאָס הייסט, ער האָט מאַסקים געווען, אַז זײַן מאַכט זאָל זײַן באַגרענעצט דורכן סיים. די באַגרענעצונג איז, פאַרשטייט זיך, געבליבן אפן פּאַפּיר, און אין דער ווירקלעכקײַט האָט אַלעקסאַנדער יעדע רעגע אויווער געווען אפּ דער פּוילישער קאָנסטיטוציע, נאָר ס'איז אוועק גאַנצע געננג צײַט, ביז די פּאָליאַקן האָבן דאָס באַגריפן, דערווײַל אָבער האָט די מאַכט פונעם נײַעם „קיניג" באַוויזן טיף אַרײַנצוואָרצלען זיך. דערבײַ איז אין אַלעקסאַנדערס צײַטן דער ווילקיר קיינמאָל ניט דערגאַנגען אין פּוילן צו אזא מיעסער מאַדרייגע, ווי אין רוסלאַנד; ערשט זײַן נאָכפאָלגער, ניקאָלײַ דער ערשטער, האָט אויסגע־גלײַכט די פּוילישע פּאַראַנדקעס מיט די רוסישע.

אַלעקסאַנדערס זאָרגן וועגן זײַן מאַכט איבער אייראָפּע האָט שטאַרק אויפגע־רעגט דעם רוסישן אדל און די בורזשואזיע. די דאָזיקע אויפרעגונג האָט זיך באַ־זונדערס פאַרשטאַרקט אדאַנק אַלעקסאַנדערס פּוילישער פּאָליטיק. מע האָט אָנגע־הויבן ריידן, אַז ער איז פאַרליבט אין פּוילן און רוסלאַנד האָסט ער. אפילו די מאָכרים פון פּעטערבורגער „גאַסטיני דוואָר" (קראָמען־רייי) האָבן געטײַנעט, אַז ווי־באַלד מע האָט שוין פּוילן געגעבן א קאָנסטיטוציע, דאַרף מען געבן רוסלאַנד אויך. צווישן די רוסישע אָפיצערן האָט געהערשט אזא פאַרביטערונג, אַז מע האָט אפילו געשמועסט וועגן דערהאַרגענען אַלעקסאַנדערן. דאָס האָט א סאַך מיטגעהאָלפן דערצו, אַז אין די לעצטע יאָרן פון זײַן רעגירן זאָל זיך אויסבילדן א מיליטערישע פאַרשווערונג, וואָס איז באַוווּסט אונטערן נאָמען „דעקאַבריסטן־פאַרשווערונג", ווײַל אויסגעבראָכן האָט זי דעם 14־טן דעקאַבער 1825־טן יאָר. אָבער אָנגעהויבן האָט זי זיך אין 1821־טן יאָר, און צוזוגרייטן האָט מען זי אָנגעהויבן נאָך פריִער, פון די יאָרן 1816—1817. * אַלעקסאַנדער האָט ניט דערלעבט ביז דעם אָפענעם אויסבראָך פון דער פאַרשווערונג, ער איז געשטאָרבן דעם 19־טן נאָיאַבער 1825 י.

זײַן יורעש איז געוואָרן זײַן ייִנגסטער ברודער, ניקאָלײַ פּאַוולאָוויטש, מיט וועלכן מיר זײַנען שוין טיילווײַז באַקענט. ער האָט פאַרשטאַנען דעם טאָעס, וואָס עס האָט געמאַכט אַלעקסאַנדער, און האָט א דריי געטאָן די אויסערלעכע פּאָליטיק אין דער ריכטונג, אין וועלכער ס'האָט זיך געניייטיקט דער רוסישער אינדוסטריע. לער און האַנדל־קאַפּיטאַל: ער האָט אָנגעהויבן „מיט א באַוואָפנטער האַנט דורכ־ברעכן פאַרן רוסישן האַנדל וועגן אָפּן מיזרעך". פּוילן האָט ער אויסגעגלײַכט מיט רוסלאַנד, אויסנוצנדיק די ניט געלונגענע פּוילישע רעוואָלוציע פון די יאָרן 1830—1831, און אין די איניאַנים פון מערב־אייראָפּע האָט ער זיך געהיט אַרײַנצו־מישן, האָטש ער האָט גרויס בײַשעק געהאַט צו דערשטיקן אויך די פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 1830־טן יאָר (די אַזוי־גערופענע „יולי־רעוואָלוציע", וועלכע האָט אַראָפּגעוואָרפן אין פראַנקרײַך די הערשאַפט פון דער ערד־אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט זיך דאָרטן אײַנגעשטעלט נאָך דעם, ווי ס'איז געפאַלן נאַפּאָלעאָן (די „יולי־רעוואָליוציע" האָט אַוועקגעשטעלט בא דער מאַכט די גרויסע פאַבריקאַנטן און באַנקירן. זייער רעגירונג האָט געבראַכט צו א נײַער רעוואָליוציע אין 1848־טן יאָר).

---

* אויספירלעכ וועגנ דער דעקאַבריסטנ־פאַרשווערונג זע ווײַטער, דעמ קאַפּיטל „די רעוואָליו־ציאָנערע בורזשואזיע".

ער האָט אויך ניט פאַרברייטערט די מיליטערישע ישוּווים, אַראַקטשײעווס האָט ער באַזײַטיקט, אָבער די אַראַקטשײעווישע פּאָראָנדקעס זײַנענ פאַרבליבנ אינגאַנצנ אומגערירט.

ניקאָלײַס רעגירונג איז געווענ אַנ איבערגאַנג־רעגירונג. דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל האָט זיך שוינ געלאָזט פילנ און האָט געקעמפט פאַר דער מאַכט מיט דעמ האַנדל־קאַפּיטאַל. דער לעצטער אָבער איז נאָך דערווײַל געווענ אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט ניט געוואָלט אײַנגײנ אַפ קײנ שום אָפּענע האַנאָכעס, שטרעבנדיק צו אונטערלויפנ זײַנ קעגנער מיט געהײמע האַנאָכעס. דאָס סאַמע אָפּנהאַרציקע מיטל אַפ אונטערצוקויפנ דעמ אינדוסטריעלנ קאַפּיטאַל איז געווענ די אויסערלעכע פּאָליטיק, וועגנ וועלכער מיר האָבנ שוינ גערעדט. אָבער דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל האָט זיך געניטיקט ניט בלויז אינ נײַע מערק, ער האָט זיך געניטיקט, ערשטנס, אינ א פרײַענ אַרבעטער און, צווייטנס, אינ א „געבילדעטנ דעסיאַטניק", ער האָט זיך געניטיקט אינ אינטעליגענץ, וואָס זאָל פאַרוואַלטנ מיטנ דאָזיקנ אַרבעטער, וואָס זאָל אָרגאַניזירנ די אינדוסטריע און אָנפירנ מיט איר. אינ ניקאָלײַס צײַטנ איז געגרינדעט געוואָרנ א טעכנאָלאָגישער אינסטיטוט, עס זײַנענ אויפגעקומענ „רעאַלע" גימנאַזיעס, ווו דער גרונט־לימעד איז געווענ מאַטעמאַטיק, פיזיק, נאַטורוויסנשאַפטנ, עס זײַנענ אויפגעקומענ קאָמערץ־שולנ; עס זײַנענ געווענ פּרוּווּנ צו פאַרבעסערנ די אוניווערסיטעטנ דורכ צוגרייטנ פאַר זיי פּראָפעסאָרנ אינ די אויסלענדישע אוניווערסיטעטנ; דאָס האָט זיך טאַקע טײלווײַז אײַנגעגעבנ. די 1840־קער יאָרנ זײַנענ געווענ א גלענצנדיקע צײַט פאַרנ מאָסקווער אוניווערסיטעט. און באַגלײַכ מיט דעמ האָבנ דאָס הויפּט־אָרט פאַרנומענ די קלאַסישע גימנאַזיעס, וואָס אינ יעסאָד פונ זיי זײַנענ געלעגנ די קײנעמ ניט נייטיקע אַלטע שפּראַכנ, הויפּטזאַכלעכ די לאַטײַנישע. פונ די טאַלמידימ פלעגט מענ זיך פּלײַסנ דערציִענ פּינקטלעכע באַאַמטע (און דעריבער פלעגט מענ אינ די עלטערע קלאַסנ לערנענ געזעצקענטעניש) און אײַנפּלאַנצנ אינ זיי איבערגעגעבנקײט צו דער „פּראַוואָסלאַוויע, זעלבסטהערשונג און פאָלקישקײט". איבער די פּראָפעסאָרנ, וואָס האָבנ געשטודירט אינ די אויסלענדישע אוניווערסיטעטנ, איז אײַנגעשטעלט געוואָרנ א שטרענגע אויפזיכט, מיט גרויס מאַטערניש פלעגט אָנקומענ צו באַקומענ א דערלויבעניש איבערצוליִענ די סאַמע אומשולדיקע עפנטלעכע לעקציע וועגנ אַלעקסאַנדער פונ מוקדנ, וועגנ טאַמערלאַנענ, און דעריבער פלעגט יעדע אַזאַ לעקציע, פאַרשטײט זיך, ווערנ קימאַט א רעוואָלוציאָנערע געשעעניש. מע האָט קײנ זאַכ ניט געטאָרט דרוקנ אָנ א דערלויבעניש פונ דער צענזור, און דאָס האָט געצוווּנגענ די שרײַבערס אָנצווענדנ די „עזאָפּישע" שפּראַכ און דעמ לײענער האָט עס אויסגעלערנט צו פאַרשטײנ פונ א האַלב־וואָרט און לײענענ צווישנ די שורעס. מע האָט געשריבנ אַנ אַרטיקל וועגנ דעמ עסטרײַכישנ פינאַנצ־מיניסטער ברוק, אָבער אַלע האָבנ געוווּסט, אַז דאָס מײנט מענ דעמ רוסישנ פינאַנצ־מיניסטער בראָק. מע האָט, פאַרשטײט זיך, אַפילע ניט געטאָרט טראַכטנ וועגנ אָפּדרוקנ עפּעס וועגנ דער באַפרײַונג פונ די פּויערימ. מע האָט אַפילע ניט געטאָרט אָפּנ אָנשרײַבנ דאָס וואָרט לײַבאײגנטומ; אַנשטאָט דעמ פלעגט מענ באַנוצנ דעמ אויסדרוק „אָבליגאַטערישע רענטע", און דעמ אַרטיקל פלעגט מענ א נאָמענ געבנ „וועגנ די סיבעס פונ די וואַקלונגענ פונ די ברויטפּרײַזנ אינ רוסלאַנד". אַלע האָבנ געוווּסט, אַז אינעמ דאָזיקנ אַרטיקל רעדט זיך גראָד וועגנ לײַבאײגנטומ און גאָרנישט מער.

און ניקאָלײַ דער ערשטער איז מער פונ אַלצ געווענ פאַרנומענ מיטנ לײַבאײגנ־

טום, נאָר געטאָנ האָט ער דאָס בעסאָדסוידעס, ווײַל ער האָט מער פאַר אַלצ מוירע געהאַט, עס זאָלנ זיכ, כאַס וועכאָלילע, ניט דערוויסנ דערפונ פריִער פאַר אַלצ די פּריצים אונ דערנאָכ די פּויערימ גופע. גלײַכ פונעם ערשטנ יאָר, ווי ער איז געוואָרנ קייסער, פונעם 1826-טנ יאָר, רופט ער צונויפ אייג קאָמיטעט וועגנ דער פּויערימ-פראַגע נאָכנ צווייטנ, אונ די דאָזיקע אַלע קאָמיטעטנ זײַנענ געווענ *געהיימע*. אינ זײַנ קאַבינעט פלעגט ער ביגנייווע באַווײַזנ זײַנע מעקוראָווימ אַנ אַלמער: „אינ דעמ דאָזיקנ אַלמער ליגנ דאָקומענטנ, — פלעגט ער זאָגנ, — מיט וועלכע איכ וועל פאַרפירנ אַ פּראָצעס קעגנ דער שקלאַפערײַ". נאָר ווײַטער פונ זײַנע מעקוראָווימ — אונ דאָס אויכ די סאַמע פאַרטרויטע — האָט קיינער קיינמאָל ניט געזענ דעמ דאָזיקנ אַלמער. בלויז איינמאָל האָט ער געוואָגט אַ שמועס צו טאָנ „בעכאַדרע כאַדאָרימ" וועגנ דער דאָזיקער פראַגע מיט די סמאָלענסקער גוטבאַזיצער, נאָר אַזוי ווי ער האָט באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד, האָט ער זיכ דערשראָקנ אונ איז אָפּ זײַנס ניט באַשטאַנענ. ביכלאַל האָט דער דאָזיקער „אײַזערנער" קייסער, דער „קייסער — דער ריטער" מיט זײַנ כאַראַקטער דערמאָנט דאָס שפּריכוואָרט: „אַ העלד צווישנ שעפּסנ, אונ אַליינ אַ שעפּס קעגנ אַ העלד". פונ זײַנ אַרבעט וועגנ דעמ פּויערימ-איניענ איז, פאַרשטייט זיכ, גאָרנישט ניט אַרויסגעקומענ, ס'איז מער ניט ווי אַרויס אַ געזעצ וועגנ די „פליכט"-פּויערימ, וואָס האָט *דערלויבט* די פּריצים ניט צו באַפרײַענ די פּויערימ ענדגילטיק, נאָר בלויז אָפּצוזאָגנ זיכ פונ זייער רעכט אָפּ דער *פּערזענלעכקײַט* פונעם פּויער. די „פליכט"-פּויערימ האָבנ ניט געטאָרט פאַרקויפט ווערנ אָפּנ שטיק, ווי בעהיימעס, מע האָט זיי ניט געטאָרט בײַטנ אָפּ הינט, נעמענ זיי, ווענ עס פאַרווילט זיכ נאָר, צומ הויפ אאוו., זיי האָבנ אָבער, ווי פריִער, געמוזט אַרבעטנ אָפּנ פּאָרעצ, צאָלנ אימ לײַבגעלט, אָבער אי דאָס אי יענצ בלויז אינ אַ באַשטימטער גרייס (די גרייס פלעגט באַשטימענ דער פּאָרעצ גופע). מיט איינ וואָרט, יעדער פּאָרעצ, וואָס איז נאָכ ניט אַראָפּ פונ זינענ פונ שיקרעס, פלעגט טאָנ פונקט דאָס זעלביקע, וואָס עס האָט אימ דערלויבט דער דאָזיקער געזעצ. פרעגט זיכ: ווער וועט דאָס זײַנ אַ באַלנ צו שלעפּנ זיכ איבער די קאַנצעליאַריעס, קעדיי צו פאַרפעסטיקנ אָפּנ פּאַפּיר דאָס, וואָס קיינער האָט אימ סײַוויסײַ ניט געשטערט צו טאָנ? דאָס איז געווענ אַלציינס, ווי מע זאָל אַרויסגעבנ אַ געזעצ, וואָס דערלויבט גיינ מיט די פיס, עסנ מיטנ מויל אאוו. ס'איז גאָר קיינ וווּנדער ניט, וואָס עס האָבנ זיכ קימאַט ניט געפונענ קיינ באַלאָנימ אויסצונוצנ דעמ נײַעמ געזעצ. בלויז אייניקע הויפלײַט ניקאָלײַס האָבנ, פונ קנעכטשאַפט-געפיל, אַריבערגעפירט זייערע פּויערימ פאַר „פליכט"-פּויערימ; די פּויערימ זײַנענ געבליבנ גאַנצ גלײַכגילטיק צו דער דאָזיקער גנאָד.

פרעגט זיכ, פאַרוואָס זשע האָט זיכ ניקאָלײַ ניט גערירט פונ אָרט אינ דער פראַגע, וואָס די וויכטיקײַט אירע האָט ער אַזוי גוט פאַרשטאַנענ? ס'פאַרשטייט זיכ, אַז ניט נאָר דערפאַר, ווײַל ער האָט ניט געהאַט גענוג מוט. מיר זעענ, אַז דאָרט, ווו די ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגענ האָבנ *געפאָדערט* באַפרײַונג, ווי דאָס איז געווענ מיט די לײַבייגענע אַרבעטער אינ די פאַבריקנ, איז די באַפרײַונג פאָרגעקומענ אָנ שומ שוועריקײַטנ אונ אָנ דעמ, די פראַגע זאָל זיבנ אונ זיבעציק מאָל באַהאַנדלט ווערנ אינ געהיימע קאָמיטעטנ. ניט ניקאָלײַס כאַראַקטער האָט באַשטימט די לאַגע, נאָר די לאַגע האָט באַשטימט זײַנ אייגענעמ כאַראַקטער אונ דעמ כאַראַקטער פונ דער גאַנצער אַרומיקער געזעלשאַפט. די צווישנ-לאַגע, דער קאַמפּ צווישנ

נײַעם, װאָס האָט שױן געקלאַפּט אין טיר, מיטן אַלטן, װאָס האָט אײַנגעאַקשנט ניט געװאָלט זי עפֿענען, פֿלעגט מאַכן אַלע „הערשער" פֿון יענע צײַטן פֿאַר איבערגאַנג־באַשעפֿענישן, װאָס האָבן געטראַכט און גערעדט אײן זאַך און געטאָן אַ צװײטע זאַך. דאָס האָט געפֿירט דערצו, אַז אין דער דעמלטיקער העכערער געזעלשאַפֿט האָט זיך שטאַרק אַנטװיקלט צ ו ו י ִ ע ס.

מיט צװיִעס איז געװען דורכגעדרונגען די גאַנצע ניקאָלײַישע געזעלשאַפֿט פֿון אױבן ביז אונטן. די צװיִעס פֿון ניקאָלײַען גופֿא האָט זיך פֿולשטענדיק פֿאַרקערפּערט אין אײן פֿאַקט: װען מע האָט אין סיביר געכאַפּט אַ באַנדע רױבער, װאָס האָבן אַ לאַנגע צײַט אַרומגעװאָרפֿן אין אײמע אױף אַ גאַנצער גובערניע, האָט דער גובערנאַטער פֿאַרגעלײגט צו באַשטראָפֿן זײ מיט טױט־שטראָף. ניקאָלײַ האָט אָנגעשריבן אױפֿן גובערנאַטערס מיטײלונג: „אין רוסלאַנד, איז גאָט צו דאַנקען, ניטאָ קײן טױט־שטראָף, און ניט איך װעל עס צוריק אײַנפֿירן, נאָר זאָל מען געבן יעדן רױבער צו 12 טױזנט קלעפּ מיט אַ שטעקן". דאָס אַלץ איז געװען שעקער. ערשטנס, האָט אין רוסלאַנד יאָ עקזיסטירט טױט־שטראָף לױט די אורטײלן, װאָס עס פֿלעגן אַרױסטראָגן די מיליטערישע, אױסעראָרדנטלעכע אַאַװ. געריכטן, און ניקאָלײַ גופֿא האָט אָנגעהױבן זײַן רעגירונג פֿון דעם, װאָס ער האָט אונטערגעשריבן אַ טױט־אורטײל פֿינף פֿירער פֿון די „דעקאַבריסטן". און, צװײטנס, האָט קײן אײן מענטש, אַפֿילו דער סאַמע געזינטסטער, ניט געקאָנט אַריבערטראָגן מער װי 3 טױזנט קלעפּ מיט אַ שטעקן — 12 טױזנט קלעפּ האָט באַטײַט אַ זיכערן טױט נאָך אַ לאַנגע צײַט פֿאַר דעם, אײדער עס װעט זיך ענדיקן די שטראָף (אינעם לעצטן פֿאַל פֿלעגט מען פֿירן אױף אַ װעגעלע און שלאָגן מיט שטעקנס שױן דעם טױטן קערפּער). ניקאָלײַ האָט עס אױסגעצײכנט פֿאַרשטאַנען, נאָר ער האָט ניט געקאָנט ניט מאַכן קײן אָנשטעל. מיט צװיִעס איז געװען דורכגעדרונגען אױך דאָס גאַנצע פּערזענלעכע לעבן זײַנס. ער איז, פֿאַרשטײט זיך, געװען פּונקט אַזױ אױסגעלאַסן, װי אַלע זײַנע פֿאָרגײער און פֿאָרגײערנס. ער האָט געהאַט אַ שטענדיקע פֿאַװאָריטקע, מיט װעלכער זײַן געזעצלעכע פֿרױ, אַלעקסאַנדראַ פֿיאָדאָראָװנאַ, זײַנע געװען די בעסטע גוטע פֿרײַנט, — פֿאַר אַזאַ נאַטירלעכער זאַך האָט מען דאָס געהאַלטן. נאָר, אַחוץ דעם, איז געװען גרײט צו דינען אים אַ גאַנצער האַרעם פֿון הױף־פֿרױען און פֿרײלינס, באַלעט־טענצערנס אאַװ. די מענער און פֿאָטערס האָבן, װי פֿאַר אַ מאַגײפֿע, מורא געהאַט פֿאַר ניקאָלײַס הױף; דער פּאָעט פּושקין איז געפֿאַלן אַ קאָרבן פֿון דער שרעקלעכער סיטואַציע, װאָס שאַפֿט זיך פֿאַר אַ מענטשן, װעלכער האָט אַ שײנע פֿרױ און האָט גלײַכצײַטיק דעם אומגליק צו געהערן צום הױף־קרײַז. און אָט דער זעלביקער ניקאָלײַ, װאָס האָט געשאַפֿן אַזאַ מין סװיװע, האָט פֿאַר לײַטן געשפּילט די ראָליע פֿון אַ סאַמע מוסטערהאַפֿטן פֿאַמיליע־מאַן. פֿאַר לײַטן פֿלעגט ער זיך אױפֿן בעקאָװעדיקסטן אױפֿן פֿאַרהאַלטן צו זײַן „געזעצלעכער פֿרױ", איז געװען אַ ביז גאָר צאַרטער פֿאַמיליע־פֿאָטער, פֿלעגט שפּילן גאַנצע קאָמעדיעס פֿון „פֿאַמיליע־גליק" אינדערפֿרי בײַ דער קאַװע אָדער אינאָװנט בײַם טײ, בײַם אַ װײַנאַכט־בױם אאַװ. זײַנע קנעכט פֿלעגן דערנאָך מיט היספּײַלעס דערמאָנען זיך אין די עלטערע יאָרן אָן די דאָזיקע בילדער; דאָס זײַנען געװען די „סאַמע ליכטיקע זיכרױנעס" פֿון זײער לעבן. די דאָזיקע צװיִעס האָט ער אױסגעהאַלטן ביזן סאַמע סוף: נאָכדעם װי ער האָט פֿאַרן טױט שױן אָפּגעזאָגט װידע, האָט מען אין זײַן צימער מער ניט אַרײַנגעלאָזט זײַן פֿאַװאָריטקע, אַרײַנגײן אַהין האָט געמעגט בלױז די קײסערינע.

די דאָזיקע צוויִעס, וואָס מיט דעם איז געווען דורכגעדרונגען זײַן גאַנץ לעבן, האָט טאַקע מער פון אַלץ געמאַכט אַזוי שווער און דריקנדיק ניקאָלײַס רעגירן. צום סאָף איז ניקאָלײַ דערווידער געוואָרן אַפילו די, וואָס האָבן געלעבט פון זײַן אָרדענונג. דער רײַכער בּאַרעץ און אַרענדאַטער (Откупщик) * קאָשעליעוו דער־ ציילט אין זײַנע שריפטן, אַז אין דער צײַט פון דער סעוואַסטאָפּאָלער מילכאָמע האָט ער און זײַנע באַקאַנטע זיך ניט שטאַרק גענומען צום האַרצן די מאַפּאָלעס פון דער רוסישער אַרמיי, ווײַל זיי האָבן געהאָפט, אַז די מיליטערישע מאַפּאָלע וועט אַזוי אָדער אַנדערש מאַכן אַ סאָף צו ניקאָלײַס רעגירן. מע קאָן זיך שוין פאָר־ שטעלן, וואָס פאַר אַ רעגירן דאָס איז געווען, אַז אַפילו רײַכע בורזשויען האָט עס געמאַכט פאַר מאַפּאָלע־אָנהענגער. ווען ניקאָלײַ איז געשטאָרבן, איז פאַר אַלעמען, ניט אויסגעשלאָסן זײַנע נאָענטסטע מיטהעלפער, קלאָר געוואָרן, אַז עס איז נוי־ טיק אַן ענדערונג. איינער פון זײַנע געטרײַסטע דינער, דער פירשט אָרלאָוו, האָט, ציטערנדיק פון שרעק, פאַרנומען דאָס אָרט פון פאָרזיצער אינעם הויפּט־קאָמיטעט איבער די פויערים־איניאָנים, און האַגאַם ער פלעגט נאָך יעדן מינדסטן שריט פאָרויס אינעם דאָזיקן איניען פול מיט שרעק לויפן צו אַלעקסאַנדער דעם צווייטן און ער פלעגט אַזש אַרײַנפאַלן אין היסטעריקע, איז די רעפאָרמע פאָרט פאָרגעקו־ מען, — די פויערים זײַנען פאָרט באַפרײַט געוואָרן, אָפּ וויפל דאָס האָבן דער־ לויבט די אינטערעסן פון די פריצים און פונעם האַנדל־קאַפּיטאַל. די עקאָנאָמישע סיבעס און פאָלגן פונעם אָפּשאַפן דאָס לײַביגנטום האָבן מיר שוין געזען, און מיר וועלן זיך דערצו ניט אומקערן. די זאַך האָט זיך אָבער ניט געקאָנט באַגרע־ נעצן בלויז מיט דער עקאָנאָמישער זײַט אַליין: די עקאָנאָמישע ענדערונג האָט גע־ צווינגען נאָך זיך אַ ריי אַנדערע. די לײַביגנטימערישע מעלוכע האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ גאַנצע פאַרוואַלטונג־סיסטעם. ווען מע האָט אַרויסגענומען אָדער מע האָט ווייניקסטנס שטאַרק אַ טרייסל געטאָן דעם ווינקלשטיין — דאָס לײַביגנטום, האָט זיך דער גאַנצער בנין געמוזט אַ טרייסל טאָן, און ס'האָבן זיך געמוזט אין אים עפענען לעכער.

דאָס לײַביגנטום־רעכט איז געווען בלויז דער הויפּט־מעטאָד פון „אויסער־ עקאָנאָמישן צוואַנג" בענוגייע דעם קליינעם זעלבשטענדיקן פּראָדוצירער, ער זאָל אָפּגעבן זײַן מער־פּראָדוקט (און אָפטמאָל אויך דעם נייטיקן פּראָדוקט). מיר האָבן אָבער שוין געזען אויך אַנדערע מיטלען, ווי שטײַערן, לעמאָשל. דער טאָך איז באַ־ שטאַנען דערין, אַז מע זאָל פאַרפלאָנטערן דעם קליינעם פּראָדוצירער — דעם פויער אָדער באַלמעלאָכע — מיט אַזאַ געדיכטער נעץ קאָלעריי באַדרילונגען און באַגרענעצונגען און דערביי נאָך אַזוי אָנשרעקן אים, אַז ער זאָל, ווי מע זאָגט עס, ניט האָבן, וווהין אַ קער צו טאָן זיך. און דעם דאָזיקן צוועק פלעגט טאַקע דער־ גרייכן די לײַביגנטימערישע מעלוכע מיט אַלע אירע פּאָראַנדקעס. זי פלעגט קוו־ דעמקאָל נעמען אָפּן דיסקאָנט די גאַנצע מענער־באַפעלקערונג, פון צײַט צו צײַט דורכקאָנטראָלירן איר פאַקטישן באַשטאַנד, דאָס האָט געהייסן „רעוויזיעס" (וואָס באַטײַט טאַקע „קאָנטראָל־איבערקוק"). ביים דער רעוויזיע—די ערשטע איז געווען אין פּיאָטרס צײַטן — פלעגט מען צושרײַבן דעם פויער צו דעם אָדער יענעם

---

* אַרענדאַטערס, האָט מען, ווי מיר געדענקען, גערופן יענע קאַפּיטאַליסטן, וואָס פלעגן „נעמען אין אַרענדע" (Откуп) דעם בראַנפן־פאַרקויף אין דער אָדער יענער גובערניע, דאָס הייסט, זיי פלעגן אויסצאָלן דער מעלוכע דעם גאַנצן סכום שטײַערן אויף בראַנפן און פלעגן דערפאַר באַקומען דאָס רעכט צו פאַרשפּרייטן שיקרעס אין פאָלק און באַקומען קאָלאָסאַלע רעוואָכים.

פּאָרעצ: א מאַיאָנטעק פלעגט מען טאָקע שאַצן לויט דער צאָל „רעוויזיע־נעפּאָשעמ" (אינ דער אומגאַנג־שפּראַכ פּאָשעט „נעפּאַשעמ"), וואָס זײַנען געווען צו אימ צוגעשריבן. דער פּאָרעצ איז געווען פאַראַנטוואָרטלעכ פאַר דעמ, אַז די צוגעשריבענע צו אימ פּויערימ זאָלן זיכ ניט צעלויפן און זאָלן פּינקטלעכ צאָלן דעמ קאָפּ־שטײַער. דערפאַר פלעגט מען זיי אָפּגעבן אינ פולן רעשוס פונעמ פּאָרעצ. ער פלעגט זיי מישפּעטן און באַשטראָפן און האָט אַפילע געהאַט דאָס רעכט צו פאַרשיקן זיי אַפּ קאַטאָרגע. באַקלאָגן זיכ אַפּן פּאָרעצ האָבן די פּויערימ ניט געטאָרט, ווײַל דערפאַר האָט געקומט א שרעקלעכע קערפּער־שטראָפּ: פאַר דערלאַנגען אַנ אָנקלאָגע דעמ קייסער אַפּ א פּאָרעצ, פלעגט סײַ דער „מעכאַבער" פונ דער אָנקלאָגע (און דאָ דאַרפ מען זיכ דערמאָנען, אַז קימאַט קיינ איינ פּויער האָט אינ יענע צײַטן ניט געקאָנט לייענען און שרײַבן, הייסט עס, אַז זיי אַליינ האָבן גאָר ניט געקאָנט אָנשרײַבן די באַקאָשע) און סײַ די פּויערימ, וואָס פלעגן זי דערלאַנגען, באַשטראָפט ווערן מיטן קנוט (מיר וועלן באַלד זען, וואָס דאָס איז אַזוינס) און פאַרשיקט ווערן קיינ נערטשינסק „אַפּ אייביקער אַרבעט". אַזוי זאָגט די פאַראָרדענונג פונ דער „אויפגעקלערטער" יעקאַטערינע דער צווייטער, און די דאָזיקע פאַראָרדענונג איז נאָכ אַגעוו אַרויסגעגעבן געוואָרן אינ דער צײַט, ווען זי איז געווען, ווי עס פאַרזיכערן די בורזשואַזע היסטאָריקער, „ליבעראַל" און האָט צונויפגערופן עפּעס א מינ אַדל־פאַרלאַמענט, די אַזוי־גערופענע „קאָמיסיע אַפּ צוזאַמענשטעלן א נײַעמ געזעצ־בוכ (א געזעצ־בוכ, דאָס הייסט א זאַמלבוכ פונ געזעצן, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אינ די צײַטן פונעמ צווייטן ראָמאַנאָוו, פונ אַלעקסיי מיכײַלאָוויטש, פּיאָטר דעמ ערשטנס פּאָטער און נאָכדעמ פלעגט ניט דורכגיינ קיינ איינ רעגירונג, אַז מע זאָל זיכ ניט קלײַבן שרײַבן א נײַעמ, נאָר פונ דעמ פלעגט גאָרנישט ניט אַרויסקומען, ביז ניקאָלײַ דער ערשטער האָט זיכ ניט דערטראַכט צו דער אידיי פּאָשעט צונויפקלײַבן אינאיינעמ אַלע פאַראָרדענונגען, וואָס זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אינ פאַרשיידענע צײַטן דורכ פאַרשיידענע קייסאָרימ, און, אויסקלײַבנדיק פונ זיי די וויכטיקסטע, א נאָמען געבן זיי „געזעצן־זאַמלונג" (Свод законов).

באַוואָפּנט מיט אַלע מיטלען אַפּ אָנצושרעקן דעמ פּויער, פלעגט דער פּאָרעצ ברייט אויסנוצן די דאָזיקע מיטלען. פאַרשיקן פלעגט ער זעלטן: ס'האָט אימ ניט געלוינט צו פאַרלירן אַרבעטס־קראַפט. ער פלעגט אָבער אויסנוצן זײַנ רעכט צו באַשטראָפן, קעדיי צו שלאָגן דעמ פּויער, און שלאָגן פלעגט ער אימ מאַקעס רעצעכ. פאַר דעמ קלענסטן כעט פלעגט דער פּויער באַקומען הונדערטער און טויזנטער קלעפּ מיט א שטעקן, מיט א קאַנטשיק און מיט ריטער. די עכט־רוסישע שטראָפן זײַנען געווען שטעקנס („באַטאָגעס") און דער קאַנטשיק, און ריטער זײַנען געקומען צו אונדז פונעמ אויפגעקלערטן מײַרעוו, פונ די דײַטשישע פּריצימ אינ די באַלטישע גובערניעס: די האָבן געהאַלטן, אַז ריטער זײַנען פּונקט אַזא פײַנלעכע שטראָפ, ווי שטעקנס, נאָר זיי זײַנען קלוימערשט ווייניקער שעדלעכ פאַרנ געזונט, ווי שטעקנס. די רוסישע פּריצימ פלעגן טכילעס מיסברויכן מיט דער דאָזיקער „ווייכער" שטראָפּ־פאָרמ און פלעגן באַשטימען ריטער אינ די טויזנטער און צענדליקער טויזנטער. נאָר ביסלעכווײַז זײַנען זיי געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז מיט ריטער קאָנ מען נאָכ גיכער פאַרשמײַסן א מענטשן אַפּ טויט, איידער מיט שטעקנס. פאַר דעמ דאָזיקן פרוו האָבן, מיסטאָמע, באַצאָלט מיט זייער לעבנ ניט איינ טויזנט פּויערימ, דאָס האָט אָבער גאָרנישט ניט געקאָסט קיינ איינעמ

פונ **די פריצים**, ווײַל באַטש עס איז ניט געווענ קיינ געזעץ, וואָס זאָל דערלויבנ דעמ פּאָרעצ צו דערהארגענענ זײַנ לײַבייגענעמ, נאָר מישפּעטנ פלעגט מענ מער ניט ווי פאר דערהארגענענ אינ דירעקטנ זינ פונ וואָרט, ווענ דער פּאָרעצ פלעגט מיט זײַנע „אייגענע הענט" דערהארגענענ (אונ דאָס פלעגט אויכ פונ צענ אזעלכע איינ־אָנים ביזנ געריכט דערגיינ' האלעווײַ איינער), נאָר טאָמער פלעגט דער פּויער שטארבנ נאָכדעמ, ווי מע פלעגט אימ אכזאָריעסדיק באשטראָפנ, פלעגט דער פּאָרעצ קימאט שטענדיק בלײַבנ גערעכט, אונ שולדיק פלעגנ זײַנ די, וואָס פלעגנ אויספילנ די שטראָפ, די לײַבייגענע קוטשערס אונ לאַקייענ, פונקט ווי זיי וואָלטנ געקאָנט זיכ דערוועגנ ניט פאָלגנ דעמ פּאָרעצ!

שלאָגנ א פּויער איז געווענ פונקט אזא געוויינלעכע זאכ, ווי שמײַסנ מיט א בײַטש א פערד, עס זאָל גיכער לויפנ. וועגנ דעמ דערציילנ אָנ שומ כארפּע אינטע־ליגענטע פּריצים פונעמ XVIII יאָרהונדערט, ווי, לעמאָשל, דער מעכאבער פון די באריִמטע „שריפטנ" אונ דער געבילדעטער לאנדווירט באָלאָטאָוו, וועלכער האָט פינפ מאָל נאָכאנאנד געשמיסנ א פּויער, ער זאָל אָנרופנ זײַנ שוטעפ אינ א גנייווע. דער פּויער האָט זיכ אײַנגעאקשנט אונ געשוויגנ אָדער פלעגט אָנרופנ מענטשנ, וואָס האָבנ קיינ שומ שײַכעס ניט געהאט צומ איניענ; יענע האָט מענ אויכ גע־שמיסנ, נאָר פונ זיי האָט מענ, פארשטייט זיכ, קיינ זאכ ניט געקאָנט דערוויסנ זיכ. לעסאָפ האָט באָלאָטאָוו, וואָס האָט מוירע געהאט צו פארשמײַסנ דעמ גא־נעוו ביז צומ טויט, „געהייסנ בינדנ אימ הענט אונ פיס, ארײַנוואַרפנ אינ א הייס, אהנגעהייצטער באָד, געבנ אימ איבערגוואלד אָנצועסנ זיכ מיט זייער געזאַלצענע פיש, צושטעלנ צו אימ א שטרענגע וואכ, ניט געבנ אימ טרינקענ אונ מאטערנ אימ מיט דאָרשט, ביז ער וועט ניט דערציילנ דעמ עמעס". אונ דאָס האָט טאַקע געווירקט אפ אימ. ער האָט בשומויפנ ניט געקאָנט אריבערטראָגנ דעמ מוירעדיקנ דאָרשט אונ האָט, סאָפּקאָלסאָפּ, ארויסגעגעבנ דעמ עמעסנ גאנעוו, וואָס האָט צוזאמענ מיט אימ אָנטייל גענומענ אינ דער „גנייווע". איינמאָל האָט באָלאָטאָוו אזוי שטארק געפּײַניקט זײַנעמ א פּויער, אז יענער האָט זיכ אליינ גענומענ דאָס לעבנ, אונ א צווייטער האָט געוואָלט דערהארגענענ באָלאָטאָוונ גופע. נאָר דער געוויסנ פונ אָט דעמ אופגעקלערטנ מענטשנ, וואָס האָט אָנגעשריבנ א ביכל מיטנ נאָמענ „דער וועגווײַזער צומ עמעסנ מענטשלעכנ גליק" איז אויכ אינ דעמ פאל געבליבנ גאנצ רויִק; אונ „עמעסע ראָצכימ, בונטארנ אונ אויסוואורפנ" זײַנענ אינ זײַנע אויגנ געווענ די, וועמענ ער האָט געפּײַניקט.

אונ אויב דעמ פּאָרעצס הײמישע מיטלענ: ריטער, „געבנ עסנ הערינג" אאוו. איז געווענ ווינציק, אונ דער לײַבייגענער פלעגט, ניט מוירע האָבנדיק פאר דעמ אלעמענ, דערגיינ ביז פרוווּנ צו דערהארגענענ דעמ פּאָרעצ אָדער ער פלעגט אָפּטאָנ עפּעס אנ אנדער זאכ פונ דעמ מינ, פלעגט דעמלט אפ דער סצענע ארויסטרעטנ דער אַלגעמיינ־מעלוכישער געריכט, וואָס פלעגט פונקט אזוי פּײַניקנ דעמ פּויער, נאָר אינ א סאכ א גרעסערער מאָס. דער דאָזיקער געריכט איז ווידעראמאָל געווענ א פּריצישער: זײַנ פּאָרזיצער אונ געהילפ־פּאָרזיצער פלעגנ אויסגעקליבנ ווערנ פונ די אדעליקע, אונ די „בײַזיצערס" פונ צווישנ די פּויערימ (ניט קיינ לײַבייגענע) פלעגנ שפּילנ בא די אדעליקע א ראָליע פונ וועכטער אונ קוריערנ, פלעגנ אָפטמאָל קערנ די פּאָדלאָגע אדג. ביז יעקאטערינעס צײַטנ האָט דער דאָזיקער געריכט געהאט דאָס רעכט אָנצווענדנ ט אָ ר ט ו ר נ (אויספרעגנ מיט פּײַניקונגענ). דאָס פּײַניקנ פלעגט זיכ אָנהייבנ פונ דעמ, וואָס מע פלעגט פארדרייענ דעמ ארעסטירטנ, וואָס האָט

זיכ ניט מוידע געװענ, די הענט אפ הינטנ, אופהײבנ אימ אפ די הענט, און דערבײַ פלעגנ, אראָנק דעמ געװיכט פונעמ קערפּער, זײַנע הענט ארױסשפּרינגענ פונ די געלענקענ. אויב דער דאָזיקער שרעקלעכער װײטעק פלעגט אימ פאָרט ניט צװינגענ זיכ „מוידע צו זײַנ“, פלעגט מענ אימ, אָנהײבנ שלאָגנ מיט א קנוט (א בײַטש). מע דאַרפ אָבער ניט מײנענ, אז דאָס איז געװענ אזא מינ אומשולדיקע געצײַג, װי דאָס, װאָס עס באַנוצנ איצט די פויערימ און פורמאַנעס, קעדײ אונטערצוטרײַבנ א פערד. דעמ טאַליענס קנוט — דאָס איז געװענ זײער א שװערער רימענ, װאָס זײַנ עק איז געװענ ארומגעדרײט מיט אנ אײַזערנעמ דראָט און באַגאָסנ מיט קלײ, אזוי אז דאָס איז געװענ א מינ געװיכט מיט שפּיציקע װינקלענ. און אָט דער שפּיצװינקלדיקער קנױל פלעגט רײַסנ ניט נאָר די הױט, נאָר אויכ די מוסקולענ ביז די בײנער, און די בײַטש איז געװענ אזא שװערע, אז א געניטער „מײַסטער“ האָט געקאָנט מיט אײנ קלאַפּ איבערברעכנ דעמ כוטאשעדרע. דאָס פלעגט ער טאָנ, פאַרשטײט זיכ, ניט באַמ פּײַניקנ, (דעמאָלט האָט עס ניט געלױנט), נאָר באַמ אויספירנ די שטראָפ: װײַל די בײַטש איז געװענ א מיטל ניט נאָר אפ ארױסצובאַקומענ דעמ עמעס, נאָר אויכ אפ צו באַשטראָפנ דעמ פאַרמישפּעטנ. אויב באַמ אויספרעגנ פלעגט די בײַטש ניט ברענגענ צומ צװעק, פלעגט מענ אָנװענדנ אנדערע מיטלענ: מע פלעגט מיט ספּעציעלע קלעמענ ברעכנ די פינגער, מע פלעגט מיט א שטריק אזוי צונױפדריקנ דעמ קאָפּ, אז דער געפּײַניקטער פלעגט פאַרלירנ דעמ זינענ, לעסאָפּ, פלעגט מענ ברענענ מיט ברענענדיקע בעזעמער.

אױס צװײעס לעגאַבע מײַרעװ-אײראָפּע, װאָס פלעגט מאַכנ דעמ אָנשטעל, אז עס כאַפּט זי אָנ א שרעק פונ דער מאָסקאָװיטישער װילדקײַט, האָגאָמ אויכ דאָרטנ האָט דער האַנדל-קאַפּיטאַל אָנגעװענדט פּונקט אזעלכע אָנשרעק-מיטלענ,* האָט יעקאַטערינע די צװײטע אָפּיציעל אָפּגעשאַפט דאָס פּײַניקנ באַמ אויספרעגנ. ניט אָפּיציעל פלעגט מענ עס אָנװענדנ נאָכ א לאַנגע צײַט שפּעטער, — אינ פּאָליטישע פּראָצעסנ, לױט אײניקע ידיעס, ביז די 60-קער יאָרנ, ד. ה. נאָכ אינ די צײַטנ פונ אַלעקסאַנדער דעמ צװײטנ, דאָס איז שױנ צומ געריכטלעכנ פּײַניקנ; װאָס איז שײַעכ צו די זשאַנדאַרמענ און צו דער אָכראַנקע, פלעגנ זײ נאָכ, װי ס'איז אַלעמענ באַװוּסט, פּײַניקנ אינ די יאָרנ 1905—1907 און, מיסטאָמע, שפּעטער אויכ, אזוי אז לײַטישקײַט האָט מענ אָפּגעהיט נאָר אפנ פּאַפּיר.

נאָר אָפילע אפנ פּאַפּיר האָט מענ ניט געהאַלטנ פאַר נײטיק אָפּצושאַפנ דאָס ב א ש ט ר א ָ פ נ מיטנ קנוט, און דאָס איז ניט געקוקט אפ דעמ, װאָס דאָס פלעגט זיכ גאַנצ אָפט ענדיקנ מיטנ טויט פונעמ באַשטראָפטנ, און טויט-שטראָף האָט, װידעראַמאָל אפנ פּאַפּיר, אָפּגעשאַפט נאָכ יעליזאַװעטע פּעטראָװנע. מע דערצײלט, אז בײמ די דאָזיקע קײסערינע איז געגאַנגענ מיט די גװאַרדײער אינ פּאַלעצ אַרײַנ ארעסטירנ דעמ קלײנעמ איװאַנ אַנטאָנאָװיטש, האָט זי אזוי שטאַרק געציטערט, אז זי האָט געגעבנ א נײדער קײנעמ ניט צו באַשטראָפנ מיט טויט, אויב ס'װעט זיכ איר אײַנגעבנ. מיר געדענקענ, אז צוליבנ זעלביקנ צװעק האָט זי געשלאָסנ אנ אָפּמאַכ מיט די סאָנימ פונ רוסלאַנד — מיט די שװעדנ. אז זי האָט

* א בײַטש, טליע אדג. זײַנענ, לעמאָשל, געװענ אינ דער עסטרײַכישער און פּרײַסישער געזעצגעבונג, און אײנער זײער א פּײַנלעכער מינ טויט-שטראָף — רעדלענ (צעברעקלענ די בײנער מיט א שװערער ראָד) איז געקומענ צו זונדז טאַקע פונ מײַרעװ, װו דאָס פלעגט אָנגעװענדט װערנ, װי לעמאָשל, אינ פראַנקרײַכ פאַר דער רעװאָלוציע.

פאַרכאַפּט דעם טראָן, האָט זי אָפּגענאַרט אי די שוועדן, אי נאָט: זי האָט אָפּגעלייקנט [illegible]רע צוזאָגן און האָט פאַרביטן די טליע מיטן קנוט. דער רעזולטאַט איז געווען דער אייגענער, [illegible] אומגליקלעכער פלעגט ליידן נאָך גרעסערע יסורים, [illegible] פריער, דערפאַר איז אָבער אָפּן באַפּיר ניט געווען דאָס וואָרט „טויט־שטראָף“, נאָר בלויז די צאָל שמיץ מיט דער בייטש. אַלע האָבן געוווסט, אַז ווען די דאָזיקע צאָל איז מער ווי צוויי־דריי צענדליק, באַטייט עס אַ זיכערן טויט, און פונדעסטוועגן פלעגט מען באַשטימען אַפילע 120 שמיץ, און דערביי, ווי מיר ווייסן, האָט אַ געניטער טאַליען געקאָנט דערהאַרגענען מיטן ערשטן קלאַפּ, אויב נאָר נאַטשאַלסטווע האָט געהייסן. אויב אָבער נאַטשאַלסטווע האָט ניט געוואָלט, אַז דער פאַרמישפּעטער זאָל שטאַרבן, און דער לעצטער איז נאָך, אַכוץ דעם, געווען אַ רייכער מענטש, איז בעקויעך געווען אונטערצוקויפן דעם טאַליען, פלעגט ער בלייבן לעבן און קימאַט געזונט אַפילע נאָך אַ גרויסער צאָל קלעפּ. דאָס איז געווען זייער אַ בויגעוודיקע שטראָף און דעריבער אַ טאָפּלט באַקוועמע. אַגעוו האָט יעקאַטערינע אינגאַנצן אָפּגעשאַפט די בייטש פאַר די אַדעליקע, זי איז פאַרבליבן מער ניט ווי פאַר די „געמיינע“ מענטשן. איר זון, פּאַוועל, האָט צוריק אופגעשטעלט די בייטש אויך פאַר די אַדעליקע, ער האָט נאָך דערביי צוגעטראַכט מיט וואָס צו פאַרבייטן די בייטש און האָט איינגעפירט פאַר מיליטער־לייט דאָס ד ו ר כ ט ר ײַ ב ן ד ו ר כ ן פ ר אָ נ ט (סטרוי). דעם פאַרמישפּעטן פלעגט מען פירן צווישן צוויי רייען סאָלדאַטן, וואָס זיינען געווען באַוואָפנט מיט שטעקנס: יעדערער פון זיי פלעגט מוזן געבן אַ קלאַפּ, און נאַטשאַלסטווע פלעגט אַכטינג געבן, מע זאָל שלאָגן ווי עס באַדאַרף צו זיין, מע פלעגט דורכטרייבן דורך אַ באַטאַליאָן, דאָס הייסט דורך 1000 מענטשן, און דורך אַ פּאָלק, דאָס הייסט, דורך 4 טויזנט מענטשן. די לעצטע שטראָף פלעגט קיין איין מענטש ניט קאָנען אויסהאַלטן, פּונקט ווי 100 קלעפּ מיטן קנוט; דאָס איז ווידעראַמאָל געווען אַ פאַרשטעלטע, אַ צוויִיעסדיקע פאָרם פון טויט־שטראָף.

אָט די אַלע מינים פייניקונגען פלעגן אויסגעפירט ווערן ע פ נ ט ל ע ך, קעדיי וואָס מער אָנצושרעקן די פאָלקמאַסע. צוליב דעם זעלביקן צוועק אָבער איז די געריכט־פירונג געווען פאַרדעקט מיט דער שטרענגסטער געהיימקייט. מע פלעגט ניט נאָר שווייגנדיק מישפּעטן באַ פאַרמאַכטע טירן, נאָר מע פלעגט ניט אַריינלאָזן אינעם זיצונגזאַל ניט דעם פּאַרטיידיקער, ניט אַפילע דעם באַשולדיקטן גופע. די ריכטער פלעגן האָבן פאַר זיך ניט מער ווי די פאַרשריבענע טייַנעס פונעם באַשולדיקטן און פון די איידעס; אָפּן סמאַך פון אָט דעם אַלעם פלעגן זיי אַרויסטראָגן זייער אורטייל און דעם באַשולדיקטן פלעגט מען ברענגען צו פירן נאָר קעדיי איבערצולייענען אים דעם דאָזיקן אורטייל. די געהיימקייט פלעגט מען שטרענג אָפּהיטן, אַרויסגעבן אַ פּאַשעטע אינפאָרמאַציע וועגן אַן איניען האָט זיך גערעכנט פאַר אַ קרימינעלן פאַרברעכן. עס פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז גאָר שווער צוצוטראַכטן אַ בעסערן באָדן פאַר מיסברויכן, ווי באַ אַזאַ לאַגע; פאַר געלט האָט מען אינעם דאָזיקן געריכט אַלץ געקאָנט דערגרייכן: דעם סאַמע באַשיימפּערלעכן פאַרברעכער האָט מען געקאָנט איבערלאָזן „אונטער אַ שטאַרקן בשאָד“ און אָפּלאָזן פריי אָפּ אַלע פיר זייטן, און דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך, אויב מע זאָל נאָר אַ טראַכט טאָן: דער געריכט האָט זיך געשטעלט פאַר אַ צוועק אָפּצוהיטן די אינטערעסן פונעם האַנדל־קאַפּיטאַל און פון די קאַפּיטאַליסטן; אַ מענטש, וואָס איז בעקויעך צו געבן כאַבאַר, האָט, אַפּאָנים, געלט אין קעשענע.

הייסט עס, אַז ער גערעדט גיכער צו די, וואָס מע ב[illegible] צו די, קעגן וועלכע מע באַשיצט. וויאַזוי דאַרף מען דענקען וועגן זײַן לױאַליטעט צו אים? אַפֿ וויפֿל [illegible] געווען פֿאַרשפּרייט דאָס כּאַבאַר־נעמען, ווײַזן אַלע אויסגעצייכנטע פֿון דער ליטעראַטור (פֿון גאָגאָלס „טויטע נעפּאַשעס" און „רעוויזאָר", למשל. דאָרטן האָט מען, לויט די צענזור־באַדינגונגען פֿון ניקאָלײַ דעם ערשטנס צײַטן, וועגן גאָגאָל האָט געשריבן, געקאָנט ברענגען מער ניט ווי קליינע פֿאַלן פֿון כּאַבאַר־נעמען; נאָר אין גרויסע איניאַנים, וועגן וועלכע מע האָט ניט געטאָרט שרײַבן, איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען, דאָס זעלביקע). געבן כּאַבאַר אַ גערעכטער באַאַמטן איז געווען פּונקט אַזאַ געוויינלעכע זאַך, ווי געבן טרינקגעלט אַ שווייצאַר אָדער דעם הויף־וועכטער; אין ניקאָלײַ דעם ערשטנס צײַטן פֿלעגט דער יוסטיץ־מיניסטער, פּאַנין, אַלייַן געבן כּאַבאַר, ווען ער פֿלעגט האָבן צו טאָן מיטן געריכט, און ער פֿלעגט געבן אַפֿילו דעמאָלט, ווען ער איז געווען אינגאַנצן גערעכט, ווען ער האָט נעדאַרפֿט געווינען דעם איניען לויטן געזעץ. געוווינהייט איז די צווייטע נאַטור.

ניט נאָר אין דער געריכט־פֿירונג האָט געהערשט דער סאָד, דאָס גאַנצע לעבן פֿון דער לײַבייגנטימערישער מעלוכע איז געווען אײַנגעהילט אין סודעס. דער האַנדל איז אינגאַנצן געבויט אויף סודעס: די סאָכרים פֿאַרבאַהאַלטן איינער פֿאַרן צווייטן, פֿון די קונים דעם עמעסן ווערט פֿון דער סכוירע. זיי דערציילן ניט, וווּ זיי האָבן גענומען די סכוירע, וויפֿל סכוירע זיי האָבן אַוועק. די האַנדל־ביכער זײַנען אַ הייליקע זאַך פֿאַרן האַנדל־הויז, וואָס מע באַווײַזט זיי בלויז מענטשן, וועלכע האָבן דעם פֿולן צוטרוי פֿונעם באַלעבאָס. פּונקט מיט אַזאַ סאָד איז אויך דורכגעדרונגען דאָס לעבן פֿון דער מעלוכע, וואָס דער האַנדל־קאַפּיטאַל האָט געשאַפֿן. מע פֿלעגט, למשל, דעמאָלט ניט דרוקן די רעשימע פֿון די מעלוכע־האַכנאָסעס און הוצאָעס, און קיינער האָט פֿון איר ניט געוווּסט, אַחוץ דעם קייסער און עטלעכע מיניסטאָרן. אַלע זיצונגען פֿון די העכערע מלוכע־אַנשטאַלטן זײַנען געווען פֿאַרמאַכטע, און פֿון די מער וויכטיקע אַנשטאַלטן — אַפֿילו קאָנפֿידענציעלע. דערציילן וועגן דעם, וואָס עס פֿלעגט פֿאָרקומען אויף די דאָזיקע זיצונגען, איז געווען נאָך אַ גרעסערער פֿאַרברעכן, ווי געבן אַ גערעכטלעכע אינפֿאָרמאַציע. מע פֿלעגט ניט טאָרן פֿאַרעפֿנטלעכן די סאַמע געוויינלעכע פֿאַקטן, אויב נאָר זיי האָבן געהאַט אַ שײַכעס צו דער מעלוכע־מאַכט און צו איר פֿאָרשטייער, אַפֿילו די סאַמע קלענסטע. הערצענען האָט מען אַרויסגעשיקט פֿון פּעטערבורג דערפֿאַר, וואָס ער האָט אין אַ בריוו צו זײַן פֿאָטער אָנגעשריבן, אַז אײַנער אַ גאָראָדאָוואָי האָט דערהאַרגעט אַ פֿאַרבײַגייער. אַ צווייטער צופֿאַל איז נאָך בעסער. אינעם געבורטסטאָג פֿון דער קייסערינע אַלעקסאַנדראַ, ניקאָלײַ דעם ערשטנס פֿרוי, פֿלעגט אין פּעטערהאָף אײַנגעאָרדנט ווערן אַ פּראַכטפֿולע איליומינאַציע, און פֿון פּעטערבורג פֿלעגן אַהין קומען צו פֿאָרן טויזנטער צושויער; איינמאָל האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן צוויי דאַמפֿשיפֿן מיט אַזאַ עולעם, און, איינע פֿון זיי איז דערטרונקען געוואָרן. אַ סך מענטשן זײַנען אומגעקומען. נאָר גערעדט האָט מען וועגן דעם שטילערהייט. אַזוי ווי דאָ איז געווען פֿאַרמישט דער קייסערינעס געבורטסטאָג, האָט מען די מײַסע ניט געטאָרט פֿאַרעפֿנטלעכן. אויף יעדן, מער אָדער ווייניקער וויכטיקן געשעפֿט־פּאַפּיר, איז געווען די אויפֿשריפֿט: „קאָנפֿידענציעל". דאָס איז פֿאַרבליבן ביז דער נײַסטער צײַט אויף דיפּלאָמאַטישע דאָקומענטן, וואָס האָבן געהאַט אַ שײַכעס צו באַציִונגען מיט אַנדערע

מעלוכעס. אינעם אויסערנ-מיניסטעריומ איז ביזנ 1917-טנ יאָר ניט געווענ קיינ שומ ניט קאָנפידענציִעלע דאָקומענטנ. אונ אויב מע האָט געוואָלט באצייכענענ עטוואָס אזוינס, וואָס עס דאַרפ ווירקלעכ געהאטנ ווערנ בעסאָד, פלעגט מענ שרייבנ „בלויז פארנ מיניסטער" (אָדער „פאר אייכ"), „פולקומ אָנפארטרויט" אדג., ווייל דאָס וואָרט „בעסאָד" האָט שוינ קיינ שומ זאכ ניט אויסגעדריקט, — אלצ איז געווענ געהיימ.

געהיט דעמ האָזיקנ מעלוכע-סאָד האָט דאָס ב א א מ ט נ ט ו מ. דאָס באאמטנטומ אָדער די ביוראָקראטיע (א פרעמד וואָרט, צונויפגעשטעלט פונ צוויי: פונעמ פראנצויזישנ „ביוראָ", וואָס באטייט א שרייבטיש אונ אויכ א קאבינעט, אונ פונעמ גריכישנ „קראטאָס", וואָס באטייט קראפט; אינ איבערזעצונג באטייט עס: „טישפארוואלטונג" אָדער „קאבינעט-הערשאפט") איז פונקט אזא נייטיקער עלעמענט פונ א לייביגנטימערישער מעלוכע, ווי די בארבארישע שטראָפ-סיסטעמ, אָדער דער קאנצעליארישער סאָד. באַ א געהיימער פארמאכטער איניאָנימ-פירונג ווערט אלצ געטאָנ אפנ פאפיר. פונקט ווי אינ א דעמאָקראטיע רוקנ זיכ ארויס מענטשנ, וואָס קאָנענ ריידנ, אונ אינ דער פעאָדאלער וועלט — מענטשנ, וואָס קאָנענ זיכ גוט שלאָגנ, אזוי איז באַ דער הערשאפט פונעמ האנדל-קאפיטאל רוקנ זיכ ארויס די מענטשנ, וואָס קאָנענ שרייבנ: ניט פאָשעט גוט שרייבנ, ניט קיינ שרייבער, נאָר אזוינע, וואָס קאָנענ גוט שרייבנ „געשעפט-פאפירנ", דאָס הייסט, אויסלייגנ דעמ „מעלוכע-סאָד" מיט א פארפלאָנטערטער, דריידלדיקער שפראכ. די דאָזיקע באאמטישע קוידערוועלישע שפראכ איז שוינ אליינ פאר זיכ געווענ א סאָד, וואָס האָט אָפגעטיילט די מעלוכע-איניאָנימ פונ די, וואָס זיינענ מיט זיי ניט באקאנט געווענ. ניט נאָר פאָשעטע מענטשנ, וואָס האָבנ געקאָנט לייענענ אונ שרייבנ, נאָר אפילע די שעפנ, וואָס האָבנ ניט דורכגעמאכט אזא באאמטנ-שול, פלעגנ ניט פארשטיינ די פאפירנ, וואָס זיי פלעגנ אונטערשרייבנ. קיינ שומ אוניווערסיטעט האָט ניט געקאָנט צוגרייטנ דירעקט צו א באאמטנ-קאריער: דעמ יונגנמאנ, וואָס פלעגט ענדיקנ דעמ וויסנשאפט-קורס, פלעגט מענ ארייננזעצנ אינ א קאנצעליאריע, דאָרטנ פלעגט ער איבערשרייבנ פאפירנ, ביז ער פלעגט ניט באהערשנ די סוידעס פונעמ „געשעפטס"-סטיל. אנ אלטער דרייער, וואָס האָט אָפגעדינט 30 יאָר, איז אינ דעמ פראט געווענ א סאכ שטארקער פאר א דאָקטער פונ אלע וויסנשאפטנ. דאָס באאמטנטומ, וואָס איז געשאפנ געוואָרנ דורכנ האנדל-קאפיטאל אונ דורכ דעמ לייבייגנטומ צוליב זייערע באדערפענישנ, האָט געהערשט איבער זיי אדאנק דעמ געדריידלטנ סאָד: דער דינער איז געוואָרנ שטארקער פאר זיינע הארנ. דער סויכער פלעגט זיכ קלאָגנ, אז ס'איז געוואָרנ ניט אויסצוהאלטנ פונעמ באאמטנ, דער פאָרעץ פלעגט אימ כאנפענענ אָדער פלעגט סקריפענ מיט די ציינ פונ מאכטלאָזיקנ קאס. „א באאמטער א ביוראָקראט אונ א מיטגליד פונ דער געזעלשאפט זיינענ אבסאָליוט קעגנזעצלעכע באשעפענישנ", האָט געשריבנ איינ אדעליקער אינ דער צייט פונ דער פויערימ-רעפאָרמע.

דאָס באאמטנטומ קומט אופ באַ אונדז אינ איינ צייט מיטנ האנדל-קאפיטאל, נאָכ אינ דער מאָסקווער רוס. די דעמלטיקע באאמטע, די ד יא ק ע ס, האָבנ שוינ געהאט אינ זיכ אלע באזונדערקייטנ פונעמ צוקונפטיקנ „ביוראָקראט", פונקט ווי א קערנ האלט אינ זיכ דאָס גאנצע צוקונפטיקע געוויקס. מענטשנ, וואָס האָבנ געשטאמט פונ נאָר א קליינעמ ייכעס (די ערשטע דיאקעס פלעגנ אָפטמאָל שטאמענ אויכ פונ די כאָלאָפעס), האָבנ געהאט אינ זייערע הענט א קאָלאָסאלע מאכט, — אינ די אויגנ פונ די אויסלענדער האָבנ די הויפט-דיאקעס, די „דומע"-

דיאקעס אויסגעזוכנ ווי עמעסע „קייסאָרימ", — זיי פלעגנ ניסאשער ווערנ, פלעגנ זיכ בויענ „שטיינערנע פּאלאצנ אזעלכע, אז ס'איז גאָר ניט שיינ צו דערציילנ", ווי עס פלעגנ זיכ קלאָגנ די דעמלטיקע סאָכרימ. די פונ זיי, וואָס עס פלעגט אָפּגליקנ מער פונ אנדערע, פלעגנ סאָפּקאָלסאָפּ פארקריכנ צו די גרויסע מעיוכאָסימ: אינ דער מעהומע־צײַט, אינ די צײַטנ פונעמ קייסער וולאדיסלאוו, האָט דער דיאק פּיאָדאָר אנדראָנאָוו רעגירט מיט דער מעלוכע. בא די ערשטע ראָמאנאָווס פלעגנ דיאקעס קאָמאנדעווענ איבער דער באָיארישער דומע, אונ אינ די צײַטנ פונעמ דריטנ ראָמאנאָוו איז א מיידל פונ א דיאקישער פאמיליע געוואָרנ א קייסערינע: פּיאָטערס ערשטע פרוי (וואָס ער האָט זי שפּעטער פארשפּארט אינ א מאָנאסטיר) איז געווענ לאָפּוכינא אונ די לאָפּוכינס האָבנ געשטאמט פונ א דיאק. אינ פּיאָטערס צײַטנ האָט זיכ דאָס באאמטנטומ, וואָס איז פארשטארקט געוואָרנ מיט ארויסגערופענע פונ אויסלאנד ספּעציאַליסטנ פונ דעמ דאָזיקנ איניען, ענדגילטיק אָרגאניזירט. אלע אָנגעשטעלטע פונ דער מעלוכע זײַנענ צעטיילט געווענ לויט א „ראנגענ־טאבעלע" אפ 14 קלאסנ. דער נידעריקסטער איז געווענ דער „רעגיסטראטער", וואָס פארשרײַבט די ארײַנקומענדיקע אונ ארויסגייענדיקע פּאַפּירנ, אונ אינ שפּיצ זײַנענ געשטאנענ די „געהיימ־ראטנ" אונ די „ווירקלעכע געהיימראטנ", וואָס מיט זייער טיטל אליינ דערמאָנענ זיי וועגנ דעמ יעסאָד, אפ וועלכנ ס'האָט זיכ געהאלטנ די גאנצע סיסטעמ — וועגנ „מעלוכע־סאָד". דעמ באטײַט פונ א מענטשנ אינ דער געזעלשאפט פלעגט מענ מעסטנ לויט דעמ, וואָס פאר אנ אָרט ער פארנעמט אינ דער ראנגענ־טאבעלע, וואָס פאר א ראנג (טשינ) ער האָט, פאר די סאמע מעיוכעסדיקע אדעליקע פלעגט די זאכ אויסגעגלײַכט ווערנ דורכ דעמ, וואָס זיי פלעגנ באקומענ ראנגענ, אפילע ווענ זיי האָבנ ניט געדינט. די פּראָווינציעלע פּריצימ אָבער זײַנענ געווענ אינגאנצנ אָפּהענגיק פונ די אָרטיקע גרויסע באאמטע. דער באשטימטער באאמטער פונ פּעטערבורג, דער גובערנאטער, האָט געהאט אפילע רעכט צו ארעסטירנ אנ אדעליקנ, אונ דער פּראָווינציעלער אדל האָט געהאט די מעגלעכקײַט צו פארטיידיקנ זיכ קעגנ דער „אויבערמאכט פונ דער ביוראָקראטיע" בלויז קאָלעקטיוו: די אדעליקע פונ יעדנ אויעזד אונ פונ יעדער גובערניע פלעגנ אויסקלײַבנ זייערנ אנ אָנפירער (Предводитель), מיט וועלכנ דער גובערנאטער האָט זיכ שוינ געמוזט רעכענענ, די אדל־פארזאמלונגענ ווידער האָבנ געהאט דאָס רעכט צו שיקנ אָנקלאָגנ דירעקט דעמ קייסער, אויסמײַדנדיק די באאמטע.

ווענ דער סעוואסטאָפּאָלער קריג האָט אוועקגעשטעלט די פראגע וועגנ „רעפאָרמעס", האָבנ זיכ די דאָזיקע רעפאָרמעס ניט געקאָנט באגרענעצנ מיט דעמ לײַבייגנטומ. זיי האָבנ געמוזט פארכאפּנ אי די פּאָליציי, אי דאָס געריכט, אי די „ביוראָקראטיע". אונ די לעצטע האָט זיכ טאקע ארויסגעוויזנ פאר דעמ פעסטנ כקלעט, וואָס האָט אויסגעהאלטנ דעמ דראנג פונ די „רעפאָרמעס" אונ האָט אײַנגעהאלטנ, אינ אלגעמיינ אונ אינגאנצנ גענומענ, די מאכט פאר די פּריצימ אונ פארנ האנדל־קאפּיטאל. די גרעסטע קאָרבאָנעס האָט די לײַבייגנטימערישע מעלוכע געמוזט ברענגענ אינעמ געביט פונ ג ע ר י כ ט. ניט נאָר דער אינדוסטריעלער, נאָר אויכ דער האנדלשער קאפּיטאל האָבנ זיכ געמוזט פארטראכטנ וועגנ דעמ, וויפל עס וועט אימ אָפּקאָסטנ דער כאבאר בא דעמ פארנעמ, וואָס עס דארפ איצט באקומענ דאָס עקאָנאָמישע לעבנ פונעמ לאנד. באמ פריערדיקנ פארהעלטניס־מעסיקנ קליינעמ סכוירע־אומזאצ האָט מענ זיכ געקאָנט באגיינ מיט צענדליקער

אונ הונדערטער טויזנטער; איצט האָט שוינ געשמעקט מיט צענדליקער מיליאָנענ; אפ אזא פארקלענערונג פונ זיינע רעוואָכימ האָט שוינ דער קאפּיטאליסט ניט געקאָנט איינגיינ. ס׳האָט זיך אָנגעהויבנ אנ אָנראכמאָנעסדיקער קאמפּ קעגנ באבאדעמ באבארניק האָט מענ אָנגעהויבנ העצנ אומעטומ — אינ די צייטונגענ, זשורנאלנ, קאָמעדיעס, ראָמאנענ, דערציילונגענ. שוינ ניקאָליי דער ערשטער — מיר געדענקענ, אז ער איז מיט איינ פוס געשטאנענ אינ דעמ נייעמ קאפּיטאליסטישנ רוסלאנד, אונ מיטנ צווייטנ — אינ דעמ אלטנ, פעאָדאלנ, — האָט געמוזט דערלאָזנ, מע זאָל אופדעקנ די קליינע באבארניקעס (גאָגאָלס „רעוויזאָר" אונ „טויטע נעפּאשעס"). ער האָט זיך אויך געמוזט אָפּזאָגנ פונעמ קנוט (איבערלאָזנדיק דעמ קאנטשיק אונ דאָס טרייבנ „דורכנ סטרוי") אונ צומ סאָפ פונ זיינ רעגירנ איז צונויפגעשטעלט געוואָרנ א פּראָיעקט פונ א געריכט־רעפאָרמע אפ נייע יעסוידעס, נאָר ער האָט, ווי געוויינלעך, ניט געהאט קיינ מוט דורכצופירנ דעמ פּראָיעקט אינ לעבנ. ווענ מע האָט אָפּגעשאפט דאָס לייביגנטומ איז שוינ ניקאָלייס פּראָיעקט געווענ פארעלטערט. אלעקסאנדער דעמ צווייטנס געריכט־רעפאָרמע איז אוועק א סאך ווייטער פונ אימ. זי האָט איינגעפירט אינ רוסלאנד קימאט מערעוו־אייראָפּעישע (דאָס הייסט אזוינע, וואָס זיינענ אייגנטימלעך פאר אנ אָנטוויקלטנ אינדוסטריעלנ קאפּיטאליזמ) פאָרמענ פונ געריכטפירונג. דער פארמאכטער געריכט איז פארביטנ געוואָרנ מיט אנ עפנטלעכנ; דער פּראָצעס, וואָס האָט זיך פריער געהאט געפירט אויסשליסלעך אפנ פּאפּיר, איז פארביטנ געוואָרנ אפ א מונדלעכנ דיספּוט צווישנ די צדאָדימ. דעמ אורטייל איבער די וויכטיקסטע קרימינעלע איניאָנימ פלעגנ, ענדלעך, ארויסטראָגנ ניט קיינ באאמטע, נאָר געשוואָרענע, וואָס פלעגנ גענומענ ווערנ פונ דער געזעלשאפט גופע. אונ פאר וויניקער וויכטיקע איניאָנימ זיינענ איינגעפירט געוואָרנ אויסגעוויילטע „פרידנ־ריכטער".

עס פארשטייט זיך, אז די בורזשואזע שרייבער האָבנ וועגנ דער „גרויסקייט" פונ דער געריכט־רעפאָרמע געשריענ נאָך מער, ווי וועגנ דער „אומייגנוציקייט" פונ דער פויערימ־רעפאָרמע. דאָ האָבנ זיי, עפּשער, געלייגט עטוואָס וויניקער: די געריכט־רעפאָרמע איז געווענ די סאמע געראָטענע פונ די רעפאָרמעס פונ די 60־קער יאָרנ, ביפראט נאָך ווענ מע זאָל נעמענ אינ באטראכט, אז גלייכצייטיק זיינענ אינגאנצנ אָפּגעשאפט געוואָרנ די קערפּער־שטראָפנ לויטנ געריכט (בלויז בא די פויערשע, בא די וואָלאָסט־געריכטנ, וואָס האָבנ זיך געפונענ, ווי מיר ווייסנ, אונטער דער קאָמאנדע פונ די אדעליקע, איז נאָך פארבליבנ דאָס רעכט אָנצווענדנ שמיץ). מע טאָר אָבער פונדעסטוועגנ ניט פארגעסנ, אז די דאָזיקע רעפאָרמע האָט, ערשטנס, פולקומ באשיצט די אינטערעסנ בלויז פונ דער בורזשואזיע: געשוואָרענע אינ שטאָט האָבנ געמעגט זיינ בלויז מענטשנ, וואָס האָבנ געהאט א באשטימטע האכנאָסע (געהאלט אדג.), וואָס איז געווענ באדייטנדיק גרעסער פאר די סכירעס פונ א געוויינלעכנ ארבעטער אָדער אפילע פונ א קליינעמ אָנגעשטעלטנ. אזוי־ארומ פלעגט אינ די שטעט צווישנ די געשוואָרענע אריינפאלנ בלויז די בורזשואזיע. פונ די פויערימ פלעגנ דערלאָזנ ווערנ אלס געשוואָרענע בלויז די, וואָס האָבנ געהאט א פארמעגנ, א וואָסער ניט איז שטעלע אינ דער פויערשער „זעלבסטפארוואלטונג", דאָס הייסט אזוינע, וואָס זיינענ דורכגעגאנגענ א גרינטלעכע שול בא די אדעליקע „געמיינדע־פארמיטלער". די מאסע פונעמ ארבעטנדיקנ פויערטומ איז אויך דאָ באזייטיקט געוואָרנ פונעמ אָנטייל. פרידנ־ריכטער האָבנ אויך געמעגט אויסגעקליבנ ווערנ בלויז פונ צווישנ די, וואָס האָבנ געהאט א געוויסנ פארמעגנ. אונ דער אי־

קער איז, וואָס די אזוי געלויבטע „מונדלעכע און עפנטלעכע געריכט־פירונג", דער „דיספּוט־פּראָצעס" איז ווי בעקיוון געווען איינגעאָרדנט פאַר די רייכע מענטש. פעדיי ארויסצוטרעטן עפנטלעך אפן געריכט, איז נייטיק א וואָסער ס'ניט איז בילדונג, מע דאַרף זיין באַקאַנט מיט די געריכט־פאָרמאַליטעטן. ס'איז לעסאָפּ, פאַשעט נייטיק א געוווינהייט. פונוואַנען האָט דאָס אַלץ געקאָנט נעמען דער אַרבעטער אָדער דער פּויער? און אין ציוויל־געריכט, ווו מע מישפּעט זיך וועגן געלט, וועגן ערד, האָט מען נאָך געמוזט וויסן די געזעצן וועגן אייגנטום. און די געזעצן ווידער זיינען פאַרבליבן די אַלטע. דער טייוול אַליין וואָלט דאָ געבראָכן הענט און פיס. אָנשרייבן א ניעם געזעץ־קאָדעקס האָט מען ניט געהאַלטן פאַר נייטיק. די רייכע מענטשן האָבן געהאַט א מעגלעכקייט צו באַפרייען זיך פון דעם אַלעמען, זיי פלעגן דינגען אַן אַדוואָקאַט, א געבילדעטן יוריסט, וואָס פלעגט שטענדיק ארומגיין איבער די געריכטן און איז באַקאַנט געווען מיט אַלע זייערע שפּיצלעך. פאַר די אָרעמעלייט פעגט דאָס געריכט־באַשטימען א פּאַרטייִדיקער, און דאָס זיינען געווען דאָסראָוו יונגע, ניט דערפאַרענע אַדוואָקאַטן. טאָמער זיינען עס געווען אַלטע און גענימע, פלעגן זיי זען ווי עס איז אָפּצופּאַטערן דעם איניען, וואָס קיין „האָנאָראַר" פאַר אים האָבן זיי ניט געהאָפט צו באַקומען. בייסן געריכט־דיספּוט איז דער בורזשואַ אַזוי־אַרום געווען א סאַך בעסער באַוואָפנט, איידער דער ניט־בורזשואַ. צווייטנס, איז די רעפאָרמע ניט דערפירט געוואָרן ביזן סאָף, — דאָס האָבן געמוזט מודע זיין אויך די בורזשואַזע היסטאָריקער, — און אַכוץ דעם איז זי נאָך אינגיכן ארומגעשניטן געוואָרן. פאַר די וויכטיקסטע איניאָנים, אין וועלכע ס'איז געווען פאַרינטערעסירט די רעגירונג גופא, פאַר „פּאָליטישע" איניאָנים, איז פאַרבליבן, ווי פריִער, א באַאַמטן־געריכט מיט די אַזויגערופענע „שטאַנדן־פאָרשטייער" (אָבער אויך אין אַלטן געריכט זיינען געווען, ווי מיר וויסן, פאָרשטייער פון די שטאַנדן); אינגיכן איז דער דאָזיקער געריכט פאַרשפּרייט געוואָרן אַף אַלע איניאָנים, אין וועלכע ס'איז פאַרמישט געווען דאָס באַאַמטנטום. די עפנטלעכקייט איז ארומגעשניטן געוואָרן דורך דעם, וואָס דער געריכט האָט באַקומען דאָס רעכט צו „פאַרמאַכן די טירן", דאָס הייסט צו מאַכן געהיים די באַהאַנדלונג. א געריכט מיט שטאַנדן־פאָרשטייער בא פאַרמאַכטע טירן האָט זיך שוין ווייניק וואָס אונטערשיידט פונעם אַלטן געריכט — בלויז מיט דעם, וואָס אפן געריכט פלעגט בייזיין א פּאַרטייִדיקער. לעסאָף איז פאַרהיט געוואָרן דער א ד מ י נ י ס ט ר א ט י ו ו ע ר מ י ש פּ ע ט: דער מיניסטער אָדער דער גובערנאַטער האָבן געהאַט דאָס רעכט צו פאַרשיקן קיין סיביר אָן שום געריכטלעכער באַהאַנדלונג, און די פּאָליציי פלעגט אָן שום באַהאַנדלונג ברעכן אין די צירקלען די ביינער, ווען זי האָט געהאַלטן פאַר נייטיק.

די סאַמע „אייראָפּייִשע" פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס רעפאָרמעס האָט אַף אַזאַ אויפן איינגעהיט גאַנץ גענוג „עכט־רוסישע" שטריכן. נאָך מער אַזעלכע שטריכן איז פאַרבליבן אין דער צווייטער רעפאָרמע, וואָס מיט איר האָבן נאָיווע מענטשן געמיינט ענדגילטיק צעברעכן די הערנער דעם באַאַמטנטום — אין דער ז ע מ ס ט וו ע־רעפאָרמע. ביזן 1861־טן יאָר זיינען אַלע אָרטיקע איניאָנים — די פּאָליציי, דער געריכט איבער קליינע פאַרברעכנס, דאָס האַלטן אין אָרדענונג די וועגן אאַוו. — געווען אין די שטעט אין די הענט פון די סאָחרים, און אין די דערפער — אין די הענט פון די פּריצים. אַנדערש געזאָגט, די אָרטיקע איניאָנים פון 90% רוסישער באַפעלקערונג זיינען געווען אין די הענט פונעם אַדל. וועגן

דער אָרטיקער ווירטשאפט, וועגנ די וועגנ, בריקנ, שפּיטאָלנ, שולנ האָט קימאט קיינער ניט געזאָרגט; קיינ שולנ איז קימאט גאָרניט געווענ, שפּיטאָלנ זײַנענ געווענ גיכער אינ די גרויסע גיטער, אײַנגעאָרדנט דורכ די „אופגעקלערטע" פּריצימ, טיילווײַז פונ גײַווע, טיילווײַז אלס א נייטיקער אטריבוט פונ א גוט אײַנגעאָרדנטער ווירטשאפט. מיט איינ וואָרט, די „זעמסטווע" פונ פאר דער רעפאָרמע האָט קימאט קיינער ניט באמערקט, אונ ווענ עס זײַנענ אינ 1864־טנ יאָר געשאפנ געוואָרנ די „זעמסטווע־אנשטאלטנ", האָט זיכ אלעמענ געדוכט, אז אינ רוסלאנד איז אופגעקומענ עפּעס א נײַס, אונ, ווי עס האָבנ אפילע געמיינט די אײַנגעליבטע אינ זיכ רעפאָרמאטערס, עטוואָס גאנצ אָריגינעלס, וואָס דערצו איז מענ ניט דערגאנגענ אינ קיינ שומ אנדער לאנד. אינדערעמעסנ זײַנענ אונדזערע זעמסטווע־אנשטאלטנ געווענ א גאנצ פּינקטלעכע קאָפּיע פונ פּרײַסנ, פונעמ סאמע ביוראָקראטישנ לאנד אינ מײַרעוו־אייראָפּע. פונ דאָרטנ האָט מענ אויכ גענומענ דעמ זעמסטווע־„צענז", דאָס אײַנטיילנ באמ קלײַבנ אינ די זעמסטווע־אנשטאלטנ די גאנצע באפעלקערונג אינ דרײַ „קוריעס", מער ניט וואָס אינ פּרײַסנ פלעגנ זיכ די דאָזיקע „קוריעס" אונטערשיידנ איינע פונ דער אנדערער לויטנ סכומ שטײַערנ, וואָס זיי פלעגנ אײַנצאָלנ, אנדערש געזאָגט, לויט זייער רײַכקײַט, אזוי, אז די גרויס־בורזשואזיע האָט געהאט $1/3$ פונ אלע שטימענ (האגאמ זי האָט עפּשער ניט געבילדעט קיינ 1% פונ דער באפעלקערונג), די מיטלע בורזשואזיע האָט געהאט $1/3$ (האגאמ זי האָט געבילדעט עפּשער ניט מער ווי $1/10$ פונ דער באפעלקערונג), אונ די גאנצע איבעריקע באפעלקערונג, דאָס הייסט, ביז 90% אײַנוווינער, אויכ $1/3$. אזוי־ארומ זײַנענ אינ פּרײַסנ די וואלנ געווענ באזירט אפ א *ריינ בורזשואזנ פּרינציפּ* — אפנ פארמעגנ־פּרינציפּ. דאָס „רוסיפיצירנ" דעמ דאָזיקנ פּרינציפּ האָט זיכ אויסגעדריקט אינ דעמ, וואָס בא אונדז איז אײַנגעפירט געוואָרנ, האגאמ אינ א פארשטעלטער פאָרמ, דער *שטאנדנ־פּרינציפּ*: $1/3$ פונ אלע שטימענ האָבנ באקומענ די „פּערזענלעכע ערדבאזיצער", דאָס הייסט, די אדעליקע פּריצימ, ווײַל קיינ אנדערע פּערזענלעכע ערדבאזיצער, מיטנ אויסנאמ פונ די אינדוסטריעלע גובערניעס, ווו אויכ די פאבריקאנטנ האָבנ געהאט גיטער, איז קימאט ניט געווענ; $1/3$ איז אָפּגעגעבנ געוואָרנ דעמ „געמיינדישנ ערד־פארמעגנ", דאָס הייסט, די פּויערימ, אונ $1/3$ — אלע איבעריקע, דאָס הייסט, דער בורזשואזיע. אדאנק דעמ, האָבנ די אדעליקע אונ די באאמטע געבילדעט אינ די אויעזד־פארזאמלונגענ קימאט א *העלפט* פונ אלע ראטמענער, אונ צוזאמענ מיט דער בורזשואזיע — קימאט *צוויי דריטל*; די פּויערימ אָבער — עטוואָס מער פונ *איינ דריטל*. באמ אויסקלײַבנ די גובערניאלע ראטמענער, וואָס פלעגנ געשיקט ווערנ שוינ ניט דירעקט דורכ דער באפעלקערונג, נאָר דורכ די אויעזד־זעמסטוועס, איז די מערהײַט שוינ פונ לעכאטכילע אָנ געווענ געזיכערט פאר דער בורזשואזיע אונ צווישנ דער לעצטער — פאר די ערדבאזיצער: אינ די גובערניאלע פארזאמלונגענ האָבנ די אדעליקע אונ די באאמטע באטראָפנ: שוינ מער ווי $4/5$ אונ די פּויערימ — ווייניקער ווי $1/10$. לעסאָפ, איז אינ די פארוואלטונגענ (אופּראוועס), אינ די אויספיר־אָרגאנענ פונ די זעמסטווע־פארזאמלונגענ, אינ דער זעמסטווע־„רעגירונג", — ווײַל פארוואלטנ פלעגנ טאקע די אופּראוועס, וואָס פלעגנ ארבעטנ שטענדיק, אונ ניט די פארזאמלונגענ, וואָס פלעגנ צונויפגערופנ ווערנ איינ מאָל אינ יאָר ניט מער ווי אפ 20 טעג, — דאָרטנ איז די איבערוואָג פונ די פּריצימ געווענ א נאָכ מער באדײַטנדיקע: אינ אויעזד האָבנ זיי אליינ, אָנ

דער בורזשואזיע, געהאַט אַן אַבסאָליוטע מערהייט, און אין די גובערניאַלע אופּראַוועס איז געווען 10% פּריצים, און סך־הכּל אַנדערהאַלבן פּראָצענט פּויערים.

דערפאַר אָבער, אויב מיר וועלן נעמען די זעמסטווע־שטייערן, וועלן מיר באַקומען פּונקט אַ פאַרקערט בילד: אַ העקטאַר „אײַנגעטיילטע" ערד, ד. ה. פּויערשע ערד, האָט געצאָלט 37 קאָפּעלעס, אַ העקטאַר אַדעליקע ערד — 19 קאָפּ. און אַ העקטאַר מעלוכישע און „קרוינישע" ערד, ד. ה. אַזאַ, וואָס האָט געהערט צו דער קייסערלעכער פאַמיליע — סך־הכּל 11 קאָפּ. קימאַט ווי עס שטייט געשריבן אין עוואַנגעליע: ס'וועט געגעבן דעם, וואָס פאַרמאָגט און אָפּגענומען בײַ דעם, וואָס פאַרמאָגט ניט. צו דער לאַסט, וואָס פלעגט נאָכן 19־טן פעברואַל 1861־טן יאָר אויספּרעסן פונעם פּויער דעם „מער־פּראָדוקט", האָט אויך די „זעמסטווע־זעלבסט־פאַרוואַלטונג" צוגעגעבן אירס אַ געוויכטל. אויב מע זאָל נאָך דערצו צוגעבן, אַז די פּריצים פלעגן שרעקלעך אומפּינקטלעך צאָלן די שטײַערן, וואָס פלעגן אויסקומען אויף זייער חלק, אַז די שטײַערן־כּיוועס פון דער פּריצישער ערד זײַנען געווען אַ סך גרעסער, איידער פון דער פּויערשער, און דערבײַ איז וואָס רײַכער ס'איז געווען דער פּאָרעץ, אַלץ ערגער פלעגט ער צאָלן און אַלץ שווערער איז געווען עפּעס וואָס אָפּצומאָנען פון אים, — וועלן מיר דעמאָלט באַקומען אַ פולקום בילד: אויך אין דער זעמסטווע־רעפאָרמע, ווי אין דער פּויערים־רעפאָרמע, האָט די אַלטע אָרדענונג געזיגט מער ווי אָפּגעהאָלפט. די זעמסטווע־זעלבסטפאַרוואַלטונג איז, אין טאָג גענומען, פאַרבליבן אַ זעלבסטפאַרוואַלטונג פונעם אַדל אויפן חשבּון פון די פּויערים. און פאַר די לעצטע איז געווען אַ קנאַפּע טרייסט דאָס, וואָס איצטער איז עס נאָך ווייניקער געווען אַ זעלבסטפאַרוואַלטונג ווי פריִער.

די ריין־בײַמטערישע מלוכה האָט מער צוטרוי געהאַט צום פּאָרעץ, איידער צו די האַלב־בײַמטערישע, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט אין רוסלאַנד נאָך די 60־קער יאָרן. ביז דער זעמסטווע־רעפאָרמע פלעגן די אָרטיקע פּריצים אויסקלײַבן פון זיך דעם אָרטיקן געריכט, סײַ די אָרטיקע פּאָליציי. איצט איז בײַ זיי פאַרבליבן דאָס רעכט אויסצוקלײַבן ריכטער: דעם פרידן־ריכטער פלעגט אויסקלײַבן די אויעזדישע זעמסטווע־פאַרזאַמלונג, און מע קאָן שוין פאַרשטיין, וועמען זי פלעגט אויסקלײַבן, אויב שוין ניט רעכענען אַפילו דאָס, אַז קעדיי אויסגעקליבן צו ווערן, האָט מען געמוזט זײַן אַן אייגנטימער פון אַ נאַכלע, ניט נידעריקער פון אַ באַשטימטן ווערט; דער פרידן־ריכטער אין דאָרף איז שטענדיק געווען פון די פּריצים. פּאָליציי אָבער האָט אָנגעהויבן באַשטימען די צענטראַלע מאַכט: פריִער פלעגט דער איספּראַווניק אויסגעקליבן ווערן דורך די פּריצים פונעם אויעזד, איצט פלעגט אים אַראָפּשיקן די גובערניאַלע מאַכט. אויך בענעגייע צו דער דאָזיקער מאַכט זײַנען די זעמסטווע־פאַרזאַמלונגען געווען אַן אַנדער ווייניקער זעלבשטענדיק, איידער פריִער די אַדל־פאַרזאַמלונגען (וואָס זײַנען אויך איצטער פאַרבליבן, נאָר שוין אויסשליסלעך, ווי אַ שטאַנד־אָרגאַניזאַציע). יענע האָבן געהאַט דאָס רעכט צו דערלאַנגען באַקאָשעס אויפן „אַלערהעכסטן נאָמען", — די — ניט. דער גובערנאַטאָר איז אויך בעפּיירעש אָנגעשטעלט געוואָרן איבער זיי, ער האָט געדאַרפט נאָכקוקן נאָך דער „געזעצלעכקייט" פון זייערע באַשלוסן, פּונקט ווי דאָס וואָלט ניט געקאָנט טאָן דער געריכט, וואָס אין אַלע לענדער איז עיקר טאַקע דער היטער פון געזעצלעכקייט.

די בײַמטערישע מלוכה איז, אַזויאַרום, אויף אַלע פראָנטן אָפּגעטראָטן גאָר ניט ווײַט, און זי האָט זיך גלײַך פאַרפעסטיקט אויף די „הינטערלאַנד־פּאָזי־

ציעס". די רוסישע אינדוסטריע האָט ניט באַקומענ דאָס, וואָס עס האָבנ א לאַנגע צײַט פאַר דעמ געהאַט באַקומענ די ענגלישע און די פראַנצויזישע, — דאָס רעכט אָנטייל צו נעמענ אינעמ אָרגאַניזירנ דאָס לאַנד ווירכ א בורזשואַזנ פּאַרלאַמענט. זי האָט אַפילע ניט באַקומענ דאָס, וואָס עס האָט געהאַט די דײַטשישע אינדוסטריע: א שטענדיקע באַראַטונג-שטימ אינ אַזאַ מינ אָרגאַניזאַציע. א שטענדיקע בורזשואַזע פאָרשטייערשאַפט בא דער צענטראַלער מאַכט האָט די רוסישע בורזשואַזיע באַקומענ ערשט אַדאַנק דער אַרבעטער-רעוואָליוציע פונ 1905־טנ יאָר. זי האָט אַפילע ניט באַקומענ קיינ פרײַענ אַרבעטער. מיט וואָס זשע דערקלערט זיכ אַזאַ דערנידעריקטע לאַגע פונ דער רוסישער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע אינ פאַרגלײַכ מיט דער מערעוודיקער בורזשואַזיע? פאַרוואָס האָט זי קיינ האַזע ניט געהאַט צו פאָדערנ מער, ווי די נעבעכדיקע „גרויסע רעפאָרמעס" פונ די 60־קער יאָרנ, וואָס אויכ דאָס האָט זי ניט געקאָנט, ווי מיר וועלנ ווײַטער זענ, אײַנהאַלטנ אָנ האַנאָכעס? דאָ דאַרפנ מיר זיכ אומקערנ אַפ צוריק, און מיר וועלנ דערזענ, אַז דער רוסישער בורזשוא איז טכילעס געווענ אינ זײַנע טרוימענ אַפילע דרײַסטער פאַר די מערעוו-אייראָפּייִשע, אָבער די האַרבע ווירקלעכקײַט, — די ווירקלעכקײַט פונ דער רוסישער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, — האָט אונטערגעהאַקט די פליגלענ בא די דאָזיקע טרוימענ.

די רעוואָליוציאָנערע בורזשואַזיע

ביז איצט האָבנ מיר געמאָלט די אַנטוויקלונג פונ דער פאָלקווירטשאַפט און פונ די מעלוכע־פאָרמענ אינ רוסלאַנד אַזוי, ווי דער דאָזיקער פּראָצעס וואָלט געגאַנגענ אײַנגאַנצנ גלאַט, ווי ער וואָלט זיכ ניט אָנגעשטויסנ אַפ קיינע שומ מעניעס און שטערונגענ. מיר האָבנ געזענ, אַז דער דאָזיקער פּראָצעס איז די גאַנצע צײַט געגאַנגענ צו איינ ציל — צו עקספּלואַטירנ דעמ פּויער, אַמאָל אַפ אַזאַ, אַמאָל אַפ אַנ אַנדער שטייגער, און דערבײַ האָט דעמ פּויער צוערשט עקספּלואַטירט דער פּאָרעצ, וואָס האָט אָפּגענומענ בא אימ דעמ מער־פּראָדוקט, דערנאָכ האָט עס דער פּאָרעצ געטאָנ צוזאַמענ מיטנ האַנדל־קאַפּיטאַל. שפּעטער האָבנ זיי עס אָנגעהויבנ טאָנ בעשוטפעס מיטנ אינדוסטריעלנ קאַפּיטאַל, אָבער פאַר זיכ פלעגנ זיי איבערלאָזנ דעמ פעטסטנ ביילעק. און דער פּויער גופע — ער האָט דענ גלײַכגילטיק און אָנ טײַנעס אַריבערגעטראָגנ אָט די אַלע וואַקסנדיקע עקספּלואַטאַציע? אָדער ער פלעגט זיכ רירנ פונ צײַט צו צײַט און דערמאָנענ דעמ, וואָס איז געזעסנ אַפ זײַנ רוקנ, אַז ער, דער פּויער, איז אויכ א לעבעדיקער מענטש און ניט קיינ הילצערנ בענקל, און אַז זײַנ פּויערשער רוקנ פילט אויכ, וואָס עס איז שווער?

ער האָט זיכ גערירט, און אַזוי שטאַרק גערירט זיכ, אַז דאָס פלעגט אַפ אייניקע אָנוואַרפנ א שרעק און אַנ איימע, און געבנ האָפענונגענ — ניט שטענדיק באַגרינדעטע — די צווייטע. פונ די דאָזיקע האָפענונגענ איז אַרויסגעקומענ די פאָלקיסטישע רעוואָליוציע, וועגנ וועלכער מיר וועלנ דערציילנ אינעמ פאָלגנדיקנ קאַפּיטל. און די דאָזיקע שרעקנ האָבנ בא אונדז פאַרהאַלטנ די בורזשואַזע רעוואָליוציע, האָבנ זי פאַרהאַלטנ אַזוי לאַנג, ביז אינ רוסלאַנד האָט זיכ אָנגעהויבנ די אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָט אויסגעראָטנ בא דער רוסישער בורזשואַזיע די לעצטע רעשטנ פונ רעוואָליוציאָנערישקײַט.

נאָר דאָ דארפ מענ זיכ אפּ א ווײַלע אָפּשטעלנ אפּ דער פראַגע וועגנ דעמ, וועגנ וואָס פאר א בורזשואזיע רייד מיר עס, ווענ מיר דערמאָנענ וועגנ דער „רעוואָליוציאָנערישקײַט” פונ דער בורזשואזיע? אפּט פארשטייט מענ עס אזוי, אז אמאָל איז דער קאפּיטאליסטנ־קלאס (אונ דערבײַ קלײַבט מענ ניט פאנאנדער, וועלכע קאפּיטאליסטנ: צי די האנדל־קאפּיטאליסטנ, צי די אינדוסטריעלע) געווענ אליינ אומיטלבאר רעוואָליוציאָנער. דאָס איז קיינמאָל ניט געווענ, אונ דאָס קומט אינ ערגעץ ניט פאָר. א רעוואָליוציע איז שטענדיק א באוועגונג פונ דער פאָלק־מאסע, זי איז שטענדיק — דירעקט אָדער אומדירעקט — געווענדט קעגנ עקס־פּלואטאציע — יעטווידע רעוואָליוציע, ניט נאָר א סאָציאַליסטישע. אונ באַ־טראכט איצט, צי איז עס מעגלעכ, אז אנ עקספּלואטאטער זאָל רופנ דאָס פאָלק צומ קאמפּ קעגנ עקספּלואטאַציע? דאָס קאָנ, פארשטייט זיכ, קיינמאָל ניט זײַנ. נאָר איינ טייל עקספּלואטאטערס קאָנ שטענדיק אויסנוצנ דעמ אופשטאנד פונ די עקספּלואטירטע קעגנ א צווייטנ טייל עקספּלואטאטערס. דאָס איז, אויב איר ווילט, א באזונדערע פארמ פונ בורזשואזער קאָנקורענצ. אזוי האָט דער אינ־דוסטריע־קאפּיטאל אינ פראנקרײַכ צומ סאָפ XVIII יאָרהונדערט, מיט דער הילפ פונ דער פויערימ־אונ ארבעטער־רעוואָליוציע אראָפּגעוואָרפנ דעמ אלטנ האנדל־קאפּיטאל, וואָס איז געווענ ענג צוזאמענגעבונדנ מיטנ ערד־אייגנטומ, אונ דערנאָכ אליינ פארנומענ דאָס אָרט פונ די סאָכרימ אונ פּריצימ. דאָס באטײַט אָבער ניט, אז די פאבריקאנטנ אונ די זאוואָדטשיקעס זײַנענ געווענ די דירעקטע אָנפירער פונ דער פראנצויזישער רעוואָליוציע. די פראנצויזישע רעוואָליוציע פונ 1789־טנ יאָר האָט זיכ טאקע אָנגעהויבנ פונ אנ אופשטאנד אינ איינ פאבריק. די פירער פונ דער רעוואָליוציע אינ פראנקרײַכ זײַנענ געווענ ניט קיינ פאברי־קאנטנ, ניט קיינ אונטערנעמער ביכלאל, נאָר דער צווישנ־שיכט צווישנ די אונ־טערנעמער אונ דער קליינבורזשואזיע, — מענטשנ, וואָס זײַנענ ענג פארבונדנ מיטנ אינדוסטריעלנ קאפּיטאל, וואָס זײַנענ אָפּהענגיק פונ אימ, אָבער אליינ עקס־פּלואטירנ זיי ניט דירעקט די פאָלקמאסנ. אָט דעמ שיכט געבילדעטע טעלערלע־קערס פונ קאפּיטאל, פונ „געלערנטע דעסיאטניקעס” (אופזעערס) רופט מענ אינ רוסלאנד געוויינלעכ אָנ אינטעליגענצ (ד. ה. מענטשנ, „וואָס וויסנ, וואָס פארשטייענ”).

די אינטעליגענצ לעבט אויכ אפּנ כעזשבנ פונעמ מעַר־פּראָדוקט. אונ דעריב באשטייט איר צוזאמענבונד מיט דער בורזשואזיע. ווײַל וואָס גיכער אונ ברייטער עס אנטוויקלט זיכ דער קאפּיטאליזמ, אלצ בעסער איז פאר איר, ווײַל אלצ מער נייטיקט מענ זיכ דעמלט אינ אינטעליגענטנ פּראָפעסיעס, אלצ ברייטער איז דאָס פעלד פאר דער טעטיקײַט פונ דער אינטעליגענצ. דער האנדל־קאפּיטאל האָט גע־האט בא זיכ, — אלס אינטעליגענטע דינערס, בלויז דאָקטוירימ (מעדיקער) אונ די קאנצעליארישע „אינטעליגענצ”, דעמ באאמטנ. ליטעראטנ, ארטיסטנ, קינסט־לער האָבנ באמ האנדל־קאפּיטאל געשפּילט די ראָליע פונ פּאיאצנ אונ באדכאנימ. די דאָזיקע גאנצע אינטעליגענצ איז אָדער געווענ ווייניק אינטעליגענטיש (די באַ־אמטע), אָדער זי האָט געהאט זייער א קליינע ווירקונג אינ געזעלשאפטלעכנ זינ. אונ דערפאר נעמט די אינטעליגענצ זייער א קליינעמ אָנטייל אינ די רעוואָליו־ציעס פונ דער האנדל־קאפּיטאליסטישער טקופע, ווי מיר וועלנ עס באלד זענ. נאָר צוגלײַכ מיט דער אנטוויקלונג פונעמ אינדוסטריעלנ קאפּיטאליזמ קומענ צו יור־ריסטנ־אדוואָקאטנ, זשורנאליסטנ־צײַטונג־שרײַבערס, אונ שפּעטער צוגלײַכ מיט דער

אַרבעטערונג פונ דער מאַשינ־טעכניק — אינזשעניערנ אאַזוו. די בורזשואַזע געזעלשאַפט נייטיקט זיכ שוינ זייער שטאַרק אינ אָט די אַלע אונ זיי שפּילנ שוינ אַ סאַכ אַ גרעסערע געזעלשאַפטלעכע ראָליע. אינ פראַנקרייכ זיינענ די פירער פונ דער רעוואָליוציע געווענ, הויפּטזאַכלעכ, אַדוואָקאַטנ אונ זשורנאַליסטנ (ס'איז אויכ געווענ אַ דאָקטער — מאַראַט, עס זיינענ אויכ געווענ אינזשעניערנ — קאַרנאָ אונ אַנדערע). אינ אַנדערע פאַלנ האָבנ עס געקאָנט זיינ ליטעראַטנ, לערערס אונ אַפילע מיליטער־לייט. דער אָנטייל פונ מיליטער־לייט אינ דער בורזשואַזער רעוואָליוציע איז שטאַרק מערקלעכ אינ שפּאַניע, אינ איטאַליע אונ בא אונדז אינ רוסלאַנד: די הויפּט־אַרויסטרעטונג פונ דער רעוואָליוציאָנערער בורזשואַזיע בא אונדז — די דעקאַבריסטנ־פאַרשווערונג (ז. אויבנ זייט 139 אונ ווייטער) איז געווענ דורכויס אַ מיליטערישע.

אַלזאָ, דער דירעקטער טרעגער פונ דער בורזשואַזער רעוואָליוציע איז ניט די אונטערנעמערישע בורזשואַזיע גופע, נאָר די אינטעליגענץ. לאָמיר עס פאַרגעדענקענ אונ לאָמיר אַגעוו פאַרצייכענענ, אַז ס'איז גאָרניט אומבאַדינגט נייטיק, די אינטעליגענץ זאָל פאַרשטיינ, צו וואָס פאַר אַנ ענדע־אויסוועג עס פירט די בורזשואַזע רעוואָליוציע, פאַר איר זאָל קלאָר זיינ, אַז זי קעמפט פאַר נייע פאָרמענ פונ עקספּלואַטאַציע קעגנ די אַלטע. אַ רעוואָליוציע פאָדערט, אַז אירע טוער זאָלנ זיינ באַגייסטערט, זיי זאָלנ גרייט זיינ אויפ מעסירעסנעפעש, זיי זאָלנ, לעכאָלאַפאָכעם, ריזיקירנ מיט זייער לעבנ אונ זייער לאַגע. נאָר ווען מענ קאָנ עס באַגייסטערנ דאָס בילד, ווי איינ עקספּלואַטאַטער גיט אינ האַלדז אונ נאָכנ דעם אַנדערנ, אונ ווער וועט עס וועלנ מיט וואָס ניט איז ריזיקירנ צוליב אַזאַ מינ זאַכ? די אינטעליגענץ האָט פאָשעט ניט פאַרשטאַנענ דעמ גאַנצנ עקאָנאָמישנ אונטערשלאַק פונעמ קאַמפ, וועגנ וועלכנ מיר האָבנ אויבנ דערציילט. זי האָט געזענ די אויסערלעכע אַנטפּלעקונג פונ דער לייבאייגנטימערישער מעלוכע, דעמ ווילקיר פונ דער צאַרישער הערשאַפט, די פאַרקויפטקייט פונעמ באַאַמטנטומ, די אַכזאָריעסדיקע טויט־שטראָפנ, דאָס דריקנ די נידעריקערע קלאַסנ, — אונ זי פלעגט אַרויסטרעטנ קעגנ דעמ אינ נאָמענ פונ פ ר י י ה י י ט. אַז עס קאָנ ניט זיינ קיינ עמעסע פרייהייט, קאָלזמאַנ איינ מענטש וועט עקספּלואַטירנ דעמ צווייטנ, קאָלזמאַנ עס עקזיסטירט דער קאַפּיטאַליזמ, דאָס האָט די אינטעליגענץ אַ לאַנגע צייט ניט פאַרשטאַנענ, אונ ווי נאָר זי האָט עס פאַרשטאַנענ, האָט זי אינ איר מערהייט אויפגעהערט צו זיינ רעוואָליוציאָנער. ווייל די אינטעליגענץ האָט, מיר באַזאָרגנ עס איבער, געלעבט פונקט ווי די בורזשואַזיע, אויפנ מער־פּראָדוקט, וואָס פלעגט מיט גוואַלד אויסגעפּרעסט ווערנ פונעמ פויער אָדער אַרבעטער. אַ קאָמוניסטישע רעוואָליוציע האָט פאַר איר באַטייט, אַז זי מוז פאַרלירנ אָט דעמ פעטנ ביילעק אירנ, אַז זי מוז זיכ שטעלנ אינ איינ ריי מיט די פיזישע אַרבעטער אונ אָפּזאָגנ זיכ פונ אירע פריִערדיקע פּריווילעגיעס. אויפ דעמ אָבער האָט געקאָנט איינגיינ ניט מער ווי אַ קליינער טייל, די סאַמע אויפריכטיקע אונ סאַמע איבערגעגעבענע רעוואָליוציאָנערנ־אינטעליגענטנ.

נאָכ דעמ ווי מיר האָבנ קלאָר געמאַכט די גרונט־שטריכנ פונ דער בורזשואַזער רעוואָליוציאָנערישקייט, וועלנ מיר איצט איבערגיינ צו דעמ פונדאַמענט, אויפ וועלכנ עס האָט זיכ געזאָלט האַלטנ די רוסישע בורזשואַזע רעוואָליוציע, ווי יעטווידער אַנדערע רעוואָליוציע: צו דער פאָלק־באַוועגונג פונ די פויערימ. מיר וועלנ זענ, אַז דער דאָזיקער פונדאַמענט האָט זיכ אַזוי געטרייסלט, אַז די בורזשואַזע

אינטעליגענצ האָט אפ אים קיינ זאַכ ניט געקאָנט אופבויענ. ער פלעגט אויסהאלטנ בלויז א ניט־בורזשואזנ ביניענ, — אזוי איז ער שוינ באשאפנ געוואָרנ.

אינעמ ערשטנ טייל פונעמ דאָזיקנ ביכל האָבנ מיר געזענ, אז די פרווונ פונ דער פויערשער מאסע ארויסצוווײַזנ א ווידערשטאנד קעגנ דער ווילדער עקספּלואַטאציע, וואָס האָט זיכ אפ איר אָנגערוקט אונ וואָס איז געווענ פארבונדנ מיטנ וווּקס פונ דער סכוירע־ווירטשאפט, די פרווונ, וואָס זי האָט געמאכט אינ אָנהייב XVII יאָרהונדערט, ערעוו דעמ אופקומענ פונ די ראָמאנאָווס (די „מעהומע") אונ צומ סאָפ פונעמ יאָרהונדערט, איידער עס האָט זיכ אָנגעהויבנ פּיאָטר דעמס ערשטנס רעגירנ (ראזינס אופשטאנד), — די ביידע פרווונ האָבנ זיכ געענדיקט מיט א מאפּאָלע. נאָכ ראזינענ איז גאנצע 100 יאָר אינ רוסלאנד ניט געווענ קיינ גרויסע פויערשע באוועגונג. מע האָט געקאָנט מיינענ, אז דאָס פאָלק האָט פונ פארצווייפלונג אראָפּגעלאָזט די הענט. אינדערעמעסנ אָבער איז טכילעס די מעהומע־צײַט אונ דערנאָכ די צאָפנ־מילכאָמע האָבנ אזוי שיטער געמאכט די באפעלקערונג, אז אפנ כיילעק פונ יעדנ פויער איז אויסגעקומענ מער ערד, איידער פריִער (פאר דער „מעהומע" לעמאָשל, האָט יעדער פויערשער הויפ געהאט 2,7 הא ערד; אונ אינ אכציק יאָר ארומ — שוינ 10,9 הא; עמעס, די צאָל נעפּאשעס אינ יעדנ הויפ איז אויכ גרעסער געוואָרנ, נאָר באדײַטנדיק ווינציקער, ניט מער ווי אינ צווייענ). אדאנק דעמ איז דעמ פויער א סאכ גרינגער געווענ אריבערצוטראָגנ די עקספּלואטאציע. אָבער ווי נאָר די באפעלקערונג איז אינ דער צווייטער העלפט פונעמ XVIII יאָרהונדערט ווידער געוואָרנ געדיכטער, ווי נאָר ס'האָבנ זיכ באווײַזנ סימאָנימ פונ ערד־ענגשאפט (פּיאָטר דעמ ערשטנס ערשטע רעוויזיע האָט פארצייכנט 5½ מיליאָנ מענער־נעפּאשעס, אונ די דריטע, מיט פערציק יאָר שפּעטער, שוינ קימאט 7½ מיליאָנ, ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס זי איז געווענ וויינִיקער שטרענג. אינדערעמעסנ, האָבנ די דעמלטיקע סטאטיסטיקער גערעכנט ביז 8½ מיליאָנ נעפּאשעס), הייבנ ווידער אָנ אופלאקערנ פויערשע „אומרוענ". אונ צו די 70־קער יאָרנ פונעמ XVIII יאָרהונדערט, גיסנ זיי זיכ פאנאנדער אינ דעמ קאָלאָסאלנ פוגאטשאָווישנ בונט.

די סיבע איז געווענ ניט בלויז די ערד־ענגשאפט, — דאָס האָט בלויז געמאכט העכסט געשפּאנט די לאגע אינ גאנצ רוסלאנד. די אָרטיקע סיבעס פונ דער פויערשער רעוואָליוציע זײַנענ געווענ אנדערע: דאָס איז שוינ צו זענ פונ דעמ, וואָס די רעוואָליוציע האָט אופגעפלאקערט אונ זיכ אײַנגעאקשנט ווי אומעטומ געהאלטנ אינ מיזרעכדיקנ ראנדלאנד פונ רוסלאנד, אפנ אוראל אונ אינ וואָלגער קאנט, ווו גראָד די ערד־ענגשאפט האָט ניט געקאָנט זײַנ די הויפּט־צאָרע. נאָר דאָ דארפ מענ זיכ דערמאָנענ, אז אָט די צײַט, די צווייטע העלפט פונעמ XVIII יאָרהונדערט, איז געווענ די צײַט פונעמ ערשטנ אופבלי פונעמ רוסישנ ברויטהאנדל. דאָס רוסישע ווייצ האָט זיכ שוינ דעמלט געבעטנ אפ יענער זײַט יאמ, יעקאטערינע די צווייטע האָט שוינ געפירט מילכאָמעס מיט טערקײַ, קעדיי צו עפענענ פאר אימ א וועג, אונ די בײַוואָלגישע אונ בײַוראלישע ראיאָנענ זײַנענ דאָכ אויכ איצט די סאמע פּראָדוצירנדיקע, די סאמע ברויט־רײַכע ראיאָנענ. דאָ איז דער אפּעטיט פונעמ פּאָרעצ צומ מער־פּראָדוקט געווענ באזונדערס שארפ, אונ פויערימ איז דאָ נאָכ געווענ לעפּיערעכ ווינציק: דעריבער האָט זיכ די עקספּלואטאציע פונעמ פויערטומ אינ מיזרעכ־רוסלאנד אויסגעצייכנט מיט א באזונדערער אכזאָריעס. די פּאנשטשינע, וואָס פלעגט אינ אנדערע ערטער אָפּנעמענ באמ פויער

3—4 טעג אינ וואָכ, פלעגט דאָ דערגיינ אָפטמאָל ביז 6—7 טעג. אויב דער פויער וואָלט אפילע געהאט א גרויסע נאכלע, ווענ וואָלט ער דענ געהאט צייט צו פירנ אָפּ איר זײנ ווירטשאפט? דער פויער, וואָס איז שוינ אומעטום אינעמ דעמלטיקנ רוסלאנד געווענ א שקלאַפ, איז אינ די דאָזיקע ערטער געווענ מער שקלאַפ, ווי ווו עס איז אנדערש, זײנ לאגע איז געווענ ענלעכ צו דער לאגע פונ א נעגער אינ די אמעריקאנער פלאנטאציעס אָדער פונ א שקלאַפ אינעמ אוראלטנ רוימ, וואָס האָט קיינ אייגנס גאָר ניט געהאט, אלצ האָט געהערט דעמ פּאָרעצ.

אינ אזא לאגע האָט זיכ געפונענ ניט בלויז די לאנדווירטשאפטלעכע באפעלקערונג, נאָר אויכ די לײביגענע ארבעטער פונ די אוראלער בארג־זאוואָדנ. דאָס איז באזונדערס וויכטיק דערפאר, ווײל אפ די דאָזיקע אוראלער בארג־ארבעטער אונ בארג־זאוואָדישע פויערימ (די פויערימ האָבנ געדארפט האקנ האָלצ פאר די זאוואָדנ, צופירנ ארצ, גראָבנ סאזשעלקעס אחג.) האָט זיכ געהאלטנ פוגאטשאָווס הויפּט־קראפט. פוגאטשאָוו, א דאָנער קאָזאק לויט זײנ אָפּשטאמונג, א דרײסטער אונ געשיקטער אגיטאטער, א גענייטער קריג־פירער, — האָט גאָר ניט קיינ גראָמעטנער, האָט טבילעס אָפּגערירט אפנ טערעק (צאָפנ־קאווקאז), ווו ער האָט געשפּילט אנ אָנגעזעענע ראָליע. דערנאָכ איז ער פארקראָכנ צומ טײכ אוראל (וואָס האָט דעמלט געהייסנ יאיק) אונ האָט געטראָפנ די דאָרטיקע קאָזאקנ אינ א צושטאנד פונ גרויסער אופגערעגטקײט. די יאיקער קאָזאקנ האָבנ געלעבט הויפּטזאכלעכ (ווי טײלווײז לעבנ נאָכ איצט די אוראלער אײנוווינער) פונ כאפנ פיש. זיי פלעגנ כאפנ פיש, פארזאלצנ עס אונ אוועקשיקנ עס קיינ רוסלאנד. זאלצ איז אָבער געווענ א מעלוכע־מאָנאָפּאָל אונ די זאלצ־ארענדע האָבנ פארכאפּט אינ זייערע הענט די קאָזאקישע „טאקיפימ" (סטארשינעס). די קאָזאקנ־מאסע איז געווענ אינגאנצנ אָפּהענגיק פונ די טאקיפימ, וועלכע האָבנ זיכ ניט באנוגנט מיטנ זאלצ־שטײער אונ האָבנ ארופגעלייגט אפ די קאָזאקנ נאָכ אנדערע שוינ לאכלוטנ אומגעזעצלעכע אָפּצאָלנ. די קאָזאקנ האָבנ זיכ געבונטעוועט דעריקער קעגנ זייערע אטאמאנעס־עקספּלואטאטערס, אָבער צו הילפ די אטאמאנעס זײנענ געקומענ מיליטער־טײלנ פונ אָרענבורג, אונ די קאָזאקישע אומרוענ זײנענ דערשטיקט געוואָרנ מיט א מוירעדיקער אכזאָריעס. א סאכ קאָזאקנ האָט מענ געשמיסנ, פארשיקט אפ קאטאָרגע, אָפּגעגעבנ פאר סאָלדאטנ. די קאָזאקנ זײנענ געוואָרנ שרעקלעכ אופגעבראכט, אונ ווענ פוגאטשאָוו האָט זיכ פּראָקלאמירט פאר פּיאָטר דעמ 3־טנ, וואָס איז „ניצל געוואָרנ מיט א נעס", האָבנ די קאָזאקנ מאסנווײז אָנגעהויבנ פארייניקנ זיכ צו אימ פונ אלע זײטנ. ווענ פוגאטשאָוו האָט געפרעגט די ערשטע, וואָס זײנענ געקומענ צו אימ, צי וועלנ זיי אימ אָננעמענ, האָבנ זיי אימ אלע איינשטימיק געענטפערט: „מיר וועלנ דיכ אָננעמענ, פאָטער אונדזערער, נאָר נעמ זיכ אָנ פאר אונדז אונ העלפ אונדז אינ אונדזערע לײדנ, וואָס מיר האָבנ צו פארטראָגנ פונ די טאקיפימ, מיר זײנענ אלע בעדילאדאל געוואָרנ פונ די גרויסע געלט־אָפּצאָלנ".

עס וואָלט זיכ געקאָנט אויסדוכטנ, אז אויכ דעמ דאָזיקנ אופשטאנד איז יעקאטערינע דער צווייטערס רעגירונג געווענ פונקט אזוי גרינג צו דערשטיקנ, ווי די פריערדיקע. דער גענעראל, וואָס איז געשיקט געוואָרנ קעגנ פוגאטשאָוונ, האָט מער פונ אלצ מוירע געהאט, אז פוגאטשאָוו זאָל „ניט מאכנ די פּלייטע", ער זאָל זיכ ניט ארויסדרייענ פונ זײנע הענט (פוגאטשאָוו איז שוינ איינמאָל געווענ ארעסטירט אלס „פּיאָטר דער 3־טער" אונ אימ האָט זיכ אײנגעגעבנ צו אנטלויפנ).

נאָר אַנשטאָט דעם האָט אינ עטלעכע וואָכנ אַרומ דער גענעראַל אַליינ „געמאַכט פּליימע”. וויאַזוי זשע איז עס געשענ? ווײַל פּוגאַטשאָוונ צו הילפ איז געקומענ די „אַלגעמיינע אופגערעגטקײַט פונעמ האַמוינ”, „רעציכעס אינווייניק אונ אויסווייניק, פּאַראַט אונ אומגעהאָרכזאַמקײַט מיצאַד די אײַנוווינער”, ווי עס האָט געשריבנ קיינ פּעטערבורג א צווייטער גענעראַל, וואָס מע האָט געשיקט צו פאַרבײַטנ דעמ ערשטנ. אונ דאָס ערשטע אָרט האָט פאַרנומענ די „אַלגעמיינע אופרעגונג”, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די אוראַלער זאַוואָדנ מיט זייער לײַבייגענער אַרבעטערשער אונ פּויערשער באַפעלקערונג. „דערבײַ, — האָט מיטגעטיילט זײַנ רעגירונג פונ פּעטערבורג דער ענגלישער אַמבאַסאַדער, — איז א גרויסע צאָל קופּערנע האַרמאַטנ, וואָס זײַנענ אָפּגעגאָסנ געוואָרנ אַפ די מעלוכישע גוס־זאַוואָדנ, אַרײַנגעפאַלנ אינ די הענט פונ די בונטאַרעס, וואָס האָבנ כאָרעוו געמאַכט עטלעכע גוס־זאַוואָדנ, דערונטער אויכ איינעמ פונ דעמידאָווס זאַוואָדנ, וואָס זײַנע לײַבייגענע אונ פּויערימ זײַנענ צוגעשטאַנענ צו די בונטאַרעס”.

יעמעליאַנ פּוגאַטשאָוו

ניט ריכטיק איז דאָ נאָר, אַז פּוגאַטשאָוו האָט „כאָרעוו געמאַכט” די זאַוואָדנ: אינדערעמעסנ האָבנ די זאַוואָדנ געאַרבעט פאַר אימ אונ האָבנ אימ באַזאָרגט מיט פּולווער אונ האַרמאַטנ־קוילנ. מענטשנ, וואָס האָבנ געקענט אָפּגיסנ האַרמאַטנ, האָבנ אויכ געקענט שיסנ פונ זיי: צוזאַמענ מיט האַרמאַטנ־קוילנ אונ פּולווער פלעגט פּוגאַטשאָוו באַקומענ פונ די זאַוואָדנ אויכ אַרטילעריסטנ, וועלכע זײַנענ געווענ בעסערע, ווי די רעגירונג־אַרטילעריסטנ. ד ע ר אָ נ ט י י ל פ ו נ ד י א ו ר אַ ל ע ר ב אַ ר ג ־ אַ ר ב ע ט ע ר ה אָ ט פּ ו ג אַ ט ש אָ ו ו נ ג ע ג ע ב נ א ט ע כ נ י ש ע א י ב ע ר וו אָ ג א י ב ע ר י ע ק אַ ט ע ר י נ ע ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר ס מ י ל י ט ע ר. אונ די וואַנדער־פעלקער פונ בײַוראַל־קאַנט, באַזונדערס די באַשקירנ (וואָס די צאַרישע אַדמיניסטראַציע פלעגט זיי שרעקלעכ פּײַניקנ אונ אויסראָטנ: נאָכ איינ אופשטאַנד איז אויסגעראָטנ געוואָרנ בײַ א 30 טויזנט באַשקירנ) האָבנ געגעבנ פּוגאַטשאָוונ א שטאַרקע קאַוואַלעריע. ווענ ער איז אָנגעקומענ מיט אָט דער גאַנצער קראַפט אינעמ וואָלגע־קאַנט, האָט ער געהאַט אַנ עמעסע אַרמיי.

ווענ פּוגאַטשאָוו וואָלט זיכ גלײַכ אַוועקגעלאָזט אַפ מאָסקווע, וואָלט ער, עפּשער, געהאַט א פולשטענדיקנ דערפאָלג: אינ מאָסקווע אונ אינ טולע זײַנענ די אַרבעטער אויכ געווענ אופגערודערט, אונ דער אַדל האָט אינגאַנצנ פאַרלאָרנ דעמ קאָפּ. נאָר די קאָזאַקנ האָבנ אימ געצווונגענ צו פאַרהאַלטנ זיכ אונטער אָרענבורג, ווו ס'איז געזעסנ דער גובערנאַטער, דער הויפּט־סוינע, לויט זייערע האַסאָגעס. דערמיט האָט ער פאַרלאָרנ צײַט, אונ יעקאַטערינע האָט געוווּנענ. מע האָט צונויפגעצויגנ צו אוראַל גרויסע מיליטערישע קויכעס. האַגאַמ פּוגאַטשאָוו איז צעקלאַפּט געוואָרנ אינ עטלעכע שלאַכטנ, איז ער נאָכ איצט אויכ געווענ שרעקלעכ. ער האָט

זיך, ענדלעך, א וואָרף געטאָן אהין, וווּהין ער האָט געדאַרפט גיין לעבאַטכילע — אַפן מאָסקווער וועג, אַף קאַזאַן, און אומעטום האָבן אים מיט באַגײַסטערונג אויפֿגענומען ניט נאָר די פּויערים, נאָר אַפילע די גײַסטלעכע, וואָס פֿלעגן אויס מוירע פֿאַר די פּויערים אופֿנעמען „פּיאָטר דעם דריטן" מיט צלאָמים און הייליקע בילדער. אַלע פּריצים פֿלעגט מען אָן ראַכמאָנעס אויסהאַרגענען, — פֿאַר דער צײַט פֿון דער פּוגאַטשאָווישער באַוועגונג האָט מען אופֿגעהאַנגען עטלעכע טויזנט פּריצים. „אין מאָסקווע, — האָט געשריבן איינער פֿון יענער צײַט, — האָבן די כאָלאָפּעס און פֿאַבריק־אַרבעטער און דער גאַנצער פּילצאַליקער מאָסקווער האַמוין זיך אומגעדרייט איבער די גאַסן, קימאַט אָפֿן אַרויסגעוויזן זייער בונטאַרישע שטימונג און זייער גרייטקײַט צוצושטיין צום פֿאַלשן קייסער, וואָס ברענגט זיי, ווי זיי זאָגן, די געוווּנטשענע פֿאַר זיי פֿרײַהײַט".

וואָס זשע פֿאַר א פֿרײַהײַט האָט עס געטראָגן פּוגאַטשאָוו? אין זײַנע „מאַניפֿעסטן" פֿלעגט ער די „אַלע, וואָס זײַנען פֿרײַער געווען פּויערים און אונטערטעניקע פֿון די פּריצים, שענקען דעם טיטל „טרײַ־גטרעטעניקע קנעכט פֿון אונדזער אייגענער קרוין". „זיי זאָלן זײַן", דערקלערט זיך ווײַטער, „אייביק קאָזאַקן", מע זאָל ניט פֿאָדערן פֿון זיי קיין רעקרוטן, קיין קאָפּשטײַער און קיין שום אַנדערע געלט־שטײַערן, זיי זאָלן באַזיצן די ערד, די וועלדער, לאָנקעס, ערטער, וווּ מע כאַפּט פֿיש, זאַלץ־אָזערעס, ניט קויפֿנדיק זיי און ניט צאָלנדיק דערפֿאַר קיין טשינש". דאָס איז געווען, ווי מיר זעען, א פֿולע פּראָגראַם פֿון באַפֿרײַען די פּויערים ניט נאָר מיט זייער ערד, נאָר אויך אומקערנדיק די פּויערים אַלץ, וואָס די פּריצים און אַרענדאַטאָרס (די ערטער, וווּ מע פֿלעגט כאַפּן פֿיש, און די זאַלץ־אָזערעס פֿלעגן אָפּגעגעבן ווערן אין אַרענדע) האָבן וועגן ניט איז געהאַט אָפּגענומען בא זיי און בא די קאָזאַקן. נאָך מער, עס האָט געזאָלט פֿאַרניכטעט ווערן ניט נאָר די דירעקטע עקספּלואַטאַציע פֿון די פּויערים דורכן לײַביגנטום, נאָר אויך די אומדירעקטע, — דורך די שטײַערן: דער מאַניפֿעסט האָט באַפֿרײַט די פּויערים ניט נאָר פֿונעם קאָפּ־שטײַער און פֿון רעקרוטן־פּליכט, וואָס וועגן דעם איז, שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן, נאָר אויך פֿון אַלע פֿרײַערדיקע „שטײַערן און לאַסטן, וואָס די ראַצכים—די אַדעליקע, די שטאָטישע געלט־נעמער און ריכטער—לייגן אַרויף אַף די פּויערים און אַפֿן גאַנצן פֿאָלק". אַזאַ ראַדיקאַלע אומענדערונג, וואָס האָט געמאַכט א סאָף צו דער גאַנצער עקזיסטענץ פֿון דער לײַבייגנטימערישער מעלוכע, האָט דער מאַניפֿעסט בעפּיירעש ניט געהאַפּט דורכפֿירן מיט די קויכעס בלויז פֿון דער צאַרישער מאַכט, וואָס אין איר נאָמען איז דער דאָזיקער מאַניפֿעסט געווען אָנגעשריבן. צום שלום לייגט דער מאַניפֿעסט אַר די פּויערים, זיי זאָלן זיך נעמען טאָן מיט די אייגענע מיטלען, און די פּריצים, „וואָס וועלן זײַן קעגן אונדזער מאַכט, די צעשטערער פֿון דער אימפּעריע און די רויִנירער פֿון די פּויערים, זאָלן זיי כאַפּן, קעפּן און הענגען".

דער מאַניפֿעסט האָט ניט נאָר ניט געהאַט בעדייע צו מאַכן קיין פּאָליטישע איבערקערעניש, נאָר פֿאַרקערט, ער האָט אײַנגעהאַלטן די זעלבסטהערשערישע מאַכט אין איר גאַנצער אומבאַרירלעכקײַט. מענטשן, וואָס האָבן נאַרוואָס געקעפּט זייער קלײנעם קייסער — דעם פּאָרעץ, — האָבן געזאָלט פֿאַרבלײַבן געהאָרכזאַמע קנעכט פֿונעם גרויסן פּאָרעץ — פֿונעם קייסער. דער מעכאַבער פֿון פּוגאַטשאָווס מאַניפֿעסט (ס'איז קוים צו גלייבן, אַז דאָס זאָל זײַן פּוגאַטשאָוו אַליין) האָט, אַפּאָנעם, לאַכלוטן ניט פֿאַרשטאַנען, צוליב וואָס און פֿאַרוואָס, עס עקזיסטירט די זעלבסט־

הער־שונג, ער האָט ניט פארשטאנען, אז ס'איז אומעגלעך אײנצוהיטן דעם געקרוינטן שפּיץ פון דער לײבײגנטימערישער מעלוכע, װיבאלד מע צעשטערט איר פונדאמענט. נאָר שטארק אים באשולדיקן דערפאר קאָנען מיר ניט, װיבאלד מיר װײסן, אז אין הונדערט יאָר ארום האָבן געבילדעטע מענטשן, פּראָפעסאָרן, געמײנט, אז מע קאָן באפרײען דאָס פאָלק און דאָך איבערלאָזן אין רוסלאנד די צאַרישע מאכט. דערהפאר האָט דער מאניפעסט בעסער פון די דאָזיקע געבילדעטע מענטשן פון די 1860—1870־קער יאָרן פארשטאנען, אז באפרײען די פויערים — הײסט אינגאנצן פארניכטן די פּריצישע מאכט, ארויסרײסן זי מיטן װאָרצל, אז נאָמער בלײבט דער פאָרעץ, בלײבט אויך א שטיקעלע לײבײגנטום.

פוגאטשאָװ האָט זיך אײנגעגעבן אויסצוראָטן א סאך פּריצים, אים האָט זיך אָבער ניט אײנגעגעבן אויסצוראָטן דעם פּריצים־שטאנד. אין צענטראל־רוסלאנד, אין דעם עמעס־פּריצישן רוסלאנד, האָט מען אים ניט ארײנגעלאָזן. זײן ארמײ איז געװען גענוג גוט אָרגאניזירט אָפּ צו צעקלאַפּן דער רעגירונגס אײנצלנע קלײנע מיליטער־טײלן, פוגאטשאָװ איז אָבער ניט געװען בעקױעך בײצוקומען א גאנצע רעגירונג־ארמײ. אָפּגעװאָרפן נאָך א פארביטערטער שלאכט פון קאזאן („די גאזלאָנים האָבן אָנגעגריפן אָפּ מיר מיט אזא שיסערײ פון הארמאטן און ביקסן און מיט אזא פארביטערטקײט, װאָס נאָר באם בעסטן מיליטער האָב איך זיך געריכט צו טרעפן אזױנס", האָט געשריבן צו דער מאכט דער גענעראל, װאָס האָט זיך געשלאָגן מיט פוגאטשאָװן בא קאזאן), אָבער נאָך װײט ניט פארניכטעט, האָט פוגאטשאָװ זיך א װאָרף געטאָן מיט דער װאָלגע אראָפּ, און אינגיכן איז דער גאנצער שטעטעך פון סימבירסק, סאמארער און סאראטאָװער גובערניעס (איצטיקער מיטלװאָלגער קאנט און נידערװאָלגער קאנט) ארומגעכאַפּט געװאָרן דורך און דורך מיט א פויערשן בונט. אונטער צאריצין אָבער האָט פוגאטשאָװס ארמײ געכאַפּט א טויט־קלאַפּ. פוגאטשאָװ איז אנטלאָפן געװאָרן אין סטעפּ, די קאָזאקן האָבן אים ארויסגעגעבן, און דעם 10־טן יאנואר 1775 יאָר האָט מען אים געקעפּט אין מאָסקװע. דער פויערים־אויפשטאנד איז דערשטיקט געװאָרן מיט בארבארישער אכזאָריעס, גאנצענע דערפער זײנען „אראָפּגעגאָלט געװאָרן" דורך די שטראָף־אָטריאדן, און נאָך א לאנגע צײט זײנען נעבן די דערפער פונעם בונטארישן קאנט געשטאנען טליִעס און רעדער אָפּ אָנצושרעקן „די ראָצכים און פארברעכער פונעם געמײנעם שטאנד".

נאָך דעם װי די לײבײגנטימערישע מעלוכע איז בײגעקומען פוגאטשאָװס אויפשטאנד, איז זי אָפּגן ערשטן בליק נאָך כוצפּעדיקער געװאָרן. גראָד נאָך דעם האָט יעקאטערינע די 2־טע פארשפּרײט דאָס לײבײגנטום אָפּ אוקראַינע. אינדערעמעסן אָבער האָט זי זיך שטארק דערשראָקן. יעקאטערינע האָט באשלאָסן, אז דער אויפשטאנד איז זיך פאנאנדערגעװאקסן צוליב דעם, װאָס אָפּ די ערטער איז געװען צו װײניק מאכט און פּאָליצײ, און זי האָט פארגרעסערט די צאָל גובערניעס מיט זײער גאנצן שטאט באאמטע אזוי, אז איצט איז אײן גובערנאטער אויסגעקומען אָפּ 300 טויזנט אײנװוינער (אין דער צײט, װען פריִער איז אין אײן מאָסקװער גובערניע געװען מער װי 2 מיליאָן), זי האָט געשאפן נײע פּאָליצײ־אָרגאנען (קאפּיטאן־איספּראװניקעס) אאװ. די דאָזיקע שרעק איז פארשטארקט געװאָרן דורך דעם, װאָס פון דעמלט אָן פלעגט קײן אײן רעגירן ניט דורכגײן אָן פויערשע אומרוען, און יערערער פון יעקאטערינעס יאָרשים האָט געהאט מיט זײ צו טאָן. גלײך װי פּאװעל איז געװאָרן קײסער, זײנען געװען אזעלכע שטארקע אומ־

די פוגאטשאָווישע באַוועגונג (1773—1774 יאָר)



דוענ, אז קעדיי צו דערשטיקנ זיי, האט מענ געמוזט שיקנ גרויסע מיליטער־טיילנ
מיט הארמאטנ. טיילווייז האט דאס געצווונגענ פאוולענ ארויסצוגעבנ דעמ געזעצ
וועגנ דער דריטאגיקער פאנשטשינע. אז אלעקסאנדער דער ערשטער איז ארופ
אפנ טראנ, זיינענ ווידער פארגעקומענ פויערשע אומרוענ, אונ אלעקסאנדער פלעגט
סטראשענ זיינע הויפ־לייט (וואס האבנ ניט געוואלט איינגיינ אפנ פארבאט צו
פארקויפנ פויערימ אנ ערד), אז אויב די אומרוענ פונ אזא גרויסער צאל מענטשנ
וועלנ שטארקער ווערנ, קאנענ זיי ווערנ געפערלעכ. ס'איז ווידער ארויסגעגעבנ גע־
ווארנ א געזעצ וועגנ „פרייע ערדארבעטער", וואס האט דערלויבט די פריצימ צו־
באפרייענ די פויערימ גאנצענע דערפערווייז, מיט זייער ערד (פריער האט מענ גע־
מעגט באפרייענ בלויז איינציקווייז). די פריצימ האבנ קימאט ווי ניט אויסגענוצט
דעמ דאזיקנ געזעצ, — זיי האבנ פארגעסנ אנ פוגאטשאווס בונט גרינטלעכער, ווי
דער קייסער מיט זיינ הויפ. נאכדעמ ווי ניקאליי דער ערשטער איז געווארנ קיי־
סער, זיינענ ווידער געווענ אומרוענ. אונ ס'איז ווידער ארויסגעגעבנ געווארנ א
געזעצ, וואס האט גערופנ די פריצימ „קריסטלעכ צו באגיינ זיכ" מיט די לייב־
ייגענע. פאר דער צייט פונ זיינ רעגירנ האבנ זיכ אומרוענ איבערגעכאזערט עט־
לעכע מאל: איינמאל, אינ די 40־קער יארנ, האט זיכ אינ וויטעבסקער גובערניע
(איצט גייט זי ארייננ אינ דער ווייסרוסישער סס"ר אונ אינ מיירעוו־געגנט) צו־
נויפגעקליבנ ביז 20 טויזנט פויערימ, באוואפנט מיט ביקסנ, דרעש־שטעקנס, קאסעס,
אונ זיכ געקליבנ גיינ אינ פעטערבורג. אז ניקאליי האט ארויסגעגעבנ זיינ איינ־
האלטלאזנ געזעצ וועגנ די „פליכט־פויערימ" (זע אויבנ ז. 133) האט ער ווידער
דערמאנט אנ פוגאטשאווס בונט, נאר די אדליקע האבנ זיכ ווידער ניט צוגע־
הערט. אינ דער צייט פונ דער סעוואסטאפאלער מילכאמע האט די באוועגונג אנ־
גענומענ א באזונדערס דראענדיקנ כאראקטער; די פויערימ, וואס מע פלעגט פונ
זיי פארמירנ לאנדשוצ־טיילנ, פלעגנ אנשטאט ארויסצוטרעטנ קעגנ דעמ סוינע, אנ־
פאלנ אפ די איספראווניקעס אונ אפ זייערע פריצימ. די דאזיקע באוועגונג האט
שטארק מיטגעווירקט דערצו, אז די פויערימ־פראגע זאל ארויסגערוקט ווערנ אפנ
ערשטנ ארט באלד ווי אלעקסאנדער דער צווייטער איז געווארנ קייסער. צוטרעטנ־
דיק צו דער פויערימ־באפרייונג, האט אלעקסאנדער דער צווייטער מער פונ אלצ
מוירע געהאט פאר א פויערישנ בונט. ער איז געווענ איבערצייגט, אז ווי נאר די
פויערימ וועלנ פארשטיינ, אז מע האט זיי אפגענארט, ווי נאר זיי וועלנ פארשטיינ,
אז אונטער דער פארמ פונ „באפרייונג" האט מענ זיי בארויבט, וועלנ זיי זיכ
דערמלט אלע צעבונטעווענ. טיילווייז האט זיכ זיינ שרעק בארעכטיקט: אז מע האט
דערקלערט די „פרייהייט", איז געווענ העכער 2 טויזנט פויערשע בונטנ. קיינ ערנ־
סטערע אופשטאנדנ, ווי די, זיינענ ניט געווענ פונ פוגאטשאווס צייטנ אנ. די דא־
זיקע אופשטאנדנ האבנ זיכ אבער ניט צונויפגעגאסנ אינ איינ דורכויסיקנ אופ־
שטאנד, ווי ס'איז געווענ בא פוגאטשאוונ. די מיליטעריש־פאליציייִשע ארגאניזאציע
פונ דער אימפעריע פונ די „ראמאנאווס" איז איצט געווענ גענוג שטארק, אונ
גענוג פארויסזעעוודיק.

וויאזוי זשע האט זיכ באצויגנ צו דעמ אלעמ די רעוואליוציאנערע בורזשואזיע,
וועלכע האט געוואלט מאכנ א סאפ צו דער לייבייגנטימערישער מעלוכע? זי האט
מוירע געהאט; מוירע געהאט עפשער א סאכ מער, ווי די צארנ מיט זייער הויפ.
די גאנצע געשיכטע פונ די פרווונ מיצאד דער רעוואליוציאנערער בורזשואזיע
אראפצווארפנ די זעלבסטהערשונג איז דורכגעדרונגענ מיט אט דער שרעק פאר־

די פויערשע מעסערס און העק. אומעטום האבן זיך דער בורזשואזיע געכאלעמט די דאזיקע מעסערס און העק, און די שרעק פאר זיי פלעגט צונויפשמידן איר ווילן אין די סאמע אנטשיידנדיקע מאמענטן. און נאך די אומרוען פונעם 1861 יאר ווערט די בורזשואזע רעוואליוציאנערקייט אינגאנצן אויסגעוועפט און פארלאשן. נאכדעם איז שוין ניטא וועגן איר וואס צו ריידן.

צום סאף XVIII יארהונדערט איז די בורזשואזע אינטעליגענץ אין רוסלאנד געווען נאך זייער קליינצאליק. זי האט זיך געהאט קאנצענטרירט אין די מ א ס א נ ע נ ־ (פרייע בויער) ל א ז ש ע ס און ארום דעם איינציקן דעמלט אין רוסלאנד מאסקווער אוניווערסיטעט. דער מאסאניזם איז א רעליגיעזע לערע, וואס טראגט זייער אן אריסטאקראטישן כאראקטער, איז ארומגעפלאנטערט מיט קאערליי איבערגעשפיצטע מינהאגים, צערעמאניעס און שוועס און איז צוגענגלעך בלויז פאר קליינע, שטרענג פארמאכטע קרייזלעך פון פארטרויטע (די דאזיקע קרייזלעך האבן געהייסן „לאזשעס”). די מאסאנען אנערקענען ניט קיין אונטערשיידן צווישן עמונעס, זיי אנערקענען בלויז דעם גלויבן אין גאט און האלטן פאר זייערע אורעלטערן די בויער פון שלוימעס בייסהאמיקדעש. דער זין פונעם מאסאניזם איז באשטאנען אין דעם, וואס ער האט געגעבן א מעגלעכקייט, עס זאלן זיך נעענטער צונויפקומען מענטשן פון פארשיידענע גלויבנס, יידן, לעמאשל, מיט קריסטן, און דאס איז געווען זייער באקוועם פארן האנדל־קאפיטאל, וואס האט צונויפגעבונדן פארשיידענע לענדער. דער זין זיינער איז אויך באשטאנען דערין, וואס מיט זיין סוידעסדיקייט פלעגט ער אפזונדערן די רייכע און געבילדעטע מענטשן, די מיטגלידער פון די מאסאנישע לאזשעס, פונעם ניט־אויפגעקלערטן האמוין, וואס פלעגט דעמלט גאנץ פאשעט גיין אין קלויסטער. אין רוסלאנד איז אין יעקאטערינע דער צווייטערס צייטן בעראש פון די מאסאנען געשטאנען דער מאסקווער דרוקער און פארלעגער נאוויקאוו און דער פראפעסער פונעם מאסקווער אוניווערסיטעט שווארץ. די מאסקווער מאסאנען האבן אפילע ניט געטראכט ארויסצוטרעטן קעגן דער זעלבסטהערשונג; פארקערט, זיי האבן געהאפט צו פארווירקלעכן זייערע פלענער מיט דער הילף פון דער זעלבסטהערשונג, און צוליב דעם זיינען זיי זיך נעענטער צונויפגעקומען מיט יעקאטערינעס זון, מיט פאוולען, — זיי האט זיך איינגעגעבן צו מאכן אים פאר א מאסאן. דערפאר האט יעקאטערינע אריינגעזעצט נאוויקאוון אין פעסטונג (שווארץ איז שוין געווען געשטארבן צו יענער צייט).

די מאסאנען זיינען גארניט געווען קיין בורזשואזע רעוואליוציאנערן, אבער זיי האבן צוגעגרייט פאר די לעצטע א וועג אין צוויי ריכטונגען. ערשטנס, פלעגט מען אין די מאסאנישע לאזשעס, צוזאמען מיט די פרייע געשפרעכן וועגן רעליגיעזע איניאנים (דעמלט האט זיך גערעכנט פאר א גרויסן פארברעכן אפילע צו צווייפלען אין דעם, אז דער פראוואסלאווער גלויבן שטייט העכער פאר די איבעריקע עמונעס, די מאסאנעס ווידער האבן גארניט אנערקענט קיין אונטערשייד צווישן די עמונעס), פלעגט מען אויך פירן פרייע פאליטישע שמועסן; צווייטנס, איז די מאסאנען־לאזשע מיט איר סוידעסדיקייט געווען זייער א באקוועמער צודעק און זייער א גוטע שול פאר א פ א ר ש ו ו ע ר ו נ ג: ניט אומזיסט האבן די פארשווערער־דעקאבריסטן אלע געשטאמט פון מאסאנען־לאזשעס, און ניט אומזיסט האט זיך די רעגירונג מיט גרויס כשאד באצויגן צו די מאסאנען, ביז אלעקסאנדער דער ערשטער האט אינגאנצן ניט פארבאטן די מאסאנען־לאזשעס. אבער

דער ערשטער, וואָס מע קאָנ אימ אָנרופנ בורזשואזער רעוואָליוציאָנער אינ רוס-לאנד, האָט געשטאמט ניט פונ א מאסאָנער-לאָזשע, נאָר ער איז געווענ א טאלמיד פונ די פראנצויזישע פילאָסאָפנ אונ פובליציסטנ פונעמ XVIII יאָרהונדערט. דאָס איז געווענ אלעקסאנדער ניקאָלײַעוויטש ראדישטשעוו, דער אווטער פונעמ בוכ: „א רײַזע פונ פעטערבורג קיינ מאָסקווע" (1790).

זײַנ גאנצע „רעוואָליוציע" איז באשטאנענ טאקע אינ דעמ עצעמ ארויסגעבנ דעמ דאָזיקנ בוכ. ער האָט ארומ זיכ אפילע ניט געהאט קיינ קליינ קרײַזל, ער איז געווענ אינגאנצנ אליינ. דער געריכט האָט בא אימ ניט אויסגעפונענ דעמ מינדסטנ פרווו „אופצוהעצנ" וועמענ ניט איז. אינ לעבנ איז ער געווענ זייער א רויִקער לי-טעראט, ווי מע קאָנ זיכ נאָר פאָרשטעלנ. אז מע האָט אימ ארײַנגעזעצט אינ טפיסע, האָט ער שטארק כאראָטע געהאט, אלעמײַ ער האָט אָנגעשריבנ זײַנ בוכ, וואָס ער האָט אינ א בריוו צומ אויספאָרשער אָנגערופנ „געמיינער" אונ „העס-לעכער". פונדעסטוועגנ האָט אימ יעקאטערינע פארשיקט קיינ סיביר. פארוואָס זשע? צוויי ערטער פונ דער „רײַזע" דערקלערנ דאָס. „בלוטדורשטיקע כײַעס, פיאווקעס, וואָס קאָנענ זיכ ניט אָנזעטיקנ, וואָס לאָזנ מיר איבער דעמ פויער? דאָס, וואָס מיר קאָנענ בא אימ ניט אָפנעמענ, — די לופט. יאָ, ניט מער ווי די לופט. מיר נעמענ בא אימ גאנצ אָפט אָפ ניט נאָר די גאָב פונ דער ערד — דאָס ברויט אונ וואסער, נאָר אפילע דאָס ליכט. דער געזעצ פארבאָט אָפצונעמענ בא אימ (באמ פויער) דאָס לעבנ, נאָר סײַדנ אינ איינ אויגנבליק (דאָס הייסט מיט-אמאָל). אָבער וויפל מיטלענ איז פאראנ אָפצונעמענ בא אימ זײַנ לעבנ ביסלעכ-ווײַז! פונ איינ זײַט זעענ מיר קימאט אלמעכטיקײַט, פונ דער אנדערער זײַט — שוצ-לאָזיקע מאכטלאָזיקײַט. ווײַל דער פאָרעצ איז בענעגייע צומ פויער א געזעצגעבער, ריכטער, אויספירער פונ זײַנ באשלוס, אונ, ווענ ער פארלאנגט עס, איז ער דער אָנקלאָגער, וואָס דער אָנגעקלאָגטער קאָנ קעגנ אימ גאָרנישט ניט זאָגנ".

אזוי האָט ראדישטשעוו געשריבנ וועגנ לײַבייגנטומ אינ דער זעלבער צײַט, ווענ עס איז, ווי מיר ווייסנ, געווענ באזונדערס טײַער דעמ פאָרעצ. שוינ דאָס אליינ האָט די לײַבייגנטימערישע מעלוכע ניט געקאָנט אריבערטראָגנ. נאָר ראדישטשעוו האָט זיכ ניט אָפגעשטעלט באמ קליינעמ הערשער, ער האָט זיכ דערקליבנ אויכ ביזנ גרויסנ. שוינ אינ א ביכל, וואָס ער האָט ארויסגעגעבנ נאָכ פאר דער „רײַזע", האָט ער דערקלערט זײַנ לייענער, אז „זעלבסטהערשונג איז דער צושטאנד, וואָס איז מער פאר אלצ דערווידער דער מענטשלעכער נאטור". „די אומגערעכטיקײַט פונעמ הערשער גיט דעמ פאָלק דאָס זעלביקע רעכט איבער אימ, וואָס דער געזעצ גיט אימ (דעמ הערשער) איבער די פארברעכער. דער הערשער איז דער ערשטער בירגער פונ דער פאָלקס-געזעלשאפט". דערמיט איז עס ראדישטשעוונ אראָפ גלאט. אינ דער „רײַזע" האָט ער שוינ אָנגעהויבנ רייִדנ וועגנ דער אייגענער זאכ א סאכ דרײַסטער. אינ איינ קאפיטל פונ זײַנ בוכ האָט ער ארײַנגעשטעלט א ליד „צו פרײַהײַט", וואָס ניט ער האָט זי, קלוימערשט, אָנגעשריבנ; די דאָזיקע ליד איז געווענ אָנגעשריבנ אזוי, אז ביז דער רעוואָליוציע פונעמ 1905-טנ יאָר איז או-מעגלעכ געווענ צו דרוקנ זי אינ רוסלאנד. דער אינהאלט פונ דער דאָזיקער ליד איז געווידמעט א באוואָפנטנ אופשטאנד קעגנ דער זעלבסטהערשונג, אנ אײַנגעגע-בענעמ אופשטאנד, וועלכער ענדיקט זיכ דערמיט, אז מע האקט אראָפ דעמ קאָפ דעמ „געקרוינטנ פײַניקער", דעמ קייסער. דעמ קייסער רופט מענ דערבײַ אָנ „מוי-דעריקע פארזעעניש", „מערדער, דער ערגסטער פונ אלע מערדער", אאז"וו. אז יאָ,

קאטערינע האָט איבערגעלייענט די דאָזיקע ליד, האָט זי אײַנגעפונענ, אז דאָס איז „אײַנגאנצנ אונ אָפנ בונטאריש", מיט א „קרימינעלער (דאָס הייסט פארברעכערישער) קאוואָנע". אונ טאקע, ביז ניקאָלײַ דעמ צווייטנ האָט מענ אינ רוסלאנד ניט געטערט אזוי אָפנהארציק וועגנ קייסאָרימ; שרײַבנ אזוי, ווי ראדישטשעוו, האָט מענ געוואגט בלויז אינ אויסלאנד. אונ ער האָט ארויסגעגעבנ זײַנ ביכל אינ פּעטערבורג.

אונדז דארפ ניט וווּנדערנ, וואָס ראדישטשעוו, ווענ ער איז פאר זײַנ בוכ ארײַנגעפאלנ אינ טפיסע, האָט זיכ בײַמ דעמ פארהער געהאלטנ גאָרניט מײַסע-העלד. דער רעוואָליוציאָנער באקומט מוט פונעמ באוווסטזײַנ, אז הינטער אימ, הינטער זײַנע פּלייצעס שטייט דאָס גאנצע פּאָלק. ראדישטשעוו האָט גאָרניט געהאט געטראכט צו ווענדנ זיכ צומ פּאָלק: זײַנ בוכ איז אָפּגעדרוקט געוואָרנ אינ א גאנצ נישטיקער צאָל עקזעמפּליארנ אונ איז געווענ אָנגעשריבנ אזוי, אז אויבנ האָבנ מיר געמוזט א ביסל אויסבעסערנ אייניקע אויסצוגנ, קעדיי מע זאָל זיי קאָנענ פארשטיינ. דאָס האָט אנ אינטעליגענט געשריבנ פאר דער אינטעליגענצ. זײַנ איינזאמקײַט דערקלערט אונדז גאנצ גענוג, פארוואָס ראדישטשעוו האָט פארלאָרנ דעמ מוט, בײַמ ער, אנ איינזאמער ליטעראט, האָט זיכ פּאָנעמ צו פּאָנעמ צוזאמענגעשטויסנ מיט דער שרעקלעכער זעלבסטהערשונג. די דאָזיקע זעלבסטהערשונג האָט אָבער געכאפּט פונעמ אוטער פונ דער „רײַזע" אזא קלינגענדיקנ פּאטש אינ פּאָנעמ, וואָס האָט זיכ געלאָזט הערנ גאנצענע הונדערט יאָר.

קיינ שומ פארבינדונג מיט דער פּויערשער באוועגונג איז בײַ דעמ ערשטנ רוסישנ רעפּובליקאנער — ווי מע קאָנ מיט פולנ רעכט אָנרופנ ראדישטשעוונ — ניט געווענ. עמעס, אינ זײַנ „רײַזע" רעדט ער מיט מיטגעפיל וועגנ דעמ, וואָס די פּויערימ האַרגענענ די בייזע פּריצימ, אָבער דאָס איז אלצ, וואָס מע קאָנ בײַ אימ געפינענ אזוינס, וואָס זאָל וויפל ניט איז דערמאָנענ וועגנ מײַסע-פּוגאטשאָוו. דערפאר אָבער האָט ראדישטשעוו אָנ שומ ספּעק געהאט פארבינדונגענ אינ אנ אנדער זײַט: ער האָט זיכ שטארק אינטערעסירט מיט עקאָנאָמישע פראגנ, אונ דערצו האָט אימ טיילווײַז געשטויסנ דער כאראקטער פונ דער שטעלע, וואָס ער האָט פארנומענ (ער איז געווענ דער שעפ פונ דער פּעטערבורגער טאמאָזשנע). אינ זײַנע באווײַזנ דערמאָנט ער דירעקט וועגנ דער ווירקונג, וואָס עס האָט געהאט אפ אימ די דעמלטיקע עקאָנאָמישע ליטעראטור, דערהויפּט די פראנצויזישע. ער האָט אויכ געהאט אייגענע ווערק, לעמאָשל, „א בריוו וועגנ כינעזישנ האנדל", וואָס ער האָט אָנגעשריבנ אינ סיביר, בײַמ דער פארשיקונג. דאָ זאָגט ער ארויס א נײַעמ פאר יענער צײַט געדאנק וועגנ דער נייטיקײַט פונ דער „שוצ-סיסטעמ", וואָס איז פארווירקלעכט געוואָרנ אינ רוסלאנד אינ דרײַסיק יאָר ארומ נאָכנ דאָזיקנ בריוו. „דער פארבאָט פונ אויסלענדישע מאנופאקטור-פּראָדוקטנ וועט אומפארמײַדלעכ ארויסרופנ מאנופאקטורנ אינדערהיימ, — שרײַבט ראדישטשעוו, — אונ אָנ דעמ קאָנענ נאָכ די אינווייניקסטע מאנופאקטורנ כאָרעוו ווערנ"; דער רעפּובליקאנער ראדישטשעוו איז אזויארומ געווענ איינער פונ די ערשטע אָנזאָגער פונ די אידייענ פונעמ אינדוסטריעלנ קאפּיטאליזמ אינ רוסלאנד.

נאָכ שטארקער פילט זיכ די זעלביקע פארבינדונג בײַ דעמ צווייטנ, לויט דער צײַט, „בורזשואזנ רעוואָליוציאָנער", ווי מעשונעדיק ס'זאָל ניט זײַנ אָנצורופנ אזוי א מענטשנ, וואָס איז גאנצ ווײַט געווענ פונ יעדנ געדאנק וועגנ איבערגוואלטיקער איבערקערעניש, — בײַ ספּעראנסקינ. ספּעראנסקי, ווי פריער נאָוויקאָוו אונ זײַנע

פּרײַנט, האָט געהאַט בעדייע צו ווירקנ דורכ דער זעלבסטהערשנדיקער מאַכט. ער איז געווענ אַלעקסאַנדער דעמ 1־טנס סעקרעטאַר אונ האָט, לויט זײַנ אויפטראַג, אָנגעשריבנ אַ פּראָיעקט וועגנ דער מעלוכע־אײַנאָרדענונג פונ רוסלאַנד. לויט זײַנ פאַרשטעלונג, האָט רוסלאַנד געזאָלט פאַרוואַנדלט ווערנ פונ אַ לײַביגנטימערישער מעלוכע אינ אַ בורזשואזער מאָנאַרכיע מיט אַ קאָנסטיטוציע, וואָס באַזירט זיכ אַפ אַ צענז (קלײַבנ האָבנ געמעגט ערדבאַזיצער אונ רײַכע סאָכרימ) מיט צוויי פּאַלאַטעס, אַ מעלוכע־ראַט אונ אַ מעלוכע־דומע. קימאַט ווי מיט הונדערט יאָר פריִער (זײַנ פּראָיעקט געהערט צומ 1809־טנ יאָר) האָט ער געוואָלט פאַרווירקלעכנ די קאָנסטיטוציע, וואָס דער גראַפ וויטע האָט מיט איר מעזאַקע געווענ רוסלאַנד אינ 1905־טנ יאָר. אָבער וויטעס קאָנסטיטוציע איז געווענ אַ האַנאָכע פאַר דער פאָלק־רעוואָליוציע, אונ אינ ספּעראַנסקיס צײַטנ איז קיינ שומ רעוואָליוציע ניט געווענ. מיט ספּעראַנסקיס פּראָיעקט האָט אַלעקסאַנדער בלויז געוואָלט זיכ אונטערכאַנפענענ צו די אַדעליקע. ווענ ס'איז אָבער קלאָר געוואָרנ, אַז די אַדעליקע ווילנ מער פונ אַלצ אײַנהיטנ די פּאַנשטשינע אונ נייטיקנ זיכ גאָרניט אינ קיינ קאָנסטיטוציע, האָט אַלעקסאַנדער ניט נאָר אַוועקגעלייגט דעמ פּראָיעקט אָנ אַ זײַט, נאָר ער האָט אויכ פאַרשיקט ספּעראַנסקינ, וואָס די אַדעליקע האָבנ אימ שרעקלעכ פײַנט געהאַט, ווײַל ער איז געווענ פאַר אַ בונד מיט פראַנקרײַכ אונ פאַר אַנ אײַנרײַס מיט ענגלאַנד. מיר ווייסנ, אַז דער בונד מיט פראַנקרײַכ אונ די קאָנטינענטאַלע סיסטעמ האָבנ געגעבנ אַ מעכטיקנ שטויס דער אַנטוויקלונג פונ דער רוסישער באַאַרבעטנדיקער אינדוסטריע. דאָ איז ספּעראַנסקי ווידער איינער פונ די אָנזאָגער פונ די אידייענ פונעמ אינדוסטריעלנ קאַפּיטאַליזמ. די אַנטוויקלונג פונ מאַנופאַקטורנ האָט ער געהאַלטנ פאַר איינער פונ די הויפּט־אויפגאַבנ פונ דער מעלוכע־מאַכט: די גרונט־אויפגאַבע פונעמ הויפּט־מיניסטעריומ, לויט ספּעראַנסקיס פּלאַנ, פונעמ אינערנ־מיניסטעריומ, איז געווענ די זאָרג וועגנ דער אַנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע. פּערזענלעכ האָט ער זיכ אויכ געדרייט אינ דער סוויווע פונ רײַכע קאַפּיטאַליסטנ; דאָס זײַנענ געווענ זײַנע בעסטע גוטפרײַנט. דערפאַר אָבער האָט ער זיכ דאָס ערשטע מאָל צונויפגעטראָפנ מיט רעוואָליוציאָנערנ דעמאָלט, ווענ ער איז, נאָכ זײַנ צוריקומענ פונ פאַרשיקונג, ווידער געוואָרנ אַ מיטגליד פונעמ מעלוכע־ראַט אונ האָט, לויט ניקאָלײַ דעמ 1־טנס אויפטראַג, צונויפגעשטעלט דעמ באַשולדיקונג־אַקט פאַר דעמ ד ע ק אַ ב ר י ס ט נ ־פּראָצעס.

אויכ בײַ די דעקאַבריסטנ וועלנ מיר ניט געפינענ קיינ שומ פאַרבינדונג מיט דער פויערשער באַוועגונג. פאַרקערט, מיר וועלנ נאָכ זענ, אַז דער עצעמ געדאַנק וועגנ דער מעגלעכקײַט פונ אַזאַ באַוועגונג פלעגט פאַרפירנ די דעקאַבריסטנ אונ מאַכנ אַ סאָפ צו זייער אייגענער באַוועגונג. די דעקאַבריסטנ זײַנענ אַפ $^{9}/_{10}$ געווענ מיליטער־לײַט אונ דערבײַ ניט קיינ סאָלדאַטנ, נאָר אָפיצערנ. נאָכ דער מילכאָמע פונ 1812־טנ יאָר, וואָס האָט באַקומענ דעמ פײַערלעכנ נאָמענ „פּאַטערלענדישע", האָבנ זיכ די מיליטער־לײַט געפילט ווי רעטער פונעמ פאָטערלאַנד, ווי די ערשטע מענטשנ אינ רוסלאַנד. די רוסישע אָפיצערנ, וואָס זײַנענ דורכגעגאַנגענ מיט אַ זיגרײַכנ מאַרש ביז פּאַריזש, וואָס פלעגנ אומעטומ באַגעגענענ אַ באַזיגטע, אונטערטעניקע, כניפעדיקע באַפעלקערונג, זײַנענ געוווינט געוואָרנ צו קוקנ אַפ זיכ שיִר ניט ווי אַפ באַלעבאַטימ איבער גאַנצ אייראָפּע. אינ דער אייגענער צײַט אָבער, באַקענענדיק זיכ מיט פרעמדע לענדער, וועגנ וועלכע זיי האָבנ פריִער מער ניט ווי געהערט אָדער געלייענט אינ ביכער (אַרומפאָרנ האָבנ דעמאָלט געקאָנט מער

גיט ווי רײַכע מענטשנ), באַקענענדיק זיכ מיט אַנדערע, ניט רוסישע פּראָנדקעס, האָבנ זיי זיכ אומגעקערט פונ אייראָפּע א סאַכ געבילדעטער, ווי זיי זײַנענ אוועקגעפאָרנ אַהינ, און אָט, אַז זיי האָבנ זיכ אומגעקערט, גיט מענ אָפּ די דאָזיקע מענטשנ אונטער א קאָמאַנדע פונ א גראָבנ, אומווויסנדיקנ סאָלדאַט, אַראַקטשייעווג, און מע צווינגט זיי גאַנצענע טעג צו מושטירנ זיכ און צו פּײַניקנ זייערע סאָלדאַטנ. מיט דער אומזיניקער קאַזאַרמע־מושטרע, פּונקט ווי די קאַמפּ־ביִעס, וואָס מע האַלט אויס אויסשליסלעכ צוליב געשלעג. בלויז די ערגסטע פונ זיי (ווי, אַשטייגער, דער פּאַלקאָווניק סקאַלאָזוב אינ גריבאָיעדאָווס פּיעסע „צאָרעס פונ סייכל”) האָבנ זיכ צוגעפּאַסט צו די נײַע פּראָנדקעס; ווער ס׳איז געווענ בעסער, דער איז אוועק אינ דעמיסיע, און די מער דרײַסטע פונ זיי זײַנענ געקומענ צומ געדאַנק אַראָפּצוװאַרפנ די אַראַקטשייעווישע אָרדענונג און צו מאַכנ רוסלאַנד פּאָליטיש פאַר אַנ אייראָפּייִש לאַנד. אַז מיליטער־לײַט זײַנענ עס בעקויעכ אויפצוטאָנ, דאָס האָבנ זיי קלאָר געזענ פונ אַלע הויפ־איבערקערענישנ אינעמ XVIII יאָרהונדערט, וואָס זײַנענ דורכגעמאַכט געוואָרנ דורכ דער גוואַרדיע, און באַזונדערס דעמ 11־טנ מאַרט פונעמ יאָר 1801, ווענ פּאַוועל איז געפאַלנ אַלס קאָרבנ טאַקע פונ אַנ אָפּיצערנ־פאַרשווערונג. שפּעטער זײַנענ צוגעקומענ נאָכ מער פרישע און נאָכ מער איבערצײַגנדיקע בײַשפּילנ: א ריי רעוואָליוציעס אינ שפּאַניע און אינ איטאַליע, וואָס דעמ אָנהייב פונ זיי פלעגט מאַכנ די אַרמיי.

אויב מע זאָל נאָכ דערצו צוגעבנ, אַז בײַמ דער „פּאַטערלענדישער מילכאָמע” האָט די גאַנצע אינטעליגענטישע יוגנט אָנ אויסנאַמ אָנגעטאָנ מיליטערישע מונדירנ, וועלנ מיר פאַרשטיינ, פאַרוואָס די אָפּיצערנ און די אינטעליגענצ האָבנ זיכ צו די 1820־קער יאָרנ צוזאַמענגעגאָסנ אינאיינעמ און פאַרוואָס די שטימונג פונעמ בעסערנ, פונעמ מער דרײַסטנ טייל פונ דער דאָזיקער אינטעליגענצ איז געווענ א רעוואָליוציאָנערע. נאָר וואָס האָט עס באַטײַט מאַכנ רוסלאַנד פאַר אַנ אייראָפּייִש לאַנד? אַנ ענטפער דערויפ האָט געגעבנ די עקאָנאָמישע איבערקערעניש, וואָס עס האָט דעמאָלט איבערגעלעבט רוסלאַנד, אינ וועלכער עס האָט געלעבט די דעמאָלטיקע אינטעליגענצ. די דעקאַבריסטנ זײַנענ געווענ נאָכ ענגער, ווי ראַדישטשעוו און ספּעראַנסקי, צוזאַמענגעבונדנ מיטנ זיכ אַנטוויקלענדיקנ אינדוסטריעלנ קאַפּיטאַליזמ. איינער פונ די סאַמע אָנגעזעענע (און איינער פונ דער קליינער צאָל ניט־מיליטערישע) פאַרשווערער, טורגעניעוו (א ווײַטער קאָרעוו פונעמ באַוווּסטנ שרײַבער) איז געווענ א מערקווירדיקער, פאַר זײַנ צײַט, עקאָנאָמיסט: זײַנ בוכ וועגנ שטײַערנ איז געווענ דער ערשטער פּרווו אינ דער רוסישער ליטעראַטור אָנצווענדנ צו דער דאָזיקער פראַגע די אידייענ פונ דער „קלאַסישער” פּאָליטישער עקאָנאָמיע, אָפּ וועלכע ס׳איז דערצויגנ געוואָרנ אויכ מאַרקס. דער פירער פונ דער פּעטערבורגער פאַרשווערונג (מיר וועלנ באַלד זענ, אַז ס׳איז געווענ צוויי פאַרשווערונגענ: איינע אינ פּעטערבורג, די צווייטע אינ דאָרעמ־רוסלאַנד), דער פּאָעט רילעיעוו, איז געווענ אַנ אונטערנעמער — א פאַרלעגער און דער געשעפט־פירער פונ דער „רוסלענדיש־אַמעריקאַנישער קאָמפּאַניע”, פונ דער גרעסטער האַנדל־אינדוסטריעלער אונטערנעמונג אינ דעמ דעמאָלטיקנ רוסלאַנד, וועלכע האָט עקספּלואַטירט אינ אַמעריקע אַליאַסקע, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו רוסלאַנד. רילעיעוו האָט געהאַט גרויסע פאַרבינדונגענ מיט די בורזשואַזע קרײַזנ אינ פּעטערבורג. אינ מאָסקווע איז געווענ נאָענט צו די דעקאַבריסטנ דער דרוקערײַ־אייגנטימער און פאַרלעגער

סעליוואַנאָווסקי, וואָס האָט פאַרטראַכט דעמ ערשטנ ענציקלאָפּעדישנ ווערטער-בוכ
אינ רוסלאַנד. ערעוו דעמ 14־טנ דעקאַבער פלעגט דער אינזשעניער באַטענקאָוו,
וואָס די פאַרשווערער האָבנ געהאַט בעדייע צו מאַכנ אימ פאַר אַנ איניאָנימ־
פאַרוואַלטער פונ דער צייטווייליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג (אינ וועלכער עס
האָט, אַגעוו, געזאָלט אַריינגיינ אויכ ספּעראַנסקי), „אָפּטער פונ אַלצ זיינ אינ סאָכ־
רישע הייזער, אונ אַפּ וויפל דער דאָזיקער קלאַס איז ביכלאַל געווענ אומצופרידנ
מיט די באַדריקנדיקע פאַרנ האַנדל פאַראָרדענונגענ, האָט דאָס טרעפנ זיכ מיט זיי
אויפגעהעצט דעמ ווונטש צו אַנ ענדערונג״. אויב מע זאָל פאַרשטיינ באַטענקאָווס
ווערטער בוכשטעבלעכ, קומט אויס, אַז די סאָכרימ פלעגנ אימ גופא אונטערהעצנ

דעמ 14 דעקאַבער 1825 יאָר אַפנ סענאַט־פּלאַצ

צו אַנ איבערקערעניש. ס׳איז אַ ספק, צי איז עס געווענ אַזוי. מע דאַרפ זיכ
אָבער פונדעסטוועגנ דערמאָנענ אָנ די אויבנ אָנגערופענע סאָכרימ פונעמ פּעטער־
בורגער „גאָסטיני דוואָר״, וועלכע פלעגנ שמועסנ וועגנ אַ קאָנסטיטוציע.

א „קאָנסטיטוציע״, ד. ה. באַגרענעצנ דעמ קייסערס מאַכט דורכ אַ פאַרזאַמ־
לונג פונ „פאָלק״־פאַרשטייער, צוזאַמענ מיטנ אָפּשאַפנ דאָס לייביגנטומ, דאָס
זיינענ געווענ די פאָדערונגענ, וואָס האָבנ פאַרייניקט די גרעסטע צאָל דעקאַב־
ריסטנ. די קאָנסטיטוציע, וועגנ וועלכער זיי האָבנ געטרוימט, איז געווענ פּונקט
אַזאַ, ווי עס האָט פּראָיעקטירט ספּעראַנסקי, — אַ צענז־קאָנסטיטוציע, דאָס
הייסט, אַז פאָלק־פאַרשטייער האָבנ געזאָלט שיקנ ניט אַלע, נאָר בלויז די פאַר־
מעגלעכע קלאַסנ. דערביי האָבנ די פּריצימ געזאָלט באַקומענ אינ 500 מאָל מער
שטימענ, איידער די ניט לייביגענע פּויערימ (די מעלוכע־פּויערימ האָבנ געזאָלט
קלייבנ איינ וואַלמאַנ אַפ יעדע 500 נעפאַשעס), די לייביגענע פּויערימ ווידער
האָבנ גאָרניט געזאָלט באַקומענ קיינ וואַל־רעכט, זיי האָבנ זיכ געזאָלט באַנוגענענ
מיט „בירגערלעכער פרייהייט״, ד. ה. מיט באַפרייט ווערנ פונ לייביגנטומ־צושטאַנד.
די דאָזיקע באַפרייונג האָט זיכ געמאָלט די דעקאַבריסטנ בעערעכ אינ דער זעלבי־

קער פאָרמ, אינ וועלכער זי איז פאַרווירקלעכט געוואָרנ אינעמ 1861-טנ יאָר, דאָס הייסט, מע זאָל אָפּנעמענ בא די פּויערימ א טייל ערד לעטויוועס דעמ פּאָרעצ, דערבײַ איז אַלעקסאַנדער דעמ צווייטנס רעפאָרמע אפילע געווענ בעסער פאר די פּויערימ, ווי דער פּראָיעקט פונ די דעקאַבריסטנ: די האָבנ געוואָלט אָפּנעמענ בא די פּויערימ מער ערד. דערופ זײַנענ זיכ צונויפגעגאַנגענ אַלע אָנטיילנעמער פונ דער פאַרשווערונג, וואָס האָבנ געוווינט אינ פּעטערבורג אונ וועלכע האָבנ דאָסמאָל געהערט צו די פאַרמעגלעכע פּריצימ, געדינט אינ גוואַרדיע אונ זיכ ניט אויסגעצייכנט מיט קיינ באַזונדער רעוואָליוציאָנערקײַט. זיי האָבנ געצוווּנגענ פאַנאַנדערצולאָזנ די ערשטע געהיימע געזעלשאַפט, דעמ „רעטונג־פאַרבאַנד" („Союз спасения") אונ האָבנ געגרינדעט דעמ „וווילזײַנ־פאַרבאַנד" („Союз благоденствия"), וואָס האָט עקזיסטירט קימאַט ווי אָפנ אונ האָט ניט פאַרלאָרנ די האָפענונג צו דערשלאָגנ זיכ בא אַלעקסאַנדער דעמ 1-טנ א רעפאָרמע אפ א פרידלעכנ אויפנ. מע פלעגט זיכ דערמאָנענ, אַז ער אַליינ האָט דאָכ אַמאָל געטרוימט וועגנ א קאָנסטיטוציע אונ האָט זיכ ארויסגעזאָגט קעגנ לײַבייגנטומ. בא אַלעקסאַנדערנ אָפנ שרײַבטיש זײַנענ געלעגנ די טאַקאָנעס פונעמ „וווילזײַנ־פאַרבאַנד", נאָר ער האָט ניט אָנגענומענ קיינ שומ מיטלענ קעגנ אימ: ער האָט זיכ מיט גרויס פאַראַכטונג פאַרהאַלטנ צו די דאָזיקע פּלאַפּלערס, וואָס האָבנ אי געוואָלט פּאָליטישע פרײַהײַט, אי קיינ מוט ניט געהאַט אפ א רעוואָליוציע.

אפנ דאָרעמ אָבער, אינ דער איזיגערופענער „ווירקנדיקער אַרמיי", האָט זיכ צוגעקליבנ א קליינער קרײַז מענטשנ, וואָס איז געווענ א סאַכ אַנטשלאָסענער, ווי די פּעטערבורגער. צו זיי האָבנ טיילווײַז געהערט די אָרעמע אָפיצערנ, וואָס האָבנ געבילדעט א באַזונדערע געזעלשאַפט פונ „פאַראייניקטע סלאַווג". טיילווײַז זײַנענ דאָס געווענ די סאַמע געבילדעטע אונ ענערגישע אָנטיילנעמער פונ דער געהיימער געזעלשאַפט, ווי, אַשטייגער, סערגיי מוראַוויאָוו־אַפּאָסטאָל, דער איינציקער, וואָס האָט זיכ ניט באַנוגנט מיט פּראָפּאַגאַנדע צווישנ דער אינטעליגענצ, נאָר ער האָט זיכ געפּרוּווט פאַרשפּרייטנ רעוואָליוציאָנערע אידייענ אויכ צווישנ זײַנע סאָלדאַטנ (ער איז געווענ קאָמאַנדיר פונ א פּאָלק). פאַר די סאָלדאַטנ האָט ער צונויפגעשטעלט א באַזונדערנ „פּראַוואָסלאַוונעמ קאַטעכיזיס", ווו ס'איז דערקלערט געוואָרנ, אַז גאָט הייסט גאָרניט פאָלגנ אָנ שומ טײַנעס יעדנ גוואַלדטוער, ווי עס לערנענ די גאַלאָכימ אינ די קלויסטערס: „קריסטוס האָט געזאָגט: מע קאָנ ניט דינענ אי גאָט אי דעמ טײַוול (מאַמאָנ). אונ דערפאַר טאַקע לײַדט דאָס רוסישע פאָלק אונ די רוסישע אַרמיי, וואָס זיי פאָלגנ די קייסאָרימ". „וואָס פאַר א רעגירונג פּאַסט צו גאָטס געזעצנ? אַזאַ, ווו ס'איז ניטאָ קיינ קייסאָרימ. גאָט האָט אונדז באַשאַפנ אַלעמענ גלײַכ, אונ בײַמ ער איז אַראָפּ אפ דער ערד, האָט ער אויסדערוויילט אַפּאָסטאָלנ פונעמ פּאָשעטנ האַמוינ אונ ניט פונ די מעיוכאָסימ אונ פונ די קייסאָרימ. הייסט עס, אַז גאָט האָט ניט ליב קייסאָרימ? ניינ. ער האָט זיי פאַרשאָלטנ דערפאַר, וואָס זיי דריקנ דאָס פאָלק, אונ גאָט האָט ליב די מענטשנ". אונ קעדיי דאָס צו דערווײַזנ, ווערט געבראַכט אַנ אויסצוג פונ דער ביבל, ווו עס שטייט טאַקע געשריבנ, אַז גאָט וועט זיכ ניט צוהערנ צו די, וואָס קלײַבנ זיכ אויס א קייסער. „הייסט עס, אַז שווערנ דעמ קייסער איז אויכ גאָט דערווידער? יאָ, דערווידער. די קייסאָרימ צווינגענ ארויס באַמ פאָלק א שווּע, קעדיי עס אומצוברענגענ".

ס'איז גאַנצ קלאָר, אַז מוראַוויאָוו־אַפּאָסטאָל האָט געגרייט זײַנע סאָלדאַטנ צו אַנ אופשטאַנד, ניט לעשעמ א קאָנסטיטוציע, נאָר לעשעמ א ר ע פּ ו ב ל י ק: די

דאָרעמדיקע פארשווערער זײַנענ געווענ רעפּובליקאנער. אזא איז געווענ אויכ זײער פירער, דער סאמע מערקווירדיקער מענטש פונ דער פארשווערונג, דער פּאָלקאָווניק פּעסטעל. ער האָט פארשטאנענ (טײלווײַז האָט ער עס געקאָנט באַשײַמפּערלעכ זענ אפּנ בײַשפּיל פונ פּוילנ, זע אויבנ), אז א קאָנסטיטוציע וועט זײַנ בלויז א פאָרהאנג, וואָס הינטער אימ וועט זיכ געפינענ די זעלביקע זעלבסטהערשונג, ווײַבאַלד נאָר זי (די קאָנסטיטוציע) וועט ניט האָבנ אפּ איר זײַט די גאנצע פּאָלקמאסע. ער האָט אויכ פארשטאנענ, אז די פּאָלקמאסע, די לײַבײגענע פּויערימ, וועלנ ניט כאפּנ קײנ היספּײַלעס פונ יענער האלב־פרײַהײַט, האלב־באַרויבונג, וואָס עס זאָגנ איר צו די פּראָיעקטנ פונ דער מערהײַט דעקאבריסטנ. אזוי ווי ער האָט ניט געוואָלט אופּרעגנ די מערהײַט, האָט פּעסטעל אפּנ וואָרט מאסקימ געווענ, אז מע דארפ באצאָלנ די פּריצימ פארנ אָפּשאפּנ דאָס לײַבײגנטומ, דערפאַר אָבער האָט ער אינ זײַנ פּראָיעקט, וואָס ער האָט א נאָמענ געגעבנ דאָס „רוסישע רעכט” אָפּגעגעבנ דעמ פּ אָ ל ק ד י ג א נ צ ע ע ר ד. דורכ דעמ האָט ער געהאָפּט צוציִענ אפּ דער זײַט פונ דער נײַער אָרדענונג די אלע, וואָס זײַנענ געווענ פארינטערעסירט אינ ערד, ד. ה. אלע פּויערימ אונ סאָלדאטנ, וואָס זײַנענ, אײגנטלעכ, אויכ געווענ פּויערימ. אינ דער זעלביקער צײַט האָט פּעסטעל אויסגעצײכנט פארשטאנענ, אז אָנ א גאָר אנטשײדנדיקער רעוואָלוציאָנערער שלאכט אונ אָנ טעראָר וועט זיכ ניט אײַנגעבנ אײַנצוברעכנ די זעלבסטהערשונג. ער האָט דעריבער אלצ געגרײט צו א גרויסנ באוואָפנטנ אופשטאנד (ער האָט געהאָפּט צו האָבנ אפּ זײַנ זײַט א גאנצנ קאָרפּוס, 40 טויזנט סאָלדאטנ), וואָס האָט זיכ געוואָלט ענדיקנ מיט אויסראָטנ אלע „ראָמאנאָווס”. דעמלט, האָט געמײנט פּעסטעל, וועט די זאכ שוינ זײַנ פעסט, אונ די צײַטווײַליקע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג וועט אינ משך פונ עטלעכע יאָר איבעראָנדערשנ גאנצ רוסלאנד.

פּעסטעל האָט זיכ דערשלאָגנ דערצו, אז דער פּשאָרעמאכערישער „ווילזײַנפארבאנד” זאָל פארביטנ ווערנ אפּ אַנ עמעסער רעוואָליוציאָנערער געזעלשאפט. ס'איז אָפּגערעדט געווענ, אז דער אופשטאנד זאָל זיכ אָנהײבנ זומער 1826 יאָר, ווענ אפּנ דאָרעמ וועלנ פּאָרקומענ מיליטערישע מאנעווערעס. אלס סיגנאל האָט געזאָלט דינענ דאָס דערהארגענענ אלעקסאנדער דעמ ערשטנ. דערנאָכ האָט די אופּגעשטאנענע ארמײ געזאָלט גײנ אפּ מאָסקווע אונ פּעטערבורג, צווינגענ די העכערע מעלוכע־אנשטאלטנ — די וועלטלעכע אונ די קירכלעכע, — דעמ סענאט אונ דעמ סינאָד, צו אנערקענענ די צײַטווײַליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג, אונ זי האָט שוינ געזאָלט דערנאָכ צוטרעטנ צו ליקווידירנ דעמ אלטנ רעזשימ. דער האָזיקער פּלאנ האָט געפּלאצט נאָכ לאנג פאר דער באשטימטער צײַט. ארומ פּעסטעלנ האָבנ זיכ געפונענ פארעטער, אונ ער איז ארעסטירט געוואָרנ אינ אָנהײב דעקאבער 1825 יאָר. נאָכ מיט צוויי וואָכנ פריִער איז געשטאָרבנ אלעקסאנדער דער 1־טער, געשטאָרבנ גאנצ אומגעריכטערהײט, ער איז נאָכ ניט אלט געווענ קײנ 50 יאָר. די פארשווערער זײַנענ אָנ א פירער געבליבנ פּאָנעמ צו פּאָנעמ מיט א גאנצ נײַער לאגע.

נאָר אויכ אינעמ קעגנערישנ לאגער איז געווענ ניט קײנ קלענערע מעהומע. אלעקסאנדערס טויט איז געקומענ אומגעריכטערהײט ניט נאָר פאר די פארשווערער, נאָר אויכ פאר דער גאנצער צארישער מישפּאָכע. אלעקסאנדער האָט ניט געהאָט קײנ קינדער, זײַנ יורעש האָט געזאָלט זײַנ פּאַוועלס צווייטער זונ, קאָנסטאנטינ, וואָס איז דעמלט געווענ וויצע־קיניג אינ פּוילנ. נאָר א קורצע צײַט פאר

דעמ האט ער זיכ אפגעזאגט פונ טראנ, מיט דעמ אויסרייד, אז ער האט באסענע געהאט ניט מיט א פרינצעסנ, נאר מיט א פאשעטנ באסערסוועדאמ, מיט א פוילישער אדעליקער; אינדערעמעסנ האט אימ זײנ עלטערער ברודער געצוווּנגענ אפצוזאגנ זיכ, ווײל קאנסטאנטינ האט מיט זײנ ווילדנ, צעלאזענעמ באראקטער שוינ צו שטארק דערמאנט דעמ פארשטארבענעמ פאטער, און מע האט געקאנט מוירע האבנ, אז ער וועט האבנ דעמ זעלביקנ סאפ. אבער מע האט ניט באוויזנ צו פארעפנטלעכנ קאנסטאנטינס אפזאגנ זיכ, — עס איז געלעגנ אינ א פארכאס־מעטנ קאנווערט אינ מאסקווע אינ אוספעניע־קלויסטער. אלע, אכוץ דער צארישער מישפאכע, וואס האט געוווּסט פונ דער מײסע, האבנ געקוקט אפ קאנסטאנטינענ ווי אפ א טראנפאלגער; ווענ ס'האט זיכ באקומענ די ידיִעס וועגנ אלעקסאנדערס טויט, האבנ אלע געשוואוירנ קאנסטאנטינענ, אלס קייסער. די זאכ איז געווארנ נאכ פארוויקלטער דורכ דעמ, וואס אויכ אינעמ הריטנ ברודער, אינ ניקאלײענ פאוולאוויטשנ, האט מענ שוינ קלאר געקאנט דערקענענ דעמ צוקונפטיקנ ניקאלײ פאלקינענ, און גראד אינ דער גווארדיע האט מענ אימ שרעקלעכ פײנט געהאט. און דא, אדאנק דעמ, וואס קאנסטאנטינ האט זיכ אפגעזאגט, איז ער געווארנ דער יוירעש: פונ פײער אינ פלאמ!

די פארשווערער, וואס זײנענ די ערשטע רעגע צוליב די אלע אומדערוואַרטע זאכנ אינגאנצנ צעטומלט געווארנ, זײנענ א ביסל געקומענ צו זיכ, ביימ זיי האבנ דערזענ, אז אינ הויפ איז דער פלאנטער ניט קיינ קלענערער, ווי בא זיי אליינ. ס'איז געבליבנ אויסצונוצנ שוינ ניט די מאנעוורעס, נאר דעמ טאג, ווענ מע וועט דארפנ שווערנ ניקאלײענ. די סאלדאטנ האט מענ דערציילט, אז קאנסטאנטינ האט זיכ גארניט אפגעזאגט, נאר מע באזײטיקט אימ פונ טראנ דערפאר, ווײל ער וויל געבנ רוסלאנד א קאנסטיטוציע. און אגעוו האט מענ פארשפרייט א קלאנג, אז ס'איז פאראנ אלעקסאנדערס א צאוואע, וואס ניקאלײ האט זי באהאלטנ, וועלכע פארקלענערט דעמ טערמינ פונ מיליטער־דינסט (דעמלט האט מענ געדינט 25 יאר) און גיט די פויערימ פרײהײט. די סאלדאטנ האבנ זיכ דארשטיק צוגעהערט. די פארשווערער האבנ נאכ פונדעסטוועגנ אינ יענער רעגע ניט געהאט קיינ קלארנ און פעסטנ באשלוס צו דערפירנ די זאכ ביז א באוואפנטנ צוזאמענשטויס מיט ניקאלײענ און מיט דעמ מיליטער, וואס איז געבליבנ אפ זײנ זײט. דעמ 14־טנ דעקאבער, אלטנ סטיל (דעמ טאג פונ דער שווועע), האבנ די פארשווערער ארויסגעפירט זייערע סאלדאטנ אפנ סענאט־פלאצ, ווו עס געפינט זיכ פיאטערס דענקמאל, האבנ זיי דארטנ אויסגעשטעלט אינ א קארע (אינ א קוואדראט־זײל) און זײנענ געבליבנ שטיינ, ווארטנדיק, אז צו זיי וועלנ צושטיינ די איבעריקע פאלקנ. דער פאשעטער האמוינ פונ פעטערבורג האט זיכ אויכ געשטעלט אפ די פיס. אומגעהײערע מענגעס מענטשנ האבנ פארפלייצט דעמ סענאט־פלאצ און די ארומיקע גאסנ. אינ ניקאלײס גענעראלנ האט מענ אנגעהויבנ ווארפנ שטיינער און שנייבאלנ, מע האט אנגעהויבנ אראפרײסנ בא זיי די עפאלעטנ. ווענ ניקאלײ האט מיט זײנ סוויטע זיכ דערוועגט צו באווײזנ זיכ אפנ פלאצ, האבנ די ארבעטער פונ איסאאקי־קלויסטער, וואס מע האט דעמלט געהאלטנ אינ בויענ, פארטריבנ אימ מיט שײטלעכ האלצ; דאס באשטעטיקט ניקאלײ אליינ אינ זײנ טאג־בוכ. ס'האט זיכ אנגעהויבנ דאס, צו וואס די פארשווערער זײנענ וויניקער פונ אלצ געווענ גרייט: עס האט זיכ אנגעהויבנ א פאלק־רעוואליוציע.

און די קארע אפנ סענאט־פלאצ האט אפילע ניט געהאט קיינ קאמאנדיר.

רילעיעו האָט זיכ באַוויזנ אַפ עטלעכע מינוט, איז אָבער אַוועק גלײַכ אַהיימ. אימ קאָנ מענ נאָכ מויכל זײַנ: ער איז געווענ אַ קנאַפּער מיליטער-מענטש (אַ נידעריקער אָפיצער אינ דעמיסיע), אַכוצ דעמ איז ער נאָכ דעמלט געווענ קראַנק. נאָר די פאַרשווערער האָבנ געהאַט באַשטימט אַ ספּעציעלנ „דיקטאַטער“, דעמ גוואַרדיע-פּאָלקאָווניק פּירשט טרובעצקאָי, אונ דער האָט גאָר מוירע געהאַט צו באַווײַזנ זיכ אַפנ פּלאַצ אונ האָט זיכ באַהאַלטנ בא זײַנע קרוויומ. ניקאָלײַ פּאַלקינ אַליינ האָט זיכ אויכ שטאַרק געהאַט פאַרלאָרנ, נאָר אינ זײַנ סוויווע האָבנ זיכ געפונענ עטלעכע גענימטע קאַמפּ-גענעראַלנ, וואָס האָבנ ניט פאַרלאָרנ דעמ קאָפּ. מע האָט אַרויס-



ד י ד ע ק אַ ב ר י ס ט נ (די צייכענונג איז גענומענ פונ „פּאָליאַרנאַיאַ זוועזדאַ“, וואָס אַ. אי. הערצענ האָט אַרויסגעגעבנ).

געפירט אַפנ פּלאַצ אַרטילעריע אונ קאַוואַלעריע, וואָס די פאַרשווערער האָבנ עס ניט געהאַט. ווענ מע האָט אָפּגעשלאָגנ דעמ אָנגריפ פונ דער קאַוואַלעריע (ניט די דעקאַבריסטנ, נאָר טאַקע די זעלביקע אַרבעטער מיט זייערע שטעקלעכ האָלצ), האָט די אַרטילעריע אָנגעהויבנ שיסנ אינ דער קאַרע אונ אינ דעמ אַרומיקנ פּאָלק. אינ עטלעכע מינוט איז אַלצ געווענ געענדיקט.

דערנאָכ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ מאַסנ-אַרעסטנ. ניקאָלײַ, וואָס איז ווידער גע-קומענ צו זיכ נאָכדעמ, ווי ס'האָט זיכ אײַנגעגעבנ צו דערשטיקנ דעמ באַוואָפנטנ אויפשטאַנד, האָט אַליינ געפירט די אויספאָרשונג אונ האָט אַרויסגעוויזנ גרויסע זשאַנדאַרמישע פייִקייטנ. גלײַכ אַפנ ערשטנ אויספרעג האָט ער באַוויזנ אַרויסצוצײַסנ בא די אָנטיילנעמער, וואָס האָבנ זיכ נאָכ מער פאַרלאָרנ נאָכ דער מאַפּאָלע, אַ סאַכ נעמענ אונ פּראָטימ פונ דער פאַרשווערונג. מע פלעגט זיי קונציק אָפּנאַרנ מיט צוזאָגענישנ, אַז אַלצ וועט זיכ ענדיקנ מיט קלייניקייטנ,- אַז דאָס ערגסטע, וואָס עס קאָנ זײַנ, איז דאָס, וואָס מע וועט די שולדיקע אָפּזאָגנ פונ זייערע שטעלעס אָדער מע וועט זיי פאַרשיקנ אינ זייערע דערפער. אונ אַז מע איז אַלצ דערגאַנגענ, האָט מענ זיכ אָפּגערעכנט מיט זיי אַפנ בלוטדורשטיקסטנ אופנ: פינפ פירער פונ דער פאַרשווערונג — פּעסטעל, רילעיעו, סערגיי מוראַוויאָוו-אַפּאָסטאָל, וואָס האָבנ זיכ אָנ דערפאָלג געפרוווט אויפהייבנ אַנ אויפשטאַנד אַפ דאָרעמ, בעסטוזשעוו-ריומינ אונ קאַכאָווסקי — האָט מענ אויפגעהאַנגענ. (אונ דאָ האָט נאָכ אויכ געשטעקט ניקאָלײַס אַ „כעסעד“: דער געריכט האָט זיי לעבאַטכילע פאַרמישפּעט

צום צעפּערטלען). העכער 100 מאַן זײַנען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, א סאַך פון
זיי אַפּ קאַטאָרגע, די איבעריקע צו וווינען דאָרט. באַטענקאָוו איז 20 יאָר אָפּגע־
זעסן אין א קאַזעמאַט אין דער פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג, און דאָס איז, פאַר־
שטייט זיך, געווען נאָך ערגער פון יעטווידער קאַטאָרגע. טויזנטער סאָלדאַטן, וואָס
האָבן אָנטייל גענומען אין דער באַוועגונג, זײַנען פאַרשיקט געוואָרן קיין קאַווקאַז,
וווּ זיי זײַנען כימעט אַלע אומגעקומען אויב ניט פון די קוילן פון די בערג־אײַנ־
וווינער, איז פון קראַנקײַטן.

פאַרוואָס זשע האָבן די דעקאַבריסטן געליטן א מאַפּאָלע? די ערשטע רע־
גע זײַנען זיי געווען א סאַך שטאַרקער פון ניקאָלײַען, וואָס האָט טכילעס געהאַט
פאַכאַקל איין באַטאַליאָן אינפאַנטעריע. די קאַוואַלעריע און די אַרטילעריע האָט
אים געפאָלגט אָן גרויס כיישעק: די קאַוואַלעריע פלעגט אָפּטרעטן בא דעם
קלענסטן ווידערשטאַנד, די אַרטילעריסטן האָבן א לאַנגע צײַט ניט געקאָנט גע־
פינען קיין קוילן פאַר זייערע האַרמאַטן. דער אײנציקער פּאָפּולערער גענעראַל,
וואָס ער האָט געהאַט, מילאָראַדאָוויטש, דער העלד פון דער „פּאַטערלאַנד"־מיל־
כאָמע, איז דערהארגעט געוואָרן (דורך קאַכאָווסקין) גלײַך פון אָנהייב אָן, און די
איבעריקע גענעראַלן האָבן די סאָלדאַטן פונקט אַזוי פײַנט געהאַט, ווי ניקאָלײַען
גופע. פאַרוואָס זשע האָבן די דעקאַבריסטן דאָס אַלץ ניט אויסגענוצט? זיי אַליין
האָבן געגעבן אַן ענטפער: זיי האָבן מוירע געהאַט פאַר דעם אַלפאָל־
קישן אופשטאַנד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר זייערע
אויגן. „אין רוסלאַנד איז ניט מעגלעך קיין רעפּובליק — האָט געזאָגט צו רי־
לעיעוון דער דעקאַבריסט שטיינגעל, — און די רעוואָלוציע, וואָס וועט זיך שטעלן
אַזא קאַווענע, וועט זײַן אָן אומגליק; אין איין מאָסקווע (שטיינגעל איז געשטאַ־
נען זייער נאָענט צו דער מאָסקווער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע) איז פאַראַן 90
טויזנט בלויז הויזדינער, וואָס זײַנען גרייט צו נעמען זיך פאַרן
מעסער, און די ערשטע קאַרבאַנעס וועלן זײַן אונדזערע באַבעס, מוטערס און
שוועסטער". די דעקאַבריסטן האָט אַפּן סענאַט־פּלאַץ באַוויזן ניט אַזוי ניקאָלײַ
מיט זײַנע האַרמאַטן, ווי דער געשפּענסט פון דער פוגאַטשאָווישער באַוועגונג, די
שרעק פאַר אָט דעם געשפּענסט האָט זיי געבונדן די הענט אין דער סאַמע אַנט־
שיידנדיקער רגע און האָט אַפּ אייביק אומגעבראַכט די בורזשואַזע רעוואָלוציע
אין רוסלאַנד.

ווירקלעך, דעם 14־טן דעקאַבער 1825 יאָר איז געווען די ערשטע און די לע־
צטע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונג פון דער בורזשואַזיע אין רוסלאַנד.
די גאַנצע צײַט האָט די בורזשואַזיע ניט אויפגעהערט צו טרוימען וועגן א קאָנסטי־
טוציע, אירע האָפענונגען האָט זי אָבער געלייגט אויסשליסלעך אַפּ דער לײַטזעלי־
קײַט פונעם קייסער. זי פלעגט ניט איינמאָל דערלאַנגען די קייסאָרים (באַזונדערס
אַלעקסאַנדער דעם 2־טן) אַדרעסן (באַקאָשעס) מיקויעך א קאָנסטיטוציע. אָבער
ווי נאָר זי פלעגט דערזען א פּרווו פון א רעוואָליוציע מיצאַד די סאָציאַליסטן,
פלעגט זי זיך מיט שרעק אָפּטרייסלען פון די דאָזיקע מעהומע־מאַכער און פלעגט
אָנהייבן פאַרזיכערן דעם קייסער אין איר איבערגעגעבנקײַט און פאַרלייגן אים
אירע דינסטן צום קאַמפּ קעגן דער „קראַמאָלע" (רעוואָליוציע). דער אַנימײַמין פון
דער בורזשואַזיע איז געוואָרן דאָס, וואָס עס האָט אָנגעשריבן איינער פון די סאַ־
מע אָנגעזעענע פאַרשטייער פונעם בורזשואַזן געדאַנק אין רוסלאַנד, דער פּראָפע־
סער קאַוועלין: „יעטווידע באַגרענעצונגען פון דער אויבער־מאַכט אין רוסלאַנד,

אַכוצ די, וואָס קומענ פֿונ איר גופֿע זײַנענ אַנ אומגעלעכע זאַכ און זיי זײַנענ דעריבער בעפֿיירעש שעדלעכ. אַלס אַנ איליוזיע און זעלבסטנאַרערײַ".

פֿאַרוואָס זשע איז עס געווענ אַזוי? צי איז עס פֿאָעשט דערפֿאַר, ווײַל די בורזשואַזיע איז, וואָס ווײַטער צו מיזרעכ־אייראָפּע, אַלץ נידערטרעכטיקער און פּאַכדאָנישער, ווי ס'איז געשריבנ אינעמ ערשטנ מאַניפֿעסט פֿונ דער רוסישער אַרבעטער־פּאַרטיי? עס פֿאַרשטייט זיכ, אַז אויכ די דאָזיקע נידערטרעכטיקײַט פֿונ דער בורזשואַזיע האָט איר „מאַטעריעלנ יעסאָד". אינעמ פּעריאָד פֿונ זײַנ אויסבילדנ זיכ נייטיקט זיכ דער אינדוסטריע־קאַפּיטאַליזמ אינ אַ פּראָלעטאַריאַט, דאָס הייסט, ער נייטיקט זיכ דערינ, מע זאָל באַ די פּויערימ אָפּנעמענ די ערד, ער נייטיקט זיכ, מע זאָל „באַשיצנ די פּאַטערלענדישע אינדוסטריע", דאָס הייסט, אינ הויכע גרענעצ־אָפּצאָלנ, וואָס פֿאַלנ מיט זייער גאַנצער לאַסט אַפֿ דער פֿאָלק־מאַסע, ער נייטיקט זיכ, לעסאָפּ, אינ אויסערלעכע מערק, ד. ה. אינ אַ „רעכטער האַנט, וואָס מאַכט ציטערנ סטאַמבול און טעהעראַנ". און צוליב דעמ אַלעמ איז נייטיק אַ ש ט אַ ר ק ע צענטראַלע מאַכט, ס'איז נייטיק אַ מאָנאַרכיע. און אויב מע זאָל זיכ נאָכ דערמאָנענ, אַז באַ אונדז איז דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל קיינמאָל ניט געווענ דער אַליינהערשער (ווי דאָס איז, לעמאָשל, געווענ, אינעמ XIX יאָרהונדערט אינ ענגלאַנד און אינ די פֿאַרייניקטע שטאַטנ), נאָר אַז ער האָט די גאַנצע צײַט געמוזט טיילנ די מאַכט מיטנ האַנדל־קאַפּיטאַל, — און דער לעצטער נייטיקט זיכ ניט בלויז אינ אַ מאָנאַרכיע, נאָר טאַקע אינ אַ זעלבסטהערשונג, — וועט אונדז דעמלט די פּאָליטישע פּאַכדאָנעס פֿונ דער רוסישער בורזשואַזיע ווערנ מער ווי פֿאַרשטענדלעכ.

די פֿאָלקיסטישע רעוואָליוציע

דער דורכפֿאַל פֿונ די דעקאַבריסטנ האָט געהאַט אַ פֿאַרשיידענע ווירקונג אַפֿ די פֿאַרשיידענע דוירעס פֿונ דער רוסישער אינטעליגענצ, וואָס האָט געלעבט אינ יענער צײַט. דער עלטערער דאָר איז אָדער אײַנגאַנצנ אַרײַנגעפֿאַלנ אינ רעכטישקײַט, ווי ספּעראַנסקי, וואָס האָט געעלט מיט זײַנ אָנטייל אינעמ פּראָצעס איבער די דעקאַבריסטנ אויסצוקויפֿנ זײַנע „זינד": דאָס, וואָס די פֿאַרשווערער האָבנ אימ (אָנ זײַנ וויסנ) אַרײַנגענומענ אינ באַשטאַנד פֿונ דער „צײַטווײַליקער רעגירונג", — אָדער ער איז אַרײַנגעפֿאַלנ אינ אַ שרעקלעכער פֿאַרצווייפֿלונג, ווי פּושקינס פֿרײַנט טשאַאַדאַיעוו, וואָס האָט אָנגעשריבנ זײַנ באַרימטנ „פֿילאָסאָפֿישנ בריוו", וווּ ער דערווײַזט, אַז רוסלאַנד האָט ניט קיינ צוקונפֿט, אַז עס האָט זיכ אָפּגעשפּאָלטנ פֿונ מײַרעוו־אייראָפּע און איז פֿאַרורטיילט אַפֿ אומוויסנהײַט און פֿאַרווילדעוועטקײַט. פֿאַר דעמ דאָזיקנ בריוו האָט ניקאָלײַ געהייסנ דערקלערנ טשאַאַדאַיעוונ פֿאַר אַ מעשוגענעמ. אַנדערש האָט זיכ באַצויגנ צו דער געשעעניש דער יינגערער דאָר, די, וואָס זײַנענ געווענ קינדער אָדער אונטערוואַקסנדיקע אינ יענעמ יאָר, ווענ ניקאָלײַ האָט אָנגעהויבנ זײַנ רעגירנ מיט פֿינפֿ טליִעס. זייער ערשטער געפֿיל איז געווענ האַס צו אָט די טליִע־אָרדענונגענ און צומ קייסער דעמ הענקער.

וואָס ווײַטער ס'האָט זיכ געצויגנ דאָס דאָזיקע רעגירנ, אַלץ שטאַרקער האָט געמוזט ווערנ דער האַס. מיר האָבנ שוינ טיילווײַז געזענ אינ וואָס פֿאַר אַ לאַנגע ניקאָלײַ האָט אַוועקגעשטעלט די אינטעליגענצ (ז. אויבנ, ז. 131—132). אויכ פֿריִער

האָט עקזיסטירט דאָס פּאָליציייִשע נאָכשפּירן, אויב פריִער זײַנען געווען קאָלערליי געהיימע „פּריקאַזן", קאַנצעליאַריעס און עקספּעדיציעס, אָבער ביז ניקאָלײַען פלעגן זיך די קייסאָרים מיט זייער סוויטע אַזוי ווי עפּעס שעמען פאַר דעם אַלעמען. בלויז פּיאָטר האָט פּערזענלעך „געאַרבעט" אין דער פּײַניקונג-קאַמער; נאָר דאָס איז געווען אויף איר שטייגער, א רעוואָלוציאָנערע עפּאָכע, און אַגעוו פלעגט זיך פּיאָטר פאַר אַלץ נעמען פּערזענלעך. ער פלעגט אַליין בויען שיפן, אַליין רײַסן ציינער, „אַליין דעם סאָלדאַט ביקס האַלטן, אַליין אָנלאָדן דעם האַרמאַט", ווי עס ווערט געזונגען אין א באַוווּסטער ליד. ניקאָלײַ „אַליין" פלעגט זיך פאַרנעמען בלויז מיט צוויי זאַכן: ער פלעגט מושטירן די סאָלדאַטן (ער האָט זיך געקאָנט באַגיין מיט א ביקס „ווי דער בעסטער יעפרייטער", דערציילט וועגן אים איינער א פאַרערער זײַנער) און פלעגט אַליין פירן די פּאָליציייִשע אויספּשפּירונג. די געהיימע עקספּעדיציע איז אין זײַנע צײַטן געוואָרן „די דריטע אָפּטיילונג פון זײַן מאַיעסטעטס אייגענער קאַנצעליאַריע". איר אָנפירער, דער זשאַנדאַרמען-שעף, ד. ה. דער הויפּטאָנפירער פון אַלע פּאָליטישע שפּיאָנען, איז געווען איינער פון די ערשטע מענטשן אין דער מעלוכע: אויף דער דאָזיקער שטעלע פלעגן באַשטימט ווערן דעם קייסערס נאָענטסטע מעקוראָווים. אין אַלע גרויסע שטעט זײַנען געווען אָפּיצערן פונעם „זשאַנדאַרמען-קאָרפּוס", וואָס פלעגן שטאַרק אַכטונג געבן אויף דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. קעדיי צו דערהייבן די דאָזיקע שפּיאָנען אין די אויגן פון דער געזעלשאַפט, האָט מען זיי געגעבן מיליטערישע ראַנגען (טשינען) און א מיליטערישן מונדיר. דאָס איז געווען גוט אין דעם זין, וואָס די „ליידנשאַפט צום מונדיר", וועגן וועלכער טשאַצקי רעדט אין „צאָרעס פון סייכל" און וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אונטער דער ווירקונג פון דער מילכאָמע פונעם 1812 יאָר, ווען מע האָט אין יעדערן, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין א מונדיר, געזען א „פּאַרטייִדיקער פונעם פאָטערלאַנד" — די דאָזיקע „ליידנשאַפט" איז גיך אויסגעלאָשן געוואָרן און האָט זיך בא דער יוגנט פון די 1860-קער יאָרן, לעמאָשל, פאַרביטן אויף גאָר א הייפּעכדיקן געפיל, אַזוי, אַז גאַנץ בעקאָוועדיקע מענטשן פלעגן האָבן צאָרעס פון דער יוגנט בלויז דערפאַר, וואָס זיי זײַנען געווען אָנגעטאָן אין א מיליטערישן מונדיר. ווי גרויס איז אָבער געווען די כוצפּע פון דער זעלבסטהערשונג און די האַכנאָעדיקײַט פון דער אַזויגערופענער געבילדעטער געזעלשאַפט, אַז די צאַרישע שפּיאָנען האָבן געקאָנט גאַנץ אָפן אַרומגיין צווישן דער דאָזיקער געזעלשאַפט אין א ספּעציעלן מונדיר, וואָס פלעגט זיי אויסצייכענען פון אַלעמען, און זיי האָבן ניט געדאַרפט מוירע האָבן, טאָמער וועט מען זיי אַרויסטרײַבן פון א פאַרזאַמלונג, אָנברעכן די ביינער, אָנשפּײַען זיי אין פּאָנעם ארג.

דער „זשאַנדאַרמען-קאָרפּוס" פלעגט נאָכשפּירן, פאַרשטייט זיך, ווידעראַמאָל טאַקע נאָך דער זעלביקער אינטעליגענץ. מיט די סאָכרים אָדער מיט די פּריצים האָבן די זשאַנדאַרמען ניט געהאַט וואָס צו טאָן. עמעס, זיי פלעגן זיך אָפּטמאָל נעמען אויך פאַר די סאָכרים, נאָר דאָ האָבן זיי אין זינען געהאַט אויסשליסלעך זייער קעשענע. אין די אויגן פון דער אינטעליגענץ האָט דער זשאַנדאַרמען-מונדיר אַזוי ווי פאַרקערפּערט אין זיך דאָס גאַנצע רעגירן ניקאָלײַס. דאָס איז גוט אויסגעדריקט אין לערמאָנטאָווס באַוווּסטער ליד: אַדיע, דו ניט אַרומגעוואַשן רוסלאַנד, דו לאַנד פון קנעכט, דו לאַנד פון האַרן, און אויך איר, העל-בלויע מונדירן, און אויך דו, זיי איבערגעגעבן פאָלק" (דער זשאַנדאַרמען-מונדיר איז ערשט שפּעטער געוואָרן א בלויער, טכילעס איז ער געווען א העל-בלויער, פיל העל-

לער). אונ לערמאָנטאָוו איז דאָכ וויַט געווענ פונ צו זיַנ א רעוואָליוציאָנער, אונ אויב ער איז אריַנגעפאַלנ אינ קאַווקאַז (ביים ער איז געפאָרנ אהינ, האָט ער אָנגעשריבנ דאָס דאָזיקע ליד), איז עס געווענ פּאָשעט פאַר זיַנע צו „פריַע" פערזנ, וואָס האָבנ געהאַט א שיַכעס צו פּושקינס טויט: בא ניקאָלײַס כאַראַקטער, וואָס איז אונדז שוינ באַקאַנט, איז עס געווענ א צו גליטשיקער סיוזשעט. פאַרשטייט זיכ, אז מענטשנ, וואָס זיַנענ געשטאַנענ ליניקער פאַר לערמאָנטאָוונ, האָבנ א סאַכ שטאַרקער געפילט אפ זיכ די לאַסט פונ ניקאָלײַס רעזשים. אונ וואָס וויַטער, אלצ שווערער איז ער געוואָרנ.

מיט א באַזונדערער בוילעטקײַט האָט זיכ דאָס אַרויסגעוויזנ אפנ פּראָצעס פונ די פּעטראַשעווצעס, וואָס האָט זיכ אָפּגעשפּילט אינעמ לעצטנ יאָרצענדליק פונ ניקאָלײַס רעגירנ, צומ סאָפ פונ די 40-קער יאָרנ. בוטאַשעוויטש-פּעטראַשעווסקי איז געווענ א יונגער ליטעראַט, זייער א געבילדעטער אונ לעבעדיקער, אונ זיַנ וווינונג איז געוואָרנ א מינ קלוב, ווו עס פלעגט זיכ צונויפקליַבנ אלצ, וואָס ס'איז געווענ מער לעבעדיקס צווישנ דער פּעטערבורגער יוגנט. אפ פּעטראַשעווסקיס „פריַטיקנ" פלעגט מענ ריידנ וועגנ קאָלערליי געזעלשאַפטלעכע פּראָגעס, צווישנ אַנדערע אויכ וועגנ דער פּויערים-באַפריַונג, וואָס וועגנ דעמ האָבנ די גאַנצע צײַט, אָנ שומ רעזולטאַטנ, געהאַלטנ אינ איינ ריידנ ניקאָלײַס „קאָמיטעטנ", אויכ וועגנ דער געריכט-רעפאָרמע (ניקאָלײַס מיניסטאָרנ האָבנ גראָד דעמלט געהאַלטנ אינ אויסאַרבעטנ אויכ פּראָיעקטנ וועגנ דער דאָזיקער רעפאָרמע). נאָר מער פונ אלצ האָט פּעטראַשעווסקיס געסט געצויגנ צו זיכ די דעמלט מאָדישע לערע פונ פוריע, א פראַנצויזישנ אוטאָפּיסט, ד. ה. פונ א פרידלעכנ, ניט רעוואָליוציאָנערנ סאָציאַליסט, וואָס האָט געהאָפט דורכ איבערצײַגונג אונ דורכ א מוסטער צו דערוויַזנ דער וועלט די נוצנ פונעמ סאָציאַליזמ. ניקאָלײַס שפּיאָנענ (אָנ מונדירנ, פאַרשטייט זיכ), פלעגנ זיַנ אפ די דאָזיקע „פריַטיקנ", נאָר וויפל מע האָט זיכ ניט געפלײַסט, האָט מענ דאָ, פאַרשטייט זיכ, ניט געקאָנט אויסגעפינענ קיינ שומ בונט אָדער צוגרייטונג צו א בונט. פונדעסטוועגנ זיַנענ אלע באַזוכער פונ די „פריַטיקנ" אינ איינ שיינער נאַכט ארעסטירט געוואָרנ אונ איבערגעגעבנ געוואָרנ צומ געריכט. דאָ איז, דוכט זיכ, געווענ א פולער גרונט צו האָפנ אפ וויַכע „שטראָפ-מיטלענ"; דאָ האָט מענ געמעגט, דוכט זיכ, האָפנ, אז מע וועט די „אומזיכערע" אָפּזאָגנ פונ זייערע שטעלעס אָדער ארויסשיקנ פונ פּעטערבורג, קעדיי די „מאַגייפע" זאָל זיכ ניט פאַרשפּרייטנ אינ דער הויפּטשטאָט. ניקאָלײַ האָט געהייסנ פאַרמישפּעטנ זיי צומ ט ו י ט. מע האָט זיי ארויסגעפירט אפנ פּלאַצ, אָנגעטאָנ זיי טאַכריכימ, צוגעבונדנ זיי צו סלופּעס, דערנאָכ האָט מענ זיי „באַגנעדיקט" אונ מע האָט פאַרביטנ די טויט-שטראָף אפ קאַטאָרגע. קאַטאָרגע פאַר פּאָשעטע שמועסנ — דאָס איז שוינ געווענ צופיל אפילע פאַר דער ניקאָלײַישער געזעלשאַפט, וואָס איז שוינ צו אלצ געוווינט געווענ. נאָכנ פּראָצעס פונ די פּעטראַשעווצעס האָבנ ניקאָלײַענ אָנגעהויבנ האַסנ אפילע צווישנ דער בורזשואַזיע די אלע, וואָס זיַנענ ניט געווענ פאַרטאָנ אינגאַנצנ אינ יאָגנ זיכ נאָכ רעווח אָדער אינ דער שטרעבונג צו דערווערבנ דעמ כעסעד פונ דער מאַכט.

מיט ניקאָלײַס טויט איז בא אלעמענ ווי אראָפּגעפאַלנ א שטיינ פונ האַרצנ. די בורזשואַזיע איז אינגאַנצנ געווענ באַפרידיקט מיט די באַשיידענע „גרויסע רעפאָרמעס". די סאַמע דרײַסטע צווישנ דער בורזשואַזיע האָבנ געהאַט מוט ניט

מער ווי אפ ב ע ט נ וועגנ „באַלרוינענ דעמ ביגיענ", דאָס הייסט, וועגנ א קאָנסטיטוציע, נאָר זיי האָבנ זיכ ניט געגומענ שטאַרק צומ האַרצנ, ווענ די לײַבייגנטימערישע מעלוכע האָט ניט געוואָלט אײַנגיינ אפ דער דאָזיקער האַנאָכע. אָנדערש איז געווענ די לאַגע פונ דער אינטעליגענצ. נאָכ ניקאָלײַס טויט איז איר לאַגע ניט אפ קיינ סאַכ בעסער געוואָרנ. די צענזור האָט נאָכ אַלצ עקזיסטירט. עמעס, די אַלטע רוסישע מוסטערנ זײַנענ פאַרביטנ געוואָרנ אפ פאַרפולקומטע, פראַנצויזישע מעטאָדנ: אַנשטאָט דעמ פאַשעטנ רויטנ בלײַפעדער פונעמ צענזאָר, פלעגט מענ איצט די צײַטונגענ אונ זשורנאַלנ אַרײַנקריכנ אינ די ביינער מיט וואָרענונגענ אונ מיט „אָפּשטעלונגענ"; מע האָט שוינ געמעגט שרײַבנ וועגנ עטוואָס אַזוינס, וואָס וועגנ דעמ האָט מענ אינ ניקאָלײַס צײַטנ אפילע ניט געטאָרט דערמאָנענ. נאָר גראַד אַדאַנק די „רעפאָרמעס" איז אפ דער ליכטיקער שײַנ אַרויסגעשווומענ אַזויפיל נײַע אונ אינטערעסאַנטע פראַגעס, אַז האַלבע האַנאָכעס איז שוינ געוואָרנ ניט גענוג, אונ דער דרוק האָט זיכ געפילט עפשער נאָכ שטאַרקער, ווי פריִער. ערעסטנ זײַנענ געגאַנגענ איינע נאָכ די אַנדערע. דער גרעסטער פובליציסט פונ יענער צײַט, טשערנישעווסקי, איז געזעסנ אינ טפיסע. אונ איז אינגיכנ אַוועק אפ קאַטאָרגע; דער פאָפּולערסטער שרײַבער פונ יענער צײַט — הערצענ — האָט זיכ ניט געטאָרט באַווײַזנ אינ רוסלאַנד אונ האָט געוווינט אינ לאָנדאָנ. מע פלעגט פאַרשיקנ בלויז פאַר זײַנ באַקאַנט מיט אימ; א צווייטער, דער אָנהייבנדיקער באַרימטער פובליציסט אונ קריטיקער, פיסאַרעוו, האָט געשריבנ זײַנע אַרטיקלענ אינ דער פעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג. דאָס אַלצ האָט געשאַפנ אַזא אופגערייצטקײַט אונ פאַרביטערטקײַט, וואָס אפילע די מערהײַט דעקאַבריסטנ זײַנענ געווענ ווײַט פונ דעמ. אַראָפּוואַרפנ די זעלבסטהערשונג איז געוואָרנ פאַר אַלעמענ די סאַמע דרינגענדיקע פראַגע, אונ די האַנאָכעס, אפ וועלכע ס'איז אײַנגעגאַנגענ די לײַבייגנטימערישע מעלוכע, די אומרוענ, מיט וועלכע דאָס פויערטומ האָט געענטפערט אפ דער „באַפרײַונג", דאָס אַלצ האָט אופגעמונטערט, געגעבנ האָפענונג, אַז דער ציל איז שוינ נאָענט. אונטער וואָס פאַר א פאָנ עס זאָל ניט האָבנ אַרויסגעטראָטנ די דעמאָלטיקע רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענצ — צי אונטער א דעמאָקראַטישער, צי אונטער א סאָציאַליסטישער, צי אַנ אַנאַרכיסטישער, — איז איר אופגאַבע אינ טאָכ געווענ איינע אונ די זעלביקע: אַראָפּשלײַדערנ דעמ צאַריזמ.

לויט איר באַשטאַנד אָבער איז דאָס שוינ געווענ נ י ט די אינטעליגענצ, וואָס איז אַרויסגעטראָטנ אינ 1825־טנ יאָר. יענע איז לויט איר פראָפעסיע געווענ קימאַט דורכויס א מיליטערישע, לויט איר אָפּשטאַמונג קימאַט דורכויס אַנ אַדעליקע. אינ ד ע ר זײַנענ אויכ געווענ אי מיליטער־לײַט, אי אַדעליקע, נאָר סײַ די, סײַ יענע פלעגנ דערטרונקענ ווערנ אינ דער מאַסע נײַע מענטשנ, וואָס אינ דער דעמאָלטיקער ליטעראַטור האָט מענ זיי גערופנ „ראַזנאָטשינצעס" (פונ פאַרשיידענע ראַנגענ). דאָס ערשטע מאָל האָט דער דאָזיקער נײַער שיכט געגעבנ צו וויסנ פונ זיכ אינ פעטראַשעווסקיס פראָצעס, וועגנ וועלכנ מיר האָבנ אויבנ דערמאָנט. דאָ זײַנענ, לויט דער מיטיילונג פונ ניקאָלײַס שפּיאָנענ, „געווענ אינ איינ רײַ מיט גוואַרדיע־אָפיצערנ אונ מיט באַאַמטע פונעמ מיניסטעריומ פאַר אויסערלעכע איניאָנימ אויכ סטודענטנ, וואָס האָבנ ניט פאַרענדיקט דעמ קורס, קליינע קינסטלער, סאָכרימ, קליינבירגער, אפילע קרעמער, וואָס האַנדלענ מיט טאַבעק". אינ א צווייט אָרט דערמאָנט די שפּיאָנישע מיטיילונג וועגנ אַדעליקע, קליינביר־

גערטומ, באַלמעלאָכעס, סאָלדאַטנ, דעריקער אָבער וועגנ „לערער, סטודענטנ אונ שילער פונ פאַרשיידענע שטאַנדנ". דאָס האָט זיכ שפּעטער איבערגעכאַזערט אויכ אינ די פּראָצעסנ פונ די 60—70 יאָרנ. אויב מיר וועלנ זיכ צוקוקנ צו דער אָפּשטאַמונג פונ אַט דער פילפאַרביקער מאַסע, וועלנ מיר אָפטער פונ אַלצ געפינענ קינדער פונ גײַסטלעכע, פונ גאַלאָכימ אונ פונ דיאַקאָנעס, פונ באַאַמטע, באַזונדערס פונ פּראָווינציעלע, נידעריקערע אָפיצערנ, אומפאַרמעגלעכע גוטבאַזיצער אַרג. אַ דאָרפגנאַלעכ, וואָס האָט אַ קליינ שטיקל ערד, אַנ אויעזד־באַאַמטער, וואָס האָט אַנ אייגנ שטיבל אינ אַנ אויעזד־שטאָט, אַ פּאָרעצ, וואָס האָט אַ צענדליק דעסיאַטינ ערד, — דאָס זײַנענ אַלצ א י י ג נ ט י מ ע ר, בורזשואַזיע, נאָר דאָס איז ק ל י י נ ב ו ר ז ש ו א ז י ע. ריכטיק, וויסנשאַפטלעכ זיכ אויסגעדריקט, איז „ראַזנאָטשינעצ" אַ קליינבורזשוא, אָדער אַ מענטש, וואָס שטאַמט פונ דער קליינבורזשואַזיע.

די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג פונ די 60—70-קער יאָרנ איז אַזוי אַרומ אַ באַוועגונג פונ דער קליינבורזשואַזער אינטעליגענצ. אונ טאַקע די אינטעליגענטישקייט האָט זי געמאַכט רעוואָליוציאָנער. די קליינבורזשואַזיע, וואָס ווערט רויִנירט דורכ דער אַנטוויקלונג פונעמ קאַפּיטאַליזמ, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אינ אַ פּראָלעטאַריאַט (די רעפאָרמע פונ 19-טנ פעברואַל האָט, אַגעוורכע, רויִנירט גראָד די קליינע פּריצימ, וואָס האָבנ געהאַט סאַכאַקל צענדליקער נעפּאַשעס: די אויסקויפּ־אָפּצאָלנ האָבנ זיי ניט געגעבנ קיינ קאַפּיטאַל אָפּ צו שאַפנ זיכ אַ נײַע ווירטשאַפט, אונ בלויז זיי האָט די רעפאָרמע בעדאַלעס געשטעלט), זי איז, געוויינלעכ, אומצופרידנ, אופגערעגט, רויגעזט זיכ, באַקלאָגט זיכ, אָבער איר אופרעגונג גייט ניט שטענדיק מיטנ געהעריקנ וועג. מע קאָנ זי אָנרייצנ אי אָפּ דעמ יידנ, אויב מע שטעלט אימ אַרויס פאַר דעמ שולדיקנ אינ די צאָרעס פונ דער קליינבורזשואַזיע — אַזוי האָט מענ בײַ אונדז געטאָנ אינ אוקראַיִנע אונ ווײַסרוסלאַנד, אי קעגנ דעמ דײַטש — אַזוי האָט מיט דערפאָלג געטאָנ די קאַפּיטאַליסטישע בורזשואַזיע אינ פראַנקרײַכ. אינ דעמ פאַל וועט זי זײַנ ניט קיינ רעוואָליוציאָנערע, נאָר אַ רעאַקציאָנערע קראַפט. נאָר אויב דער קליינבירגער איז גענוג געבילדעט, איז שוינ ניט אַזוי גרינג צו פאַרפירנ אימ, אונ ער זעט גאַנצ גוט לעבאַלאַפּאָכעס זײַנ נ אָ ע נ ט ס ט נ סוינע, פונ וועלכנ ער, אַט טאַקע דער קליינבירגער, לײַדט מער פונ אַלצ. פאַר דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענצ פונ רוסלאַנד אינ דער עפּאָכע פונ „גרויסע רעפאָרמעס" איז איר נאָענטסטער סוינע געווענ די לײַבייגנטימערישע מעלוכע.

אינ פראַנקרײַכ האָט צומ סאָפּ XVIII יאָרהונדערט פונקט אַזאַ קליינבורזשואַזיע פריִער פאַר אַלצ אַ פאָדער געטאָנ אַ פּאָליטישע „איבערקערעניש". ווי נאָר ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרנ די רעפּובליק, האָט זי זיכ אָנגעהויבנ שפּאַלטנ, אונ די מענטשנ, וואָס האָבנ געטרוימט גיינ ווײַטער פונ פּאָליטישער פרײַהײַט אונ בירגערלעכער גלײַכהײַט, זײַנענ אומגעקומענ פונ די הענט פונ די רעוואָליוציאָנערע קליינבירגער, וועלכע האָבנ דערמיט אָפּגערייניקט דעמ וועג פאַר דער רעאַקציאָנערער גרויס־בורזשואַזיע. בײַ אונדז אינ רוסלאַנד איז געווענ אַנדערש. בײַ אונדז זײַנענ אויכ געווענ קליינבירגערלעכע דעמאָקראַטנ, וואָס זייערע ווונטשנ זײַנענ ניט געגאַנגענ ווײַטער פונ אַ גרינדונג־פאַרזאַמלונג. זייערע אידייענ זײַנענ אויסגעדריקט געוואָרנ אינעמ בלעטל „וועליקאָרוס" (גרויסרוס), וואָס איז דערשינענ (געהיימ, אומלעגאַל, פאַרשטייט זיכ) אינ פּעטערבורג אינ 1861-טנ יאָר.

ארום דעם „וועליקאָרוס" האָט זיך גרופּירט דער מער פאַרמעגלעכער טייל פון דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ, וואָס שטייט נאָענט צו דער ווירקלעכער בורזשו־אַזיע. דער „וועליקאָרוס" האָט געדראָט מיט אַ באַוואָפנטן אופשטאַנד, נאָר, אין טאָג געקומען, וואָלט ער מיט גרויס פאַרגעניגן זיך באַגאַנגען מיט מער פרידלע־כע מיטלען. ער וואָלט, למשל, אייַנגעגאַנגען אף דערלאַנגען דעם קייסער אַן אַדרעס וועגן צוגויפרופן פאָלק־פאָרשטייער. אף דער יוגנט און אף די מער אָרע־מע „ראַזנאָטשינצעס" האָט ער געהאַט אַ קנאַפּע ווירקונג, און אַן עמעסע פּאָלי־טישע קליינבירגערלעכע רעוואָליוציע האָט אויסגעבראָכן אין אָנהייב 60־ער יאָרן ניט אין רוסלאַנד גופא, נאָר אין פּוילן.

אין פּוילן איז די אופרעגונג קעגן דעם דרוק פון דער זעלבסטהערשונג נאָך שטאַרקער געווען אַדאַנק דעם נאַציאָנאַלן האַס פון אַן אונטערדריקט פאָלק קעגן דער פרעמדער רעגירונג, וואָס האָט עס אונטערדריקט. פּוילן האָט, ווי אַ קאַ־טאָרזשניק, וואָס איז מיט אַ קייט צוגעשמידט צו אַ צווייטן קאַטאָרזשניק, ניט ווילנדיק געמוזט איבערלעבן אַלץ, וואָס עס האָט איבערגעלעבט רוסלאַנד ביז דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע פון 1914־טן יאָר, ווען פּוילן האָט געליטן מער פון אַלעמען. די צענגראָמירונג פון די דעקאַבריסטן האָט אָנגערירט אויך פּוילן: די פּאָליאַקן האָבן געהאַט זייערע געהיימע געזעלשאַפטן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט די רוסישע. אָבער אין פּוילן איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קאָנסטי־טוציע, און ניקאָלײַ האָט ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט אַזוי פרײַ צו צערעכענען זיך אין וואַרשע, ווי אין פּעטערבורג. אין פּוילן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אַרויס־צורײַסן מיטן וואָרצל די אָפּיצערן־רעוואָליוציע, עפּעס וואָס איז פאַרבליבן, און אין אַ גינסטיקן מאָמענט האָט זיך אויסגעבילדעט אַ נײַע פאַרשווערונג. ניקאָ־לײַס וויצע־קיניג, זײַן ברודער קאָנסטאַנטין, וואָס איז מער פון אַלץ געווען פאַרנומען מיט מושטרירן די סאָלדאַטן, האָט פאַרזען די דאָזיקע פאַרשווע־רונג. אין נאָיאַבער 1830 יאָר איז ער מיטן רוסישן גאַרניזאָן פון וואַרשע אַרומ־גערינגלט געוואָרן פון דער אופגעשטאַנענער פּוילישער אַרמיי (מיר געדענקען, אַז פּוילן איז נאָך דעמאָלט געווען אַ באַזונדערע מעלוכע מיט אַן אייגענער אַר־מיי). קאָנסטאַנטין האָט געמוזט קאַפּיטולירן. די פּאָליאַקן האָבן אים דערלויבט אוועקצוגיין מיט זײַן אַרמיי קיין רוסלאַנד. אין וואַרשע איז פּראָקלאַמירט גע־וואָרן דאָס אַראָפּזעצן די ראָמאַנאָווס, פּוילן איז ווידער געוואָרן אַ פרײַ לאַנד. ניקאָלײַ האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געוואָלט שאָלעם מאַכן דערמיט און האָט גלײַך אַרויסגעשיקט קעגן די פּאָליאַקן אַלע מיליטערישע קויכעס, וואָס ער האָט נאָר געהאַט אונטער דער האַנט. אָבער די קליינע פּוילישע אַרמיי, וואָס איז גע־ווען אַרומגעכאַפּט מיט רעוואָליוציאָנערן ענטוזיאַזם, און אונטער דער אָנפירונג פון אָפּיצערן, וועלכע זיינען אַרויס פון נאַפּאָלעאָנס דעם ערשטנס שול, איז געווען אַ געפערלעכער קעגנער. דער ערשטער אָנגריף פון דער רוסישער אַרמיי אף וואַרשע האָט זיך געענדיקט מיט אַ דורכפאַל. בלויז מיט דער הילף פון די פּרײַסן, וואָס האָבן באַזאָרגט די רוסישע אַרמיי מיט פּולווער, פּראָוויאַנט, טראַנספּאָרט־מיטלען, האָט זיך ניקאָלײַען אײַנגעגעבן בײַצוקומען די פּוילישע רעוואָליוציע נאָך אַ אַכט־מאָנאַטיקן קאַמף.

אַז ער האָט פאַרכאַפּט וואַרשע (אין אויגוסט פונעם יאָר 1831), האָט ני־קאָלײַ אָפּגעשאַפט די פּוילישע קאָנסטיטוציע; פאַר אַ וויצע־קיניג מיט אומבאַגרע־נעצטע פולמאַכטן איז באַשטימט געוואָרן דער נײַער באַצווינגער פון וואַרשע,

דער פעלדמארשאל פאסקעוויטש. אינ פוילנ האט מענ אנגעהויבנ אײַנפלאנצנ
דעמ פראוואסלאװנעמ גלויבנ, זעלבסטהערשונג אונ פאלקישקײַט (רוסישע, פאר-
שטייט זיכ). צוליב דעמ פלעגט מענ צעגעבנ די רוסישע אפיצערנ די גיטער,
וואס מע האט קאנפיסקירט בא די פאליאקנ, מע פלעגט צווינגענ די אוניאטנ,
וואס זײַנענ נאכ פארבליבנ אינ פוילנ פונעמ XVII יארהונדערט (זע אויבנ
ז. 91) אנצונעמענ דעמ פראוואסלאװנעמ גלויבנ, מע פלעגט מיט גוואלד לער-
נענ אינ די שולנ די רוסישע שפראכ אאוו. מער פונ אלצ האט דערפונ געליטנ
גראד די קליינבורזשואזיע: די גרויסע פאנעמ — די ערדבאזיצער זײַנענ אדער
ארויסגעפארנ קיינ אויסלאנד, אויסנוצנדיק דאס, וואס פוילנ איז צעטיילט גע-
ווארנ צווישנ דרײַ מעלוכעס, אונ א סאכ רײַכע פריצימ האבנ געהאט גיטער
גלײַכצײַטיק אי אינ רוסלאנד, אי אינ עסטרײַכ, אי אינ פרײַסנ; אדער זיי זײַנענ
געווארנ ניקאלײַס האכנאעדיקע הויפ-לײַט אונ האבנ פארנומענ אינ פעטערבורג
גרויסע שטעלעס אינ די צארישע אמטנ. נאר די קליינע „שליאכטע", די קליינע
פריצימ, די ארעמע שטאטישע אײַנוווינער, — זיי האבנ ניט געהאט, ווי זיכ
אהינצוטאנ פונ פאסקעוויטשנ מיט זײַנע קאזאקנ אונ זשאנדארמענ. אינ דער זעל-
ביקער צײַט האט זיכ פוילנ זייער גיכ אנטוויקלט אינ עקאנאמישער הינזיכט
גראד אדאנק איר פארבונדנקײַט מיט רוסלאנד, וואס האט געשאפנ אנ אויסגע-
צייכנטנ מארק פאר די פאבריקנ פונ דעמ „פוילישנ קיניגרײַכ". אונ ווי פאסקע-
וויטש האט זיכ ניט געפלײַסט אפצורײַסנ פוילנ פונ די ארומיקע מײַרעוו-אייראפּ-
פיישע לענדער, איז עס געווענ אומעגלעכ פאשעט צוליב די געאגראפישע בא-
דינגונגענ: דאס „קיניגרײַכ" איז געווענ ווי א קלינ, אײַנגעשניטנ צווישנ פרײַסנ
אונ עסטרײַכ, וואס זייערע גרענעצ-געגנטנ זײַנענ טיילווײַז באזעצט דורכ די זעל-
ביקע פאליאקנ. בא אזעלכע באדינגונגענ האבנ אפ קיינ איינ טאג ניט אופגע-
הערט די באציונגענ מיט אויסלאנד, אונ פונ אויסלאנד פלעגנ שטענדיק ארײַנ-
דרינגענ אינ „פוילישנ קיניגרײַכ" פוילישע „עמיסארנ", די רעוואליוציאנערע יוי-
רונג, וואס איז געהאט „אפגעשטארבנ" אינ רוסלאנד, האט זיכ אינ פוילנ אפ
קיינ איינ רעגע ניט אפגעשטעלט.

די מאפאלע, וואס ניקאלײַ האט געכאפט אינ סעוואסטאפאל אונ וואס האט,
ווי מיר געדענקענ, בישטיקע ארויסגערופנ א גרויסע סימכע בא א סאכ מענטשנ
אפילע אינ רוסלאנד האבנ די פאליאקנ אנגענומענ פאר אנ אנזאג פונ דער אנ-
קומענדיקער באפרײַונג. אינ פוילנ האט מענ געוווסט, אז דער באזיגער פונ רוסלאנד,
דער פראנצויזישער אימפעראטער, נאפאלעאנ דער דריטער, האט געטרוימט וועגנ
צוריק אופשטעלנ די מעלוכע פונ זײַנ פעטער, נאפאלעאנ דעמ 1-טנ. אינ באשטאנד
פונ דער דאזיקער מעלוכע ווידער איז דעמלט ארײַנ אויכ דאס „ווארשעווער הער-
צאגטומ". דאס דאזיקע הערצאגטומ איז ניט ווינציקער געווענ פארשקלאפט בא
נאפאלעאנ דעמ 1-טנ, ווי ס'איז שפעטער געווענ פארשקלאפט דאס „קאנסטיטו-
ציאנעלע" פוילנ בא אלעקסאנדער דעמ 1-טנ. נאר וועגנ דעמ אלעמ האט מענ שוינ
געהאט פארגעסנ, נאכ ניקאלײַענ אונ פאסקעוויטשנ האט זיכ נאפאלעאנס עפאכע
אויסגעדוכט פאר א גאלדענער עפאכע. אויב מע זאל נאכ צוגעבנ, אז נאפאלעאנ
דער 3-טער האט ווירקלעכ ארויסגעוויזנ אינטערעס צו די פאליאקנ, אז ער האט
גערעדט וועגנ זיי, בײַס ער האט געפירט אונטערהאנדלונגענ וועגנ דעמ פאריזשער
שאלעמ (ז"ז 116—117) אונ בא זײַנע פערזענלעכע באגעגענישנ מיט אלעקסאנדער
דעמ 2-טנ אונ אינ דער זעלבער צײַט איז פארגעקומענ א שטארקע נאציאנאלע

באַוועגונג אינעם שכייניש דײַטשלאַנד און אין איטאַליע, ווו ס'האָט זיך דעמלט געהאַלטן אין אויסבילדן פון עטלעכע קליינע מעלוכעס אַן איינהײַטלעכע איטאַליע־ניש קיניגרײַך אויך מיט דער הילף פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטן, — וועלן אונדז דעמלט גאַנץ פאַרשטענדלעך זײַן די האָפענונגען פונעם קליינעם פּאָרעץ — דעם „שליאַכטיטש" און פון דער קליינבירגערלעכער פּוילישער מאַסע, אַז מיט דער הילף פון פראַנקרײַך וועלן זיי זיך קאָנען דערשלאָגן אָראָפּצושלײַדערן דעם רוסישן יאָך.

אַלעקסאַנדער דער 2־טער האָט אפילו גאָרניט געטראַכט וועגן נאָכגעבן די פּאָליאַקן. אַזוי ווי ער האָט געזען, אַז ניקאָלײַ האָט אַלעמען אופגעבראַכט קעגן זיך מיט זײַן גאַנצער שטעקן־פּאָרוואַלטונג, מיט זײַן גראָבקײַט, האָט ער, זײַענדיק, זײַן זון, ניט קיין נאַרישער מענטש, פאַרשטאַנען, ווי ס'האָט אמאָל פאַרשטאַנען אַלעקסאַנ־דער דער ערשטער נאָך פּאַוועל דעם ערשטן, אַז מע דאַרף זיך אונטערכאַנפענען צו דער געזעלשאַפט. ער האָט זיך באַמיט צו זײַן גוט און ליבנסווירדיק אין זײַן באַ־גיין זיך מיט מענטשן, אַלעמען האָט ער זיך באַמיט צו זאָגן עפּעס אָנגענעמעס, ער האָט זיך באַמיט צו באַווײַזן, אַז אַלץ אין רוסלאַנד שטאַמט פון אים. די באַ־פרײַונג פון די פּויערים, לעמאָשל, איז פאָרגעשטעלט געוואָרן אויסשליסלעך, ווי אַן אופטו פונעם צאַרישן גנאָד, כאָטש אַלעקסאַנדער אַליין האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, אַז די פּויערים גיט מען ניט דאָס, אין וואָס זיי נייטיקן זיך, אַז מע נאַרט זיי אָפּ, און ווען ער האָט געגרייט דעם אַלגנעדיקסטן מאַניפעסט, האָט ער גלײַכצײַטיק צוגעגרייט אַלץ אָפּ צו דערשטיקן דעם אומפאַרמײַדלעכן, לויט זײַן אייגע־נער מיינונג, בונט פון די אָפּגענאַרטע פּויערים. פּונקט אַזוי האָט ער זיך אופגעפירט אויך בענעגייע צו די פּאָליאַקן. פּאַסקעוויטשעס רעזשים איז פאַרוויכערט גע־וואָרן. די מאַכט פונעם וויצע־קיניג איז עפּעס פאַרקלענערט געוואָרן (פּאַסקעוויטש איז שוין געווען געשטאָרבן צו יענער צײַט, און וויצע־קיניג איז געווען אַ צווייטער גענעראַל—גאָרטשאַקאָוו). אין דער זעלביקער צײַט אָבער האָט אַלעקסאַנדער אפילו ניט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם, אַז זײַן מאַכט אין פּוילן אָדער אין רוסלאַנד קאָן באַגרענעצט ווערן. אויף די ערפּורכטיקע באַקאָשעס פון דער רוסישער בור־זשואַזיע וועגן אַ קאָנסטיטוציע פלעגט ער ענטפערן מיט אַ גאַנץ העפלעכן אָפּ־זאָג, אָפּט אָבער פלעגט ער פאַרשיקן די צו אײַנגעגעסענע בעטער. אָבער ווען די פּוילישע קליינבורזשואַזיע האָט אָנגעהויבן מאַכן רעוואָליוציאָנערע מאַניפעסטאַ־ציעס, איז זײַן ענטפער געווען אַ קורצער. גלײַך די ערשטע מאַניפעסטאַציע איז צעשאָסן געוואָרן. דאָס איז פאָרגעקומען קימאַט אין איין צײַט מיטן אַרויסגעבן דעם מאַניפעסט פונעם 19־טן פעברואַל 1861־טן יאָר, און דאָס האָט ווי מיט אַ האַמער איבערגן קאָפּ דערלאַנגט יענע נאַיווע מענטשן, וועלכע האָבן געגלייבט אין אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס גוטסקײַט. צווישן זיי איז געווען אויך הערצען, וואָס האָט ביז דעמלט אופריכטיק געגלייבט, אַז אַלעקסאַנדער קאָן ווערן אַן עמעסער, און ניט אין גענזנפיסלעך, באַפרײַער פון רוסלאַנד, און האָט זיך געווענדט צו אים מיט אַנטשפּרעכיקע בריוו. מע קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס עס וואָלט געזאָגט הערצען, ווען ער וואָלט געוווּסט וועגן דעם געהיימען באַפעל פונעם „גוטן" קייסער צו באָמבאַרדירן וואַרשע אין פאַל, אויב עס וועלן זיך איבערכאַזערן די „אומאָרדע־נונגען". דערשטיקן אַן אופשטאַנד דורך באָמבאַרדירן גאַנצע שטעט, ניט פּאַנאַנ־דערקלײַבנדיק, ווער ס'איז שולדיק און ווער אומשולדיק, — דעם דאָזיקן מעטאָד האָט צוגעטראַכט גאָר ניט דער מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטער דובאַסאָוו, וואָס

האָט אינ 1905־טנ יאָר באָמבאַרדירט פרעסניע, נאָר דער „קייסער־באַפרײַער" גופע, מער ניט וואָס ער האָט ניט געהאַט קיינ געלעגנהײַט צו פאַרווירקלעכנ זײַנ דראָונג.

אזוי ווי דער צאַר האָט ניט געוואָלט אָפּשוואַכנ די זעלבסטהערשונג אינ פוילנ אונ אינ דער זעלביקער צײַט איז די מאַכט פונ זײַנ אַגענט, פונעמ וויצע־קיניג, יאָ געוואָס אָפּגעשוואַכט געוואָרנ, האָט זיכ באַקומענ עפּעס א מינ דורכויסיקע פראָוואָקאַציע. די פוילישע געזעלשאַפט איז געוואָרנ אלצ מער אונ מער אופגערעגט אונ פלעגט זיכ אמאָל דאָ אונ אמאָל דאָרטנ אָנשטויסנ אפ רוסישע באַגנעטנ אונ נאַהײַקעס. אלעקסאַנדער האָט, פאַרשטייט זיכ, פאַר זיכ אליינ ניט געוואָלט מוידע זײַנ, אז ער פראָוואָצירט די פאָליאַקנ מיט פאַלשע האָנאָכעס. די פוילישע באַוועגונג האָט ער געהאַלטנ אויסשליסלעכ פאַר אנ אופטו פונ בייזוויליקע אַגיטאַטערס. קעדיי צו כאַפּנ אָפּ די אַגיטאַטערס, האָט ער, צוזאַמענ, מיט זײַנ ברודער קאָנסטאַנטינ ניקאָלײַעוויטש, וועמענ ער האָט באַשטימט פאַר א וויצע־קיניג אָנשטאָט גאָרטשאַקאָוונ, צוגעטראַכט שוינ גאָר א פראָוואָקאַטערישנ מיטל. דעמלט איז נאָכ ניט געווענ קיינ אלגעמיינע מיליטער־פליכט, נאָר מע פלעגט פונ צײַט צו צײַט נעמענ רעקרוטנ. איז אָט האָט מענ דערקלערט, אז דעמ 1־טנ יאַנוואַר 1863־טנ יאָר וועט מענ אינ פוילנ נעמענ רעקרוטנ, אונ דערבײַ איז פונ לעכאַטכילע אָנ באַשלאָסנ געוואָרנ צו נעמענ פאַר סאָלדאַטנ די אלע יונגעלײַט, וואָס זײַנענ געווענ באַוווּסט מיט זייער רעוואָליוציאָנערער שטימונג. צומ גליק פונ די דאָזיקע יונגעלײַט, זײַנענ די פלענער פונעמ „גוטנ" קייסער באַוווּסט געוואָרנ פאַר דער צײַט. די רעוואָליוציאָנערע יוגנט, וואָס איז אוועקגעשטעלט געוואָרנ פאַר דער ברייֵרע — אָדער פאַרמויערט ווערנ אינ די רוסישע קאַזאַרמעס, אָדער נעמענ זיכ צומ געווער, אלס פוילישע סאָלדאַטנ, — האָט אויסגעקליבנ דאָס לעצטע. די יונגעלײַט, וואָס זײַנענ אָנגעמערקט געוואָרנ פאַר רעקרוטנ, זײַנענ אנטלאָפנ אינ די וועלדער אונ האָבנ דאָרט געבילדעט באַוואָפנטע אָטריאַדנ. אזוי האָט זיכ אָנגעהויבנ די צווייטע פוילישע רעוואָליוציע.

פונעמ ערשטנ בליק איז די דאָזיקע רעוואָליוציע געווענ נאָכ מער האָפענונגלאָז, ווי די ערשטע. די פאָליאַקנ האָבנ איצט ניט געהאַט קיינ אייגענע רעגולערע אַרמיי, — דאָס גאַנצע לאַנד איז געווענ פאַרנומענ מיט רוסישנ מיליטער. די פוילישע אָטריאַדנ, צעשפּליטערטע, שלעכט באַוואָפנטע, האָבנ געקאָנט פירנ בלויז א פאַרטיזאַנישנ קאַמפ. נאָר, ערשטנס, האָט מענ זיכ ניט גאָר שטאַרק געקאָנט פאַרלאָזנ אפנ רוסישנ מיליטער גופע: א גאַנצע ריי אָפיצערנ, וואָס זײַנענ אויסער זיכ געווענ פונ אלעקסאַנדערס צוויי־פּנימדיקער פאָליטיק, האָבנ ארויסגעוויזנ מיטגעפיל צו די פאָליאַקנ, אייניקע פונ זיי האָט מענ צעשאָסנ, קעדיי אונטערצוהאַלטנ די דיסציפּלינ; דערפאַר אָבער זײַנענ אַנדערע, באַזונדערס פאָליאַקנ לויט דער אָפּשטאַמונג, אנטלאָפנ אינ די אָטריאַדנ פונ די אופגעשטאַנענע אונ זײַנענ געוואָרנ זייערע קאָמאַנדירנ. ווײַטער איז די אופירונג פונ נאַפּאָלעאָנ דעמ דריטנ, וואָס איז דעמלט געווענ פאָרמעל אינ א בונד מיט אלעקסאַנדערנ, געוואָרנ אלצ מער פאַרדעכטיק. ער האָט נאָכ אלצ געזאָרגט פאַר די פאָליאַקנ אונ האָט אײַנגערעדט זײַנע פרײַערדיקע פאַרבינדעטע — ענגלאַנד אונ עסטרײַכ, — זיי זאָלנ אויכ טאָנ דאָס זעלביקע. די צאַרישע רעגירונג האָט אָנגעהויבנ מוירע צו האָבנ, איר האָט זיכ שוינ געדוכט, אז עס לעבט ווידער אופ די קאָאַליציע, וואָס האָט זי געצוווּנגענ אוועקצולייגנ דאָס געווער אונטער סעוואַסטאָפּאָל, אונ זי איז שוינ גרייט געווע־

וועג צו גיינ אפ האנאָכעס. די רוסישע בורזשואזיע איז נאָכ קיינמאָל ניט געשטאַנענ אזוי נאָענט צו דער געווונטשענער קאָנסטיטוציע, ווי אינ אָט דער רעגע. דער מיניסטער וואלויעוו האָט באקומענ א פאראָרדענונג אויסצואַרבעטנ א פּלאנ, וויאזוי צוצוציִענ צו דער ארבעט פונעמ מעלוכע־ראט די ראטמענער פונ די נאָר־וואָס אײַנגעפירטע זעמסטווע־פארזאמלונגענ.

די מוירע האָט זיכ אָבער ארויסגעוויזנ א פּריצײַטיקע. אינ דער רוסישער ארמיי איז די „רעוואָליוציאָנערע מאגייפע" (וואָס אפ דעמ האָבנ שטארק געהאָפּט אויכ די פּאָליאקנ) ניט אוועק ווײַטער פונ א געוויסנ טייל אָפיצערנ. די סאָלדאטנ האָבנ געקוקט אפ די פּאָליאקנ, ווי אפ יעדנ אנדערנ סוינע, אונ האָבנ זיכ גענומענ גאנצ געוויסנהאפטיק פּארטיליקנ די „רויבער", ווי זיי פלעגנ אָנרופנ די פּוילישע פּארטיזאנישע אָטריאדנ. ענגלאנד אונ עסטרײַכ האָבנ זיכ זייער שוואכ צוגעהערט צו נאפּאָלעאָנ דעמ דריטנס אײַנרייִדעניש, אונ ווײַטער פונ א „דיפּלאָמאטישער" ארײַנמישונג, דאָס הייסט, מער ניט ווי אפ פּאפּיר אונ מיט ווערטער, זײַנענ זיי ניט געגאנגענ. פּרײַסנ, פּארקערט, וואָס איז נאָכ אלצ געווענ פארינטערעסירט, אז פּוילנ זאָל ניט אופלעבנ, האָט זיכ נאָכ אנטשלאָסענער, ווי אינ 1831־טנ יאָר, געשטעלט אפ אלעקסאנדערס צאד. זי האָט איצט פאָרגעלייגט רוסלאנד שוינ ניט קיינ אומדירעקטע הילפּ, מיט מאטעריאלנ א. א. וו., ווי דעמאלט, נאָר א גאנצ אָפענע אונ דירעקטע, — זי האָט פאָרגעלייגט איר ארמיי אפ צו דערשטיקנ די פּוילישע רעוואָליוציע. דאָס האָט, פריִער פאר אלצ, אזוי אָנגעשראָקנ עסטרײַכ, אז זי האָט זיכ אינגאנצנ אָפּגעזאָגט מיטצוהעלפנ נאפּאָלעאָנ דעמ 3־טנ. אלעקסאנדערנ האָט עס אָבער אזוי אופגעמונטערט, אז ער האָט גאָר אופגעהערט אפילע צו טראכטנ וועגנ האנאָכעס. ס'איז באשלאָסנ געוואָרנ צו דערשטיקנ דעמ „בונט" מיט די סאמע אכזאָריִעסדיקע מיטלענ. נאָכ אנ אמניסטיע, וואָס איז געווענ ניט ווינציקער פאלש ווי אלע פריִערדיקע גנאָדנ, האָט מענ אָנראכמאָנעסדיק אָנגעהויבנ אָנווענדנ טויט־שטראָפּ צו די אופגעשטאנענע. קיינ ווילנע איז געשיקט געוואָרנ איינער פונ ניקאלײַ דעמ 1־טנס סאמע רעאקציאָנערע העלפער, — מוראוויאָוו, וואָס האָט נאָכ פאר דעמ געהאט באקומענ דעמ נאָמענ „טאליענ". ער האָט פולשטענדיק בארעכטיקט אָט דעמ צונאָמענ, וואָס ער האָט באקומענ אינ קרעדיט. נאָר אויכ אינ ווארשע, ווו עס האָט געקאָמאנדעוועט א גענעראל מיט ניט אזא גרויסנ שעמ, האָט מענ געהאנגענ ניט ווינציקער מענטשנ. פּוילנ אונ די שכייניש געוועזענע פּוילישע גובערניעס זײַנענ פארפלייצט געוואָרנ מיט רוסישנ מיליטער, אונ אינגיכנ איז אפ יעדנ „בונטאר", וואָס איז באוואָפנט געווענ מיט א יעגער־ביקס, אויסגעקומענ דרײַ רוסישע סאָלדאטנ מיט אויסגעצייכנטע ביקסנ. אונ אויב בא אזעלכע באדינגונגענ האָט מענ דאָכ געהאט צו טאָנ מיטנ אופשטאנד מער ווי א יאָר, איז דעריִנ שולדיק געווענ די „ניט־זיכערקײַט" פונעמ רוסישנ קאָמאנדירנ־באשטאנד. די דאָזיקע „ניט־זיכערקײַט" האָט שוינ אָבער געשטאמט פונ גאָר אנדערע מאָטיוונ: א סאכ זײַנענ ניט בײַגעשטאנענ קעגנ דער שטרעבונג צו מאכנ זיכ א קאריערע אפ דער דאָזיקער גרינגער מילכאָמע אונ זיי פלעגנ בעקיוונ ניט „דערשלאָגנ" די פּוילישע פּארטיזאנענ ביזנ סאָפּ, נאָר זיי פלעגנ איבערלאָזנ א מיִע־צווייִ, וואָס זאָל זיכ פארמערנ. די פלעגנ עס זײַנ א קאדר פאר א נײַעמ אָטריאד, אונ די שפּיל פלעגט זיכ אָנהייבנ פונדאָסנײַ.

די צווייטע פּוילישע רעוואָליוציע איז, סאָפּכאָלסאָפּ, דערשטיקט געוואָרנ, אונ אינ פּוילנ האָט זיכ אָנגעהויבנ א ווילדע רעאקציִע. די פּאָליאקנ האָט זיכ געדוכט,

אז פאסקעוויטשעס פארוואלטונג איז געווען א גאנייידן אין פארגלייך מיט דעם, וואָס עס האָט זיך געטאָן איצטער. פריִער פלעגט מען די פּוילישע קינדער מיט גוואַלד לערנען רוסיש, איצט האָט מען פארבאָטן די פּוילישע קינדער צו ריידן פּויליש צווישן זיך אין שול. קיין פּוילישע שול האָט ניט געקאָנט זיין, ס'איז געווען בלויז א רוסישע שול, און אין א רוסישן מעלוכע־אנשטאלט האָט מען ניט געטאָרט ריידן אָפּ דער בונטארישער פּוילישער שפּראַך. טויזנטער באאמטע־טשינאָווניקעס, וואָס זיינען ארויסגעטריבן געוואָרן פון רוסלאנד, זיינען איצט אָנגעקומען קיין פּוילן און זיך פארנומען מיט „רוסיפיצירן". די פּאָליאַקן, וואָס האָבן אויך פריִער געהאסט די רוסן, האָבן איצט אָנגעהויבן, אכוץ דעם, נאָך צו פאראַכטן זיי, זיי האָט זיך אָנגעהויבן דוכטן, אז אלע רוסן זיינען פארקויפטע בריִעס, וואָס זיינען, צוליב געלט, גרייט אָפּ אלץ. נאָר די בורזשואז־געוואָרענע רעגירונג פון אלעקסאנדער דעם 2־טן איז פונדעסטוועגן קליגער געוואָרן אין פארגלייך מיט ניקאָלייס צייטן. ניקאָליי האָט זיך פארלאָזן אויסשליסלעך אָפּ דער נאהייקע און אָפּן באַגנעט. זיין זון האָט אָנגעהויבן פירן א מער פיינע פּאָליטיק. ער האָט זיך געפּרוּווט צעשפּאלטן די פּוילישע פּאָלקמאסע, אונטערקויפנדיק מיט „כסאַדים" דאָס פּויערטום. אינעם „קיניגרייך" זיינען די פּויערים געווען פריי נאָך פון נאָפּאָלעאָנס דעם 1־טנס צייטן, נאָר קיין ערד האָבן זיי דעמאָלט ניט געהאַט באַקומען; איצט האָט מען זיי געגעבן די ערד, וואָס מע האָט אָפּגענומען בא די פּריצים, און דערביי האָט די מעלוכע גענומען אָפּ זיך די הויצאָעס פונעם „אויסקויף". אין די מיירעוו־גובערניעס, וועלכע זיינען באַרירט געוואָרן פון דער רעוואָליוציע, ווו די פּויערים זיינען באפרייט געוואָרן אין 1861־טן יאָר, נאָר אָפּן אלגעמיין־רוסישן אויפן, דאָס הייסט, מע האָט זיי היפש בארויבט, זיינען די סטאַטוט־גראַמעטעס איבערגעקיקט געוואָרן און באַדייטנדיק געענדערט געוואָרן לעטוִיוועס די פּויערים. אלעקסאנדערס האָפענונגען צו מאכן אָפּ אזא אויפן דעם פּוילישן כלאָפּ פאר א געטרייען קנעכט פונעם רוסישן צאר האָבן זיך ניט איינגעגעבן, דער איבערגאנג פון א באַדייטנדיקן טייל ערד אין די הענט פון די פּויערים האָט מער ניט ווי אָן איבעריקן שטויס געטאָן פאַרויס די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון פּוילן, און עס איז פונדעסטוועגן פארבליבן דאָס סאַמע רעוואָלוציאָנערע ראַנד־לאַנד פון דער צארישער אימפּעריע. נאָר אָט דער גאנצער פּרווו איז געווען א באווייז דערויף, אז אדאנק דעם געלונגענעם אָנהייב, וואָס איז געמאכט געוואָרן דעם 19־טן פעווראל, איז אלעקסאנדערן אלץ מער און מער אריין אין טאַם די דעמאַגאָגיע. און אין רוסלאַנד גופע האָט די דאָזיקע צארישע דעמאַגאָגיע געהאַט א סאך מער דערפאָלג.

אין רוסלאַנד גופע האָט דער ברייטער אוילעם, פארשטייט זיך, ניט געוווּסט פון די אונטערהאנדלונגען, וואָס די צארישע דיפּלאָמאַטיע האָט געפירט מיט פראַנקרייך, עסטרייך, פּרייסן אאַוו. דער דאָזיקער אוילעם האָט געלייענט אין די צייטונגען די דראָענדיקע, ווי ס'האָט זיך אים געדוכט, נאָטעס פון נאַפּאָליאָנס דעם 3־טן, פונעם ענגלישן מיניסטער ראָסעל און פון אנדערע, ער האָט געזען די מיליטערישע צוגרייטונגען, פלעגט פון זיך צוגעבן נאָך טויזנטער באָבע־מייסעס; ווי אלע באַלעבעסלעך, איז אים גרינג געווען איינצורײדן, אז אָפּ רוסלאנד גרייט זיך א נייער אָנפאל פון די „צוועלף שפּראַכן", ווי אינעם 1812־טן יאָר, און ווען דער אָנפאל איז ניט פאָרגעקומען און דער פּוילישער אופשטאנד איז דערשטיקט געוואָרן, איז אים ניט שווער געווען צו פארזיכערן, אז די סיבע פון דעם אלעמען

איז די קלוגשאפט און פעסטקייט פונעמ צאר אלעקסאנדער און פונ זיינע מיניסטאָרנ. דעמ קאמפ קעגנ די אומגליקלעכע פוילישע פארטיזאנעס האָט מענ פאָרגעשטעלט, ווי א מילכאָמע קעגנ עפעס א גרויסער מעלוכע. מע פלעגט יעדנ טאָג דרוקנ אינ די צייטונגענ אָפעראטיווע באריכטנ, ווי מע פלעגט מיט גאדלעס דערציילנ וועגנ שלאכטנ, אינ וועלכע עס איז פונ דער רוסישער זייט דערהארגעט געוואָרנ איינ קאָזאק אאוו. בא דער קליינבורזשואזיע איז זייער שטארק אנטוויקלט דער שוץ־פאטריאָטיזמ און דאָס איז גאנצ פארשטענדלעכ: דער קליינייגנטימער ליידט שטארק פונעמ סוינעס אָנגריפ: די מילכאָמע טרייבט אימ ארויס פונ זיינ איינגעזעסענעמ ווינקל, דער סוינע וועט פארברענענ זיינ הויז, וועט קוילענענ זיינ קו, וועט אימ, מיט איינ וואָרט, בעדאלעס שטעלנ. אינ די קליינבירגערלעכע לענדער בליט שטענדיק די „באשיצלעריי". א ביישפיל דערפונ איז פראנקרייכ; און דעמ קליינבירגער איז גרינגער פונ אלצ צו כאפנ אפ דער דאָזיקער ווענטקע. די צארישע פובליציסטנ (איצט האָט שוינ די זעלבסטהערשונג אויכ אָנגעהויבנ צו נייטיקנ זיכ אינ פובליציסטנ) האָבנ אויסגעצייכנט אויסגענוצט די דאָזיקע שטימונג פונעמ קליינבירגער. באזונדערס האָט זיכ אויסגעצייכנט קאטקאָוו, דער רעדאקטער און ארויסגעבער פונ דער צייטונג „מאָסקאָווסקיע וועדאָמאָסטי" (מאָסקווער נאכריכטנ), וואָס האָט ערשט דעמלט אָנגעהויבנ מאכנ זיינ קאריער פונ דעמ ערשטנ שווארצמייעדיקנ פובליציסט אינ רוסלאנד. אינ 1863־טנ יאָר האָט ער נאָכ געוווסט צו קאָמבינירנ פאטריאָטיזמ מיט ליבעראליזמ, און דאָס האָט באזונדערס צוגעצויגנ דעמ דעמלטיקנ לייענער, וואָס האָט נאָכ בעסאָד געטרוימט וועגנ א קאָנסטיטוציע און שטאלצירט מיט די „גרויסע רעפאָרמעס", און דער זעלביקער צייט האָט ער געבלאָזנ פונ זיכ, אז מיר וועלנ ניט דערלאָזנ, אז די פאָליאקנ זאָלנ אונדז באאוולענ: אויב עס וועט נייטיק זיינ, וועלנ מיר גאנצ אייראָפע פארוואָרפנ מיט היטלענ! און אָט האָט טאקע הערצנ פארלאָרנ דריי פערטל פונ זיינ פאָפולערקייט דערפאר, וואָס ער האָט זיכ אָנגענומענ פאר די פאָליאקנ, און קאטקאָוו האָט באקומענ די דאָזיקע פאָפולערקייט. די, וועמענ עס האָט געצויגנ צו זיכ בלויז די פאָליטישע באוועגונג, — דער אוילעמ פונעמ „וועליקאָרוס", — האָבנ אינ פאטריאָטישנ טשאד פארגעסנ אפ א צייט אפילע וועגנ דער קאָנסטיטוציע, און ערשט שפעטער האָבנ זיי זיכ דערמאָנט וועגנ דעמ. אפ די רעוואָליוציאָנערע פאָזיציעס איז פארבליבנ בלויז יענער טייל קליינבורזשואזיע, וואָס האָט שוינ דעמלט געלעבט מיטנ אידעאל פונ ס א צ י א ל י ז מ.

דער קליינבירגערלעכער סאָציאליזמ ווערט געבאָרנ אפ יענעמ באָדנ פונ אונטערדריקונג און רויִנירונג פונעמ קליינייגנטימער מיצאד דעמ גרויסנ קאפיטאל, וואָס וועגנ דעמ האָבנ מיר דערמאָנט אויבנ, און וואָס ליגט אינ יעסאָד פונ דער גאנצער קליינבירגערלעכער רעוואָליוציאָנערישקייט. דער קליינבורזשוא האָט פיינט דעמ קאפיטאל און דעמ קאפיטאליסט אָפטמאָל ניט ווינציקער ווי דער ארבעטער. אָבער ער האָט אימ פיינט אפ אנ אנדער אויפנ. דער ארבעטער שטרעבט צו שאפנ א געזעלשאפטלעכע אָרדענונג, וואָס זאָל אנטשפרעכנ דער גרויס־פראָדוקציע, וועלכע איז געשאפנ געוואָרנ דורכנ קאפיטאליזמ. אלע ארבעטנ געמיינזאמ, און דאָס אייגנטומ דארפ אויכ זיינ א געמיינזאמס; וועגנ אומקערנ זיכ צוריק צו דער קליינ־פראָדוקציע, צו יענע צייטנ, ווענ יעדערער ארבעט אינדיווידועל, וועגנ דעמ טרוימט ניט דער ארבעטער. דער קליינבורזשוא טרוימט דאפקע וועגנ דעמ, — וועגנ יענע געבענטשטע צייטנ, ווענ יעדערער האָט געהאט זיינ אייגנ הייזל, זיינ

איינענע קו, זײַנע הינדעלעך און ענטעלעך; אים לוינט צו פאַרניכטן דעם קאַפּי־טאַליזם, און אונטער קאַפּיטאַליזם פאַרשטייט ער מעטושטעשדיק גראָד די גרויס־פּראָדוקציע. דאָס, אַף וואָס דער אַרבעטער האָפט צו בויען דעם סאָציאַליזם, איז פאַרן קלײנבירגער אַ סטראַשידלע; פון דער דאָזיקער צאָרע — פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער גרויס־פּראָדוקציע — האָפט ער ווי עס איז פּאַטער צו ווערן; די קלײנ־בירגערלעכע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד איז פול מיט לעכערלעכע וויקוכים וועגן דעם, צי וועט זײַן בא אונדז קאַפּיטאַליזם אָדער ניט. און יעט־ווידער גוטער קלײנבירגערלעכער סאָציאַליסט האָט געמוזט גלייבן, אַז בא אונדז קאָן קיין קאַפּיטאַליזם ניט זײַן. די פאַבריק, — די נעסט פונעם פּראָלעטאַריש: סאָציאַליזם, האָט בא אים אויסגעזען אַ שרעקלעך אָרט, וואָס פאַטערט אַוועק דאָס געזונט און דאָס לעבן פון דער באַפעלקערונג. און זײַן אידעאַל אין רוסלאַנד איז געווען די ד אָ ר פ ־ ג ע מ י י נ ד ע.

די דאָרף־געמיינדע האָט עקזיסטירט אומעטום אין אייראָפּע אין מיטלאַלטער, דאָס הייסט מיט 500—600 יאָר צוריק, און זי איז אַ רעשטל פון דער אוראַלטער, וואַנדערישער, וואַלדישער ערדהאַרבעט. מע פלעגט געמיינזאַם „אויסרײַסן" (אָפּריי־ניקן) דאָס אַקערפעלד פון אונטערן וואַלד, און, נאַטירלעך, פלעגט דאָס גאַנצע „דאָרף" * געמיינזאַם באַלעבאַטעווען איבער דער אָפּגערייניקטער ערד. אַזוי ווי קיין באַמיסטיקונג, קיין פּרוכטבײַטנדיקע סיסטעם אאַז"וו. האָט דעמלט ניט עקזיסטירט און אַלע פלעגן באַאַרבעטן די ערד אַף איין און דעם זעלביקן אויפן, זייען איינס און דאָס זעלביקע, שנײַדן אין איין צײַט, איז גרינג געווען צו טיילן דאָס אור־אַלטע דאָרף אַף גלײַכע חלקים לויט אַ גורל. דערנאָך פלעגט מען איבערגיין אין אַ נײַ „דאָרף", און דאָרטן פלעגט זיך איבערכאַזערן דאָס אייגענע. ביים עס האָט זיך אײַנגעשטעלט די פעאָדאַלע אָרדענונג (זע ז. 42 און ווײַטער), פלעגט דער גוטבאַזיצער אויספּרעסן דעם מער־פּראָדוקט מיטאַמאָל פון גאַנצן דאָרף; דאָס איז געווען באַקוועם פאַר אים, און ער האָט געזען קינסטלעך צו שטיצן די גע־מיינדע־אָרדענונג אויך נאָכדעם, ווי דאָס אָרט פון וואַנדערישער ערדאַרבעט האָט ביסלעכווײַז פאַרנומען די אײַנגעזעסענע. שפּעטער האָט זיך די פּריצים געדוכט, אַז דאָס האָבן זיי אויסגעטראַכט די געמיינדישע ערדאַרבעט, און דער דאָזיקער שטאַנד־פּונקט איז אַרײַנגעדרונגען אין דער וויסנשאַפט: אין די 60־קער יאָרן פלעגן פּראָ־פעסאָרן פון צווישן די פּריצים דערווײַזן, אַז די דאָרף־געמיינדע איז אין רוסלאַנד אויפ־געקומען אינעם XVI—XVII יאָרהונדערט אונטערן דרוק פון דער מאַכט. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ נאַרישקײַט, די געמיינדע איז בא אונדז ווי אין מערעוו־אייראָפּע (ענגלאַנד, דײַטשלאַנד, שווייץ, אין דער שווייץ האָבן אירע רעשטן דערלעבט ביז אונדזער צײַט), — אַ רעשטל פון גאָר אַלטע צײַטן. מיטן סאָציאַליזם אָדער קאָמוניזם האָט זי קיין שום שײַכעס ניט: דאָס קאָן מען זען גלײַך פונעם ערשטן בליק. דער קאָמוניזם אָרגאַניזירט די פּ ר אָ ד ו ק צ י ע, אין דער דאָרף־גע־מיינדע איז קיין געמיינזאַמע פּראָדוקציע ניטאָ און איז קיינמאָל ניט געווען. יע־דער פּויער אַרבעט אַף זײַן שטיקל ערד זעלבשטענדיק, און דאָס, וואָס ער נעמט אַראָפּ, געהערט צו אים און גייט ניט אין אַלגעמיינעם קעסל. ס'איז אַפילו גאָר ניטאָ קיין מוז אַז אַלע זאָלן האָבן גלײַכע ערד־חלקים, אין די הענט פון איינ־פּויערים־מישפּאָכע האָט זיך געקאָנט צונויפקלײַבן עטלעכע ערדשטיקער. נאָר די

---

* „אויסרײַסן" און „דאָרף" שטאַמען אין רוסיש פון איינע וואָרצל. выдирать деревня

דאָזיקע עחדשטיקער פלעגנ איר ניט געהערנ אפ אייביק: מע האָט געקאָנט איבערפּאַרטיילנ די ערד, אונ די שטיקער, וואָס האָבנ פריִער געהערט איינ מישפּאָכע, האָבנ געקאָנט אריבערגיינ צו א צווייטער, אונ די ערשטע וואָלט באַקומענ נײַע.

אָט דאָס פעלנ פונ א פעסטנ פערזענלעכנ אונ פריוואַטנ אייגנטומ אפ ערד, די דאָזיקע איבערפּאַרטיילונגענ פונ דער ערד זײַנענ אינ די אויגנ פונ דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענצ געווענ א גאַראַנטיע, אז פונ דער געמיינדע קאָנ זיכ אַנטוויקלענ דער סאָציאַליזמ. אינ איר באַנעמענ דעמ סאָציאַליזמ איז די אינטעליגענצ אַדורכגעגאַנגענ ניט פונ דער פּראָדוקציע, נאָר פונ דער אייגנטומ-פּאַרטיילונג. אָבער די פּאַרטיילונג פונעמ אייגנטומ איז א סימנ פונ א צווייטער מאַדרייגע. די דאָזיקע פּאַרטיילונג גופא הענגט אָפּ פונ דער אָרגאַניזירונג פונ דער פּראָדוקציע. מיר האָבנ נאָרוואָס געזענ, אז אויכ די געמיינדישע ערדאַרבעט איז אופגעקומענ אפנ יעסאָד פונ דער וואַלדישער, פונ דער אונטערהאַקנדיקער ערדאַרבעט (רעשטנ פונ דער סאַמע אוראַלטער, פאַרפעאָדאַלער געמיינדע האָט מענ געפונענ אויכ בא אונדז דאָרטנ, ווו די דאָזיקע ערדאַרבעט איז פאַרבליבנ ביז אונדזער צײַט, אינ אַרכאַנגעלסקער גובערניע אונ אינ סיביר), דאָס הייסט, אפנ יעסאָד פונ א באַשטימטער פּראָדוקציע. די סאָציאַליסטנ פונ די 60—70-קער יאָרנ האָבנ, פאַרשטייט זיכ, ניט געטרוימט וועגנ אופלעבנ די אונטערהאַקנדיקע ערדאַרבעט, דאָס וואָלט שוינ געווענ צו מעשוגעדיק. זיי האָבנ פּאָשעט ניט פאַרשטאַנענ, אז ס'קאָנ זײַנ א געוויסע פאַרבינדונג צווישנ דער געמיינדע אונ די פּרימיטיווע פאָרמענ פונ ערדאַרבעט.

אפ דער עקזיסטענצ פונ דער געמיינדישער ערדאַרבעט אינ רוסלאַנד, ווי אפ זייער א וויכטיקנ פאַקט, וואָס מיט אימ אונטערשיידט זיכ רוסלאַנד פונ די איבעריקע אייראָפּייִשע לענדער, האָט מענ דאָס ערשטע מאָל געווענדט די אופמערקזאַמקײַט אינ די 40-קער יאָרנ, טיילווײַז אונטער דער ווירקונג פונ די מײַרעוו-אייראָפּייִשע פאָרשער: אויכ אינ מײַרעוו-אייראָפּע פלעגט זיכ דער קליינבירגערלעכער סאָציאַליזמ אָנכאַפּנ אָנ די רעשטנ פונ דער געמיינדע, וואָס זײַנענ נאָכ דאָרטנ ווו-ניט-ווו פאַרבליבנ, אונ ער האָט אינ דעמ אײַנגעזענ א גאַראַנטיע פאַר עפּעס א גרויסער צוקונפט. איינ אייראָפּייִש לאַנד פלעגט זיכ באַרימענ פאַרנ צווייטנ מיט די דאָזיקע רעשטנ. אינ די דײַטשישע לענדער איז געווענ מער אַזעלכע רעשטנ ווי אינ פראַנקרײַכ, אינעמ פאָטערלאַנד פונעמ סאָציאַליזמ, אונ די דײַטשנ האָבנ מיט שטאָלצ געקוקט אפ די פראַנצויזנ: זיי, הייסט עס, קאָנענ מער ניט ווי פּלאַפּלענ וועגנ סאָציאַליזמ, אונ בא אונדז, הייסט עס, איז ער שוינ פאַראַנ... אָבער ווענ איינער א דײַטשישער רײַזנדער האַקסטהאַוזענ איז געקומענ צו פאָרנ קיינ רוסלאַנד, האָט ער דערזענ, אז דאָ זײַנענ ניט נאָר פאַרבליבנ רעשטנ פונ דער געמיינדע, נאָר זי הערשט דאָ פּאָשעט אינ גאַנצ גרויסרוסלאַנד. ער האָט צוגעצויגנ דערצו די אופמערקזאַמקײַט פונ זײַנע מאָסקווער באַקאַנטע, יענע זײַנענ אַרײַנגעפאַלנ אינ היספּײַלעס: אָט ווו עס איז דאָס געבענטשטע לאַנד פונעמ סאָציאַליזמ! אָט רוסלאַנד איז טאַקע באַשערט צו באַנײַענ די וועלט. אייניקע האָט עס פול געמאַכט מיט אומגעוויינלעכנ נאַציאָנאַלנ שטאָלצ, זיי האָבנ אָנגעהויבנ קוקנ אפ רוסלאַנד אונ אפ די סלאַווישע לענדער ביכלאַל (דאָרטנ איז אומעטומ געווענ מער רעשטנ פונ דער געמיינדע, ווײַל זיי האָבנ נאָכ לעפּיערעכ ניט אַזוי לאַנג פאַר דעמ געהאַט איבערגעלעבט דעמ פּעריִאָד פונ וואַנדערישער ערדאַרבעט), ווי אפ אויסדערוויילטע, וואָס זיי וועלנ עס ראַטעווענ דעמ „פאַרפוילטנ“ מײַרעוו (צו די

„מאקעס” פונעמ לעצטנ האָבנ זיי פארעכנט אויכ די „פּראָלעטאריאטישקײַט”). דערבײַ האָט זיכ זיי אינעמ דאָזיקנ ליכט אויסגעוויזנ, אז רוסלאנד איז פּראכטפול אינ אלע הינזיכטנ, — אי די רוסישע מאלבושימ פונעמ פּאָשעטנ האמוינ, אי דאָס, וואָס דער רוסישער פויער גאָלט ניט זײַנ באָרד אאוו. מיט איינ וואָרט, אלצ איז גוט אכוצ ניקאָלײַס זעלבסטהערשונג. איינילע האָבנ אפילע דערמיט אויכ שאָלעמ געמאכט. יעדנפאלס האָבנ אלע שאָלעמ געמאכט מיט דער צארישער מאכט ביכלאל. די דאָזיקע ריכטונג אינ דער רוסישער ליטעראטור האָט באקומענ דעמ נאָמענ ס ל א וו י א נ אָ פ י ל ס ט וו אָ („סלאוונליכע”). זיי זײַנענ געווענ זיכער, אז רוסלאנד נייטיקט זיכ גאָרניט אינ קיינ רעוואָליוציִע, אז עס איז אזוי אויכ גוט. פאר אנדערע אָבער, וואָס זײַנענ געווענ געשטימט מער רעוואָליוציאָנער, האָט די געמיינדע גערינט אלס באווײַז, אז אינ רוסלאנד איז די סאָציִאליסטישע רעוואָליוציִע מער מעגלעכ אונ מער נאָענט, ווי ערגעצ־ווו אנדערש. צו דער דאָזיקער ריכטונג האָט פריער פאר אלצ געהערט הערצענ.


א. אי. הערצענ.

הערצענ, ווי אינ מײַרעוו מארקס אונ ענגעלס, אונ ווי בא אונדז שפּעטער פּלעכאנאָוו, דינט אלס א באווײַז, אז מע דארפ גאָר ניט געהערנ לויט דער אָפּשטאמונג צו דעמ אָדער יענעמ געזעלשאפטלעכנ קלאס, כדיי צו ווערנ דער אויסדריקער פונ די שטרעבונגענ אונ האָפענונגענ פונעמ דאָזיקנ קלאס. סײַ מארקס אונ סײַ ענגעלס זײַנענ געבאָרנ געוואָרנ אינ בורזשואזע מישפּאָכעס, אונ דאָס האָט זיי ניט געשטערט צו ווערנ די גרינדער פונעמ פּראָלעטארישנ סאָציִאליזמ. פּלעכאנאָוו איז געווענ א זונ פונ א גוטבאזיצער אונ דאָס האָט אימ ניט געשטערט צו ווערנ דער פאָטער פונעמ ארבעטער־סאָציִאליזמ אינ רוסלאנד. פאר דער פארשפּרייטונג פונ א וואָסער ניט איז אידיי איז וויכטיק, אינ וואָס פאר א סוויווע זי ווערט פארשפּרייט, ווער איז איר אָנהענגער, אונ ניט בא וועמענ אינ קאָפּ זי איז געבאָרנ געוואָרנ. סײַ מארקס, סײַ ענגעלס, סײַ פּלעכאנאָוו זײַנענ ניט געווענ קיינ ארבעטער, נאָר א ווירקונג האָבנ זיי געהאט בלויז אפ ארבעטער, די בורזשואזיע האָט ניט אָנגענומענ זייער לערע. הערצענ איז געווענ א זונ פונ א רײַכנ גוטבאזיצער אונ אליינ א רײַכער מענטש; דאָס האָט זיכ געלאָזט פילנ אינ א סאכ פונ זײַנע אָנשויונגענ; דאָס דערקלערט א סאכ טאָעסנ זײַנע. אינ דער צײַט פונ דער פויערימ־רעפאָרמע, לעמאָשל, האָט ער, ווי מיר האָבנ דערמאָנט, נאַיִוו געגלייבט אינ דער געוויסנהאפטיקײַט פונ אלעקסאנדער דעמ צווייטנ אונ פונ זײַנע מיטארבעטער, ער האָט געגלייבט, אז זיי ווילנ בעעמעס אונ ניט אינ גענזנפיסלעכ, באפרײַענ די פויערימ. ער האָט וועגנ דעמ געשריבנ בריוו צו אלעקסאנדערנ אונ צו זײַנ פרוי אונ האָט געמיינט, אז די דאָזיקע בריוו האָבנ עפּעס א ווירקונג. ער איז אָבער געווענ א לעבעדיקער אונ פילבארער מענטש. אינ 1848־טנ יאָר איז ער געווענ אינ פּאריזש; דאָס בילד פונעמ קאמפּ צווישנ דעמ פראנצויזישנ פּראָלעטאריאט אונ דעמ קאפּיטאל, באזונדערס די צעשיסונג פונ די פּאריזשער ארבעטער אינ יונ פונ דעמ יאָר, האָט אפ אימ געמאכט א גוואלדיקנ אײַנדרוק. „פאר אזעלכע מינוטנ

האָסט מען צענדליקער יאָרנ, איז מען זיכ נויקעמ אינ מעשעכ פונ א גאַנצ לעבנ, — האָט הערצענ געשריבנ וועגנ די יונ־צעשיסונגענ, — ווי איז צו די, וואָס זײַנענ מויכל פאַר אַזעלכע מינוטנ". די דאָזיקע מינוטנ האָבנ אימ טאַקע געמאַכט פאַר א סאָציאַליסט. נאָר דער סאָציאַליזמ פונעמ פּראָלעטאַריאַט, דער רעוואָליוציאָנערער קאָמוניזמ, איז געווענ צו ווײַט אונ פרעמד פאַר אָט דעמ רײַכנ פּאָרעצ. דער קליינבירגערלעכער סאָציאַליזמ איז אימ פּאָרט געווענ נעענטער אונ פאַרשטענדלעכער. אונ הערצענ איז טאַקע געוואָרנ דער אָנזאָגער פונעמ קליינבירגערלעכנ סאָציאַליזמ אינ רוסלאַנד.

„דאָס לעבנ פונעמ רוסישנ פּאָלק איז ביז איצט געווענ באַגרענעצט מיט דער געמיינדע: בלויז בענגייע צו דער געמיינדע אונ צו אירע מיטגלידער אנערקענט עס פאַר רעכט אונ היסכײַוועסנ, — האָט הערצענ געשריבנ צומ פראַנצויזישנ היסטאָריקער מישלע אינ 1851־טנ יאָר, — אַלצ אויסער דער געמיינדע זעט אימ (דעמ רוסישנ פּאָלק) אויס צו זײַנ באַזירט אָפּ גוואַלד... „די געמיינדע־אָרגאַניזאַציע, האָנאָמ זי איז שטאַרק צעטרייסלט געוואָרנ, איז בײַגעשטאַנענ קעגנ דער אַרײַנמישונג פונ דער מאַכט; זי האָט בעשאָלעמ דערלעבט ביז דער אַנטוויקלונג פונעמ סאָציאַליזמ אינ אייראָפּע. אָט דער אומשטאַנד איז אומענדלעכ וויכטיק פאַר רוסלאַנד... פונ אָט דעמ אַלעמענ זעט איר, וואָס פאַר א גליק עס איז פאַר רוסלאַנד, וואָס די דאָרפישע געמיינדע איז ניט אומגעקומענ, וואָס דאָס פּערזענלעכע אייגנטומ האָט ניט צעבראָקלט דאָס געמיינדישע אייגנטומ; וואָס פאַר א גליק דאָס איז פאַר דעמ רוסישנ פּאָלק, וואָס עס איז געבליבנ אויסער אַלע פּאָליטישע באַוועגונגענ, אויסער דער אייראָפּייִשער ציוויליזאַציע, וועלכע וואָלט אָנ שומ ספק, אונטערגעגראָבנ די געמיינדע אונ וועלכע איז איצט אַליינ דערגאַנגענ אינעמ סאָציאַליזמ ביז זעלבסטאָפּלייקענונג. מיר, רוסנ, וואָס זײַנענ דורכגעגאַנגענ דורכ דער מערב־ציוויליזאַציע (ד.ה. די רוסישע אינטעליגענצ, וויל זאָגנ הערצענ), מיר זײַנענ ניט מער ווי א מיטל, ווי זויערטייג, ווי פאַרמיטלער צווישנ דעמ רוסישנ פּאָלק מיט דער רעוואָליוציאָנערער אייראָפּע. דער צוקונפט־מענטש אינ רוסלאַנד איז דער מוזשיק (דער פּויער), פּונקט ווי אינ פראַנקרײַכ איז עס דער אַרבעטער".

דער דאָזיקער געדאַנק, וואָס הערצענ האָט דער ערשטער אַרויסגעזאָגט, אַז די געמיינדע איז ניט קיינ גאַראַנטיע קעגנ א רעוואָליוציע אינ רוסלאַנד, ווי עס האָבנ געמיינט די סלאַוויאַנאָפילנ, נאָר זי איז, פאַרקערט, א באַווײַז, אַז דאַפקע אינ רוסלאַנד דאַרפ זיכ אָנהייבנ די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע, איז פעסט אַרײַנגעדרונגענ אינעמ באַוווסטזײַנ פון דער רוסישער אינטעליגענצ פונ די 60־קער אונ 70־קער יאָרנ. דער באַרימטער פּובליציסט פונעמ צווייטנ דאָר נאָכ הערצענענ, טשערנישעווסקי, וועלכער האָט שוינ אַליינ געהערט צו דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענצ (ער איז געווענ א זונ פונ א גאַלעכ אינ סאַראַטאָוו), האָט זיכ געפּרוווט דערווײַזנ עס מיט וויסנשאַפטלעכע אונ פילאָסאָפישע אַרגומענטנ. „דער אָנהייב פונ דער אַנטוויקלונג אונ דער סאָפ, — האָט ער געזאָגט, — זײַנענ שטענדיק ענלעכ איינער צומ אַנדערנ: די מענטשלעכע געזעלשאַפט האָט זיכ אָנגעהויבנ מיט קאָמוניזמ אונ דאַרפ קומענ צומ קאָמוניזמ. אינ רוסלאַנד איז דער דאָזיקער אָנהייב, צוליב דער לאַנגזאַמקײַט פונ דער אַנטוויקלונג, פאַרבליבנ ביזנ XIX יאָרהונדערט. דאָס באַטײַט אָבער לאַכלוטנ ניט, אַז אונדז איז ניט באַשערט צו זענ דעמ סאָפ, פאַרקערט, מיר וועלנ אימ דערזענ גיכער. „די געשיכטע איז ווי א באָ-

בע, זי האָט זייער ליב איר יינגסטע אייניקלעך". דאָס, וואָס מיר האָבן ניט אױ־בערגעלעבט דעם צווישנפעריאָד צווישן דער אָנפאנג־געמיינדע און דער סאָציאַ־ליסטישער קאָמונע, דאָס, וואָס בא אונדז איז ניט געווען קיין קאפּיטאליזם, ווי אין מערעוו־אייראָפּע, דאָס אלץ איז גאָרניט. די לענדער, וואָס הייבן אָן שפּעטער פאר אנדערע זייער עקאָנאָמישע אנטוויקלונג, לויפן דערפאר דורך דעם גאנצן אנט־וויקלונג־וועג א סך גיכער. זיי שפּרינגען אריבער, אזוי צו זאָגן, איבער גאנצע פעריאָדן. אזוי קאָן אויך רוסלאנד אריבערשפּרינגען איבער דעם קאפּיטאליסטישן פעריאָד און ארײַנטרעטן גלײַך אין סאָציאַליסטישן".

נ. ג. טשערנישעווסקי

טשערנישעווסקי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז רוסלאנד איז נאָך גאנץ ווײַט פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. אין דער פּראקטיק, און ניט אין דער טע־אָריע, האָט אים מער געצויגן צו פּאָלי־טישער דעמאָקראטיע, — אראָפּוואַרפן די לײַבייגנטימערישע מעלוכע, די הערשאפט פון די פּריצים און די צארישע זעלבסט־הערשונג איז געווען פאר אים די נאָענט־סטע אויפגאבע. צוליב דעם האָט ער גע־האָפט אויסנוצן די פּויערשע באוועגונג, וואָס איז נאָך דער קרימער מילכאָמע (זײַט 117) ניט פארלאָשן געוואָרן אף קיין איין יאָר און וואָס האָט זיך נאָכן 19־טן פעווראל צעפלאקערט מיט א העלן פלאַם. טשערנישעווסקי האָט צונויפגע־שטעלט פאר די פּויערים א פּראָקלאמא־ציע (איינע פון די ערשטע אין רוסלאנד, אויב מע זאָל ניט רעכענען פּוגאטשאָווס מאניפעסט), וואָס אים האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו פארשפּרייטן זי. ניט געקוקט אף דעם, האָט מען טשערנישעווסקין פאר דער דאָזיקער פּראָקלאמאציע פארשיקט אף קאטאָרגע. און אזוי ווי אפן גע־ריכט איז געווען ווינציק באווײַזן, אז די פּראָקלאמאציע האָט אָנגעשריבן דאַפקע טשערנישעווסקי, האָט מען זיך דערבײַ באנוצט מיט פאלשע אונטערשריפטן און פאלשע איידעס. אלעקסאנדער דער צווייטער האָט אויסגעצייכנט געוואוסט וועגן דעם, און פונדעסטוועגן האָט ער באשטעטיקט דעם אורטייל. אין דער דאָזיקער פּראָקלאמאציע האָט טשערנישעווסקי גערופן דאָס פּויערטום,) אז עס זאָל זיך גרייטן צו א באוואָפנטן אופשטאנד קעגן די פּריצים און דעם צאר און אָרגאַני־זירן זיך פאר דעם דאָזיקן צוועק, אויסוואַרטנדיק אף א גינסטיקן מאָמענט.

אָבער צווישן זײַנע אָנהענגער האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן ניט געקאָנט און ניט געוואָלט וואַרטן. זיי האָבן ארויסגעלאָזן אן אופרוף, וואָס איז א סך מער רעוואָליוציאָנער, איידער טשערנישעווסקיס „צו די פּריצישע פּוי־ערים", און וואָס איז דערבײַ אין זײַנע לאָזונגען געגאנגען א סך ווײַטער.

דאָס זײַנען געווען די מעכאַברים פון דער פּראָקלאמאציע „צום יונגן רוס־לאנד", וואָס זײַנען ארויס פון די רייען פון דער דעמאָקראטיקער סטודענטנשאפט. דער באשטאנד פון דער דעמאָקראטיקער סטודענטנשאפט איז געווען ניט אזא ווי פון דער

שפּעטערדיקער, ערעוו דער רעוואָליוציע פונ 1917 יאָר. בורזשואַזע זינדלעכ איז צווישנ זיי געווענ ווינציק, וויל די סאָכרימ האָבנ נאָכ ניט געפילט קיינ באַדערפעניש אָפּצוגעבנ זייערע קינדער אינ אוניווערסיטעטנ. אונ די אַדעליקע קינדער פלעגנ נאָכ האַלטנ בעסער פונ מיליטער־דינסט. די הויפּט־מאַסע פונ דער סטודענטנשאַפט זײַנענ געווענ קינדער פונ קליינע באַאַמטע, אונ דער סאַמע אַקטיווער אונ אַרבעטפֿייִקער טייל זײַנענ געווענ די סעמינאַריסטנ, קינדער פונ דאָרפ־גאַלאָבימ, פונ דיאַקאָנעס, וואָס זײַנענ דורכגעגאַנגענ אַ גײַסטלעכע שול, אַ סעמינאַריע, נאָר אַנשטאָט צו ווערנ אַליינ גאַלאָכימ אונ דיאַקאָנעס, האָבנ זיי זיכ אַ קער געטאָנ צומ אוניווערסיטעט. דאָס איז געווענ אַ יונגנט קימאַט אַ קאַפּצאָנישע, — אַ סאַכ סעמינאַריסטנ פלעגנ קומענ צו גיינ אינ מאָסקווע האַלטנ די עקזאַמענס פאַר הונדערטער ווייאָרסט צופוס, — אַנ ענערגישע, אַרבעטפֿייִקע אונ שטאַרק אופגעבראַכטע. אַזוי ווי אַלעקסאַנדער דעמ צווייטנס רעגירונג האָט מוירע געהאַט פאַר די רעזולטאַטנ פונ אירע אייגענע „רעפאָרמעס“, אַזוי ווי זי האָט מוירע געהאַט, אַז זיי וועלנ צופיל דעמאָקראַטיזירנ די געזעלשאַפט, צונויפמישנ אַלע שטאַנדנ, האָט זי זיכ באַמיט קינסטלעכ צו פאַרפעסטיקנ דעמ אוניווערסיטעט פאַר די פּריווילעגירטע קלאַסנ, ניט נידעריקער פונ מיטעלנ באַאַמטנטומ. צוליב דעמ האָט זי געהעכערט דעמ סכאַרלימעד אונ קלענער געמאַכט די צאָל סטיפּענדיעס, וואָס האָבנ פריִער טאַקע געגעבנ די אָרעמע אַ מעגלעכקײַט צו לערנענ זיכ. אָפּנ דאָזיקנ באָדנ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ אינ מאָסקווע אונ באַזונדערס אינ פּעטערבורג סטודענטישע אומרועס, וואָס האָבנ זיכ אויסגעלאָזט מיט אַרעסטנ אונ פאַרשיקונגענ. דאָס האָט פאַרענדיקט אינ דער סטודענטנ־סוויווע די אויסבילדונג פונ אַ רעוואָליוציאָנערער שטימונג.

פונעמ סטודענטנ־קרײַזל איז טאַקע אַרויס די פּראָקלאַמאַציע „דאָס יונגע רוסלאַנד“. איר גרונט־שטריכ, וואָס האָט מער פונ אַלצ אָנגעשראָקנ די מענטשנ פונ יענער צײַט, אַפילע אַזעלכע, ווי הערצענ, איז געווענ די פאָדערונג פונ אַ „באַלדיקער רעוואָליוציע, אַ רעוואָליוציע אַ בלוטיקער אונ אָנראַכמאָנעסדיקער, אַ רעוואָליוציע וואָס זאָל ראַדיקאַל ענדערנ אַלצ, אַלע אָנ אויסנאַמ יעסוידעס פונ דער מאָדערנער געזעלשאַפט, מאַכנ אַ סאָפ צו די אָנהענגער פונ דער איצטיקער אָרדענונג“. די פּראָקלאַמאַציע האָט זיכ פאַרענדיקט מיטנ אויסרופ: „לעבנ זאָל די רוסישע סאָציאַלע אונ דעמאָקראַטישע רעפּובליק“. הערצענ האָט געטרייסט זײַנע לייענער, אַז דערהערנדיק די דאָזיקע ווערטער, וועט דאָס רוסישע פאָלק גאָרניט אַ טראַכט טאָנ אַפילע „צו כאַפּנ זיכ פאַר דער האַק“. אַז מיט פופציק יאָר שפּעטער וועט זיכ דאָס פאָלק מיט דעמ לאָזונג אַ כאַפּ טאָנ פאַר דער ביקס אונ פאַרנ קוילנוואַרפער אונ וועט זיכ פּונקט אַזוי נויקעמ זײַנ אָנ די אָנהענגער פונ דער „איצטיקער אָרדענונג“, ד. ה. פונ דער בורזשואַזער אָרדענונג, ווי עס האָט געדראָט דאָס „יונגע רוסלאַנד“, דאָס האָט הערצענ ניט פאָרויסגעזענ. די פּראָקלאַמאַציע איז נאָכ אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס זי האָט ריכטיק פאָרויסגעטראָפנ אויכ אַ סאַכ באַזונדערע מאָסמיטלענ, וואָס די רעוואָליוציע פונ אונדזער צײַט האָט פאַרווירקלעכט. למאָשל, דאָס „יונגע רוסלאַנד“ פאָדערט אומזיסטע בילדונג אינ די שולנ פונ אַלע שטופּעס; פולע אונ אומבאַדינגטע גלײַכבאַרעכטיקונג פונ פרויענ; סאָציאַליזאַציע פונ דער ערד, פאַרניכטונג פונעמ פריוואַטנ האַנדל, פונ „אָט דער פאַרגעזעלעכטער גנייווע“, אונ אָרגאַניזירונג פונ געזעלשאַפטלעכע קראָמענ. אָבער „דאָס יונגע רוסלאַנד“ רעדט ניט וועגנ נאַציאָנאַליזירנ די אינדוסטריע, אינ איר איז ניטאָ אַפילע קיינ רעמז

אף א פּלאַנישער ווירטשאַפט. די פּראָקלאַמאַציע האָבן געשריבן קליינבירגער, וואָס האָבן געהאַסט דעם קאַפּיטאַליזם, אָבער זיי האָבן ניט געהאַט קיין באַגריף וועגן פּראָלעטאַרישן סאָציאַליזם, — די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור און אַפילו דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" האָבן זיי ניט געוווּסט.

פון א סטודענטן־קרײַזל איז אַרויס ניט נאָר דער ערשטער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער אויפרוף, — פון פּונקט אַזאַ קרײַזל איז אויך אַרויס די ערשטע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע העלדנטאַט, דער ערשטער אופּטו פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין די 1860־קער יאָרן. זכּנ 14־טן דעקאַבער האָט די אינטעליגענץ אין רוסלאַנד קיינמאָל ניט אויפגעהויבן פּראַקטיש קיין בונט. איר גאַנצער בונט איז באַשטאַנען אין רײדן און שרײַבן. עס פלעגט בונטעווען דער פויער, אף דעם דאָזיקן פויערשן בונט האָבן זיך באַזירט אַלע האָפענונגען פון דער אינטעליגענץ, אָבער פּונקט ווי עקאָנאָמיש האָט זי געלעבט אפן כעזשבן פון די פויערשע הענט, אַזוי האָט זי אויך פּאָליטיש געלייגט אירע האָפענונגען אף דער פויערשער האַק. די רעוואָלוציאָנערע סטודענטשאַפט פון די 60־קער יאָרן האָט די ערשטע צערייסן מיט דער דאָזיקער פּריצישער געוווינהייט. דאָס קרײַזל, וואָס האָט זיך געשאַפן אין מאָסקווע אַרום קאַראַקאָזאָוון, האָט זיך טכילעס אויך באַגרענעצט מיט אומיטלבאַר סאָציאַליסטישע טרוימערײַען וועגן אײַנאָרדענען סאָציאַליסטישע פאַבריקן, ווערקשטאַטן אאַז״וו. אָבער דער פירער פון דעם קרײַזל האָט געזוכט א ווירקלעכן רעוואָלוציאָנערע טאַט. פּונקט ווי פּעסטעל, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס אַראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג קאָן מען ניט אָפּטיילן פון דעם אומברענגען דעם זעלבסטהערשער. נאָר בא פּעסטעלן איז דאָס אומברענגען אַלעקסאַנדער דעם 1־טן און אַלע ראָמאַנאָווס געווען א טייל פון א ברייטן רעוואָלוציאָנערן פּלאַן, וואָס ער האָט געהאָפּט אויס־צופירן מיט 40 טויזנט סאָלדאַטן. קאַראַקאָזאָוו איז אָבער אויסגעקומען צו באַ־גרענעצן זיך מיטן דאָזיקן טייל, ווײַל, אַכוץ א פּאָר אייגענע הענט, האָט ער קיי־נע קויכעס אין זײַן רעשוס ניט געהאַט. דעם 4־טן אַפּרעל 1863 יאָר האָט ער גע־שאָסן אין אַלעקסאַנדערן אין פּעטערבורג, אינעם זומער־גאָרטן, נאָר ער האָט ניט געטראָפן; דער צאַר איז געבליבן גאַנץ און געזונט, קאַראַקאָזאָוון האָט מען, ווי מע האָט דעמאָלט דערציילט, געפּײַניקט, פאַרמישפּעט און געקעפּט.

דער דורכפאַל פון קאַראַקאָזאָווס אַטענטאַט האָט געגעבן אויסגעצייכנטע שפּײַז פאַר דער צארישער דעמאַגאָגיע. קאַראַקאָזאָוו איז געווען אַן אַדעליקער, און דער מענטש, וואָס האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט פאַרהאַלטן די האַנט פונעם „קייסער־מערדער", און וואָס האָט, יעדנפאַלס, געהאָלפן אַרעסטירן קאַראַקאָזאָוון, איז גע־ווען א פויער. מע האָט גלײַך אָנגעהויבן אומעטום טרומייטערן, אַז דאָס האָבן די פּריצים, וואָס ווילן זיך נוקעם זײַן פאַר דער פויערים־באַפרײַונג, געוואָלט דער־הארגענען דעם קייסער, און א פויער, וואָס דער קייסער האָט באַפרײַט, האָט אים גערא‌טעוועט. פון אומעטום האָבן זיך א שאַט געטאָן באַגריסונגס־אַדרעסן, וואָס האָבן אף קאָלערליי אויפאַנים אויסגעדריקט זייער היספּײַלעס פון דער „וווּנדערלע־כער רעטונג". און אינעם טומל פונעם „פּאָלק־צאַרן" האָט זיך אָנגעהויבן א וויל־דער ווײַסער טעראָר. מע האָט אָנגעהויבן אַרעסטירן און פאַרשיקן מענטשן אין אַזעלכע גרויסע מאַסן, ווי דאָס איז ניט געווען זינט דער דעקאַבריסטן־פאַר־שווערונג. דער ווילדער „טאַליען" מוראַווייאָוו איז באַשטימט געוואָרן פאַרן פּעטער־בורגער דיקטאַטער. דאָס, וואָס עס איז נאָך געווען פאַרבליבן פון דער קליינבירגערלעכער פּאָליטישער באַוועגונג, איז ביזן סאַמע דערשטיקט געוואָרן. די ווייניקע

זשורנאַלן, וואָס האָבן נאָך ניט איבערגעריסן מיט טשערנישעווסקיס טראַדיציעס, זײַנען פֿאַרבאָטן געוואָרן; מע פֿלעגט פֿאַרשיקן מענטשן, וואָס האָבן קיין שום שײַכעם ניט געזוכט [illegible] „וועליקאָהוס״, פּאַשעט אַנשטענדיקע מענטשן, וועלכע האָבן ניט געשריבן „אורא״, ביים מע האָט געשאָסן און געהאַנגען די פּאָליאַקן, און פֿלעגן ניט אַרײַנפֿאַלן אין ענגעכטישער היספּײַלעס פֿון יעדער „רעפֿאָרמע״, וואָס אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט גנעדיק געשאָנקען זײַן פֿאָלק. צווישן די דאָזיקע מענטשן איז געווען דער פּראָפֿעסער פֿון דער מיליטערישער אַקאַדעמיע פּאָלקאָווניק לאַווראָוו, וואָס האָט זיך דערמלט פֿרידלעך פֿאַרנומען מיט פֿילאָסאָפֿיע און מאַטעמאַטיק. די פֿאַרשיקונג האָט אים אויפֿגעטרייסלט, האָט אים געצוווּנגען צו פֿאַרטראַכטן זיך איבער געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגן און האָט ביסלעכווײַז פֿאַרוואַנדלט דעם פֿרידלעכן מאַטעמאַטיקער אין דעם סאַמע ווירקונגפֿולן רוסישן פּובליציסט נאָך טשערנישעווסקין, אינעם גרעסטן פֿאַרשטייער פֿונעם רוסישן קליינבירגערלעכן סאָציאַליזם. אָט דעם רוסישן קליינבירגערלעכן סאָציאַליזם האָט לאַווראָוו, קאָן מען זאָגן, געשאַפֿן אַלס גאַנצע האַרמאָנישע סיסטעם. עמעס, אַזוי ווי לאַווראָוו איז אינגיכן אויסגעקומען אַריבערצוגיין אַף דער ניעלביקער לאַגע, ווי הערצענס, אַנטלויפֿן קיין אויסלאַנד, זײַנען זײַנע ווערק געוואָרן צוגענגלעך דעם ברייטן אוילעם ערשט נאָך זײַן טויט (אינעם 1900 יאָר), אָבער, ערשטנס, האָבן די קרײַזלעך פֿון דער פּראָגרעסיווער יוגנט געוווּסט וויאַזוי צו באַקומען אויך אומלעגאַלע אויסלענדישע ליטעראַטור, און, צווייטנס, האָט לאַווראָוס גרונט־געדאַנקען, אַף וויפֿל מע האָט זיי געקאָנט איבערגעבן „צענזוריש״, פֿאַרשפּרייט לאַווראָווס אַן אָנהענגער, דער זייער טאַלאַנטפֿולער קריטיקער און פּובליציסט מיכײַלאָווסקי.

דאָס ערשטע ווערק זײַנס האָט לאַווראָוו באַוויזן אַרויסצוגעבן נאָך אין רוסלאַנד. דאָס זײַנען געווען די „היסטאָרישע בריוו״, אַרטיקלען, וואָס האָבן אויסגעזען טרוקן, וויסנשאַפֿטלעך און טעאָרעטיש, און אַזוי ווי זיי זײַנען ניט געווען אונטערגעשריבן מיט לאַווראָווס נאָמען, האָט זיי די צענזור דורכגעלאָזט. די יוגנט אָבער האָט זיי געלייענט מיט גרויס דאָרשט, זיי זײַנען געוואָרן פֿאַר איר אַ מין יעוואַנגעליע. וואָס זשע האָט זי זיך אויסגעלערנט פֿון די דאָזיקע בריוו?

גרינגער פֿון אַלץ איז עס צו פֿאַרשטיין, ווען מע זאָל פֿאַרגלײַכן דעם „לאַווראָוויזם״ מיטן מאַרקסיזם. פֿאַר מאַרקסיסטן ליגן אין יעסאָד פֿון דער גאַנצער געשיכטע: די גאַנצע געשיכטע מאַכן די פֿאָלקמאַסן, די אַרבעטנדיקע מאַסן, די אַרבעטער און פּויערים. זיי מאַכן די געשיכטע מיט זייער פֿיזישער, מיט זייער פּראָדוצירישער אַרבעט. פּראָדוציר־אַרבעט — דאָס איז דער פֿונדאַמענט, אַף וועלכן עס ווערט אויפֿגעבויט אַלדאָס איבעריקע — די מעלוכע, די ליטעראַטור, די וויסנשאַפֿט, די קונסט אאַוו. פֿון דעם, וויאַזוי עס איז אָרגאַניזירט די פּראָדוקציע, פֿון וואָס און וויאַזוי עס איז געמאַכט דער פֿונדאַמענט, פֿון דעם הענגט אָפּ דער גאַנצער בנין: די פּעאָדאַלע געזעלשאַפֿט, וואָס אין איר יעסאָד ליגט די קליינע פּראָדוקציע, האָט איר פֿאָרם פֿון מעלוכע, איר וויסנשאַפֿט, איר קונסט; בא דער אינדוסטריעל־קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט — איז דאָס אַלץ אַנדערש. לאַווראָוו ווידער האַלט, אַז דער יעסאָד איז דאָס, וואָס עס דענקען ניט די מאַסן, נאָר די „קריטיש־דענקענדיקע פּערזענלעכקײַטן״, דאָס הייסט, די אינטעליגענץ. פֿאַר אים האָט די געשיכטע אַליין פֿאַר זיך קיין שום זין ניט. אַ זין אין דער געשיכטע טראָגט אַרײַן דער, וועמ עס שטודירט זי — דער היסטאָריקער גופֿא. פֿון דעם, וואָס פֿאַר

א צוועקנ ער שטעלט זיכ, אינ וואס עס באשטייט זיינ אידעאל, הענגט אויכ אפ זיינ באנעמענ די געשיכטע. „אויב דער דענקער גלייבט אינ דער איצטיקער אדער צולונג [illegible] זיכ פאר אימ די גאנצע געשיכטע ארומ די געשעענישנ, וואס האבנ צוגעגרייט די דאזיקע פארווירקלעכונג", — זאגט לאווראוו.

עס פארשטייט זיכ, אז אויב דער דאזיקער „דענקער" איז א לעבעדיקער מענטש און ניט קיינ טרוקנ שטיקל האלצ, קאנ ער זיכ ניט באגרענעצנ מיט דעמ, וואס ער וועט טראכטנ וועגנ געשיכטע, ער וועט זענ אריינטראגנ אינ איר זיינ אידעאל, דאס הייסט, ער וועט זענ ווירקנ אפנ גאנג פונ דער געשיכטע. אט ווי לאווראוו שטעלט זיכ פאר די דאזיקע ווירקונג: „דער אידעאל ווערט געבוירנ אינעמ מויעכ פונ א פערזענלעכקייט, פונעמ דאזיקנ מויעכ גייט ער דערנאכ אריבער אינ די מויכעס פונ אנדערע פערזענלעכקייטנ, ער צעוואקסט זיכ קוואליטאטיוו דורכ דעמ, וואס עס ווערט גרעסער דער גייסטיקער און מאראלישער ווערט פונ דער דאזיקער פערזענלעכקייט, ער צעוואקסט זיכ קוואנטיטאטיוו דורכ דעמ, וואס עס ווערט גרעסער זייער צאל, און ער (דער אידעאל — איבערז.) ווערט א געזעלשאפטלעכע קראפט, ווענ די דאזיקע פערזענלעכקייטנ באגרייפנ זייער איינשטימיקייט, און ווענ זיי באשליסנ זיכ אפ אנ איינמוטיקער טאט. אלזא, א נישטיקע מינדערהייט מאכט די געשיכטע. און די מאסנ, די מערהייט? „די מערהייט איז פארמישפעט געווארנ אפ אנ איינארטיקער, אויסמאטערנדיקער און פרידלעכער ארבעט אנ אויפהער, צוליבי פרעמדע נוצנ, ניט צו האבנ קיינ פרייע צייט פאר דער ארבעט פונ געדאנק, און זי איז דעריבער פארבליבנ אומפייִק אויסצונוצנ אירע קאלאסאלע קויכעס אפ צו דעראבערנ פאר זיכ דאס רעכט אפ אנטוויקלונג, אפ א ווירקלעכ מענטשלעכנ לעבנ".

ניט די מאסנ מאכנ די געשיכטע — זיי זיינענ מער ניט ווי באמיסטיקונג פאר דער געשיכטע. אפ דער דאזיקער פעטער באמיסטיקונג וואקסט אויס די גערעטעניש פונ „קריטיש דענקענדיקע פערזענלעכקייטנ". די דאזיקע באמיסטיקונג איז אבער א לעבעדיקע, און די „קריטיש דענקענדיקע פערזענלעכקייט" מוז עס אנערקענענ. „יעדער מיטגליד פונ דער קלייִנער מינדערהייט־גרופע מוז זיכ זאגנ: „יעדע באקוועמלעכקייט פונ לעבנ, וואס איכ געניס, יעדער געדאנק, וואס איכ האב געהאט צייט צו באקומענ אדער אויסצוארבעטנ, איז געקויפט פארנ בלוט, ליידנ אדער ארבעט פונ מיליאנענ. די פארגאנגענהייט קאנ איכ ניט פאריכטנ, און ווי טייער ס'איז ניט באצאלט געווארנ פאר מיינ אנטוויקלונג, קאנ איכ זיכ פונ איר ניט אפזאגנ! „דאס בייז דארפ מענ, אפ וויפל ס'איז מעגלעכ, פאריכטנ, און דאס קאנ געטאנ ווערנ בלויז אינ לעבנ. דאס בייז דארפ מענ א ו י ס ל ע ב נ. איכ וועל ניט אראפנעמענ פונ זיכ די פאראנטוואָרטלעכקייט פארנ בלוטיקנ פרייז פונ מיינ אנטוויקלונג, אויב איכ וועל ניט אויסנוצנ די דאזיקע אנטוויקלונג, קעדיי קלענער צו מאכנ דאס בייז איצט און אינ דער צוקונפט. אויב איכ בינ אנ אנטוויקלטע־מענטש, בינ איכ עס מעכויעוו צו טאנ".

אזא באנעמענ די געשיכטע האט באקומענ אינ אונדזער ליטעראטור דעמ נאמענ „פאלקיזמ" („Народничество"). אינדערעמעסנ ווערט דא דאס פאלק געשטעלט אפנ לעצטנ ארט: עס ליידט, עס ארבעט, און דענקענ דענקענ פאר אימ און עס ראטעווענ אימ „קריטיש דענקענדיקע פערזענלעכקייטנ". אט אזא מינ באנעמענ די געשיכטע איז טאקע בורזשואז, און פונ דעמ בורזשואזנ באנעמענ די גע־

שיכטע, וואָס וועגנ דעמ האָבנ מיר גערעדט אינעמ אַרײַנפיר צומ דאָזיקנ ביכל
(זע זײַט 19), אונטערשיידט זיכ עס בלויז מיט דעמ, וואָס די גרויסע אונטער-
נעמערישע בורזשואַזיע נוצט כוצפּעדיק אויס די אַרבעט אונ די ליידנ פונ די
מאַסנ אונ האַלט עס פאַר א גאַנצ „נאַטירלעכער" זאַכ, אונ די „קריטיש דענקענ-
דיקע פּערזענלעכקײַטנ" רופט זי אָנ מיטנ נאָמענ „מעהומעמאַכערס" אונ „בייזווילי-
קע אַגיטאַטערס" אינ דער צײַט, ווענ לאַווראָוו פילט מיט אַ די פאָלקמאַסנ, אַ די
דאָזיקע פּערזענלעכקײַטנ. דאָס באַווײַזט, אַז דער פאָלקיזמ איז א לערע, וואָס איז
אופגעקומענ ניט צווישנ דעמ קלאַס אונטערנעמער, נאָר צווישנ א קלאַס, וואָס פילט
אָפּ זיכ דעמ דרוק פונ די אונטערנעמער, אָבער ער קאָנ זיכ ניט אָפּזאָגנ פונעמ
אונטערנעמערישנ געדאַנקענ-גאַנג. דער פאָלקיזמ איז די געזעלשאַפט-
לעכע וועלט-אַנשויונג פונ דער קליינבירגערלעכער אינ-
טעליגענצ, די וועלט-אַנשויונג פונ א „געבילדעטנ דעסיאַטניק" (אופזעער),
וואָס האָט ניט פאַרגעסנ די פויערשע שטוב, ווו ער איז אויסגעוואַקסנ, וואָס אַנער-
קענט זײַנ שולד אונ זײַנ כויוו בענעגייע צומ פאָלק, אָבער ער קאָמאַנדעוועט פונ-
דעסטוועגנ איבערנ דאָזיקנ פאָלק אונ קוקט אָפּ אימ פונ אויבנ אַראָפּ.

די פאָלקיסטישע וועלטאַנשויונג באַפאַרבט די גאַנצע רעוואָליוציאָנערע באַ-
וועגונג פונ די 70—80-קער אונ א העלפט 90-קער יאָרנ, אונ אינ די 90-קער יאָרנ
ווערט זי די באַזע פאַר דער פּראָגראַמ פונ איינער פונ די צוויי גרויסע פּאַרטייענ —
פונ דער פּאַרטיי סאָציאַליסטנ-רעוואָליוציאָנערנ. ס'איז נייטיק געווענ דער אָק-
טיאַבער פונעמ יאָר 1917, קעדיי אַלע זאָלנ פאַרשטיינ, אַז די סאָציאַליסטנ-רעוואָ-
ליוציאָנערנ זײַנען אויכ א בורזשואַזע פּאַרטיי, ניט געקוקט אָפּ זייער גאַנצער פרי-
ערדיקער רעוואָליוציאָנערישקײַט. אָבער לאַווראָווס „היסטאָרישע בריוו" האָבנ שויג
גאָר-גאָר לאַנג וועגנ דעמ געזאָגט. אָט פאַרוואָס דער „פאָלקיזמ" האָט אַזוי ווינציק
צוגעצויגנ צו זיכ דאָס פאָלק, די אַרבעטער אונ פויערימ, אונ ווענ ער איז, סאָפּ-
קאָלסאָפּ, אַרײַנגעדרונגענ אינ דאָרפ, האָט אימ דאָרטנ בעסער פאַר אַלעמענ פאַר-
שטאַנענ דער באַלעגופּ, — דער דאָרפישער קליינבורזשוא. איצטער איז דאָס אַלצ
קלאָר פאַר אַלעמענ, נאָר בייס עס זײַנענ דערשינענ די „היסטאָרישע בריוו", האָט
עס קיינער ניט פאַרשטאַנענ. פונ מאַרקסיזמ אינ נאָכ דעמלט אינ רוסלאַנד קיינ
זייכער ניט געווענ. מענטשנ פלעגנ דעמלט ווערנ סאָציאַליסטנ ניט דערפאַר, וואָס
פאַר זיי איז קלאָר געווענ די היסטאָרישע אומפאַרמײַדלעכקײַט פונעמ סאָציאַליזמ,
נאָר דערפאַר, ווײַל זיי האָבנ זיכ געשעמט צו עקספּלואַטירנ פרעמדע אַרבעט, זיי
פלעגנ ווערנ סאָציאַליסטנ אונטער דער ווירקונג פונ פּערזענלעכער מאָראַלי-
שער איבערצײַגונג. אַזעלכע מענטשנ פלעגט די טעאָריע פונ „קריטיש דענקענדיקע
פּערזענלעכקײַטנ" אויסגעצייכנט דערקלערנ דעמ מאַנצנ איניענ.

אויב אָבער לאַווראָווס טעאָריעס זײַנענ אָפּ לאַנגע יאָרנ געוואָרנ דער יעסאָד
פונ דער פאָלקיסטישער פּראָגראַמ, איז די טאַקטיק פונ דער פאָלקיסטישער רעוואָ-
ליוציע אויסגעאַרבעט געווענ ניט פונ לאַווראָוו. ניט געקוקט אָפּ דעמ, וואָס די
צאַרישע רעגירונג האָט געהאַלטנ פאַר נייטיק צו פאַרשיקנ אימ, האָט פאַרבאָטנ
זײַנע ווערק אאַוו., איז לאַווראָוו אינ לעבנ געווענ זייער א פרידלעכער אונ באַשיי-
דענער קאַבינעט-געלערנטער. די רעוואָליוציאָנערע טעטיקײַט האָט ער זיכ פאָרגע-
שטעלט אויסשליסלעכ אינ דער פאָרמ פונ פּראָפּאַגאַנדע. די קריטיש-דענקענ-
דיקע פּערזענלעכקײַטנ, וואָס פרובירנ מיט זייער לערע אונ מיט זייער בײַשפּיל
אַנדערע קריטיש דענקענדיקע פּערזענלעכקײַטנ, אַלצ אינ א גרעסערער צאָל, אינ אַלצ

ברײטערע קרײַזנ פונ דער פאָלקמאַסע — אָט וויאַזוי לאַווראָוו האָט פאַרשטאַנענ די טעטיקײַט פונ א רעוואָליוציאָנער. אונטער דער ווירקונג פונ זײַנע ביכער קומענ טאַקע ביסלעכווײַז אופ אינ פּעטערבורג און אינ דער פּראָווינצ פּראָפּאַגאַנדע־קרײַזלעכ: דאָס קרײַזל פונ טשײַקאָווסקינ (וואָס איז בײסנ בירגער־קריג געווענ דער פירער פונ דער ארכאַנגעלסקער „רעגירונג”), דאָלגושינס קרײַזל און אַנדערע. וועגנ דעמ ערשטנ פונ זײ זאָגט זײַנ עמעסער פירער, דער שפּעטער באַוווּסטער אַנאַרכיסט, פּירשט קראָפּאָטקינ, אז „צוערשט האָט דאָס דאָזיקע קרײַזל נית געהאַט אינ זינ גאָרנית קײנ רעוואָליוציאָנערעס”. די דאָלגושינער האָבנ גערופנ „דערווײַזנ, אז מיר זײַנענ אופּריכטיק, אז אונדזער הײסער גלויבנ און אונדזער בײַשפּיל וועט ענדערנ דאָס פּאַנעמ פונ דער ערד”. דאָס אַלצ פּאָנעמ צו פּאָנעמ מיט דער גראָבער ווירקלעכקײַט, וואָס עס האָט מיט זיכ פאַרגעשטעלט די רעאַקציע, וועלכע האָט געהערשט נאָכנ 1866־טנ יאָר, איז מער פונ אַלצ ענלעכ געווענ צו די דראָשעס פונ די ערשטע קריסטנ אינ דער רוימישער אימפּעריע, איידער צו א רעוואָליוציאָנערער פאָלק־באַוועגונג. די רעוואָליוציאָנערע יוגנט האָט זיכ נית אינ דעמ גענײטיקט, און אויב אירע לערערס בענגײיע דעמ, וויאַזוי מע דאַרפ פאַרשטײנ דאָס לעבנ, זײַנענ געווענ לאַווראָוו און מיכײַלאָווסקי, זײַנענ די לערערס, וואָס האָבנ זײ געלערנט, וואָס מע דאַרפ טאָנ, וויאַזוי מע דאַרפ האַנדלענ, געווענ אַנדערע מענטשנ, פריער פאַר אַלצ באַקונינ.

באַקונינ, אינ די יונגע יאָרנ אַנ אַרטילעריע־אָפיצער, איז געוואָרנ אַנ עמיגראַנט נאָכ לאַנג פאַר ניקאָלײַ דעמ 1־טנס טויט (פריער פאַר הערצענענ). אינ אויסלאַנד איז ער געווענ אײנער פונ די פירער פונ דער דײַטשישער רעוואָליוציע אינ 1848־טנ יאָר, איז דערנאָכ ארײַנגעפאַלנ אינ אַנ עסטרײַכישער טפיסע און עסטרײַכ האָט אימ ארויסגעגעבנ רוסלאַנד. ניקאָלײַ האָט אימ ארײַנגעזעצט אינ שליסעלבורג, און אַלעקסאַנדער דער 2־טער האָט אימ פאַרשיקט קײנ סיביר. פונ דאָרטנ האָט זיכ באַקונינ אײַנגעגעבנ צו אַנטלויפנ אינ 1861־טנ יאָר. אײנ צײַט האָט באַקונינ, ווי א סאַכ דעמאָלטיקע אינטעליגענטנ, געהאָפט, אז אינ רוסלאַנד קאָנ די פרײַהײט קומענ „פונ אויבנ”. אַלעקסאַנדער דעמ 2־טנס אכזאָריעס בענגײיע די פּאָליאַקנ האָט אימ אויסגעהײלט פונ די דאָזיקע איליוזיעס. און דער אָנטײל אינ דער מײַרעוו־אײראָפּײיִשער ארבעטער־באַוועגונג — דעריקער אינ דער איטאַליענישער און אינ דער שווײצערישער — האָט אימ ענדגילטיק אומגעקערט צוריק אפנ וועג פונ רעוואָליוציע, אפ וועלכנ ער איז שוינ געווענ אינ 1848־טנ יאָר. לויט דער נאַטור איז ער, אַגעוו, שטענדיק געווענ א רעוואָליוציאָנער, וואָס פאַר אַנ איליוזיעס עס זאָלנ נית האָבנ געהערשט איבער אימ. באַקונינ איז געווענ א פאָלקיסט אינ א מער דירעקטנ זינ ווי לאַווראָוו: פאַר אימ איז דאָס פאָלק, די פאָלקמאַסע געווענ דער דירעקטער קוואַל פונ דער רעוואָליוציע. דאָס פאָלק נײטיקט זיכ נית אינ קײנ שומ קריטיש דענקענדיקע פערזענלעכקײטנ. „לערנענ דאָס פאָלק? — האָט געפרעגט באַקונינ, — דאָס וואָלט געווענ א גרויסע נארישקײַט. דאָס פאָלק ווײס אַלײנ בעסער וואָר אונדז אינ וואָס עס נײטיקט זיכ. פאַרקערט, מיר דאַרפנ זיכ בא אימ לערנענ און באַנעמענ די סוידעס פונ זײַנ לעבנ און פונ זײַנ קראַפט, — עמעס, נית קײנ גוואַלדיק איבערגעשפּיצטע סוידעס, אָבער אומבאַגרײַפלעכע פאַר די אַלע, וואָס לעבנ אינ דער אזויגערופענער געבילדעטער געזעלשאַפט”.

איז פּראָפּאַגאַנדע, הײסט עס, נית נײטיק. „נית לערנענ דאַרפנ מיר דאָס פאָלק, נאָר אופבונטעווענ. דאָס פאָלק האָט אָבער שטענדיק געבונטעוועט. עס האָט

געבונטעוועט ישלעכט, צעשפליטערט, פרוכטלאָז, מע דאַרפ מאַכנ אַזוי, אַז זיינע בונטנ זאָלנ זיכ אייננעבנ. מע דאַרפ אינעמ בונטעווענ אַריינטראָגנ א סיידער, א פּלאַנ, א סיסטעמ, אנ אָרגאַניזאַציע". די קריטיש דענקענדיקע פּערזענלעכקייטנ, וואָס מע האָט זיי נאָרוואָס אַרויסגעטריבנ דורכ דער טיר, קערנ זיכ דאָ ווידער אומ צוריק דורכנ פענצטער. ווער זשע וועט עס אָרגאַניזירנ די רעוואָליוציע? פאַרשטייט זיכ, אַז די אינטעליגענטנ, „איבערגעגעבענע, ענערגישע, אינטעליגענטנע פּערזענלעכ־קייטנ, באַזונדערס אופריכטיקע פאָלק־פריינט, וואָס זוכנ ניט קיינ קאָוועד און יאָגנ זיכ ניט נאָכ קיינ רומ! אַזוינע, וואָס זיינענ פייִק צו דינענ אַלס פאַרמיטלער צווישנ דער רעוואָליוציאָנערער אידיי און די פאָלק־אינסטינקטנ". עמעס, די דאָ־זיקע פּערזענלעכקייטנ דאַרפנ בילדנ „ניט די אַרמיי פונ דער רעוואָליוציע — די אַרמיי דאַרפ שטענדיק זיינ דאָס פאָלק, — נאָר עפּעס א מינ רעוואָליוציאָנערנ הויפּט־שטאַב". אָבער דער שטאַב פירט דאָכ אָנ מיט דער אַרמיי. די ספּעציאַליסטנ פונ רעוואָליוציע, די פּראָפעסיאָנעלע רעוואָליוציאָנערנ — זיי דאַרפנ דאָס טאַקע געבנ דעמ „קאָמאַנדירנ־באַשטאַנד" פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פאָלק. פונוואַנענ וועלנ זיכ נעמענ די דאָזיקע ספּעציאַליסטנ? אינ מיירעוו־אייראָפּע האָבנ זיי עקזיסטירט שוינ גאַנצענע דורעס, דעריקער אינ די איטאַליענישע און טיילווייז אויכ אינ די פראַנצויזישע געהיימע געזעלשאַפטנ. אינ רוסלאַנד האָט באַקונינ מער פאַר אַלצ געהאָפט אַפ דער „געבילדעטער וועלט פונ די יונגעלייט, וואָס ווייסנ פונ קיינ צע־רעמאָניעס ניט", דאָס הייסט, פּאָשעט גערעדט, אַפ דער סטודענטשאַפט. און אינ דעמ פּראַט האָט ער זיכ אַרויסגעוויזנ גערעכט.

די סטודענטשאַפט האָט זיכ ניט באַרויִקט אויכ נאָכנ 1866־טנ יאָר. די מאַ־טעריעלע באַדינגונגענ פונ איר עקזיסטענצ האָבנ זיכ לאַכלוטנ ניט געענדערט. וואָס א יאָר, פלעגנ פאָרקומענ „אוניווערסיטעטישע אומאָרדענונגענ" — אינ פאַרבינדונג מיטנ אָרגאַניזירנ א געזעלשאַפטלעכע גאָרקיכ, א ביבליאָטעק, א קאַסע פונ קעגנזייטיקער הילפ. אָבער רעוואָליוציאָנערע צענטערס, לויטנ מוסטער פונ קאַראַקאָזאָווס קוזיל, פלעגנ זיכ, צוליב דער אַלגעמיינער אָנגעשראָקנקייט און צעטומלטקייט, אויסבילדונג מיט גרויס מאַטערניש. דער סאַמע ענערגישער טייל פונ דער יוגנט פלעגט אָוועקפאָרנ קיינ אויסלאַנד, ווו עס האָט זיכ געאָטעמט פרייער. אייניקע פלעגנ עס טאָנ אַלפּי נויט, לעמאָשל, פרויענ, וואָס מע פלעגט ניט צולאָזנ אינ די רוסישע אוניווערסיטעטנ. דאָ, אינ דער שווייצ, אינ ציריכ, בערנ, שפּעטער אינ זשענעווע, פלעגנ זיי ניט נאָר פריי געפינענ די לאַווראָוויסטישע און באַקוניסטישע ליטעראַטור, נאָר זיי האָבנ אויכ געהאַט א מעגלעכקייט אַריינצוטרעטנ אינ דירעקטע באַציִונגענ מיט די פירער, הערנ לאַווראָווס לעקציעס, קומענ אַפ פאַרזאַמלונגענ, אַפ וועלכע עס פלעגט אַרויסטרעטנ באַקונינ. צווישנ די „לאַווראָוויסטנ" מיט די „באַקו־ניסטנ" פלעגנ פאָרקומענ פאַרביטערטע וויקוכימ, וואָס זיינענ אַפילע איינמאָל דער־גאַנגענ ביז א געשלעג. א ניצאָכנ פלעגנ. אַפּאָנעמ, אָפּהאַלטנ די באַקוניסטנ. די לופט פונ דער דעמאָלטיקער אייראָפּע איז געווענ אָנגעזעטיקט מיט רעוואָליוציע.

די אַרבעטער־באַוועגונג פונ די 60־קער יאָרנ, וואָס האָט געדינט אַלס באָדנ פאַרנ ערשטנ אינטערנאַציאָנאַל, האָט געגעבנ קאָלאָסאַלע האָפענונגענ. אינ פראַנק־רייכ האָט די „צווייטע אימפּעריע" אָנגעהויבנ פּלאַצנ פונ אַלע זייטנ. נאַפּאָלעאָנ דער 3־טער איז געגאַנגענ אַפ האַנאָכעס, נאָר זיי האָבנ שוינ קיינעמ ניט געקאָנט באַפרידיקנ. די ערד האָט זיכ אומעטומ געטרייסלט, עס האָט זיכ געפילט, אַז עס דערנעענטערט זיכ עפּעס קאָלאָסאַלס. די געשעענישנ האָבנ אָנגענומענ אַזאַ ווענ־

דונג, וואָס דערמאָנט אַ ביסל אָנ דעם 1914 יאָר אונ די שפּעטערדיקע יאָרנ, מער ניט אינ אַ סאַכ אַ קלענערנ מאַסשטאַב. זומער 1870 יאָר איז דערגאַנגענ ביז אַ מילכאָמע צווישנ פראַנקרײַכ מיט פּרײַסנ, אַ מילכאָמע, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ מיט די פאַרשיידענע טערוציִמ, אינ טאָכ אָבער האָט זי זיכ געפירט צוליב דעם זעלביקנ סאַאַרער קוילנ־באַסיינ, וועגנ וועלכנ אַלע ווייסנ איצט אַראַנק דעם ווערסאַלער שאָלעמ. ניט די אַלטע אינדוסטריע פונ פראַנקרײַכ, ניט די יונגע אינדוסטריע פונ דײַטשלאַנד, וואָס האָט זיכ ערשט אָנגעהויבנ אַנטוויקלענ, האָבנ זיכ ניט געקאָנט באַגיינ אָנ די סאַאַרער קוילנ. פראַנקרײַכ האָט געכאַפּט אַ מאַפּאָלע, נאַפּאָלעאָנ דער דריטער גופע איז אַרײַנגעפאַלנ אינ געפענקעניש צו די דײַטשנ, פּאַריזש איז באַלאַגערט אונ גענומענ געוואָרנ. אונ צווישנ דער פּאַריזשער באַפעלקערונג, וואָס איז געווענ אויסגעמאַטערט פונ הונגער אונ ליידנ, אופגעבראַכט קעגנ דער נידערטרעכטיקער זשעדנעקײַט פונ דער בורזשואַזיע, וועלכע האָט גראָד איצט, ווי נאָר ס'איז אַנטשוויגנ געוואָרנ די שיסערײַ, אָנגעהויבנ אופּמאָנענ פונ די אָרעמעלײַט די אַלטע בויוועס, דירע־געלט אאַוו., — האָט אופגעפלאַקערט אַנ אופשטאַנד, וואָס מיר אַלע פײַערנ איצט זײַנ יאָרטאָג (דעם 18־טנ מאַרט 1871 יאָר). די פּאַריזשער קאָמונע האָט עקזיסטירט סאַכאַקל צוויי כאַדאָשימ, נאָר די דאָזיקע צוויי כאַדאָשימ, ווענ עס האָט פאַרוואַלטעט דאָס עמעסע פאָלק, די אַרבעטער, באַלמעלאָכעס, די קליינע אינטעליגענצ, זײַנענ, נאָכ דער מער ווי צוואַנציק־יאָריקער (פונעמ 1848־טנ יאָר) דיקטאַטור פונ דער בורזשואַזיע, געווענ אַנ עמעסער פרילינג פונ דער אייראָפּייִשער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג.

אופ דער רוסישער רעוואָליוציאָנערער יוגנט פונ די 70־קער יאָרנ האָט די פּאַריזשער קאָמונע געמאַכט אַ גוואַלדיקנ רושעמ. זי, די דאָזיקע יוגנט, האָט זיכ געהאַלטנ פאַרנ דירעקטנ יורעש פונ די קעמפער אופ די פּאַריזשער באַריקאַדעס. „מיר אַרבעטנ אינ אונדזער פאָטערלאַנד צוליב דעם זעלביקנ גרויסנ ציל, וואָס לעדיי צו דערגרייכנ צו אימ זײַנענ אינעמ 1871־טנ יאָר אופ די באַריקאַדעס פונ פּאַריזש אומגעקומענ אַזויפיל אײַערע ברידער, שוועסטער, פאָטערס, זינ, טעכטער אונ פרײַנט", — לייענענ מיר אינעמ אַדרעס, וואָס איז געשיקט געוואָרנ אינעמ 1878־טנ יאָר אינ נאָמענ פונ די אָדעסער אַרבעטער צו די פראַנצויזישע אַרבעטער: — „איר זײַט גערעכט געווענ, ווענ איר האָט געזאָגט אינ 1871־טנ יאָר, אַז איר קעמפט פאַר דער ג אַ נ צ ע ר מענטשהײַט". דאָס, וואָס די פּאַריזשער רעוואָליוציע איז צעקלאַפּט געוואָרנ, האָט לאַכלוטנ ניט אָפּגעשראָקנ: מיטאַמאָל איז אומעגלעכ צו מאַכנ אַ סאָפ צו דער קאַפּיטאַליסטישער פאַרזעעניש. דערבײַ האָט די רעוואָליוציע געדאַרפט זיגנ ניט אינ מײַרעוו-אייראָפּע, נאָר דאַפקע אינ רוסלאַנד. מיקויעכ דעמ איז שוינ באַ באַקונינען פונ לאַנג געווענ צוגעגרייט אַ דערקלערונג. די אַרבעטער פונ אייראָפּע זײַנענ, לויט זײַנ מיינונג, צופיל פאַרבורזשואַזעוועט געוואָרנ, אַדאַנק די גוטע פאַרדינסטנ אונ דער געוויסער בילדונג: „די אַרבעט־לײַט אונטערשיידנ זיכ דאָ פונ דער בורזשואַזיע בלויז מיט זייער לאַגע, אָבער לאַכלוטנ ניט מיט זייער ריכטונג". אַז די ריכטונג ווערט באַשטימט דאַפקע דורכ דער לאַגע, אַז דאַפקע די אָביעקטיווע באַדינגונגענ פונ זײַנ עקזיסטענצ מאַכנ דעמ אַרבעטער־קלאַס רעוואָליוציאָנער, דאָס האָט באַקונינ, ווי אַלע קליינבירגערלעכע סאָציאַליסטנ, ניט געזענ. פאַרקערט, דער אָרעמער, פינצטערער, אומוויסנדיקער רוסישער פויער איז פאַר אימ אַ געבאָרענער רעוואָליוציאָנער, אַ געבאָרענער סאָציאַליסט. ער בונטעוועט שטענדיק; דער אויסדריק פונ אָט דעם מוזשיקישנ בונט איז רעציכע, וואָס מע

דארפ דאָס נאָר לאָנגע אויסנוצנ צוליב דער רעוואָליוציע. „ווענ ביידע בונטנ, דער ראָצכימ־בונט און דער פויערימ־בונט, גיסנ זיכ צונויפ, ווערט געבאָרנ א פאָלק־רע־וואָליוציע. און אזעלכע זיינענ געווענ די באוועגונגענ פונ סטענקא ראזינ און פונ פוגאטשאָוונ".

די האָפענונגענ, אז עס וועט זיכ ווידער באנייענ די ראזינישע און די פוגא־טשאָווישע באוועגונג האָבנ א רוק געטאָנ „אינ פאָלק" מאסנ יוגנט, וואָס האָט זיכ ביסלעכווייז אָנגעקליבנ אינ די אוניווערסיטעט־שטעט און וואָס האָט ניט געקאָנט איינזיצנ אינ די פראָפאגאנדיסטנ־קרייזלעכ. די דאָזיקע קאָלאָסאלע פאר איר צייט באוועגונג „אינ פאָלק", וועלכע האָט ארומגעכאפט טויזנטער יונגעלייט, איז גע־ווענ אנ אָנהייב פונ דעמ נייעמ רעוואָליוציאָנערנ אויפשטייג, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ זעקס־זיבנ יאָר ארומ נאָכנ דורכפאל פונ קאראקאָזאָווס קרייזל און וואָס בליט זיכ פאנאנדער אינ דער „זעמליא אי וואָליא" (ערד און פרייהייט) און אינ „נאראָדנאיא וואָליא" („פאָלק־פרייהייט") — צוויי רעוואָליוציאָנערע געזעלשאפטנ אינ סאָפ פונ די 70־קער יאָרנ. בעראָש זיינענ געגאנגענ באקונינס דירעקטע טאל־מידימ, וואָס האָבנ זיכ גראָד אינ יענער צייט אומגעקערט פונ אויסלאנד: די רעגי־רונג האָט זיי פארבאָטנ לערנענ זיכ אינ דער שווייץ און מיט דעמ, וואָס זי האָט זיי מיט גוואלד אומגעקערט צוריק אהיימ, האָט זי, פארשטייט זיכ, פארשטארקט די קאדרענ פראָפאגאנדיסטנ און „בונטארנ".

די בונטארישע באוועגונג איז געווענ געווענדט דירעקט ניט קעגנ דער רעגי־רונג, נאָר קעגנ דער בורזשואזער אָרדענונג ביכלאל, און דערביי (דאָס איז אי־בעריק צו זאָגנ) האָבנ די יונגע רעוואָליוציאָנערנ געהאט ניט קיינ קלאָרערע פאָר־שטעלונג וועגנ דער דאָזיקער אָרדענונג, ווי באקונינ וועגנ דער ארבעטער־באוועגונג. אונטערנ וואָרט בורזשואזיע האָט מענ פארשטאנענ „עקספלואטאטערס" ביכ־לאל, יעטווידע מאכט און קאָלערליי באלעבאטימ. די פארשטעלונג וועגנ די סאָ־ציאלע פיינט פונ דער רעוואָליוציע, ווי מע האָט זיכ זיי דעמלט געמאָלט, האָט זיכ גוט אָפגעשפיגלט אינעמ בארימטנ ליד — „לאָמיר זיכ אָפזאָגנ פונ דער אל־טער וועלט" (וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרנ גראָד צומ סאָפ פונ יענעמ פע־ריאָד), ווו עס זיינענ צונויפגעמישט אינ איינ קופע אי דער „צאר — דער בלוט־זויגער", אי די אדעליקע, אי די רייכע סאָכרימ. דאָס זיינענ אלצ „פארפלוכטע ראָצכימ". מיט פאָליטיק אינ אייגנטלעכנ זינ פונ וואָרט האָט זיכ די דאָזיקע יוגנט ווינציקער פונ אלצ פארנומענ, — די מעגלעכע פאָליטישע רעזולטאטנ פונ דער רעוואָליוציע, א קאָנסטיטוציע, א פארלאמענט אדג., האָט זי אפילע געהאלטנ פאשעט פאר שעדלעכ: דאָס וואָלט דאָכ דערנענטערט רוסלאנד צו דער בור־זשואזער אייראָפע, און די איז דאָכ, ווי מיר האָבנ געזענ, געווענ ווינציק רעוואָ־ליוציאָנער טאקע צוליב איר בורזשואזקייט.

די „בונטארנ" פלעגנ אינ כאָלעמ זענ ראזינענ און פוגאטשאָוונ און פלעגנ אפילע בעקיווענ גיינ אינ יענע ערטער, ווו עס האָבנ אויסגעבראָכנ ראזינס און פוגאטשאָווס אויפשטאנדנ. אָבער די רעוואָליוציע, וואָס זיי האָבנ געטראָגנ אינ פאָלק, האָט זיכ שטארק אונטערשיידט פונ די דאָזיקע פאָלק־רעוואָליוציעס פונ די אלטע צייטנ. די רעוואָליוציעס פונ די אלטע צייטנ זיינענ געווענ זייער שמאָלע לויט זייערע אויפגאבנ, אָבער גראָד אדאנק זייער שמאָלקייט, זיינענ זיי געווענ זייער באשטימטע; זיי, באזונדערס די פוגאטשאָווישע, זיינענ געווענדט צו איינ

צוועק — פאַרניכטנ דעמ פּאָרעצ. די „בונטאַרעס" האָבנ קיינ איינ פּרוּוו ניט געמאַכט א קער צו טאָנ די באַוועגונג קעגנ א וועלכנ עס איז באַשטימטנ סוינע. זיי פלעגנ טײַנענ וועגנ דער אומגערעכטיקײַט פונ דער בורזשואַזער אָרדענונג ביכלאָל, וועגנ דער זשעדנעקײַט אונ אכזאָריעס פונ די עקספּלואַטאַטערס; דאָס פאָלק פלעגט מיט אינטערעס זיכ צו זיי צוהערנ, נאָר עס האָט געוואַרט,—וואָס זשע וועט זײַנ ווײַטער? וואָס דאַרפ מענ טאָנ? אפ דעמ פלעגנ די „בונטאַרעס" ניט געבנ קיינ באַשטימטנ ענטפער. זיי האָבנ אַלצ געוואַרט אפ א „סטיכייִשער באַוועגונג" אונ ניט פאַרשטאַנענ, אַז דאָס האָט די בורזשואַזיע א נאָמענ געגעבנ די פאָלק-רעוואָליוציעס „סטיכייִשע", ד. ה. בלינדע, אומבאַוווּסטזיניקע, ווי די סטיכיי, ווי וואַסער, ווי פײַער, ווי דער ווינט, קעדיי דערמיט קלענער מאַכנ זייער ווערט. אינדערעמעסנ אָבער זײַנענ דאַפקע די פאָלק-רעוואָליוציעס קיינמאָל ניט קיינ בלינדע, דאָס פאָלק נייטיקט זיכ אינ א קלאָרנ, בוילעטנ, גוט פאַרשטענדלעכנ לאָזונג. אַזא לאָזונג האָבנ די „בונטאַרעס" ניט געקאָנט געפינענ. דער לאָזונג, „ערד אונ פרײַהײַט" האָט ווינציק גערירט דעמ פויער, ווײַל אימ האָט זיכ געדוכט, אַז פרײַהײַט האָט מענ אימ פאָרט געגעבנ אינ 1861-טנ יאָר, אונ ערד קאָנ מענ אָפּנעמענ נאָר באַמ פּאָרעצ. די „בונטאַרעס" אָבער האָבנ קיינ מוט ניט געהאַט צו רופנ דאָס פאָלק, עס זאָל אָנפאַלנ אפ די פּריצימ. זיי האָבנ קיינ מוט ניט געהאַט, ווײַל זיי גופע זײַנענ צו נאָענט געשטאַנענ צומ דאָזיקנ קלאַס: א סאַכ האָבנ געשטאַמט פונעמ דאָזיקנ קלאַס, אַנדערע פלעגנ געפינענ באַהעלטעניש אינ די גיטער פונ די ליבעראַלע פּריצימ אונ פלעגנ נאָכ אַלצ לייגנ אפ די „ליבעראַלנ" מעטושטעשדיקע האָפענונגענ, האָטש זיי האָבנ שטאַרק פאַרהאַסט די ליבעראַלנ פאַר זייער ניט רעוואָליוציאָנערישקײַט.

באַ אַזעלכע באַדינגונגענ וואָלט די אַגיטאַציע פונ די „בונטאַרעס" ניט געגעבנ קיינ גרויסע רעזולטאַטנ, ווענ אַפילע עס וואָלט פאַר איר אויסגעקליבנ געוואָרנ א מער גינסטיקע צײַט. אינדערעמעסנ אָבער וואָלט איצט אַפילע די פוגאַטשאָווישע באַוועגונג אויכ ניט אימשטאַנד געווענ אופצוהייבנ דאָס פויערטומ, ווײַל די לאַגע פונעמ פויערטומ איז אינ די יאָרנ געוואָרנ ניט ערגער, נאָר, פאַרקערט, בעסער. ווי מע האָט ניט באַרויבט דעמ פויער באַ דער „באַפרײַונג", האָט דאָס אָראָפּנעמענ פונ אימ די פּאַנשטשינע זיכ דאָכ שטאַרק אָפּגערופנ אפ דער פּראָדוקטיווקײַט פונ זײַנ אַרבעט: די טווּע-פּראָדוקציע איז אינ די שוואַרצערדישע גובערניעס גרעסער געוואָרנ אפ יעדנ איינצלנעמ מענטשנ מער ווי אינ אַנדערהאַלבנ מאָל (פונ 4 'הא ביז 9 הא), אינ די סטעפּ-גובערניעס אונ אינ די בײַוואָלגישע גובערניעס (וואָס גראָד אַהינ פלעגנ גיינ די בונטאַרנ, ווײַל אַהינ האָבנ זיי געצויגנ די זיכרוינעס וועגנ ראַזינענ אונ פוגאַטשאָוונ) אונ אַפילע אפ דער אויסגעצערטער שוואַרצערד פונ ריאַזאַנער, טאַמבאָווער (איצט גייענ זיי אַרײַנ אינ מאָסקווער געגנט) אונ אַנדערע גובערניעס איז די פּראָדוקטיווקײַט פונ דער ערדאַרבעט קעסיידער געוואַקסנ ביזנ אָנהייב 80-קער יאָרנ. אונ די פויערימ האָבנ שוינ אָנגעהויבנ פאַרגעסנ די אַוולע, וואָס מע איז באַגאַנגענ קעגנ זיי דעמ 19-טנ פּעווראַל, אונ גראָד אינ די פּילערדיקע מיזרעכ-גובע-ייעס, ווו מע האָט געוואַרט אפ א פוגאַטשאָווישער באַוועגונג, האָט זיכ אָט די אַוולע ווינציקער געפילט. אויב מע וואָלט דירעקט רופנ די פויערימ אָנצופאַלנ אפ די פּריצימ אונ באַלעגופימ, וואָלט זיכ, מיסטאָמע, אײַנגעגעבנ אַרויסרופנ אָרטיקע בונטנ (די „בונטאַרעס" האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ אַרויסצורופנ אַפילע קיינ איינ בונט ניט), ס'איז אָבער

קיינ שום שאַנסנ ניט געווענ, אַז אינ די 70־קער יאָרנ זאָלנ זיכ די דאָזיקע בונטנ צונויפגיסנ אינ אַנ אַלרוסלענדישער רעוואָליוציע.

דאָס גיינ אינ פּאָלק, וואָס האָט געגעבנ נישטיקע רעזולטאַטנ אינ יענער מאַכע, וועלכע איז קלוימערשט באַשטאַנענ פונ „געבאָרענע סאָציאַליסטנ", פונ „רעוואָליוציאָנערנ אינ דער נאַטור", האָט געגעבנ אַ גאַנצ אומדערוואַרטנ רעזולטאַט: עס האָט אַרויסגערופנ אַ יוירונג צווישנ דער בורזשואַזער אינטעליגענצ. „דאָס גיינ אינ פּאָלק" האָט זיכ געענדיקט מיט מאַסנ־אַרעסטנ אונ מיט אַזעלכע גראַנדיעזע געריכט־פּראָצעסנ, וואָס אַזוינע זײַנענ נאָכ קיינמאָל ניט געווענ. אינ דעמ סאַמע באַרימטנ פונ די דאָזיקע פּראָצעסנ איז אפ דער באַשולדיקונג־באַנק געזעסנ מיט אַמאָל 193 מאַנ. וואָלטנ עס געווענ 193 אַרבעטער אָדער פּויערימ, וואָלט מענ עפּשער, דערופ קיינ אַכט ניט געלייגט: דאָס פּאָלק גייט דאָכ שטענדיק אַרומ קופּעס־וויז. אָבער 193 יונגעלײַט, וואָס האָבנ פאַרגעשטעלט מיט זיכ דאָס בעסטע פונ דער דעמאָלטיקער יונגער אינטעליגענצ, וואָס יעדערער פונ זיי האָט געהאַט כאַווײרימ, פאַרערער, קרויווימ, באַקאַנטע, — דאָס האָט געמוזט אויפטרייסלענ פונ אויבנ ביז אונטנ די גאַנצע געבילדעטע געזעלשאַפט. אונ דאָס איז געווענ ניט דער איינציקער פּראָצעס: אינ מאָסקווע איז געווענ דער פּראָצעס פונ „50", עס זײַנענ געווענ נאָכ אַנדערע. אַכוצ דעמ איז די רעגירונג געווענ נאַיִוו איבערצײַגט, אַז די אינטעליגענצ איז נאָכ די יאָרנ 1863—1866 גענוג אָנגעשראָקנ, אונ זי האָט אָרגאַניזירט די דאָזיקע פּראָצעסנ עפנטלעכ, ווײַל זי האָט געהאָפט, גלײַכצײַטיק אי אויסצופּײַנענ זיכ מיט איר אָביעקטיווקײַט, אי נאָכאַמאָל אָנצושרעקנ די בורזשואַזיע מיט די טעאָריעס פונ די „בונטאַרעס". זי האָט זיכ אָבער געמוזט אינגיכנ איבערצײַגנ, אַז די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פונ דער דאָזיקער בורזשואַזיע איז גאָר אפ דער זײַט פונ די „בונטאַרעס" אונ לאַכלוטנ ניט אפ דער זײַט פונ דער רעגירונג.

דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזמ האָט, ווי מיר געדענקענ, ניט אָפּגעהאַלטנ אינ 1861-טנ יאָר קיינ פולנ ניצאָכנ: ער האָט געמוזט אײַנגיינ אפ אַ קאָמפּראָמיס, אפ אַ פּשאָרע מיט דער לײַבייגנטימערישער מעלוכע. ער האָט ניט באַקומענ קיינ פולשטענדיק פרײַענ אַרבעטער, ער האָט ניט באַקומענ קיינ פולשטענדיקע פרײַהײַט פאַר זיכ. די מעלוכע-אָרגאַניזאַציע, ווי אויכ די אָרגאַניזאַציע פונ דער גאַנצער מעלוכע־ווירטשאַפט, איז פאַרבליבנ אינ די הענט פונעמ באַאַמטנטומ, אָט דער קרעאַטור אונ געטרײַער פרײַנט אונ פאַרבינדעטנ פונעמ האַנדל־קאַפּיטאַל.

די ערשטע רעגע, באַזונדערס אונטער דער ווירקונג פונ די יאָרנ 1863 אונ 1866, האָט זיכ דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל געהאַט באַרויִקט אונ זיכ שטיל גענומענ פאַר אָנזאַמלונג. ער האָט פונדעסטוועגנ געהאַט איצט אַ מעגלעכקײַט צו וואַקסנ, — ניקאָלײַס וואַנט איז דורכגעבראָכנ געוואָרנ. אָבער די „גרויסע רעפאָרמעס" האָבנ זיכ אַרויסגעוויזנ פאַר אַ גאַנצ שמאָלנ בעגעד, אופגענייט ניט „צומ וואַקסנ", אונ דער בורזשואַזער געזעלשאַפט איז אינגיכנ ווידעראַמאָל געוואָרנ ענג. אינ דער געזעלשאַפט האָט זיכ אָנגעהויבנ פאַרשפּרייטנ אַ באַהאַלטענע אומצופרידנקײַט, אונ ווענ זי האָט דערזענ פאַר זיכ מענטשנ, אויסגעמאַטערטע פונ דער שפּיסע (איינציקע זײַנענ געזעסנ צו פיר יאָר), וואָס זײַנענ אינ טאָכ גענומענ, געווענ אינגאַנצנ אומשולדיק, וואָס ניט געקוקט אפ זייערע שרעקלעכע ווערטער, איז די גאַנצע שולד זייערע באַשטאַנענ אינ דעמ, וואָס זיי האָבנ זיכ ניט געשעמט

און געזידלט די רעגירונג, האָט די בורזשואַזע געזעלשאַפט געקוקט מיט מיטגעפיל אַפ זיי און מיט קאַס אַפ דער רעגירונג. וואָס, איר האָט זיכ טאַקע דערטאַנצט?

די רעגירונג האָט שוינ לאַנג געהאַט אַנ אומקלאָרנ פאַרגעפיל וועגנ דעמ דאָזיקנ קער אינ דער שטימונג פונ דער „געזעלשאַפט". פונקט ווי זי האָט פריִער פאַרשטאַנענ, אַז זי נאַרט אָפּ דעמ פּויער, אַזוי האָט זי זיכ איצט אָנגעשטויסנ, אַז די אינדוסטריִעלע בורזשואַזיע און די ענג מיט איר צוזאַמענגעבונדענע אינטעליגענצ וועלנ זיכ ניט באַפרידיקנ מיט די האַלבע האַנאָכעס פונ די „גרויסע רעפאָרמעס". זי האָט שוינ אָבער געהאַט אינ קעשענע א פאַרטיקע מאַטאָנע פאַרנ קינד, וואָס איז גרייט געווענ אָנהייבנ וויינענ; מיט דער דאָזיקער מאַטאָנע האָט מענ געהאָפט מיטאַמאָל אויסטריקענענ זײַנע טרערנ און פעסטנ און אַפ לאַנג צובינדנ צו זיכ די ברויגעזדיקע בורזשואַזיע. די דאָזיקע מאַטאָנע — מע האָט זי נאָכאַמאָל ארויסגענומענ פונ קעשענע אינ 1914־טנ יאָר — האָט געטראָגנ דעמ נאָמענ קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

מיר געדענקענ, וואָס פאַר א מאָטיוו עס זײַנענ געלעגנ אינ גרונט פונ ניקאָלײַ דעמ ערשטנס אויסערלעכער פּאָליטיק: אַזוי ווי ער האָט זיכ ניט געפילט בעקויעכ צו פאַרברייטערנ דעמ אינערלעכנ מאַרק פאַר דער רוסישער אינדוסטריע, צו באַפרײַענ די פּויערימ, האָט ניקאָלײַ געהאַלטנ פאַר אַנ אויפגאַבע, וואָס ער איז יאָ בעקויעכ אויסצופירנ זי, צו דעראָבערנ אַנ אויסערלעכנ מאַרק, קודעמקאָל אַפנ נאָענטנ מיזרעכ. זײַנ זונ, וואָס האָט באַפרײַט די פּויערימ, אָבער ניט אינגאַנצנ, וואָס האָט פאַרברייטערט די גרענעצנ פונעמ אינערלעכנ מאַרק, אָבער ניט גאַנצ ברייט, האָט געמוזט, — צי האָט ער עס געוואָלט, צי ניט, צי איז דאָס געקומענ צו זײַנ באַוווּסטזײַנ, צי ניט, — סײַוויסײַ גיינ מיט ניקאָלײַס וועגנ. צוערשט האָט ער אויסגעקליבנ אַפ אײַנצונעמענ געגנטנ, וואָס זײַנענ, דוכט זיכ, געווענ ווײַט פונ אַלע רוסלאַנדס קאָנקורענטנ, — ער האָט אויסגעקליבנ טורקעסטאַנ, וואָס האָט אַלס אומיטלבאַרע שכיינימ געהאַט די כינעזער, אַפגאַנער און בוכאַרער. נאָכ א ריי מילכאָמעס, וואָס אינ מיליטערישנ הינזיכט זײַנענ זיי געווענ זייער גרינג פאַר רוסלאַנד, זײַנענ די טורקעסטאַנער אוזבעקנ אינ מיטנ די 70־קער יאָרנ געוואָרנ רוסישע אונטערטאַנענ. פונ אָנשטענדיקײַט וועגנ האָט מענ איבערגעלאָזנ צוויי קליינע אָרטיקע פירשטלעכ, דעמ כיווער כאַנ און דעמ בוכאַרער עמיר, וואָס פלעגנ פונ צײַט צו צײַט קומענ צו פאָרנ קיינ פּעטערבורג אויסדריקנ זייערע אונטערטעניקײַט־געפילנ און וואָס פלעגנ מיט זייער אַזיאַטישער פּראַכט באַפּוצנ די ארויספאָרנ און פאַרשיידענע אַנדערע צערעמאָניעס פונ די רוסישע קייסאָרימ. דאָס דעראָבערנ מיטלאַזיע האָט געהאַט א קאָלאָסאַלע באַדײַטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פונ דער רוסישער אינדוסטריע. מיטלאַזיע איז געוואָרנ די ערשטע רוסישע קאָלאָניע, דער מיטלאַזיאַטישער בוימוואָל האָט אינ 1914־טנ יאָר געדעקט העכער א העלפט פונ דער גאַנצער באַדערפעניש אינ בוימוואָל בײַ די רוסישע ציצ־פאַבריקאַנטנ. נאָר די דאָזיקע באַדײַטונג פונ מיטלאַזיע האָט מענ ניט גלײַכ באַנומענ, דער רויב האָט טכילעס אויסגעזענ גאַנצ קליינ, און אַלעקסאַנדער דעמ צווייטנס רעגירונג האָט געצילט העכער.

אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט שאָלעמ מאַכנ מיט דעמ, וואָס ער האָט אונטערגעשריבנ דעמ פּאַריזשער שאָלעמ, וואָס איז געווענ א דערנידעריקונג פאַרנ צאַרישנ רוסלאַנד. ער פלעגט זאָגנ, אַז דאָס איז געווענ א „מינוט פונ פּאַכדאָנעס" און האָט ניט אויפגעהערט צו טרוימענ וועגנ דעמ, ווי־

אזוי פאַטער צו ווערן פונעם דאָזיקן שאָלעם. די סיבע פון דער מאַפּאָלע אין 1856־טן יאָר איז באַשטאַנען דערין, וואָס דער רוסישער צאַריזם איז געווען דעמלט איינזאַם, וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין איין פאַרבינדעטן. אַלעקסאַנדער האָט באַשלאָסן ניט איבערצוכאַוערן דעם דאָזיקן פעלער. צוערשט האָט ער זיך געהאַלטן אָן דעם בונד מיט זיין נעכטיקן הויפּט־סוינע — מיט דער פראַנצויזישער אימפּעריע. צוליב פוילן האָבן זיי זיך אָבער צעקריגט. און פוילן טאַקע האָט אים געגעבן אַ נייעם פאַרבינדעטן אין געשטאַלט פון פּרייסן; פאַר דעם דאָזיקן פאַרבינדעטן איז באַשלאָסן געוואָרן צו האַלטן זיך פעסט. פּרייסן און רוסלאַנד

דאָס דעראָבערן מיטלאַזיע



זיינען געווען עקאָנאָמיש פאַרבונדן איינס מיטן אַנדערן ניט ווייניקער, ווי רוסלאַנד מיט ענגלאַנד אין אָנהויב XIX יאָרהונדערט. פּרייסן איז געווען דער הויפּט־געבּרויכער פונעם רוסישן קאָרן: דער אימפּאָרט פון קאָרן קיין פּרייסן איז פאַר 14 יאָר, פון 1861־טן ביז 1875־טן, גרעסער געוואָרן מער ווי אין פינף מאָל: אין דער זעלביקער צייט איז לויטן אימפּאָרט קיין רוסלאַנד פּרייסן געשטאַנען אויפן ערשטן אָרט, פון פּרייסן פלעגט מען אַריינפירן צוויי פינפטל פון אַלע אויסלענדישע סכוירעס, וואָס רוסלאַנד פלעגט באַקומען. אין מיטן די 70־קער יאָרן. הייסט עס, אַז אַלעקסאַנדער און זיינע מיניסטאָרן האָבן ניט גלאַט אַזוי זיך אויסגעקליבן דעם בונד מיט פּרייסן, גראָד אין דער צייט האָט זיי געשטויסן די עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט. אָבער דאָס האָט נאָך פעסטער געמאַכט דעם דאָזיקן בונד.

אין 1870־טן יאָר, אין דער צייט פון דער פראַנצויזיש־פּרייסישער מילכאָמע, האָט רוסלאַנד שטאַרק צוגעדינט פּרייסן: פראַנקרייך האָט זיך שוין געהאַט גאָר איינמאָל צונויפגערעדט מיט עסטרייך, וואָס אין 1866־טן יאָר האָבן זי די פּרייסן

גוט אָנגעשלאָגנ, אונ וואָס האָט געדאַרשט נאָכ געקומע. אָבער אַלעקסאַנדער דער 2־טער האָט מאָביליזירט זײַנ אַרמײ, אונ די עסטרײַכער האָבנ מוירע געהאַט זיכ א ריר צו טאָנ. אַדאַנק רוסלאַנד זײַנענ די פראַנצויזנ צעשמעטערט געוואָרנ, אונ פרײַסנ האָט זיכ פאַרוואַנדלט אינ דער דײַטשישער אימפעריע.

אַלעקסאַנדער האָט, פאַרשטייט זיכ, ניט אומזיסט געהאָלפנ פרײַסנ, מע האָט גלײַכ אָנגעהויבנ מאָנענ פונ דײַטשלאַנד, זי זאָל אָפּצאָלנ דעמ פרײַסישנ וועקסל. פריִער פאַר אַלצ האָט זיכ אַלעקסאַנדער מיט איר הילפ דערשלאָגנ אינ 1871־טנ יאָר, אַז עס זאָל אָפּגעשאַפט ווערנ דער דערנידעריקנדיקער פאַר אימ פאַריזשער אָפּמאַכ פונ 1856־טנ יאָר. רוסלאַנד האָט ווידער באַקומענ דאָס רעכט צו בויענ אונ צו האַלטנ קריג־שיפנ אויפנ שוואַרצנ יאַמ. נאָר דער פלאָט אויפנ שוואַרצנ יאַמ איז געווענ ניט מער ווי א מיטל, דער צוועק איז געווענ צו באַהערשנ טערקײַ אונ צו פאַרכאַפּנ די דורכגוסנ, וואָס פירנ פונ שוואַרצנ יאַמ אינ מיטללענדישנ יאַמ אַרײַנ, ד. ה. צו פאַרכאַפּנ קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אונ אינ צוויי יאָר אַרומ, אינ 1873־טנ יאָר, שליסט רוסלאַנד מיט דײַטשלאַנד א געהיימענ אָפּמאַכ, לויט וועלכנ דײַטשלאַנד האָט זיכ מיסכײַעװ געווענ צו שיקנ צו הילפ אַנ אַרמײ פונ 200 טויזנט מאַנ אינ פאַל, אויב עמעצער וועט אָנפאַלנ אויפ רוסלאַנד. דער דאָזיקער אָפּמאַכ איז געשלאָסנ געוואָרנ אינגאַנצנ געהיימ, אינ בערלינ אונ אינ פעטערבורג האָבנ פונ אימ געוווּסט מער ניט ווי זעקס מענטשנ, צווישנ זיי דער צאַר גופע אונ, פונ דער אַנדערער זײַט, דער דײַטשישער אימפעראַטאָר ווילהעלמ. אָט דער אָפּמאַכ איז קיינמאָל ניט אָפּגעדרוקט געוואָרנ, אונ אַנטדעקט איז ער געוואָרנ ערשט נאָכ דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע פונ 1917־טנ יאָר. די צאַרנ האָבנ געוווּסט ווי אָפּצוהיטנ זייערע סודעס. גלײַכצײַטיק האָט מענ פאַנאַנדערגעשיקט די רוסישע קאָנסולנ אינ טערקײַ א פאַראָרדענונג, אויב, פאַרשטייט זיכ, אינגאַנצנ א געהיימע, זיי זאָלנ גלײַכ אָנהייבנ זאַמלענ די סאַמע אויספירלעכע ידיעות וועגנ דער טערקישער אַרמײ, אינ וואָס פאַר א צושטאַנד זי געפינט זיכ, וויאַזוי ווערט זי פאַרפולט מיט רעזערווג, — מיט איינ וואָרט, ביז די קלענסטע פרטים, אַזוי אַז די קאָנסולנ האָבנ געמוזט אַפילע זענ דערגיינ, ווו עס וווינענ די טערקישע באַטאַליאָנע אונ ראָטנע קאָמאַנדירנ.

אויפנ ערשטנ בליק קאָנ זיכ דוכטנ, אַז מע איז שוינ צו פאָרזיכטיק געווענ אונ צוליב וואָס? קעדײ צו צעקלאַפּנ עפּעס א שלימאַזלדיקע טערקײַ. נאָר די מײַסע באַשטייט דערינ, וואָס אַלעקסאַנדערנ איז, פונקט ווי זײַנ פאָטער, אויסגעקומענ צו האָבנ צו טאָנ ניט מיט טערקײַ אַליינ, אונ, אָנגעלערנט פונ זײַנ פאָטערס ביטערער דערפאַרונג, האָט ער באַשלאָסנ צו באַוואָרענענ זיכ פונ אַלע זײַטנ. ערשטנס, איז הינטער טערקײַס פלייצעס ווידער געשטאַנענ ענגלאַנד. שוינ די באַוועגונג פונ די רוסנ קיינ מיטלאַזיע האָט אַרויסגערופנ א כשאַד בײַ די ענגלענדער: פונ דאָרטנ איז דאָכ מיט דער האַנט צו דערלאַנגענ קיינ אינדיע. אונ דער גלײַכער וועג פונ ענגלאַנד קיינ אינדיע איז, נאָכדעמ ווי מע האָט אויסגעגראָבנ דעמ סועצער קאַנאַל (אינ 1870־טנ יאָר), געגאַנגענ דורכנ מיטללענדישנ יאַמ. רוסלאַנדס פרווו צו פאַרפעסטיקנ זיכ אויפ די ברעגנ פונעמ דאָזיקנ יאַמ, אָנשטאָט דער שטילער אונ רויִקער טערקײַ, האָט געמוזט אַרײַנברענגענ ענגלאַנד אינ גרימצאָרנ. עמעס, ענגלאַנד האָט איצט אויפ איר זײַט ניט געהאַט פראַנקרײַכ, — נאָכ דער מאַפּאָלע פונעמ 1870־טנ יאָר האָט פראַנקרײַכ אַפילע ניט געקאָנט טראַכטנ וועגנ א מילכאָמע, אונ די פראַנצויזישע רעאַקציאָנערנ, וואָס האָבנ דער-

שטיקט די קאמונע, זײנענ געריט געװענ צו לעקנ אלעקסאנדער דעמ 2-טנס שטיװל דערפאר, וואס ער האט געהאלפנ צעקלאפנ פראנקרײכ. אבער אפ ענגלאנדס זײט האט זיכ געקאנט שטעלנ עסטרײכ. פאר איר אינדוסטריע איז דער באלקאנישער האלבינדזל אונ טערקײ געווענ דער הויפט-מארק, די עסטרײכישע סכוירעס האבנ דארטנ פארנומענ דאס ערשטע ארט נאכ די ענגלישע, אונ דאס פארמעסטנ זיכ פונעמ רוסישנ קאפיטאליזמ אפ דעמ טערקישנ מארק איז געווענ א פאטש אינ פאנעמ דעמ עסטרײכישנ קאפיטאליזמ.

מיט עסטרײכ האט אלעקסאנדער אנגעהויבנ פירנ אונטערהאנדלונגענ נאכ אינ דעמ זעלביקנ 1873-טנ יאר, אונ טאקע דעמלט איז מיט איר געשלאסנ געווארנ אנ אפמאכ (א קאנווענציע), ווידעראמאל, פארשטייט זיכ, א פולשטענדיק געהײמער, אינ אנ אלגעמײנער פארמ. אבער ווענ מע איז צוגעטראטנ צו פראטימ, האבנ זיכ אנגעהויבנ וויקוכימ, וואס האבנ זיכ געצויגנ קימאט 4 יאר אונ וואס פלעגנ אפטמאל אנעמענ א גאנצ שארפנ כאראקטער. בײמ אײנ צוזאמענשטויס אזא האט זיכ אלעקסאנדער דער 2-טער געמוזט איבערצײגנ, אז אויב דײטשלאנד וועט אפילע ארויסשיקנ אנ ארמײ פונ 200 טויזנט מאנ צו הילפ רוסלאנד, איז אבער ניט קעגנ עסטרײכ. דעמלט איז מענ אינ פעטערבורג אײנגעגאנגענ אפ האנאכעס, אונ אינ מארט 1877-טנ יאר האט מענ זיכ צונויפגערעדט, מע זאל צעטײלנ צווישנ זיכ די אײראפײִשע טערקײ (וואס איר גרענעצ איז דעמלט געווענ דונײ) אפ אזא אופנ. עסטרײכ פארנעמט באסניע מיט הערצעגאווינע, רוסלאנד — בולגאריע פונ דעמ דונײ ביז די באלקאנעס. וועגנ רוסלאנדס אויסזיכטנ אפ קאנסטאנטינאפאל האט מענ געמוזט באהאלטנ פונ עסטרײכ (דעמ אפמאכ גופע האט מענ באהאלטנ פונ דער גאנצער וועלט). רוסלאנד האט בלויז אויסגעזאגט, אז זי וויל נאכ באקומענ באטומ אינ קלײנאזיע.

אויב מיט עסטרײכ איז אויסגעקומענ צו שווינדלענ, האט מענ מיט ענגלאנד נארניט געקאנט רײדנ: די ענגלישע רעאקציאנערנ (אינ יענע צײטנ זײנענ אינ אײראפע קימאט אומעטומ בא דער מאכט געשטאנענ רעאקציאנערנ) אונ זײער פירער דיזראעלי פלעגנ ווערנ אויסער זיכ בלויז באמ געדאנק, אז רוסלאנד קאנ זיכ שטעלנ אפ טערקײס ארט. נאר וויבאלד מע האט זיכ באווארנט מיצאד עסטרײכ, האט מענ פונדעסטוועגנ פארט געקאנט אנהײבנ א מילכאמע: אפ דער יאבאשע איז ענגלאנד ניט געווענ שרעקלעכ, אויב איר וואלט אײנגעפאלנ איבערצוכאזערנ די סעוואסטאפאלער מילכאמע, וואלט איר רוסלאנד געקאנט ענטפערנ מיט א קלאפ פונ מיטלאזיע אפ אינדיע. נאר די „דיפלאמאטישע צוגרײטונג" פונעמ מארש אפ קאנסטאנטינאפאל איז געווענ פארענדיקט. מע האט געהאלטנ פאר פארענדיקט אויכ די מיליטערישע צוגרײטונג. די רוסישע ארמײ האט איצט געהאט אנ ארטילעריע לויטנ פרײסישנ מוסטער, — דעמ זעלביקנ מוסטער, וואס האט געזיכערט דעמ ניצאכנ פאר פרײסנ איבער די פראנצויזנ אינ 1870-טנ יאר. אינ 1872 האט אויכ די רוסישע אינפאנטעריע באקומענ א נײע ביקס, — בעעמעס אײנע פונ די בעסטע אינ יענע צײטנ אפ דער וועלט (א בערדאנקע); עמעס, ניט אלע פאלקנ האבנ באוויזנ זי צו באקומענ, נאר קעגנ אזעלכע טויגעניכצנ, ווי די טערקנ, וועט אויכ די אלטע ביקס גאנצ גענוג זײנ, — האבנ געמײנט אלעקסאנדער דעמ 2-טנס גענעראלנ. די אפגעקליבענע טײלנ, ווידער, די גווארדיע, די גרענאדערנ, די לארפוסנ, וואס זײנענ געשטאנענ אפ דער מײרעוו-גרענעצ קעגנ עסטרײכ (פרײנטשאפט איז פרײנטשאפט, נאר פונדעסטוועגנ האלט א שטײנ אינ

בוזעמ) האָבנ שוינ געהאט בערדאנקעס. אינ 1874־טנ יאָר איז איינגעפירט געוואָרנ אלגעמיינע מיליטער־פליכט, אונ דאָס האָט אינ עטלעכע מאָל גרעסער געמאכט די צאָל רעזערוויסטנ.

ס'איז נאָכ פארבליבנ צוצוגרייטנ די געזעלשאפטלעכע מיינונג פונ דער רוסישער בורזשואזיע. דאָ האָט אלעקסאנדער געהאט א גרויסע דערפארונג. פארשטייט זיכ, אז דער „צאר־באפרייער" האָט ניט געקאָנט ארויסטרעטנ ווי אנ אָנפאלער. אויכ קיינ מיטלאזיע זיינענ די רוסנ געגאנגענ קעדיי, ערשטנס, צו פארטיידיקנ זיכ מיצאד די אָנפאלנ פונ די סטעפ־וואנדערער (וואָס האָבנ צו די איינגעזעסענע אוזבעקנ קיינ שומ שייכעס ניט געהאט) אונ, צווייטנס, קעדיי צו „באפרייענ" די אָרטיקע באפעלקערונג פונעמ דעספאָטיזמ פונ די אָרטיקע כאנעס: אלס באווייז, האָט מענ טייקעפ, ווי די רוסישע ארמיי איז אריינגעטראָטנ קיינ כיווע, אָפגעשאפט דאָרטנ די שקלאפעריי. די רוסישע צייטונגענ האָבנ עס זייער רירעוודיק באשריבנ. אויכ אינ קאָנסטאנטינאָפאָל האָט אלעקסאנדער דער 2־טער געוואָלט אריינטרעטנ אלס „צאר־באפרייער". ווענ מע דארפ „באפרייענ" איז קלאָר געווענ: די אייראָפּייִשע טערקיי איז געווענ באפעלקערט מיט סלאוונ פונ פראוואָסלאווענעמ גלויבנ, הייסט עס, מיט „איינגלייביקע אונ איינבלוטיקע" פונ די רוסנ, בײַ די טערקנ זיינענ געווענ מאכמעדאנער, אומגלייביקע. פארנ פּאָשעטנ האמוינ, וואָלט עס, עפשער, גענוג געווענ, נאָר אלעקסאנדער האָט געוואָלט האָבנ אפ זיינ זייט אויכ די „געבילדעטע געזעלשאפט" אונ דאָ איז די זאכ געווענ קאָמפּליצירטער. מע האָט געדארפט באווייזנ א באשיימפערלעכ בילד פונ „אונטערדריקונג", פונ איינ זייט, אונ, פונ „קאמפ פאר פרייהייט" פונ דער אנדערער זייט. אונ, אכוץ דעמ, האָט מענ אויכ געדארפט האָבנ א פאסיקנ טערעצ פאר אייראָפע, קעדיי ארייַנצודרינגענ אינ טערקיי. אונ אָט דאָ איז אינ 1875־טנ יאָר ארויסגערוקט געוואָרנ אפנ פאָדערגרונט דער הערצאָגאָווינער אופשטאנד.

איצט איז קיינ שומ סאָפעק ניטאָ, אז דער אופשטאנד אינ הערצעגאָווינע (די סאמע צאָפנ־מייַרעוודיקע געגנט פונ דער דעמאלטיקער טערקיי, נעבנ דער עסטרייכישער גרענעצ) איז אָרגאניזירט געוואָרנ פונ עסטרייכ אונ פונ סערביע, — זעמלט א קליינ האלבזעלבשטענדיק פירשטנטומ, ווו דער רוסישער קאָנסול איז געווענ דער גאנצער באלעבאָס. קיינ סיבעס פאר פאָלק־אומרוענ האָבנ דאָ ניט געפעלט: די טערקישע אדמיניסטראציע אונ די טערקישע פריצימ פלעגנ פונקט אזוי מאטערנ די פויערימ אינ די דאָזיקע לאנטנ, ווי עס פלעגנ דאָס טאָנ די אדמיניסטראציע אונ די פריצימ אינ רוסלאנד, אונ אינ פראט פונ אָרגאניזאציע זיינענ די עסטרייכישע אונ סערבישע אגענטנ געווענ גאָניטער פונ די „בונטארנ". די טערקנ האָבנ זיכ גענומענ „איינשטילנ" די אופגעשטאנענע מיט דער זעלביקער ווילדקייט, ווי דאָס האָט געטאָנ אלעקסאנדער דעמ 2־טנס מיליטער אונ פאָליציי אינ 1863־טנ יאָר אינ פוילנ. די סרייפע האָט אופגעפלאקערט אלץ העלער, מע האָט אָרגאניזירט נאָכ אנ אופשטאנד אינ בולגאריע, — האָבנ אימ די טערקנ דערשטיקט מיט נאָכ מער אכזאָריעס. לעסאָפ, האָט שוינ דער סערבישער פירשט ניט געקאָנט איינהאלטנ דעמ צאָרנ פונ זיינע אונטערטאנענ, אונ סערביע האָט דערקלערט א מילכאָמע טערקיי. די רוסישע רעגירונג האָט געמאכט דעמ אָנשטעל, אז זי איז דאָ אינגאנצנ אומשולדיק, — זי האָט אינ דער גאנצער מייסע קיינ שומ אָנטייל ניט גענומענ. די צייטונגענ, ווידער, אינ רוסלאנד, אונ די סלאווישע וווילטעטיקע געזעלשאפט אינ מאָסקווע האָט געפירט דערווייל זייער אנ ענערגישע אגיטאציע. מע

האָט געזאַמלט געלט לטובת די געליטענע פון די טערקישע „רעציכעס". אַפ קאָנצערטן פלעגט מען זינגען לידער און ראָמאַנסן, ווו עס פלעגן ריהנדיק באַשריבן ווערן די ליידן פון די ברידער־סלאַוון. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די סערביש־טערקישע מילכאָמע, האָט די רוסישע רעגירונג אָפיציעל „געוואָרנט" סערביע, און ניט־אָפיציעל פלעגן אינעם באַם טראָן־פאָלגער, דעם צוקונפטיקן צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן, פאַרקומען זיצונגען פונעם קאָמיטעט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אָרגאַניזירונג פון דער סערבישער אַרמיי. צענדליקער גוואַרדייִשע אָפיצערן זײַנען געפאָרן קיין סערביע אַלס אינסטרוקטאָרן און מיליטער־ספּעציאַליסטן. בעראָש פון זיי האָט זיך געשטעלט דער אײַנעמער פון מיטל־אַזיע, דער גענעראַל טשערניאַיעוו, וואָס האָט באַקומען דערפאַר אָפיציעל אַן אויס־רייד. אָבער אין די צײַטונגען האָט מען אומעטום געדרוקט זײַן בילד, אַלס העלד אינעם קאַמפ „פאַר באַפרײַען די סלאַוון פון אונטערן טערקישן יאָך". דער טומל, וואָס עס האָבן אויפגעהויבן די צײַטונגען, האָט געווירקט אַפילע אַפ אייניקע „בונטאַרן", וואָס זײַנען אַוועק אַלס פרײַוויליקע קיין הערצעגאָווינע און סערביע, — אַזוי אַז אַלעקסאַנדער דעם 2־טנס רעגירונג האָט נאָך, אַכוץ אַלעמען, געהאַט דעם נוצן, וואָס זי האָט עטוואָס צעטומלט און אָפגעשוואַכט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

די העסלעכקײַט פון דער דאָזיקער גאַנצער קאָמעדיע וועט אונדז קלאָר ווערן, ווען מיר וועלן זיך דערמאָנען, ערשטנס, אַז די מילכאָמע מיט טערקײַ איז באַשלאָסן געוואָרן נאָך אין 1873־טן יאָר — און דער הערצעגאָווינער אופשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אין 1875־טן יאָר, און, צווייטנס, אַז הערצעגאָווינע איז, לויט אַ געהיימען אָפמאַך, אָפגעגעבן געוואָרן עסטרײַך. דעם נאָיוון אוילעם פלעגט מען אָפן סאַמע כוצפּעדיקן אויפן פאַרריידן די ציין. מע האָט אויסגעצייכנט געוווּסט, אַז סײַ די הערצעגאָווינער, סײַ די סערבן וועלן דערשטיקט ווערן דורך די טערקן, נאָר דאָס מאַקע האָט מען געדאַרפט, קעדיי אופצוהעצן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון רוסלאַנד. ווען די סערבישע אַרמיי איז צעקלאַפּט געוואָרן, איז באַ קיינעם קיין „פאַרשטאַנדיקן מענטשן" צווישן דער רוסלענדישער בורזשואַזיע און אינטעליגענץ קיין סאָפעק ניט געווען, אַז מיר מוזן מילכאָמע האַלטן. אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז אַוועקגעפאָרן קיין קישינעוו, ווו עס איז קאָנצענטרירט געווען דאָס רוסישע מיליטער, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר די קריג־אָפּעראַציעס קעגן די טערקן, און דאָ האָט ער אין אַפּרעל 1877 יאָר דורך אַ פײַערלעכן מאַניפעסט דערקלערט טערקײַ מילכאָמע.

ביז איצט איז אַלץ געגאַנגען ווי אַ מיזמער. ווײַטער איז שוין אַוועק ניט אַזוי גלאַט. די רוסישע רעגירונג האָט געקאָנט אָפנאַרן איר אייגענעם אוילעם, וואָס באַ אים אַפ די אויגן זײַנען געווען צענזור־בעלמעס (הײַטלעך). אָבער אָפנאַרן די ענגלענדער, וואָס האָבן ווי שטענדיק געהאַט אַן אויסגעצייכנטע שפּיאָנישע אָרגאַניזאַציע, איז שוין געווען ניט אַזוי גרינג. די ענגלענדער, וואָס האָבן אויסגעצייכנט געוווּסט וועגן רוסלאַנדס מיליטערישע צוגרייטונגען, האָבן זיך געגרייט פון זייער זײַט. ווען די רוסישע גוואַרדייִשע אָפיצערן זײַנען געפאָרן קיין סערביע, האָבן די ענגלישע אָפיצערן אָנגעפילט די טערקישע אַרמײַ, האָבן זי אָרגאַניזירט, געלערנט, געמאַכט פון די טערקן אייראָפּייִשע סאָלדאַטן. באַזונדערס וויכטיק איז געווען דאָס, וואָס די טערקן האָבן באַקומען פון ענגלאַנד געווער לויטן לעצטן מוסטער און קריג־מאַטעריאַלן אין אַן אומבאַגרענעצטן סכום. די

נײַע טערקישע ביקס, איז געווענ ניט ערגער פאַר דער רוסישער בערדאַנקע, די טערקישע אַרטילעריע איז געווענ באַוואָפנט מיט שטאָלענע ווײַטשיסנדיקע האַרמאַטנ אינ דער צײַט, ווענ די רוסישע אַרטילעריע איז נאָכ באַשטאַנענ פונ קופּערנע האַרמאַטנ, ווי בײַ די פּרײַסנ אינ 1870-טנ יאָר. אונ אַזוי ווי בײַ אונדז האָט מענ געהאָפט צו טרעפנ אַפ יענער זײַט דונײַ א שוואַכ דיסציפּלינירטע, שלעכט באַוואָפנטע אַרמיי, האָט מענ אַפּריִער געהאַט געשיקט די ערגערע מיליטער-טײלנ, וואָס זײַנענ געווענ באַוואָפנט נאָכ מיט אַלטע ביקסנ. די בעסערע טײלנ האָט מענ געהיט, ווי מיר ווייסנ, פאַר דעמ „פאַרבינדעטנ" — פאַר עסטרײַכ! דער רעזולטאַט איז געווענ — א רײ מאַפּאָלעס פונ דער רוסישער אַרמיי אי אינ בולגאַריע, אי הינטער קאַווקאַז, אי אינ קלײנאַזיע. אונ א סאַכ קאָרבאָנעס האָט עס געקאָסט דעמ רוסישנ מיליטער, ס'איז אויסגעקומענ צו וואַרפנ אַפנ שלאַכט-פעלד די אָפּגעקליבענע קויכעס, וואָס מ'ע האָט געהיט אַפנ פאַל פונ אַנ אייראָפּײִשער מילכאָמע — די גוואַרדיע, די גרענאַדערנ, — אונ נאָר מיט זייער הילפ האָט מענ אינ אָנהייב 1878-טנ יאָר אײַנגעבראָכנ די טערקנ. דאָס רוסישע מיליטער איז טאַקע צוגעקומענ צו קאָנסטאַנטינאָפּאָל, נאָר אַז אָכ אונ וויי, ווי די סאָלדאַטנ האָבנ אויסגעזענ! אָפּגעריסענע, קימאַט באָרוועסע, קימאַט אָנ קוילנ, מיט שיטער געוואָרענע רייענ פונ פאַרשיידענע קראַנקײַטנ, — פונ פלעקטיפוס איז געשטאָרבנ מער מענטשנ ווי עס איז דערהאַרגעט געוואָרנ אינ די שלאַכטנ. די לעצטע רעזערווע זײַנענ אויסגעשעפּט געוואָרנ, אונ די אייראָפּײִשע מילכאָמע האָט נאָכ ערשט געהאַלטנ באַמ אָנהייבנ זיכ. די האַרמאַטנ פונעמ ענגלישנ פלאָט האָבנ פאַרטיידיקט קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אונ אינ דער זעלביקער צײַט, ווענ די עסטרײַכער האָבנ פאַרשטאַנענ, צו וואָס עס שטרעבט אַלעקסאַנדער דער 2-טער, האָבנ פאַרשטאַנענ, אַז ער האָט זיי אָפּגענאַרט מיטנ געהיימענ אָפּמאַכ, אינ וועלכנ ער האָט צוגעזאָגט ניט צו גיינ ווײַטער פונ בולגאַריע, — האָבנ זיי זיכ מיטאַמאָל א קערעווע געטאָנ צו ענגלאַנד. ווידער, ווי אינ 1855-טנ יאָר, האָט עסטרײַכ מאָביליזירט איר אַרמיי אונ רוסלאַנדס בעסטע קויכעס זײַנענ געווענ אַפ טיפוס, אָדער קראַנק, אָדער געלעגנ אינ קייווער. ס'איז אויסגעקומענ צו שליסנ שאָלעמ ניט דערגרייכנדיק דעמ ציל.

דאָס שפּילעכל, מיט וועלכנ מע האָט געוואָלט אַרײַנאַרנ דאָס קאַפּריזנע קינד — די רוסישע בורזשואַזיע, — האָט זיכ אַרויסגעוויזנ א צעבראָכנס אונ א פאַרשמירטס... דאָס קינד האָט עס ניט געוואָלט נעמענ אונ עס האָט זיכ נאָכ מער אָנגעבלאָזנ. די מילכאָמע האָט זיכ, אייגנטלעכ, געענדיקט מיט א רוסישנ ניצאָכנ — רוסלאַנד האָט באַקומענ אינ אַזיע באַטומ, וואָס איז אײַנגיכנ געוואָרנ זייער א וויכטיקער רוסישער האַפנ, אונ האָט פאַקטיש פאַרנומענ בולגאַריע, וואָס איז נאָכמינעל (אַפנ וואָרט) פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ א זעלבשטענדיק פירשטנטומ, נאָר אַלס פירשט איז באַשטימט געוואָרנ אַלעקסאַנדער דעמ 2-טנס א פּלימעניק, אונ זײַנע מיניסטאָרנ זײַנענ געווענ רוסישע אָפיצערנ. דאָס איז אָבער געווענ אַזוי ווײַט פונ די האָפענונגענ, וואָס אַלעקסאַנדערס רעגירונג גופע האָט געהאַט געוועקט, אַז דער בערלינער קאָנגרעס, אַפ וועלכנ עס איז ליקווידירט געוואָרנ די מילכאָמע, איז אויפגענומענ געוואָרנ פונ דער רוסישער בורזשואַזיע, ווי א מאַפּאָלע אונ א כאַרפּע. זעלטנ ווענ אַלעקסאַנדער דעמ 2-טנס רעגירונג איז געווענ אַזוי ניט פּאָפּולער, ווי אינ אָט דעמ מאָמענט.

פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס איז איבערגעריסנ געוואָרנ דורכ דער מילכאָמע, האָט זיכ געשאַפנ א באָדנ, וואָס גינסטיקער פאַר אימ איז, דאַכט

זיך, שווער געווען פֿאַרצושטעלן זיך, אָבער לאַכלוטן ניט דער באָרן, אַף וועלכן זי האָט געהאָפֿט. דער קליינבירגערלעכער סאָציאַליזם האָט געהאָפֿט אופֿצוהייבן דאָס פּויערטום, אָבער דאָס פּויערטום האָט זיך פֿון אָרט ניט גערירט. די רעגירונג אָבער האָט אָנגעהויבן העצן קעגן די סאָציאַליסטן, און דאָס האָט ארויסגערופֿן סימפּאַטיעס צו די סאָציאַליסטן בא דער בורזשואַזיע, בא דער זעלביקער בורזשואַזיע, וואָס די סאָציאַליסטן פֿלעגן זי זידלען. דאָס איז געווען אומדערוואַרטעט, עס האָט געגעבן גאַנץ נייע האָפֿענונגען, עס האָט אָבער גלייכצייטיק געפֿאָדערט איבערצרבויען דעם גאַנצן פֿראָנט.

די איבערבויונג איז נאָך מער נייטיק געווען דערפֿאַר, וואָס דער פֿאָלקיסטישער סאָציאַליזם האָט זיך געפֿונען אין אַ טעמפּן ווינקל. איצטער, ווען די פּאָליציי איז געווען אַף דער וואַך און מיט טויזנטער אויגן פֿלעגט זי נאָכשפּירן נאָך די „בייזע מאַכשאָוועניקעס", איז שוין אומעגלעך געווען צו גיין ווייטער מיטן וועג פֿון פּראָפּאַגאַנדע. ס'איז געבליבן אָדער זיצן מיט צונויפֿגעלייגטע הענט, אָדער צוטראַכטן נייע מעטאָדן פֿון אַרבעט. די דאָזיקע מעטאָדן זיינען אונטערגעזאָגט געוואָרן דורך דער אַלגעמיינער וועלטאָנשויונג פֿון די „בונטאַרן". אויב רעוואָליוציעס האָבן געמאַכט „קריטיש דענקענדיקע פּערזענלעכקייטן", איז קלאָר, אַז אויך די קראַפֿט פֿון דער רעאַקציע, די קראַפֿט פֿון דער רעגירונג האָט זיך אויך געהאַלטן אַף פּערזענלעכקייטן, נאָר פּערזענלעכקייטן פֿון אַן אַנדער מין.

און אויב מע האָט געדאַרפֿט אַף קאָלעריי אויפֿאַנים זען פֿאַרגרעסערן די צאָל קריטיש דענקענדיקע פּערזענלעכקייטן, האָט מען געדאַרפֿט זען פֿאַרקלענערן די צאָל רעאַקציאָנערע פּערזענלעכקייטן, — מע האָט זיי געדאַרפֿט, אַף וויפֿל ס'איז מעגלעך, אויסראָטן. די ענדערונג פֿון דער טאַקטיק בא די „בונטאַרן" האָט זיך טאַקע אויסגעדריקט אין דעם, וואָס זיי זיינען פֿון פּראָפּאַגאַנדע אַריבער צו טעראָר — צום אויסראָטן איינצלנע מיטגלידער פֿון דער רעגירונג און פֿריִער פֿאַר אַלץ, איר קאָפּ, אַלעקסאַנדער דעם 2־טן.

די בורזשואַזע ליטעראַטור, וואָס האָט אַי מיטגעפֿילט די „בונטאַרן", אַי געשראָקן זיך ביז טויט פֿאַר אַלץ, וואָס איז רעוואָליוציאָנער, שטעלט געוויינלעך פֿאָר די זאַך אַזוי, אַז די „בונטאַרן" האָבן זיך גענומען פֿאַר טעראָר אונטער דער ווירקונג פֿון די פּאָליצייִשע רעדיפֿעס, אַז די פּאָליציי האָט זיי אַזוי צו זאָגן „דערפֿירט" דערצו, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן שיסן אין גובערנאַטאָרס און אָרגאַניזירן אונטערראַבונגען (מינעס) אונטער די צאַרישע צוגן און פּאַלאַצן. די דאָזיקע דערקלערונג איז זייער נאַטירלעך פֿאַר דער בורזשואַזיע, וואָס קוקט אַף אַ רעוואָליוציע, ווי אַף עפּעס אַ מין כאַלאַס, ווי אַף עפּעס אַ מין אַלגעמיינע מעשוגאַס, און וויל פֿאַרשטיין: פֿאַרוואָס זיינען עפּעס די מענטשן אַראָפּ פֿון זינען? מיר דאַרפֿן זיך ניט שטעלן די דאָזיקע פֿראַגע: דעם רעוואָליוציאָנערן מעטאָד פֿון קאַמף האַלטן מיר פֿאַר אַ גאַנץ נאָרמאַלן (נאַטירלעכן), און מיר דאַרפֿן בלויז דערקלערן, פֿאַרוואָס עפּעס האָבן די מענטשן אויסגעקליבן דאַפֿקע דעם און ניט קיין אַנדערן רעוואָליוציאָנערן מעטאָד. די דאָזיקע דערקלערונג האָבן אונדז געגעבן די „בונטאַרן" גופֿע אַף זייער צוזאַמענפֿאָר, אַף וועלכן זיי האָבן באַשלאָסן איבערצוגיין צו טעראָר (אין ליפּעצק, זומער 1879 יאָר). די פּאַרטיי מוז טאָן אַלץ, וואָס זי קאָן, — האָט געזאָגט אַפֿן דאָזיקן צוזאַמענפֿאָר דער פּירער פֿון דער נייער ריכטונג בא די „בונטאַרן", זשעליאַבאָוו, — אויב זי פֿילט זיך בעקויעך אַראָפּצוואַרפֿן דעם דעספּאָט דורך אַן אופֿשטאַנד, דאַרף זי עס טאָן, אויב זי פֿילט זיך בעקויעך מער ניט

ווי צו באַשטראָפנ אימ פֿערזענלעכ, דאַרפֿ זי עס טאָנ, אויב איר קלעקט ניט קיינ קויכעס אַפֿילע אָפּ דעמ, איז זי מעכוּיעוו כאָטש הויכ צו פּראָטעסטירנ. אָבער קויכעס וועט, אָנ שומ סאָפּעק, זײַנ געננוג, אונ די קויכעס וועלנ וואַקסנ אַלצ גיכער, וואָס אַנטשיידענער מיר וועלנ אַרבעטנ.

אַלזאָ, די „בונטאַרנ" זײַנענ אַריבער צומ טעראָר דאַנ, ווענ זיי האָבנ זיכ איבערצײַגט, אַז ס'איז אוממעגלעכ אויפֿצוהייבנ אַ מאַסנ־אויפֿשטאַנד צווישנ פֿאָלק. דער זעלביקער זשעליאַבאָוו האָט אַ צווייט מאָל אינ אַ פּריוואַטנ שמועס אויסגעדריקט דעמ דאָזיקנ געדאַנק נאָכ אָט וויאַזוי: „די געשיכטע באַוועגט זיכ שרעקלעכ לאַנגזאַמ, מע דאַרפֿ זי אונטערשטופּנ, אַנדערש וועט די דעגענערירונג פֿונ דער נאַציע קומענ פֿריִער, איידער די ליבעראַלנ וועלנ קומענ צו זיכ אונ וועלנ זיכ נעמענ פֿאַר דער אַרבעט". פֿונדאַנענ קאָנ מענ אַנעוו זענ, אַז די פֿאָלקיסטנ האָבנ געהאַלטנ, אַז די ליבעראַלנ זײַנענ יאָ פֿייִיק עפּעס אויפֿצוטאָנ. בלויז צוליב זייער פּאַכדאָנעס האָבנ זיכ די ליבעראַלנ ניט אַנטשלאָסנ אַרויסצוטרעטנ. אַז די בורזשואַזיע קאָנ ניט, לויט איר קלאַסנ־לאַגע, אַרויסטרעטנ לעטויווע דער פֿאָלק־מאַסע, אַז די „דעגענערירונג פֿונ דער נאַציע" איז אַ רעזולטאַט גראַד פֿונ דער בורזשואַזער עקספּלואַטאַציע, מיט איינ וואָרט, אַז די רעוואָליוציע דאַרפֿ זײַנ געווענדט אויכ קעגנ דער בורזשואַזיע, אונ ניט נאָר קעגנ דעמ צאַר, דאָס האָבנ די פֿאָלקיסטנ בעשומויפֿנ ניט געוואָלט פֿאַרשטיינ, האָטש מיכײַלאָווסקי האָט זיכ געפּרוּווט געבנ זיי עס צו פֿאַרשטיינ. דורכ טעראָר האָט מענ געהאָפֿט אויפֿטרייסלענ די בורזשואַזיע, אַרויספֿירנ זי פֿונעמ צושטאַנד פֿונ פּאַכדאָנישער פֿאַרגליווערטקײַט, אונ די רעגירונג האָט מענ געהאָפֿט צו דערפֿירנ צו אַזאַ צושטאַנד פֿונ פֿאַרגליווערטקײַט. סײַ אינ דעמ פֿראַט, סײַ אינ יענעמ האָבנ זיי אַ טאָעס געהאַט.

די אויסערלעכע געשיכטע פֿונעמ טעראָריסטישנ פּעריִאָד אינ דער פֿאָלקיסטישער רעוואָליוציע איז געווענ אַזאַ. אינ 1878־טנ יאָר האָט זיכ פֿונ די רעשטנ, וואָס זײַנענ גאַנצ געבליבנ נאָכ די רעדיפֿעס אָפּ די בונטאַרישע קרײַזלעכ, אייסגעבילדעט די געזעלשאַפֿט „זעמליאַ אי וואָליאַ" („ערד אונ פֿרײַהײַט"). שוינ די אויפֿבילדונג פֿונ אַ געהיימער געזעלשאַפֿט איז געווענ אַ האַנאָכע די נײַע באַדינגונגענ — פֿריִער האָבנ די „בונטאַרנ" געהאַלטנ פֿאַר אַבסאָליוט ניט סאָציִאַליסטיש צו שאַפֿנ אַ גרויסע פֿאַרשווערער־אָרגאַניזאַציע: זיי האָבנ געדאַרפֿט אַרבעטנ איינציקווײַז, אָדער ווי קליינע „געמיינדעס". אָבער די „זעמליאַ אי וואָליאַ" האָט זיכ נאָכ ניט געשטעלט באַשטימט אָפּ דעמ טעראָריסטישנ וועג: איר מערהײַט איז באַשטאַנענ פֿונ „דאָרפֿיסטנ", וואָס האָבנ נאָכ אַלצ געהאַלטנ פֿונ אַגיטאַציע אינ די פֿאָלקמאַסנ, נאָר אָפּ אַנ אַנדער שטייגער, ניט דורכ „גיינ אינ פֿאָלק", נאָר דורכ באַזעצנ זיכ אינ פֿאָלק מיטנ צוועק צו רעוואָליוציִאָניזירנ פּלאַנמעסיק אינ מעשעכ פֿונ אַ לאַנגער צײַט אַ וואָסער ס'איז געגנט. פֿונ דעמ באַזעצנ זיכ איז ווידעראַמאָל גאָרנישט ניט אַרויסגעקומענ, אונ דער טעראָר האָט זיכ געבעטנ פֿונ זיכ אַליינ: שוינ אינ אַפּרעל 1879 יאָר איז דער „זעמליאַ אי וואָליאַ" אויסגעקומענ צו באַשליסנ די פֿראַגע וועגנ אַנ אַטענטאַט אָפּ אַלעקסאַנדער דעמ 2־טנ, אונ דערבײַ האָבנ די אָנהענגער פֿונ אַטענטאַט גאַנצ אָפֿנ דערקלערט, אַז ער וועט געמאַכט ווערנ, אַלצײנס, צי ס'וועט זיכ פֿאַר אימ אַרויסזאָגנ די מערהײַט, צי ניט. די „דאָרפֿיסטנ" זײַנענ אַזוי אויפֿגערעגט געוואָרנ, אַז עס האָבנ זיכ דערהערט שטימענ: „מע דאַרפֿ מאַסערנ". נאָר קיינער איז, פֿאַרשטייט זיכ, ניט געגאַנגענ מאַסערנ אָפּ די כאַווײרימ. דער פּרוּוו צו דערהאַרגענענ אַלעקסאַנדערנ איז געמאַכט געוואָרנ (דורכ סאָלאָוויִאָוונ)

און ער האט זיך ניט איינגעגעבן. אינעם „ליסטאק זעמלי אי וואלי" (בלעטל פון
דער ערד און פרייהייט) האט מען אפן אנגעהויבן דורכפירן טעראריסטישע אי־
רייען. זומער דעם זעלביקן יאר איז פארגעקומען דער צוזאמענפאר, וועגן וועלכן
מיר האבן דערמאנט, דערביי האבן זיך די טעראריסטן אפריער צונויפגעקליבן באַ־
זונדער, אין ליפעצק, און, אז זיי האבן זיך צונויפגערעדט, זיינען זיי געקומען צו־
פארן אפן אלפארטייישן צוזאמענפאר, אין וואראניעזש. נאכן וואראניעזשער צוזא־
מענפאר איז די פארטיי צעפאלן געווארן: די „דארפיסטן" האבן געבילדעט די
פארטיי „טשארני פערעדיעל" (שווארצער איבערפארטייל), דאס הייסט, אלגעמיינע
איבערפארטיילונג פון דער גאנצער ערד, — סאפקאלסאפ, האט מען געפונען א
לאזונג, א פארשטענדלעכן פארן פויערטום. די טעראריסטן האבן געבילדעט די
פארטיי „נאראדנאיא וואליא" (פאלקפרייהייט), וואס האט אפן איבערגעריסן מיט
די פאלקיסטישע טראדיציעס. די „נאראדנאיא וואליא" איז ניט אופגעשטאנען קעגן
דער בורזשואזיע און קעגן עקספלואטאציע ביכלאל, — זי האט זיך געשטעלט א
באשטימטע אופגאבע — דערשלאגן זיך דורך א פ א ר ש וו ע ר ו נ ג צ ו א פ א־
ל י ט י ש ע ר א י ב ע ר ק ע ר ע נ י ש, ארפווארפן די צארישע מאכט און צונויפרופן
א גרינדונג־פארזאמלונג.

דער צענטער פון פארשווערונגען איז געווען דער „אויספיר־קאמיטעט" פון
דער פארטיי „נאראדנאיא וואליא", וואס האט זיך געבילדעט פון עטלעכע צענדליק
אמערסטן אנטשלאסענע טעראריסטן. די אופגאבע פונעם, אזוי צו זאגן, פערכאנעלן
קאמף קעגן דער מאכט האט דער אויספיר־קאמיטעט גענומען דירעקט אף זיך,
אנעמענדיק דעם 26־טן אווגוסט 1879 יאר א באשלוס „צו קאנצענטרירן אלע קוי־
כעס (פונעם טעראר) בלויז אף דער פערזאן פונעם קייסער". דאס אויספילן דעם
דאזיקן טויט־אורטייל איבער אלעקסאנדער דעם 2־טן האט אנגעפילט די גאנצע
ארבעט פונעם „קאמיטעט" ביזן 1־טן מארט 1881 יאר. אלעקסאנדער האט, דארף
מען זאגן, געטאן אלץ, קעדיי צו בארעכטיקן אין די אויגן פון יעדן פארשטאנדיקן
מענטשן אזא אורטייל. אף דער „בונטארישער" באוועגונג האט דער דאזיקער ני־
קאליי פאלקינס ווירדיקער זון געוווסט צו ענטפערן ניט מער, ווי מיט סאמע אַנ־
דאכמאנעסדיקע רעדיפעס. געוויינלעך פלעגן די צארן „באגנעדיקן די פארמישפעטע,—
אפילע ניקאליי האט „באגנעדיקט" די דעקאבריסטן און די פעטראשעווצעס, —
אלעקסאנדער האט, ווי מיר געדענקען, איבערגעשטיגן זיין פאטער: ער האט גרע־
סער געמאכט די שטראף פאר די פארמישפעטע אינעם פראצעס פון די 193.
פריער פלעגט מען פארשיקן פאשעט קיין סיביר, — ער האט אנגעהויבן פאר־
שיקן אין די סאמע פארווארפענע, קימאט ניט באפעלקערטע ווינקלען פון סיביר,
ווו נאר די צוגעוווינטע ארטנגעבירטיקע האבן געקאנט דורכלעבן, און די שטא־
טישע איינוווינער־אינטעליגענטן האט דערווארט א זיכערער טויט. און אף די טע־
ראריסטישע אקטן האט ער געענטפערט מיט א פעלד־געריכט. מע האט אנגעהויבן
הענגען אזוי, ווי עס האט אפילע ניט געהאנגען ניקאליי: פון אווגוסט 1878־טן יאר
ביז דעקאבער 1879 יאר האט מען געקעפט 17 מענטשן. מע פלעגט הענגען אַן
שום ערנסטע באווייזן, לויט א פאשעטן כשאד, אפן סמאך, לעמאשל, פון א געפו־
נענער בייס אן אונטערזוכונג טעראריסטישער פראקלאמאציע. דער מיטגעפיל פון
דער אינטעליגענץ און טיילוויז אפילע פון דער בורזשואזיע איז איצט געווען אף
דער זייט פון די רעוואליוציאנערן נאך מער ווי אין דער צייט פון די גרויסע
פראצעסן. און אף דער ריי פרווון צו דערהארגענען אלעקסאנדערן האט די געזעל־

שאפט אָנגעהויבנ קוקנ מיט נײַגעריקײַט, ווי אפ א יאגד נאָכ עפּעס א כײַע. פונ זײַנ פרַיִערדיקער — אינ די 60־קער יאָרנ — פּאָפּולערקײַט איז שוינ איצטער קימאט ווי קיינ זייכער ניט געבליבנ.

נאָר יאָגנ זיכ אפילע נאָכ א געקרוינטער כײַע איז נאָכ ניט קיינ רעוואָליוציע. דאָס האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנענ דער פירער פונ די נאַראָדאָוואָלצעס, זשעליאַבאָוו. ער איז געווענ די גרעסטע פּערזענלעכקײַט אינ דער גאנצער פאָלקיסטישער רעוואָליוציע. א זונ פונ א לײַבאייגענעם פּויער, וואָס האָט גוט געדענקט דאָס לײַבאייגנטום — די „פרַײַהײַט" איז געקומענ, ווענ זשעליאַבאָוו איז אַלט געווענ 11 יאָר — דערנאָכ אַנ אָרעמער סטודענט, וואָס איז אַהאַנק א שידעכ אַרײַנ אינ א רײַכער בורזשואַזער פאַמיליע, האָט זשעליאַבאָוו פאַריייניקט אינ זײַנ פּערזאָנ אַלע עלעמענטנ פונ דער באַוועגונג: די פאָלקמאַסע, די אינטעליגענצ אונ די בורזשואַזיע. א פּאָליקיכט איז ער פונ אָנהייב אָנ געווענ א גאנצ געוויינלעכער אונ אינעם פּעריאָד פונ „גייג אינ פאָלק" האָט ער קיינ גרויסע ראָליע ניט געשפּילט, האָגאַם ער איז צוגעצויגנ געוואָרנ צוגמ פּראָצעס פונ די „193". אָבער אַלס אָרגאַניזאַטער פונ דער פאַרשווערונג האָט ער טייקעפּ פאַרנומענ דאָס ערשטע אָרט. זײַנ טעטיקײַט, אַלס מיטגליד פונעמ אויספיר־קאָמיטעט, קאָנ מענ בעסער פונ אַלצ כאַראַקטעריזירנ מיט די ווערטער פונ זײַנע סאָנים, פונ די זשאַנדאַרמענ: „ער פלעגט אינ אַלצ זיכ אופירנ ווי א לערער, אפ זײַנע פליכטנ האָט ער געקוקט ווי אפ א באַרופ, אונ אפ זײַנ טעטיקײַט, ווי אפ א הייליקנ כויוו", — האָט געשריבנ וועגנ זשעליאַבאָוונ איינער א זשאַנדאַרמענ־גענעראַל. „ער האָט אומבאַדינגט געפאָדערט, אַז יעדערער זאָל זיכ שטעלנ אפ זײַנ שטאַנדפּונקט. ווענ בײַם די צוגרייט־אַרבעטנ צום אַלעקסאַנדראָווסקער אַטענטאַט* איז איינער פונ די פאַרשווערער, אײַנגעמאַטערט פונ דער נאַכט־אַרבעט, אַנטשלאָפנ געוואָרנ באַמ גראָבנ א מינע, האָט אימ זשעליאַבאָוו געוואָלט דערשיסנ פונ א רעוואָלווער: ער האָט אימ באַטראַכט פאַר א ווערכטער, וואָס האָט פאַרלאָזנ זײַנ פּאָסטנ... דער נאָמענ פונעמ גרויסנ אָרגאַניזאַטער איז געוואָרנ פּאָפּולער: דאָס איז געווענ דער שרעקלעכער זשעליאַבאָוו, דער גרויסער אָרגאַניזאַטער פונ נײַע אַטענטאַטנ אינ די סאַמע פאַרשיידנאַרטיקע אונ אומדערהערטע ערטער אונ באַדינגונגענ. ער האָט פאַרמאָגט א וווּנדערלעכע קראַפט פונ אַקטיווקײַט אונ האָט ניט געהערט צו די, וואָס ציטערנ אונ שווײַגנ... בײַם דער אויספאָרשונג אונ אפנ געריכט האָט ער זיכ געהאַלטנ בעסער פאַר אַלעמענ אונ האָט אַרויסגעוויזנ א באַדענקטע קאַלטבלוטיקײַט: ער פלעגט נעמענ אָנטייל אינ די קלענסטע דעטאַלנ, פלעגט דיסקוטירנ מיט די ריכטער אונ מיטנ פּראָקוראָר, אינ טפיסע האָט ער זיכ געפילט אינ א נאָרמאַלנ צושטאַנד אונ צײַטנווײַז פלעגט ער אפילע אַרויסווײַזנ פריילעכקײַט".

איינער פונ די סאַמע מערקווירדיקע רוסישע פאַרשווערער — אינ דעם פּראַט קאָנ מענ צוגלײַכנ צו זשעליאַבאָוונ אינ דער פאַרגאַנגענהײַט מער ניט ווי פעסטעלנ, — איז זשעליאַבאָוו פונדעסטוועגנ געווענ א סאַכ מער, ווי א פּאָשעטער פאַרשווערער. ער האָט צוגעגעבנ דער אַרבעטער־באַוועגונג אַזאַ גרויסע באַדײַטונג, ווי זייער ווייניקע פאָלקיסטנ. אינ רוסלאַנד איז א שטרײַק א פּאָליטישער פאַקט, פלעגט זאָגנ זשעליאַבאָוו. מע פלעגט אימ שטענדיק קאָנענ טרעפנ אינ אַרבעטער־קרײַזלעכ. ער האָט געגרינדעט אַנ „אַרבעטער־צײַטונג" אונ האָט צוזאַמענ מיט איינִיקע כאַוויי-

---

* אונטער אַלעקסאַנדראָווסק האָט מענ געוואָלט אויפרײַסנ דעמ קייסערלעכנ צוג.

דימ צונויפגעשטעלט א פראגראמ פאר די ארבעטער־מיטגלידער פונ דער פארטיי „נאראדנאיא וואליא". אינ דער דאזיקער פראגראמ ווערט קלאר גערעדט וועגנ דער צוקונפטיקער רעפובליקאנישער ארדענונג פונ רוסלאנד („די צארישע מאכט אינ רוסלאנד ווערט פארביטנ אפ א פאלק־רעגירונג") — דאס, וואס די נאראדאוואלצעס ביכלאל פלעגנ אויסמײַדנ צו ריידנ, ווײַל זיי האבנ ניט געוואלט אפשרעקנ די בורזשואזע ליבעראלנ. עס איז דארט פראקלאמירט די נאציאנאליזירונג פונ דער ערד („די גאנצע ערד גייט איבער אינ די הענט פונעמ ארבעט־פאלק אונ ווערט גערעכנט פאר פאלק־אייגנטומ"). די צווייטע קראפט, וואס אינ איר האט זשעליאבאוו געהאפט צו געפינענ שטיצע, איז געווענ די ארמיי, אונ זשעליאבאוו האט געפרוווט צו פארבינדנ זיכ מיט איר דורכ די אפיצערנ. אינ דעמ איז שוינ געווענ א האפענונג אויכ אפ דער בורזשואזיע, אינ אנדערע פאלנ טרעט די דאזיקע האפענונג ארויס נאכ בוילעטער. זשעליאבאוו האט געראטנ ניט צו שרײַבנ וועגנ דער אגראר־פראגע, קעדיי ניט אנצושרעקנ די ליבעראלע פריצימ, די „לינקע זעמסטווע־טוער". אז מיר וועלנ זיכ צוקוקנ צו דער פראגראמ פונ די ארבעטער־נאראדאוואלצעס, וועלנ מיר אויכ דארט געפינענ דאס זעלביקע. די קלאסנ־ווידערשפרוכנ ווערנ פארשמירט. בא די ארבעטער ווערט אײַנגעפלאנצט א האפענונג אפ „שטיצע מיצאד אייניצלנע מענטשנ פונ די איבעריקע שטאנדנ, מיצאד די געבילדעטע מענטשנ, וואס ווילנ אויכ, אז דאס לעבנ זאל זײַנ פרײַער אונ בעסער"; „דאס ארבעטער־פאלק דארפ ניט אפווארפנ די דאזיקע מענטשנ; עס לוינט בעסער צו דערשלאגנ זיכ צו דער פארברייטערונג פונ דער פרײַהײַט האנט בא האנט מיט זיי".

די צווישנלאגע פונ דער פאלקיסטישער אינטעליגענצ, איר לאגע צווישנ דער בורזשואזיע אונ די פאלק־מאסנ האט אזויארומ פארקריפלט איר טאקטיק. רופנ די־רעקט אונ אפנ די מאסנ, זיי זאלנ ארויסטרעטנ קעגנ דער גאנצער אלטער ארדענונג, ווארפנ די דאזיקע מאסע אפנ פארעצ אונ אפנ סויכער האבנ אויכ די נאראדאוואלצעס ניט געקאנט אונ זײַנענ ניט געווענ בעקויעכ, פונקט ווי זיי האבנ זיכ ניט געקאנט פארשטעלנ קיינ פאליטישע איבערקערעניש אנ דעמ אנטייל פונ די „ליבעראלנ" אונ דער מיטהילפ פונ דער בורזשואזיע. די נאראדאוואלצעס, וועלכע האבנ לאכלוטנ ניט געוואלט זײַנ בלויז א סטראשידלע, וואס מיט איר הילפ וועט די בורזשואזיע אזוי אנשרעקנ דעמ צאר, אז ער „וועט געבנ א קאנסטיטוציע", — האבנ אבער אינ דער ווירקלעכקײַט ניט געקאנט גיינ ווײַטער פונ אט דער ראליע פונ א סטראשידלע אונ דערצו נאכ האט זיכ ארויסגעוויזנ, אז אפילע פאר דער סטראשידלע האט מענ אויכ גארניט אזוי מוירע. א גאנצע ריי אטענטאטנ אפ אלעקסאנדער דעמ 2־טנ (דער גרעסטער פונ זיי איז געווענ דער אופרײַס פונעמ ווינטער־פאלעצ, דעמ 5־טנ פעוורא 1880 יאר, וואס איז אײַנגעארדנט געווארנ דורכנ ארבעטער כאלטורינ, וועגנ וועלכנ אונדז וועט נאכ אויסקומענ צו ריידנ, ווי וועגנ דעמ גרינדער פונ איינער פונ די ערשטע ארבעטער־ארגאניזאציעס אינ רוסלאנד), האט זיכ ניט אײַנגעגעבנ, דער קייסער איז אפילע ניט פארוווּנדעט געווארנ. ער איז געווארנ אלצ דרײַסטער, אונ האט זיכ גענומענ פאר זײַנ באליבטנ מעטאד, פאר דעמאגאגיע. לאריס־מעליקאוו, וועמענ ער האט אוועקגעשטעלט בעראש פונעמ קאמפ קעגנ דער „קראמאלע" אונ וואס האט געהאנגענ אזוי אנראכמאנעסדיק, ווי נאכ קיינער ניט ביז אימ, האט גלײַכצײַטיק אנגעהויבנ צו כיינדלענ זיכ צו דער „געבילדעטער געזעלשאפט", האט אראפגעזעצט דעמ ניט פאפולערנ בילדונג־מיניסטער טאלסטוי, באפרײַט עטלעכע מענטשנ, וואס די פאליציי האט געהאלטנ אומ־

זיסט אונ אומגישט אונ אפילע געגעבנ אומקלאָרע האָפענונגענ אפ עפּעס א „קאָנ-סטיטוציע".

קיינ שום קאָנסטיטוציע האָט אלעקסאנדער אפילע אינ זינענ ניט געהאט צו געבנ, אויב אפילע לאָריס-מעליקאָוו האָט ערנסט געטרוימט וועגנ אזא מינ זאכ. אָבער די „געבילדעטע געזעלשאפט" האָט זיכ געלאָזט אָפּנארנ דורכ דעמ שפּיצל אונ האָט געוואַרט מיט א ברייט צעעפנט מויל.

ניט געפינענדיק קיינ שטיצע בא די אונטערשטע שיכטנ אונ צוזעענדיק דעמ פּאראט פונ די „ליבעראלנ", האָבנ די נאראָדאָוואָלצעס אָנגעשטרענגט זייערע לעצטע קויכעס. זשעליאבאָוו האָט דאָס לעצטע מאָל ארויסגעוויזנ זײַנע געניאלע אָרגאַניזאטאָרישע פייִקייטנ. אלעקסאנדער איז באלאגערט געוואָרנ פונ אלע זײַטנ, — אפ אייִנ גאס האָט געוואַרט אפ אימ א באָמבע, אפ דער צווייטער א מינע. נאָר דעמ צאר האָט קלוימערשט נאָכאמאָל אָפּגעגליקט. דעמ 28-טנ פעווראל 1881 האָט ער פארשריבנ אינ זײַנ טאָג-בוכ, אז מיט א טאָג פריִער זײַנענ ארעסטירט געוואָרנ דרײַ, אָפּאָנעמ, פונ די סאמע וויכטיקע פארשווערער, צווישנ זיי אויכ זשעליאבאָוו. ער האָט אויכ געוווּסט פונ אַט דעמ נאָמענ! ער האָט אפילע געהאלטנ, אז ער מעג שוינ זײַנ גאנצ רויִק. נאָר די פארשווערונג איז שוינ אפ אזויפיל צײַטיק געוואָרנ, אז זי האָט שוינ געקאָנט גיינ ווײַטער אָנ דעמ פירער. דאָס בלעטל אינעמ טאָג-בוכ, וואָס איז דאטירט דעמ 1-טנ מארט, איז געבליבנ ליידיק: אינאָוונט אַט דעמ טאָג איז שוינ קייסער געווענ אלעקסאנדער דער 3-טער.

די ארבעטער-באוועגונג

דאָס דערהארגענענ אלעקסאנדער דעמ צווייטנ האָט טײַער געקאָסט דער „נאָראָדנאיא וואָליא". די מיטגלידער פונעמ אויספיר-קאָמיטעט, זשעליאבאָוו אונ פּעראָווסקאיא, וועלכע האָבנ זיכ מער פונ אלעמענ אויסגעצייכנט מיט זייער ווילנ-קראפט אונ אָרגאניזאטאָרישע טאלאנטנ, זײַנענ ווי „קייסער-מערדער" אופגעהאנגענ געוואָרנ גלײַכ נאָכנ 1-טנ מארט, צוזאמענ מיט קיבאלטשיטשנ, דעמ הויפּט-טעכניקער פונ דער טעראָריסטישער אָרגאניזאציע, אונ מיטנ ארבעטער טימאָפיי מיכײַלאָוו. דער צווייטער מיכײַלאָוו, אלעקסאנדער, וואָס האָט אלס אָרגאניזאטאָר קאָנקורירט מיט זשעליאבאָוונ, איז ארעסטירט געוואָרנ נאָכ פריִער. די גאנצ געבליבענע מיטגלידער פונ דער פארטיי זײַנענ געווענ צו שוואכ, זיי זאָלנ זיכ קאָנענ פרוּוונ איבערכאזערנ דעמ 1-טנ מארט איבער אלעקסאנדער דעמ דריטנ. עס איז אריבער 6 יאָר, אײדער עס האָט זיכ צוגעקליבנ צוליב דעמ צוועק א גרופּע יונגע מענטשנ, מיט א. אי. אוליאנאָוונ בעראָש. נאָר אויכ זיי איז ניט אויסגעקומענ צו גיינ ווײַטער פונ א פרוּוו, פאר וועלכנ זיי האָבנ באצאָלט מיטנ לעבנ, אונ אלעקסאנדער דעמ צווייטנס זונ איז געבליבנ גאנצ.

אויב עס האָט זיכ געהאנדלט נאָר וועגנ אָנשרעקנ אלעקסאנדער דעמ 3-טנ, איז עס דערגרייכט געוואָרנ אינ אזא מאָס, ווי מע האָט עס נאָר געקאָנט ווינטשנ.

דער נײַער צאר האָט פארנומענ דעמ טראָנ אינ א צושטאנד פונ פולשטענדיקער פארלאָרנקייט, — ער האָט געוויינט, פלעגנ מאסקימ זײַנ סײַ מיט די, וואָס פלעגנ זאָגנ, אז מע דארפ יאָ געבנ א קאָנסטיטוציע, אונ סײַ מיט די, וואָס פלעגנ פארזיכערנ, אז א קאָנסטיטוציע וועט פירנ רוסלאנד צומ אונטערגאנג. ער פלעגט געבנ די סאמע פארשיידנסטע מענטשנ די פארשיידנארטיקסטע אופטראָגנ, אזוי, אז די נאָענטסטע צו אימ מיניסטאָרנ האָבנ באשלאָסנ אָפּצוטרעטנ אפ א

נאראָדאָוואָלצעס

זשעליאַבאָוו

פעראָווסקאיא

מיכײַלאָוו

קיבאַלטשיטש

א. י. אוליאַנאָוו

צײַט אָנ א זײַט אונ אויסוואַרטנ, ביז דער צאַר וועט קומענ צו זיך. נאָר די צאַרישע שרעק האָט פּונקט אזוי ווייניק געפירט צו עפּעס רעכטס, ווי פריִער, אינ אָנהייב פונ אלעקסאנדער דעמ 2-טנס רעגירנ, די צאַרישע „גוטסקײַט".

אלעקסאנדער דער 3-טער איז זייער ווייניק געווענ צוגעגרייט צו שטעלנ זיך בעראָש פונ דער אימפּעריע מיט א 90-מיליאָניקער באפעלקערונג. פונ קינדווײַז אָנ האָט מענ אימ ניט געגרייט צו זײַנ קייסער, — ער האָט געהאַט אנ עלטערנ ברודער, וואָס איז געשטאָרבנ, בײַם 'ער איז שוינ געווענ א דערוואקסענער מענטש. אז ער האָט געיאַרשנט פונ זײַנ ברודער די לאַגע פונ א „יורעש" צוזאמענ מיט זײַנ כאַלע (מאַריע פיאָדאָראָוונע, וואָס איז ערשט ניט לאַנג געשטאָרבנ), האָט אלעקסאנדער שוינ ניט געקאָנט אָניאָגנ דאָס, וואָס ער האָט דורכגעלאָזנ אינ פראַט פונ צוגרייטנ זיך צו זײַנ צוקונפטיקנ באַרופ. אגעוו, ס'וואָלט אימ בײַ זײַנע פײַיקײַטנ ווייניק וואָס געהאָלפנ א צוגרייטונג אויך. נאָך אימ איז אויך פאַרבליבנ א טאָגבוך, עטלעכע דיקע בענדער, אינ וועלכע ער באשרײַבט טאָג-אײַנ, טאָג-אויס, וואָס ער האָט געגעסנ, געטרונקענ, ווענ ער פלעגט זיך לייגנ שלאָפנ, בײַ וועמענ ער איז געווענ צו גאַסט, ווער איז בײַ אימ געווענ צו גאַסט. ווענ זײַנ קוטשער אָדער לאַקיי וואָלטנ געפירט טאָג-ביכער, וואָלטנ זיי, מיסטאמע, אויך געווענ פונ דעמ זעלביקנ שניט, עס וואָלטנ נאָר געווענ אנדערע נעמענ. פונ דעמ טאָג-בוך קאָנ מענ אגעוו זענ, אז אלעקסאנדער דער צווייטער האָט זיך באצויגנ מיט טיפער פאַראַכטונג צו זײַנ זונ אונ פלעגט אימ לאַכלוטנ גאָרניט דערציילנ וועגנ זײַנ פּאָליטיק: דער יורעש האָט גאָרנישט ניט געוווּסט ניט וועגנ דעמ אָפּמאַכ מיט דײַטשלאַנד, ניט וועגנ דעמ געהיימענ אָפּמאַכ מיט עסטרײַכ. צומ סאָפ פונ זײַנ לעבנ, ווענ אלעקסאנדער דער צווייטער איז געוואָרנ אנ אלמענ אונ האָט כאַסענע געהאַט מיט זײַנ פאַוואָריטקע, דער פירשטנ דאָלגאָרוקאָווע, האָבנ זיך דער פאָטער אונ דער זונ אינגאנצנ דערווײַטערט איינער פונ דעמ אנדערנ. בײַם נאָך דעמ פאָטער האָט זיך געיאָגט די „נאַראָדנאיא וואָליא", געפינענ מיר דעמ זונ יעדנ טאָג אמאָל אינ באַלעט, אמאָל מיט ציגײַנער, אונ גאנצ אָפט איז ער זיך מוידע אינ זײַנ טאָג-בוך. אז ער האָט זיך געלייגט שלאָפנ 3—4 אזייגער פאַרטאָג מיט א שווערנ קאָפּ. די געוווינהײַט צו שיקערנ האָט ניט פאַרלאָזנ אלעקסאנדער דעמ 3-טנ אויך דעמלט, ווענ ער איז געוואָרנ קייסער, נאָר איצט פלעגט ער זיך שעמענ צו הוליענ עפנטלעך אינ דער קאָמפּאניע פונ די איבעריקע גרויספירשטנ אונ אָפיצערנ, ווי פריִער, פלעגט ער זיך אָנשיקערנ איינער אליינ, „מײַסע פּעלדפּעבעל", אָדער אינ דער קאָמפּאניע פונ זײַנ עלטסטנ לײַבהיטער, דעמ גענעראַל טשערעווינ. פונ אלקאָהאָליזמ (ער האָט זיך אָנגעלעבט א כראָנישע נירנ-קראנקײַט) איז ער טאקע געשטאָרבנ אינ 1894 יאָר, נאָך גאָר א יונגער מאנ (פאַר 50 יאָר), ניט געקוקט אפ זײַנ אײַזערנעמ אָרגאניזמ.

ערשט אינ ניקאָלײַ דעמ צווייטנס צײַטנ האָט זיך רוסלאנד דערוווּסט, אז אפנ רוסישנ טראָנ קאָנ זיצנ נאָך א גרעסערע נישטיקײַט, איידער אלעקסאנדער דער 3-טער: פריִער האָט זיך געדוכט, אז נידעריקער קאָנ שוינ די דינאַסטיע פונ די „ראָמאנאָווס" ניט פאַלנ. אונ דאָך האָט דאָס רעגירנ פונ אָט דעמ טעמפּנ, באַגרענעצטנ שיקער „געבילדעט", ווי מע זאָגט, אנ עפּאָכע. די „אכציקער יאָרנ" האָבנ, ווי א פינצטערער פאַס, דורכגעשניטנ די געשיכטע פונ דער רוסישער אינטעליגענצ אונ פונ דער רוסישער קולטור ביכלאל. עס האָט זיך עפּעס אָפּגעשטעלט, עפּעס איבערגעבראָכנ. מע האָט גאָרניט געקאָנט צוטראַכטנ קיינ בעסערנ באַווײַז,

ווי קליינ עס איז אינ דער געשיכטע די באדײַטונג פונ א פערזענלעכקײַט אונ ווי פאלש עס איז געווענ דער וועג, אפ וועלכנ עס זײַנענ געשטאנענ די גאראָדאָוואָלצעס דערמיט, וואָס זיי האָבנ די בעסטע רעוואָליוציאָנערע קויכעס פארשווענדט אפ יאָגנ זיך נאָך דער געקרוינטער כײַע. א באשטימטנ שטעמפל אפ דער עפּאָכע פונ אלעקסאנדער דעמ 3-טנ האָט ארופגעלייגט ניט זײַנ פערזענלעכקײַט, נאָר די אויסערלעכע אָביעקטיווע באדינגונגענ, אינ וועלכע עס האָט זיך דעמאָלט געפונענ רוסלאנד.

דאָס איז געווענ אנ איבערבראָכ-עפּאָכע אינ דער רוסישער פאָלק-ווירטשאפט אונ צוזאמענ דערמיט אויך אינעם גאנצנ פאָלק-לעבנ. אינ וואָס איז באשטאנענ דער דאָזיקער איבערבראָכ? קעדיי דאָס צו פארשטיינ, מוז מענ זיך אומקערנ א ביסל אפ צוריק.

מיר האָבנ געזענ, אז דער ניט געלונגענער פרווו אײַנצונעמענ פאר דער רוסישער מאנופאקטור אויסלענדישע מערק, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דער סעוואסטאָפּאָלער מילכאָמע (זע ז״ז 116—117) האָט ניט אָפּגעשטעלט די ארבעט פונ דער רוסישער פאָלקווירטשאפט פאר אויסלאנד. נאָר אפנ אויסלענדישנ מארק פלעגנ איצט גיינ ניט די פּראָדוקטנ פונ די רוסישע פאבריקנ, נאָר די פּראָדוקטנ פונ דער רוסישער לאנדווירטשאפט (זע זײַט 111). רוסלאנד איז געוואָרנ דאָס, וועגנ וואָס עס האָט געטרוימט דער רוסישער גוטבאזיצער אינ דעמ ערשטנ פערטל פונעמ יאָרהונדערט: עס איז געוואָרנ די ברויט-קאמער פונ אייראָפּע. דאָס האָט אָבער באטײַט, אז דער ווילשטאנד פונ דעמ רוסישנ גוטבאזיצער אונ צוזאמענ מיט אימ אויך פונ דער האנדל-בורזשואזיע, ד. ה. פונ אלצ, וואָס עס האָט געוועלטיקט אינ דער לײַבייגנטימערישער מעלוכע, איז געוואָרנ אָפּהענגיק פונ דער לאגע אפנ אלוועלטלעכנ טוווּע-מארק. קאָלזמאנ עס זײַנענ געשטאנענ „פעסטע" פרײַזנ אפ טוווּע, האָט זיך דער גוטבאזיצער אונ דער סויכער געפילט אויסגעצייכנט גוט; עס פלעגט עטוואָס קרעכצנ דער פאבריקאנט, אָבער די אינדוסטריעלע בורזשואזיע האָט זיך נאָך דערווײַל געמעגט עטוואָס אײַנצאמענ. ניט איר צײַט איז עס געווענ. נאָר אינ אָנהייב פונ די זיבעציקער יאָרנ האָבנ די פרײַזנ אפנ אלוועלטלעכנ טוווּע-מארק אָנגעהייבנ „שוואכער ווערנ". אינ 1871-טנ יאָר האָט א צענטנער רוסישע ווייץ געקאָסט באמ עקספּאָרטירנ קיינ אויסלאנד 8 רובל מיט 78 קאָפּ. אונ א צענטנער קאָרנ 4 רובל מיט 76 קאָפּ., אונ אינ 1896-טנ יאָר פלעגט מענ געבנ פאר א צענטנער ווייץ 4 רובל מיט 51 קאָפּ. אונ פאר א צענטנער קאָרנ 3 רובל מיט 23 קאָפּ.

אינ די דאָזיקע ציפערנ ליגט די גאנצע „פילאָסאָפיע פונ דער געשיכטע" פונ אלעקסאנדער דעמ דריטנס עפּאָכע. אינעמ לעצטנ דריטל פונעמ נײַנצנטנ יאָרהונדערט האָט זיך איבערגעכאזערט דער „אגראר-קריזיס", וואָס אונטער זײַנ צייכנ איז דורכגעגאנגענ דאָס גאנצע רעגירנ פונ ניקאָלײַ דעמ 1-טנ. נאָר איבערגעכאזערט האָט ער זיך בא א פיל שווערערער סיטואציע פאר דער רוסישער לאנדווירטשאפטלעכער אונטערנעמערשאפט, ווײַל אינ ניקאָלײַ דעמ 1-טנס צײַטנ האָט דער אויסטויש, דער האנדל ביכלאל געשפילט א סאך א קלענערע ראָליע, איידער אינ די צײַטנ פונ זײַנ אייניקל. אינ 1840-טנ יאָר האָט רוסלאנד ניט ארויסגעפירט אפילע קיינ 330 טויזנט טאָנ טוווּע! אונ אינ די לעצטע פינפ יאָר פונ אלעקסאנדער דעמ דריטנס רעגירנ פלעגט עס יעדעס יאָר ארויספירנ 207.418 טאָנ, אינ 22 מאָל מער. דער גאנצער „באלאנס" — דער געלט-צופלוס פונ יענער זײַט גרענעצ אינ

לאנד — האָט זיכ איצט געהאלטנ אפנ טוויע־עקספאָרט. די פארקלענערונג פונ דעמ פרייז פונ טוויע אינ צוויי מאָל (פארנ סאמע טייערסטנ מינ טוויע, פאר ווייצ) האָט באטייט, אז מע מוז אָדער אינ צוויי מאָל גרעסער מאכנ דעמ רוסישנ טוויע־עקספאָרט, אָדער מע מוז אינ צוויי מאָל קלענער מאכנ די באדערפענישנ פונ די, וואָס אינ זייערע קעשענעס פלעגט אריינפאלנ דאָס אויסלענדישע גאָלד, וואָס מע פלעגט באקומענ פאר דער טוויע. צי איז גרינג געווענ דעמ רוסישנ גוטבאזיצער אונ זיינ פריינט, דעמ סויכער, איינצוגיינ דערויפ, — דאָס וועט יעדערער פארשטיינ. מע האָט געמוזט ווי ניט איז זיכ אויסדרייענ.

שוינ אינ די זיבעציקער יאָרנ האָט אלעקסאנדער דעמ 2-טנס רעגירונג אָנגעהויבנ אָנעמענ ענערגישע מיטלענ, קעדיי קינסטלעכ גרעסער צו מאכנ דעמ צופלוס פונ גאָלד אינ לאנד אונ פארהאלטנ זיינ אָפּפלוס. אינ 1877-טנ יאָר האָט מענ דעמ אָפּצאָל פאר די אויסלענדישע סכוירעס, וואָס פלעגנ אריינגעפירט ווערנ אינ רוסלאנד, אָנגעהויבנ נעמענ מיט גאָלד אונ ניט מיט פאפיר־געלט, ווי פריִער. אזוי ווי דער קורס פונעמ פאפיר־רובל איז דעמאָלט געווענ אפ א דריטל נידעריקער פונ זיינ נאָמינעלנ פרייז, האָט עס באטייט א העכערונג פונ דעמ אָפּצאָל אפ א דריטל. רוסלאנד האָט זיכ ווידער אומגעקערט צו דער „שוצ־סיסטעמ“, פונ וועלכער זי האָט זיכ טיילווייז געהאט אָפּגעזאָגט אינ 1857-טנ יאָר. דאָס שיצנ די „פאטערלענדישע“ פראָדוקציע האָט דערגרייכט צוויי צילנ: ערשטנס, פלעגט מענ ווינציקער סכוירעס קויפנ אינ אויסלאנד — פלעגט דאָס גאָלד ניט אוועקגיינ אהינ; ענגלאנד פלעגט אינ די 70-קער יאָרנ אריינפירנ צו אונדז אפ 10 מיליאָנ פונט סטערלינג (בא 100 מיליאָנ גאָלד־רובל פונ 1914-טנ יאָר), אונ אינ די 80-קער יאָרנ שוינ סאכאקל אפ 7.750 טויזנט פונט סטערלינג אונ צווייטנס, פלעגנ די הויכע רעוואָכימ, וואָס זיינענ, אדאנק דער שוצפאָליטיק, געווענ געזיכערט פאר די רוסישע אינדוסטריִעלער, צוציענ געלט פונ אויסלאנד שוינ אינ דער פאָרמ פונ קאפיטאל, וואָס די אויסלענדער פלעגנ אריינלייגנ אינ רוסישע אונטערנעמונגענ. ביזנ סאָפ XIX יאָרהונדערט האָט די רוסישע אינדוסטריע באקומענ פונ אויסלאנד, דירעקט אונ אומדירעקט, בא *אָנדערהאלבנ מיליארד* גאָלד־רובל. נאָר קעדיי צו דערגרייכנ דעמ דאָזיקנ ציל, האָט מענ געמוזט העכערנ די גרענעצ־אָפּצאָלנ אפ טשוהונ — מיר נעמענ דאָס אלס ביישפיל — פונ 5 ביז 45 קאָפּעקעס גאָלד. ערשט דעמאָלט איז די רוסישע אינדוסטריע געווענ גענוג „באשיצט“, קעדיי די פראנצויזישע, בעלגישע, ענגלישע קאפיטאליסטנ זאָלנ „ליב קריגנ“ רוסלאנד.

ווער האָט געצאָלט אָט די געהעכערטע גרענעצ־אָפּצאָלנ? אינ דער אונטערשטער שורע, פארשטייט זיכ, דער פויער: אינ יעדער פאָדקעווע, אינ יעדער קאָסע, אינ יעדער האק, וואָס ער פלעגט קויפנ, אינ געווענ אריינגעלייגט א ביילעכ פונ אָט דעמ „שוצ“ (ניט פארנ פויער)־אָפּצאָל. נאָר דאָס איז נאָכ ווייניק: דער פויער פלעגט צאָלנ ניט נאָר פאר זיכ, נאָר אויכ פאר דער מעלוכע אונ פארנ *פאָרעצ*. די מעלוכע פלעגט געבנ די פאבריקנ באשטעלונגענ אונ פלעגט צאָלנ פאר זיי טייערער, ווי פריִער, אונ געלט פלעגט זי נעמענ פונ די שטייערנ, פונ דער פויערשער קעשענע. אינ דער זעלביקער צייט האָבנ די פויערימ ביימ דער באפרייונג באקומענ *ווייניקער* ערד, איידער זיי האָבנ געהאט אינ זייערע נאכלעס ביימ דעמ ליבייגנטומ. אינ די שווארצערדישע גובערניעס, וווּ ערד איז געווענ טייער, האָט מענ בא די פויערימ אָפּגעשניטנ ביז 30 פראָצענט פונ זייער נאכלע־ערד, — קימאט א דריטל. אפ אזא ארומגעשניטענער נאכלע האָט דער פויער, פארשטייט זיכ, ניט געקאָנט

פירנ קיינ ווירטשאפט: ער פלעגט מוזנ גאנצ אפט צוארענדירנ באמ פארעצ טאקע זײַנ אייגענע געוועזענע ערד. דער פארעצ האט אדאנק די דאזיקע א פ ש נ י ט נ געהאלטנ דעמ פויער אינ די הענט, באזונדערס נאכ אדאנק דעמ, וואס אפגעשניטנ האט מענ מיט גרויס געשיקטקײַט דאפקע יענע טיילנ, אנ וועלכע דער פויער האט זיכ בעשומויפנ ניט געקאנט באגיינ: דעמ פיטער־פלאצ, אדער דעמ וועג צומ פיטער־פלאצ, צומ טײַכ, די לאנקע, דעמ וואלד אאוו. — מיט איינ ווארט, דער פויער איז געווענ געצוווּנגענ צו ארענדירנ בא זײַנ געוועזענעמ האר זײַנ אייגענע פריערדיקע ערד אפ אזעלכע באדינגונגענ, וואס דעמ האר איז געפעלנ געווענ ארויסצושטעלנ. דער האר פלעגט עס קווידעמקאל אויסנוצנ, קעדיי צו באקומענ פאר זיכ ביליקע ארבעט־הענט: די „א פ ש נ י ט נ" פלעגנ, דעריקער, אפגעגעבנ ווערנ פאר „א פ א ר ב ע ט ו נ ג ע נ" — פאר יעדנ העקטאר ארענדירטע לאנקע פלעגט דער פויער מוזנ אפשנײַדנ א העקטאר אונ אמאל אויב צוויי אונ דרײַ העקטאר פונ דער פריצישער לאנקע. ווײַטער פלעגט דער פארעצ, העכערנדיק די געלט־ארענדע, זיכ לאזנ באלוינענ פאר דעמ יאקירעס, וואס עס פלעגט געשאפנ ווערנ אדאנק דער „שוצ־סיסטעמ". דאס פלעגט זיכ באזונדערס פראקטיקירנ אינ די שווארצערדישע גובערניעס, ווו דער פויער איז געווענ א ברויט־פראדוצירער אונ פלעגט צוארענדירנ ערד אפ צו פארזייענ: אינ סאראטאווער גובערניע, לעמאשל, זײַנענ די ארענדע־פרײַזנ אינ די 80־קער יארנ געשטיגנ אינ 8—10 מאל אינ פארגלײַכ מיט די 60־קער יארנ; אפילע אינ סמאלענסקער גובערניע האבנ זיי זיכ פארגרעסערט אינ אנדערהאלבנ מאל. אונ דאס איז געווענ אינ דער צײַט, ו ו ע נ ד י פ ר ײַ ז נ א פ ט ו ו ו ע ז ײַ נ ע נ ג ע ו ו א ר נ ק ל ע נ ע ר: אויב פריער פלעגט דער פויער מוזנ אפגעבנ פאר א העקטאר 16 קילאגראמ קארנ, האט ער איצט געמוזט אפגעבנ פאר אימ 49 קילאגראמ.

אזוי האט ד א ס פ א ל נ פ ו נ ד י ט ו ו ו ע־פ ר ײַ ז נ מיט אלע זײַנע רעזולטאטנ פריער פאר אלצ באטײַט א גוואלטיקע פ א ר ש ט א ר ק ו נ ג פ ו נ ע מ צ א ל ו נ ג־י א כ פארנ פויער. דער „אלרוסלענדישער כורבנ", וואס מע פלעגט געוויינלעכ צוזאמענבינדנ מיט דער אומגערעטעניש אונ מיטנ הונגער פונ 1891־טנ יאר, איז אינדערעמעסנ געווענ צוגעגרייט דורכנ גאנצנ פריערדיקנ יארצענדליק. פונ 9 מיליאנ פויערשע הויפנ אינ אייראפּעיִשנ רוסלאנד האבנ שוינ אינ 1884־טנ יאר 2½ מיליאנ ניט געהאט קיינ פערד; אונ וואס ווײַטער, איז אלצ גרעסער געווארנ די צאל אנפערדיקע הויפנ: די פויערימ פונ אריאלער גובערניע (איצט גייט זי ארײַנ אינ דער צענטראלער שווארצערדישער געגנט) האבנ פאר 11 יאר (1888—1899) פארלארנ 20 פראצענט, א פינפטכיילעק פונ זייער ארבעט־פי. די פויערימ־רעפארמע האט אקשאנעסדיק געוואלט פארהאלטנ דאס פראלעטאריזירנ זיכ פונעמ פויער, אונ האט זיכ שטארק געגרויסט מיט איר „באפרײַונג מיט ערד" (זע ז"ז 117—118): דער אגראר־קריזיס פונ די 80־ער יארנ האט מיט אזא אימפעט אנגעהויבנ פארוואנדלענ דעמ פויער אינ א פראלעטאריער, אז די פארשיידענע געזעצנ, וואס מע פלעגט ארויסשטעלנ קעגנ דעמ, פלעגנ צעריסנ ווערנ, ווי שפינוועבס. די רעגירונג פונ דער לײַבייגנטימערישער מעלוכע — אינ דעמ פראט האט זיכ אלעקסאנדער דער דריטער מיט קיינ זאכ ניט אונטערשיידט פונ זײַנע פארגייער — פלעגט אנעמענ קאלערליי מיטלענ, קעדיי צוצובינדנ דעמ פויער צו דער ערד אונ ניט דערלאזנ, ער זאל פארוואנדלט ווערנ אינ א פראלעטאריער: מע האט איבערגעקוקט אונ קלענער געמאכט די אויסקויפ־אפצאלנ (1881—1883), אפגעשאפט דעמ קאפ־שטײַער

(1882—1883), מע האט ביז דער העכסטער מאדרייגע געשטערט די פויערשע אי־בערפארטיילונגען (1886), מע האט, לעסאף, דערקלערט די פויערשע נאכלע פאר אזא, וואס קאן ניט אנטייגנט ווערן (1893). קיין זאך האט ניט געהאלפן: די צע־שפאלטונג פונעם דארף אפ פראלעטאריאט און דארפישער קלייגבורזשואזיע, אפ „ארעמשאפט" און „באלעגופים" איז געגאנגען אן אן אפהאלט, און דעם דאזיקן פאקט האבן געמוזט אנערקענען אפילע די פאלקיסטישע שרייבער, ווי שטארק עס האט זיי ניט געשמעקט, וואס דער דרייפאך פארשאלטענער קאפיטאליזם דרינגט אריין אין דער דארף-געמיינדע. „איך בין א לאנגע צייט אפגעשטאנען באם פארקן פונעם בעסאלמען, באטראכטנדיק דעם אויסערלעכן אויסזען פונעם דארף,—האט געשריבן איינער פון זיי נאך אין 1880 יאר,— אבער וואס פאר א פארשיידנ־ארטיקייט! אט איז א הויפן הייזקעס, ווייזט אויס, אלטינקע, צוויי-פענצטער־דיקע, געדעקט מיט שטרוי. און אט, פאר־קערט, נייע הייזער מיט דריי פענצטער, מיט גרויסע געסלעך צווישן זיי, געדעקט מיט שינדלען, און צווישן זיי זעען זיך שוין אפילע בלעכענע דעכער מיט פליגערס אפ די קוימענס".



טיפישע פארטיילונג פון דער ערד צווישן די פויערים און פריצים נאך דער רעפארמע.

צום סאף XIX יארהונדערט האט רוסלאנד געהאט א צענמיליאניקע א ריינעם פראלעטאריאט, ד. ה. מענטשן, וואס לעבן בלויז פונעם ארפעטלוין — ניט גערעכנט די צוויי מאל גרעסערע צאל דארף-ארעמשאפט, וואס האט נאך פאר־מאגט עפעס א ווירטשאפט, אבער זי וואלט שוין ניט געקאנט עקזיסטירן, ווען זי פאר־דינגט ניט אן א זייט. אלעקסאנדער דעם דריטנס רעגירונג האט, פארשטייט זיך, דערצו מיטגעהאלפן, זי האט זיך געפרווט איינצוהאלטן די „זעלבשטענדיקייט" פונעם פויער מיט דער הילף פון פארשיידענע עקאנאמישע האנאכעס. צווישן די דאזיקע האנאכעס איז, אגעוו, אויך געווען די גרינדונג פונעם „פויערשן באנק", וואס אין דער ערשטער ריי האבן אים, פארשטייט זיך, אויסגענוצט די באלעגופים: דער באנק פלעגט געבן די פויערים האלוואעס אפ צו קויפן ערד, אבער ניט דאס גאנצע נייטיקע געלט, אזוי אז עס פלעגט נאך אויסקומען צולייגן אייגן געלט. פאר דער האלוואע פלעגט דער באנק נעמען קאלאסאלע פראצענטן 7½—8½. מיט איין ווארט, דאס איז באשיימפערלעך געווען ניט פאר דער ארעמשאפט; דער באנק האט שטארק מיטגעהאלפן דער פאנאנדערשיכטונג פונעם דארף, וואס האט זיך שוין פריער געהאט אנגעמערקט אליין, אפ א נאטירלעכן אויפן. פאר דער פויערשער מא־סע ווידער האבן די מאכטהאבער געהאט אין זייער רעשוס נאר איין מיטל — דעם אויסערקאנאמישן צוואנג. אלעקסאנדער דער דריטער האט נייל וויזט צוריק אופגעשטעלט דאס לייבייגנטום דערמיט, וואס ער האט אונטערגע־ווארפן די פויערים אין 1889 יאר אונטער דער קימאט ווילקירלעכער מאכט פו־נעם זעמסקי נאטשאלניק, וואס פלעגט באשטימט ווערן פון די „דווירעס־דיקע אדעליקע" («Потомственные дворяне») לויט א רעקאמענדאציע פון די ארטיקע פריצים. דער פויער האט איצט ווידער באקומען איבער זיך א „האר", דעם „זעמסקן" פלעגט מען אין פיל ערטער טאקע אזוי רופן. דער נייער

האָר האָט, ווי דער אַלטער, געמעגט, לויט זײַן אײַנזען, אַרײַנזעצן דעם פּויער אין קאָזע און שמײַסן אים דורכן וואָלאָסט־געריכט, וואָס איז געווען אונטערגע־וואָרפן דעם זעמסקי נאַטשאַלניק. אייניקע האָבן אָנגעהויבן שמײַסן מיט אַזאַ פלײַס, אַז זיי האָבן אַרויסגערופן פּויערשע אומרוען און זײַנען סאַפּקאָלסאָפּ אי־בערגעגעבן געוואָרן צום געריכט. נאָר אין אַלגעמיין גענומען, איז דער ווידער־שטאַנד קעגן דעם נײַעם לײַבייגנטום געגאַנגען ניט פון דאָרף.

דאָס נאָכרעפאָרמישע דאָרף. דאָס אופמאָנען די שטײַערן.

די ליבעראַלע בורזשואַזיע, וואָס האָט זיך שטאַרק דערשראָקן נאָכן 1־טן מאַרט 1881 יאָר (זי האָט געדענקט די רעזולטאַטן פון קאַראַקאָזאָווס שאָס און האָט זיך געריכט אָפּ צען מאָל ערגערע) האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז אָט די ווידערופשטעלונג פון לײַבייגנטום איז קלוימערשט געווען אַ מין גוואַלד אויך אי־בער איר, איבער דער בורזשואַזיע. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען בלויז צוויִעס: דעם גערעַנס וועגן די זעמסקע נאַטשאַלניקעס האָט אונטערגעזאָגט דער רעגירונג דאַפקע די זעמסטווע, דער רעמלטיקער קאָנצענטריר־פּונקט פון פאַר־שיידנאַרטיקן ליבעראַליזם, דאָס ליבלינג־קינד פון די „רוסקיִע וועדאָמאָסטי", „וועסטניק יעווראָפּי" און די איבעריקע בורזשואַזי־ליבעראַלע אָרגאַנען. כאָטש אַלעקסאַנדער דער דריטער האָט אַרויסגעגעבן (דעם 29־טן אַפּרעל 1881 יאָר) אַ מאַניפעסט וועגן דער פעסטקײַט פון דער זעלבסטהערשונג, האָט ער פונדעסט־וועגן אין אָנהייב פון זײַן רעגירן אַלץ אַרומגעבלאָנדזשעט אַהין און אַהער אַרום עפּעס אַ מין „אַרומגעשניטענער קאָנסטיטוציע". אָבער ווען ער האָט געגעבן די זעמסטוועס דאָס רעכט אַרויסצוזאָגן זיך וועגן אַ רעפאָרמע פון דער אָרטיקער פאַרוואַלטונג, האָבן די זעמסטוועס איינשטימיק אָפּגעוואָרפן דעם גערעַנס וועגן

אנ „אַלשטאַנדישער וואָלאָסט" (דאָס הייסט, וועגנ אָפּשאַפנ אינ דער אָרטיקער פאַרוואַלטונג די פאַרשיידענע פּריווילעגיעס פאַר די פּריצימ) אונ האָבנ גאַנצ איינ־מוטיק געשטיצט אַנ אַנדער געדאַנק: וועגנ דער נייטיקייט „אָוועקצושטעלנ בעראָש פונ דער וואָלאָסט־פאַרוואַלטונג א מענטשנ, וואָס זאָל האָבנ א באַדײַטנדיקע מאַכט, זאָל זײַנ אומאָפּהענגיק לויט זײַנ לאַגע, זאָל שאַפנ א גאַראַנטיע פאַר די נייטיקע מאָראַלע אונ אינטעלעקטועלע אייגנשאַפטנ, זאָל זײַנ פעיִק צו באַשיצנ די דאָרפישע באַפעלקערונג קעגנ באַליידיקונגענ אונ באַדריקונגענ אונ נעמענ אָפּ זיכ די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער אָרדענונג אונ רויִקייט אינ דער וואָלאָסט". אַלעקסאַנדער דעמ דריטנס אינערנ־מיניסטער, דער באַרימטער גראַף טאָלסטוי (אָט דער זעלביקער ניט־פּאָפּולערער מיניסטער פאַר פאָלקבילדונג, וואָס לאָריס־מעלי־קאָוו האָט געהאַט אָפּגעזאָגט, קעדיי זיכ אונטערצוכאַנפענענ צו דער געזעלשאַפט), איז מיט זײַנ פאָרשלאָג אײַנצואָרדענענ דעמ אינסטיטוט פונ די זעמסקע נאַ־טשאַלניקעס אַנטקעגנ געגאַנגענ דער זעמסטווע, וואָס אירע „פאַרזאָרגער" האָבנ שפּעטער אומזיסט געגאָסנ קראָקאָדיל־טרערנ.

פונקט אַזאַ צוויִעס איז אויכ געווענ דער צאָרנ פונ די „זעמסטווע־ליבעראַלנ" צוליב דער רעפאָרמע פונ דער זעמסטווע גופע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרנ אינ 1890־טנ יאָר לויט דער איניציאַטיוו פונ דעמ זעלביקנ טאָלסטוי (ער אַליינ האָט ניט דערלעבט ביזנ אַרויסגעבנ די נײַע „טאָקאָנעס"). מיר האָבנ געזענ, אַז די זעמסטווע איז שוינ פריִער אויכ געווענ א פּריצישע, אַז די וואַלנ אינ דער זעמסטווע זײַנענ שוינ פריִער אויכ געווענ באַגרינדעט אָפּ א שטאַנדנ־צענז, וואָס איז געווענ בלויז פאַרמאַסקירט אינ א פאַרמעגנ־צענז, אונ די אַדעליקע, די גוטסבאַזיצער האָבנ אַנטשיידנ דאָמינירט אינ דער זעמסטווע (זע ז"ז 144—145). אינ 1890־טנ יאָר האָט מענ אַראָפּגענומענ די דאָזיקע מאַסקע אונ די אַדעליקע האָבנ באַקומענ שטימרעכט אינ זעמסטווע אַלס אַדעליקע אונ ניט אונטערנ שלייער פונ „פערזענלעכנ ערדבאַזיץ", אונ זייער איבערוואָג איבער די איבעריקע שטאַנדנ איז נאָכ עטוואָס פאַרשטאַרקט געוואָרנ, דעריקער, אָפּנ כעזשבנ פונ די פּויערימ. אַלס בײַשפּיל קאָנ דינענ דער באָגאָראָדסקער אויעזד פונ מאָסקווער גובערניע (איצט גייט ער אַרײַנ אינ מאָסקווער געגנט): לויט די „טאָקאָנעס פונ 1864־טנ יאָר" איז דאָרטנ געווענ 44 ראַטמענער, דערונטער 19 פונ די דאָרפ־געמיינדעס, אונ לויט די „טאָקאָנעס פונ 1890־טנ יאָר" איז פאַרבליבנ 16, דערונטער 4 פונ די „דאָרפ־געמיינדעס" (שפּעטער האָבנ די פּריצימ זיכ דערשלאָגנ, עס זאָלנ זײַנ 24 ראַטמענער, נאָר די פּראָפּאָרצ איז געבליבנ די זעלביקע — פונ די „דאָרפ־געמיינדעס" סאַכאַקל 6).

די בורזשואַזנע ליבעראַלנ, בײַמ זיי ריידנ וועגנ אַלעקסאַנדער דעמ 3־טנס רעאַקציע, קלאָגנ זיי געוויינלעכ זייער שטאַרק דערויפ, וואָס מע האָט באַגרענעצט די רעכט פונ די זעמסטוועס, אָבער אינ פאַרגלײַכ מיטנ קאָלאָסאַלנ פאַרגרעסערנ די מאַכט פונעמ גוטסבאַזיצער אינ דער זעמסטווע, האָט די דאָזיקע באַגרענעצונג פונ די רעכט פונ דער זעמסטווע גופע קיינ שומ באַטײַט ניט. אינדערעמעסנ, וואָס פאַר א באַטרעפ האָט עס, אויב דער גובערנאַטער האָט געהאַט עטוואָס מער מאַכט באַמ באַשטימענ די זעמסטווע־אָנגעשטעלטע, ווי ביזנ 1890־טנ יאָר, ווענ מע פאַרגלײַכט עס דערמיט, וואָס די פּויערימ האָבנ אינ דער ווירקלעכקייט אינגאַנצנ פאַרלאָרנ די פאַרשטייערשאַפט אינ די זעמסטווע־אַנשטאַלטנ; ווײַל זייערע „פאַרשטייער", וואָס זײַנענ אויסגעקליבנ געוואָרנ אונטער א קאָלאָסאַלנ דרוק פונעמ

זעמסקי נאטשאלניק, פלעגן, זעלבסטפארשטענדלעך, אויסגעקליבן ווערן נאָר אלס
קאַנדידאַטן און באשטעטיקן זיי פאר ראטמענער (איינעם פון דרײַ) פלעגט
דער זעלביקער גובערנאטער. אַט דאָס איז טאקע ווירקלעך געווען אַ רעאקציע. פון
די בורזשוואזע קרײַזן האָט די רעאקציע פארכאפט, אין טאָכ גענומען, נאָר דעם
עקסט-לינקן פליגל, וואָס איז אומיטלבאר פארבונדן געווען מיט דער רעוואָלוציאָנע-
רער באוועגונג, — פארשטייט זיך, אז דער דאָזיקער פליגל איז געווען זייער קליין אין
צאָל. אהער קאָן מען פארעכענען דאָס, וואָס עס איז פארמאכט געוואָרן דער
זשורנאל „אָטעטשעסטווענ:יע זאפיסקי” (פאָטערלאנד־שריפטן), אין וועלכן עס
האָט געשריבן מיכײַלאָווסקי און, אונטער פסעוודאָנימען, אייניקע „אומלעגאלע”,
און אויך דאָס באזײַטיקן צוויי — דרײַ אוניווערסיטעט־פראָפעסאָרן, פון די לינק-
סטע, פארשטייט זיך, וואָס זײַנען, אגעוו, אזוי ווײַט געווען פון דער רעוואָליוציע,
אז די סאמע אָנגעזעענע פון זיי (לעמאָשל, מוראָמצעוו) זײַנען שפעטער געוואָרן
די צירונג פון דער קאדעטישער פארטיי. און אויך זיי האָבן געליטן, דעריקער,
אפן פראָפעסיאָנעלן באָדן — צוליב די פרוּוון צו קעמפן קעגן די נײַע אוניווער-
סיטעט-ווינטן, וואָס האָבן זיך פארקערפערט אין דעם אוניווערסיטעט־סטאטוט
פון 1884־טן יאָר.

נאָר מיט זײַן שארף איז דער דאָזיקער סטאטוט געווען געווענדט גאָרניט
קעגן דער פראָפעסור, נאָר קעגן דער סטודענטנשאפט. די סטודענטן, וואָס האָבן
פריִער אויך קיין שום רעכט ניט געהאט, זײַנען איצט ענדגילטיק פארגליכן גע-
וואָרן צו גימנאזיסטן, אָנגעהויבן פונעם מונדיר, אין וועלכן מע האָט זיי אָנ-
געטאָן, (קעדיי עס זאָל זײַן באקוועמער נאָכצושפירן נאָך זיי אין עפנטלעכע ער-
טער, — די מאכט האָט פארשטאנען, אז האָבן צוויי פאָר קליידער, פאָר-
מע-קליידער און ציווילע, וועט דער סטודענט, דער אָרעמאן, ניט זײַן בעכוידעכ,
אָ.אַ.נ, אבוצ דעם, איז פאַשעט געווען פארווערט צו טראָגן ציווילע קליידער) און
פארגעזעצט מיט דער האשגאָכע איבער זיי מיצאד דעם אינספעקטער, סוב־אינ-
ספעקטער און די פעדעלס, וואָס פלעגן זיך ארײַנמישן אין אלע קלייניקייטן
פונעם סטודענטישן לעבן, וואָס האָט זיך אבוצ דעם, געפונען אונטערן שטרענגן
קאָנטראָל פון דער פאָליציי, וואָס אָן איר דערלויבעניש האָט מען אפילו קיין
סטודענט ניט געקאָנט ווערן. דער רעזולטאט איז געווען אזא, אז אריבערגייענדיק
פון גימנאזיע אין אוניווערסיטעט, פלעגט דער סטודענט אַ פארווונדערטער בא-
מערקן, אז אין גימנאזיע איז געווען אַ סאך פרײַער און „ליבעראלער”. מערקווירדיק
דיק איז דאָס, וואָס די פראָפעסאָרן, וועלכע האָבן זיך אין אונדזערע צײַטן אָפגע-
זאָגט אָנצונעמען פון דער ראטנמאכט דעם סאמע דעמאָקראטישן סטאטוט פון
דער הויכשול, וואָס איז נאָר געווען ווען ניט איז אפ דער וועלט, האָבן אָנגענומען
אלעקסאנדער דעם דריטנס פאָליציייִשן רעזשים אָן שום ווידערשטאנד, — פון אָנ-
שטענדיקייט וועגן פלעגן זיי אונטערבורטשען אין פריוואטע שמועסן, ווען מע
האָט זיך געדארפט אויספײַנען מיט ליבעראליזם, נאָר מיט אַן אויסנאַם פון אַ
האלבער טוץ, האָבן זיי זיך אליין אָנגעהויבן באגיין מיט די סטודענטן, ווי מיט
גימנאזיסטן.

די סטודענטשאפט איז טאָלע געווען דער איינציקער אָטריאַד פון דער בור-
זשואזיע, פון דער גרויסער און קליינער, וואָס פון איר זײַט האָט זיך אלעקסאנ-
דער דעם דריטנס רעגירונג לאָסאָפ אָנגעהויבן אָנשטויסן אפ אַ ווידערשטאנד. פון
דער סטודענטישער סוויווע איז ארויס דער איינציקער טעראָריסטישער פרווו, וואָס

איז ניט פארבונדנ מיט דער „נאראדנאיא וואליא“, דער אטענטאט פונ א. אי. אוליאנאווונ מיט די איבעריקע (דורכויס סטודענטנ) אפ אלעקסאנדער דעם דריטנ דעם 1-טנ מארט 1887-טנ יאר. דער הארבסט פונ דעם זעלביקנ יאר האט געזענ די ערשטע גרויסע „סטודענטישע אומארדענונגענ“, וועלכע האבנ זיכ אנגעהויבנ אינ מאסקווע צוליב דער לאכלוטנ אומזיניקער העצע קעגנ די סטודענטנ מיצאד דעם אינספעקטער בריזגאלאוו. די דאזיקע אומרועס האבנ פארכאפט א גאנצע ריי שטעט. ניט נאר די פעדעלס אונ די סוכנ זיינענ געווענ אנמעכטיק אינעם קאמפ קעגנ די מאסקווער „אומארדענונגענ“, נאר עס האט אויכ ניט געקלעקט קיינ גאראדאוואיעס (פאליציי־לייט) פאר דער דאזיקער ארבעט, אונ דאס ערשטע מאל האבנ זיכ אפ די גאסנ פונ מאסקווע אנגעהויבנ עמעסע שלאכטנ צווישנ סטודענטנ מיט די קאזאקנ, וואס זיינענ ארויסגערופנ געווארנ „איינצושטילנ“ די שלאכטנ, וועלכע האבנ זיכ אונטערשיידט פונ די שפעטערדיקע ארבעטער־שטרייקנ, וואס זיינענ פארגעקומענ אינעם צווייטנ יארצענדליק, בלויז מיט דעם, וואס אינ די סטודענטנ האט מענ נאכ ניט געשאסנ, די קאזאקנ האבנ געארבעט מער מיט זייערע נאהייקעס, נאר אפטמאל פלעגנ זיי זיכ אויכ נעמענ פאר זייערע פיקעס אונ שווערדנ. דאס צערעכענענ זיכ האט אבער ניט אפגעשראקנ די סטודענטנ, אונ פונ דעמלט אנ פלעגנ זיכ די „אומארדענונגענ“ איבערכאזערנ אינ מאסקווע אונ אינ אנדערע שטעט, בעערעכ, יעדע צוויי יאר, — ביזנ סאפ נייננציקער יארנ, ווענ זיי האבנ אנגעהויבנ פארקומענ יעדעס יאר.

די אינטעליגענטישע יוגנט, וואס האט זיכ צעבונטעוועט קעגנ אלעקסאנדער דעם דריטנ אונ קעגנ זיינ רעזשים, האט, פארשטייט זיכ, געזענ אינ דעם רעזשים נאר זיינ פאליטישע זייט. זי האט געזענ די רעאקציע אונ דעם דעספאטיזם, זי האט געזענ, אז די איינצלנע פרווונ ארויסצווייזנ א ווידערשטאנד קעגנ דעם דעספאטיזם פלעגנ זיכ ענדיקנ מיט דער פארניכטונג פונ די, וואס פלעגנ ארויסווייזנ דעם דאזיקנ ווידערשטאנד, — אונ זי פלעגט אריינפאלנ אינ פארצווייפלונג. אונ טאקע צוליב דעם זיינענ די „80-קער יארנ“ פארבליבנ אינעם זיכארנ פונ דער רוסישער אינטעליגענצ אלס א פינצטערער פעריאד, ווי מיר האבנ שוינ דערמאנט. א „מענטש פונ די אכציקער יארנ“ — דאס איז א מענטש אנ אנטוישטער, וואס איז געווארנ אפהענטיק, וואס איז פארזונקענ אינעם זומפ פונ באלעבעטלדיקער עקזיסטענצ. אינ דער ליטעראטור האט די דאזיקע שטימונג געפונענ איר אויסדרוק אינ טשעכאווס דראמעס: איוואנאוו, דער דאקטער אסטראוו, דער פעטער וואניע, — דאס זיינענ אלצ פארשיידענע טיפנ פונ „אכציקער“. אונ דאכ האט גראד די עפאכע פונ אלעקסאנדער דעם דריטנ אוועקגעלייגט א פעסטנ פונדאמענט פאר דער רוסישער רעוואליוציאנערער באוועגונג. די דאזיקע באוועגונג, וואס האט זיכ פריער געשטיצט נאר אפ א דינעמ שיכט פונ דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענצ, וואס האט אומזיסט געזוכט פאר זיכ א שטיצפונקט אינעם פויערטום, הייבט אנ פונ די 80—90-ער יארנ צום ערשטנ מאל פילנ הינטער זיכ די ברייטע פאלקמאסנ אינ געשטאלט פונעם אינדוסטריעלנ פראלעטאריאט.

די אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע אינ רוסלאנד אינ אלעקסאנדער דעם דריטנס צייטנ איז אויסערלעכ פארבונדנ מיט דעם קער צו דער „שוצ־סיסטעמ“, וואס מיר האבנ שוינ געזענ אונ וואס אינ זיינ יעסאד איז געלעגנ דער אגראר־קריזיס — דאס פאלנ פונ די טוווע־פרייזנ אפנ וועלט־מארק אינ דעם לעצטנ פערטל פונעם נייננצנטנ יארהונדערט. אינדערעמעסנ איז דער צוזאמענבונד צווישנ

דעמ אינדוסטריעלנ אופשטײג מיטנ אגראר-קריזיס פונ די 80—90-קער יארנ א טאכ א טיפערער. דא קאנ מענ נאכשפירנ, ווי אײנע אונ די זעלביקע סיבע ווירקט פארשײדנ בא א פארשײדענעמ ניוואָ פונ עקאנאמישער אנטוויקלונג. אינ ניקאלײ דעמ 1-טנס צײטנ האט דער אגראר-קריזיס פארהאלטנ דאס ארײנדרינגענ פונ בורזשואזע פארהעלטענישנ אינ דארפ, האט געשטערט צו ליקווידירנ דאס לײביגנטומ, ווײל דאס פאלנ פונ די טווועפרײזנ האט פאשעט פארקירצט דעמ רוסישנ טווועעקספארט, האט פארקלענערט די ארבעט פונעמ פריצישנ גוט פארנ מארק. איצט, ווענ דאס פויערטומ איז „באפרײט" געווארנ, פלעגט אימ דער קריזיס פונ די טווועפרײזנ צווינגענ ארויסצווארפנ אלצ מער אונ מער טווועע צומ פארקויפנ, ד. ה. עס פלעגט פארגרעסערנ די פראדוקציע פארנ מארק. אינ די פינפ יאר פונ 1871-טנ ביזנ 1875-טנ פלעגט רוסלאנד ארויספירנ יערלעכ 3.164 טויזנט טאנ טווועע, אונ אינ 1896-טנ יאר האט רוסלאנד ארויסגעפירט 8.458.788 טאנ. נאר, אפגעבנדיק גאנצ אפט דעמ מארק דאס, אינ וואס ער האט זיכ אלײנ גענויטיקט, פלעגט דער פויער זײנ געצוווּנגענ צו קויפנ אלצ מער אפנ דאזיקנ מארק: אז ער פלעגט אינ הארבסט פארקויפנ זײנ גאנצע גערעטעניש, פלעגט ער אינ פרילינג זײנ געצוווּנגענ צו קויפנ ברויט. די פויערישע ווירטשאפט איז אלצ מער געווארנ א געלט-ווירטשאפט. אונ די רויִנירונג פונעמ דארפ, די פאנאנדערשיכטונג פונעמ פויערטומ, וועגנ וועלכער מיר האבנ גערעדט אויבנ, האט נאכ שטארקער געמאכט די שטרעבונג פונ דער פויערשער ווירטשאפט צו ווערנ א געלט-ווירטשאפט. שטודירנדיק די פויערשע בודזשעטנ, דאס הײסט, די האכנאסעס אונ הויצאעס פונ יעדנ פויער, האט די סטאטיסטיק פונ די אכציקער יארנ באמערקט, אז גראד בא די סאמע ארעמע, אנפערדיקע, אונ בא די סאמע רײכע, וואס האבנ געהאט מער ווי פיר שטיק ארבעט-פי אפ א פאמיליע, איז דער גרעסטער טײל האכנאסעס אונ הויצאעס געווענ אינ געלט, ד. ה. אז זײ פלעגנ פארקויפנ אונ קויפנ אנ א זײט מער, אײדער זײ פלעגנ פראדוצירנ אונ געברויכנ אינ זײער אײגענער ווירטשאפט.

די רויִנירונג פונעמ פויער האט געשאפנ דעמ אינערלעכנ מארק: צו אזא מאדנער, פאר א פאלקיסט, לאגע האט געפירט די „קײט דערשײנונגענ, וואס מיר האבנ באטראכט. אונ דער דאזיקער וווּקס פונעמ אינערלעכנ מארק איז געגאנגענ אינ די לעצטע 20 יאר פונעמ נײנצנטנ יארהונדערט אזוי גיכ, אז די רוסישע אינדוסטריע האט געקאנט אויסוואקסנ קימאט אינ פיר מאל, ניט נײטיקנדיק זיכ אינ אויסערלעכע מערק: אינ 1877-טנ יאר האט מענ אונדזער גאנצע פראדוקציע געשאצט אינ 541 מיליאנ מעטאל-רובל, אונ אינ 1897-טנ יאר — אינ 1816 מיליאנ. אפילע בלויז פאר אײנ יארצענדליק 1887—1897 איז די פראדוקציע פונ די רוסישע פאברילנ אויסגעוואקסנ קימאט אינ דרײ מאל פאר דער מעטאלורגיע (פונ 113 מיליאנ רובל ביז 311 מיליאנ) אונ העכער ווי אינ צווײ מאל פאר דער טעקסטיל-אינדוסטריע (462 אונ 946 מיליאנ רובל).

גלײכצײטיק מיט דער אינדוסטריע איז געוואקסנ, האגאמ לאנגזאמער, ווי מע האט עס טאקע געדארפט דערווארטנ, אויכ דער אינדוסטריעלער פראלעטאריאט: אינ דער מעטאלורגיע איז אינ 1887-טנ יאר געווענ פארנומענ 103 טויזנט ארבעטער, אונ אינ 1897-טנ יאר — 153; אינ דער טעקסטיל-אינדוסטריע — 309 טויזנט אינ 1887-טנ אונ 642 טויזנט — אינ 1897-טנ יאר.

פונוואַנענ איז רעקרוטירט געוואָרנ די דאָזיקע אַרמיי? אַנ אַלגעמיינעמ ענטפער האָבנ מיר שוינ געגעבנ — פונ דעמ רוינירטנ פויערטומ. ווי אינ אַכצנטנ יאָרהונדערט אינ ענגלאַנד, אַזוי איז אויכ צומ סאָפ נײַנצנטנ יאָרהונדערט אינ רוסלאַנד, די פאַבריק געווענ דער מאַגנעט, וואָס האָט צוגעצויגנ צו זיכ די דאָרפישע אָרעמשאַפט, אָפּטמאָל פונ גאַנצ ווײַט; שוינ אַרומ דעמ 1880-טנ יאָר איז אינ די טעקסטיל-פאַבריקנ אינ מאָסקווע בלויז אַ מינדערהײַט פונ די אַרבעטער, אַנערעכ 40 פּראָצענט, באַשטאַנענ פונ געבאָרענע אינ מאָסקווער גובערניע (אונ דערבײַ איז פינ מאָסקווער אויעזד געווענ סאַכאַקל 29 אָפּ יעדע טויזנט): די מערהייט, קימאַט 60 פּראָצענט, איז געווענ פונ די שכייניש גובערניעס — קאַלוגער, סמאָלענסקער (וואָס גייענ איצט אַרײַנ אינ מאָסקווער אונ אינ מײַרעוודיקער געגנט) אאַוו. דער גרעסטער טייל זייערער האָט זיכ נאָכ ניט אינגאַנצנ „אַנטפּויערט" — זיי האָבנ נאָכ אײַנגעהיט זייער ווירטשאַפט אינ דאָרפ אונ פלעגנ אַוועקגייִנ אַהינ אָפּ זומער-אַרבעט; נאָר אַ באַדײַטנדיקער טייל, מער ווי אַ פערטל (29 פּראָצענט) האָט שוינ געאַרבעט אינ די פאַבריקנ דאָס גאַנצע יאָר. עס איז גאַנצ נאַטירלעכ, אַז צווישנ אָט די „ניט-אַוועקגייענדיקע" האָבנ דאָס ערשטע אָרט פאַרנומענ די אַמערסטנ קוואַליפיצירטע אַרבעטער: בײַ די שלאָסערס איז „ניט-אַוועקגייענדיקע" געווענ 60 פּראָצענט, בײַ די זעלבסטוועבער — 43 פּראָצענט, בײַ די גראַווירער — 41 פּראָצענט; דער האַנטוועבער איז, פאַרקערט, נעענטער פונ אַלצ געשטאַנענ צומ פויער: פונ די וואָלוועבער פלעגנ אַרבעטנ אינ פאַבריק דאָס גאַנצע יאָר סאַכאַקל 9 פּראָצענט, פונ די באַוול-וועבער — סאַכאַקל 4 פּראָצענט. עס איז אויכ גאַנצ נאַטירלעכ, אַז אָט די „ניט-אַוועקגייענדיקע" זײַנענ געווענ דער סאַמע געבילדעטער טייל פונעמ פאַבריק-פּראָלעטאַריאַט; דער דורכשניטלעכער פּראָצענט גראַמעטנע איז בײַ זיי געווענ העכער 50 (51,2) — די גרעסטע העלפט פונ זיי איז געווענ גראַמעטנע, אינ דער צײַט ווענ, ביכלאַל גענומענ, איז צווישנ די אַרבעטער געווענ עטוואָס מער ווי אַ דריטל (36,3) גראַמעטנע, אונ צווישנ די באַוול-וועבער, וואָס זײַנענ נאָכ זייער ווייניק געווענ „אַנטפּויערט", אַפילע סאַכאַקל איינ פינפטל (21,3). גראַמעטקײַט איז די ערשטע שטאַפּע צו באַוווּסטזיניקײַט: גראַמעטע איז דאָס טעכנישע מיטל צו ווערנ באַוווּסטזיניק. העכער אַ דריטל אַרבעטער-מאַנצבילנ האָבנ שוינ באַהערשט דאָס דאָזיקע מיטל, — זיי האָבנ שוינ געקענט איבערלייענענ אַ צײַטונג, אַ ביכל, האָבנ שוינ געקענט איבערלייענענ אויכ אַ פּראָקלאַמאַציע. אַרומ דער פאַבריק האָט זיכ שוינ אָנגעהויבנ אויסבילדנ יענער שיכט שטאָטישע באַפעלקערונג, וואָס קאָנ לייענענ אונ שרײַבנ אונ וואָס איז געווענ דער שטיצפּונקט פונ דער דעמאָקראַטישער באַוועגונג אינ מײַרעוו-אייראָפּע. צו דער „גראַמעטנער וועלט פונ כוצפּעדיקע יונגלײַט" וועגנ וועלכע באַקונינ האָט אַמאָל געטרוימט, האָט די אַנטוויקלונג פונעמ רוסישנ אינדוסטריעלנ קאַפּיטאַליזמ צוגעגעבנ אַ גרויסנ צוגאָב

עס בלײַבט נאָכ איבער צו זאָגנ, אַז דער דאָזיקער שיכט איז געווענ אויכ אַ גאַנצ שטאַנדהאַפטיקער: קימאַט בײַ אַ העלפט פונ אַלע מאָסקווער טעקסטיל-אַרבעטער אינ אָנהייב פונ די 80-קער יאָרנ (בײַ 42,8 פּראָצענט) האָבנ שוינ אויכ די פאָטערס געאַרבעט אינ פאַבריקנ. דאָס זײַנענ געווענ, אַזוי צו זאָגנ, „פּראָלעטאַריער בעיערושע". דער באַאָבאַכטער, וואָס האָט עס אַנטדעקט אונ וואָס האָט זיכ אַפּאָנעמ געפונענ אונטערנ אײַנדרוק פונעמ געוויינלעכנ פאָלקיסטישנ אָבערגלייבנ, אַז אינ רוסלאַנד „קאָנ קיינ קאַפּיטאַליזמ ניט זײַנ" אונ אַז רוסלאַנד איז מעמילע גאַראַנטירט אויכ פונ דער „פּראָלעטאַריאַט-מאַקע", האָט, בײַמ ער האָט

צונויפגעזאמלט די אויבנ געבראכטע פאקטנ, ניט געקאָנט ניט קומענ צומ אויספיר, אז דער „פאבריק-פראָלעטאריאט איז — אָטראָט קומט ער שוינ צו אונדז". פאקטיש האָבנ מיר שוינ געהאט א פאבריק-פראָלעטאריאט.

אינ וואָס פאר א באדינגונגענ האָט געלעבט אָט דער נייער פאר דעמ פאָליסטישנ רוסלאנד געזעלשאפטלעכער שיכט? טאקע אינ די זעלביקע, איל וועלכע עס לעבנ שטענדיק די ארבעטער אינ די פעריאָדנ פונ „ערשטנ אופבלי" פונעמ אינדוסטריעלנ קאפיטאליזמ, ווענ די אינדוסטריעלע בורזשואזיע פייערט איר „פריילינג". פרילינג-צייט איז אינ רוסלאנד נאָכ אונ קאלט—די שמוצ אונ בלאָטעס פונעמ רוסישנ אינדוסטריעלנ „פרילינג", זיינענ, פארשטייט זיכ, פריער פאר אלצ אָנגעקומענ דעמ רוסישנ פראָלעטאריער. בלויז די אמערסטנ ווערטפולע פארנ באלעבאָס, די אמערסטנ קוואליפיצירטע ארבעטער האָבנ געהאט אינ אָנהייב אכציקער יאָרנ באזונדערע דירעס צומ וווינענ; די גרויע ארבעטער-מאסע פלעגט שלאָפנ דאָרטנ, ווו זי האָט געארבעט. אינ די מאָסקווער וועב-פאבריקנ פלעגנ די וועבער „קימאט שטענדיק" שלאָפנ אינ די ווערקשטאטנ, אפ זייערע וועב-שטולנ. אפ אזא שטול, 2 מעטער די לענג אונ 1¾ מ. די ברייט, פלעגט שלאָפנ א גאנצע פאמיליע. אלס אונטערבעט פלעגנ דינענ די אייגענע קליידער אָדער „וועלכע עס איז שמוציקע שמאטעס", פילצ, ראָגוזשעס אאז"ו. די באלעבאטימ פלעגנ פארזיכערנ דעמ דאָקטער, וואָס האָט עס אלצ באשריבנ, אז די ארבעטער „האָבנ ליב" צו לעבנ אזוי, אז מע-קאָנ קלוימערשט ניט איינריידנ דעמ ארבעטער, ער זאָל גיינ אינ א באזונדער שלאָפ-צימער.* נאָר, אדאנק דעמ שטויב, איז אינ די ווערקשטאטנ געווענ אזויפיל פליי, אז אפילע דער געדולדיקער רוסישער ארבעטער פלעגט ניט אויסהאלטנ אונ פלעגט זומער-צייט באָשעט שלאָפנ אפנ הויפ. אינ אנדערע ערטער פלעגנ די ארבעטער אפ צו ראטעווענ זיכ פונ די פליי, איינאָרדענענ מינע נעסט-קעסטלעכ אונטער דער סטעליע, 2½ מעטער פונ דיל, אונ זיי אליינ האָבנ א נאָמענ געגעבנ די קעסטלעכ „שטאָרנ-נעסטנ".

אזוי האָט געלעבט די מאסע. נאָר אויכ די ארבעטער-„אריסטאָקראטיע", וואָס האָט געהאט צומ וווינענ ניט נאָר א באזונדערע קאזארמע, נאָר אויכ א באזונדער צימערל אינ דער קאזארמע פאר יעדער פאמיליע, איז גאנצ ווייט געווענ פונ בורזשואזער עקזיסטענצ. „אינ דעמ גרעסטנ טייל פאבריקנ פונ וולאדימירער גובערניע (איצט איוואנאָווער געגנט) — האָט געשריבנ אינ צוויי יאָר ארומ דער זעלביקער דאָקטער, וואָס אימ האָבנ מיר צו פארדאנקענ די ידיעס וועגנ דעמ לעבנ פונ די מאָסקווער טעקסטיל-ארבעטער אינ די 80-קער יאָרנ (שפּעטער איז ער געוואָרנ א פאבריק-אינספעקטער — אונ דאָס האָט זיכ אָפּגעשפּיגלט אפנ טאָנ פונ זיינע באשרייבונגענ), — איז שמוצ אונ שלעכטע ניט פרישע לופט, א נייטיקער באשטאנדטייל פונ די ארבעטער-שלאָפצימערנ". אונ אָט ווי ער באשרייבט דאָס ארבעטער-„קעמערל" פונ יענע צייטנ — איינ צימערל מיט צוויי אונ אָפּטמאָל מיט איינ פענצטער, אינ וועלכנ עס פלעגנ וווינענ צוויי פאמיליעס: וועגנ באקומענ א גאנצ צימער פאר איינ פאמיליע האָבנ אפילע די „אריסטאָקראטנ" אויכ ניט געקאָנט

* קעדיי דער לייענער זאָל ניט שלעכט דענקענ וועגנ די מאָסקווער פאבריקאנטנ פונ די 80-ער יאָרנ, וועלנ מיר דערמאָנענ, אז נאָכ אינ 1919-טנ יאָר, ווענ מע האָט געפרעגט די פראָפעסאָרנ פונ מאָסקווער אוניווערסיטעט, פארוואָס וואלגערנ זיכ די נידעריקערע אָנגעשטעלטע אינ נאסע, פינצטערע קעלערס אונ זיי אליינ, די פראָפעסאָרנ, וווינענ אינ גערוימע, ליכטיקע אונ טרוקענע דירעס, האָבנ זיי געענטפערט אז די נידעריקערע אָנגעשטעלטע „גייענ אליינ ניט פונ די קעלערס".

טרוימענ.* „באַם אַרײַנגאַנג, פונ בײדע זײַטנ טיר, שטײענ בעטלעכ, צוגעדעקט מיט פאָרהאַנגענ; דאָס זײַנענ די בעטלעכ פונ בײדע פאַמיליעס; װײַטער איז דער לענג פונ דער װאַנט זײַנענ אײַנגעאָרדנט שלאָפ-ערטער פאַר די מינדעריעריקע פונ יעדער פאַמיליע; די מינדעריעריקע האָבנ אױכ אָפטמאָל בעטלעכ, נאָר דאָסראָװ שלאָפנ זײ אױפנ דיל. אינ די זעלביקע ערטער הענגענ געװײנלעכ װיגעלעכ מיט װיג-קינדער; לעסאָפ, בײַ דער װאַנט, פונ בײדע זײַטנ פענצטער, האָט יעדע פאַמיליע איר טיש, בײַ װעלכנ זי עסט. אינ די װינקלעכ, בײַ די פענצטער, הענגענ געװײנלעכ עטלעכע הײליקע בילדער אונ ניט אַנדערש װי מיט אַ לעמפּעלע בײַ יעדערנ, אונ אױפ די װענט — פּאַשעטע ליטאָגראַפיעס מיט בילדער פונ די מיטגלידער פונ דער צאַרישער פאַמיליע; צװישנ די דאָזיקע בילדער הענגט אָפטמאָל אַ ביליקער װאַנט-זײגער. אינ אײניקע קאַראָמלעכ זײַנענ פאַראַנ אַפילע בלומענ אױפ די פענצטער אונ פאָרהאַנגענ”.

אַז מיר װעלנ װײַטער לײענענ, װי די אַרבעטער זײַנענ דעמ 9-טנ יאַנואַר 1905 יאָר געגאַנגענ מיט קלױסטער-פאָנעס אונ הײליקע בילדער צומ װינטער-פּאַלעצ רײדנ מיטנ קײסער, װעט אונדז נוצלעכ זײַנ צו דערמאָנענ זיכ אָנ דעמ דאָזיקנ אױסזעענ פונ דער רוסישער אַרבעטער-װױנונג אינ דער אַלטער צײַט, מיט „הײליקע” בילדער אונ צאַרישע פּאָרטרעטנ. דער דאָזיקער פרומער אונ געטרײַ-אונטערטעניקער פּראָלעטאַריט האָט, פאַרשטײט זיכ, געגעסנ פונקט אַזױ שלעכט, װי ער האָט געװױנט. אומעטום אינ די קיכנ װערט פאַרצײַכנט אַ „אומגעהײַערע שמוץ”. אינ די אַרבעטער-גאָרקיכנ איז געװענ אַזאַ ענגשאַפט (מע פלעגט אָפטמאָל עסנ אינ צװײ רײענ—באַם טיש פלעגנ זיצנדיק עסנ די דערװאַקסענע, אונ הינטער זײ, שטײענדיק — די קינדער) אונ עס איז געגאַנגענ אַזאַ געדיכטער דאַמפ פונעמ עסנװאַרג אונ פונ די עסער אַלײנ, אַז ס'איז אומעגלעכ געװענ אַפילע „מיטאָמאָל פאַנאַנדערצוקלײַבנ, װאָס דאָ טוט זיכ אַזױנס”. בײַ אַזױנע באַדינגונגענ פלעגט זיכ דער אַרבעטער אינ יענע צײַטנ, װענ דאָס לעבנ איז געװענ אינ פיר מאָל ביליקער, אײדער אַפילע אינ 1914-טנ יאָר פאַר דער מילכאָמע, דערנערנ ניט בעסער, אײדער נאָכ דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, בײַם דעמ בירגער-קריג אונ דער בלאָקאַדע. זײַנ געװײנלעכע שפּײַז איז געװענ געדריכערטע טאַראַנקעס, געזאַלצנ פלײש, אָפט מיט אַ רײַעכ, אונ אױב ער פלעגט עסנ פריש פלײש, איז עס געװענ דער „לונג אונ לעבער”, די געדערימ פונעמ אָקס. אונ דאָס איז געװענ אינ יענע צײַטנ, װענ אַ קילאָגראַמ גוט פלײש טשערקאַסער האָט געקאָסט אינ מאָסקװע 25 קאָפּעקעס. אונ דערבײַ פלעגנ אָט די אַלע אַרבעטער מוזנ קױפנ ניט אױפנ „פרײַענ מאַרק”, נאָר אינ דער פאַבריק-קראָמ. װי מיר, זעענ, האָט די בורזשואזיע, װאָס איז דערנאָכ געװענ אַזױ אױפגעבראַכט קעגנ דעמ „אומזיניקנ ברױט-מאָנאָפּאָל”, קעגנ די באַדריקונגענ פונעמ „פרײַענ האַנדל”, האָט זי אינ איר צײַט צוליב אירע אינטערעסנ געװוּסט װי צו אײַנאָרדענענ אַ מאָנאָפּאָל אױפ דערנערונג-פּראָדוקטנ פאַר אירע אַרבעטער. מער ניט, װאָס די פּראָדוקטנ, װעלכע די ראַטנמאַכט מאָנאָפּאָליזירט, װערנ פאַרקױפט דער באַפעלקערונג פאַר פעסטע פרײַזנ, — אַ סאַכ ביליקער, אײדער אױפנ פרײַענ מאַרק, — אױפ דער סוכאַרעװקע. אונ דעמלט פלעגט די פאַבריק-מאָנאָפּאָל געבנ דעמ אַרבעטער דערנערונג-פּראָדוקטנ לױט אַ פרײַז,

* מע קאָנ פאַר[illegible] דער מאַס װער בורזשואזיע פונ אונדזער צײַט, װעלכע מע האָט צונױפגעפּרעסט ביז אײנ מענטשנ אױפ אײנ צימער. גיט נאָר אַ טראַכט, דאָס איז דאָכ סאַכאַקל אינ 5 מאָל גרעסער, אײדער עס האָט געלעבט דער רוסישער אַרבעטער מיט 49 יאָר צוריק.

וואס איז געווען פיל העכער, ווי אפ דער דעמלטיקער סוכארעווקע. למשל, אין קאלאמנע פלעגט מען פארקויפן אין די פאבריקן קארענע מעל צו 7—8 קאפ. א קילאגראם און אין דער זעלביקער קאלאמנע, אין קראם פלעגט קאסטן 6 קאפ. א קילאגראם; זאלץ פלעגט מען פארקויפן צו 4—5 קאפ. 4 קילאגראם און אין די קאלאניאלע קראמען פלעגט מען פארקויפן זאלץ צו 3 קאפ. א קילאגראם; צוקער 70 קאפ. א קילא, און אין די קראמען—55 קאפ. און אזוי ווי די ארבעטער פלעגן זיך שפּײַזן ארטעלנווײַז, און בעראש פון יעדן ארטעל איז געשטאנען זײַן עלטסטער (סטאראסטע), וואס איז, לויט דער מיינונג פון די פאבריק-אינספעקטארן, „געווען א „וווכערניק”, פלעגט דערבײַ א היפשער כיילעק פון די ארבעטער-גראשנס, 10—15 פראצענט פון אלץ, וואס מע פלעגט אײַנקויפן, ארײַנפאלן נאך צו אט דעם סטאראסטע.

פון שלעכטע דערנערונג, פון לעבן אין שרעקלעכע באדינגונגען, פלעגט דער ארבעטער, פארשטייט זיך, לײַדן אפ קאלעריי קרענק: בא די ארבעטערנס אין די מאסקווער טעקסטיל-פאבריקן איז די צאל קראנקע אפ שווינדזוכט דערגאנגען ביז 134 אפ טויזנט. נאר צו די דאזיקע קראנקײַטן פון אָרעמקײַט פלעגט צוקומען נאך איינע „עפידעמיע” — אן אויסשליסלעך פראלעטארישע — די „טראוומאטישע עפידעמיע”, ווי עס פלעגן זי אפטמאל, מיט א טרויער-שפאס, רופן די דאקטוירים, אן עפידעמישע קראנקײַט פון פארוווּנדעטע און קאליעטשעטע ווערן. אט איז, אשטייגער, א בילד פון א דעמלטיקער פאבריק, וואס דערקלערט אונדז די דאזיקע „עפידעמיע”; דאס דאזיקע בילד גיט איבער א פאבריק-אינספעקטער (ער האט זיך, פארשטייט זיך, באמיט ניט צו „קריוודען” דעם פאבריקאנט). אפ דער דאנילאווער מאנופאקטור „איז אין דער ברען-אפטיילונג צווישן צוויי מאשינען מיט אן א שיר צאנ-רעדער, וואס דרייען זיך אין פארשיידענע ריכטונגען, פאראן א דורכגאנג סאכאקל בעערעך א האלבן מעטער די ברייט; דורכן דאזיקן דורכגאנג גייען אין משך פון מעסלעם דורך, אן ספק, הונדערטער ארבעטער, דערונטער אויך מינדעריעריקע; די מינדסטע אומפארזיכטיקײַט, באזונדערס בא דעם הערשנדיקן טומל און היץ אין דער דאזיקער אפטיילונג, איין ניט זיכערער טריט אדער א שטופ — און דער מענטש קאן אין דעם דאזיקן דורכגאנג גרינג פארטשעפען זיך אין דער אדער יענער צאנ-ראד און צעקאליעטשעט ווערן”. שענער פון אלץ איז דאס, וואס שיידלען צו פארדעקן די געפערלעכע מעכאניזמען זײַנען אין דער פאבריק יא געווען, נאר זיי „זײַנען געלעגן צונויפגעלייגט אפן דיל, און מע האט זיך מיט זיי ניט באנוצט”.

פאר דער „טראוומאטישער עפידעמיע” זײַנען, אזויארום, געווען די ברייטסטע מעגלעכקײַטן. מיט וואס פאר א פארנעם עס האט געווילדעוועט די דאזיקע „עפידעמיע” וועלן באווײַזן אייניקע ציפערן, וואס מיר נעמען פון א באריכט פון א צווייטן פאבריק-אינספעקטער, ניט קיין מאסקווער, נאר א ווּלאדימירער. אפ דער סאקאלאווער מאנופאקטור איז פאר צוויי יאר געווען: בא די וועבער 67 קאליעטשעטע אפ טויזנט מאן, בא די קעמער — 250, בא די שלאסער — 535, בא די טאקער — 625 אפ טויזנט. און בא די קופערשמידן איז די דאזיקע צאל דערגאנגען ביז 750; פאר צוויי יאר פלעגט נאר איין ארבעטער פון פיר בלײַבן גאנץ. דורכשניטלעך „פלעגן באקומען די שווערסטע צעשעדיקונגען — איבערבראכן — 4 מאן פון 100 ארבעטער”, „געריסענע און געשטאכענע וווּנדן” פלעגן באקומען 5 פון הונדערט, געשעדיקט אפ די אויגן פלעגן ווערן 9 פון הונדערט

אאוו. נאָר וויַט ניט אינ אַלע פאַבריקנ איז גרינג געווענ צו באַקומענ אַזוינע פּינקטלעכע ציפערנ. די באַלעבאַטימ האָבנ ניט ליב געהאַט, ווענ מע פלעגט זיי דערמאָנענ וועגנ אָט דער לינקער זײַט „פונ דער גלענצנדיקער אַנטוויקלונג פונ דער רוסישער אינדוסטריע", אונ אינ די שפּיטאָל-טאַבעלעס פונ פיל אונטערנעמונגענ האָט מענ ניט געקאָנט געפינענ קיינ איינ צופאַל פונ פּראָפעסיאָנעלנ קאַליעמשעט ווערנ אינ דער פאַבריק, — דערפאַר פלעגנ אָפ א מעגושעמדיקנ אויפנ בא פולקומענ שאָלעמ (אונ מיט קיינ רעוואָליוציע האָט נאָך ניט געשמעקט) זײַנ צענדליקער „ווונדנ פונ פײַערשיסנדיקנ אונ קאַלטנ געווער". אינ קאָלאָמנער מאַשינענבוי-זאַוואָד האָט זיך פאַר א יאָר אָנגעקליבנ 677 מאַנ אַזעלכע „פאַרוונדעטע" אינ שאָלעמ-צײַט.

נאָר די דאָזיקע „פרידלעכע פאַרוונדעטע" דערציילנ ניט בלויז וועגנ דער צאַרטער פילבאַרקײַט פונ די פאַבריקאַנטישע נערוונ, נאָר נאָך וועגנ עטוואָס אַנדערש. וויאַזוי האָט מענ עס טאַקע געקאָנט פאַרשרײַבנ אַנ אַרבעטער, וואָס איז קאַליעטשעט געוואָרנ דורכ זײַנ באַלעבאָס מאַשינ אַלס „א פאַרוונדעטנ מיט פײַערשיסנדיקנ געווער"? ווּ קאָנ דאָך אָנקלאָגנ אינ געריכט אונ וועט פאָדערנ העזייקעס? ער איז דאָך א פּראָסטער מענטש, ניט קיינ לײַביייגענער? די רוסישע פּראָלעטאַריער פונ די 80-קער יאָרנ זײַנענ שוינ ניט געווענ קיינ לײַבייגענע, — דאָס איז ריכטיק, אָבער אויכ פרײַ זײַנענ זיי געווענ גאַנצ לעפּיערעכדיק, יעדנפאַלס ניט אינ דעמ זינ, אינ וועלכנ עס זײַנענ געווענ פרײַ די מערעוו-אייראָפּייִשע אַרבעטער.

יענער באַאָבאַכטער, וואָס האָט באַשריבנ די מאָסקווער טעקסטיל-פאַבריקנ אינ סאַמע אָנהייב 80-לער יאָרנ, בייס ער איז נאָך ניט געווענ קיינ פאַבריק-אינספּעקטער, ווײַזט אָנ אָפ דער אייגנאַרטיקער באַציִונג פונ די מאָסקווער פרידנ-ריכטער (מיר געדענקענ, אַז זיי זײַנענ דורכויס געווענ פונ דער בורזשואַזיע) צו די אָנקלאָגעס פונ די פאַבריק-אַרבעטער קעגנ זייערע באַלעבאַטימ. די דאָזיקע אָנקלאָגעס פלעגנ אָפּגעזאָגט ווערנ אינ 4 פאַלנ פונ 5, — אונ דאָס איז ניט געקוקט אָפ דעמ, וואָס „די מערהײַט אַרבעטער האָט מוירע געהאַט פאַר קאָלערליי געריכטנ אונ פלעגט דערבײַ קימאַט אָנ שומ טײַנעס אונטערוואַרפנ זיך אונטער דעמ ווילקיר פונ די באַלעבאַטימ", אַזוי אַז צומ געריכט פלעגנ דערגיינ, פאַרשטייט זיך, נאָר די סאַמע הימלשרײַענדיקע איניאָנימ. דאָס מאָלט, פאַרשטייט זיך, גלענצנדיק די טעטיקײַט פונעמ פרידנ-געריכט, פונ וועלכנ די רוסלענדישע בורזשואַזיע ליבעראַלנ פלעגנ אויכ כאַפּנ היספּײַלעס. אינ דער זעלביקער צײַט אָבער באַווײַזט עס, אַז די מיכברויכנ פונ די בורזשואַזע ריכטער פלעגנ אייגנטלעכ אינ א גאַנצ קליינער מאָס שווערער מאַכנ דעמ גוירל פונעמ אַרבעטער: אינעמ גרונט דערקלערט זיך דער דאָזיקער גוירל דערמיט, וואָס די אַרבעטער האָבנ געמוזט „אָנ טײַנעס זיך אונטערוואַרפנ אונטערנ ווילקיר פונ די פאַבריקאַנטנ". אונ דאָס ווידער דערקלערט זיך מיט דעמ, וואָס עקאָנאָמיש איז דער אַרבעטער אינגאַנצנ געווענ אָפּהענגיק פונעמ בעסעד אָדער אומכעסעד פונ זײַנ באַלעבאָס. ערשטנס, פלעגט דער באַלעבאָס צאָלנ דעמ אַרבעטער זײַנ אַרבעט-לוינ ווענ ער, דער באַלעבאָס, האָט געוואָלט. פונ די 181 אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ, וואָס דער מאָסקווער פאַבריק-אינספּעקטער האָט באַטראַכט אינ 1882—1883-טנ יאָר, האָבנ נאָר אינ 71 עקזיסטירט וועלכע ס'איז קלאָלימ וועגנ פאַנאַנדערצאָלנ זיכ מיט די אַרבעטער: „אַזויאַרומ, — זאָגט דער דאָזיקער פאַבריק-אינספּעקטער, — בלײַבט העכער 100 פאַבריקנ, ד. ה. א באַדײַטנדיקע מערהײַט, ווו דאָס פאַ-

באנדערצאָלנ זיכ מיט די ארבעטער איז גאנצ אומבאשטימט און הענגט פולקומ אָפּ פונעמ באלעבאָס ווילנ און פונ זײַנ קעשענע". און א צווייטער פאבריק-אינספעקטער, א וולאדימירער, האָט אינ דער זעלביקער צײַט דערציילט: „עס טרעפט זייער אָפט, אז באַמ אָנקומענ אינ דער פאבריק ווייס דער ארבעטער אפילע ניט, וויפל וועט אימ דער באלעבאָס באשטימענ פאר זײַנ ארבעט.

ער פלעגט אָפט ניט וויסנ וויפל ער וועט באקומענ אפילע ווענ די ארבעט איז שוינ געווענ פארענדיקט. ווײַל, ניט האלטנדיק, אז ער איז מעכויעוו צו צאָלנ דעמ ארבעטער באשטימטע סכירעס אינ א באשטימטנ טערמינ, פלעגט דער באלעבאָס פאָדערנ פונעמ ארבעטער איבערנאטירלעכע פינקטלעכקײַט און פלעגט אנראכמאָנעסדיק *שטראָפירנ* אימ פאר יעדנ פארזענ. פלעגט דער ארבעטער איינ טאָג ניט ארויסגיינ צו דער ארבעט, פלעגט מענ אימ אָפּרעכענענ פאר צוויי טעג, פלעגט ער ניט ארויסגיינ א דריטל טאָג, פלעגט מענ אימ אָפּרעכענענ פאר א גאנצנ טאָג. פלעגט ער אוועקגיינ פארנ טערמינ, אפּ וועלכנ ער האָט זיכ געהאט פארדונגענ, פלעגט מענ אימ באַמ אָפּרעכענענ זיכ אויסרעכענענ פאר 6, 12 טעג און אפילע פאר א גאנצנ כוידעש (אינ דער איבערוועגנדיקער מערהײַט פאבריקנ פלעגט מענ זיכ פאנאנדערצאָלנ מיט די ארבעטער איינ מאָל אינ כוידעש, — פונ די 181 מאָסקווער פאבריקנ, וואָס ווערנ דערמאָנט אויבנ, איז נאָר אפּ דרײַ פלעגט מענ זיכ פאנאנדערצאָלנ איינמאָל אינ צוויי וואָכנ, לויט דעמ סיסטעמ, וואָס איז שפּעטער אײַנגעפירט געוואָרנ אומעטומ). „טערוצימ אפּ צו שטראָפירנ איז פאראנ א סאכ און באדײַטנדיקע און, דאָס הייסט, אז ארונטערפאלנ אונטער האָט דער גרויסער שטראָף (עס האנדלט זיכ וועגנ 10 רובל געלד) איז פאר יעדנ ארבעטער א גאנצ מעגלעכע זאכ, — האָט געשריבנ דער מאָסקווער פאבריק-אינספעקטער אינ זײַנ באריכט. — אזוי, לעמאָשל, פלעגט מענ מיט איינ רובל שטראָפירנ יענע ארבעטער, וואָס פלעגנ צוליב עפּעס קומענ אינ קאָנטאָר ניט אײַנציקווײַז, נאָר עטלעכע מענטשנ מיטאמאָל, און דאָס צווייטע מאָל ווערנ אזעלכע שטערער אינגאנצנ ארויסגעטריבנ פונ פאבריק, און זיי מוזנ דערבײַ אײַנצאָלנ די דערמאָנטע שטראָף (דאָס הייסט צו 10 רובל). אינ מיכייעווס פאבריק (א טוכ-פאבריק) קוקט מענ נאָכ, אפּאָנעמ, ארהײַעמ אפּ די ארבעטער, ווי אפּ לײַבייגענע: געלט, לעמאָשל, גיט מענ ארויס אינ ביידע פאבריקנ (וואָיטס און מיכייעווס) נאָר צוויי מאָל א יאָר, און דערבײַ נאָר דאָס געלט, וואָס איז נייטיק אפּ אײַנצוצאָלנ די שטײַערנ (און אלע איבעריקע באדערפעניש באפרידיקט שוינ די פאבריק-קראָמ); אכוצ דעמ גיט מענ אויכ דאָס דאָזיקע געלט בעשומויפנ ניט ארויס די ארבעטער אפּ די הענט, נאָר מע שיקט עס אוועק דורכ פּאָסט די דאָרפ-סטארעסטעס און די וואָלאָסט-פארוואלטונגענ. די ארבעטער בלײַבנ אזויארומ דאָס גאנצע יאָר אָנ א גראָשנ געלט, און לויט די אָפּרעכענונג-ביכלעכ צאָלנ זיי פונדעסטוועגנ אײַנ גרויסע שטראָפנ אינ זייער פאבריק, און די דאָזיקע שטראָפנ ווערנ בא זיי אויסגערעכנט ווערנ באַמ ענדגילטיקנ כעזשבנ צומ סאָפּ יאָר". „עס עקזיסטירנ, אפּאָנעמ, ניט קיינ גרענעצנ פאר די פארשיידנארטיקע טערוצימ, וואָס מיט זיי נעמט מענ אינ דער אָדער יענער פאבריק שטראָפנ", — דערציילט דער זעלביקער פאבריק-אינספעקטער אינ א צווייט אָרט און ברענגט אזעלכע בײַשפּילנ: אינ פעשקאָווס פאבריק האָט מענ געקאָנט זענ צוויי מעלדונגענ — איינע זאָגט: „ווער עס איז אָנגעקומענ אינ דער פאבריק, דער האָט קיינ רעכט ניט ארויסצוגיינ פונ טויער; פאר אויוועער זײַנ דעמ דאָזיקנ קלאל קומט איינ רובל שטראָף"; די צווייטע מעלדונג: „אזוי ווי די פאב-

517—1

ריק־ארבעטער דערלויבנ זיכ באומרויִקנ דעם באלעבאָס — בעטנ געלט, וואָרנ איכ, אז פריִער פארנ 20־טנ נאָיאבער וועט קיינ געלט ניט ארויסגעגעבנ ווערנ (דער געוויינלעכער טערמינ איז שוינ פאָריבער דעם 22־טנ אָקטיאבער), דער, וואָס וועט האָבנ די האָזע בעטנ פריִער געלט, וועט אינגאנצנ אָפּגעזאָגט ווערנ". „די איינציקע גרענעצ באשטייט, עפּשער, אינ דער צו שטארקער אומצופרידנקייט פונ די ארבעטער, וואָס דריקט זיכ אויס דאָ אונ דאָרטנ אינ צוזאמענשטויסנ, וועלכע רופנ ארויס די נייטיקייט, אז עס זאָל זיכ אריינמישנ די אָרטיקע אדמיניסטראציע". דאָרט, ווו עס איז אָנמעכטיק געווענ דער בורזשואזער געריכט, וואָס פלעגט שטענדיק געפינענ, אז די אָנקלאָגעס פונ די ארבעטער זיינענ „ניט באגרינדעט", פלעגט די זאכ אנטשיידנ א שטרייק.

א שטרייק איז געווענ דער קאָשמאר פונ דער צארישער רעגירונג פונ זינט אינ רוסלאנד איז אויפגעקומענ די גרויסע פאבריק־אינדוסטריע. שוינ אינ די 30־קער יאָרנ (מיר געדענקענ, אז דאָס איז גראָד געווענ יענע צייט, ווענ, אינ רוסלאנד האָט זיכ אָנגעהויבנ אנטוויקלענ דער אינדוסטריִעלער קאפּיטאליזמ), האָט דער הויפּט־פריינט אונ באשיצער פונ די פאבריקאנטנ, דער פינאנצ־מיניסטער קאנקרינ געמוזט באַרויִקנ דעמ קייסער ניקאָליי דעמ 1־טנ, דערווייזנדיק אימ, אז אינ רוסלאנד איז אנ ארבעטער־באוועגונג, וואָס האָט זיכ דעמלט, בייט אנאנדערגעוויקלט אינ ענגלאנד אונ פראנקרייכ, אנ אוממעגלעכע זאכ. „דאָרטנ, — האָט געשריבנ קאנקרינ, — האָבנ די ארבעט־לייט גאָר קיינ היימ ניט, קיינ זאכ האָבנ זיי ניט, אכוצ זייער סכירעס, — ווענ עס קומט אָנ א קריזיס אינ דער אינדוסטריע אונ עס הייבט זיכ אָנ ארבעטלאָזיקייט, בלייבט ביי זיי דעריבער קיינ אנדער אויסוועג ניט ווי ארויסגיינ אפ דער גאָס — שטרייקנ; ביי אונדז אָבער זיינענ די ארבעטער די זעלביקע פויערימ, וואָס יעדערער פונ זיי האָט א שטיקל ערד; איז ניטאָ קיינ ארבעט אפ דער פאבריק, אָדער דער פאבריקאנט פארקלענערט שטארק די סכירעס, גייט דער ארבעטער פּשעט אוועק צו זיכ אינ דאָרפ אונ פונ א פאבריק־ארבעטער ווערט ער אנ ערד־ארבעטער". ניט געקוקט אפ די דאָזיקע סוואָרעס, זיינענ שוינ אויכ די פאבריקנ פונ ניקאָלייס צייטנ באקאנט געווענ מיט שטרייקנ. עמעס, די סיבעס פונ די ארבעטער־„אומאָרדענונגענ" ביי אונדז זיינענ ווייניק ענלעכ געווענ אפ דעמ, וואָס עס פלעגט ארויסרופנ די ארבעטער־באוועגונג אינ מערעוו־אייראָפּע. אשטייגער אינ 1844־טנ יאָר זיינענ פאָרגעקומענ גרויסע אומרוענ אפ ליעפּיאָשקינס בוימוואָל־שפּינערײַ אינ דמיטראָווער אויעזד פונ מאָסקווער גובערניע (אצינד געגנט). א האמוינ ארבעטער פונ עטלעכע הונדערט מאנ האָט זיכ א לאָז געטאָנ צו מאָסקווע, אונ עס האָט זיכ געפאָדערט א באדייטנדיקער מיליטער־טייל, אינפאנטעריע אונ קאָזאקנ, כדי צו פארהאלטנ דעמ האמוינ צוועלפ קילאָמעטער אונטער מאָסקווער ראָגאטקע. די אויספאָרשונג פונ דעמ איניִענ האָט אָבער באוויזנ, אז די ארבעטער, וואָס זיינענ ביז איינעמ געווענ לייביגענע פונ איינ אונ דעמ זעלביקנ פאָרעצ דובראָווינ, וועלכער האָט זיי פארקויפט אפ עטלעכע יאָר ליעפּיאָשקינענ אונ האָט צוגענומענ זייער גאנצנ ארבעט־לוינ פאר עטלעכע יאָר פאָרויס, האָבנ זיכ צעבונטעוועט, אייגנטלעכ, ניט קעגנ דעמ פאבריקאנט, נאָר קעגנ זייער פאָרעצ, וואָס האָט, נאָכדעמ, ווי ער האָט זיי פארקויפט, אָנגעהויבנ אָפּנעמענ ביי זייערע פאמיליעס אינ דאָרפ די נאכלעס.

דאָס איז אזויארומ אינ טאָכ גענומענ געווענ א פּויערישער אויפשטאנד.

באראקטעריסטיש איז אָבער, וואָס דער דאָזיקער אופשטאנד איז ארויסגעגאנגענ ניט פונעמ דאָרפ, נאָר פונ דער פאבריק, אונ וואָס בעראָש פונ דער באוועגונג האָט זיכ געשטעלט א פאבריק-ארבעטער, טיט דמיטריעוו. עס איז קלאָר, אז קאנקרינס מיינונג וועגנ דער פולשטענדיקער אומשעדלעכקײט פונעמ רוסישנ ארבעטער איז געווענ איבערטריבנ אונ די פאבריקאנטנ, וועמענ ער פלעגט פראָטעזשירנ, האָבנ עס אויסגעצייכנט פארשטאנענ. דער מאָסקווער טאבעק-פאבריקאנט פונ די 40-קער יאָרנ, זשוקאָוו, האָט צונויפגעשטעלט אנ אויספירלעכע אינסטרוקציע פאר זײַנ פאבריק, ווו די ארבעטער זײַנענ בא אימ אונטערגעוואָרפנ געווענ אונטער א רײנ-מיליטערישער דיסציפּלינ, אונטער דער השגחה פונ אנ אויסגעדינטנ אונטער-אָפיצער, אנ אויסגעפוצטנ מיט צלאָמימ אונ מיט אָרדענס. די ארבעטער האָבנ געמוזט נאָכשפּאָנירנ איינער נאָכנ אנדערנ אונ מאסערנ איינער אפנ אנדערנ. דעריקער האָבנ זיי אינ די יאָנטעוו-טעג ניט געטאָרט ארויסגײנ פונ דער פאבריק איינציקווײַז. אינ דער אייגענער צײַט אָבער פלעגט מענ זיי אויכ ניט דערלויבנ ארומצוגײנ גרויסע מענגעסווײַז, קעדיי „ניט צו געבנ זיי דעמ מינדסטנ געדאנק וועגנ דעמ, אז זיי האָבנ אנ איבערוואָג איבער וועמענ ניט איז אינ פיזישער קראפט". דערפאר פלעגט מענ צוליב דער זעלביקער סיבע ארײַנלאָזנ די ארבעטער אינ דער קאָנטאָר פונ דער פאבריק ניט אנדערש ווי איינציקווײַז — א מינהעג, וואָס האָט זיכ שפּעטער אָנגענומענ אונ איז פארשפּרייט געווענ, ווי מיר ווייסנ, אינ אייניקע פאבריקנ אינ די 80-קער יאָרנ.

דער „צאר-באפרײַער", אלעקסאנדער דער צווייטער, האָט, ווי מיר זעענ, געהאט אלע גרונטנ מוירע צו האָבנ פארנ פראָלעטאריאט ניט ווייניקער, ווי זײַנ פאָטער. מיט דער דאָזיקער מוירע פארנ פראָלעטאריאט איז דורכגעדרונגענ די גאנצע „גרויסע רעפאָרמע" פונ 19-טנ פעווראל 1861 יאָר. אינ איינער פונ די ערשטע רעגירונג-פאראָרדענונגענ וועגנ א פויערשנ איגיענ אינ 1857-טנ יאָר האָט מענ בעסאָד מיטגעטיילט די גובערנאטערס, אז די פויערימ דארפ מענ איבערלאָזנ זייער הויפ (וועגנ באפרײַענ „מיט דער ערד" האָט מענ נאָכ דעמאָלט קיינ מוט ניט געהאט צו רײדנ, מוירע האָבנדיק צו צערייצנ די פויערימ) „קעדיי צו פארהיטנ פונ שעדלעכער באוועגלעכקײט אונ ארומוואנדערונגענ בא דער דאָרפישער באפעלקערונג". די גובערנאטערס האָבנ אפילע געזאָלט „אָנעמענ מיטלענ צו זיכערנ, ווי ווײַט מעגלעכ, די אײַנגעזעסנקײט פונ די באטראקעס", דאָס הייסט, זיי האָבנ געדארפט ניט נאָר ניט דערלאָזנ, עס זאָלנ אופקומענ נײַע פראָלעטאריער, נאָר ווי ווײַט מעגלעכ, צוריק אוועקזעצנ אפ דער ערד די, וואָס האָבנ שוינ פריער באוויזנ צו ווערנ פראָלעטאריער. ווענ שפּעטער האָט, אונטערנ דרוק פונ די אינטערעסנ פונעמ האנדל-קאפּיטאל, גענומענ די אויבערהאנט דער פראָיעקט צו „באפרײַענ מיט ערד", האָבנ די רעדאגיר-קאָמיסיעס, וואָס זײַנענ געשאפנ געוואָרנ אפ דורכצופירנ דעמ דאָזיקנ פראָיעקט, געשלאָגנ זייערע קעגנער, די פריצימ, וואָס זײַנענ זשעדנע געווענ צו ערד ביז פארלירנ דעמ סייכל, טאקע מיט אָט די „אלערהעכסטע אָנגעוויזענע פרינציפּנ", וואָס האָבנ ניט דערלאָזנ די „אויסבילדונג פונ א קלאס פרײַע, נאָר היימלאָזע, ערדלאָזע ארבעטער". די אויסבילדונג פונ אזא קלאס, האָט די „רעדאגיר-קאָמיסיע" געמוסערט די זשעדנע פריצימ, וועט פירנ צו „א קאמפ צווישנ צוויי שטאנדנ, וואָס מע וועט אימ מיט קיינע קויכעס ניט קאָנענ אײַנהאלטנ": „די רעגירונג, וואָס נעמט אינ באטראכט די געשיכטע (לייענ: די מײַסע פוגאטשאָוו) אונ די איצטיקע לאגע אינ אנדערע מעלוכעס (דאָס הייסט

די אַרבעטער-באַוועגונג אינ מערב-אייראָפּע) קאָנ בלי סאָפעק ניט דערלאָזנ אַזעלכע פאַלנ". „דאָס אָפּנייגנ זיכ פונ דעם וועג, וואָס איז אָנגעוויזנ דורכנ אַלערהעכסטנ ווילנ", קאָנ „פירנ צו די סאַמע קאַטאַסטראָפישע רעזולטאַטנ".

די געזעצנ פונ דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג זײַנענ אָבער געווענ שטאַרקער פאַרנ „אַלערהעכסטנ ווילנ". ניט געקוקט אַפ אַלע באַמיִונגענ פונ אַלעקסאַנדער דעם 2-טנס רעגירונג ניט צו דערלאָזנ, עס זאָל אופּקומענ אַ פּראָלעטאַריאַט, האָט שוינ די זעלביקע רעגירונג צום סאָפ פונ די 60-קער יאָרנ געהאַט צו טאָנ מיט דער אַרבעטער-באַוועגונג אינ פּעטערבורג גופא. „אינ אָנהייב פונעם איצטיקנ זומער, — האָט אינ 1870-טנ יאָר געשריבנ דער אינערנ-מיניסטער צו די גובערנאַטערס, — האָבנ די פריִגעדונגענע פאַבריק-לײַט, וואָס אַרבעטנ אַפ איינער פונ די סאַמע גרעסטע פאַבריקנ פונ פּעטערבורג, אײַנגעאָרדנט צווישנ זיכ אַ שטרײַק* קעדיי צו צווינגענ די באַלעבאַטים פונ דער פאַבריק צו העכערנ דעם אַרבעטלוינ. וועגנ דעם איז באַשטימט געוואָרנ אַנ אויספאָרשונג, אונ דערנאָכ איז די זאַכ איבערגעגאַנגענ אינ געריכט, אונ דער אורטייל איז געווענ פאַרעפנטלעכט אינ די צײַטונגענ פונ דער הויפּט-שטאָט. דער שטרײַק פונ די אַרבעטער אַפ דער נעווסקער באַוול-שפּינערײַ האָט, אַלס אַ גאַנצ נײַע דערשײַנונג, וואָס ביז איצט האָט מענ זי ניט געזענ צווישנ אונדזער אַרבעטער-באַפעלקערונג, צוגעצויגנ צו זיכ די אַלערהעכסטע אויפמערקזאַמקײַט, אונ דער ווילנ פונעם קייסער איז געווענ הייסנ איבערגעבנ די הערנ גובערנאַטערס, זיי זאָלנ האָבנ די סאַמע שטרענגסטע אונ ניט אָפּגעשוואַכסטע השגאָכע איבער דער באַפעלקערונג פונ די פאַבריקנ אונ זאַוואָדנ, אונ באַזונדערס איבער אַלע אומזיכערע פערזענלעכקײַטנ, וואָס קאָנענ האָבנ אַ שעדלעכע ווירקונג אַפנ האַמויִנ, ווײַל דאָס אויפקומענ פונ שטרײַקנ צווישנ די אַרבעטער דאַרפ, אָנ סאָפעק, בעפיירעש צוגעשריבנ ווערנ דער ווירקונג פונ די מענטשנ, וואָס שטרעבנ אַריבערצוטראָגנ אַפ אונדזער באָדנ אָט די פרעמדע פאַרנ רוסישנ פאָלק פאָרמ פונ אויסדריקנ די אומצופרידנקײַט, מיטנ צוועק צו פאַרשפּרייטנ מעהומע אונ אַרויסצורופנ אומאָרדענונגענ אונ אומרוענ". אָבער דאָס מיניסטעריום האָט אַ טאָמעס געהאַט סײַ בענעגייע דער „נײַקײַט" פונ דער „פרעמדער פאַרנ רוסישנ פאָלק פאָרמ פונ אויסדריקנ די אומצופרידנקײַט" אַפנ רוסישנ באָדנ, סײַ בענעגייע די סיבעס פונ דער דאָזיקער דערשײַנונג. נאָכ פריִער פאַר דעם מיניסטערס צירקוליאַר** האָט דער מאָסקווער גובערנאַטער געהאַט מיטגעטיילט דעם גענעראַל-גובערנאַטער (דאָס הייסט דעם צאַרס פאַרטרעטער אינ מאָסקווע), אַז אַרבעטער-„אומאָרדענונגענ" זײַנענ פאָרגעקומענ נאָכ אינ 1869-טנ יאָר אַפ קאָנשינס פאַבריק אינ סערפּוכאָוו אונ אַז די סיבעס זײַנענ געווענ דער אומפּינקטלעכער כעזשבנ, די ווילקירלעכע שטראָפנ, דער אומגעהײַער לאַנגער אַרבעטטאָג אונ דאָס, „וואָס מע פלעגט פאַרפליכטנ די אַרבעטער אײַנצוקויפנ אַלע דערנערונג-פּראָדוקטנ דאַפקע אינ די שפּײַכלערס בײַ די פאַבריקאַנטנ גופע, דערבײַ זײַנענ די פרײַזנ אַפ די גענומענע פּראָדוקטנ געווענ העכער אינ פאַרגלײַכ מיט די מאַרק-פרײַזנ". די צאַרישע באַאַמטע האָבנ, אַזוי אַרום נאָכ מיט 25 יאָר פאַרנ אויפקום פונ דער מאַסנ-באַוועגונג צווישנ די אַרבעטער אינ רוסלאַנד אויסגעצייכנט געוווּסט, דורכ וואָס די דאָזיקע באַוועגונג קאָנ אַרויסגערופנ ווערנ. זיי זײַנענ אָבער געווענ

* Стачка — אַ שטרײַק, באַטײַט אינ רוסיש אויכ צונויפגערעדטקײַט. — רעד.

** צירקוליאַר (בוכשטעבלעכ „קרײַז-ווענדונג") רופט מענ יעדע פאַראָרדענונג פונ דער צענטראַלער מאַכט, וואָס ווערט פאַנאַנדערגעשיקט צו די פאָרשטייער פונ דער אָרטיקער מאַכט.

אַנמעכטיק קעגנ דער בורזשואזיע. קעדיי צו באַזײַטיקנ אַלע מיסברויכנ אונ אויספּרעסונגענ מיצאַד די אונטערנעמער, וועלכע ער האָט אויסגעצייכנט געזענ, האָט דער מאָסקווער גובערנאַטער ניט געפונענ קיינ אַנדער מיטל, ווי אײַנצורייִדנ די דאָזיקע אונטערנעמערס דורכ די שטאָט־גאָלאָוואָס (וואָס זײַנענ, פאַרשטייט זיכ, שטענדיק אַליינ געווענ פונ דער בורזשואזיע). אונ דער קאָטער האָט זיכ צוגעהערט אונ געטאָנ זײַנס.

אינ דער ערשטער העלפט 70־קער יאָרנ טרעפנ מיר זיכ אַלצ אָפטער אונ אָפטער מיט שטרײַקנ, וואָס קומענ פאָר אינ אַלע עקנ רוסלאַנד, אי אַפ דער קרענהאָלמער מאַנופאַקטור נעבנ נאַרווע, אי אינ קאָסטראָמאַ, אי אינ מאָסקווע, אי אינ דאָרעמ־רוסלאַנד, אי אינ ווילנער גובערניע (איצט גייט זי אַרײַנ אינ באַשטאַנד פונ פּוילנ). די גרונט־סיבע איז אומעטומ געווענ איינע אונ די זעלביקע — דער קאַמפ פאַרנ אַרבעט־לוינ, דערבײַ פלעגנ די אַרבעטער זיכ וועלנ דערשלאָגנ ניט אַזוי, מע זאָל זיי העכערנ דעמ לוינ, ווי מע זאָל זיי ביכלאַל צאָלנ פאַר זייער אַרבעט. אייניקע אונטערנעמער פלעגנ עס טאָנ, ווי מיר ווייסנ, זייער ניט פּינקטלעכ אונ פלעגנ נאָכ, אַכוצ דעמ, צונעמענ פאַר זיכ אינ דער פאָרמ פונ שטראָפנ אַ היפּשנ טייל פונ דעמ, וואָס דער אַרבעטער פלעגט פאַרדינענ. אַ פּראָטעסט קעגנ די שטראָפנ טרעפנ מיר דעריבער דורכויס אינ אַלע שטרײַקנ ביזנ מיטנ 80־קער יאָרנ. סאַכאַקל קאָנ מענ פאַר דער צײַט פונ 1865־טנ ביזנ 1875־טנ יאָר אָנציילנ לויט די צײַטונגענ ביז 20 טויזנט שטרײַקנדיקע אַרבעטער, — אינ דער ווירקלעכקײַט איז, פאַרשטייט זיכ, געווענ פיל מער, ווײַל אינ דער פּראָווינצ האָבנ די צײַטונגענ קיינ האָזע ניט געהאַט צו שרײַבנ וועגנ שטרײַקנ, אונ די פּרעסע פונ די הויפּט־שטעט האָט זיכ נאָכ ניט אײַנגעלעבט מיטנ געדאַנק, אַז „אינ רוסלאַנד איז אַ שטרײַק אַ פּאָליטישער פאַקט". אָבער די שווערע לאַגע פונ די אַרבעטער איז גוט באַוווּסט געווענ צווישנ די דעמאָלטיקע רעוואָליוציאָנערנ־פאָלקיסטנ אונ ניט געקוקט דערויפ, וואָס זיי איז נאָכ אינ קאָפּ ניט געקומענ דער געדאַנק וועגנ אַנ אַרבעטער־רעוואָליוציע, אַלס אַזעלכע, איז דער אַרבעטער געווענ פאַר זיי איינע פונ די הויפּט־האָפענונגענ אַפ אַנ אַלגעמיינ־פאָלקישער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. דער הויפּט־שטיצפּונקט פונ דער רעוואָליוציע וועט, פאַרשטייט זיכ, זײַנ דער פּויער, — האָבנ געמיינט די פאָלקיסטנ, דעמ אַרבעטער איז אָבער גרינגער אָפּצוהויבנ, גרינגער צו צעווייגנ. אונ מיר טרעפנ שטענדיק די דעמאָלטיקע „פּראָפּאַגאַנדיסטנ" אונ „בונטאַרנ" צווישנ די אַרבעטער. די „טשײַקאָווצעס" אונ „דאָלגושינצעס" האָבנ געהאַט אַרבעטער־קרײַזלעכ — די ערשטע — צווישנ די וועבער אונ מעטאַליסטנ פונ פּעטערבורג. באַזונדערס ענערגיש האָט דאָרט געאַרבעט פּ. א. קראָפּאָטקינ. אינ 1875־טנ יאָר איז אַ גאַנצע גרופּע יונגע אינטעליגענטע מיידלעכ, וואָס האָבנ פריִער געשטודירט אינ די שווייצערישע אוניווערסיטעטנ (באַרדינע, ליובאַטאָוויטש, די שוועסטער פיגנער, קאַמינסקאַיאַ אונ אַנד.), אָנגעקומענ אַלס אַרבעטערנס אינ די מאָסקווער פאַבריקנ אונ האָט דאָרטנ אָנגעהויבנ פירנ אַ מעטיקע פּראָפּאַגאַנדע צווישנ די וועבער. ווי די מערהײַט רעוואָליוציאָנערנ פונ יענער צײַט, זײַנענ זיי אינגיכנ אַרעסטירט געוואָרנ אונ איבערגעגעבנ געוואָרנ צומ געריכט צוזאַמענ מיט די אַרבעטער, וואָס זיי האָט זיכ אײַנגעגעבנ פאַנאַנדערצופּראָפּאַגאַנדירנ (דער אַזוי גערופענער „פּראָצעס פונ די פופציק", וואָס איז באַטראַכט געוואָרנ אינ אַ „באַזונדערער סעסיע פונעמ סענאַט" אינ 1877־טנ יאָר). אָט דאָ טאַמס האָט איינער פונ די אַרבעטער, דער וועבער פּיאָטר אַלעקסייעוו, געזאָגט

זײַנע באַרימטע ווערטער, וואָס זײַנענ געוואָרנ קימאַט אַ שפּריכוואָרט: „עס הייבט זיכ אויפ די מוסקול־האַנט פונ מיליאָנענ אַרבעטלײַט, אונ דער יאָכ פונ דעספּאָטיזמ, וואָס איר באַשיצט מיט סאָלדאַטישע באַגנעטנ, וועט צעשמעטערט ווערנ ווי שטויב".

ווענ די צאַרישע זעלבסטהערשונג האָט דערהערט די דאָזיקע דראָונג פונ אַנ אַרבעטערס מויל, אונ ניט פונ אַ רעוואָליוציאָנער אַנ אינטעליגענט, — איז דאָס שוינ געווענ די ערשטע פּאָליטישע אַרבעטער־מ א נ י פ ע ס ט א צ י ע. אינ פּעטערבורג איז געווענ אַזויפיל רעוואָליוציאָנערנ־אַרבעטער, אַז זיי האָבנ באַשלאָסנ אַרויסגיינ אַפ דער גאַס אונ אײַנאָרדענענ אַ מינ דעמאָנסטראַציע פונ זייערע קויכעס. אַזוי האָט זיכ באַקומענ די דעמאָנסטראַציע באַמ קאַזאַנער קלויסטער דעמ 6־טנ דעקאַבער 1876־טנ יאָר. די אַרבעטער — אונ צוזאַמענ מיט זיי די פּעטערבורגער „בונטאַרנ" — האָבנ אויסגערעכנט, אַז זיי וועלנ צונויפקלײַבנ ביז 2 טויזנט מאַנ. אינ דער ווירקלעכקײַט האָט זיכ צונויפגעקליבנ ניט מער ווי 200—250 אַרבעטער (פונ איינ פאַבריק איז געקומענ אַ גאַנצער ווערקשטאַט פונ 40—45 מאַנ). פּלעכאַנאָוו, דעמאָלט אַ יונגער סטודענט, האָט געהאַלטנ אַ רעדע, עס איז פונאַנדערגעוויקלט געוואָרנ אַ רויטע פאָנ. נאָר דאָ איז אונטערגעקומענ פּאָליציי, אונ דאָס קליינע הײַפעלע רעוואָליוציאָנערנ איז צעשפּרייט געוואָרנ. וועגנ אַ ווידערשטאַנד האָט, פאַרשטייט זיכ, קיינער ניט געטראַכט — אונ ניט 200 מאַנ זײַנענ געווענ בעקויעכ אומצוּוואַלגערנ די צאַרישע מאַכט: די ערשטע אַרבעטער־רעוואָליוציאָנערנ זײַנענ ניט געווענ אַזוי נאַיוו, זיי זאָלנ טראַכטנ וועגנ דעמ. דער אויפשטאַנד פונ „מיליאָנענ אַרבעטלײַט" איז נאָכ געווענ ווײַט אינ דער צוקונפט. אָבער דאָס, וועגנ וואָס די רעוואָליוציאָנערנ־אינטעליגענטנ פונ די 60־קער יאָרנ האָבנ נאָר ג ע ר ע ד ט (אינ „יונגנ רוסלאַנד", זע זײַט 185), איז אינ די הענט פונ די פּעטערבורגער אַרבעטער פונעמ צווייטנ יאָרצענדליק געוואָרנ אַ ט א ט: די רויטע פאָנ פונ אַ סאָציאַליסטישער רעפּובליק איז פונאַנדערגעוויקלט געוואָרנ אַפ די גאַסנ פונ דער רוסישער הויפּט־שטאָט.

רעוואָליוציאָנערע שטימונגענ צווישנ די אַרבעטער זײַנענ געווענ ניט בלויז אינ מאָסקווע אונ פּעטערבורג. אינ דעמ זעלביקנ 1877־טנ יאָר האָט דער כאַרקאָווער גובערנאַטאָר מיטגעטיילט דעמ קייסער, אַז „דער נידעריקער קלאַס פונ דער שטאָטישער באַפעלקערונג", „וואָס ווערט אונטערגעגראָבנ דורכ די סאָציאַלע לערעס" (דער גובערנאַטאָר האָט געוואָלט זאָגנ „דורכ דער לערע פונ סאָציאַליזמ"), האָט אינ אַ גרויסער מאָס פאַרלאָרנ די פריערדיקע אומבאַווירלעכקײַט פונ די רעליגיעזע גלייבונגענ אונ די פּאַטריאַרכאַלישקײַט פונ די פאַמיליע־באַציִונגענ". „דער קלאַס פאַבריק־אַרבעטער... פאָדערט אַ פאַרשטאַרקטע השגחה אונ גיט ניט קיינ גאַראַנטיעס פונ שטאַנדהאַפטיקײַט קעגנ דער פאַרשפּרייטונג פונ די נײַע לערעס,— האָט געשריבנ דער גובערנאַטאָר. — צווישנ דער דאָזיקער באַפעלקערונג באַגעגנט די רעוואָליוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע אַ שטענדיקנ מיטגעפיל אונ אינ פאַל פונ אַ וועלכער עס איז באַוועגונג אינעמ זינ פונ איבערגיינ פונ טעאָריע צו מעשים, וועט דער קלאַס כאַרקאָווער אַרבעטער, אינ זייער גרעסטער מערהײַט, ניט געבנ די אויפהעצערס קיינ שומ ווידערשטאַנד. אינעמ דאָזיקנ פּראַט פאָדערנ אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקײַט די אונטערגעהערטע דורכ אַ פּאָליציי־אַגענט שמועסנ צווישנ דער פאַבריק־באַפעלקערונג וועגנ דער לאַסט פונ שטײַערנ, וועגנ דעמ, אַז מע ווייסט ניט, וווּהינ אונ אַפ וואָס עס ווערט אויסגעגעבנ דאָס געלט, וואָס ווערט

אָפּגענומענ באַם פֿאָלק, וועגנ דער קאָנטראָללאָזיקײַט פֿונ דער רעגירונג און ענלעכע מײַנונגענ, וואָס נאָכ מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מענ זיי ניט געהערט צווישנ־עם פּאָשעטנ האַמוינ".

אַזעלכע „מײַנונגענ" זײַנענ געווענ אַלגעמײנ פֿאַר אַלע דעמאָלטיקע רעוואָלוציאָנערנ, — דערינ איז נאָכ קײנ נײַס ניט געווענ. נאָר די אַרבעטער האָבנ שוינ אינ די זיבעציקער יאָרנ געקאָנט אַרײַנטראָגנ אינ דער באַוועגונג עטוואָס נײַס, אײגנס.

פֿונ 1878טנ יאָר איז זיכ די שטרײַק־באַוועגונג אינ פּעטערבורג פֿאַנאַנדערגעוואַקסנ באַזונדערס ברײט. עס האָט געשטרײַקט אַ גאַנצע רײ פֿאַבריקנ און זאַוואָדנ.* אַ באַזונדערס גרויסנ טומל האָט אָנגעמאַכט דער שטרײַק אויף דער נײַער באַוולשפּינערײַ (אויף דער זעלביקער, וואָס האָט שוינ אינ 1870־טנ יאָר אַזוי אָנגעשראָקנ די מאַכט), זײער אַ גרויסע פֿאַבריק, באַזונדערס לויט דער דעמאָלטיקער צײַט, — מיט 2 טויזנט אַרבעטער. דאָס זײַנענ אַלץ געווענ מענטשנ, וואָס זײַנענ ניט לאַנג געקומענ פֿונ דאָרף, האַלבע פּויערימ, ווייניק באַוווּסטזיניקע; פֿונדעסטוועגנ אָבער איז אויכ אויף דער דאָזיקער פֿאַבריק געווענ אַ רעוואָלוציאָנער קרײַזל. אויף וואָס פֿאַר אַ ניוואָ עס איז געשטאַנענ די מאַסע, צו וועלכער די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערנ איז אויסגעקומענ זיכ צו ווענדנ, איז צו זענ פֿונעם שלוס־אַקט פֿונעם שטרײַק. ער האָט זיכ געענדיקט מיט דעמ, וואָס די שטרײַקנדיקע זײַנענ געגאַנגענ מיט אַ באַקאָשע צומ „יורעש", צומ צוקונפֿטיקנ קייסער, אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש. קײנע שומ רעזולטאַטנ האָבנ זײ, פֿאַרשטײט זיכ, דערמיט ניט דערגרייכט, — דער צוקונפֿטיקער אַלעקסאַנדער דער 3־טער האָט זיכ ניט געוואָלט אַרײַנמישנ אינ דער „דעליקאַטער" פֿראַגע וועגנ די פֿאַרהעלטענישנ צווישנ די אַרבעטער און זײערע באַלעבאַטימ. פֿונדעסטוועגנ אָבער דאַרפֿ מענ זאָגנ, אַז די, וואָס האָבנ דערלאַנגט די באַקאָשע, האָט מענ ניט צעשאָסנ, ווי דאָס האָט געטראָפֿנ שפּעטער, דעמ 9־טנ יאַנוואַר 1905־טנ יאָר, מיט אַנדערע אַזעלכע אַרבעטער, וואָס זײַנענ געגאַנגענ מיט אַ באַקאָשע. אויכ אינ דעמ פּראָט האָט ניקאָלײַ באַוויזנ איבערצושטײַגנ זײַנ טאַטנ. נאָר אויכ דער שטרײַק האָט ניט געהאַט קײנ קענטיקע ווירקונג אויף דער רעגירונג (מיר וועלנ באַלד זענ, אַז אינ טומל האָט זי זײער און זײער דיסקאָנטירט די פֿאָדערונגענ פֿונ די אַרבעטער), איז ער אָבער ניט דורכגעגאַנגענ אומזיסט פֿאַר דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג: אונטער דער ווירקונג פֿונ דער פּעטערבורגער שטרײַקכוואַליע פֿונ די יאָרנ 1878—1879 קומט אויף אינ רוסלאַנד די ערשטע רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע — דער צאָפֿנ־רוסישער אַרבעטער־פֿאַרבאַנד.

פּאָליטישע פֿאַרייניקונגענ פֿונ אַרבעטער באַגעגענענ מיר אויכ פֿריִער; איינע פֿונ די סאַמע אָנגעזעענע איז געווענ דער „דאָרעמ־רוסלענדישער פֿאַרבאַנד פֿונ אַרבעטער" אינ אָדעס, ראָסטאָוו און קערטש אינ מיטנ די 1870־קער יאָרנ. און שוינ אינ זײַנע צילנ און אויפֿגאַבנ טרעפֿנ מיר עטוואָס נײַעס: דער פֿאַרבאַנד האָט זיכ געשטעלט פֿאַר אַ ציל: א) „פּראָפּאַגאַנדירנ די אידײ פֿונ באַפֿרײַענ די אַרבעטער פֿונ אונטערנ יאָכ פֿונעמ קאַפּיטאַל און פֿונ די פּריווילעגירטע קלאַסנ און ב) פֿאַרייניקנ די אַרבעטער פֿונעמ דאָרעמ־רוסלענדישנ קאַנט צוליב דעמ קומענדיק

* סאַכאַקל צײלנ אָנ די היסטאָריקער פֿונ דער אַרבעטער־באַוועגונג פֿאַר די יאָרנ 1878 — 1880 אינ גאַנצ רוסלאַנד 29 שטרײַקנ מיט 30 — 35 טויזנט אָנטײלנעמער.

קאַמפ קעגנ דער אײַנגעשטעלטער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אָרדענונג". דער פאַרבאַנד האָט אַזויאַרום פאַרייניקט פּראָפּאַגאַנדע מיט אָרגאַניזאַציע — צוויי זײַטנ פונ דער אַרבעט, וואָס בײַ די רעוואָליוציאָנערנ-פאָלקיסטנ זײַנענ זיי געשטאַנענ אָפּגעזונדערט. מיט פּראָפּאַגאַנדע האָבנ זיי זיכ פאַרנומענ, קעדיי צו פאַרשפּרייטנ זייערע אידייענ, און אָרגאַניזירט האָבנ זיי פאַרשווערונגענ. קיינ פּרווו צו אָרגאַניזירנ די מאַסנ טרעפנ מיר קימאַט ניט בײַ זיי און דאָס איז דערפאַר, ווײַל זיי האָבנ, ווי מיר ווייסנ, געהאַלטנ, אַז די מאַסע פאַרמאָגט אַ סטיכייִשע רעוואָליוציאָנערע קראַפט, וואָס מע דאַרפ זי נאָר אויפוועקנ און דערנאָכ וועט עס שוינ גיינ פונ זיכ אַליינ. און נאָר ווענ זיי פלעגנ זיכ אַנטוישנ אינ דער דאָזיקער קראַפט, פלעגנ זיי זיכ ווענדנ צו אַ פאַרשווערונג און דעמלט פלעגט די מאַסע ווערנ פאַר זיי נאָר אַ רעזערוו-לאַגער, פונוואַנענ זיי פלעגנ שעפנ מענטשלעכע קויכעס פאַר דער פאַרשווערונג. אַז דאָס געצײַג פונ דער איבערקערעניש דאַרפ ווערנ די אָרגאַניזירטע מאַסע, דאָס איז פאַר די 70-קער יאָרנ געווענ זייער אַ פרישער געדאַנק, וואָס געבראַכט האָט אים, אָנ סאָפעק, די אַרבעט צווישנ דעמ פּראָלעטאַריאַט, געקומענ איז אָבער דער דאָזיקער געדאַנק פונ אַ אינטעליגענטישנ מויעכ: די טאַקאָנעס האָט אָנגעשריבנ דער אַדעליקער זאַסלאַווסקי (וואָס איז פאַר זײַנ אָנטייל אינ שאַפנ דעמ פאַרבאַנד פאַרשיקט געוואָרנ אַפ קאַטאָרגע).

דער „צאָפנ-פאַרבאַנד פונ די רוסישע אַרבעטער" (די יאָרנ 1878—1879) האָט אַ באַזונדערנ ווערט טאַקע דערמיט, וואָס זײַנ פּראָגראַמ און זײַנ סטאַטוט האָבנ געשטאַמט אינגאַנצנ פונ פּראָלעטאַרישע קרײַזנ — בײַ אַ בעפיירעש נעגאַטיווער באַציִונג צו זיי מיצאַד דער דעמאָלטיקער פּעטערבורגער רעוואָליוציאָנערער אינטעליגענץ. דער גרינדער פונעמ פאַרבאַנד, דער טישלער סטעפּאַנ כאַלטורינ, פונ וויאַטקער פּויערים, האָט זיכ, פונ זײַנ זײַט, אַ לאַנגע צײַט מיט איראָניע באַצויגנ צו דער אַרבעט פונ דער דאָזיקער אינטעליגענץ, וואָס נאָר „זי בראָט איר אייגענע בעוורע, די קנעפּלעכ (באַאַמטע)" און שטערט דערמיט די אַרבעטער צו אָרגאַנירנ זיכ. „אַנ עמעסער אומגליק — פלעגט זאָגנ כאַלטורינ, — ווי נאָר עס הייבט שוינ אָנ בײַ אונדז גיינ אַפ אַ לאַד, — נאַ דיר גאָר, די אינטעליגענץ האָט שוינ ווידער עמעצנ געפּאַטערט, און ווידער דורכפאַלנ. וואָלט איר אונדז כאָטש געלאָזט אַ ביסל פאַרפעסטיקנ זיכ". דאָס האָט אָבער לאַכלוטנ ניט באַטײַט, אַז כאַלטורינ איז געווענ אַ „פרײַדלעכער אויפקלערער", האָגאַמ ער פלעגט קיינמאָל ניט פאַרגעסנ וועגנ אויפקלערונג: איינע פונ זײַנע הויפּט-זאָרגנ איז געווענ זאַמלענ ביכער און פאַרשפּרייטנ זיי צווישנ די אַרבעטער; אַגעוו, געהערט דעמ „צאָפנ-פאַרבאַנד" דער קאָוועד, וואָס ער האָט געעפנט די ערשטע אינ רוסלאַנד ביבליאָטעק-נעץ לויט אַ פּלאַנ, וואָס איצט רעדט מענ אַזויפיל וועגנ אים. די ראַיאָנע ביבליאָטעקלעכ פונעמ „פאַרבאַנד" (אומלעגאַלע, זעלבסטפאַרשטענדלעכ) פלעגנ זיכ בײַטנ אײַנע מיט די אַנדערע מיט ביכער: דעמ בוכ, וואָס פלעגט אויספעלנ אינ איינ ראַיאָנ, פלעגט מענ באַקומענ פונ אַ צווייטנ. נאָר די דאָזיקע זאָרגנ וועגנ אויפקלערונג האָבנ אַבסאָליוט ניט געשטערט כאַלטורינענ צו טרוימענ וועגנ אַ רעוואָליוציאָנערער איבערקערעניש. אָבער די דאָזיקע איבערקערעניש האָט ער זיכ פאָרגעשטעלט ניט אַזוי, ווי עס האָבנ זי געמאָלט זיכ די אינטעליגענטנ-נאַראָדאָוואָלצעס, — אינ דער פאָרמ פונ אַ „סטיכייִשנ אופרײַס" נאָכ אַ וואָסער ס'ניט איז באַזונדערס עפעקטישנ טעראָריסטישנ אַקט, — נאָר אינ דער פאָרמ פונ אַנ אַלגעמיינעמ שטרײַק, דאָס הייסט, טאַקע אינ דער פאָרמ, אינ וועלכער די אַי-

בערקערניש איז ווירקלעכ פאָרגעקומענ אינ אָקטיאַבער 1905 יאָר. כאַלטורינ האָט אינ זײַנע פאַרשטעלונגענ וועגנ דער רעוואָליוציע איבערגעיאָגט זײַנ צײַט אפ 25 יאָר.

נאָר נאָכ מער ערע פאַרשאַפט כאַלטורינענ דאָס, וואָס ער האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנענ, אז אינ זײַנ צײַט, אינ די זיבעציקער יאָרנ, האָט מענ געקאָנט נאָר טרוימענ וועגנ אנ אַלגעמיינעמ שטרײַק. אונ דאָס, צו וואָס ער האָט זיכ אינדערעמעסנ געוואָלט דערשלאָגנ אינ דער נאָענטסטער צײַט, איז געווענ ניט קיינ אַלגעמיינער שטרײַק פונ אַלע אַרבעטער, נאָר בלויז די פאַרייניקונג, די אָרגאַניזירונג פונ דעמ אמערסטנ פאָרגעשריטענעמ שיכט. צו דעמ דאָזיקנ ציל האָט טאַקע געשטרעבט דער „צאָפנ־פאַרבאַנד". די צילנ פונ דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע זײַנענ געווענ פאָליטיש־רעוואָליוציאָנערע: דערינ איז באַשטאַנענ כאַלטורינס צוזאַמענבונד מיט די רעוואָליוציאָנערע אינטעליגענטישע קרײַזנ, וואָס האָבנ שטאַרק געהאַלטנ פונ אימ. בא דער זעלביקער אינטעליגענצ האָט דער „פאַרבאַנד" גענומענ אויכ די באַשטימונג פונ דער נאָענטסטער אופגאַבע אפ מאָרגנ נאָכ דער איבערקערעניש: „גרינדנ א פרײַע פאָלק־פעדעראַציע פונ געמיינדעס, וואָס באַזירט זיכ אפ דער פולשטענדיקער פאָליטישער גלײַכבאַרעכטיקונג אונ מיט א פולשטענדיקער אינערלעכער זעלבסטפאַרוואַלטונג אפ די יעסוידעס פונעמ רוסישנ געוווינהײַט־רעכט". נאָר דאָס איז אַלצ, וואָס עס איז פאַרבליבנ „פונ באַקונינענ" אינ דער פראָגראַמ פונעמ פאַרבאַנד, אונ צו דעמ דאָזיקנ באַקונינשנ קאָפ איז גאַנצ שלעכט געווענ צוגעטשעפעט א לאַנגער עק, וועלכנ עס האָבנ אינגאַנצנ צונויפגעשטעלט כאַלטורינ אונ זײַנע כאַווײרימ, ווײַל וועגנ דעמ אַלעמענ האָבנ די רעוואָליוציאָנערנ־אינטעליגענטנ ניט נאָר ניט גערעדט, נאָר זיי האָבנ געהאַלטנ, אז עס פאַסט אפילע ניט צו ריידנ. דאָ זײַנענ אַרײַנ אי „פרייהײַט פונ וואָרט, פונ פרעסע, דאָס רעכט פונ פאַרזאַמלונגענ אונ צונויפקומעניש", אי „פאַרבײַטנ די אַרמיי אפ פאָלק־באַוואָפענונג", אי אָפשאַפנ די אומדירעקטע שטײַערנ, אונ אײַנפירנ א דירעקטנ שטײַער אפ האַכנאָסע אונ יערושע, אי א פאַבריק־געזעצגעבונג, — מיט איינ וואָרט, אינ גראָבע שטריכנ א סקיצע פונ דעמ, וואָס עס האָט שפּעטער בא די סאָציאַל־דעמאָקראַטנ באַקומענ דעמ נאָמענ „פראָגראַמ־מינימומ". קעדיי צונויפצושטעלנ די דאָזיקע סקיצע, האָט זיכ כאַלטורינ פאַרנומענ מיט אנ אַרבעט, וואָס די דעמאָלטיקע רעוואָליוציאָנערע אינטעליגענצ האָט זי געהאַלטנ פאַר א פוסטער מײַסע, — ער האָט געשטודירט די אייראָפּייִשע קאָנסטיטוציעס. כאַלטורינ אַליינ האָט, פונ זײַנ זײַט, געהאַלטנ פאַר א פוסטער מײַסע דאָס, וואָס די אינטעליגענצ האָט זיכ געריסנ צווישנ זיכ וועגנ דעמ גוירל פונ דער רוסישער ערד־געמיינדע, א פראַגע, אינ וועלכער די דאָזיקע אינטעליגענצ איז דעמאָלט געווענ שטאַרק פאַרטאָנ. „צי דענ איז עס טאַקע אזוי וויכטיק?" פלעגט ער פרעגנ פלעכאַנאָווענ.

אָבער דעמ „צאָפנ־פאַרבאַנד" איז אויסגעקומענ אויסצופרווונ אפ זיכ אויכ די פאַרקערטע זײַט פונ מאַסנ־אַרבעט אינ די באַדינגונגענ פונ דעמאָלטיקנ רוסלאַנד. דער פאַרבאַנד האָט נאָכ דעמאָלט געציילט זײַנע מיטגלידער סאַכאַל אינ די הונדערטער, אונ שוינ זײַנענ אינ זײַנע רייענ פאַרקראָכנ פראָוואָקאַטערס, אונ אינ עטלעכע כאַדאָשימ אַרומ נאָכ דער אנטשטייונג פונ פאַרבאַנד איז פאָרגעקומענ א דורכפאַל. כאַלטורינענ האָט דער דאָזיקער דורכפאַל ניט פאַרכאַפט, ער איז גאַנצ געבליבנ פונ די אַרעסטנ, נאָר דער קראַכ פונ זײַנ געליבטנ איניענ האָט געמאַכט אפ אימ א גוואַלטיקנ רוישעמ. ער האָט איבערגעלעבט אנ אנטוישונג, זייער ענלעכ

צו דער אנטוישונג, וועלכע עס האָבן ארויסגעטראָגן די אינטעליגענטן פון זייער „גיין אין פאָלק". און פונקט ווי זיי, איז ער אויך אונטער דער ווירקונג פון דער דאָזיקער אנטוישונג געוואָרן א טעראָריסט. דאָס איז זיין ארבעט — איינער פון די גרעסטע אופטועג פון דער „נאראָדנאיא וואָליא" — דער פרווו אופצורייסן דעם ווינטער-פאלעץ דעם 5-טן פעווראל 1880 יאָר. אדאנק זיין ארבעטער-שטאנד איז ער ארייננעדרונגען אין פאלעץ אלס סטאָליער, האָט דאָרט אָפגעלעבט עטלעכע כאָדאָשים און האָט הויפנווייז געטראָגן צו זיך אין צימער דינאמיט, וועלכן ער פלעגט באהאלטן בא זיך אין בעט. די פאָליציי האָט עפעס דערשמעקט, און די מוירע, אז אלץ וועט אנטדעקט ווערן, האָט געצווונגען צו פארגיכערן דעם אופרייס, כאָטש, לויט כאלטורינס מיינונג, איז נאָך ווייט ניט אלץ געווען פארטיק. ווען כאלטורין האָט זיך דערוווּסט, אז אלעקסאנדער דער צווייטער איז געבליבן גאנץ, איז ער קראנק געוואָרן פון הארץ-קלעמעניש, אָבער די דאָזיקע נייע אנטוישונג האָט אים ניט געטריבן צו פארלאָזן דעם טעראָר. אלס טעראָריסט, איז ער אומגעקומען אופן דער טליע אין 1882-טן יאָר, נאָכן דערמאָרדן דעם קיעווער פראָקוראָר סטרעלניקאָוו, איינעם פון די צארישע הויפט-שפיאָנען אין דאָרעם-רוסלאנד.

סטעפאן כאלטורין

נאָר די פאָליציי האָט געקאָנט, וויפל איר הארץ האָט געגלוסט, פארהאלטן די אויסבילדונג פון ארבעטער-אָרגאניזאציעס (נאָכן אונטערגאנג פונעם „צאָפן-פארבאנד" איז אפן דאָרעם אופגעקומען נאָך איינע, אן אנארכיסטישע אָרגאניזאציע, וואָס האָט געהאט א שטורמישן, אָבער זייער א קורצלעביקן דערפאָלג; אגעוו, איז שוער אנצורופן זי „אָרגאניזאציע", איר הויפטלעכער קאמפ-מיטל איז געווען פאבריק-טעראָר). די סטיכיישע שטרייק-באוועגונג אָבער האָט די פאָליציי געקאָנט נאָך ווייניקער פארהאלטן דערפאר, ווייל דער אינדוסטריעלער קריזיס, וועלכער האָט זיך פארשארפט נאָך א קורצן אָטעם-איבעררייס (די יאָרן 1878—1879 — אדאנק די מיליטערישע באשטעלונגען), האָט געגעבן די פאבריקאנטן די מעגלעכקייט אזוי צוצודריקן דעם ארבעטער, ווי זיי האָבן דאָס פריער ניט געקאָנט טאָן אפילע אין רוסלאנד. די פארקירצונג פון דער פראָדוקציע, אונטער דער ווירקונג פונעם קריזיס, האָט געמאכט דעם אונטערנעמער פאר אן אלייניקן הערשער איבערן לעבן פון טויזנטער מענטשן: „ווילסטו ניט ארבעטן אופ מיינע באדינגונגען, גיי ווו דו ווילסט, איך האָב שוין אזוי אויך מער ארבעטער, איידער איך באדארף". די ארבעטלאָזיקייט איז, ווי שטענדיק, נאָכגעגאנגען נאָכן קריזיס. „קוידעמקאָל, גייסטו ארייון אין א וואָסער ניט איז זאוואָד אָדער פאבריק, — און אומעטום הערסטו נאָר, אז מע זאָגט אָפ, האָט געשריבן די „ראבאָטשאיא

גאַזעטאַ" פונ די נאַראָדאָווָאָלצעס צומ סאָפ 1880־טנ יאָר, — באַ גאָלוביאָווג, באַ לעסנערנ, ליעמאָשל, האָט מענ אָפּגעזאָגט א פּערטכיילעק פונ אַלע ארבעטער; באַ פּוטילאָוונ, נאָבעלנ, אויפנ באַלטישנ זאַוואָד — א דריטכיילעק; באַ ראַסטעריאַיעוונ, אויפנ פּאַטראָנענ־זאַוואָד, באַ פּעטראָוונ — א העלפט; בערדס זאַוואָד איז אינגאַנצנ אָפּגעשטעלט געוואָרנ, און געאַרבעט האָבנ דאָרטנ 1500 מאַנ. דאָס אייגענע איז אויכ אינ די פּאַבריקנ. קומט, הייסט עס, אויס, אז אויכ די שטענדיקע פּיטערער (פּעטערבורגער) ארבעטער האָבנ זיכ ניט וווּ אהינ צו טאָנ, און דאָ האָט נאָכ, צומ אומגליק, די אומגערעטעניש אָנגעטריבנ פונ דער פּראָווינצ גאַנצ גענוג ארבעט־מענטשנ. אז דו גיסט איצט א קוק אָפּ דעמ אַלעמ, זעסטו, פאַרוואָס איז עס אינ אייניקע גאַסנ ניט דורכצוגיינ פונ אָרעמעלייט, פאַרוואָס די פּאָליציי, כאָטש זי שיקט ארויס פונ שטאָט די אָרעמעלייט אינ די טויזנטער, קאָנ פונדעסטוועגנ אַלצ ניט אָפּרייניקנ פונ זיי די גאַסנ".

דער קריזיס האָט פאַרכאַפּט די גאַנצע ערשטע העלפט אכציקער יאָרנ, און פאַר זעקס יאָר (1881—1886) ציילנ אָנ די היסטאָריקער פונ דער רוסישער ארבעטער־באַוועגונג 48 גרויסע שטרייקנ, אינ וועלכע עס האָבנ גענומענ אָנטייל העכער 80 טויזנט ארבעטער. מער פאַר אַלע איז פאַרבליבנ אינ זיכּאָרנ דער „מאָראָזאָווער שטרייק" — דער שטרייק אינ יאַנוואַר 1885 יאָר אפ טימאָפיי מאָראָזאָווס פאַבריק אינ אָרעכאָוואָ-זויעוואָ, פאַקטיש דער ע ר ש ט ע ר ד ע ר פ אָ ל ג פונ דער רוסישער ארבעטער־באַוועגונג, ווי מיר וועלנ זענ ווייטער, כאָטש געענדיקט האָט זיכ דער שטרייק מיט א קלוימערשטנ ניצאָכנ פונעמ פאַבריקאַנט. באַ מאָראָזאָוונ האָט מענ, ווי אומעטומ, אויסנוצנדיק דעמ קריזיס, שטאַרק פאַרקלענערט דעמ ארבעטלוינ (מיטאַמאָל אפ 25 פּראָצענט), — און אינ דער זעלביקער צייט האָט די אדמיניסטראַציע פונ דער פאַבריק באַקומענ א פאַראָרדענונג פונעמ באַלעבאָס צו שטראָפירנ די ארבעטער אזוי אָנהאַכמאָנעסדיק, אז פונ יעדנ רובל זאָל נאָכ 25 פּראָצענט פאַרבלייבנ באַמ באַלעבאָס אינ קאַסע שוינ אינ דער פאָרמ פונ שטראָפנ. מע פלעגט שטראָפירנ פאַר אַלצ: פאַר רויכערנ איז געווענ באַשטימט א שטראָפ פונ 3 ביז 5 רובל, פאַר איינ טאָג ניט ארויסגיינ צו דער ארבעט פלעגט מענ אויסרעכענענ א דרייטאָגיקנ פאַרדינסט אאַוו. פאַר שטיק־ארבעט האָט מענ באַשטימט אזעלכע באַדינגונגענ, אז אָפּטמאָל פלעגט א וועבער, ווי דער באַלעבאָס אַליינ דאָט אָנערקענט אויפנ געריכט, פאַרדינענ ניט מער ווי 2 רובל 50 קאָפּ. א כוידעש. אכוצ דעמ פלעגנ מענ נאָכ אראָפּרעכענענ פאַר אַלצ: אי פאַר דער באָד, אי פאַר באַלייכטנ די צימערלעכ, אי פאַר קוילנ צומ סאַמאָוואַר; פונ די אייַנוווינער פונ די צימערלעכ פלעגט מענ נעמענ געצאָלט פונ קאָפּ, אזוי, אז מע פלעגט מוזנ צאָלנ פאַר איטלעכס קינד אינ דער פאַמיליע.

באַ אזעלכע באַדינגונגענ האָט דער שטרייק געמוזט אויסברעכנ סטיכייִש, פונ זיכ אַליינ, ביפּראַט נאָכ, אז באַ ט. מאָראָזאָוונ, א ווילדנ עקספּלואַטאַטער, זיינענ די ארבעטער, קאָנ מענ זאָגנ, צוגעוווינט געווענ צו שטרייקנ: דער ערשטער שטרייק באַ אימ אינ דער פאַבריק איז געווענ נאָכ אינ 1865־טנ יאָר. נאָר די באַזונדערקייט, מיט וועלכער עס צייכנט זיכ אויס דער מאָראָזאָווער שטרייק פונ 1885־טנ יאָר, איז באַשטאַנענ טאַקע דערינ, וואָס ער איז ניט געווענ קיינ סטיכייִשער. בעראָש פונעמ שטרייק זיינענ געשטאַנענ באַוווּסטזיניקע ארבעטער, מאָסעיענקאָ און וואָלקאָוו; דער ערשטער איז געווענ אנ אַלטער קעמפער פונ דער פּעטערבורגער ארבעטער־באַוועגונג צומ סאָפ פינ די זיבעציקער יאָרנ און פאַר זיינ אָנטייל

אינ די פעטערבורגער שטרייקנ איז ער שוינ געווענ פארשיקט אינ מיזרעכ־סיביר. וואָלקאָוו האָט באוויזנ, ווי מיר וועלנ וויטער זענ, מיט אזא פארשטאנד איבערצוגעבנ די פאָדערונגענ פונ די ארבעטער, אז פונ וואָלקאָווס „העפט" איז עטוואָס דירעקט אריבער אינ די רוסישע פאבריק־געזעצנ פונ די 80־קער יאָרנ. דער שטרייק איז דורכגעפירט געוואָרנ מיט גרויס אויסגעהאלטנקייט אונ הארטנעקיקייט. די וועבער, וואָס האָבנ אָנגעהויבנ דעמ שטרייק, האָבנ באוויזנ „אראָפּצונעמענ" פונ דער ארבעט צוערשט די וועבערנס, דערנאָכ די שפּינער, דערנאָכ די פארבער; די גאנצע אונטערנעמונג האָט זיכ אָפּגעשטעלט. מאָסעיענקאָ אונ וואָלקאָוו האָבנ איינגערעדט

באמ אויסצאָלנ ארבעט־לוינ (פונעמ בילד פונעמ קינסטלער קאסאטקינ)

די באוויירימ, זיי זאָלנ קיינ שומ גוואלד־מיטלענ ניט אָנווענדנ, אָבער די אופרעגונג פונ דער פראָלעטארישער מאסע קעגנ דער אדמיניסטראציע איז געווענ אזוי שטארק, אז די דירעס פונ מאָראָזאָווס הויפּט־העלפערס האָבנ היפּש געליטנ. די באוועגונג איז געווענ אזא דראָענדיקע, אז דער וולאדימירער גובערנאטער האָט ארויסגערופנ אפנ אָרט צוויי באטאליאָנ אינפאנטעריע אונ א פאָלק קאָזאקנ (עס האָבנ געשטרייקט בא 8 טויזנט ארבעטער). נאָר די ארבעטער האָבנ זיכ פאר דעמ מיליטער אויכ ניט דערשראָקנ אונ זיינענ ניט איינגעגאנגענ אפנ פאבריקאנטס באדינגונגענ. אז מאָראָזאָוו האָט דערזענ דעמ אייגנמוטיקנ דראנג פונ די ארבעטער, האָט ער אָנגעהויבנ נאָכגעבנ. דעמ 11־טנ יאנואר (דער שטרייק האָט זיכ אָנגעהויבנ דעמ 7־טנ) האָבנ די ארבעטער איינגעאָרדנט א פּראָצעסיע מיט א רויטער פאָנ, אונ ווענ די באפולמעכטיקטע פונ די ארבעטער זיינענ נאָכ דעמ ארעסטירט געוואָרנ, האָט מענ זיי אָפּגעשלאָגנ בא דער פּאָליציי. ערשט נאָכ א ריי געשלעגנ מיט די קאָזאקנ אונ מיט דער אינפאנטעריע אונ נאָכ דעמ, ווי עס זיינענ ארעסטירט גע-

וואָרנ 600 מאַנ, איז דער העלדישער ווידערשטאַנד פונ די שטרייקנדיקע איינגע-
בראָכנ געוואָרנ. די אַרבעט האָט זיכ ווידער אָנגעהויבנ דעמ 14־טנ יאַנוואַר, נאָר געשטעלט צו דער אַרבעט האָבנ זיכ סאַכאַקל 800 מאַנ פונ 8 טויזנט.

פונ אַזעלכע געשעענישנ האָט צו שטאַרק געשמעקט מיט אַרבעטער־רעוואָליוציע, אַז אַלעקסאַנדער דעמ 3־טנס רעגירונג, וואָס האָט ביכלאַל מער גענומענ מיט שפּיצלעכ, ווי מיט מוטיקייט, זאָל ניט ווערנ אַ־מרויִק. אינ פּעווראַל פונ דעמ זעלביקנ 1885 יאָר, דאָס הייסט, דירעקט טאַקע אונטערנ איינדרוק פונעמ מאָראָזאָווער שטרייק, האָט דאָס אינערנ־מיניסטעריומ געשריבנ צומ פינאַנצ-מיניסטער (וואָס אינ זיינ רעשוס האָבנ זיכ דעמלט געפונענ אויכ די פאַבריקנ; דאָס מיניסטעריומ פאַר האַנדל אונ אינדוסטריע איז געגרינדעט געוואָרנ ערשט פיל שפּעטער): „די אויספאָרשונג, וואָס די אָרטיקע מאַכט האָט דורכגעפירט וועגנ די סיבעס פונ די אַרבעטער-שטרייקנ, האָט באַוויזנ, אַז זיי (די שטרייקנ) דראָענ פאַרוואַנדלט צו ווערנ אינ ערנסטע אומאָרדענונגענ אונ אַז זיי זיינענ פאָרגעקומענ דעריקער צוליב דעמ, וואָס אינ אונדזער געזעצגעבונג זיינענ ניטאָ קיינ אַלגעמיינע באַשטימונגענ, וואָס אַפּ זייער יעסאָד וואָלטנ געקאָנט פעסטגעשטעלט ווערנ די קעגנזייטיקע באַציִונגענ צווישנ די פאַבריקאַנטנ אונ די אַרבעטער". ווייטער רעדט זיכ וועגנ זאַכנ, וואָס זיינענ אונדז גוט באַקאַנט: וועגנ די „אומגעהייער גרויסע שטראָפנ", וואָס „האָבנ אָפט געדריקט אינ די הענט בא די פאַבריקאַנטנ (דאָ האָט נאָר געפעלט טימאָפיי מאָראָזאָווס נאָמענ) אַלס מיטל קינסטלעכ צו פאַרקלענערנ די סכירעס" אונ וועגנ „די הויכע פּרייזנ אינ די פאַבריק־קראָמענ" אונ וועגנ „דעמ פעלנ פונ פּינקטלעכקייט באַמ צוזאַמענשטעלנ די באַדינגונגענ" א.א.וו. — אַלצ, וואָס איז אויסגעצייכנט באַקאַנט ניט נאָר אונדז, נאָר ווי מיר האָבנ געזענ, אויכ דער צאַרישער רעגירונג נאָכ פונ 1870-טנ יאָר אָנ. איצט, נאָכ דער כוואַליע שטרייקנ אינעמ סאָפ זיבעציקער אונ אינעמ אָנהייב אַכציקער יאָרנ, האָט די רעכטלאָזיקייט פונ די אַרבעטער אָנגעהויבנ ווערנ געפערלעכ פאַר דער רעגירונג גופע; קעדיי אַלעקסאַנדער דער 3-טער זאָל זיכ פילנ זיכער אַפנ טראָנ, האָט מענ געמוזט געבנ עפּעס „רעכט" די אַרבעטער.

אַפנ וועג פונ פאַבריק־געזעצגעבונג האָט זיכ אַלעקסאַנדער דעמ דריטנס רעגירונג געשטעלט נאָכ אינ 1882־טנ יאָר, אָבער דער ערשטער טריט אירער איז געווענ אַזאַ ניט אַנטשלאָסענער, אַז מיצאַד די פאַבריקאַנטנ האָט ער קיינ זאַכ ניט אַרויסגערופנ, אַכוצ פאַראַכטונג. דער געזעצ פונעמ 1־טנ יול פונ דעמ יאָר האָט באַגרענעצט דאָס עקספּלואַטירנ מינדעריעריקע אינ די פאַבריקנ, אונ עס איז געגרינדעט געוואָרנ אַנ אינספּעקציע, וואָס האָט געדאַרפט אַכטונג געבנ, אַז דער געזעצ זאָל אויסגעפילט ווערנ. נאָר, ערשטנס, האָט מענ דעמ געזעצ באַשלאָסנ איינפירנ ערשט אינ צוויי יאָר אַרומ, פונעמ 1־טנ מיי 1884־טנ יאָר, צווייטנס, האָט דער פאַבריק-אינספּעקטער קיינ שומ מאַכט ניט באַקומענ, ער האָט נאָר געמעגט אַרומפאָרנ, קוקנ אונ שרייבנ פּראָטאָקאָלנ, וואָס פונ זיי פלעגט גאָרנישט ניט אַרויסקומענ (מיר געדענקענ, אַז די פרידנס־ריכטער זיינענ געווענ אַפ דער זייט פונ די פאַבריקאַנטנ). עס איז דעריבער קיינ וווּנדער ניט, אַז ווענ עס פלעגט קומענ דער אינספּעקטער, פלעגט מענ אימ איגנאָרירנ אונ ענטפערנ, אַז מע ווייס גאָרנישט ניט וועגנ אַזאַ געזעצ. אונ איינער אַ מאָסקווער פאַבריקאַנט האָט אַפילע ניט געוואָלט אויסהערנ דעמ אינספּעקטער אונ האָט אימ איבערגעריסנ מיט די ווערטער: „זייט מיר מויכל, מיינ הער, מיר איז שוינ צייט צו פאָרנ אינ שטאָט,

אינ שפײַכלער, און איך דערצײלט װעגנ אײער איניעם אײנעם פונ מײַנע יונגע אינ קאָנטאָר; זײ װעלנ מיר דערנאָך אלץ איבערגעבנ, איך מעגט זײַנ גאנצ רויִק".

די מוירע פאר דער אײגענער פעל האָט געצװוּנגענ אלעקסאנדער דעמ 3-טנ און זײַנע מיניסטאָרנ דרײַסטער צוצוגײנ צו די פאבריקאנטנ: דאָס ערשטע מאָל האָט מענ זיכ פארמאָסטנ אפ די באלעבאטימ פונ די באציִונגענ ניט צו קינדער (דאָ האָט מענ נאָכ די אפּעטראָפּסעס מיצאד דער רעגירונג געקאָנט פארענטפערנ מיט דער מינדעריעריקײַט פונ די, װעגנ װעלכע מע װיל, קלוימערשט, זאָרגנ), נאָר צו די דערװאקסענע ארבעטער. דער געזעצ פונ 3-טנ יונ 1885 יאָר האָט פארװערט נאכט-ארבעט פאר פרויענ, און פונקט אינ א יאָר ארומ האָט די שוצ באַרירט אלע ארבעטער פונ יעדנ געשלעכט און עלטער. דער הויפּט-טאָכ פונעמ געזעצ איז באַשטאנענ אינ דעמ, װאָס ער האָט באגרענעצט דעמ װילקיר פונעמ באלעבאָס בענגײיע צומ פאנאנדערצאָלנ זיכ, צומ שטראפירנ א א װ. דאָס הײסט, בענגײיע צו דעמ, אפ װאָס די ארבעטער פלעגנ זיכ לעסײידער קלאָגנ בא יעדנ שטרײַק, װאָס פלעגט צוציִענ צו זיכ די אופמערקזאמקײַט פונ דער מאכט. װענ מיר פארגלײַכנ באזונדערע ארטיקלענ פונעמ געזעצ מיט די פאָדערונגענ פונ מאָראָזאָװס ארבעטער אינ יאנואר 1885 יאָר, איבערצײַגנ מיר זיכ נאָכאמאָל, װי שטארק עס איז געװענ דער אײַנדרוק, װאָס דער דאָזיקער שטרײַק האָט געמאכט אפ דער מאכט: א גאנצע ריי פאָדערונגענ איז אינגאנצנ אריבער אינ געזעצ: פאנאנדערצאָלנ זיכ יעדע צװײ װאָכנ, װאָרענענ װעגנ אפּזאָגנ מיט צװײ װאָכנ פריִער, באפרידיקנ דעמ ארבעטער מיט א „באזונדערער באלוינונג", אויב מע רעכנט זיכ מיט אימ אָפּ ניט ריכטיק אָדער ניט צו דער צײַט, פארקירצנ די שטראפנ אזוי, אז זײ זאָלנ אפ קײנ פאל ניט אָפּנעמענ מער װי 5 פראָצענט פונעמ ארבעטלוינ (אַנשטאָט 25 פראָצ., װי בא מאָראָזאָװנ) א א װ.

נאָר אויב די פאבריקאנטנ זײַנענ די ערשטע רעגע צעטומלט געװאָרנ פונעמ מארש אפ זײערע „רעכט", האָבנ זײ אינגיכנ זיכ גערעכנט באַרויִקנ. ערשטנס, זײַנענ די אינספּעקטערס באשטימט געװאָרנ אינ אזא צאָל (לעמאָשל, אינ מאָסקװער גוברניע איז געװענ צװײ, אנ אינספּעקטער מיט א געהילפ, אפ צװײ טויזנט פאבריקנ), אז ערנסט אכטונג געבנ אפ די פאבריקאנטנ האָבנ זײ, פארשטײט זיכ, ניט געקאָנט. װײַטער זײַנענ איבער די אינספּעקטערס אװעקגעשטעלט געװאָרנ די פאבריק-סעסיעס (פריסוטסטװיעס), װוּ עס זײַנענ געװענ פארגעשטעלט די פאבריקאנטנ, און קײנ „ארבעטער איז, פארשטײט זיכ, ניט געװענ" (פינקטלעכע װערטער פונעמ אינספּעקטער איבער מאָסקװער גוברניע יאנזשול) און װוּ עס האָבנ אנ אנטשײדנדיקע באַדײַטונג געהאַט די שטימענ פונעמ אויבער-פאָליצמײסטער און פונעמ זשאנדארמענ-גענעראל. מע דארפ נאָכ זאָגנ א דאנק, װאָס דער זשאנדארמענ-גענעראל פונעמ אינערנ-מיניסטעריומ (מיר געדענקענ, אז די איניציאַטיװ פונ אלעקסאנדער דעמ 3-טנס פאבריק-געזעצגעבונג איז ארויסגעגאנגענ גראָד פונ אָט דעמ מיניסטעריומ) האָט באקומענ א פאראָרדענונג, ער זאָל שטיצנ די ארבעטער. און אזוי האָט זיכ באקומענ, אז אינ דער פערזאָנ פונעמ זשאנדארמ פלעגט דער פאבריק-אינספּעקטער געפינענ עפּעס אנ אָנשפּאר. דערפאר אָבער האָט דעמ פאבריק-אינספּעקטער אינגיכנ אופגעהערט צו שטיצנ זײַנ אײגענער אמט, װענ פאר א פינאנצ-מיניסטער איז באשטימט געװאָרנ דער בירזשע-טוער װישנעגראדסקי: װישנעגראדסקי האָט בעפײרעש צוגעזאָגט די פאבריקאנטנ, אז ער װעט פארװאנדלענ די פאבריק-אינספּעקטערס אינ „סטאנ-פריסטאװעס", דאָס הײסט,

אינ קליינע פּאָליציייִשע באַאמטע, וואָס זײַנענ מעכוּיעוו צו העלפנ דעמ באַלעבאָס מאַכנ „אָרדענונג“ אינ פאַבריק.

דערבײַ איז די לאַגע פונעמ אַרבעטער בענעגייע דער מ ע ל ו כ ע געבליבנ די פריִערדיקע: דער אַרבעטער איז, ווי פריִער, פאַרבליבנ רעכטלאָז, ווי אַלע אונטער־מעניקע פונ אַלעקסאַנדער דעמ 3־טנ, ער האָט ווי פריִער ניט געהאַט קיינ קאָאַליציע־רעכט, האָט ניט געטאָרט בילדנ קיינ פאַראיינענ, ווי פריִער איז אַ שטרײַק פאַרבליבנ אַ פאַרברעכנ, וואָס פאַר דעמ פלעגט מענ לויטנ גערירכט אַרײַנזעצנ אינ טפּיסע אונ פאַרשיקנ קיינ סיביר אינ אַדמיניסטראַטיווער אָרדענונג. אפילע דאָס באַשיידענע רעכט צו האָבנ אייגענע פאָרשטייער, אַרבעטער־„סטאַראָסטעס“, — וואָס עס האָבנ, אַגעוו, געפאָדערט די שטרײַקער פונ די 80־ער יאָרנ, — איז אויכ „געשענקט“ געוואָרנ שוינ נאָכדעמ, ווי די אַרבעטער־באַוועגונג האָט שוינ לאַנג געהאַט אַריבערגעוואָקסנ אַזעלכע באַשיידענע פאָדערונגענ: אינ די 80־קער יאָרנ האָבנ די אַרבעטער אינ רוסלאַנד אפילע וועגנ דעמ „ניט געהאַט די האָזע צו טראַכטנ“. אַלעקסאַנדער דעמ 3־טנס רעגירונג האָט אַרויסגעוויזנ זייער אַ נאַיִווונ „עקאָנאָמישנ מאַטעריִאַליזמ“, מיינענדיק, אַז אויב זי האָט אָפּ אַ האַרעלע (אונ דאָס אויכ אָפּנ פּאַפּיר) פאַרבעסערט די רײנ מאַטעריִעלע לאַגע פונעמ אַרבעטער אינ סאַמע שמאָלנ זינ פונעמ דאָזיקנ וואָרט, וועט זיכ שוינ דער אַרבעטער ניט לאָזנ מער פאַרפירנ פונ קיינ שומ „סאָציִאַלע לערעס“. זי האָט זיכ אָבער גאַנצ גיכ געמוזט אַנטוישנ: צומ אָנהייב 90־קער יאָרנ איז די שטרײַק־באַוועגונג ניט נאָר ניט געוואָרנ שוואַכער, נאָר זי איז, פאַרקערט, געוואָרנ פיל ברייטער אונ העלער.

גראָד צו דער צײַט האָבנ זיכ אינ דער פולער מאָס געלאָזט פילנ די רעזולטאַטנ פונ דער רעגירונגס טאַמאָזשניע־פּאָליטיק, וועגנ וועלכער מיר האָבנ גערעדט אינ אָנהייב פונעמ דאָזיקנ קאַפּיטל (זע זײַט 212). באַשיצט דורכ מוירעדיק גרויסע גרענעצ־אָפּצאָלנ קעגנ דער אויסלענדישער קאָנקורענצ, האָט אונדזער אינדוסטריע אַרויסגעוויזנ אַ מוירעדיקע פייִקייט צומ וואַקסנ. אינ 1885־טנ יאָר איז אינ רוסלאַנד אויסגעשמאָלצנ געוואָרנ סאַכאַקל 507.795 טאָנ טשיהונ, אינ 1895־טנ יאָר — שוינ 1.425.103, אונ אינ 1898־טנ יאָר — שוינ 2.227.747 טאָנ. אינ 1888 האָבנ די רוסישע פאַבריקנ פאַרטאָנ 131.043 טאָנ בוימוואָל, אונ אינ 1898־טנ יאָר — 278.468 טאָנ. אינ אָנהייב 80־קער יאָרנ האָבנ די אַלטע פּעטערבורגער מעטאַלורגישע פאַבריקנ ניט געוווּסט, וואָס צו טאָנ, אונ זיי פלעגנ פאַנאַנדערלאָזנ די אַרבעטער, אונ צומ סאָפ פונעמ דאָזיקנ יאָרצענדליק איז געווענ שוינ גאָר אַנ אַנדער בילד. „ביזנ 1887־טנ יאָר האָבנ אינ דאָרעמ־רוסלאַנד געאַרבעט סאַכאַקל צוויי אײַזנבאַאַרבעטנדיקע זאַוואָדנ — יוזס אונ פּאַסטוכאָווס. פ ו נ ד ע מ י אָ ר הייבנ די זאַוואָדנ אָנ צו וואַקסנ ווי שוואָמענ. פאַר אַ קורצער צײַט איז אויפגעקומענ אַ גאַנצע ריי קאָלאָסאַלע טשוהונשמעלצנדיקע זאַוואָדנ: אַלעקסאַנדראָווסקער, קאַמענסקער, גדאַנצעווער, פּעטראָווסקער, מאַריופּאָלער, דאָנעצער־יוריעווער, טאַהאַנראָגער אונ אַנדערע. די צאָל אַרבעטער אָפּ יוזס טשוהונשמעלצנדיקנ זאַוואָד איז אַרומ 10 טויזנט, אָפּ די איבעריקע — עטוואָס ווינציקער. אינ 1899־טנ יאָר איז אינ דאָרעמ געווענ 17 גרויסע טשוהונשמעלצנדיקע זאַוואָדנ מיט 29 פונקציאָנירנדיקע דאָמנעס אונ 12, וואָס האָבנ זיכ געהאַלטנ אינ בויענ“. אַזוי באַשרײַבט עס איינער אַ באַאָבאַכטער פונ יענער צײַט.

אַז עס האָט זיכ געענדיקט דער קריזיס, איז געקומענ, פאַרשטייט זיכ, אויכ אַ סאָפ צו דער אַרבעטלאָזיקײַט. נאָר מיר וואָלטנ אַ גרויסנ טאָעס געהאַט, ווענ מיר

וואָלטנ זיכ פאַרגעשטעלט, אַז די אונטערנעמער, וואָס האָבנ ווידער אָנגעהויבנ גוט צו „פאַרדינענ", זײַנענ מיטאַמאָל ווייכ געוואָרנ אונ האָבנ פונ אייגענער גוטסקייט געהויבנ דעמ אַרבעטלוינ פונ זייערע אַרבעטער. עס הייבט זיכ גאָרניט אָנ. דער אַרבעטלוינ איז, עמעס, באַדײַטנדיק געשטיגנ צו דער צווייטער העלפט 90-קער יאָרנ: אינ צינדעלס פאַבריק אינ מאָסקווע איז דער דורכשניטלעכער יערלעכער פאַרדינסט פונ אַנ אַרבעטער אַ מאַנצביל געווענ אינ 1866-טנ יאָר 235 רובל, אונ אינ 1896-טנ יאָר — 270 רובל (אונ דערבײַ איז דער פּרײַז פונ ברויט געוואָרנ קלענער, דאָס הייסט, אַז דער ר ע אַ ל ע ר, ווירקלעכער אַרבעטלוינ איז געשטיגנ העכער ווי דער נ אָ מ י נ אַ ל ע ר: פאַר דער זעלביקער צאָל רובלס האָט מענ איצט געקאָנט קויפנ מער). אינ יוזאָווער זאַוואָד, אינ קאַטערינאָסלאַווער גובערניע (איצט סטאַלינער ראַיאָנ) איז דער קלענסטער אַרבעטלוינ (פאַר אַ שוואַרצאַרבעטער) אינ די יאָרנ 1884—85 געווענ 40 קאָפּעקעס אַ טאָג, אונ אינ 1897-טנ יאָר — 70 קאָפּ. אַ טאָג. די העכסטע סכירעס איז אינ די 80-קער יאָרנ געווענ 3 רובל 70 קאָפּ. אַ טאָג, אונ אינ 1897-טנ יאָר — 6 רובל. אָבער דער דאָזיקער דערפאָלג איז דערגרייכט געוואָרנ נאָר אַדאַנק דעמ אויסערגעוויינלעכ ענערגישנ שטרײַק-קאַמפ, וואָס די אַרבעטער האָבנ געפירט אינ מעשעכ פונעמ גאַנצנ לעצטנ יאָרצענדליק פונעמ XIX יאָרהונדערט; אויב אינ אָנהייב 80-קער יאָרנ האָט מענ פאַר 5 יאָר געקאָנט אָנציילנ 80 טויזנט שטרײַקערס, האָבנ אינ איינ 1895-טנ יאָר געשטרײַקט 48 טויזנט מאַנ, אונ פאַר 5 יאָר, פאַר די יאָרנ 1895—1899, האָט זייער צאָל דערגרייכט קימאַט ביז אַ האַלבנ מיליאָנ (434 טויזנט מאַנ).

אונ פּאַראַלעל מיט דער עקאָנאָמישער באַוועגונג, מיט דער שטרײַק-באַוועגונג האָט זיכ אַנטוויקלט אויכ די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג צווישנ דעמ אַרבעטער-קלאַס. זי האָט זיכ אַנטוויקלט לאַנגזאַמער, איידער די עקאָנאָמישע באַוועגונג: פּ אָ ל י ט י ש ע מאַסנ-שטרײַקנ האָט דערזענ ערשט דער XX יאָרהונדערט, נאָר דאָכ האָט זי זיכ אַנטוויקלט אַ סאַכ לעבעדיקער, איידער ווענ ניט איז אינ די אַלע פריערדיקע פּעריאָדנ פונ דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אינ רוסלאַנד. אינ דער ערשטער העלפט 70-קער יאָרנ זײַנענ געווענ איינצלנע אַרבעטער-רעוואָליוציאָנערנ אונ איינצלנע רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער-קרײַזלעכ; אינ דער צווייטער העלפט פונעמ דאָזיקנ יאָרצענדליק זײַנענ שוינ געווענ אַרבעטער-אָ ר ג אַ נ י זאַ צ י ע ס, וואָס האָבנ פאַר זיכ געשטעלט פּאָליטישע אויפגאַבנ. אינ די 90-קער יאָרנ זײַנענ שוינ פול געווענ מיט קרײַזלעכ אַלע אינדוסטריעלע צענטערס פונ רוסלאַנד, אונ פונ די אָרגאַניזאַציעס האָט זיכ אָנגעהויבנ אויסבילדנ די פּ אָ ל י ט י ש ע פּ אַ ר ט י י פונעמ פּראָלעטאַריאַט. וועגנ דער אויסבילדונג פונ דער דאָזיקער פּאַרטיי וועט אויסקומענ אויספירלעכער צו רײדנ אינעמ פאָלגנדיקנ קאַפּיטל פונ אָט דעמ „עטיוד" — בײַס מיר וועלנ רײדנ וועגנ דער צוגרייטונג פונ דער ערשטער אַרבעטער-רעוואָליוציע אינ רוסלאַנד, פונ די יאָרנ 1905—1907. נאָר דער עטיוד פונ דער אַרבעטער-באַוועגונג ביז יענעמ מאָמענט וואָלט געווענ ניט פול, ווענ מיר וואָלטנ ניט געזאָגט, אַז צו די 90-קער יאָרנ האָט דער אַרבעטער-קלאַס ניט נאָר פיל מאָל ענערגישער, איידער פריער, געפירט זײַנ קאַמפ, נאָר אַז ער האָט אימ אויכ געקאָנט פירנ איצט ניט בלינדערהייט, נאָר אינגאַנצנ באַוווּסטזיניק: צו די 90-קער יאָרנ איז שוינ בײַ אונדז געווענ אויסגעאַרבעט אונ פאַנאַנדערגעאַרבעט די טעאָריע פונ קלאַסנקאַמפ פונעמ פּראָלעטאַריאַט, עס האָט עקזיסטירט דער ר ו ס י ש ע ר מ אַ ר ק ס י ז מ.

מארקס נאמענ איז שוינ לאנג אונ גוט באקאנט געווענ אינ רוסלאנד. דער ערשטער באנד „קאפיטאל” איז איבערגעזעצט געווארנ אינ רוסיש פריִער, איידער אינ א וואסער ס'ניט איז אנדער שפראכ. פיל רעוואָליוציאָנערנ-נאראָדאוואָלצעס זיינענ פערזענלעכ באקאנט געווענ מיט מארקסנ, פלעגנ זיכ דורכשרייבנ מיט אימ; נאר זיינע אידייענ, וואס די נאראָדאוואָלצעס האבנ זייער געשעצט אונ באצויגנ זיכ צו זיי מיט גרויס אכטונג, זיינענ געווענ פאר זיי ריינע „טעאָריע”, ד. ה. עפעס אזוינס, וואס קאנ ניט אנגעווענדט ווערנ צו דער רוסישער ווירקלעכקייט, וואס צו אונדז, רוסנ, האט עס קיינ שייכעס ניט. אינדערמעסענ, „בא אונדז איז דאכ ניטא קיינ קאפיטאליזמ. בא אונדז וועט דער סאָציאַליזמ גיינ ניט פונ דער פאבריק, נאר פונ דער דארפ-געמיינדע”. אונ דער פאָלקיסט פלעגט עס מיט אזא פלייס אונ פעסט-קייט איבערכאזערנ, אז מארקס אליינ האט זיכ א רעגע א וואקל געטאנ, אונ אויב ער האט ניט אנערקענט, אז פונ דער רו-סישער געמיינדע וועט ארויסקומענ דער סאָציאַליזמ (ווי עס האבנ פארזיכערט די פאָלקיסטנ, פניִעסדיק אויסטייטשנדיק מארקס א בריוו), האט ער פונדעסטוועגנ ניט געגענוג אנטשלאסנ אפגעגרענעצט זיכ פונ אט דער מיינונג. עמעס איז, אז מארקס האט געקענט די רוסישע גע-מיינדע נאר אזא, ווי עס האבנ זי געמאָלט די פאָלקיסטנ, אונ דא איז זי געווענ ענלעכ צו אלצ, וואס איר ווילט, נאר ניט צו דער ווירקלעכער רוסישער געמיינדע. עמעס איז אויכ, אז אלס נייטיקע פארהאנאכע פאר דער אויסבילדונג פונעמ סאָציאַליזמ אינ רוסלאנד האט ער גערעכנט דעמ ניצאכנ פונ דער סאָציאַליסטישער — ארבעטערשער — רעוואָליוציע אינ מיב-רעוו-אייראָפע.

ג. וו. פלעכאנאָוו (אינ דער יוגנט)

אונ דא איז די פאָלקיסטישע באוועגונג ארייִנ פולשטענדיק אינ א טעמפנ ווינקל. ביזנ מיטנ 70-קער יארנ האט זי אלע אירע האפענונגענ געלייגט אפנ פויער, — ער האט זיי ניט בארעכטיקט. דער איבערגאנג צומ טעראָר האט, אינ טאכ גענומענ, באטייט, אז מע הייבט אנ צו האפנ אפ דער בורזשואזיע, וואס האט געזאָלט שטיצנ די טעראָריסטנ. נאר די בורזשואזיע האט זיכ גאר ביז איינעמ אויסבאהאלטנ בעכאדרע-כאדאָרימ נאכנ ערשטנ מארט. די פאָלקיסטנ האבנ שוינ, פונ זייער שטאנדפונקט, ניט געזענ מער קיינ איינ געזעלשאפטלעכנ קלאס, וואס זאָל זיינ פייִק אונטער-צוהאלטנ די רעוואָליוציע. עמעס, מע האט ניט געקאנט ניט זענ כאלטורינענ מיט זיינע כאווײרימ, נאר וואס איז דערפונ געדרונגענ? קיינ קאפיטאליזמ איז דאכ אינ רוסלאנד ניטא, קיינ פראָלעטאריאט קאנ ניט זיינ, — איז וואס זשע קאנ דער ארבעטער געבנ דער רעוואָליוציע?

עס איז קלאר, אז מע האט געמוזט פאשעט נעמענ דעמ אקס פאר די הערנער אונ איבערקוקנ די גאנצע פראגע, — צי איז ווירקלעכ טאקע אינ רוסלאנד ניטא

קיינ קאַפּיטאַליזמ אונ קיינ פּראָלעטאַריאַט קאָנ דאָ ניט זיינ? דער דרייסטער מענטש, וואָס האָט זיכ גענומענ פאַר אַט דעמ ווינקלשטיינ פונעמ פאָלקיזמ אונ האָט זיכ געפּרוווט אימ איבערקערנ, איז געווענ געאָרגי וואַלענטינאָוויטש פּלע-כאַנאָוו (1857—1918).

פּלעכאַנאָוו, וואָס איז אונדז שוינ באַקאַנט אַלס רעדנער אַפנ קאַזאַנער פּלאַצ דעמ 6-טנ דעקאַבער 1876-טנ יאָר, דערנאָכ אַלס רעדאַקטער פונעמ אָרגאַנ פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פאָלקיזמ — „זעמליא אי וואָליא", איז ניט אוועק מיט דער טע-ראָריסטישער מינדערהייט פונ די זעמלעוואָלצעס אונ האָט נאָכנ וואָראָניעזשער צוזאַמענפאָר אָרגאַניזירט דעמ „טשאָרני פּערעדיעל" (ז. 205). דער פּראָפּאַגאַנ-דיסט איז שוינ דעמאָלט געווענ שטאַרקער אינ אימ, ווי דער רעוואָליוציאָנער — דער קעמפער. אונ שפּעטער, בייס דער רעוואָליוציע פונ 1905-טנ יאָר, האָט זיכ עס אַרויסגעוויזנ נאָכ בוילעטער. נאָר אַלס פּראָפּאַגאַנדיסט האָט פּלעכאַנאָוו געהאַט אַנ אויסשליסלעכע קראַפט, — ער איז געווענ דער סאַמע קלוגער, סאַמע געבילדע-טער אונ סאַמע טאַלאַנטפולער רוסישער פּובליציסט אינעמ סאָפ XIX יאָרהונ-דערט. דער דורכפאַל פונעמ „טשאָרני פּערעדיעל", וואָס זיינ פּראָפּאַגאַנדע האָט צווישנ דעמ פּויערטומ געהאַט נאָכ ווינציקער דערפאָלג, איידער דאָס „גיינ אינ פאָלק" צענ יאָר פאַר דעמ, האָט געבראַכט דערצו, אַז פּלעכאַנאָוו איז אוועקגעפאָרנ קיינ אויסלאַנד. דאָ האָט ער פאָנעמ צו פאָנעמ דערזענ די אייראָפּייִשע אַרבע-טער-באַוועגונג. אָט ווו זי איז, אָט די מאַסע, וואָס אַפ איר קאָנ זיכ שטיצנ די פּאָליטישע רעוואָליוציע! מע זאָגט אָבער, אַז בא אונדז איז אַזוינס ניט פאַראַנ אונ עס קאָנ ניט זיינ. איז עס טאַקע אַזוי? די זיכרוינעס — פּלעכאַנאָוו איז גע-ווענ איינער פונ די סאַמע אַקטיווע טוער צווישנ דעמ פּעטערבורגער פּראָלעטאַ-ריאַט אינ דער צווייטער העלפט זיבעציקער יאָרנ, — האָבנ אימ אַזוי ווי אונטער-געזאָגט גאָר אַנדערע זאַכנ. אונ שוינ דעמאָלט, ווי ער דערציילט אַליינ אינ זיינע זיכרוינעס וועגנ דער פּעטערבורגער אַרבעטער-באַוועגונג, זיינענ בא אימ געבאָרנ געוואָרנ ספּייקעס מיקוייעכ דער געמיינדע. דאָס נאָענטע באַקענענ זיכ מיט דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור אינ אָריגינאַל, אַפנ אָרט, האָט נאָכ מער פאַרפעס-טיקט די דאָזיקע ספּייקעס. פּלעכאַנאָוו האָט צונויפגעזאַמלט דעמ גאַנצנ סטאַטיס-טישנ מאַטעריאַל, וואָס איז דעמאָלט געווענ, איז צוגעגאַנגענ צו אימ מיטנ עמעסנ וויסנשאַפטלעכנ מאַרקסיסטישנ מעטאָד — אונ איז געקומענ צו דער איבערציי-גונג, אַז „דער קאַפּיטאַליזמ קאָנ ווערנ אונ ווערט דער פולמעכטיקער באַלעבאָס פונ רוסלאַנד". אַזאַ מינ אויספאָרשונג האָט ער געמאַכט אויכ בענעגייע דער גע-מיינדע אונ האָט אויסגעפונענ, אַז „האָפנ אַפ איר ווייטערדיקער זעלבשטענדיקער אַנטוויקלונג, איז פּונקט אַזוי ווילד, ווי עס איז ווילד צו האָפנ אַפ דעמ, אַז אַ פיש, וואָס מע האָט אַרויסגעשלעפּט אַפנ ברעג, זאָל דאָ לאַנג לעבנ אונ זיכ נאָכ פאַרמערנ. דאָ האַנדלט זיכ ניט וועגנ דעמ, אַפ וואָס פאַר אַ העקל מע האָט געכאַפּט דעמ פיש, נאָר וועגנ דעמ, צי זיינענ זיינע אָטעמ-אָרגאַנענ צוגעפּאַסט צו דער אַרו-מיקער אַטמאָספער. די אַטמאָספער ווידער פונ דער איצטיקער געלט־ווירטשאַפט דערהאַרגעט אונדזער אַרכאַיִשע (פאַרעלטערטע) פאָרמ פונ ערד-באַזיצ, גראָבט זי אונטער אונטערנ סאַמע וואָרצל".

דער אויספיר איז געווענ אַ קלאָרער. רוסלאַנד איז פּונקט אַזאַ לאַנד, ווי די איבעריקע אייראָפּייִשע לענדער, נאָר אַ מער אָפּגעשטאַנענ לאַנד, וואָס יאָגט אָבער גיכ אָנ זיינע שכייניִמ, וועלכע זיינענ אוועק פאָרויס. „די ברענענדיקע

פראגע פונ היינטיקנ טאָג איז בא אונדז די קאַפּיטאליסטישע פּראָדוקציע". נאָר „דעם פאבריקאַנט קאָנ מענ זיכ ניט פאָרשטעלנ אָנ דעם ארבעטער... די אנטוויקלונג פונ דער בורזשואזיע איז מעכייעוו די אנטוויקלונג פונעם ארבעטער-קלאס; דער היסטאָרישער וווּקס פונ קאַפּיטאליזמ שטעלט מיט זיכ פאָר א צווייזײַטיקנ פּראָצעס, וואָס אפ יעדערער פונ זײַנע זײַטנ גרופּירט זיכ דערבײַ דער אנשפּרעכיקער געזעלשאַפטלעכער קלאס". וואָס מער אינ רוסלאנד איז פאראנ פאבריקנ אלץ מער איז דאָ פאראנ פּראָלעטאריער: אונ טאקע אפ דעם קלאס, אפנ קלאס פונ דער רוסישער *צוקונפט*, דארפ זיכ שטיצנ די רוסישע רעוואָליוציע. „בלויז די ארבעטער-פּארטיי איז פייִק צו לייזנ אלע ווידערשפּרוכנ, וואָס פאַרמישפּעטנ איצט אונדזער אינטעליגענצ אפ טעאָרעטישער אונ פּראקטישער מאכטלאָזיקייט". „קאָלזמאנ בא אונדז איז ניטאָ קיינ ארבעטער-פּארטיי, ווענדנ זיכ די שטאָטישע רעוואָליוציאָנערנ ניט ווילנדיק צו דער „געזעלשאפט", אזוי אז פּראקטיש זײַנענ זיי אירע רעוואָליוציאָנערע פאָרשטייער. דאָס פאָלק ווערט אָפּגערוקט אפנ הינ־טערגרונט"... פונדאנענ נעמענ זיכ די רײַסערײַענ אונ מאכלויקעסנ צווישנ די „דאָרפישע" אונ „שטאָטישע" רעוואָליוציאָנערנ, דאָס הייסט, צווישנ די „דאָר־פיסטנ" אונ די טעראָריסטנ. „גאָר אנדעריש וואָלט געווענ, ווענ דער פּאָליטישער קאמפּ אינ די שטעט וואָלט אָנגענומענ, הויפּטזאכלעכ, אנ ארבעטער-כאראקטער. דעמלט וואָלטנ די שטאָטישע אונ דאָרפישע רעוואָליוציאָנערנ זיכ אונטערשיידט אײנע פונ די אנדערע נאָר *לויטנ אָרט, אָבער קלאל ניט לויטנ טאָכ* פונ זייער טעטיקייט, אונ סײַ די, סײַ יענע וואָלטנ געווענ פאָרשטייער פונ דער *פאָלק*-באַוועגונג אינ אירע פארשיידענע פאָרמענ, אונ פאר די סאָציאליסטנ וואָלט ניט געווענ נייטיק מאקרעוו צו זײַנ זייער לעבנ צוליב די אינטערעסנ פונ דער פרעמדער צו זייערע אנשויונגענ „געזעלשאפט" (דאָס הייסט, פונ דער בורזשואזיע).

אָט דאָס זײַנענ, פאָרשטייט זיכ, איז זייער א געפּרעסטער פאָרמ, די אנשויונגענ, וואָס פּלעכאנאָוו האָט אנטוויקלט אינ זײַנ בוכ „אונדזערע מיינונג-פאַרשיידנהײַטנ" (וואָס איז ארויס אינ אויסלאנד אינ 1884 יאָר), אונטערפירנדיק א סאכאקל אונטער זײַנע שטרײַטנ סײַ מיט די פּראָפּאגאנדיסטנ-פאָלקיסטנ, סײַ מיט די טעראָריסטנ פונ „נאראָדנאיא וואָליא". ער איז טאקע איצט ווירקלעכ געשטאַנענ אפ יענער זײַט גרענעצ, וואָס האָט אָפּגעטיילט די „נאראָדנאיא וואָליא" פונעם „טשאָרני פּערעדיעל", ער איז געשטאנענ גאָר אפ א נײַעמ באָדנ, אפ וועלכנ עס איז נאָכ ניט ארופּגעטראָטנ קיינ פוס פונ א רוסישנ רעוואָליוציאָנער, נאָר אפ וועלכנ די רוסישע רעוואָליוציע איז דערנאָכ דערגאנגענ ביז אָקטיאבער 1917. אינ „אונדזערע מיינונג-פאַרשיידנהײַטנ" זײַנענ שוינ געגעבנ געוואָרנ קימאט אלע גרונט-אידייענ, מיט וועלכע עס האָט זיכ גענערט די רוסישע מארקסיסטישע ליטעראטור ביזנ סאָפּ נײַנצנטנ יאָרהונדערט: סטרווע, בולגאקאָוו, טוגאנ-באראנאָוו-סקי אונ די איבעריקע, וואָס אינ זיי האָט די נאָיווע יוגנט פונ די 90-קער יאָרנ אײַנגעזעענ אפּאָסטאָלנ פונ מארקסיזמ, פלעגנ אינדערעמעסנ נאָר איבערדערציילנ אונ איבערקײַענ פּלעכאנאָוונ, וואָס איז געווענ ניט צוטריטלעכ פאר דער דאָזיקער יוגנט אינ אָריגינאל (די „מיינונג-פאַרשיידנהײַטנ" זײַנענ ארויס אינ רוסלאנד לעגאל ערשט אינ 1905-טנ יאָר). ערשט די „איסקרא", שוינ אינ XX יאָרהונדערט, איז אוועק ווײַטער.

נאָכ מיט א יאָר פריער, איידער עס זײַנענ דערשינענ די „מיינונג-פאַרשיידנ־

הײַטנ״, אינ 1883-טנ יאָר, האָט זיכ ארומ פלעכאנאָוונ צונויפגענומענ א קלײנ
הײַפעלע עמיגראנטנ-רעוואָליוציאָנערנ, דאָסראָוו ליטעראטנ, וואָס האָבנ אפנ יעסאָד
פונ פלעכאנאָווס אידײענ געבילדעט די גרופע „באפרײַונג פונ דער ארבעט״, די
ערשטע מארקסיסטישע רעוואָליוציאָנערע אָרגאניזאציע פונ רוסישע מענטשנ, האָ-
גאמ ניט אינ רוסלאנד. צו דער גרופע האָבנ, אכוצ פלעכאנאָוונ גופע, געהערט
דײטש, אקסעלראָד אונ ווערא זאסוליטש (דער פינפטער מיטגליד פונ דער „גרופע״
איגנאטאָוו איז אינגיכנ געשטאָרבנ). נאָר די אויסגאבנ פונ דער גרופע „באפרײַ-
ונג פונ דער ארבעט״, — פונ אויסלאנד האָט זי געקאָנט ווירקנ נאָר דורכ ליטע-
ראטור, — פלעגנ קימאט ניט ארײַנדרינגענ קײנ רוסלאנד. פאר א פרוו ארײַנצו-
פירנ די דאָזיקע אויסגאבנ אינ א וויפל ניט גרעסערער מאסע איז דײטש פאר-
שיקט געוואָרנ קײנ סיביר. אינ רוסלאנד פלעגנ ארײַנפאלנ נאָר אײנצלנע עקזעמ-
פליארנ, וואָס פלעגנ דאָ ניט באזונדערס פרײַנטלעכ אופגענומענ ווערנ מיצאַד די
אלטע נאראָדאָוואָלצעס, וועלכע האָבנ זיכ מיט העלדישער אקשאָנעס געפרוווט פאָ-
נאָרערבלאָזנ די קוימ-קוימ טליִענדיקע רעשטנ פונ דער באוועגונג, וואָס האָט
גלײַכ נאָכנ 1-טנ מארט גיכ אָנגעהויבנ פאלנ („די העכער דרײַ יאָר, וואָס זײַנענ
פאָריבער פונעמ 1-טנ מארט, ווערנ כאראקטעריזירט מיט א יערידע פונ דער רע-
וואָליוציאָנערער ענערגיע אינ רוסלאנד״, האָט פלעכאנאָוו געשריבנ צו לאווראָוונ
אינ יול 1884 יאָר). דער דורכפאל פונעמ לעצטנ באשטאנד פונעמ אויספיר-קאָמי-
טעט, וואָס איז פאָרגעקומענ אינעמ זעלביקנ יאָר, האָט ענדגילטיק צעברעקלט די
באוועגונג. עס זײַנענ פארבליבנ אײנצלנע קרײַזלעכ נאראָדאָוואָלצעס, וואָס האָבנ
דערלעבט ביז דער מיט 90-קער יאָרנ, אונ עס האָבנ זיכ אפנ פאָנ פונ דער ארבע-
טער-באוועגונג לאנגזאמ אויסגעבילדעט מארקסיסטישע קרײַזלעכ, ניט אזוי אונטער
דער ווירקונג פונ דער גרופע „באפרײַונג פונ דער ארבעט״ (האָטש שוינ אינ די
יאָרנ 1885—1886 איז די פעטערבורגער גרופע „ראבאָטשי״ („דער ארבעטער״)
געווענ דירעקט פארבונדנ מיט פלעכאנאָוונ, וואָס האָט אָנטײל גענומענ אינ דער
צײַטונג, וועלכע די גרופע האָט ארויסגעגעבנ), ווי סאמאָנדיקערהײט אָנשטויסנדיק
זיכ אפ די זעלביקע אידײענ אונטער דער ווירקונג פונ דער קאפיטאליסטישער
ווירקלעכקײַט, וואָס איז געווענ שטארקער פאר יעדער פראָפאגאנדע. ערשט אינ
צענ יאָר ארומ נאָכ דער אויסבילדונג פונ דער גרופע „באפרײַונג פונ דער ארבעט״
בילדנ זיכ אויס קימאט גלײַכצײַטיק אינ פעטערבורג, מאָסקווע, ניזשני-נאָווגאָראָד,
אָדעס אאוו. די ערשטע ס אָ צ י א ל-ד ע מ אָ ק ר א ט י ש ע אָרגאניזאציעס. דער נאָ-
מענ „סאָציאל-דעמאָקראטישע״, וואָס האָט דעמלט שארפ אונטערגעשטראָכנ דעמ
מ א ר ק ס י ס ט י ש נ כאראקטער פונ דער נײַער באוועגונג, — ווײַל אָפיציעל האָט
פונ אלע סאָציאליסטישע פארטײענ פונ דער וועלט נאָר די דײַטשישע סאָציאל-דע-
מאָקראטיע געמאכט מארקס לערע פארנ יעסאָד פונ איר פראָגראמ, — איז ארײַנ
אינ געברויכ ניט מיטאמאָל. די ערשטע צײַט פלעגט מענ אימ באוווסטזיניק דורכ-
לאָזנ, קעדײ ניט „אָפצושרעקנ די אומבאוווסטזיניקע מאסע״. אזוי טיפ איז דער
פאָלקיזמ געווענ אײַנגעוואָרצלט אפילע בא די רעוואָליוציאָנערנ פונעמ אָנהײב
90-קער יאָרנ. ווײַל „סאָציאל-דעמאָקראטיע״ האָט דעמלט באטײַט א פארײניקונג
פונ סאָציאליזמ מיטנ פאָליטישנ קאמפ (אפ דער דאָזיקער טעמע איז געווענ אָנגע-
שריבנ פלעכאנאָווס ערשטע בראָשור פונעמ מארקסיסטישנ פעריאָד „סאָציאליזמ
אונ פאָליטישער קאמפ״). די סאָציאליסטנ ווידער פונ די 70-קער יאָרנ האָבנ גע-
האלטנ דעמ אָנטײל אינ פאָליטישנ קאמפ פאר א שווערע זינד, וואָס פאסט נאָר פאר

דער בורזשואזיע. פארנ איינציקנ ציל, וואָס פאסט פאר אים, האָט דער פּאָלקיסט־רעוואָליוציאָנער געהאלטנ א באלדיקע סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע. מע האָט געהאלטנ פאר ניט אָנשטענדיק צו ריידנ וועגנ א דעמאָקראַטישער רעפּובליק, וועגנ אלגעמיינעמ וואל־רעכט אד״ג. מיט וואָס עס איז פארפולט געווענ די מינימום־פּראָגראמ פונ דער דײַטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. בלויז די „נאראָדנאיא וואָליא״ האָט זיכ געהאט אָפּגעזאָגט פונעמ דאָזיקנ פּאָרורטייל, נאָר דערפאר האָט די „נאראָדנאיא וואָליא״ קימאט, ווי מיר האָבנ געזענ, (זע ז״ז 206—207), צונויפגעוויקלט אויכ די סאָציאַליסטישע פּאָנ, דערוויַזנדיק דערמיט אנ איבעריק מאָל, ווי אומעגלעכ עס איז געווענ פאר די רעוואָליוציאָנערנ פונעמ פּאָלקיסטישנ פעריאָד צו פאראייניקנ דעמ סאָציאַליזמ מיטנ פּאָליטישנ קאמפּ.

און די ערשטע סאָציאַל־דעמאָקראטנ, וואָס זײַנענ ארויסגעטראָטנ צווישנ דעמ רוסישנ פּראָלעטאריאט, זײַנענ גאָר ניט אומגערעכט געווענ מיט דעמ, וואָס זיי פלעגנ ניט ארויסרוקנ אפנ ערשטנ פּלאנ זייערע מארקסיסטישע לאָזונגענ, ווײַל אפילע די ערשטע ארבעטער־מארקסיסטנ פלעגנ צוגיינ צו דער פּראָפּאגאנדע פונ די נײַע אידייענ מיט ריינ פּאָלקיסטישע מעטאָדנ. „איינער א מארקסיסט אינ גיזשני־נאָווגאָראָד פלעגט זאָגנ, אז ער קאָנ ניט האלטנ אנ ארבעטער פאר א סאָציאַל־דעמאָקראט, איידער יענער וועט ניט האָבנ דורכגעשטודירט גאנצ מארקס״, שרײַבט א היסטאָריקער און א נאָענטסטער אָנטיילנעמער אינ די ערשטע טריט פונ דער פּראָלעטארישער באוועגונג אינ צענטראל־רוסלאנד. „אפ בראָשורנ, און ביפראט נאָכ אפ בלעטלעכ פלעגט ער קוקנ מיט פאראכטונג און האָט זיי געהאלטנ ניט בלויז פאר אומגעזעצלעכ, נאָר אפילע פאר שעדלעכ; פּאָשעט, אלע ארבעטער, דארפנ לייענענ דעמ „קאפּיטאל״. דעמ אנטוויקלונג־גאנג פונ דער ארבעטער־באוועגונג האָט ער זיכ פאָרגעשטעלט אזוי, אז ביסלעכווײַז וועט גרעסער ווערנ די צאָל ארבעטער, וואָס האָבנ געשטודירט מארקסנ, זיי וועלנ ציִענ צו דעמ דאָזיקנ שטודירנ אלץ נײַע מיטגלידער; מיט דער צײַט וועט גאנצ רוסלאנד באדעקט ווערנ מיט אזעלכע קרײַזלעכ, און בא אונדז וועט זיכ אויסבילדנ אנ ארבעטער־פּארטיי״.

מיר זעענ, ווי עס איז שווער געווענ זיכ צו באפרײַענ פונ דער טעאָריע פונ „קריטיש דענקענדיקע פערזענלעכקײַטנ״: אונדזער „מארקסיסט״ אינ אָנהייב פונ די 90־קער יאָרנ איז דאָכ פּאָשעט געווענ א „לאווראָוויסט״! (זע ז״ז 187—188). אגעוו, דארפ מענ זאָגנ, אז לאווראָוו אליינ האָט קימאט אפ אויסוויייניק געקענט דעמ ערשטנ באנד „קאפּיטאל״. די ארבעטער־רעוואָליוציאָנערנ, די ווייניקער אָנגעלייענטע, פלעגנ זיכ די ערשטע צײַט פּאָשעט ניט פאנאנדערקלײַבנ אינעמ שטרײַט צווישנ די פּאָליסטנ מיט די מארקסיסטנ. „ווענ אינ איינ און דעמ זעלביקנ קרײַזל פונ פּראָטעסטאנטיש־געשטימטע ארבעטער פלעגנ קומענ פּאָרשטייער, מיטגלידער פונ צוויי ריכטונגענ, פלעגנ זיי די ארבעטער שטעלנ די פראגע, פארוואָס איז עס אזוי, אז סײַ די, סײַ יענע ווילנ אלצ אײַנאָרדענענ ווי בעסער איז, און בא זיי אליינ פילט זיכ א געוויסע ניט אײַנשטימיקײַט״, — שרײַבט אינ זײַנע זיכרוינעס איינער א מיטגליד פונ די דעמאָלטיקע קרײַזלעכ. „די ארבעטער האָבנ זיכ פאָרגעשטעלט דעמ אינטעליגענט אָדער דעמ סטודענט פאר א מינ אומבאשטרײַט־לעכנ עמעס. און ווענ דער ארבעטער פלעגט הערנ, אז איינער באשטרײַט דאָס, וואָס עס זאָגט דער אנדערער, פלעגט ער ווי צעטומלט ווערנ, און איינ איקע ארבעטער־אָנפאנגער פלעגנ גאָר אינגאנצנ אוועקגיינ, זאָגנדיק, אז זיי ווייסנ אליינ ניט, וואָס מע דארפ טאָנ. די מער פעסטע ארבעטער אָבער פלעגנ, פארשטייט זיכ,

ניט אוועקגיין, נאָר אונטער דער ווירקונג פונ די האָזילע שטרײַטנ פלעגנ זיי זיכ שטעלנ די פראַגע, ווי מאַכט מענ אַזוי, אַז עס זאָלנ ניט זײַנ קיינ בלוקעדייעס. מיט דעם צוועק פלעגנ אייניקע באַזונדערע אַרבעטער מאַכנ נאַיִווע פּרוּוונ אײַנצורײדנ די אינטעליגענטנ, זיי זאָלנ זיכ „ניט רײַסנ" צווישנאַנאַנד, ווײַל דאָס ברענגט שאָדנ דעם געמיינזאַמענ איניענ אופצוּוועקנ די אַרבעטער. בײַם זיי האָבנ זיכ אָבער איבערצײַגט, אַז דערפונ וועט גאָרנישט ניט אַרויסקומענ, האָבנ זיי באַשלאָסנ רופנ סײַ די, סײַ יענע, קעדיי אויסצוהערנ, אינ וואָס עס באַשטייט דער אונטערשייד אינ די אָנשויונגענ צווישנ איינ גרופּע אינטעליגענצ אונ דער צווייטער. מיט דעם צוועק איז בא מיר אינ דירע אײַנגעאָרדנט געוואָרנ אינ דעקאַבער 1893 יאָר א דיספּוט... מע האָט פאָרמולירט פאַר אונדז די אָנשויונגענ סײַ פונ די נאַראָדאָוואָלצעס, סײַ פונ די סאָציאַל-דעמאָקראַטנ. דעם אונטערשייד האָבנ מיר אײַנגעזענ נאָר אינ דעם, וואָס די נאַראָדאָוואָלצעס ווילנ טייקעף פירנ אַנ אַגיטאַציע פאַר, ווי אונדז האָט זיכ געדוכט, א באַלדיקער איבערקערעניש, אונ די סאָציאַל-דעמאָקראַטנ פלעגנ זאָגנ, אַז מע דאַרפ צוערשט פירנ א מער טיפע פּראָפּאַגאַנדע". מע האָט געמוזט צונויפרופנ א צווייטע פאַרזאַמלונג, קעדיי די אַרבעטער זאָלנ פאַרשטיינ דעם אונטערשייד. אפ דער האָזיקער צווייטער פאַרזאַמלונג איז קלאָר געוואָרנ, אַז אַלע אָנוועזנדיקע אַרבעטער, מיטנ אויסנאַם פונ איינעם, האָבנ מאַסקים געווענ מיט די סאָציאַל-דעמאָקראַטנ, „אונ דעריבער זײַנענ מיר געקומענ צום אויספיר, אַז די נאַראָדאָוואָלצעס זאָלנ פירנ אינ די קרײַזלעכ א סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּראָפּאַגאַנדע". די האָזיקע, אפנ ערשטנ קוק ביז גאָר מעשוגעדיקע פאָדערונג, האָט געפירט צו גאַנצ אומדערוואַרטע רעזולטאַטנ: די בעסטע נאַראָדאָוואָלצעס האָבנ אָנגעהויבנ שרײַבנ פּראָקלאַמאַציעס, וואָס פלעגנ פולקום באַפרידיקנ די מאַרקסיסטנ, אונ דערנאָכ האָבנ זיי זיכ אײַנגאַנצנ צונויפגעגאָסנ מיט די מאַרקסיסטנ אינ איינ גרופּע. אַזוי פלעגט די אָביעקטיווע קראַפט פונ דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג (ווײַל דאָ האָט זיכ, פאַרשטייט זיכ, געהאַנדלט ניט אינ דעם, וואָס די אַרבעטער האָבנ „באַפוילנ", נאָר אינ דעם, וואָס די אינטעליגענטנ האָבנ געוואָלט, אַז די אַרבעטער זאָלנ זיי פאַרשטיינ) אויסגלײַכנ אַלע פאַרקרימונגענ פונ דעם אינטעליגענטישנ דענקענ אונ האָט דורכגעמאַכט א וועג פאַר דער פּראָלעטאַרישער וועלטאָנשויונג דורכ דער סאַמע געדיכטעניש פונ די פאָלקיסטישע פאָרורטיילנ.

עס איז אָבער פאַרשטענדלעכ, אַז בא אַזאַ מינ ניוואָ אפילע פונ די אַרבעטער-„פּראָטעסטאַנטנ", דאָס הייסט פונ די רעוואָלוציאָנערנ, האָט מענ צו דער גרויער מאַסע געמוזט צוגיינ זייער פאָרזיכטיק. אַז אפ די ווענט פונ די וווינונגענ פונ אָט דער גרויער מאַסע הענגענ איקאָנעס אונ צאַרישע פאָרטרעטנ, דאָס האָבנ געוווּסט ניט נאָר די פאַבריק-אינספּעקטערס, די פּראָפּאַגאַנדיסטנ האָבנ עס נאָכ בעסער געוווּסט. מע פלעגט דעריבער מוזנ אָנהייבנ פונ *עקאָנאָמישער אַגיטאַציע*. מאָטיוונ פאַר אַזאַ אַגיטאַציע פלעגנ געבנ יעדער פאַל פונ אונטערדריקנ די אַרבעטער אינ דער פאַבריק, — אונ אַזעלכע געלעגנהײַטנ פלעגט ניט אויסקומענ, ווי מיר ווייסנ, צו זוכנ באַטאָג מיט ליכט. נאָר באַזונדערס ענערגיש האָבנ די ערשטע רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטנ אויסגענוצט די שטרײַק-באַוועגונג, וועגנ וועלכער מיר האָבנ אויבנ גערעדט.

אינ פּעטערבורג פלעגט יעדער גרויסער שטרײַק געבנ א געלעגנהײַט אַרויסצולאָזנ א בלעטל, וואָס פלעגט זײַנ מעשוגעדיק אָפּגעדרוקט אפ א העקטאָגראַף, אָנגע-

שרײַבן בעקיװונ מיט געדרוקטע אױסיִעס, קעדײ יעדער ארבעטער, װאָס לײענט נאָכ
אפילע שװאַכ, זאָל עס קאָנען דורכלײענען. אָפּטמאָל פלעגט אינ א פאבריק ארבײַ-
פאלן סאַכאַקל צװײ עקזעמפּליארנ פונ אזא בלעטל, די איבעריקע פלעגנ באװײַזנ
אופצוראַמען די װעכטער אונ די פּאָליציאַנטנ, נאָר ראָס האָט זיכ שױנ אױכ נע-
רעכנט פאר א דערפאָלג אונ פלעגט ניט הורכגײנ אומזיסט פאר דער פאבריק. די
בלעטלעכ פלעגנ שרײַבנ די בעסטע, שפּעטער, פּובליציסטנ פונ דער סאָציאַל-דעמאָ-
קראטישער פּארטײ; א באַזונדערנ דערפאָלג האָט געהאַט ראָס מײַ-בלעטל פונ
1896-טנ יאָר, װאָס נ. לעניג האָט אָנגעשריבנ: דעם דאָזיקנ בלעטל האָבנ פיל אר-

פעטערבורגער פארבאנד פונ קאמפ פאַר דער באפרײַונג פונעם ארבעטער-קלאס. עס זיצנ פונ לינקס
אפ רעכטס: 1) סטארקאָװ, 2) קרזשיזשאנאָװסקי, 3) װ. א. לעניג, 4) מארטאָװ

בעטער צוגעשריבנ דעם דערפאָלג פונ די קאָלאָסאַלע, לױט דעם דעמאָלטיקנ מאס-
שטאב שטרײַקנ װאָס זײַנ פונ אָט דעם יאָר אינ די פּעטערבורגער טעקסטיל-פאבריקנ.
װענ עס האָבנ געשטרײַקט ביז 30 טױזנט ארבעטער מיטאַמאָל, — אונ נאָכדעם
האָט די רעגירונג געמוזט אײַנגײנ אפ א נײַער האַנאָכע, ארױסגעבנדיק דעם געזעצ
פונ 1897-טנ יאָר װעגנ פארקירצנ דעם ארבעטסטאָג.
נאָר דער „עקאָנאָמישער” כאראקטער פונ דער דאָזיקער אגיטאציע האָט נאָכ
לאַכלוטנ ניט באַטײַט, אז די מארקסיסטנ האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט פונ פאראײניקנ דעם
סאָציאַליזמ מיטנ פּ אָ ל י ט י ש נ קאמפ. פארקערט, די מיטלענ, װאָס מיט זײער הילפ
פלעגט די מאַכט קעמפנ קעגנ דער שטרײַק-באַװעגונג, האָבנ געשאַפנ דעם באָדנ, אפ
װעלכנ די עקאָנאָמישע באַװעגונג פלעגט פונ זיכ אלײנ אריבערגײנ אפ א פּאָלי-
טישנ באָדנ. פאר די עקאָנאָמישע בלעטלעכ פלעגט מענ ארײַנזעצנ אינ טפיסע אונ
פארשיקנ ניט ערגער, װי פאר יעדער פּראָקלאַמאַציע פונ די נאַראָדאָװאָלצעס. נ.

לענינ האָט געשריבנ דאָס נאָרוואָס דערמאָנטע מײַבלעטל אינ טפּיסע אונ דאָרטנ האָט ער אָנגעשריבנ מיט מילכ אויכ א גאַנצע בראָשור וועגנ שטרײַקנ. די ארבעטער, וואָס פלעגנ אומיטלבאר אָנפירנ מיט די שטרײַקנ, פלעגט מענ ארויסשיקנ אהיימ, אונטער פּאָליציי־אויפזיכט, מיט א וואָלפישנ פּאַס, אונ אָפטמאָל פלעגט מענ אפילע פארשיקנ קיינ סיביר. אונ די שטרײַק־באַוועגונג פלעגט געבנ אנ אויסגעצייכנטע געלעגנהײַט צו דערקלערנ דער מאַסע, פארוואָס די רעוואָליוציאָנערנ קעמפנ קעגנ דער זעלבסטהערשונג. דאָס בלעטל, וואָס דער פּעטערבורגער ארבעטער באַבושקינ האָט אָנגעשריבנ, האָט אזוי דערקלערט די כאַווײרימ־ארבעטער „וואָס איז אזוינס א סאָציאַליסט אונ א פּאָליטישער פארברעכער": „אונדז בארויבט דער באַלעבאָס, וואָס זײַנ צאַר האַלט די רעגירונג. סאָציאַליסטנ—דאָס זײַנענ יענע מענטשנ, וואָס שטרעבנ צו באַפרײַענ דאָס אונטערגעדריקטע פאָלק פונ אונטערנ יאָכ פונ די קאַפּיטאַליסטנ־באַלעבאַטימ. מע רופט זיי פּאָליטישע פארברעכער דערפאַר, וואָס זיי גייענ קעגנ די צילנ פונ אונדזער בארבארישער רעגירונג, וועלכע פארטיידיקט די אינטערעסנ פונ די פאַבריקאַנטנ". ווי עס דערציילט דער אויבנ ציטירטער היסטאָריקער אונ אָנטיילנעמער פונ דער מאָסקווער באַוועגונג, פלעגט אזא מינ „עקאָנאָמישע" אגיטאַציע ברענגענ ניט נאָר דערצו, אז די ארבעטער פלעגנ אָנהייבנ „ארויסזאָגנ אפנ שאַרפסטנ אויפנ רעפּובליקאַנישע מיינונגענ", נאָר זיי פלעגנ אפילע אָנהייבנ פארשטיינ, פאראָס עס איז קיינ גאָט ניטאָ...

צומ מיטנ 90־קער יאָרנ הייבנ זיכ אָנ אויסבילדנ אינ פּעטערבורג אונ דערנאָכ אינ מאָסקווע אונ אינ אנדערע שטעט „פארבאַנדנ פונ קאַמפ פאַר דער באַפרײַונג פונעמ ארבעטער־קלאַס"; דאָס זײַנענ געווענ אינטעליגענטישע אָרגאַניזאַציעס לויט זייער גרונט־באַשטאַנד, זיי זײַנענ אָבער געווענ פעסט צונויפגעשמאָלצנ מיט דער ארבעטער־מאַסע. דער פּעריאָד, ווענ אינ די רעוואָליוציאָנערע קרײַזלעכ זײַנענ געווענ איינצלנע ארבעטער, אונ צווישנ די ארבעטער—איינצלנע, דאָ אונ דאָרט צעוואָרפענע קרײַזלעכ, איז שוינ געווענ אויסגעלעבט. דער פּעטערבורגער „קאַמפּ־פארבאַנד", וואָס בעראָש פונ אימ זײַנענ דעמאָלט געשטאַנענ האַנט בא האַנט נ. לענינ אונ ל. מאַרטאָוו, איז געווענ דער עמבריאָנ, וואָס פונ אימ האָט זיכ אַנטוויקלט די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ארבעטער־פּאַרטיי אונ דערבײַ גיכער די באָלשעוויסטישע העלפט אירע, ווײַל לענינ איז שוינ דעמאָלט געווענ א באָלשעוויק, דער איינציקער פונ די אומלעגאַלע מאַרקסיסטישע פּובליציסטנ, וואָס פלעגט זיכ שאַרפ אָפּגרענעצנ פונעמ „לעגאַלנ" מאַרקסיזמ פונ סטרווע מיט זײַנ קאָמפּאַניע, וואָס אפילע פּלעכאַנאָוו האָט עס ניט געהאַלטנ פאַר מעגלעכ צו טאָנ. פאַר לענינענ איז די ארבעטער־באַוועגונג שוינ דעמאָלט אויכ געווענ אנ אָנהייב פונ אנ ארבעטער־רעוואָליוציע. „איצט קאָנ דער רוסישער רעוואָליוציאָנער, שטיצנדיק זיכ אפ דעמ סטיכייִש אויפוואַכנדיקנ קלאַס, ענדלעכ, אויסגלײַכנ זיכ אינ זײַנ גאַנצנ וווּקס אונ פאַנאַנדערוויקלענ זײַנע גיבערישע קויכעס", — האָט געשריבנ אינ יענע טעג לענינ.

וויאזוי און ווער פלעגט שרייבן די רוסישע געשיכטע ביז די מארקסיסטן.

די לייענער פון דער „רוסישער געשיכטע, זייער קורץ געפאסט", וועט זיך, פארשטייט זיך, פארוועלן דערגאנצן זייערע קענטענישן דורך לייענען גרעסערע ווערק וועגן דער רוסישער געשיכטע. מיט א פאר אויסנאמען וועט זיי אויסקומען האבן צו טאן מיט ביכלעך, וואס זיינען אנגעשריבן פון ב ו ר ז ש ו א ז ע געלערנטע. מע דארף בעשומויפן ניט מיינען, אז די דאזיקע בורזשואזקייט דריקט זיך אויס בלויז אין געוויסע פארקריפלונגען, אין פארשוויגן וואס ניט איז אזוינס, וואס לוינט ניט פאר דער בורזשואזיע אאוו., — מיט איין ווארט, אין אזעלכע שפיצלעך, וואס עס איז זייער גרינג אויפצודעקן און וועלכע מע קאן גרינג דערזען: ניין, ד י ב ו ר ז ש ו א ז י ע ה א ט א ן א י י ג ע נ ע ה י ס ט א ר י ש ע ו ו ע ל ט א נ ש ו י ו נ ג, וואס מיט איר זיינען דורכגעדרונגען אלע ווערק וועגן געשיכטע, וועלכע זיינען אנגעשריבן פון בורזשואזע געלערנטע. די בורזשואזע געלערנטע זיינען געווען טיף איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון דער דאזיקער וועלטאנשויונג און פלעגן זי דורכפירן אין זייערע ווערק מיט פולער אופריכטיקייט, אפט אפילע פאשעט ניט פארשטייענדיק, אז מע קאן אנדערש קוקן אף דער געשיכטע, אז מע קאן אנדערש דערקלערן דעם היסטארישן פראצעס. די אופריכטיקייט און איבערצייגטקייט פונעם טאן בא פילע בורזשואזע היסטאריקער קאן ארופפירן פון וועג יעדן ניט צוגעגרייטן לייענער, אן אנפאנגער א מארקסיסט, און אפטמאל אפילע א זייער און זייער צוגעגרייטן. שפעטער וועלן מיר זען, ווי פלעכאנאוו, לעמאשל, האט אומבאמערקט פאר זיך אליין איבערגענומען דאס בורזשואזע פארשטיין דעם רוסישן היסטארישן פראצעס.

קעדיי ריכטיק אויסצונוצן די בורזשואזע ליטעראטור וועגן רוסישער געשיכטע, איז זייער וויכטיק דעריבער זיך קלאר צו מאכן די גרונט-שטריכן פון דער בורזשואזער היסטארישער וועלטאנשויונג.

די בורזשואזיע האט געקאמאנדעוועט איבער די ארבעטער מיט דער הילף פון דעם אפאראט, וואס ווערט אנגערופן מ ע ל ו כ ע. דורך דער פארמיטלונג פון דער מעלוכע האט זי געשאפן דעם פראלעטאריאט, אפנעמענדיק די ערד באם פויערטום („די גרויסע רעפארמע פון 1861-טן יאר", סטאליפינס געזעץ פונעם 9-טן נאיאבער 1906-טן יאר אאוו.). דורך דער פארמיטלונג פון דער מעלוכע פלעגט זי צווינגען דעם פראלעטאריאט, ער זאל איר דינען (די געזעצן קעגן שטרייקן, דער געזעץ וועגן אנדינגען אף לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטן אדג.). לעסאפ, ווען איר פלעגט אויסקומען צו באשיצן אירע רעוואכים קעגן די אטענטאטן פון דער בורזשואזיע פון אנדערע לענדער, פלעגט דער זעלביקער מעלוכע-אפאראט צונויפטרייבן די אר-

בעטער אינ די רייענ פונ מיליטער, פלעגט זיי צווינגענ אינ נאָמענ פונ די נוצנ פונ די „פאָטערלענדישע" עקספלואטאטערס צו הארגענענ די פראָלעטאריער, וואָס די עקספלואטאטערס פונעמ פיינטלעכנ לאגער האָבנ מאָביליזירט.

עס איז גאנצ נאטירלעכ, וואָס דער בורזשואזיע האָט זיכ געדוכט, אז דאָס שאפנ דעמ מעלוכע-אפאראט איז דער סאמע הויפטלעכער גרונטטייל פונעמ היסטאָרישנ פראָצעס, — אזוי צו זאָגנ, דער רוקנביינ פונ דער געשיכטע. קימאט אלע אָנ אויסנאָמ בורזשואזע ביכלעכ וועגנ רוסישער געשיכטע פלעגנ דערציילנ די געשיכטע פונ דער מעלוכע. די ווייניקע אויסנאמענ פלעגנ אָפשפיגלענ אָדער דעמ שטאנדפונקט פונ דער קליינבורזשואזיע אָדער דעמ שטאנדפונקט פונ דער פארקאפיטאליסטישער פעאָדאלער געזעלשאפט. אי וועגנ דעמ, אי וועגנ יענעמ שטאנדפונקט וועלנ מיר שפעטער זאָגנ עטלעכע ווערטער: פאר אונדז זיינענ באזונדערס אינטערעסאנט די קליינבירגערלעכע רוסישע היסטאָריקער, ווייל קיינער איז נעענטער פונ זיי ניט צוגעגאנגענ צומ היסטאָרישנ מאטעריאליזמ. דאָס זיינענ, אויב איר ווילט, אונדזערע נאָענטסטע פאָרגייער. דערווייל איז גענוג צו זאָגנ, אז ניט דער קליינבירגערלעכער, ניט דער פעאָדאלער שטאנדפונקט האָט ניט באקומענ קיינ בירגער-רעכט אינ דער רוסישער אוניווערסיטעט-וויסנשאפט. אלע רוסישע פראָפעסאָרנ-היסטאָריקער שטייענ מיט זייערע קורסנ אפ א בורזשואזנ שטאנדפונקט; אונ אזוי ווי דעמ, וואָס שטודירט די רוסישע געשיכטע, וועט פריער פאר אלצ אונ אָפטער פונ אלצ אויסקומענ צו האָבנ צו טאָנ מיט פראָפעסאָרישע קורסנ אינ דיסערטאציעס, מוז מענ זיכ נעענטער אונ אויספירלעכער באקענענ מיטנ דאָזיקנ שטאנדפונקט.

די היסטאָריקער, וואָס האָבנ געשריבנ אינ XVIII אונ אינ אָנהייב XIX יאָרהונדערט, האָבנ זיכ געפונענ אונטער דער ווירקונג פונ די דעמאָלטיקע עקאָנאָמישע באדינגונגענ, — אפ זיי אונ אפ זייערע ווערק האָט זיכ אָפגעשפיגלט די אידעאָלאָגיע, וואָס איז געשאפנ געוואָרנ דורכ דער ליבייגנטימערישער ווירטשאפט. ווי עס באווייזט דער נאָמענ * גופא איז דאָס ליבייגנטומ געווענ עטוואָס זייער שטארקעס, פעסטעס, שטאנדהאפטיקעס. דער האר — דער ליבייגנטימער איז געווענ איבערצייגט, אז זיינע פויערימ, „זיינע מענטשנ" זיינענ צו אימ „צוגעפעסטיקט אפ אייביק", זיינענ „זיינע אייביקע אונטערטאנענ". זיינ ווירטשאפט האָט דער דאָזיקער האר געפירט אפנ אלטנ שטייגער, אזוי ווי עס האָבנ זי געפירט זיינע עלטער-זיידעס: אויב אינ די צייטנ פונ ליבייגנטומ פלעגנ זיכ יאָ געפינענ אזעלכע מאָדנע מענטשנ, וואָס פלעגנ איינפירנ מאשינעס אונ פארשיידענע אנדערע לאנדווירטשאפטלעכע פארפולקומונגענ, פלעגנ זייערע נייע איינפירונגענ געווייינלעכ ניט האָבנ קיינ דערפאָלג אונ זיי אליינ פלעגנ בלייבנ יעכידימ. אונ ווענ די שטרעבונג צו העכערנ די ארבעט-פראָדוקטיווקייט איז אינ דער רוסישער גוטבאזיצערישער ווירטשאפט געוואָרנ א מאסנ-דערשיינונג, האָבנ די גוטבאזיצער געמוזט ליקווידירנ דאָס ליבייגנטומ.

דאָס ליבייגנטומ האָט, אזויארומ, געמוזט איינפלאנצנ אינ די מענטשנ דעמ געדאנק וועגנ דער פעסטקייט, וועגנ דער אומבאוועגלעכקייט פונ אלצ, וואָס עקזיסטירט. די ליבייגנטימערישע ווירטשאפט האָט געמאכט דעמ רוסישנ גוטבאזיצער

* ליבייגנטומ-רעכט הייסט אפ רוסיש «Крепостное право» (פעסטונג-רעכט).

פאַר א קאָנסערוואַטער („אָפּהיטער"). דער גרעסטער רוסישער היסטאָריקער פונעמ דאָזיקנ פּעריאָד, קאַראַמזינ (געבוירנ אינ 1765, געשטאָרבנ אינ 1826), איז געווענ א גרויסער קאָנסערוואַטער אויכ אינ דער פּאָליטיק: ווענ אַלעקסאַנדער דער 1-טער האָט געהאַט פאַרטראַכט אײַנצופירנ אינ רוסלאַנד א צענזנ-קאָנסטיטוציע (זע ז. 160), איז קאַראַמזינ פאַרביסנ ארויסגעטראָטנ קעגנ דעמ; אימ האָט זיכ געדוכט, אז די זעלבסטהערשונג אינ רוסלאַנד דאַרפ זײַנ פּונקט אזוי „פעסט", ווי די פּריצישע מאַכט. ער האָט אָנגעשריבנ די „געשיכטע פונ דער רוסלענדישער מעלוכע", זײַענדיק זיכער, אז אזא מעלוכע, ווי אַלעקסאַנדער דעמ 1-טנס אימפּעריע, האָט עקזיסטירט אינ רוסלאַנד פונ דאָר-דוירעס, פונ די צײַטנ פונ די וולאַדימירס אונ די יאַראָסלאַווס. די מעלוכע פלעגט נאָר צײַטנווײַז „ארײַנפאַלנ אינ א יערידעצושטאַנד", האָט זיכ צעטיילט אפּ שטיקער, איז ארונטערגעפאַלנ אונטערנ טאָטערשנ יאָכ: די סיבע דערפונ זײַנענ געווענ די כעסרוינעס פונ די אָדער יענע הערשער, פירשטנ, — שולדיק זײַנענ געווענ די שלעכטע באַלעבאַטימ, נאָר געבאַלעבאַטעוועט האָבנ זיי, זיי האָבנ פאַרוואַלטעט מיט דער מעלוכע שטענדיק אפּ איינ אונ דעמ זעלביקנ שטייגער, פּונקט ווי עס האָט שטענדיק אפּ איינ אונ דעמ זעלביקנ שטייגער געפירט זײַנווירטשאַפט דער פּאָרעצ—דער לײַבייגנטימער אונ זײַנע עלטער-זיידעס. די רוינירטע ליבהאָבער פונ נײַסנ זײַנענ געווענ א דראָענדיקע האַסראָע פאַר די איבעריקע פּריצימ, סײַ פאַר זייער קייסער.

די געשיכטע פונ דער מעלוכע, איז אזויארומ, בא קאַראַמזינענ פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ א געשיכטע פונ הערשער — די מעלוכע האָט נאָכ, אייגנטלעכ, ניט געהאַט קיינ געשיכטע. דעריבער האָט איצט קאַראַמזינס ווערק פאַרלאָרנ יעטווידער באַדײַטונג אפילע פאַר די בורזשואַזע היסטאָריקער. א ווערט האָבנ נאָר זײַנע אָנמערקונגענ, ווו קאַראַמזינ האָט צונויפגעקליבנ פאַקטישנ מאַטעריאַל, א קאָלאָסאַלנ פאַר זײַנ צײַט, דאָס הייסט, פאַרנ ערשטנ פערטל פונעמ XIX יאָרהונדערט, ווענ עס איז אָנגעשריבנ געוואָרנ זײַנ „געשיכטע". דער דאָזיקער מאַטעריאַל האָט נאָכ ניט פאַרלאָרנ אינגאַנצנ זײַנ באַדײַטונג אפילע איצט. נאָר א באַשטימענדיקע ווירקונג אפּ דער נײַסטער רוסישער היסטאָרישער ליטעראַטור איז פאַרבליבנ בלויז בא די שרײַבער, וואָס זײַנענ געשטאַנענ אפּנ באָדנ שוינ פונעמ נײַסטנ אינדוסטריעלנ קאַפּיטאַליזמ.

דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזמ מיט זײַנ גיכנ ווּקס פונ דער גרויסער מאַשינ-פּראָדוקציע, וואָס איז פאָרגעקומענ בא אַלעמענ פאַר די אויגנ, מיט זײַנע קריזיסנ אאַוו. האָט געמוזט ארויסרופנ באַמ מענטשנ דעמ געדאַנק וועגנ דער פאַראַנדערלעכקײַט פונ אַלצ, וואָס עקזיסטירט. העגעלס פילאָסאָפיע, וואָס האָט זיכ פאַרפעסטיקט אינ אייראָפּע אינ אָנהייב פונעמ אינדוסטריעל-קאַפּיטאַליסטישנ פּעריאָד, האָט געהאַט אַלס אויסגאַנג-פּונקט דעמ באַגריפ, אז א ל צ פ ל י ס ט, אַלצ ענדערט זיכ כסיידער. דאָס איז געווענ א קאָלאָסאַלער טריט פאָרויס, — א טריט, וואָס האָט צוגעגרייט דעמ היסטאָרישנ מאַטעריאַליזמ. אָבער די בורזשואַזע שרײַבער האָבנ אָנגעווענדט דעמ דאָזיקנ באַגריפ פריער פונ אַלצ צו זייער גאָט. צו דער מעלוכע: פאַר העגעלנ גופע איז די מעלוכע געווענ א מינ געטלעכע אנטוויקלונג. בענעגייע דער ווירטשאַפט איז דער דאָזיקער באַגריפ פונ כסיידערדיקנ ענדערנ זיכ, פונ אַנטוויקלונג אָנגעווענדט געוואָרנ ערשט שפּעטער אונטער דער דירעקטער אָדער אומדירעקטער ווירקונג פונעמ מאַרקסיזמ. די ערשטע צײַט האָט זיכ דעמ בורזשואַזנ היסטאָריקער געדוכט, אז די גאַנצע בורזשואַזע ווירטשאַפט, אינ-

גאנצנ גענומענ, איז פונקט אזא „אייביקע” און „פעסטע” זאכ, ווי דעמ היסטאָריקער פונ דער לײַבייגנטומ־עפּאָכע האָט זיכ געדוכט די מעלוכע.

די פראגע, וואָס האָט זיכ ניט געשטעלט פאר קאראמזינענ, וויאזוי איז אופגעקומענ און וויאזוי האָט זיכ *אנטוויקלט* די מעלוכע־מאכט אינ רוסלאנד, איז אזויארומ, אוועקגעשטעלט געוואָרנ בא אונדז אונטער דער ווירקונג פונ דער העגעלישער פילאָסאָפיע. דער ענטפער אפ דעמ איז געגעבנ געוואָרנ אינעמ גײַסט פונ דער העגעלישער *סאָציאָלאָגיע*, ד. ה. פונ העגעלס אלגעמיינער לערע וועגנ דער אנטוויקלונג פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט. און די דאָזיקע אנטוויקלונג האָט זיכ געמאָלט העגעלנ אינ אזא מינ פאָרמ: די אוראלטסטע פאָרמ פונ מענטשלעכער פארייניקונג איז געווענ די *פאמיליע*, — די אוראלטסטע מאכט איז געווענ די מאכט פונעמ פאָטער, פונעמ פאטריארכ, פונעמ עלטסטנ אינ שטאמ. די מענטשלעכע פערזענלעכקײַט פלעגט דעמלט אינגאנצנ אײַנגעשלונגענ ווערנ דורכ דער פאמיליע, אויסער דער פאמיליע האָט דער מענטש קיינ שומ באטײַט ניט געהאט. ווענ די רוסישע היסטאָריקער איז שפּעטער אויסגעקומענ צו דערקלערנ זייערע לייענער אָט דעמ אוראלטנ סיידער, איז פאר זיי גענוג געווענ אָנצוווײַזנ אפ דעמ, אז די אלע באצייכענונגענ, וואָס מענטשנ גיבנ איינער דעמ אנדערנ אינעמ פויערשנ לעבנ־שטייגער, זײַנענ גענומענ געוואָרנ פונ פאמיליענ־ווערטערבוכ; אז דער פויער ווענדט זיכ צו גלײַכנ, זאָגט ער „ברידערלעכ”, צו אנ עלטערנ — „פעטער” אָדער „מומע”, צו גאָר אנ אלטנ — „זיידע” אָדער „באָבע”. אָדער זיי האָבנ געדארפט דערמאָנענ, אז צומ נאָמענ גיט מענ בא אונדז צו דעמ פאָטערס נאָמענ — דעמ מענטשנ רופט מענ לויטנ פאָטער; דאָס הייסט, לויט דער פאמיליע. די פאמיליענ־אָנגעהעריקײַט פונ א מענטשנ באשטימט זײַנ לאגע אינ דער געזעלשאפט.

ביסעכווײַז אָבער הייבט אָנ די פאמיליע צעפאלנ צו ווערנ (וואָס פאר אנ עקאָנאָמישע באדינגונגענ האָבנ ארויסגערופנ אָט די צעפאלונג, — די פראגע האָט מענ זיכ ניט געשטעלט). די פערזענלעכקײַט טיילט זיכ אויס פונ דער פאמיליע. די פאמיליענ־וועלט ווערט פארוואנדלט אינ א כאאָס פונ איינצלנע פערזענלעכקײַטנ, וואָס קעמפנ אָדער פארייניקנ זיכ איינע מיט דער אנדערער אינ נאָמענ פונ זייערע פערזענלעכע אינטערעסנ. דער „שטאָטישער לעבנשטייגער” גייט איבער אינ דער „בירגערלעכער געזעלשאפט”. אלס טיפ פונ אזא *בירגערלעכער געזעלשאפט* האָט זיכ די היסטאָריקער העגעליאנער (העגעלס אָנהענגער) פאָרגעשטעלט די פעאָדאלע געזעלשאפט, ווו יעדער באזונדערער פאָרעצ, „ריטער”, „אדעליקער” האנדלט, ווי זיי האָט זיכ געדוכט, אפ זײַנ אייגענער אכרײַעס, ווו ער טרעט ארויס פונ זיכ פערזענלעכ אינ די אָדער אנדערע פארהעלטענישנ מיט אנדערע אזעלכע פריצימ. אז אונטער דער דאָזיקער „באזונדערער פערזענלעכקײַט” שטייט א קאָלעקטיוו, די דאָרפ־געמיינדע, דאָס פלעגט דער בורזשואזער היסטאָריקער ניט באמערקנ, און ווענ מע פלעגט אימ פונעמ פעאָדאלנ לאגער אָנווײַזנ אפנ דאָזיקנ פאקט, פלעגט ער עס אוועקמאכנ מיט דער האנט, פארזיכערנדיק, אז לעכאטכילע איז ניט געווענ קיינ שומ געמיינדע, אז זי איז געשאפנ געוואָרנ דורכ דער „פערזענלעכקײַט” — דורכנ פאָרעצ אָדער דורכ דער פריצישער מעלוכע. דער דאָזיקער אומשטאנד, וואָס מיר האָבנ שוינ דערמאָנט וועגנ אימ (זע ז. 180)), איז זייער אנ אויסדריקלעכער בײַשפּיל דערפונ, וויאזוי די אלגעמיינע וועלטאָנשויונג פונעמ היסטאָריקער שפּיגלט זיכ אָפּ אפ זײַנע מיינונגענ בענעגייע איינצלנע פראגנ און

וויאזוי עס איז נייטיק צו וויסנ די אָלגעמיינע אָנשויונגענ פונעמ אווטער פונעמ ביכל, ביים מיר שטודירנ אפילע א וועלכע ניט איז דעטאל פונעמ היסטאָרישנ פּראָצעס לויט דעמ אָדער יענעמ ביכל.

נאָר ביסלעכווייז איז דער „פעאָדאלער כאָאָס" געוואָרנ אומדערטרעגלעכ פאר די פעאָדאלנ גופע. די וועלט פונ „איינצלנע פערזענלעכקייטנ" הייבט זיכ אָנ צונויפלייגנ, צונויפשליסנ אינ א נייער גאנצער זאכ, וואָס איז שוינ אָבער גאָר ניט ענלעכ צו דער פאמיליע, — עס בילדעט זיכ אויס א צענטראליזירטע *מעלוכע*.

דאָס איז דער דריטער אונ, פאר העגעלנ, דער לעצטער אנטוויקלונג־פעריאָד. די מעלוכע־מאכט אָרגאניזירט דעמ כאָאָס פונ דער „בירגערלעכער געזעלשאפט", זי צעטיילט די לעצטע אפ שטאנדנ, פעסטיקט צו יעדערנ פונ זיי צו א באשטימטער באשעפטיקונג אאוו. פונעמ כאָאָס קומט אופ א דיסציפּלינירטע גאנצע זאכ, ווו די פערזענלעכקייט פארלירט איר פרייהייט, אלס א פערזענלעכקייט אונ באקומט זי אָפּסניי, אלס טייל פונעמ מעלוכע־קאָלעקטיוו. דערפונ איז געדרונגענ, אז דער ענדציל פונ דער אנטוויקלונג פונ דער מעלוכע דארפ זיינ די *בורזשואזע דעמאָקראטיע*, ווייל אינ א זעלבסטהערשערישער מאָנארכיע האָט די פערזענלעכקייט ניט נאָר קיינ שומ מאכט ניט, נאָר אפילע קיינ רעכט ניט. נאָר ביז אָט דעמ לאָגישנ אויספיר פונ דער גאנצער טעאָריע האָט אפילע העגעל אַליינ ניט געהאט קיינ מוט צו דעריידנ זיכ, שוינ אָפּגערעדט וועגנ זיינע רוסישע נאָכמאכערס. אז די „מעלוכע־אָרדענונג" פונ דער בורזשואזיע פארדעקט מיט זיכ דעמ ווירקלעכנ כאָאָס פונ דער קאפּיטאליסטישער קאָנקורענצ, אז די דאָזיקע „אָרדענונג" איז געוואָרנ פּשוט די דיקטאטור פונ דער בורזשואזער מינדערהייט איבער דער מאסע פויערימ אונ ארבעטער, דאָס האָבנ זיי אויכ „ניט באמערקט", ווי זיי פלעגנ ניט באמערקנ די דאָרפגעמיינדע אונטערנ צודעק פונעמ פעאָדאליזמ. די בורזשואזיע האָט אינ דער געשיכטע געזענ נאָר דאָס, וואָס איר האָט געלוינט צו זענ — אפ אירע נעגאטיווע זייטנ האָט זי ניט געוואָלט ווענדנ קיינ אויפמערקזאמקייט.

דער ערשטער, ווער ס'האָט אָנגעווענדט דעמ נייעמ שטאנדפּונקט צו דער רוסישער געשיכטע, איז געווענ ניט קיינ רוסישער, נאָר א דייטשישער פּראָפעסער, איינער פונ יענע געלערנטע דייטשנ, וועלכע האָבנ זיכ שוינ פונעמ XVIII יאָרהונדערט פארנומענ מיט שטודירנ די רוסישע פארגאנגענהייט. עס איז פאראנ א גאנצע ריי אזעלכע געלערנטע — בייער, מילער, שלעצער, רייצ, עווערס; עווערס טאקע האָט ארויסגעלאָזנ אינ 1826-טנ יאָר א ביכל אונטערנ נאָמענ „דאָס אוראלטע רעכט פונ די רוסנ", ווו ער האָט זיכ באמיט צו דערווייזנ, אז דאָס אוראלטע רוסישע רעכט איז גרינגער פונ אלצ צו פארשטיינ, אויב מיר וועלנ אָננעמענ, אז די רוסנ האָבנ דעמאָלט (אינ X—XI יאָרהונדערט) געלעבט אינעמ „שטאמישנ לעבנשטייגער", אז אלע פארהעלטענישנ האָבנ זיכ בא זיי געבויט לויטנ טיפּ פונ א *פאמיליע*; מיט איינ וואָרט, אז די רוסנ האָבנ זיכ דעמאָלט געפונענ אינעמ ערשטנ אנטוויקלונג־פעריאָד לויט דער העגעלישער סכעמע.* עס איז אינטערעסאנט, אז אונדזערע בורזשואזע היסטאָריקער האָבנ ניט זייער ליב צו דערמאָנענ עווערסנ, האגאמ יעדערער פונ זיי קענ, פארשטייט זיכ, זיינ ביכל: זיי האלטנ, אז ס'איז בעסער אָנצוהייבנ פונ רוסישע נעמענ, פונ סאָלאָוויאָווג אונ קאוועלינענ, האגאמ די דאָזיקע געלערנטע זיינענ, אָנ ספק, אינ טאָכ גענומענ, געווענ עווערסעס טאלמי־

---

* סכעמע — איז א גריכיש וואָרט, באטייט — א פּלאנ, א קורצע אָפּבילדונג פונ עפּעס.

רימ. א בורזשואזנ געלערנטנ פּאסט עפּעס ניט צו אנערקענענ, אז ער האָט געלערנט זײַנ געשיכטע בא אויסלענדער, פונ א ביכל, וואָס איז אָנגעשריבנ אינ א פרעמדער שפּראַכ. בײַשפּילנ פ. נ. אזא בורזשואזנ נאציאָנאליזמ האָבנ מיר שוינ געזענ (זע זײַט 33); ווענ מע באנוצט זיכ מיט בורזשואזער היסטאָרישער ליטעראטור, דאַרפ מענ נעמענ אינ באטראַכט אויכ די דאָזיקע שוואַכקײַט פונ די בעקאָוועדיקע בורזשוא.

איר פּאָפּולערקײַט צווישנ דער רוסישער לערנ־יוגנט האָט די „טעאָריע פונעמ שטאַמישנ לעבנשטײַגער" באקומענ, פארשטייט זיכ, פונ די צוויי אָנגערופענע רוסישע געלערנטע. עווערסעס ביכל האָבנ געוווּסט אונ געלייענט נאָר ספּעציאַליסטנ. ס. מ. סאָלאָוויאָוו (געבאָרנ אינ 1820, געשטאָרבנ אינ 1879) איז געווענ פאר אָט דעמ פּעריאָד דאָס זעלביקע, וואָס קאראמזינ איז געווענ פארנ פריערדיקנ. ער האָט אָנגעשריבנ „די געשיכטע פונ רוסלאנד פונ די אוראלטסטע צײַטנ" אינ 29 בענדער. זײַנ געשיכטע דערגייט ביז יעקאטערינע דער צווייטערס רעגירנ (קאראמזינ האָט זיכ אָפּגעשטעלט אפ דער מעהומע־צײַט). דער פאקטישער מאטעריאל, וואָס איז צונויפגעזאמלט אינעמ דאָזיקנ ווערק, באזונדערס אינ זײַנע לעצטע בענדער, איז נאָכ ווערטפולער, איידער די אָנמערקונגענ אינ קאראמזינס געשיכטע. סאָלאָוויאָוו האָט דאָ אויסגענוצט זייער פיל ארכיוודאָקומענטנ, וואָס טיילווײַז זײַנענ זיי נאָכ ביז איצט ניט פארעפנטלעכט געוואָרנ. סאָלאָוויאָוו איז געווענ פּראָפעסער פונעמ מאָסקווער אוניווערסיטעט (קאראמזינ איז ניט געווענ קיינ פּראָפעסער, — ער איז געווענ א רײַכער גוטבאזיצער אונ האָט פארוואלטעט מיט זײַנע גיטער) אונ האָט געשאפנ א גאנצע שול אָנהענגער, וואָס דער סאמע מערקווירדיקער פונ זיי איז געווענ וו. ס. קליוטשעווסקי (וועגנ אימ וועלנ מיר נאָכ ריידנ ווײַטער). דאָס איז געווענ אזויארומ דער סאמע ווירקונגפולער רוסישער היסטאָריקער אינ דער צווייטער העלפט XIX יאָרהונדערט.

וואָס איז שײַעכ דעמ מעמאָד פונ איבערגעבנ די „געשיכטע פונ רוסלאנד", שטעלנ מיט זיכ פאָר די לעצטע, די סאמע ווערטפולע בענדער, פּאָשעטע אנ איבערדערציילונג פונ די ארכיוו־מאטעריאלנ. סאָלאָוויאָווס גרונט־אידיי ווערט אנטוויקלט אינ די ערשטע בענדער — ביז פּיאָטר דעמ ערשטנס רעגירנ אײַנגעשלאָסנ; עס איז איבעריק צו ריידנ, אז פאר סאָלאָוויאָוונ צעטיילט זיכ די רוסישע געשיכטע אפ „קיניקונגענ". זײַנ גרונט־אידיי איז: רוסלאנדס איבערגיינ פונ „שטאַמישנ לעבנשטײַגער" צו דעמ „מעלוכישנ": דער צווישנ־פּעריאָד פונ דער „בירגערלעכער געזעלשאפט" ווערט בא אימ פארטושירט. די אוראלטע רוסישע פירשטנ האָבנ, לויט סאָלאָוויאָווס מיינונג, געהערשט איבער דער רוסישער ערד שטאַמענווײַז. אפ באשרײַבנ דעמ דאָזיקנ שטאנדפּונקט, דעמ סיידער, וויאזוי די פירשטנ פלעגנ יאָרשענענ איינער נאָכנ אנדערנ דעמ טראָנ, האָט סאָלאָוויאָוו געווידמעט א באזונדערע אויספאָרשונג, דערווײַזנדיק אינ איר, אז אלע איבערגאנגענ פונ די פירשטלעכע „טישנ" („טראָנענ") פונ איינ פירשט צומ צווייטנ דערקלערנ זיכ מיט שטאַמ־מינהאָגימ. אונ אינ די צײַטנ פונ די מאָסקווער צארנ האָט זיכ אָנגעהויבנ אנטוויקלענ דער „מעלוכע־פּרינציפּ". זײַנ פארקערפּערונג איז געווענ איוואנ דער גרויזאמער, וואָס זײַנ קאמפ קעגנ די באָיארעס איז געווענ א קאמפ פונ דער מעלוכע קעגנ די רעשטנ פונעמ שטאַמישנ לעבנשטײַגער. באזונדערס האָט אינ זיכ, הייסט עס, פארקערפּערט דעמ „מעלוכע־פּרינציפּ" פּיאָטר דער גרויסער. פּיאָטערנ האָט סאָלאָוויאָוו געווידמעט א גאנצע ריי בענדער פונ זײַנ געשיכטע, מאָלנדיק דעמ דאָזיקנ

צאַר פונ אַלע זײַטנ, אַלס פאַרקערפּערונג פונ אויסערקלאַסעווער מעלוכישקײַט.

ווענ דעמ, אַז די אַנטוויקלונג פונ דער דאָזיקער מעלוכישקײַט ווערט באַשטימט דורכ דער אַנטוויקלונג פונ דער ווירטשאַפט, איז קיינ זייכער ניטאָ. עס איז אינטערעסאַנט, אַז אינ איינצלנע פאַלנ האָט סאָלאָוויאָוו אַרויסגעוויזנ אַ ריכטיק פאַרשטיינ די ווירקונג פונ די עקאָנאָמישע באַדינגונגענ. לעמאָשל, ער האָט דער ערשטער אָנגעוויזנ, וואָס פאַר אַ באַטײַט עס האָט געהאַט מאָסקווע, אַלס האַנדל-פּונקט, פאַר דער דערהייבונג פונ מאָסקווער פירשטנטום. נאָר דער פונ פאָרויס אָנגענומענער געדאַנק, אַז די היסטאָרישע אַנטוויקלונג איז קלוימערשט די אַנטוויקלונג פונ די רעכטלעכע באַגריפנ, די אַנטוויקלונג פונ די געזעצנ, און ניט פונ די רעאַלע זאַכנ, וואָס די געזעצנ זײַנענ בלויז זייערע אָפּשפּיגלונג — אָט דער פונ פאָרויס אָנגענומענער געדאַנק האָט געשטערט סאָלאָוויאָוונ צו זענ די ווירקלעכע געשיכטע. סאָלאָוויאָווס אָנשוינגענ זײַנענ געווענ אָנשוינגענ פונ אַ היסטאָריקער — אַ אידעאַליסט, וואָס קוקט אויפֿנ היסטאָרישנ פּראָצעס פונ אויבנ, פונ דער זײַט פונ די קאָמאַנדירנדיקע קלאַסנ, און ניט פונ אונטנ, פונ די אונטערגעדריקטע קלאַסנ.

מיר האָבנ אָבער געזענ, אַז די עצעמ באַגריפנ קלאַס, קלאַסנקאַמפּ זײַנענ פרעמד סאָלאָוויאָוונ. פאַר דער בורזשואַזיע לוינט ניט צו דערמאָנענ, אַז זי האָט אייגענע אינטערעסנ, וואָס אונטערשיידנ זיכ פונ די אינטערעסנ פונ דער פאָלקמאַסע: די דערמאָנונג וועגנ דעמ דאָזיקנ קאַמפּ רייצט מער פונ אַלצ אויפ די בורזשואַזיע. ווענ עס האָבנ זיכ באַוויזנ היסטאָריקער-מאַרקסיסטנ, פלעגנ די בורזשואַזע פּראָפעסאָרנ מיטנ גרעסטנ צאָרנ אָנפאַלנ ניט אָפּ זייער מאַטעריאַליזמ, נאָר אָפּ זייער באַהויפּטונג, אַז דער קלאַסנקאַמפּ איז דער הויפּט-באַוועגער פינעמ היסטאָרישנ פּראָצעס. באַ אַ געהאַנגענעמ אינ שטוב רעדט מענ ניט וועגנ אַ שטריק, און די בורזשואַזיע האָט באַזונדערס ניט ליב, אַז מע זאָל אינ איר אָנוועזנהײַט ריידנ וועגנ דער שטריק, אָפּ וועלכער זי, די בורזשואַזיע, וועט אויפגעהאַנגענ ווערנ.

און עס איז גאַנצ נאַטירלעכ, וואָס אָט די זעלביקע בורזשואַזיע האָט זייער ליב געהאַט אונטערצושטרײַכנ דאָס, אינ וואָס זי פלעגט אײַנזענ אַנ אויסדרוק פונ קלאַסנ-סאָלידאַרישקײַט. איר האָט זיכ געדוכט, אַז די דאָזיקע סאָלידאַרישקײַט צווישנ די פאַרשיידענע קלאַסנ אַנטפּלעקט זיכ אינעמ קאַמפּ קעגנ סוינע. צוליב דעמ דאָזיקנ קאַמפּ פאַרייניקנ זיכ קלוימערשט אַלע קלאַסנ. עס איז טאַקע, עפשער, אַנ עמעס, אַז דער פּאָרעצ לעבט פונ דער פּויערשער פּראַצע; דערפאַר אָבער, אַז עס וועט קומענ דער טאָטער, וועט דער אייגענער פּאָרעצ אַרויסגיינ אָפּ מילכאָמע און וועט מיט זײַנ לעבנ פאַרטיידיקנ אָט דעמ זעלביקנ פּויער. אַז דער פּאָרעצ פלעגט פאַרטיידיקנ ניט אַזוי דעמ פּויער, ווי זײַנ רעכט צו עקספּלואַטירנ דעמ דאָזיקנ פּויער (מיטנ פּויער אַליינ, וואָס פלעגט אויפשטיינ קעגנ דער עקספּלואַטאַציע, פלעגט מענ זיכ באַגיינ פונקט ווי מיט אַ טאָטער), אַז פאַרטיידיקט האָט מענ זיכ טאַקע מיט פּויערשע הענט, און די פּריצימ פלעגנ שפּילנ די ראָליע פונ קאָמאַנדירנ, — דאָס אַלצ האָט די בורזשואַזיע ווידעראַמאָל טאַקע זיכ באַמיט ניט צו זענ.

און עס וויקלט זיכ פאַנאַנדער אַ גראַנדיעזע בילד, וויאַזוי „דער קאַמפּ קעגנ סטעפּ" האָט געשאַפנ, האָט אויסגעשמידט די רוסישע מעלוכע. די סטעפּ-אײַנוווינער פלעגנ, ווי רויבֿ-כײַעס, אָנפאַלנ אָפּ רוס; קעדיי צו ראַטעווענ זיכ פונ די דאָ-

זיקע אָנפֿאַלנ, איז די גאַנצע מעלוכע אופֿגעבויט געוואָרנ אפֿ אַ מיליטערישנ שטײגער: אַ העלפֿט, די דינסט־לײַט (די פּריצימ) האָבנ געמוזט לעבנ אינ שטענדיקער גרײטקײַט צו שלאַכט; די צווייטע העלפֿט — טשינש־לײַט (тяглые люди) די סאָכרימ, באַלמעלאָכעס אונ פּויערימ האָבנ געמוזט אויסהאַלטנ די ערשטע. אַלע זײַנענ געווענ צוגעפֿעסטיקט צו זייער באַשעפֿטיקונג: דער פּאָרעצ האָט ניט געטאָרט אָפּזאָגנ זיכ פֿונ דינסט אונ זײַנ פּויער — פֿונ דער פּאַנשטשינע, פֿונ לײַב־געלט אונ שטײַערנ. אָט אַזוי האָט די מעלוכע אינ נאָמענ פֿונעמ אַלגעמײנעמ אינטערעס פֿאַרקנעכטעט די גאַנצע געזעלשאַפֿט. ערשט דאַנ, ווענ דער קאַמפּ קעגנ סטעפּ האָט זיכ פֿאַרענדיקט מיטנ ניצאָכנ פֿונ דער רוסישער מעלוכע, האָט זיכ אָנגעהויבנ די באַפֿרײַונג: צוערשט איז אינעמ XVIII יאָרהונדערט אַראָפּגענומענ געוואָרנ די פֿליכט־אַרבעט פֿונ די אַדעליקע, דערנאָכ אינעמ XIX יאָרהונדערט איז דאָס לײַבײגנטומ געפֿאַלנ אויכ פֿאַרנ פּויערטומ.

די דאָזיקע סכעמע פֿונ דער רוסישער געשיכטע הערשט אינ דער בורזשואַזער ליטעראַטור נאָכ ביז הײַנטיקנ טאָג — אינ אַלע קורסנ, ביז מיליוקאָווס, ליובאַווסקיס, קיזעוועטערס אאַוו. וועט איר געפֿינענ די זעלביקע „פֿאַרקנעכטונג“ אונ „באַפֿרײַונג“. אַנדערש ווי פֿונ אָט דעמ אויוועלע קענענ די בורזשואַזע פּראָפֿעסאָרנ ניט טאַנצנ. אויסגעבילדעט האָט זיכ די דאָזיקע סכעמע דעריקער אינ סאָלאָוויאָווס שול, — ער אַלײנ האָט נאָכ ניט געשטעלט אַזוי בוילעט די פֿראַגע, וואָס פֿאַר אַנ אויסערלעכע אָביעקטיווע סיבעס האָבנ עס געשטויסנ פֿאָרויס די אַנטוויקלונג פֿונ דער „מעלוכישקײַט“. דער איבערגאַנג צו דער דאָזיקער סכעמע, וועלכע עס האָבנ געשאַפֿנ דעריקער דער פּעטערבורגער פּראָפֿעסער פֿונ מעלוכע־רעכט גראַדאָווסקי (1841—1899) אונ דער מאָסקווער היסטאָריקער קליוטשעווסקי (1841—1911), אונ פֿאַר זיי דער גרעסטער רוסישער העגעליאַנער טשיטשערינ (1828—1904) איז אַזויאַרומ, געווענ אַ גרויסע, האָגאָמ אַ לאַכלוטנ אומבאַוווּסטזיניקע האַנאָכע דעמ היסטאָרישנ מאַטעריאַליזמ. אָט דער טריט צומ מאַרקסיזמ האָט אפֿ אַזויפֿיל פֿאַרפֿירט דעמ פֿאַרשטאָרבענעמ ג. וו. פּלעכאַנאָוונ, אַז אינ זײַנ אַרײַנפֿיר צו דער „געשיכטע פֿונעמ רוסישנ געזעלשאַפֿטלעכנ געדאַנק“ האָט ער קימאַט אינגאַנצנ זיכ פֿאַרײניקט צו טשיטשערינ־גראַדאָווסקי־קליוטשעווסקיס סכעמע. אונ אָט די פֿאַלפֿירערישקײַט פֿונ אָט דער האַלבער האַנאָכע צווינגט אונדז צוקוקנ זיכ צו איר מיט אַ באַזונדערער אופֿמערקזאַמקײַט. אינעמ דאָזיקנ גראַנדיעזנ בילד איז פֿאַראַנ אײנ כיסאָרנ: עס שטימט לאַכלוטנ ניט מיט דער היסטאָרישער ווירקלעכקײַט. די גרעסטע אָנשטרענגונג אינעמ קאַמפּ קעגנ סטעפּ קומט אויס אפֿ די יאָרהונדערטנ XI—XIII, ווענ רוס איז טאַקע סאַפּקאַלסאַפּ אײַנגענומענ געוואָרנ דורכ די סטעפּ־אײַנוווינער — די טאַטערנ, נאָר גראָד דעמאָלט האָט זיכ ניט אויסגעבילדעט קײנ אײנהײַטלעכע מעלוכע, די פֿירשטנ פֿלעגנ זיכ קעסיידער רײַסנ אײנער מיטנ אַנדערנ, אונ עס איז קײנ שומ פֿאַרקנעכטונג ניט געווענ. די פּריצימ פֿלעגנ פֿרײַ איבערגײנ פֿונ אײנ פֿירשט צומ צווייטנ, אונ די פּויערימ — פֿונ אײנ פּאָרעצ צומ צווייטנ. אונ אינ די יאָרהונדערטנ XVI—XVII, ווענ עס איז אופֿגעקומענ סײַ די מאָסקווער מעלוכע אונ סײַ דאָס לײַבײגנטומ, זײַנענ שוינ די טאַטערנ אפֿ אַזויפֿיל געווענ אָפּגעשוואַכט, אַז זיי האָבנ שוינ גאָרניט געקאָנט אַפֿילע טרוימענ וועגנ אײַנעמענ רוס, זיי זײַנענ נאָר געווענ בעקוועמ צו רויבנ זי. אונ, האָגאָמ, באַרויבט ווערנ איז, פֿאַרשטייט זיכ, ניט נאָר קײנ אָנגענעמע זאַכ, נאָר ווער זשע וועט עס גלייבנ, אַז אַ גאַנצ לאַנד זאָל זיכ אַלײנ פֿאַרקנעכטנ אויסשליסלעכ קעדיי

צו קעמפנ קעגנ רויבער? צי איז דענ שוינ גאָר קיינ אַנדערע מיטלענ ניט געווענ אפ בײַצוקומענ זיי?

אז מיר קוקנ זיכ צו נאָכ נעענטער צו דער סכעמע פונ דער רוסישער געשיכטע, וואָס הערשט אינ דער בורזשואזער ליטעראַטור, זעענ מיר, אַז, אויב מע זאָל אפילע אָננעמענ פאַר דער גרונטלעכער טרײַב-קראַפט פונעמ גאַנצנ פּראָצעס דעמ קאַמפּ מיט די טאָטערנ, וועט עס אויכ אויסקומענ ניט גלאַט. די זאַכ באַשטייט דערינ, וואָס די „פאַרקנעכטונג" פונעמ אַדל — אויב מע זאָל אפילע אַזוי אָנרופנ די אָבליגאַטערישע מיליטער-דינסט, וואָס איז אינ דער פעאָדאַלער וועלט געלעגנ אפ אַלע „וואַסאַלנ" (זע ז"ז 43—44) ניט נאָר אינ רוסלאַנד, נאָר אויכ אינ פראַנקרײַכ, אינ ענגלאַנד אאוו. — פאַלט אפ די יאָרהונדערטנ XV—XVI, און די פאַרקנעכטונג (שוינ אַנ עמעסע אָנ כאָכמעס) פונעמ פויערטום — אפ די יאָרהונדערטנ XVII—XVIII. אויב אינעמ ערשטנ פונ די דאָזיקע צוויי פּעריאָדנ האָבנ נאָכ די טאָטערנ פאַרגעשטעלט מיט זיכ א גאַנצ דראָנעדיקע קראַפט, האָגאַמ פיל אָפטער און מיט מער דערפאָלג פלעגנ די רוסישע אָנגרײַפנ אפ זיי (דאָס איינעמענ קאַזאַנ און אַסטראַכאַנ אינ די צײַטנ פונ איוואַנ דעמ גרויזאַמענ), איידער זיי אפ רוס, איז אינעמ צווייטנ פּעריאָד קאָנ מענ שוינ ניט אָנווײַזנ אפ קיינ איינ כאָטש וויפל ס'ניט איז באַדײַטנדיקנ טאָטערשנ אָנפאַל. די מילכאָמעס, וואָס זײַנענ דעמאָלט געפירט געוואָרנ מיט פוילנ אָדער מיט שוועדנ, זײַנענ געווענ אינ הונדערט מאָל ערנסטערע. איז ווי זשע קומט אַהער „דער קאַמפ קעגנ סטעפּ".

צולעצט, אויב מיר וועלנ זיכ דערמאָנענ, אַז נעענטער פונ אַלעמענ צומ סטעפּ האָבנ זיכ געפונענ די סאַמע פרײַע יישוווימ פונ דער מאָסקווער מעלוכע, עס האָבנ זיכ דאָרט געפונענ די קאָזאַקישע סטאַניצעס, וווּ עס איז ניט געווענ קיינ לײַבאייגנטומ און וואָס פונדאַנענ פלעגנ זיכ די כוואַליעס פונ דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע דערקײַקלענ גאַנצ אָפט ביז צו סאַמע מאָסקווע, און אַז די מיליטער-דינסט פונעמ אַדל און די לײַבייגנטימערישע ווירטשאַפט האָבנ זיכ גערוקט פונ צאָפנ-מײַרעוו, פונ דער נאָווגאָראָדער ערד (ווו עס איז שוינ אינ XV יאָרהונדערט באַזעצט געווענ א גאַנצע אַרמיי רוסישע פּריצימ און ווו עס האָבנ זיכ שוינ דעמאָלט אָנגעמערקט די ערשטע מוסטערנ פונ פויערשנ לײַבייגנטומ), דאָס הייסט זיי האָבנ זיכ גערוקט פונ יענעמ ווינקל פונ רוסלאַנד, וואָס געפינט זיכ אַמווײַטסטנ פונ סטעפּ, וועלנ מיר פאַרשטיינ די גאַנצע קינסטלעכקײַט פונ דער „אַלגעמיינאָנגענומענער" סכעמע.

עס איז קיינ וואונדער ניט, וואָס די דאָזיקע סכעמע האָט אָנגעהויבנ צעפאַלנ ווערנ שוינ אינ די הענט פונ איר סאַמע טאַלאַנטפולנ פאַרשפּרייטער — פונ קליוטשעווסקינ. האַלטנדיק זיכ נאָכ אַלצ אינ זײַנע לעקציעס בײַ דער טעאָריע פונ „פאַרקנעכטונג" און „באַפרײַונג" האָט קליוטשעווסקי אינ זײַנע אויספאָרשונגענ וועגנ דער אָפּשטאַמונג פונעמ לײַבייגנטומ גלענצנדיק דערוויזנ, אַז דאָס לײַבייגנטומ איז גאָרניט אײַנגעפירט געוואָרנ דורכ דער מעלוכע, נאָר עס איז אויפגעקומענ פונעמ אַלטעגלעכנ וואָכעדיקנ קאַמפּ, וואָס עס האָבנ געפירט צווישנ זיכ דער פויער מיטנ פּאָרעצ אינ מעשעכ פונ פיל יאָרצענדליקער.

צו וואָס זשע, פרעגט זיכ, האָבנ עס גאַנצע דורעס בורזשואזע היסטאָריקער געדאַרפט האַלטנ זיכ בײַ א טעאָריע, וואָס האָט לאַכלוטנ ניט געשטימט מיט די פאַקטנ און איז צעפאַלנ געוואָרנ, ווי א קאָרטנ-שטיבל, גלײַכ באַמ ערשטנ פּרוּוו ערנסט אויסצופאָרשנ די דאָזיקע פאַקטנ? דערפאַר, ווײַל זיי האָבנ געדאַרפט דער-

ווײַזן, אַז די מעלוכע אין רוסלאַנד איז ניט געווען קיין שאַפונג פון די הערשנדיקע קלאַסן און כּלל געצײַג אַף צו אונטערדריקן די גאַנצע איבעריקע פאָלקמאַסע! נאָר זי האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך די געמיינזאַמע אינטערעסן פונעם גאַנצן פאָלק, אָן אונטערשייד פון קלאַסן. אין יעסאָד פון דער „וויסנשאַפטלעכער״ טעאָריע איז, אַזוי־אַרום, געלעגן די פּראַקטישע באַדערפעניש פון דער בורזשואַזיע. די אוניווערסיטעט־וויסנשאַפט איז פאַר דער בורזשואַזיע געווען איינס פון די מיטלען צו הערשן איבער די מאַסן.

שוין איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז די געלערנטע, וואָס זײַנען ניט געשטאַנען אַפן שטאַנדפּונקט פון דער גרויס־בורזשואַזיע, האָבן זיך געפּרוּווט גאָר אַנדערש דערקלערן דעם גאַנג פון דער רוסישער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. פאַר אייניקע פון די דאָזיקע געלערנטע איז די מעלוכע געווען אַ פּרעמדע, פּײַנטלעכע קראַפט, וואָס האָט זיך „אײַנגעזעצט״ אַפן רוסישן פאָלק, וואָס זײַן עכטע, קאַרמיינעסדיקע פּאַרײַניקונג־פאָרם איז געווען ניט די מעלוכע, נאָר די דאָרף־געמיינדע. די דאָזיקע טעאָריע האָבן אַנטוויקלט, דעריקער, אין די 1840—1850־קער יאָרן די סלאַוואָפילן (זע זײַט 182 און ווײַטער). די אַנטשטייונג פון דער סלאַוואָפילישער לערע דערקלערט זיך מיט דער עקאָנאָמישער סיטואַציע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען די פּריצישע ווירטשאַפט אין דער ערשטער העלפט פון ניקאָלײַ דעם 1־טנס רעגירונג. אַפן טוווע־מאַרק איז דעמאָלט געווען אַ קריזיס, די פּרײַזן אַף טוווע זײַנען זייער נידעריק געפאַלן: דער אַגראַרער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאַפּיטאַליזם האָט זיך ניט אַנטוויקלט, די פּריצים זײַנען געוואָרן מער, ווי ווען ס׳איז אַנדערש, געווען קאָנסערוואַטאָרס. די רעגירונג ווידער האָט פּראָטעזשירט דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל (זע ז״ז 113—114). דער אָדליקער איז געווען בייז אַף דער רעגירונג און האָט געזוכט אַ טרייסט אין דער ווײַטער פאַרגאַנגענהייט, ווען עס האָט נאָך גאָרניט געשמעקט אַפילע מיט קיין שום אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם. און אין אָט דער ווײַטער פאַרגאַנגענהייט האָבן טאַקע די אַמערסטן אינטעליגענטע פון אַזוינע פּריצים געפונען — ווידעראַמאָל ניט אָן דער הילף פון אַ געלערנטן דײַטש האַקסטהאַוזען (זע זײַט 180) — די גאַראַנטיע פאַר דער ליכטיקער צוקונפט פון רוסלאַנד, די געמיינדע (זע דאָרטן). דאָ איז פאַר אונדז אינטערעסאַנט זייער באַציִונג צו דער „מעלוכע״־טעאָריע, וואָס איז דעמאָלט נאָרוואָס געהאַט אַנטשטאַנען. די סלאַוואָפילן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער ווײַטזיכטיק בענעגייע די שוואַכע זײַטן פון אָט דער טעאָריע. פון דער גאַנצער ווײַטער פאַרגאַנגענהייט האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט אַף דער ליכטיקער שײַן אַ ריי דערשײַנונגען, וואָס זיי איז אוממעגלעך געווען צו דערקלערן מיט דער „מעלוכע״־טעאָריע, ערשטנס, די געמיינדע גופע, און דערנאָך די אַזוי־גערופענע לאַנד־פאַרזאַמלונגען („זעמסקי סאָבאָר״) פון XVI—XVII יאָרהונדערטן (פאַרזאַמלונגען פון פאָרשטייער פון די פּריצים און פון דער שטאָטישער בורזשואַזיע, די ערשטע איז געווען אין 1566־טן יאָר, די לעצטע אין 1682־טן), די אָרטיקע זעלבסטפאַרוואַלטונג פון יענער צײַט אאַוו. קעדיי צו דערקלערן די דאָזיקע דערשײַנונגען, האָבן די „מעלוכיסטן״ געמוזט אָנווענדן די סאַמע אומגלייבלעכע האַשאָרעס — האַלטן, לעמאָשל, די לאַנד־פאַרזאַמלונג פאַר אַ באַזונדערער פאָרם פון קעגנזײַטיקער אַרוועס (טשיטשערין און נאָך אים קליוטשעווסקי). נאָר דאָ פלעגן זיי זיך אָנשטויסן אַף אַ גאַנצער ריי פּאַראַלעלע דערשײַנונגען פון דער מערב־אייראָפּעיִשער געשיכטע, ווו עס האָט זיך בעפּירעש געהאַנדלט לאַכ־קוטן ניט וועגן קעגנזײַטיקער אַרוועס.

צו זייער גליק, זײַנענ גראָד די פּאַראַלעלנ מיטנ מײַרעוו געווענ די סאַמע שוואַכע זײַטנ פונ די „סלאַוואָפילנ“; די האָבנ דאָכ גראָד געטײַנעט, אַז דער רוסישער היסטאָרישער פּראָצעס איז צו קיינ זאַכ ניט ענלעכ, אַז ער איז גאָר אַנ אייגנאַרטיקער. אַדאַנק דעמ פלעגנ באַ זיי אַרויספאַלנ פונ די הענט די סאַמע שטאַרקע אַרגומענטנ קעגנ די „מײַרעוויסטנ“, — ווי מע האָט דעמלט אָנגערופנ די אָנהענגער פונ דער „מעלוכע“־טעאָריע, — ווײַל די „מײַרעוויסטנ“ האָט מענ געקאָנט שלאָגנ פילבאַרער דאַפקע מיט בײַשפּילנ פונ דער מײַרעוו־אייראָפּייִשער געשיכטע (אַגעוו, איז מענ אינ דער מײַרעוו־אייראָפּייִשער געשיכטע קיינמאָל ניט אַרויסגעטראָטנ ערנסט קעגנ דער אוראַלטקײַט פונעמ געמיינדישנ ערדבאַזיץ). עס איז נאַטירלעכ, אַז די גאַנצע יוגנט מיט געזונטע וויסנשאַפטלעכע אונ געזעלשאַפטלעכע געשמאַקנ האָט זיכ געצויגנ צו די קעגנער פונ די סלאַוואָפילנ: אינ זיי האָט די דאָזיקע יוגנט שטענדיק געפילט אַ בײַגעשמאַק פונ רעאַקציע.

דעמ שטרײַט האָבנ, סאָפּקאָלסאָפּ, געלייזט ניט די אַרגומענטנ פונ דעמ אָדער יענעמ צאַר, — געלייזט האָט אימ די געשיכטע אַליינ. עס איז אַדורכ דער קריזיס פונ די טוווע־פּרײַזנ, ס'האָט זיכ ווידער אָנגעהויבנ באַ אונדז אַנטוויקלענ די לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמערשאַפט, — אונ די גוטבאַזיצער האָבנ אויפגעהערט צו זײַנ קאָנסערוואַטערס אונ האָבנ זיכ פּאַרייניקט אַפ איינ פּלאַטפאָרמ: די ליקווידאַציע פונ דער פאַנשטשיזנע אונ די שאַפונג פונ אַ באַטראַקישער ווירטשאַפט (דאָס האָט, ווי מיר ווייסנ, געהייסנ די „באַפרײַונג פונ די פּויערימ“). אינ דער רעפאָרמע פונ 1861־טנ יאָר האָבנ די „מײַרעוויסטנ“ אונ די „סלאַוואָפילנ“ געאַרבעט האַנט באַ האַנט, אונ אינ צענ—פופצנ יאָר אַרומ זײַנענ די עפּיגאָנענ (די לעצטע) פונ די סלאַוואָפילנ געוואָרנ אַזעלכע פּאַרטיידיקער פונ „מעלוכישקײַט“, אַז ווי קומענ צו זיי סאָלאָוויאָוו אונ טשיטשערינ.

די סאַמע זעלבשטענדיקע סלאַוואָפילישע היסטאָריקער זײַנענ געווענ קאָנסטאַנטינ אַקסאַקאָוו (1817—1860) אונ יורי סאַמאַרינ (1819—1876), — ביידע גוטבאַזיצערס. אינ די אוניווערסיטעטנ האָבנ די סלאַוואָפילנ, ווי מיר האָבנ שוינ געזאָגט, קימאַט ניט געפונענ קיינ אָנהענגער, — איינ אויסנאַמ איז געווענ דער פּראָפעסער פונעמ מאָסקווער אוניווערסיטעט בעליאַיעוו: זײַנ „קורס געשיכטע פונעמ רוסישנ רעכט“ קאָנ נאָכ איצט אַרײַנפאַלנ אינ די הענט צומ לייענער, אונ מיט אַ יאָר 25 צוריק פלעגט מענ זיכ לערנענ לויט דעמ דאָזיקנ קורס. אַזעלכע גלענצנדיקע פאָרשטייער ווי עס זײַנענ פאַר דער „מײַרעוויסטישער“ טעאָריע געווענ טשיטשערינ, גראַדאָווסקי אונ קליוטשעווסקי, האָבנ די סלאַוואָפילנ קיינמאָל ניט געהאַט. דערפאַר האָט אַרויסגערוקט, עמעס, אינגאַנצנ איינעמ, אָבער זייער אַ גרויסנ פאָרשטייער די ק ל יי נ ב י ר ג ע ר ל ע כ ע ריכטונג, וואָס האָט פאַרנומענ דאָס אָרט פונ די סלאַוואָפילנ אַלס אַ קעגנער פונ דער „מעלוכע“־טעאָריע. דער דאָזיקער פאָרשטייער איז געווענ אַ. פּ. שטשאַפּאָוו (1830—1876).

שטשאַפּאָוו האָט בלויז זייער אַ קורצע צײַט, אינ דער יוגנט, פאַרנומענ אַנ אוניווערסיטעטישע קאַטעדרע (אינ קאַזאַנ): פאַר זײַנ ערשטער עפנטלעכער אַרויסטרעטונג האָט ער גלײַכ באַצאָלט מיט דער דאָזיקער קאַטעדרע אונ מיט דער מעגלעכקײַט צו פאַרנעמענ ווענ ס'ניט איז אַ וואָסער ניט איז קאַטעדרע! ער האָט באַצאָלט מיט זײַנ גאַנצער קאַריערע אַלס געלערנטער. שוינ צו אָפנהאַרציק האָט ער זיכ דעמלט אַרויסגעזאָגט וועגנ דעמ מאַניער, מיט וועלכער דער „צאַר־באַפרײַער“ האָט געטאָנ טויוועס זײַנע געטרײַע פּויערימ. אַ קורצע צײַט נאָכדעמ האָט ער זיכ

געהאלטנ אינ דער האלבלעגאלער לאגע פונ אנ „אומזיכערנ" זשורנאליסט, אונ איז דערנאָכ גיכ ארײַנגעפאלנ אהינ, וווּהינ עס פלעגנ אינ די צארישע צײַטנ ארײַנפאלנ אזעלכע מענטשנ — אינ פארשיקונג, אינ סיביר, אונ דאָרטנ האָט ער אָנגעשריבנ דעם גרעסטנ טייל פונ זײַנע גרעסטע ווערק. אָנגעשריבנ האָט ער זיי לויט די גופעליקע ביכלעכ, וואָס האָבנ זיכ געפונענ אונטער דער האנט, אונ לויט די אויסצוגנ, וואָס זײַנענ פארבליבנ בא אימ פונ יענע צײַטנ, ווענ ער האָט געהאט א מעגלעכקײַט צו ארבעטנ אינ ארכיוונ אונ ביבליאָטעקנ. אויב זיי סלאָוואָפילנ האָבנ געהאט ווייניק דערפאָלג אינ די אוניווערסיטעטנ, האָט שטשאפּאָוו, קאָנ מענ זאָגנ, גאָרניט עקזיסטירט פאר די אוניווערסיטעטנ אונ קיינ איינ אוניווערסיטעט-קורס, ביז מיליוקאָווס „עטיודנ איבער דער געשיכטע פונ דער רוסישער קולטור" (וואָס זײַנענ דערשינענ, ווענ מיליוקאָוו איז נאָכ געווענ א בורזשואזער דעמאָקראט), וועט איר ניט געפינענ, מע זאָל זיכ פארופנ אפ שטשאפּאָוונ: מיליוקאָוו איז געווענ דער ערשטער, וואָס האָט געהאט מוט צו ציטירנ אימ. אונ עס איז נייטיק געווענ די ערשטע רוסישע רעוואָליוציע, די יאָרנ 1905—1907, אז שטשאפּאָוו זאָל דערלעבנ ביז צו א פולער געזאמלטער אויסגאבע פונ זײַנע ווערק: דערלעבט האָט ער, פארשטייט זיכ, נאָר אלס געלערנטער, — פיזיש איז ער געשטאָרבנ דרײַסיק יאָר פאר דער דאָזיקער רעוואָליוציע.

שטשאפּאָווס ווערק זײַנענ, פונ וויסנשאפטלעכנ שטאנדפּונקט, זייער פארעלטערט, — פיל מער, איידער, לעמאָשל, קליוטשעווסקיס ווערק. אונ פונדעסטוועגנ גיט אפ אייכ א בלאָז א פרישער ווינט, ווענ איר נעמט א באנד פונ שטשאפּאָווס „געזאמלטע ווערק"! שטשאפּאָוו איז געווענ אנ אויסגעהאלטענער אונ איבערצייגטער מאטעריאליסט ניט אינ מארקס אונ ענגעלסעס גײַסט: פּונקט ווי אלע אונדזערע „מענטשנ פונ די זעכציקער יאָרנ", האָט ער קימאט אָדער גאָר ניט געקענט די דאָזיקע אויטאָרנ (זיי האָט קימאט ווי ניט געקענט דער פיל מער געבילדעטער טשערנישעווסקי). זײַנ מאטעריאליזמ שטייט ניכער אינ א קרויוועשאפט מיטנ מאטעריאליזמ פונ די פראנצויזישע „ענציקלאָפּעדיסטנ" פונעמ XVIII יאָרהונדערט. שטשאפּאָווס גרונט-געדאנק איז, אז דער מענטש איז א טייל פונ דער נאטור, וואָס איז ענג צוזאמענגעבונדנ מיט דער ארומיקער מאטעריעלער סוויווע. קיינ שומ סוידעספולע ווירקונג פונ קויכעס, וואָס האָבנ געשאפנ דעמ „שטאָטישנ לעבנשטייגער", די „בירגערלעכע געזעלשאפט", די „מעלוכע" וועלנ מיר בא אימ ניט געפינענ: די געשיכטע ווערט געשאפנ דורכ די מאטעריעלע באדערפעניש פונעמ מענטשנ. אונ שטשאפּאָוו דערציילט אויספירלעכ אונ גענוי, ווי דאָס יאָגנ זיכ נאָכ די פעל פונ די כײַעס האָט געבראכט דעמ רוסישנ יעגער, טריט בא טריט, צומ אײַנעמענ גאנצ סיביר; ווי דער קלימאט האָט געשטעלט גרענעצנ פאר דער רוסישער ערדארבעט אונ האָט דערמיט באצייכנט דעמ ראיאָנ פונ די אוראלטסטע יישוווימ פונעמ רוסישנ שייוועט. אָנשטאָט פירשטנ אונ צארנ מיט זייערע מילכאָמעס אונ געזעצנ געפינט איר טאבעלנ פונ די דורכשניטלעכע טעמפּעראטורנ — פונ דער דורכשניטלעכער ווארעמקײַט פונעמ זומער, פונ דער דורכשניטלעכער קעלט פונעמ ווינטער, א כעזשבנ פונ דער צאָל קאלאָריעס (ווארעמקײַט-איינסנ), וואָס איז נייטיק קעדיי עס זאָל צײַטיק ווערנ גערשטנ, אָדער עס זאָל קאָנענ וואקסנ קארטאָפל. דאָס איז, פארשטייט זיכ, אלצ פארעלטערט געוואָרנ פאר פופציק יאָר: איצט זײַנענ פאראנ מער פּינקטלעכע אונ פרישע אויספאָרשונגענ וועגנ דעמ — מע קאָנ זיכ שוינ איצט ניט פארלאָזנ

אפ די אָנגאַבנ, וועלכע עס ברענגט שטשאַפּאָוו. נאָר אפ וואָס פאר א נײַעמ אונ אַנ אַנדערנ מער גערוימיקנ וועג וואָלט ארויסגעפירט די רוסישע היסטאָרישע וויסנשאַפט דער דאָזיקער מענטש, אויב ער וואָלט פארנומענ א קאַטעדרע אינ מאָסקווע אָדער אינ פעטערבורג, אָנשטאָט צו פוילנ אינ דער סיבירער טײַגע.

אויכ דער מאַטעריאַליזמ שטשאַפּאָווס איז, ווי מיר האָבנ שוינ געזאָגט, א גענוג אַלטפרענקישער, — פאר אימ איז נאָכ ניט אינגאַנצנ קלאָר געווענ, אז די נאַטור ווירקט אפ דער געשיכטע פונעמ מענטשנ נאָר דורכ דער ווירטשאַפט. אימ דוכט זיכ, לעמאָשל, אז דעמ כאַראַקטער פונעמ רוסישנ פאָלק, זײַנ פסיכאָלאָגישנ שניט (וואָס ער מאָלט אימ גאַנצ ריכטיק, ער פארגעסט נאָר צוצוגעבנ, אז דאָס איז, אייגנטלעכ, ניט דער כאַראַקטער פונעמ „פאָלק", נאָר פונ דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענצ, צו וועלכער עס האָט געהערט אויכ שטשאַפּאָוו, א זונ פונ א דאָרפישנ אונטערגאַלעכ) קאָנ מענ ארויסברענגענ דירעקט אונ אומיטלבאַר פונעמ קלימאַט. דערינ באַשטייט דער איקער־אונטערשייד צווישנ שטשאַפּאָוונ מיט די מאַרקסיסטנ: פאר די מאַרקסיסטנ באַשטימט דאָס געזעלשאַפטלעכע זײַנ דעמ באַוווסטזײַנ פונעמ מענטשנ — פאר שטשאַפּאָוונ איז עס געווענ פּאָשעטע דאָס זײַנ. אונ פונדעסטוועגנ איז די קרויוועשאַפט צווישנ אימ מיט אונדז אזוי גרויס, אז אינ זײַנע איינצלנע געדאַנקענ דערהויבט ער זיכ מאַמעש ביז דער לאַגע פונ א פאָרגייער פונעמ היסטאָרישנ מאַטעריאַליזמ. לעמאָשל, פארגלײַכנדיק די גרונט־ריכטונגענ פונ דער רוסישער היסטאָרישער ליטעראַטור, וואָס האָבנ עקזיסטירט אינ זײַנ צײַט, זאָגט שטשאַפּאָוו:

„אָנ א שטרענג רעאַלער אונ עקאָנאָמישער טעאָריע האָבנ אַלע יורידישע טעאָריעס קימאַט קיינ שומ באַטײַט ניט, זיי האָבנ ניט קיינ גרונט אונ קיינ באָדנ פארווירקלעכט צו ווערנ אונ קאָנענ ניט פירנ די געזעלשאַפט דירעקט צו איר הויפט־צוועק צו דער עקאָנאָמישער אונ גײַסטיקער אנטוויקלונג אונ פארפולקומונג". אונ, אַנאַליזירנדיק די אונדז באַקאַנטע מעלוכע־טעאָריע, זאָגט זיכ שטשאַפּאָוו אָנטשיידנ ארויס פאר דער „עקאָנאָמישער" טעאָריע, ווי ער רופט אָנ טשערנישעווסקיס לערע. אַלס אונטערשטיצונג פונ טשערנישעווסקיס לערע ברענגט ער די ווערטער פונעמ באַרימטנ אינ יענע צײַטנ דײַטשישנ כימיקער ליביכ, וואָס איז, ווי פיל נאַטורפאָרשער, צוליב זײַנ פראָפעסיע, געווענ פרײַער פונ אידעאַליסטישע פאָרורטיילנ, איידער מענטשנ, וואָס האָבנ זיכ פארנומענ מיט געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטנ. „די מעלוכע־אײַנאָרדענונג", — האָט געזאָגט ליביכ, — די סאָציאַלע פארבינדונגענ אונ די פאַמיליע־פארבינדונגענ, די האַנטווערקערײַ, אינדוסטריע, קונסט אונ וויסנשאַפט, — מיט איינ וואָרט, אַלצ, מיט וואָס דער מענטש צייכנט זיכ אויס בײַ הײַנטיקער צײַט, איז באַדינגט מיט דעמ פאַקט, וואָס דער מענטש נייטיקט זיכ, קעדיי אונטערצוהאַלטנ זײַנ עקזיסטענצ, יעדנ טאָג אינ שפּײַז, וואָס ער האָט א מאָגנ אונ איז אונטערגעוואָרפנ אונטערנ געזעצ פונ דער נאַטור, לויט וועלכנ ער מוז די נייטיקע פאר אימ שפּײַז פראָדוצירנ פונ דער ערד מיט זײַנ אַרבעט אונ קונסט, ווײַל די נאַטור פונ זיכ אַליינ גיט אימ ניט אָדער גיט אימ אינ א ניט־גענוגנדיקער צאָל די נייטיקע נער־שטאָפנ. עס איז קלאָר, אז יעדער אומשטאַנד, וואָס ווירקט אפ א וועלכנ ניט איז אויפנ אפנ דאָזיקנ געזעצ, וואָס מאַכט אימ שטאַרקער אָדער שוואַכער, מוז צוריק האָבנ א ווירקונג אפ די געשעענישנ פונעמ מענטשלעכנ לעבנ". וויפל האָט מענ עס באַדאַרפט אָנווענדנ באַמיִונגענ, קעדיי צו מאַכנ פאר שטרײַטבאַר אזעלכע פּאָשעטע אונ קלאָרע זאַכנ! מע דאַרפ אָבער ניט מיינענ,

אַז דער קאַמפּ פלעגט געפירט ווערנ פונ פאַרשיידענע „מעלוכע־טעאָריעס" נאָר מיט דער קראַפט פונ ווערטער-קלינגערײַ. עס איז נוצלעכ צו דערמאָנענ, אַז שטשאַפּאָוו האָט געשריבנ דעמ דאָזיקנ אַרטיקל, וואָס מיר האָבנ ציטירט, שוינ אינ סיביר, וווּ דער גרינדער פונ דער „עקאָנאָמישער טעאָריע" טשערנישעווסקי, האָט אינ דער צײַט געפוילט אַפ קאַטאָרגע; בײַם דער ראָש פונ דער „מעלוכע־טעאָריע" סאָלאָוויאָוו האָט דעמלט געלייענט לעקציעס דעמ יורש פונעמ צאַרישנ טראָנ. די אַלטע מאַכט האָט געוווּסט ווי אופצומונטערנ די, וועמעס טעאָריעס עס זײַנענ איר געווענ אָנגענעמ אונ נוצלעכ, אונ ווי צו נעמענ מיט אַנ אײַזערנער האַנט באַמ גאָרגל יענע, וואָס האָבנ געהאַט די העזע צו זאָגנ איר „אומאָנגענעמלעכקײַטנ".

פונ די איבעריקע פאָרשטייער פונ דער קליינבירגערלעכער ריכטונג אינ דער רוסישער היסטאָרישער ליטעראַטור דאַרפ מענ, אַכוץ שטשאַפּאָוונ, דערמאָנענ נאָכ וועגנ נ. א. קאָסטאָמאַראָוונ (1817—1885). קאָסטאָמאַראָוו איז אַ סאַכ מער באַוווּסט דעמ אינטעליגענטישנ אוילעמ, איידער שטשאַפּאָוו, אונ ער האָט דאָס צו פאַרדאַנקענ טיילווײַז זײַנ גרויסנ ליטעראַרישנ טאַלאַנט, טיילווײַז טאַקע דאָס, וואָס בײַ אימ זײַנענ ניט געווענ אַזעלכע שאַרפע ווינקלענ, עס איז ניט געווענ אַזאַ אָנראַכמאָנעסדיקע מאַטעריאַליסטישע אויסגעהאַלטנקײַט, ווי בײַ שטשאַפּאָוונ. ניט אומזיסט איז זײַנ לעבנ אויכ דורכגעגאַנגענ אַנדערש. אינ זײַנ יוגנט, אינ ניקאָלײַעמ ערשטנס צײַטנ, האָט ער פאַרזוכט דעמ טאַמ פונ אַ פאַרשיקונג (ניט קיינ שווערע פאַרשיקונג), אונ שפּעטער איז ער געוואָרנ פּראָפעסער פונ פּעטערבורגער אוניווערסיטעט אונ, האַגאַמ ער האָט זיכ ניט אײַנגעהאַלטנ קיינ לאַנגע צײַט אַפ דער קאַטעדרע, איז ער פאָרט פאַרבליבנ אינ די רייענ פונ די פולקומ לעגאַלע שרײַבערס, וואָס פלעגנ געאַכטעט ווערנ אַפילע פונעמ בורזשואַזנ לייענער, — ער האָט געשריבנ אינ אַזעלכע בעלאָוועדיקע אָרגאַנענ, ווי „וועסטניק יעווראָפּי" אאַוו. זײַנ הויפּט-פאַרדינסט איז — די אופמערקזאַמקײַט צו די פאָלק-מאַסנ, וואָס פלעגנ אינגאַנצנ פאַרבלײַבנ אינ שאָטנ פונ דער גרויסאַרטיקער „מעלוכישקײַט" בײַ די מער אַקאַדעמישע היסטאָריקער. אַדאַנק דעמ, פלעגט זיכ די רוסישע יוגנט באַקענענ מיטנ לעבנ פונ די וועטשע-רעפּובליקנ פונ דער אוראַלטער רוס, מיט דער מעהומע-צײַט, מיט ראַזינס אופשטאַנד אאַוו. דעריקער פונ קאָסטאָמאַראָווס ווערק. אונ לויט די דאָזיקע ווערק, אונ טאַקע שוינ אויסשליסלעכ לויט זיי, פלעגט זי זיכ באַקענענ מיט דער געשיכטע פונ אוקראַינע, וואָס די „מעלוכיסטנ" האָבנ זי ניט געקאַנט אײַנשליסנ אינ זייער סכעמע פונ דער רוסישער געשיכטע. דער וויסנשאַפטלעכער ווערט פונ אָט די אַלע ווערק איז ניט גרויס, — קאָסטאָמאַראָווס אַלגעמיינע היסטאָרישע אָנשויונגענ צייכענענ זיכ אויס מיטנ זעלבנ צעשוואָמענעמ אידעאַליזמ, ווי בכלל די גאַנצע וועלט-אָנשויונג פונ דער אינטעליגענץ, וואָס פאַר איר איז ער אַ געוויסע צײַט געווענ קימאַט ווי דער סאַמע באַליבטער היסטאָריקער. נאָר אָנגעשריבנ זײַנענ זיי גוט, זיי לייענענ זיכ גרינג, זײַנענ באַגרינדעט אַפ אַ גרויסנ פאַקטישנ מאַטעריאַל, וואָס איז ניט צוטריטלעכ דעמ געוויינלעכנ לייענער ניט קיינ היסטאָריקער, אונ זײַנע ביכער קאָנענ, באַזונדערס די ביכער וועגנ דער געשיכטע פונ נאָווגאָראָד אונ פּסקאָוו („די צאָפנ־רוסישע פאָלקרעגירונגענ") אונ פונ אוקראַינע נאָכ אַדאַיאָמ זײַנ נוצלעכ.

מיט די „מײַרעוויסטנ", „סלאַוואָפילנ" אונ קליינבירגערלעכע פאָלקיסטנ פונ טיפּ שטשאַפּאָוו אונ קאָסטאָמאַראָוו שעפּט זיכ אויס אַלץ, וואָס עס איז געווענ אָריגינעלעס אינ דער רוסישער היסטאָרישער ליטעראַטור ביז די מאַרקסיסטנ. דער

גרעסטער פונעמ נאָענטסטנ צו אונדז דאָר היסטאָריקער — קליוטשעווסקי, סאָלאָוויאָווס א טאַלמיד, איז, אינ אַלגעמיינ גענומענ, געטריי דער „מעלוכע"-טעאָריע, מיט די אויסבעסערונגענ (אָדער ניט קאָנסעקווענטקייטנ), וועגנ וועלכע מיר האָבנ דערמאָנט. אונ די היסטאָריקער פונעמ שפּעטערדיקנ דאָר — מיליוקאָוו, פּלאַטאָ־נאָוו, ליובאַווסקי, מיאַקאָטינ, קיזעוועטער געהערנ, מיט גרעסערע אָדער קלענערע אָפּנייגונגענ, צו „קליוטשעווסקיס שול". די אָפּנייגונגענ בא די ערשטע צוויי — די סאַמע גרעסטע — באַשטייענ: בא מיליוקאָוונ, ווי מיר האָבנ שוינ דערמאָנט, אינ א לייכטנ (אונ גיכ פאַרשווינדנדיקנ) ביי־געשמאַק פונעמ שטשאַפּאָווישנ, פאַרמאַרק־סיסטישנ מאַטעריאַליזמ; בא פּלאַטאָנאָוונ — אינ א קימאַט שוינ מאַרקסיסטישנ פּליאַר (דער אינטערעס צו סאָציאַלע פאַרהעלטענישנ, א געוויסע, האַגאַמ, זייער ניט קיינ טיפע, באַנעמענ דעמ קלאַסנקאַמפּ אאַוו.) * פאַר אונדז זיינענ אַלע זייערע ביי־כער, הויפּטזאַכלעכ, א זאַמלונג פונ מאַטעריאַל, בא פּלאַטאָנאָוונ, לעמאָשל, פונ א גרויסנ ווערט.

פונקט אזא ווערטפולע מאַטעריאַלנ־זאַמלונג, ניט מער, זיינענ אויכ די ווערק פונעמ לעצטנ גרויסנ היסטאָריקער פונ דער פאָלקיסטישער ריכטונג, פונ וו. א. סעמעווסקינ (1848—1915).

זייער אויסשליסלעכער ווערט באַשטייט אינ דעמ, וואָס סעמעווסקי פלעגט זיכ מיט א באַזונדערער ליבע פאַרנעמענ מיט פראַגנ, וואָס די אָפיציעלע היסטאָריקער פלעגנ זיי בויקאָטירנ (ער אַליינ, עס איז איבעריק צו זאָגנ, האָט זיכ ניט לאַנג איינגעהאַלטנ אַפּ דער אוניווערסיטעט-קאַטעדרע). סעמעווסקיס בעסטע ביכער זיי־נענ געווידמעט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג — די דעקאַבריסטנ, די פּעטראַ־שעווצעס, אונ זיינ גרויס, נאָכ אַהאַיאָמ זייער וויכטיק ווערק וועגנ דעמ רוסישנ פויערטומ אינ די צייטנ פונ יעקאַטערינע דער 2־טער, איז אייגנטלעכ געווענ א ברייטער אַרייַנפיר צו דער געשיכטע פונ פּוגאַטשאָווס בונט, וואָס סעמעווסקינ האָט זיכ טאַקע ניט איינגעגעבנ אָנצושרייבנ. אָנ די דאָזיקע ביכער אַלס האַנט־ביכער אונ דעמ ערשטנ הילפ־בוכ אַפּ פאַנאַנדערצוקלייבנ זיכ אינעמ מאַטעריאַל קאָנ זיכ דער־וויילנ ניט באַגיינ ניט נאָר קיינ איינ מאַרקסיסט־לייענער, נאָר אפילע קיינ איינ מאַרקסיסט-היסטאָריקער.

דאָס זיינענ אָבער נאָר האַנט-ביכער, לייענענ איז זיי שווער, ווייל סעמעווסקי האָט ווייט ניט געהאַט קאָסטאָמאַראָווס ליטעראַרישנ טאַלאַנט, אונ זיינ אַלגעמיינע וועלטאַנשויונג איז פיל עלעמענטאַרער, איידער אפילע בא קאָסטאָמאַראָוונ. סעמעוו־סקי האָט, אינ טאָכ, געטיילט אַלע היסטאָרישע באַוועגונגענ אַפּ סימפּאַטישע אונ אַנטיפּאַטישע; קיינ שפּור פונ באַנעמענ דעמ קלאַסנ־אונטערשלאַק פונ די דאָזיקע באַוועגונגענ איז בא אימ ניט פאַראַנ, אונ ער האָט זיכ אפילע זייער שטאַרק באַ־לייד יקט, ווענ די היסטאָריקער-מאַרקסיסטנ האָבנ, לעמאָשל, אָנגעוויזנ, אז די דע־קאַבריסטנ געהערנ צו א באַשטימטנ קלאַס. דער גלויבנ אינעמ אויסערקלאַסעווונ כאַ־ראַקטער פונ דער רוסישער „באַפרייונג-באַוועגונג" איז איינער פונ סעמעווסקיס גרונט־דאָגמאַטנ: שוינ פונ דעמ אַליינ קאָנ מענ אָפּשאַצנ דעמ טעאָרעטישנ באַ־טייט פונ זיינע ווערק. אָבער זיינ אָופריכטיקער, האַגאַמ זייער עלעמענטאַרער, פאַ־רייַנפאַכטער דעמאָקראַטיזמ אונטערשיידט אימ צו גוטנ פונ די בורזשואזע פעל־שער פונ דער געשיכטע. סעמעווסקי האָט פיל זאַכנ ניט פאַרשטאַנענ, נאָר דאָס

---

* אינ זיינע לעצטע ווערק (נאָכ דער אָקט־אָבער־רעוואָליוציע) זעט פּלאַטאָנאָוו מיט אַלע קריכע־אַראָפּצונעמענ פונ זיכ דעמ דאָזיקנ פּליאַר.

וואס ער האט פארשטאנען, האט ער איבערגעגעבן ריכטיק און געוויסנהאפטיק, און דאס קאן מען בעשום-אופן ניט זאגן וועגן די נייסטע פארשטייער פון דער בורזשואזער היסטארישער ליטעראטור, וואס גייען גערן פארביי סיי פאר היסטארישע באוועגונגען, סיי פאר היסטארישע ביכלעכ, אויב די אדער יענע זיינען א פאטש אין פנים דער בורזשואזיע. סעמעווסקי, לעמקע, כאטש ער איז געווען אן אויסגעשפראכענער אנטימארקסיסט, פלעגט ער קיינמאל ניט פארשווייגן די מארקסיסטישע ליטעראטור, — מיט וואס עס פלעגן זיך פלייסיק פארנעמען די קאדעטישע היסטאריקער, באזונדערס אינעם לעצטן יארצענדליק פאר דער רעוואליוציע.

דערויפ שטעלן מיר אפ אונדזער עטיוד איבער דער אנטוויקלונג פון דער רוסישער היסטארישער ליטעראטור ביז די מארקסיסטן. מע וואלט נאך געדארפט זאגן עטלעכע ווערטער וועגן מארקסיסטן. דער היסטארישער מאטעריאליזם אין רוסלאנד האט שוין זיין געשיכטע. נאר דאס איז באקוועמער צו מאכן ווען דער לייענער וועט באקומען א פארשטעלונג וועגן אונדזער „לעגאלן מארקסיזם" פון די 1890-קער יארן, — מיט אנדערע ווערטער, עס איז צוועקמעסיקער צוצוגעבן דעם איבערזיכט פון דער מארקסיסטישער היסטארישער ליטעראטור אין רוסלאנד צום דריטן טייל פון דער „רוסישער געשיכטע, זייער קורץ געפאסט".

מיר לייגן צו א צעטל פון די וויכטיקסטע ווערק איבער דער רוסישער געשיכטע, וועגן וועלכע עס איז דערמאנט געווארן אויבן.

קאראמזין. „געשיכטע פון דער רוסלענדישער מלוכע" — די בעסטע אויסגאבע איז איינערלינגס אין 1843-טן יאר, אין 3 גרויסע בענדער, מיט אלע אנמערקונגען.

סאלאוויאוו. „געשיכטע פון רוסלאנד פון די אוראלטסטע צייטן" — די בעסטע אויסגאבע איז פון „אבשטשעסטווענאיא פאלזא" פון די 1890-קער יארן (איז איבערגעכאזערט געווארן) אין 6 בענדער, אין צוויי שפאלטן. דער זעלביקער פארלאג האט אויך ארויסגעגעבן סאלאוויאווס „געזאמלטע ווערק", ווו עס זיינען צונויפגעזאמלט זיינע הויפט-ווערק, אחוץ דער „געשיכטע פון רוסלאנד" (צום באדויערן איז ניט אלץ אריין, — עס פעלט זיין וויסנשאפטלעכע הויפט-ארבעט, די „געשיכטע פון די פארהעלטענישן צווישן די פירשטן פון ריוריקס הויז", ווו סאלאוויאווס טעאריע איז פארמולירט א סאך בולעטער, איידער אין דער „געשיכטע").

משיטשערין. וויכטיקער פון אלץ פון דער גרויסער צאל ווערק, וואס דער דאזיקער אווטער האט אנגעשריבן, איז פאר דער רוסישער געשיכטע די „עקספערימענטן איבער דער געשיכטע פונעם רוסישן רעכט". מ. 1861.

גראדאווסקי. „געשיכטע פון דער ארטיקער פארוואלטונג אין רוסלאנד", ערשטער טייל. „אן אויעזד פון דער מאסקווער מלוכע". באזונדערס וויכטיק איז דער ארייננפיר, איבערגעדרוקט אין גראדאווסקיס „געזאמלטע ווערק".

קליוטשעווסקי. „די באיארן-דומע פון דעם אוראלטן רוסלאנד", „אויספארשונגען און ארטיקלען" און דער „קורס רוסישע געשיכטע". אלע ווערק זיינען איבערגעדרוקט געווארן דורך אונדזער מלוכע-פארלאג.

שטשאפאוו. „אלע ווערק" אין דריי בענדער, פיראזשקאווס פארלאג, פעטערבורג 1906—1907, די וויכטיקסטע ארטיקלען „נאטורוויסנשאפט און פאלקעקאנאמיע" און די „היסטאריש-געאגראפישע באדינגונגען פון דער פאנאנדערוועצונג פונעם רוסישן שיוועט" אינעם צווייטן באנד.

ק אַ ס ט אַ מ אַ ר אָ ו. די „צאַפּן־רוסישע פּאָליטיק־רעגירונגען אין דער טקופע פֿון דעם אודעלן־וועטשישן סיידער", „די מעהומעצייט אין דער מאָסקווער מעלוכע", „באַגדאַן כמעלניצקי", „ראזינג" און אנד. ווערק איבער דער געשיכטע פֿון אוקראַינע. „דער בונט פֿון סטענקא ראזינ" אאוו., — אַלץ איז איבערגעדרוקט אין די „מאָנאָ־גראַפּיעס און אויספאָרשונגען".

ס ע מ ע ו ו ס ק י. „די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אידייען פֿון די דע־קאַבריסטן", פּעטערבורג 1909, „די פּויערים אין יעקאַטערינע דער צווייטערס צייטן", צוויי בענדער, א נייע אויפלאַגע 1901—1903, די „פּעטראַשעווצעס" — א ריי אַרטיקלען אינעם זשורנאַל „גאָלאָס מינוושעוואָ" 1913—1915. (און א קליינע ברָאָשור באזונדער, 1905).

סינכראָנישע טאַבעלעס

יאָרהונדערטנ און יאָרנ *	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אַלוועלטלעכער געשיכטע	די טעריטאָריע, וואָס איז געווענ פאַרנומענ דורכנ רוסישנ שיוועט	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אויסערלעכער געשיכטע	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אינערלעכער געשיכטע
IV יאָרהונדערט פונ דער קריסטלעכער ערע	די מײַרעוו־רוימישע אימפּעריע (מיט דער הויפּט־שטאָט אינ רוימ) הייבט אָנ צעפאַלנ ווערנ; אירע פּראָווינצנ ווערנ ביסלעכווײַז פאַרנומענ דורכ „באַרבאַרנ" (דורכ די גערמאַנער — די עלטערזיידעס פונ די איצטיקע דײַטשנ, האָלענדער, ענגלענדער, שווייצער אאַוו). אפנ ערשטנ אָרט הייבט זיכ אָנ אַרויסרוקנ די מיזרעכ־רוימישע אימפּעריע, מיט דער הויפּט־שטאָט אינ קאָנסטאַנטינאָפּאָל (ביזאַנצ) אַפ א גריכישער באַזע.	דאָס ערשטע מאָל ווערט דערמאָנט וועגנ די אַנטנ (סלאַוונ) צווישנ די אונטערשטע שטראָמונגענ פונ דעמ טײַכ דונײַ און פונעמ דאָנ.	אָנפאַלנ פונ די „אַנטנ" אַפ דער מיזרעכ־אימפּעריע.	גאָרנישט ניט באַוווּסט.
V—VII יאָרהונדערטנ	דער אופבלי פונ דער מיזרעכ־אימפּעריע, וואָס באַהערשט אינ יוסטיניאַנס צײַטנ (527—565) קימאַט דעמ גאַנצנ באַסיינ פונעמ מיטללענדישנ יאַמ; אפנ יעסאָד פונ קנעכטישער און לײַבייגנטימערישער אַרבעט קומט אופ א העלע און גלענצנדיקע ביזאַנטישע (גריכישע) קולטור.	„אָנ א שיר" אַנטנ באַמ אַזאָווישנ יאַמ.	אָנפאַלנ פונ די סלאַוונ אַפ יוסטיניאַנס אימפּעריע; די ביזאַנטישע רעגירונג שאַפט קעגנ זיי א פּאַרטייִדיקונג־ליניע לענגויס דעמ דונײַ.	דערציילונגענ פונ ביזאַנטישע שרײַבערס וועגנ די סלאַוונ, ווי וועגנ ווילדע; וואַנדערישע ערדאַרבעט און וואַלד״געווערבנ; זיי לעבנ שטאַמענווײַז, ד. ה. אינ גרויסע פאַמיליעס.
IX—VIII יאָרהונדערטנ	אינ מײַרעוו־אייראָפּע בילדעט זיכ אויס אפסנײַ א „מײַרעוו־אימפּעריע" פונ די פריִער צעבראָקלטע גערמאַנישע שוואָטימ; אינ דער איצטיקער פּערסיע און אַזיאַטישער טערקײַ	די וואַנדער־פעלקער שטופּנ ביסלעכווײַז אָפּ די סלאַוונ פונעמ שוואַרצנ אינ אַזאָווישנ יאַמ, נאָר די סלאַוונ פאַרשפּרייטנ זיכ צו צאָפנ צו,	אינ רוסישנ פלאַכלאַנד באַווײַזנ זיכ די וואַריאַגנ (נאָרמאַנענ), אַלס רויבער, וואָס שטעלנ צו אַפ די מיזרעכדיקע, ביזאַנטישע און	די סלאַווישע שטאַמענ באַהעפטנ זיכ אינ שוואָטימ (די סלאַוונ, קריוויטשי, דרעגאָוויטשי, דרעוולייאַנער, פּאָליאַנער, דולעבנ, און בוזשאַנער אָדער וואָלינער, די טיווערער און אוליטשער, ראַדימיטשער, וויאַטיטשער, סעווע־יאַנער) מיט פירשטנ

	בילדעט זיכ אויס א קאָלאָסאלע אימפעריע פונ די אראבער (דער קאליפאט), וואָס הייבט אָנ דריקנ אפ דער ביזאנטישער אימפעריע.	אינעם באסיינ פונעם דניעפער (ביז די אויבערשטע שטרעמונגענ פונ די טײַכנ וואָלגע אונ אָקא צו צאָפנ־מיזרעכ).	אראבישע מערק לעבעדיקע סכוירע — קנעכט, אונ אויכ לוקסוס־זאכנ, רויכווארג. דאָס 862־טע יאָר האָט מענ א לאנגע צײַט באדינגלעכ גערעכנט פארנ ערשטנ יאָר, „ווענ עס איז געגרינדעט געוואָרנ די רוסישע מעלוכע“.	בעראָש. די שוואָטימ־וועטשעס (פאָלק־פארזאמלונגע.
X יאָרהונדערט	אינעם קאמפ קעגנ די אראבער הייבט אָנ ביזאנצ זוכנ הילפ, צווישנ אנדערע, אויכ בא די רוסישע סלאוונ; עס ווערנ אָנגעקניפט ענגע באציִונגענ מיט זיי; די ביזאנטישע מיסיאָנערנ פלײַסנ זיכ אונטערצוווארפנ זיי אונטער דער ווירקונג פונ דער ביזאנטישער קולטור, אונ טרעפנ זיכ דערבײַ מיט דער פראפאגאנדע פונ די מײַרעוודיקע מיסיאָנערנ — פונ רוימ אונ פונ דער מײַרעוו־אימפעריע. די סלאוונ נעמענ אָנ דעמ אלעפבייז פונעמ גריכישנ מוסטער, אונ דערמיט ווערט טעכניש געזיכערט די איבערוואָג פונ ביזאנצ.	די סלאוונ, וואָס ווערנ אָרגאניזירט דורכ די נאָרמאנענ, הייבנ אָנ פירנ א דערפאָלגרײַכנ קאמפ קעגנ די וואנדער־פעלקער, דורכשלאָגנדיק זיכ אפסנײַ צו די ברעגנ פונעמ שווארצנ אונ אזאָווישנ יאמ. פונ דער אנדערער זײַט, לאָזט זיכ אראָפ די סלאווישע קאָלאָניזאציע מיט דער אָקא אונ דער אויבערשטער וואָלגע (ראָסטאָוו, מוראָמ, סוזדאל), פארקנעכטנדיק די פינישע שוואָטימ אונ דורכשלאָגנדיק זיכ צו די לענדער פונ דער אראבישער קולטור (די וואָלגער באָלגארנ).	די אויסבילדונג פונ ווארייאגישע פירשטנטומס, וואָס באהעפטנ זיכ — ניט זייער ענג — אינ א גרויסער ווארייאגישער מעלוכע, מיט א צענטער אינ קיִעוו. לעבהאפטיקע פרײַנטלעכע אונ פײַנטלעכע באַרירונגענ פונ די קיִעווער פירשטנ מיט וויזאנטיע. די ערשטע היסטאָרישע פירשטנ, וואָס זײַנענ אונדז באוווּסט לויט די נעמענ (אָלעג, איגאָר, סוויאטאָסלאוו, וולאדימיר). די ערשטע היסטאָרישע געשעענישנ פונ דער רוסישער געשיכטע, וואָס זייערע יאָרנ זײַנענ אונדז באוווּסט (אָלעגס אָנפאלנ אפ קאָנסטאנטינאָפאָל אינ 907־טנ, דער ערשטער אָפמאכ פונ	דער שוואָטימ־שטייגער גייט איבער אינ א שטאָטישנ; די אָרטיקע סלאווישע פירשטנ ווערנ פארביטנ אפ נאָרמאנענ, וואָס רעגירנ ניט פונ די אלטע שוואָטימשע צענטערס, נאָר פונ זייערע לאגערונגענ אפנ וואסער־וועג „פונ די ווארייאגנ צו די גריכנ“, וועלכע ווערנ ביסלעכווײַז פארוואנדלט אינ שטעט (קיִעוו, טשערניגאָוו, פערעיאסלאוול, ליובעטש, סמאָלענסק, פאָלאָצק, נאָווגאָראָד). איבער דער דאָרפישער באפעלקערונג וואקסט אויס א שטאָטישע שקלאפנבאזיצערישע אריסטאָקראטיע (די באָיארעס אונ די שטאָטישע עלטסטע), וואָס שטרעבט שארפ אָפצוטיילנ זיכ פונ דער מאסע „סמערדנ“ אונ וואָס נעמט איבער, גלײַכ נאָכ די פירשטנ, די ביזאנטישע קולטור (די אויסגערופענע טויפונג פונ רוס“ אינ וולאדימירס צײַטנ, אינ די יאָרנ 987—989, פונ דער אויסערלעכער זײַט, אלס א רעזולטאט פונעמ פאָרמעלנ בונד צווישנ דער וויזאנטישער אימפעריע מיטנ קיִעווער פירשט). די ערשטע פארשריבענע געריכט־מינהאָגימ (די אוראלטסטע רעדאקציע פונ דער „רוסקאיא פראוודא“).

* די יאָרהונדערטנ ווערנ באצייכנט מיט רוימישע ציפער I (1), II (2), III (3), IV (4), V (5), VI (6), IX (9), X (10).

יאָרהונדערטן און יאָרן	די הויפּט־געשעענישן פון דער אַלוועלטלעכער געשיכטע	די טעריטאָריע, וואָס איז געווען פאַרנומען דורכן רוסישן שטייוועט	די הויפּט־געשעענישן פון דער אויסערלעכער געשיכטע	די הויפּט־געשעענישן פון דער אינערלעכער געשיכטע
X יאָרהונ־דערט			דער קיִעווער מעלוכע מיט ביזאַנץ אין 911־טן און.	
XI יאָרהונ־דערט	די מיירעוו־אימפּעריע ווערט צע־פאַלן אַף א רײ קליינע מעלוכעס, וואָס פאַרייניקן זיך שוואַך אין גרופּעס לויטן נאַציאָנאַלן סימען (דאָס פראַנצויזישע, ענגלי־שע, דײַטשישע און. קיניגרײַכן). די אַנטוויקלונג פון האַנדל־באַציִונ־גען און די אויסבילדונג פון האַנדל־צענטערס (פריִער פון אַלץ אין איטאַליע, דערנאָך אין מיירעוו־דײַטשלאַנד, פראַנקרײַך און). אונטער דער ווירקונג פון דער האַנדל־בורזשואַזיע און פונעם הויפּט־צענטער פון דער אָנפאַנגלע־כער אָנזאַמלונג אין יענער עפּאָכע, פון דעם פּויפּסטלעכן רוים (די קירכלעכע הויפּט־שטאָט פונעם גאַנצן מיירעוו), ווערן די אָנפאַלן פון די מיירעוו־נאָרמאַנען אַף דער ביזאַנ־טישער אימפּעריע פאַרוואַנדלט אין קרייץ־צוגן (די קלערמאַנער קירכן־פאַרזאַמלונגען אין 1095־טן יאָר). אַפן וואָרט — צו „באַפרײַען גאָטס קיווער", אינדערעמעסן — קע־רײַ צו פאַרכאַפּן אין די הענט פון	די סלאַוון באַפעלקערן אַלץ געדיכטער דעם שטעטן צווישן די טײַכן אָקא און וואָלגע, ווו עס קומט אוף א גאַנצע רײ נײַע שטעט (וולאַדימיר און אַנד.) און פירשטנטומס. די באַוועגונג צו דאָרעם צו ווערט פאַר־האַלטן דורך א נײַער כוואַליע וואַנדערער (די פּאָלאָווצעס).	די ערשטע העלפט פון־נעם יאָרהונדערט איז באַ־צייכנט דורכן ענדגילטיקן צעקלאַפּן די אַלטע וואַנדער־באַפעלקערונג פון די דאָ־רעם־רוסישע סטעפּן (די פּעטשענעגן האָט צעקלאַפּט דער קיִעווער פירשט יאַ־ראָסלאַוו אין 1034 יאָר). די צווייטע העלפט — דורכן דעם, וואָס עס איז אָנגעקומען א נײַע, א פיל שטאַרקערע מאַכנע וואַנדערער, די פּאָלאָווצעס, וואָס האָבן פון זייער זײַט, צעקלאַפּט יאַראָסלאַווס זין (אין 1068־טן יאָר). דער סאָף פונעם יאָר־הונדערט איז פאַרפולט מיטן קאַמף קעגן די פּאָלאָווצעס.	אין די שטעט בילדעט זיך אויס א פּילצאָליקע האַנדל־באַלמעלאָכישע באַפעלקערונג, וואָס ווערט עקספּלו־אַטירט פונעם וווכער־קאַפּיטאַל אין געשטאַלט פון דער שטאָטישער אַריסטאָקראַטיע. דער אָנהייב פון קלאַסנקאַמף. די ערשטע קיִעווער רעוואָלוציע פון 1068־טן יאָר. די זאַמלביכער פון געזעץ־מינהאָגים — די „רוסקאַיאַ פּראַוודאַ" (דאָס „רוסישע־רעכט"), פון דער צווייטער און ווײַ־טערדיקע רעדאַקציעס, וואָס שפּיגלט שוין אָפּ די שפּורן פון קלאַסנקאַמף.

XII יאָר־הונדערט

די איטאַליענער, פּראָנצויזן און מיי־רעוו־דײַטשן דעם האנדל מיטן מיז־רעח, וואָס האָט זיך פֿריִער געפֿונען אין די הענט פֿון די גריכן און פֿון די אַראַבער.

די ביזאַנטישע אימפּעריע ווערט צעפֿאַלן, זי ווערט אַלץ מער און מער אָפּגעשטופּט אין הינטערגרונט דורך די „קרייצטרעגער", דאָס הייסט, דורכן מיי־רעוו־אייראָפּעיִשן האנדל־קאַפּיטאַל. די אַלוועלטלעכע האנדל־וועגן רוקן זיך איבער פֿון מיזרעח־אייראָפּע קיין מיי־רעוו־אייראָפּע (דער וועג קאָנסטאַנטינאָפּאָל — מיי־רעוו־אייראָפּע איבערן דניעפּער ווערט פֿאַרביטן דורכן וועג מיטללענדישער יאַם — די אַלפּישע דורכגענג — דער ריין).

עס ווערט ווײַטער פֿאַר־געזעצט די קאָלאָניזירונג פֿון דער צפֿון־מיזרעכדיקער (סוז־דאַלער) רוס, ווו עס ביל־דעט זיך ענדגילטיק אויס דער דריטער סלאַווישער צענטער אַפֿן רוסישן פֿלאַכ־לאַנד, אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס אַף אַ פֿינישער באַזע. דער דאָזיקער צענטער האָט אַ גלײַכע קראַפֿט ווי די צוויי עלטערע — דער קיִע־ווער (דאָס, וואָס האָט אין יענער צײַט, אייגנטלעך, גע־הייסן „רוס") און דער נאָוו־גאָראָדער. די ערשטע דער־מאָנונג וועגן מאָסקווע (1147). אין מאָסקווע ווערט אויסגע־בילדעט אַ קנופּ־פּונקט פֿון איינעם פֿון די נײַע פֿירשטנ־טומס (די אופֿבויונג פֿונעם מאָסקווער קרעמל, 1156). די קאָלאָניזירונג גייט ווײַטער צו מיזרעח צו: די נאָווגאָ־ראָדער גרינדן אין 1181־טן יאָר כלינאָוו (וויאַטקע).

עס גייט ווײַטער דער קאַמף קעגן די פּאָלאָווצעס; דער דאָזיקער קאַמף גייט אַלץ מיט אַ קלענערן דער־פֿאָלג, וואָס מער די קיִע־ווער מעלוכע ווערט בעהאַד־ראַגע צעפֿאַלן אונטער דער ווירקונג פֿון די קעגנזעצ־לעכע אינטערעסן פֿון די פֿאַרשיידענע שטעט. וועלכע דריקן זיך אויס אין אַ ריי צווישנשטאָטישע מילכאָמעס (די אַזויגערופֿענע „פֿירשטנ־ריִסעריִי"). דער אַלטער צענ־טער, קיִעוו, איז נאָך דעמ, ווי ער האָט כאַרעוו געמאַכט אַלץ אַרום זיך, געפֿאַלן אַלס קאָרבן פֿונעם נײַעם צאָפֿנ־מיזרעכדיקן צענטער, פֿון וולאַדימיר (דער כורבן פֿון קיִעוו, דורך דעם מיליטער פֿונעם סוזדאַל־וולאַדימירער פֿירשט אַנדריי באָגאָליובסקי אין 1169־טן יאָר).

דער אויפֿבלי פֿון דער שטאָטישער רעפּובליקאַנסקער נאָוו־גאָראָד־מיירעוו און דער אָנהייב פֿון אַ דעמאָקראַטישער באַוועגונג אַפֿן צאָפֿן און צאָפֿן־מיזרעח. די צווייטע קיִעווער רעוואָלוציע (1113). דאָס באַגרענעצן דעם וויל־קיר פֿונעם וווכער־קאַפּיטאַל; דער פֿירשט וולאַדימיר מאָנאָמאַך, „מאָנאָמאַכס פּראַוורא" (עמעס). די גײַסט־לעכע פּרוּוון זיך ראַטעווען די פֿירשטלעכע מאַכט, אי־דעאַליזירנדיק זי (די לעגענדע וועגן רופֿן די פֿירשטן). דאָס שטערט אָבער ניט דער קיִעווער וועטשע (פֿאָלק־פֿאַרזאַמלונג) צו פֿאַרנעמען אַ גלײַכ־אָרט מיטן פֿירשט (1146—1147). די רעו־וואָליוציע אַפֿן צאָפֿן־מיזרעח: די דערמאָרדונג פֿון אַנדריי באָגאָליובסקי און דער צווייטעליקער אויפֿשטאַנד פֿון וולאַדימיר קעגן דער פֿירשטלעכער מאַכט (1175—1177). די אָנגעבורט פֿון דער נאָווגאָראָדער דעמאָקראַ־טיע (1126 — דער ערשטער אויסגעקליבענער פּאָסאַדניק). דער אויפֿבלי פֿון דער „דרוזשינע"*־פּאָעזיע און פֿון דער קירכלעך־פּובליציסטישער ליטעראַטור („דאָס וואָרט וועגן איגאָרס פּאָלק" און די כראָניקעס).

* „דרוזשינע" — דעם פֿירשטס אַרמיי.

יאָרהונדערט און יאָרן	די הויפּט־געשעענישן פון דער אַלוועלטלעכער געשיכטע	די טעריטאָריע, וואָס איז געווען פאַרנומען דורכן רוסישן שיוועט	די הויפּט־געשעענישן פון דער אויסערלעכער געשיכטע	די הויפּט־געשעענישן פון דער אינערלעכער געשיכטע	די נאָענטסטע שכיינים פונעם רוסישן שיוועט
XIII יאָר־הונדערט	אין אָנהייב יאָרהונדערט שטייט נאָך אַלץ בראָש דאָס אַלטע נעסט פונעם האַנדל קאַפּיטאַל — איטאַליע. דער פּויפּסט אינאָקענטי III (1198—1216) אָרגאַניזירט דעם פערטן קרייצצוג, בייס וועלכן די פראַנצויזישע ריטערס, אונטער דער אָנפירונג פון די איטאַליענישע (ווענעציער) סאָכרים, נעמען איין און באַראַבעווען קאָנסטאַנטינאָפּאָל (1204). פון דער צייט אָן הערט אויף די ביזאַנטישע אימפּעריע פאַקטיש צו עקזיסטירן. אין דער אייגענער צייט קומט אויף אין דרום־איטאַליע די ערשטע גאַנצנאַלע מעלוכע פון נייעם טיפּ (דאָס נעאַפּאָליטאַנישע קיניגרייך פון פרידריך II האָהענשטאַופן, בעערעך אין די יאָרן 1230—1250). נאָך זייער גיך שאַפט דער האַנדל־קאַפּיטאַל אויך אַנדערע נאַציאָנאַלע פאַרייניקונגען, פריער פאַר אַלץ אין פראַנקרייך (דער קרייץ־צוג פונעם קיניג לודאָוויג דעם „הייליקן“, 1249). צום XIV יאָר־הונדערט הייבט זיך אָן אומעטום אויסבילדן, אָפּן יעסאָד פונעם האַנדל־קאַפּיטאַל, א צענטראַליזירטע ביוראָקראַטישע מאָנאַרכיע	די לענדער אַרום קיִעוו („רוס“ אינעם אייגנטלעכן זין פון וואָרט) ווערן אַלץ מער כאָרעוו, און נאָכן טאָטערישן אָנגריף (זע דעם שכייניש שפּאַלט פון ליניקס) גייען זיי אינגאַנצן אַרויס פון דער רוסישער געשיכטע ביזן XV יאָרהונדערט. אָפּ דער אָרענע פאַרבלייבן דער צאָפן־מיזרעוודיקער און צאָפן־מיזרעכדיקער צענטערס (נאָווגאָראָדער און סוזדאַלער לאַנד, ווו עס בייטן זיך די אָנפירנדיקע שטאָטישע צענטערס — צוערשט וולאַדימיר, דערנאָך טווער, לעסאָף מאָסקווע). די נאָווגאָראָדער פּאָרטיִען זיך אין יאַגעניש נאָך רויכוואַרג און זילבער אַלץ מער צו מיזרעך־צו, אין דעם הינטערוואָלאָק (דאָס לאַנד אָפּ יענער זייט פונעם „וואָלאָק“ — דעם וואַסערשייד צווישן דעם באַסיין פון דער צאָפן־דווינע, פון איין זייט, און דעם באַסיין פון דער וואָלגע	דאָס פאַלן פון ביזאַנץ מאַכט אינגאַנצן פאַר אומזיניק דעם האַנדל־וועג „פון די וואַריאַגן צו די גריכן“ און פאַרניכטעט דעם לעצטן צוזאַמענבונד פון דער געוועזענער קיִעווער מעלוכע. רוס ווערט אַלץ מער און מער צעבראָקלט („דער פעאָדאַלער פון טייל־פירשטנ“). די איינציקע פירשטנטומס, וואָס פלעגן אַרויס פריער זייער שלעכט אויסהאַלטן דעם קאַמף מיט די פּאָלאָווצער, זיינען איצט אַבסאָליוט אומעכטיק צו פאַרייניקן זיך צום קאַמף קעגן דער נייער נאָך מער שרעקלעכער סטעפּ־האָרדע — קעגן די טאָטערן (די שלאַכט באַם טייך קאַלקאַ אין 1224־טן יאָר, באַטיס אָנפאַל אין די יאָרן 1237—1240). די דרום־מיזרעוודיקע רוס איז מער פון אַלץ פאַרוויסטעט געוואָרן און ענדגילטיק דערשלאָגן געוואָרן; די צאָפּן־מיזרעוודיקע האָט זיך אָפּ־	די איינאַרטיקע אַנטוויקלונג פון דער רוסישער שטאָט אין דער זייט פון דעמאָקראַטיע, וואָס מיר האָבן באַמערקט אינעם פאָריקן יאָרהונדערט, ווערט צעבראָקלט: די דרום־מיזרעוודיקע וועטשע־שטעט ווערן פאַרשוואונדן, אין דער צאָפּן־מיזרעכדיקער רוס, נאָך א ריי אומגעלונגענע אויפשטאַנדן (אין ראָסטאָוו, וולאַדימיר, סוזדאַל און יאַראָסלאַוול אין 1262 און 289־טן יאָר), נעמען די פירשטן מיט דער הילף פון די טאָטערן אַנטשיידן די אָריבערהאַנט איבער דער וועטשע; ניט שטענדיק זיך אָבער שוין מער אָפּ דער שטאָטישער קראַפט, זיינען זיי געצוווּנגען צו טיילן די מאַכט מיטן גרויסן ערדבאַזיץ: די צאָפּן־מיזרעכדיקע רוס ווערט, אָנהייבנדיק פון נעם XIII יאָרהונדערט, ענדגילטיק פעאָדאַליזירט און ווערט ענלעך	די שוועדן נעמען איין פינלאַנד (די גרינדונג פון וויבאָרג אין 1293־טן יאָר) און קומען צו האַרט ביז צו נאָווגאָראָדער לאַנד. אָפּ די מיזרעך־ברעגן פונעם באַלטישן יאַם אַנטוויקלט זיך די דייטשישע קאָלאָניזאַציע (דער אָרדען פון די „שווערד־טרעגערס“, די גרינדונג פון ריגע אין 1201־טן יאָר). אויכנויצנדיק די אָפּגעשוואַכטקייט פון דרום־רוס, הייבט אָן ליטע, וואָס איז פריער געווען אַן אָביעקט פון רוסישע אָנפאַלן, צו בילדן, טיילווייז פון די רעשטן פון דרום־רוס, א זעלבשטענדיקע מעלוכע (דער פירשט מינדאָווג, געשטאָרבן אין 1263־טן יאָר, וויטען, 1293—1316). אין מיטן פונעם יאָר־הונדערט בילדעט זיך א פאַרבאַנד פון די צאָפּן־מיזרעוו־דייטשישע שטעט (ליובעק, האַמבורג, ברעמען און די וועסטפאַלישע שטעט,

(אבוצ ענגלאנד — די „פרייהייטנ־כארטיע" אינ 1215, דער ערשטער פארלאמענט אינ 1265). די קירכלעכע וווכערײַ הייבט אָנ ארויסרופנ א ווידערשטאנד מיצאד די פאָלקמאסנ, באזונדערס מיצאד די מער אנטוויקלטע שטאָט־אײַנוווינער, — א ווידערשטאנד, וואָס איז אויכ אײַנגעהילט אינ א רעליגיעזער פאָרמ: די לערעס, אז די קירכע איז ניט „קיינ עמעסע" (די אזויגערופענע „מיטלאלטערלעכע אפּיקאָרסעס", די קאטארנ אָדער „אלביגאָיער", די פאטארענער, טיסעראנער (וועבער). די קירכע שטיקט די „אפּיקאָרסימ" מיט כײַעשער אכזאָריעס (קרייצ־צוגנ קעגנ די אלביגאָיער 1209 — 1222, די אינקוויזיציע).

אונ פונעם באלטישנ יאמ, פונ דער אנדערער זײַט). דער הינטערוואָלאָק — דאָס איז דער איצטיקער צאָפנדיקער קאנט.

געפּאטערט דערמיט, וואָס זי האָט אנערקענט די מאכט פונ די כאנעס אונ האָט געצאָלט צינז (די טאָטערישע „צאָל" (ציילונג) אינ נאָווגאָראָד, 1259). די צאָפנ־מיזרעכדיקע רוס, וואָס איז שטארק פארוויסטעט געוואָרנ, איז פאקטיש אונטערגעוואָרפנ געוואָרנ אונטער די טאָטערנ, אונ איז געוואָרנ אנ אָביעקט פאר עקספּלואטאציע מיצאד דעמ מיזרעכדיקנ קאפּיטאל, מיצאד דעמ „האָרדע"־קאפּיטאל. דאָס האָט געשאפנ דעמ אָנהייב פונ איר צוקונפטיקער פאַרייניקונג אונטער דער מאכט פונעמ כאנישנ הויפּט־אָנגעשטעלטנ, וואָס אזא מינ ראָליע האָט אינ דעמ כאָלגנדיקנ יאָרהונדערט אָנגעהויבנ שפּילנ דער מאָסקווער פירשט.

פונ יענער צײַט אָנ ווערט שארפ פאנאנדערגעטיילט די ריכטונג פונ דער אויסערלעכער פּאָליטיק פונעמ צאָפנ־מײַרעוודיקנ אונ פונעמ צאָפנ־מיזרעכדיקנ צענטער: נאָווגאָראָד גרײַפט אָנ אפ צאָפנ־מיזרעכ אונ פארטיידיקט זיכ אפנ מײַרעוו (ער מאכט א טעל פונ די צו מײַרעוו־אייראָפּע פונ X — XI יאָרהונדערט. אינ נאָווגאָראָד, פארקערט, גייט די דעמאָקראטישע אַנטוויקלונג ווײַטער אָנ שטערונגענ (1209 — די נאָווגאָראָדער רעוואָליוציע, אנ אנאלאָגישע צו דער קיעווער פונ 1113־טנ יאָר, 1218 — דער פירשט טאָר ניט אראָפּזעצנ די אויסגעקליבענע דורכ דער שטאָטישער געמיינדע, 1265 — די ערשטע געשריבענע נאָווגאָראָדער קאָנסטיטוציע, א גראמעטע, וואָס לויט איר האָט געשוואָרנ דער פירשט יאראָסלאוו יאראָסלאוויטש, נעווסקיס א ברודער). אלעקסאנדער נעווסקיס (1236 — 1263) פרווו אויסצונוצנ די שווערע לאגע פונ נאָווגאָראָד אינעמ קאמפ מיט די „קרייצטרעגערס" פונ מײַרעוו אונ, שטיצנדיק זיכ אפ דער הילפ פונ די טאָטערנ, אויכ דאָ אײַנצופירנ די סוזדאלער פּאָראָנדקעס, האָט קיינ דערפאָלג ניט געהאט. נאָווגאָראָד ווערט פאקטיש א װעטשער־עפּובליק: דער פירשט לאָזט זיכ פאקטיש אראָפּ די אזויגערופענע האנזע, 1256), וואָס האָט ארײַנגעצויגנ אינ דער נעצ פונ זײַנע האנדל־אָפּעראציעס אויכ נאָווגאָראָד, ווו עס האָט זיכ געפונענ איינע פונ די האנזעישע קאָנטאָרנ. פאר האנזע איז נאָווגאָראָד געווענ דער הויפּט־קאנאל פונ רויכוואַרג אונ דער הויפּט־מארק אפ צו פארקויפנ די מײַרעוו־אייראָפּעישע מאנופאקטורנ, הויפּטזאכלעכ, געוואנט.

אינ 1261־טנ יאָר טרײַבנ די גריכנ ארויס די קרייצטרעגערס פונ קאָנסטאנטינאָפּאָל, אונ די וויזאנטישע אימפּעריע לעבט אומ אינ דער פאָרמ פונ א קליינער מעלוכע; בא קאָנסטאנטינאָפּאָל פארבלײַבט דער באטײַט פונ דער קירכלעכער הויפּט־שטאָט פונעמ רעכטגלויבנ (פּראוואָסלאוויע); עקאָנאָמיש פארבלײַבט ער אינ די הענט פונ די איטאליענישע סאָכרימ.

יאָרהונדערטן און יאָרן	די הויפּט-געשעענישן פון דער אַלוועלטלעכער געשיכטע	די טעריטאָריע, וואָס איז געווען פאַרנומען דורכן רוסישן שיוועץ	די הויפּט-געשעענישן פון דער אויסערלעכער געשיכטע	די הויפּט-געשעענישן פון דער אינערלעכער געשיכטע	די באַוואוסטסטע שכיינים פונעם רוסישן שיוועץ
			שוועדישע „קרייצטרעגערס" אַפּ דער נעווא אין 1240-טן יאָר און פון די דייטשישע אַפּ דער אָזערע „טשוד" אין 1242-טן יאָר. מאָסקווע קוקט אַפּ דאָרעם און אַפּן דאָרעם-מיזרעך.	ביז צו דער לאַגע פון א געדרונגענעם הויפּט-קאָמאַנדיר.	
XIV יאָר-הונדערט	אין מיַרעוו-אייראָפּע בילדעט זיך ענדגילטיק אויס די נאַציאָנאַלע מעלוכע אין דער פאָרם פון א צענטראַליזירטער ביוראָקראַטישער מאָנאַרכיע, פריִער פון אַלץ אין פראַנקרייַך (פיליפּ דער „שיינער", 1285—1314), וואָס הייבט אָן די פּאַפּן פון אויסשטאַנד קעגן די אַלטע „אָנזאַמלער" (פיליפּס קאַמף קעגן דעם פּויפּסט באָניפאַציוס VIII; דער פּראָצעס פון די טאַמפּלי-ערן — איינעם פון די לעצטע ריטער-אָרדענס, וואָס האָבן זיך געבילדעט אין פּאַלעסטינע; דאָס אויסראָטן די רעשטן „קרייצטרעגערס"). נאָך דער דרוק פונעם האַנדלשן און וווכערישן קאַפּיטאַל, וואָס דרינגט זיך אויס אין דער פריִער אומגעהערטער עקספּלואַטאַציע פון די דאָרפישע און שטאָטישע	בעערעך די זעלביקע, וואָס אינעם פריִערדיקן יאָר-הונדערט. דער טאַטערישער דרוק פון דאָרעם און פון דאָרעם-מיזרעך האָט גע-שטערט דער באַוועגונג אין דער דאָזיקער זייט. אין דעם הינטערוואָלאַק האָבן די נאָוו-גאָראָדער, וואָס האָבן, פון איין זייט, דערגרייכט צו די ברעגן פונעם אייז-אָקעאַן, און, פון דער אַנדער זייט, צום באַסיין פון דער פּע-טשאָרע און די אוראַלער בערג, ניט געהאַט פאַר זיך קיין שטעט, וואָס זאָל טויגן פאַר קאָלאָניזאַציע. וויַטער צו מיזרעך צו דרינגען אַריַן נאָך עקספּעדיציעס נאָך רויכ-וואַרג. איינע פון די דאָזיקע	דער גרונט-פאַקט איז די אויסבילדונג פון מאָסקווער גרויספירשטנטום, וואָס האָט אַרומגענומען טכילעס דעם באַסיין פונעם טייַך מאָסקווע (מאָזשייסק און קאָלאָמנע), דערנאָך פון מאָסקווע און קליאַזמע, דאָס הייסט, ער האָט געהאַלטן אין די הענט סיַי די פאַרבינדונגען פון דער מיַרעוו-רוס מיט דער מיזרעך-רוס (פון סמאָלענסק און טשערניגאָוו מיט ניזשני-נאָווגאָראָד), סיַי פון נאָווגאָראָד מיטן דעמלטיקן דאָ-רעם פון רוסלאַנד (ריאַזאַן). די קנופּ-לאַגע האָט געגעבן די אויבערהאַנט דער שטאָט מאָסקווע און דער מאָסקווער בורזשואַזיע איבער אַלע אי-	די פּראָגרעסיווע הויפּט-קראַפט איז די קירכע, וואָס איר ראָליע, אַלס א פאָרשטייערין פון דער אַנ-פאַנגלעכער אַנזאַמ-לונג, הייבט זיך אָן אין רוסלאַנד גראָד דעמלט, ווען אין מיַרעוו-אייראָפּע האַלט זי באַם פאַרענדיקן זיך. צו דער דאָזיקער ראָליע דער-הייבט זיך די קירכע צוערשט אין א בונד מיט דער האָרדע (די האָרדישע „צעט-לעך" (יאַרליקעס) פאַר די מיטראָפּאָליטן פּיאָטר, אַלעק-סיי (1357) און אַנד.), אָבער שוין גאָר גיך ווערט איר צו שווער אַריבערצוטראָגן די דאָזיקע אָפּהענגיקייט, און זי הייבט אָן אונטערצו-	די ליטווישע מעלוכע וואַקסט נאָך אַלץ אויף חשבון פון די רעשטן פון דער אַלטער „רוס" און ווערט אַלץ מער פאַרוואַנדלט אין א „ליטוויש-רוסישער" (געדימין, 1316—1341. כאַר-כאַפּט מינסק און פּינסק, אָלגערד, 1345—1377, קיִעוו, טשערניגאָוו, וואָלין און פּאָדאָליע. זיַן פּלימע-ניק וויטאָווט פאַרכאַפּט אין 1395-טן יאָר סמאָלענסק). די געמיינזאַמע געפאַר מי-צאַד די דייטשישע „קרייצ-טרעגערס", וואָס האָבן גע-ראַבעוועט ליטע און פאַר-שפּאַרט פאַר פּוילישן האַנדל דעם וועג צום יאַם, האָט געפירט צו דער „אוניע"

מאָס, רופּט, פון זײַן זײַט, אַרויס אופשטאַנדן קעגן דער נײַגעבאָרענער ביוראָקראַטישער מאָנאַרכיע (דער אופשטאַנד פון די פּאַריזשער שטאָט־אײַנוווינער אונטער דער אָנפירונג פון עטיען מאַרסעל אין די יאָרן 1355—1358; די „זשאַקעריע״ — דער פראַנצויזישער פּויערשאַפט־בונט אין 1358 יאָר). אין ענגלאַנד זײַנען אַנאַלאָגישע דערשײַנונגען פאַרבונדן מיט עדוואַרד III רעגירונג (1327—1377), נאָר דאָס ווערקצײַג פונעם האַנדל־קאַפּיטאַל ווערט דאָרטן ניט די ביוראָקראַטישע מאָנאַרכיע, אָד דער פּאַרלאַמענט (די אַזויגערופענע „אַרבעטער״־געזעצגעבונג פון עדוואַרד III); די מאַסן האָבן אויך אַפ דער פאָרם פון דרוק געגעבן דעם זעלביקן ענטפער (וואָט טײַלערס אין 1381־טן יאָר). דער אָנהייב פונעם קאַמף פאַר מערק; די „הונדערטיאָריקע מילכאָמע״ צווישן ענגלאַנד מיט פראַנקרײַך צוליב פלאַנדריע; דעם מאַנופאַקטור־צענטער פון דער דעמלטיקער אײראָפּע (די פלאַנדרישע געוואַנטן, 1337 — 1453). אין דער דאָזיקער מילכאָמע באַנוצט מען דאָס ערשטע מאָל א נײַעם מין געווער, דאָס פײַערשיסנדיקע (אַרטילעריע).

נאָווגאָראָדער עקספּעדיציעס, אין 1364 יאָר, האָט דערגרייכט ביז די ברעגן פון טײַך אָב; אין געיעג נאָך רויכוואַרג זײַנען די רוסישע דאָס ערשטע מאָל אַרײַנגעטראָטן אין סיביר.

בעריקן שטעט פונעם צאָפּנ־מיזרעכדיקן צענטער. מאָסקווע אינעם סאָף XIV יאָרהונדערט איז, מיסטאָמע, שוין די גרעסטע שטאָט אין רוסלאַנד נאָך נאָווגאָראָד און פּסקאָוו. אַדאַנק דער זעלביקער קנופּ־לאַגע, ווערט מאָסקווע דער צענטער פונעם אויסלענדישן האַנדל מיט די דאָרעם־לענדער און מיט מיטל־אַזיע, ווי נאָווגאָראָד מיט מײַרעוו־אײראָפּע (די מיטל־אַזיאַטישע הענדל־קאָלאָניע אין מאָסקווע — די גאַסן „אָרדינקע״; די רוסישע קאָלאָניע אַפּ דער אונטערשטער שטראָמונג פון דער וואָלגע — די „סאַרײַער יעפּאַרכיע״ געהערן נאָך צום 1265־טן יאָר; 1356—„געסט־סוראָזשאַנער״ — גענועזער סאָכרים פון קרים אין מאָסקווע). דער אויסערלעכער אויסדרוק פון די דאָזיקע האַנדל־פאַרבינדונגען זײַנען געווען די פּאָליטישע פאַרבינדונגען פון די מאָסקווער פירשטן מיט דער האָרדע (יורי דאַנילאָוויטש, 1303 — 1324, וואָס האָט כאַסענע געהאַט מיטן כאַנס א שוועס־

שטופּן דעם מאָסקווער פירשט, וועלכן זי האָט פאַרוואַנדלט אין אירן א קליענט (דער מיטראָפּאָליט אַלעקסיי פאַרוואַלטעט מיטן מאָסקווער פירשטנטום, בײַם דמיטרי דאָנסקאָי איז געווען א מינדעריאָריקער), ער זאָל אָנהייבן א קאַמף קעגן די טאָטערן (די ראָליע פונעם אַבאַט (איגומען) סערגיי אינעם קוליקאָווער מאַרש). האַלטנדיק, אַז אירע אינטערעסן פאַלן צונויף מיט די אינטערעסן פון מאָסקווע, העלפט די קירכע מאָסקווע צעקלאַפּן אירע קעגנער (טווער, ניזשני־נאָווגאָראָד) און הייבט זי אָן שטיצן אין איר קאַמף מיט נאָווגאָראָד, ווו עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַן אייגענע, אויטאָנאָמע קירכע, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיטן נאָווגאָראָדער האַנדל־קאַפּיטאַל און איז רײַף געוואָרן נאָך גיכער פאַר דער מאָסקווער. דער דרוק פון דער קירכע שאַפט אויך דאָ, ווי אין מײַרעוו־אײראָפּע, א באָדן פאַר „אַפּיקאָרסעס״ פון דעם זעלביקן טיפּ, ווי די מײַרעוו־

צווישן פּוילן מיט ליטע אין 1386־טן יאָר. צו מײַרעוו צו פון מאָסקווער גרויספירשטנטום וואַקסט אויס א קאָלאָסאַלע פּויליש־ליטווישע מעלוכע — א פאַרבינדעטע פון טווער און נאָווגאָראָד אינעם קאַמף קעגן מאָסקווע. אַבּן מיזרעך ווערט די האָרדע ביסלעכווײַז צעפאַלן, נאָר די מעלוכעס (כאַנסטוועס), וואָס טיילן זיך פון איר אויס, דעריקער די קאַזאַנער, אַסטראַכאַנער און קרימער, זײַנען נאָך די ערשטע צײַט גענוג שטאַרקע קעגנערס פאַר מאָסקווע. דערפאַר אָבער פאַרלירט יעדן פּאָליטישן באַטײַט ביזאַנץ, וואָס אירע גײַסטלעכע פלײַסן זיך ווידער אויפצושטעלן, אַפּן אַמאָליקן שטייגער, זייער געוועזענע ווירקונג אַפ רוסלאַנד. נאָר זיי האָבן ניט קיין דערפאָלג: די רוסישע קירכע ווערט אַלץ מער און מער נאַציאָנאַליזירט.

יאָרהונדערטן און יאָרן	די הויפּט־געשעענישן פון דער אלוועלטלעכער געשיכטע	די טעריטאָריע, וואָס איז געווען פאַרנומען דורכן רוסישן שייוועט	די הויפּט־געשעענישן פון דער אויסערלעכער געשיכטע	די הויפּט־געשעענישן פון דער אינערלעכער געשיכטע	די נאָענטסטע שכנים פונעם רוסישן שייוועט
XIV יאָר־הונדערט			טער, א־וואַן קאַליטאַ, 1324—1341, דעם כאַנס הויפּט־אָנגעשטעלטער; „סימעאָן דער שטאָלצער“, 1341 — 1353, וועמען דער כאַן האָט איבערגעגעבן „אונטער די הענט“ אַלע רוסישע פירשטן; איוואַן דער צווייטער, 1353—1359). דער הויפּט־קאָנקורענט פון מאָסקווע איז געווען טווער (דער באַסיין פונ דער אויבערשטער וואָלגע,— א צווייטער, מער ארומיקער, נאָר א מער באַקוועמער וועג פון מײַרעוו קיין מיזרעך און פון נאָווגאָראָד קיין דאָרעם). אָבער טווער, וואָס האָט אומיטלבאַר געהערשט איבער די ארויסגענג פון נאָווגאָראָדער לאַנד, איז געווען דער נאָענטסטער קאָנקורענט פון דער נאָווגאָראָדער האַנדל־אַריסטאָקראַטיע. די לעצטע איז געווען א נאַטירלעכע פאַרבינדעטע פון מאָסקווע; ערשט נאָך דעם, ווי זי האָט צעקלאַפּט טווער, באַ־	איראָפּייִשע (די „שערער“— „סטריגאָלניקי“ — פּלעגן שערן טוכ — אין פּסקאָוו; דער פּאָרשטאָט פון נאָווגאָראָד, וואָס ווערט זעלבשטענדיק אין 1348־טן יאָר). דער אויפשטאַנד פון דער מאָסקווער בורזשואַזיע אין 1382־טן יאָר ביים טאָכטאַמיש אָנפאַל.	

XIV יאָר־הונדערט			שליסט זיך די מאָסקווער בורזשואזיע אליין ארויסצוטרעטן אלס קעגנער פון נאָווגאָראָד (דער ערשטער צוזאמענשטויס צווישן מאָסקווע מיט נאָווגאָראָד צוליב הינטערוואָלאָק, 1397 — 1398). נאָך דעם, האָט מאָסקווע, געפינענדיק א שטיצפונקט אין די פּריִע פאָרמען פון דער אָרטיקער „אָנפאנגלעכער אָנזאמלונג" (די קירכע — פארגלייך דעם פאָריקן יאָרהונדערט פון דער מיירעוו־איראָפּעיִשער געשיכטע), זיך געפּרוווט אראָפּטרייסלען פון זיך די מאכט פונעם האָרדישן קאַפּיטאל (דמיטרי „דאָנסקוי", 1362—1389, די קוליקאָווער שלאכט, 1380). נאָר דאָס האָט זיך איר ניט איינגעגעבן (טאכטאמיש צעקלאַפּט מאָסקווע, 1382).		
XV יאָר־הונדערט	אפּן מיירעוו איז ער דער קלאַסישער יאָרהונדערט פונעם „רענעסאנס" (ווידערגעבורט, ווידערופלעבונג), ווי אויך דער יאָרהונדערט פון „דערפינדונגען און אנטדעקונגען". סיי דער „רענעסאנס" (מע מיינט דאָ פון דער אוראלטער וועלט),	די לאגע פארבלייבט, אין אלגעמיין גענומען, ווי פריִער. די צעפאלונג פון דער האָרדע גייט אָפּ א קורצער צייט א מעגלעכקייט א רוק צו טאָן זיך צו מיזרעך צו (דאָס מאָסקווער	דער אומגעלונגענער פרווו אראָפּצוּוואַרפן די האָרדע אין די 1380־ער יאָרן פירט ארום די מאָסקווער פירשטן אָפּ דעם צינגעווינען וועג פון א בונד מיט די טאָטערן: וואסילי I	אין נאָווגאָראָד בילדעט זיך ענדגילטיק אויס דער האנדל־קאפּיטאל און גייט איבער צום עקספּלואטירן די מאסן באפּעלקערונג (אזוי ווי דאָס איז געווען אין מיירעוו־איראָפּע אין XIV יאָר־	דער בונד צווישן ליטע און פּוילן קעגן דעם דייטשישן אָרדן גיט גלענצנדיקע רעזולטאטן אינעם אָנהייב פונעם יאָרהונדערט (אין 1410־טן יאָר כאַפּן די „קרייצטרעגערס א מאפּלע בא

יאָרהונדערטן און יאָרן	די הויפּט־געשעענישן פון דער אַלוועלטלעכער געשיכטע	די טעריטאָריע, וואָס איז געווען פאַרנומען דורכן רוסישן שייוועט	די הויפּט־געשעענישן פון דער אויסערלעכער געשיכטע	די הויפּט־געשעענישן פון דער אינערלעכער געשיכטע	די נאָענטסטע שכנים פונעם רוסישן שייוועט
XV יאָרהונדערט	וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אינעם אויפבלי פון דער ליטעראַטור און קונסט, סיי די „דערפינדונגען און אַנטדעקונגען" זייַנען ביידע געווען ווייַטערדיקע רעזולטאַטן פון דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם. אין אייראָפּע גופא באַנוגנט זיך שוין ניט דער קאַפּיטאַל מיטן עקספּלואַטירן דעם קליינעם פּראָדוצירער, נאָר ער הייבט אָן אַריבערצוגיין צום אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע פריִער פאַר אַלץ אין איטאַליע (די פלאָרענטישע געוואַנט־און זייד־מאַנופאַקטורן). עס קומען אָן אָנפאַנג־פאָרמען פון קרעדיט און בירזשע: דער מיטלאַלטערלעכער „כאַלפן" ווערט פאַרוואַנדלט אין א באַנקיר (די מעדיטשי אין פלאָרענציע, זשאַק קער אין פראַנקרייַך אאַוו). אין זייַן יאָגעניש נאָך רעווח הייבט אָן דער האַנדל־קאַפּיטאַל צו מאַכן רייַזעס אין ווייַטע לענדער, זוכנדיק א דירעקטע, אומיטלבאַרע פאַרבינדונג מיט אינדיע און כינע (זוכנדיק דעם דאָזיקן וועג, וואָס די דעמלטיקע געאָגראַפן האָבן טעאָרעטיש שוין געהאַט פאַנאַנדערגעאַרבעט, האָט קאָלומבוס אין 1492־טן	כּיִעָל אַפּ דער מיטלסטער וואָלגע, בא די „בולגאַרעס" — אין 1341־טן יאָר), נאָר די אויסבילדונג פון דער קאַזאַנער מעלוכע פאַרהאַלט ווידער די דאָזיקע באַוועגונג. אין דעם לעצטן יאָר פונעם יאָרהונדערט גייען די מאָסקווער אַפּן צאָפּן אַריבער די אוראַלער בערג (פונעם באַסיין פון דער פּעטשאָרע, אין 1499־טן יאָר), פאַרזעצנדיק די נאָווגאָראָדער באַוועגונג פון די פריִערדיקע יאָרהונדערטן.	(1389—1425) פאַרכאַפּט מיט זייער הילף ניזשני־נאָווגאָראָד — דעם קנופּ פון צוויי האַנדל־וועגן. טווערער און מאָסקווער, וואָס האָבן ביז דעמלט קאָנקורירט צווישן אַנאַנד. דער צאָפּן־מיזרעכדיקער צענטער און דאָס מאָסקווער גרויספירשטנטום גיסן זיך פון דעמלט אָן קימאַט ווי צונויף. דער לעצטער שטרייַט צווישן די דאָזיקע צוויי וועגן ווערט שוין געלייזט אין דער פאָרם פון א ברודער־קריג אינעווייניק צווישן קאַליטאַס קינדס־קינדער (די מילכאָמעס צווישן וואַסילי דעם I־טנס זון, וואַסילי וואַסיליעוויטש דעם „פינצטערן", 1425—1462, און זייַן פעטער יורי גאַליצקער (קאָסטראָמער) און דעם לעצטנס זין — וואַסילי דעם קרומויגיקן און דמיטרי שעמיאַקאָוו). דער שטרייַט ווערט ענדגילטיק געלייזט לעטויוועס מאָסקווע. נאָר די	הונדערט). די מאַסן רעאַגירן דערויף פּונקט אַזוי, ווי עס האָט רעאַגירט די מאַסע אין מייִרעוו (דער נאָווגאָראָדער אופשטאַנד אין 1418־טן יאָר). די ערשטע צייַט ברענגט עס אָבער נוצן בלויז דער אָפּ עשטאַגנער מאָסקווע, וואָס שטיצט זיך באַם איינעמען נאָווגאָראָד אָפּ די נאָווגאָראָדער רייַסערייַען. אין מאָסקווע גופא הייבט זיך אָן אָנצומערקן די פאַנאַנדערשיכטונגען פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט: נידעריקער פאַרן גרויסן יערושעדיקן ערדבאַזיץ פון די אַלטע באָיאַרעס און פון די געוועזענע פירשטן שייַנט דורך דער ברייטערער שיכט פונעם קליינעם אָרטיקן ערדבאַזיץ (פונעם צוקינפטיקן אַדעל). צווישן זיי ווערט צעטיילט די ערד, וואָס איז קאָנפיסקירט געוואָרן בא די נאָווגאָראָדער באָיאַרעס. און זיי זייַנען שוין א פּאָליטישע	טאַנענבערג), נאָר דערנאָך פאַלט ליטע גיך אַרונטער אונטער דער ווירקונג פונעם עקאָנאָמיש מער אַנטוויקלטן פוילן, וואָס שטופּט אַרויס די ליטווינער פון דער דאָרעם־מייִרעוודיקער רוס און פּאָלאָניזירט ליטע גופא. אַפּן אָרט פון דער ליטוויש־רוסישער מעלוכע הייבט זיך אָן אויסבילדן די פויליש־ליטווישע (דער אָפּמאַך אין גאָראָדלאָ 1413 — דער געמייַנזאַמער ליטוויש־פּוילישער סיים). דער קער פון דער פויליש־ליטווישער פּאָליטיק צו מייִרעוו און צו דאָרעם צו שוואַכט אָפּ ליטע אַפּן מיזרעך, ווו די געוועזענע טשערניגאָווער פירשטנטומען גייען איבער צו מאָסקווע. די מילכאָמע פון ליטע קעגן מאָסקווע (אין 1499־טן יאָר) ענדיקט זיך מיט א מאַפּאָלע פון די ליטווינער. אין דער אייגענער צייַט טרעט אַרייַן מאָסקווע, וואָס הייבט אָן דורכשלאָגן זיך צו די ברעגן

יאָר אַנטדעקט אַמעריקע, און דער
פּאָרטוגאַלער וואַסקאָ־דע־גאַמאַ האָט
מיט זעקס יאָר שפּעטער אַנטדעקט
דעמ יאַמ־וועג קיינ אינדיע). די
אינדוסטריעלע אונטערנעמערשאַפט
שאַפט אויכ אַ באָדנ פאַר טעכנישע
דערפינדונגענ (די וויכטיקסטע פונ
זיי איז דער דרוקער־וואַר־
שטאַט, 1450, וואָס האָט געמאַכט
פאַר אַ אינדוסטריעלע אונטערנעמונג
די פּראָדוקציע פונ ביכער, וועלכע
האָט זיכ פריער געפונענ אינ די
הענט פונ קוסטאַרנ־איבערשרייבערס).
גלייכצייטיק ווערט אַלצ מער און
מער צעפאַלנ די פעסטונג פונ דער
אַלטער „אָנפאַנגלעכער אַנזאַמלונג“;
מיט דעמ, וואָס זי האָט אינ 1415־טנ
יאָר פאַרברענט יאַנ הוסנ, פייערט
די מייִרעוו־קירכע איר לעצטנ ני־
צאָכנ איבער די „אַפּיקאָרסימ“, אָבער
די הוסיטנ, די אופגעשטאַנענע
פויערשע און קליינבירגערלעכע מאַסנ,
האַלטנ זיכ גאַנצע פופציק יאָר.
אינ דער זעלביקער צייט פאַלנ פול־
שטענדיק דורכ די פרווונ פונ די
פויפּסטנ צו באַנייענ די קרייצ־צוגנ
קעגנ די טערקנ (קעדיי צו ראַטע־
ווענ קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס האָט
אינ 1439־טנ יאָר אָנערקענט די
הערשאַפט פונ דער מייִרעוו־קירכע).
די טערקנ נעמענ איינ קאָנסטאַנטי־
נאָפּאָל אינ 1453־טנ יאָר. די

אָנפאַלנ פונ די טאָטערנ
(די סאַמע גרעסטע אינ 1408
און 1445, בייס עס איז גע־
נומענ געוואָרנ אינ געפענ־
קעניש וואַסילי דער פינצ־
טערער אַליינ) דערמאָנענ
מאָסקווע, אַז זי איז נאָכ
ניט די גאַנצע באַלעבאָסטע.
מיט מער דערפאָלג גייט
דער קאַמפ, וואָס האָט זיכ
נאָכ אָנגעהויבנ אינעמ פריִ־
ערדיקנ יאָרהונדערט, דער
קאַמפ מיט נאָווגאָראָד פאַר
הינטערוואָלאָק. מאָסקווע האָט
איצט געהערשט עקאָנאָמיש
איבער נאָווגאָראָד, זי האָט
געקאָנט ניט צולאָזנ צו אימ
קיינ טוווע פונ „אונטנ“,
דאָס הייסט, פונ דאָרעמ,
און אינ אירע הענט איז
אויכ געווענ דער גאַנצער
מאַרק, ווו נאָווגאָראָד פלעגט
אָפּזעצנ זיינע סכוירעס. אַ
ריי מאָסקווער־נאָווגאָראָדער
מילכאָמעס (1417. 1441, 1456)
ענדיקנ זיכ דערמיט, וואָס
די נאָווגאָראָדער רעפּובליק
וואַרפט זיכ פאָרמעל אונ־
טער דעמ מאָסקווער גרויס־
פירשט (די וועטשע־גראַמע־
טעס זיינענ גילטיק נאָר מיט
דער כסימע פונעמ גרויספירשט,

קראַפט (איוואַנ דעמ III־טנס
באַראַטונג מיט „אַלע מילי־
טער־לייט“ אינ 1471־טנ יאָר
פאַר דעמ מאַרש קעגנ נאָוו־
גאָראָד): די פאַרשטאַר־
קונג פונ דער ווירקונג פונ
דער מאָסקווער בורזשואַזיע
לאָזט זיכ שפּירנ אינעמ כאַרעוו
מאַכנ דעמ נאָווגאָראָדער
האַנדל (אינ 1494־טנ יאָר
ווערט פאַרמאַכט דער דייַ־
טשישער הויפ אינ נאָווגאָ־
ראָד, און דאָס האָט באַטייט,
אַז דער צענטער פונעמ
אויסלענדישנ האַנדל ווערט
איבערגעטראָגנ קיינ מאָסקווע).
די פאַרוואַנדלונג פונ מאָסק־
ווער פירשטנטומ אינ אַ מע־
לוכע, וואָס נעמט אַרומ
ביידע אַלטע צענטערס, דעמ
צאָפנ־מייִרעווודיקנ און דעמ
צאָפנ־מיזרעכדיקנ (אינעמ דאָ־
רעמ־מייִרעווודיקנ פאַרפעס־
טיקט זיכ ליטע, זע דעמ
שכיינישנ שפּאַלט), שאַפט
אַ נייע אידעאָלאָגיע:
נאָכנ „פאַראַט“ פונ קאָנ־
סטאַנטינאָפּאָל, וואָס האָט
אינ 1439־טנ יאָר אָנערקענט
די מאַכט פונ פויפּסט, הייבנ
אָנ די מאָסקווער קירכלעכע
אינטעליגענצ צו לערנענ,

פונעמ פינישנ אויסגוס, אינ
אַ קאַמפ קעגנ אַנ אַנדער
רעשטל פונ די דייטשישע
„קרייצטרעגער“, מיטנ ליוואָ־
נישנ אָרדענ (די אופבויונג
פונ איוואַנגאָראָד קעגנ נאַרווע
אינ 1492־טנ יאָר).

יאָרהונדערטנ אונ יאָרנ	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אַלוועלטלעכער געשיכטע	די טעריטאָריע, וואָס איז געווענ פאַרנומענ דורכנ רוסישנ שייוועט	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אויסערלעכער געשיכטע	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אינערלעכער געשיכטע	די נאָענטסטע שכייניגים פונעם רוסישנ שייוועט
XV יאָר־הונדערט	ביזאַנטישע אימפּעריע גייט ענדגיל־טיק אַראָפּ פונ דער היסטאָרישער סצענע.		וואָס באַקומט דאָס רעכט אַרופצולייגנ אַפּ די נאָווגאָ־ראָדער טשינש, „דער שוואַר־צער טשינש"). דעמ לעצטנ קלאַפּ נאָווגאָראָד גיט וואַ־סילי דעמ פינצטערנס זונ, איוואַנ III (1462 — 1505), פונ 1471־טנ יאָר ווערט נאָווגאָראָד א וואסאַל בא מאָסקווע, אונ זייַנ טעריטאָ־ריע ווערט צוקופּירט דורכ דער מאָסק.ער אַרמיי. נאָכ פריִער (1456) פאַלט אַרייַנ אינ דער זעלביקער לאַגע ריאַזאַנ, אונ אינ 1485־טנ יאָר — טווער. אינ א יאָר אַרומ ווערט אָפּ די אַלטע קעגנערנ פונ מאָסקווע א טייל פונ די אומיטלבאַרע הערשאַפטנ פונ מאָסקווער גרויספירשטנטומ, אונ אינ אַזא לאַגע איז שוינ פונ 1463־טנ יאָר געווענ דער צווייטער צענטער פונ דער אויבערשטער וואָלגע — יאַ־ראָסלאַוול. דאָס מאָסקווער פירשטנטומ פאַרוואַנדלט זיכ אינ מאָסקווער מעלוכע. איר	אַז דער צענטער פונעמ רעכטגלייבנ (פּראַוואָסלאַוויע) איז פונ הייַנט אָנ מאָס.ווע— „דער דריטער רוימ", פונ־דאַנענ איז לאָגיש אַרויסגע־דרונגענ, אַז דער מאָסקווער גרויספירשט איז דער יורעש פונ די ביזאַנטישע קייסאָ־רימ (דעמ אויסערלעכנ אויס־דרוק האָט עס געפונענ אינ דעמ, וואָס איוואַנ דער דריט־טער האָט כאַסענע געהאַט מיט דער ביזאַנטישער פּרינ־צעסנ זאָיא, — וועלכע האָט בא אונדז באַקומענ דעמ נאָמענ סאָפיא־פּאַלעאָלאָג, אינ 1472־טנ יאָר), די נייַע אידעאָלאָגיע גיט צו א זינ אַזעלכע פאַקטנ, ווי דאָס פאַרכאַפּנ נאָווגאָראָד, וואָס באַקומט די פאָרמ פונ א קרייצ־צוג, ווי מאַכנ א סאָפ צומ אונטערוואַרפנ זיכ אונ־טער דער האָרדע אאַוו. די קאָמבינאַציע: דער מאָסקווער פירשט — די קירכע פאַר־בלייַבט, זי באַקומט אָבער אַנ אַנדער זינ; אויבנאָנ	

„זעלבסטהערשונג" ווערט פאַרפעסטיקט דורך דעם, וואָס עס ווערט פאָרמעל געמאַכט א סאָף צו די באַציִונגען מיט דער האָרדע („דאָס פאַלן פון טאָטערשן יאָך", 1480). דאָס האָט געהאט א קליינעם באַטײַט, ווײַל די עמעסע קעגנערס זײַנען געווען ניט די האָרדע, נאָר קאַזאַן און קרים.

שטייט דער פירשט, און די קירכע איז זײַן דינסט־קראַפט. די פּרוּוון פון איינצלנע פאַרשטייער פון דער מאכט אײַנגאַנצן זיצו באַגיין אָן דער קירכע (דאָס אַפּיקאָרסעס פון די „יודאַיזירנדיקע") זײַנען נאָך פּריצײַטיק, זיי מאכן אָבער די קירכע נאָך שטילער און אונטערטעניקער. דאָס אַרויסגעבן דעם זאַמלבוך פון געזעצן (סודעבניק) פיקסירט דאָס רעכט פון דער נײַער מעלוכע (1497).

XVI יאָר־הונדערט

דאָס אנטדעקן אמעריקע און דעם יאַם־וועג קיין אינדיע פירט צו א נײַעם איבערוק פון די וועלט־וועגן. דער דאָזיקער איבערוק איז אָן אַן ערעך גרעסער, איידער דער, וועלכן עס האָבן אַרויסגערופן די „קרייצצוגן". די „מיטללענדישע" יאַמען (דער דאָרעמדיקער, דער וואָס טראָגט אײַגנטלעך אזא נאָמען, און דער באַלטישער, דער „מיטללענדישער" יאַם פון צאָפן־אייראָפּע), מיט די טײַכן, וואָס פליסן אין זיי אַרײַן, טרעטן אָפּ אַפן צווייטן פּלאַן און באַ זיי פאַרבלײַבט בלויז אַן אָרטיקער באַטײַט. דער עמעסער

די אויסבילדונג פון א גרויסער מעלוכע אין מיטל־רוסלאַנד (די מאָסקווער מעלוכע האָט צום XVI יאָר־הונדערט אָרומגענומען בעצרעך די איצטיקע געגנטן: מאָסקווער, א טייל לעניגראַדער, דעם מיזרעכדיקן טייל פון מײַרעוו־געגנט (די שטאָט סמאָלענסק איז אײַבערגעגאַנגען אין מאָסקווער הענט אין 1522־טן יאָר), איוואַנאָווער, ניזשעגאָראָדער קאַנט און צאָפנדיקער קאַנט) האָט געגעבן א שטאַרקן

אַפּ דער אויסערלעכער פּאָליטיק פון די מאָסקווער הערשער אינעם XVI יאָר־הונדערט (וואַסילי III 1505—1533, איוואַן IV דער „גרויזאַמער", 1533—1584, פיאָדאָר איוואַנאָוויטש, 1584—1598) הייבן זיך שוין אָן באַשטימט אָפּשפּיגלען די אינטערעסן פונעם האַנדל־קאַפּיטאַל, וואָס הייבט זיך אָן קאָנצענטרירן אין מאָסקווע (פאַרגלײַך פראַנקרײַך און ענגלאַנד אינעם XIV די יאָרהונדערט).

דער גרונט־פּאַקט פון דער אינערלעכער געשיכטע פון דער מאָסקווער מעלוכע אינעם XVI יאָרהונדערט איז די פּאַרשקלאַפונג פון די פּויערים, און טאַקע די עקסטרעמע פאַרשאַרפונג פון דער פעאָדאַלער עקספּלואַטאַציע און איר פאַרשפּרייטונג אַפּ די פרײַע שיכטן פּויערים, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אין דער פאָרם פון א לאַנגדויערנדיקן פּראָצעס, וואָס זײַנע וואָרצלען גייען

1569 — די ליובלינער אוניע; די דאָרעם־מײַרעוודיקע רוס גייט איבער אומיטלבאַר צו פּוילן.

1596 — די בריסקער קירכלעכע אוניע — דאָס אָפּטיילן דעם „כלאָפּישן גלויבן", די פּראַוואָסלאַוויע פון דעם „פּאַנישן" (האַרישן) גלויבן — קאַטאָליציזם און אוניאַטישקײַט. דער „כלאָפּישער" ווערט די פאָן פון דער פּויערישער קלײַנבירגערלעכער באַוועגונג, וואָס שטיצט זיך אַפן קאַזאַקנטום.

יאָרהונדערטנ און יאָרנ	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אַלוועלטלעכער געשיכטע	די טעריטאָריע, וואָס איז געווענ פאַרנומענ דורכנ רוסישנ שיוועט	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אויסערלעכער געשיכטע	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אינערלעכער געשיכטע	די נאָענטסטע שכנים פונעם רוסישנ שיוועט
XVI יאָרהונדערט	אַלוועלטלעכער האַנדל־וועג ווערט דער אָקעאַנ, און אַנ אָפּגעריקטער באַטײַט פאַרבלײַבט אָדער עס באַקומענ נאָר די לענדער, וואָס האָבנ אַנ אַרויסגאַנג צומ אָקעאַנ. פונ די פאָרגעשריטענע לענדער פונ מיטלאַלטער געפינט זיכ אינ אַזאַ לאַגע נאָר פראַנקרײַכ, לעבנ אימ רוקנ זיכ אַרויס ענגלאַנד און שפּאַניע, וואָס ביז דעמלט האָבנ זײ ניט געשפּילט קײנ גרויסע צווישנפעלקערלעכע ראָליע. פאַרקערט, דײַטשלאַנד, וואָס איז מיט זײַנ רײַנ און די באַלטישע האַפנס געווענ דער צענטער פונעמ מיטלאַלטערלעכנ האַנדל־אומזאַצ, פאַלט אַראָפּ אַפנ צווייטנ אָרט און פאַרלירט אײַנגאַנצנ אַ וועלכע־ניט־איז אָנפירנדיקע עקאָנאָמישע ראָליע. דעמ זעלבנ גורל האָט איטאַליע — דאָס וויגעלע פונ אייראָפּעיִשנ האַנדל־קאַפּיטאַליזמ אינ די יאָרהונדערטנ XI—XIII, וועלכע איז נאָכ אינ XV יאָרהונדערט אינ פיל פּאָטימ געווענ די וועגווײַזערנ פאַר אַנדערע לענדער (די בענק און מאַנופאַקטורנ פונ פלאָרענציע, דער ווענעציִער און גענועזער האַנדל;	שטויס דער באַנײַונג פונ דער קאָלאָניזאַציע אינ דער דאָרעמדיקער און דאָרעמ־מיזרעכדיקער ריכטונג, וואָס האָט זיכ אָפּגעשטעלט פונעמ XIII יאָרהונדערט. די מאָסקווער מעלוכע הייבט אָנ אָנגרײַפנ, פונ אײנ זײַט, אינ דער וואָלגע־געגנט (דאָס אויסבויענ סוויִאַזשסק אינעמ יאָר 1550, דאָס אײַנעמענ קאַזאַנ, 1552, אַסטראַכאַנ, 1556, דאָס אויסבויענ סאַמאַרע, סאַראַטאָוו, צאַריצינ און אופאַ אינ די 1580־קער יאָרנ), פונ דער אַנדערער זײַט, אינ די דאָרעמ־רוסישע סטעפּעס (די גרענעצ, וואָס איז אינ XV יאָרהונדערט געגאַנגענ באַמ טײַכ אָקאַ, וואָס איר ברעג איז פאַר די מאָסקווער געווענ דער „ברעג" ביכלאַל, און באַמ אויבערשטנ בײַטײַכ אירנ אוגראַ, רוקט זיכ איבער אַפ דער ליניע ריאַזאַנ—טולע—אָדאָיעוו—מצענסק, מיט אַ רײ	מאָסקווער רעגירונג שטרעבט אַלצ מער און מער באַוווסטזיניק צו פאַרענטפערנ צוויי אויפגאַבעס: 1) צו פאַרכאַפּנ אינ איר רעשוס, אַלס מאָנאָפּאָל, דעמ וואַסער־וועג פונ אייראָפּע קײנ אַזיע (באַלטישער יאַמ—וואָלגע—קאַספּישער יאַמ) און 2) צו פאַרבינדנ זיכ אומיטלבאַר מיט די „אָקעאַנישע" מערעוו־לענדער. איר קולמינאַציע־פּונקט דערגרייכט די דאָזיקע פּאָליטיק אינ דעמ גרויזאַמענס צײַטנ, אינ די 50־ער יאָרנ, ווענ מאָסקווע ווערט, פונ אײנ זײַט, באַלעבאָסטע איבער דעמ גאַנצנ וואָלגע־וועג ביזנ סאַמע קאַספּישנ יאַמ, און ווענ, פונ דער אַנדערער זײַט, שטעלנ זיכ אײַנ דירעקטע באַציִונגענ מיט ענגלאַנד (ריטשאַרד טשענסלער אינ כאָלמאָגאָרי און אינ מאָסקווע אינ 1553־טנ יאָר, איוואַנ דעמ IV־טנס אַמבאַסאַדער, נעפּעיאַ, אינ לאָנדאָנ	אַוועק נאָכ אינעמ XV יאָרהונדערט (די פּסקאָווער געריכט־גראַמעטע און די מאָנאַסטירישע דאָקומענטנ) און וואָס זײַנע רעזולטאַטנ ווערנ פאַרפעסטיקט בלויז אינעמ פאָלגנדיקנ יאָרהונדערט, אינעמ XVII. דער יעסאָד פונ דעמ דאָזיקנ פּראָצעס איז די הענדלערישע לאַנדווירטשאַפט, וואָס הייבט זיכ אָנ אַנטוויקלענ אינ צוזאַמענהאַנג מיט דער אַלגעמײנער אַנטוויקלונג פונעמ אויסטויש. דער פּראָצעס פאַרשאַרפט זיכ אינ דער צווייטער העלפט פונעמ יאָרהונדערט, אַדאַנק דעמ מאַסנ־אָפּפלוס פונ דער באַפעלקערונג צוליב דער קאָלאָניזאַציע אַפנ דאָרעמ און דאָרעמ־מיזרעכ. די פאַרשאַרפונג האָט זיכ אויסגעדריקט אינ אַ רײ פאַראָרדענונגענ (אוקאַזנ) וועגנ די אַנטלאָפענע, וואָס אײנער פונ זײ, פונ 1597־טנ יאָר, האָט געדינט אַלס יעסאָד פאַר דער	1499 — דאָס ערשטע מאָל ווערנ דערמאָנט די זאַפּאָראָזשיער קאָזאַקנ. 1572 — דער פּרווו אונטערצוּוואַרפנ די זאַפּאָראָזשיער אונטער דער פּוילישער אַדמיניסטראַציע. 1595—1596 — דער אָנהייב פונ גרויסע קאָזאַקנ־אויפשטאַנדנ — דער בונט פונ נאַליוואַיקאָ און לאָבאָדע.

אמעריקע האָט אנטדעקט דער איטאליענער קאָלומבוס. האלטנדיק זיכ נאָכ פּלאנ פונעם איטאליענישנ געאָגראַפ טאָסקאנעלי; די איטאליענישע קונסט פונ דער „רענעסאנס"־טקופע טראָגט אנ אלוועלטלעכנ כאראקטער אאור). די יערידע פונ איטאליע האָט געמאכט פאר א פולשטענדיקנ אומזינ די הערשאפט פונ דער רוימישער קירכע איבער גאנצ מייערוו־אייראָפּע. און דעריבער ווערט די באשריבענע עקאָנאָמישע איבערקערעניש באגלייט אפנ גאנצנ מייערוו מיטנ פארענדיקנ דעמ פּראָצעס פונ אויסבילדנ נאציאָנאלע קירכנ. אינ פראנקרייכ און אינ ענגלאנד האָט ער זיכ אָנגעהויבנ נאָכ אינעמ XIV יאָרהונדערט; זיינ פאָרזעצונג אינ צענטראל־אייראָפּע זיינענ געווענ די הוסיטישע מילכאָמעס פונעמ XV יאָרהונדערט, אינ דערנאָכ פלעגנ די „רעפאָרמאטערס" (לוטער, 1483—1546 אינ דייטשלאנד, קאלווינ, 1509—1564 אינ די ראָמאנישע לענדער, און אנד.), קעדיי אידעאָלאָגיש צו באגרינדנ זייער קאמפּ מיט רוימ, אויסנוצנ אינ א גרעסערער אָדער קלענערער מאָס די אידייענ פונ „רענעסאנס", וואָס זיינענ אופגעקומענ אינ א קלייַנבירגערלעכער באלמעלאָכישער סוויווע, און וואָס זייער יעסאָד איז געווענ אינדי־

פּאָרפּאָסטנ נאָכ דאָרעמדיקער: אָריאָלי, נאָוואָסיל, דאנקאָוו אינ 1560־קער יאָרנ, ליווני, וואָראָנעזש, יעלעצ, קראָמי אינ די יאָרנ 1580 — 1590; דער סאמע דאָרעמדיקער איז געווענ בעלגאָראָד). אָט די גאנצע קאָלאָניזאציע טראָגט א מעלוכישנ כאראקטער און ווערט אָנגעפירט פונעמ צענטער; נאָכ ווייטער צו דאָרעמ־צו דערטראָגנ זיכ די כוואליעס פונ דער אומלעגאלער, פונ דער קאזאקישער קאָלאָניזאציע (די ערשטע דערמאָנונג וועגנ די דאָנער, וואָלגער און אוראלער — „יאַיקער" קאָזאקנ אינ די 1540־קער יאָרנ). אפנ מיזרעכ הייבט אָנ די דאָזיקע „פרייע" קאָלאָניזאציע, אונטער דער אומיטלבארער אָנפירונג פונעם האנדל־קאַפּיטאל (די סטראָגאנאָווס) אייַנעמענ סיביר (יערמאקס מארש 1581—1582); די מעלוכישע קאָלאָניזאציע גייט דאָ שוינ נאָכ נאָכ איר (דאָס אָנהייבנ בויענ טיומענ אינ 1585 יאָר, טאָבאָלסק — 1587, נארימ —

אינ 1557־טנ יאָר). דער פּרווו אויסצוגלייַכנ דעמ צורארומיקנ וועג (וואָלגע — צאָפּנ־דווינע — ווייסער יאמ — אייז־אָקעאנ — אטלאנטישער אָקעאנ), וואָס איז אינ מעשעכ פונ א האלב יאָר באַדעקט מיט אייז, דורכ פארכאפּנ איינעמ פונ די באלטישע האפנס (נארווע אינ 1558־טנ יאָר) האָט געפירט צו דער ליוואָנישער מילכאָמע, טכילעס מיט דער מעלוכע, וואָס איז אמאָל געגרינדעט געוואָרנ דורכ די „קרייצטרעגער" (דער ליוואָנישער אָרדענ"), שפּעטער מיט שוועדנ און פּוילנ, וואָס איז אינ די הענט פונ סטעפאנ באטאָרי (1576 — 1586) געווענ א קענער, וואָס מאָסקווע האָט אימ ניט געקאָנט בייקומענ. נארווע איז פארלאָרנ געגאנגענ, און דער דורכפאל פונעם ערשטנ פּרווו דורכצושלאָגנ זיכ צו די ברעגנ פונעמ באלטישנ יאמ איז פארפעסטיקט געוואָרנ דורכ דעמ וואָפנשטילשטאנד מיט פּוילנ (1582) און מיט שוועדנ (1583). די באגייונג פונעמ אָנגריפ אינ

לעגענדע וועגנ דער מעלוכישער צופעסטיקונג פונ די פויערימ, וואָס איז קלוימערשט פאָרגעקומענ אינ 1592־טנ יאָר. דאָס, וואָס עס איז ניטאָ קיינ פאָרמעלער מאָסמיטל מיצאד דער רעגירונג, שטערט פונדעסטוועגנ ניט צו אָנערקענענ, אז גראָד אינ דער צייט איז די אָפּהענגיקייט פונ די פויערימ בענעגייע זעמ פּאָרעצ געוואלטיק אויסגעוואקסנ (א באזונדערנ באַטייט האָבנ געהאט די צייַלונגענ פונ די יאָרנ 1590—1593). דער צווייטער רעזולטאט פונ דעמ, וואָס עס זיינענ לייריק געוואָרנ די צענטראלע אויעזדנ, איז, אינאיינעמ מיטנ יאָגנ זיכ פונ די פריצימ נאָכ ארבעטהענט, געווענ דער ווילדער קאמפּ צוליב ערד צווישנ די מיטעלע און קליינע ערד־אייגנטימער פונעמ נייעמ אונטערנעמערישנ טיפּ, פונ איינ זייט (דער אדל), מיט די אלטע פעאָדאלע בעירושעדיקע ערדנאזיצער (די באָיארעס און די מאָנאסטירנ), פונ דער אנדערער

יאָרהונדערטן און יאָרן	די הויפּט־געשעענישן פון דער אלוועלטלעכער געשיכטע	די טעריטאָריע, וואָס איז געווען פאַרנומען דורכן רוסישן שיוועס	די הויפּט־געשעענישן פון דער אויסערלעכער געשיכטע	די הויפּט־געשעענישן פון דער אינערלעכער געשיכטע	די נאָענטסטע שכנים פונעם רוסישן שיוועס
XVI יאָר־הונדערט	ווידראַליזם, די פֿאָדערונג פון פרײַהײַט פאַר פּערזענלעכער מײַנונג, קריטיק אאַוו. אינדערעמעסן איז די „פרײַהײַט" נייטיק געווען נאָר קאָלזומאַנן עס האָט זיך געפירט דער קאַמף קעגן דער אַלטער קירכע: ווי נאָר עס פלעגט אויפקומען א נײַע, א נאַציאָנאַלע, מעלוכישע קירכלעכע מאַכט (א מאָנאַרכיסטישע אינעם ליוטעראַנישן דײַטשלאַנד און ענגלאַנד, דאַקעגן א רעפּובליקאַנישע, נאָר א שמאָלבורזשואַזע בײַ די קאַלוויניסטן), פלעגט זי אָנווענדן צו אירע קעגנער אַלע מעטאָדן פון דער אינקוויזיציע. פיל נאָענטער האָבן פאַרשטאַנען די „פרײַהײַט" די פאָלקמאַסן, וואָס האָבן אײַנגעזען אין דער „רעפאָרמאַציע" אן אומוואַלגערונג פון יעטווידער דרוק, ניט נאָר פונעם אַלט־קירכלעכן, וואָס איז, אַגעוו, דעמלט ניט אזוי שווער געווען פאַר דער מאַסע (די „פויערים־מילכאָמע" אין דײַטשלאַנד, 1524 — 1525, טאָמאַס מיונצער; די אַנאַבאַפּטיסטן אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד, אין מיונסטער אין 1536; סײַ דער, סײַ יענער אויפשטאַנד זײַנען דערשטיקט	1596 און טאָמסק — שוין אין 1604־טן יאָר).	1590־טן יאָר האָט עטוואָס פאַרגלעט דעם אײַנדרוק פון דער ליוואָנישער מאַפּאָלע, נאָר צו קיין ווײַטערדיקע רעזולטאַטן האָט עס ניט געפירט. מיט מער דערפאָלגן איז געגאַנגען דער קאַמף אפן דאָרעם און מיזרעך, ווו עס איז ניט געווען אזעלכע קעגנער, ווי פוילן (זע דעם שכניישן שפּאַלט פון רעכטס). נאָר אויך דאָ האָבן די קרימער טאָטערן געענטפערט אפן מאָסקווער אָנגריפן מיט גאַנץ שווערע קלעפּ: באַזונדערס האָבן די מאָסקווער אײַנוווינער פאַרגעדענקט די אָנפאַלן פון 1521 און נאָך מער פון 1571־טן יאָר, ווען די טאָטערן האָבן פאַרברענט די גאַנצע מאָסקעער „פאָרשטאָט" און האָבן ניט באַוויזן צו נעמען בלויז דעם קרעמל. די טאָטערן אָבער זײַנען שוין ניט געווען בעקויעך צו פאַרפעסטיקן די רעזולטאַטן פון זייערע אָנ־	זײַט, דערבײַ האָבןביידע קעמפנדיקע גרופּעס געזוכט צו האָבן אפ זייער צאַד די אויפקומענדיקע בורזשואַזיע, און ביידע גלײַך האָבן געשטרעבט צו פאַרקנעכטן דאָס פויערטום. די גרויסבורזשואַזיע איז טכײַלעס געווען אין א בונד מיט די באָיאַרעס (באַזונדערס נאָך מאָסקווער בונט פון 1547־טן יאָר) און פלעגט זיך דערשלאָגן פּריווילעגיעס מיצאַד דער באָיאַרישער רעגירונג (די זעמסקע סטאַטוט־גראַמעטעס, די ערשטע אין וואַגע. ארכאַנגעלסקער גובערניע אין 1552־טן יאָר, דאָס אָפּגעבן אפ „גנעמאָנעס", דאָס זאַמלען שטײַערן אין די הענט פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטן, אין 1551־טן יאָר, די קרימינאַל־אַנשטאַלטן — דער פּאָליציייִשער טעראָר פאַרן פויערטום, 1539). נאָר דער אַלגעמיינער רעאַקציאָנערער כאַראַקטער פון דער באָיאַ־	

געוואָרן דורך די פאַרמעגלעכע קלאסן מיט באַרבאַרישער אכזאָריעס.		פאלן, און האָבן מיט די אָנפאלן אפילע ניט פארהאלטן אפ וויפל ס'ניט איז ערנסט דעם מאָסקווער אָנגריף (זע דעם שכיינישן שפאלט פון רעכטס).	רישער פּאָליטיק (די הונדערן־קעפיקע פארזאמלונג אין 1550־טן יאָר, דאָס פארפעסטיקן די בעיערושע־רעכט פון די מעיוכעסדיקע באָיארשע פאמיליעס, דאָס צונויפשטעלן א „ייכעס־צעטל" בעערעך אין דער אייגענער צײַט, דעמלט איז אויך צונויפגעשטעלט געוואָרן דער צארישער קאָדעקס), און באזונדערס די ליוואָנישע מאפּאָלע האָבן זי, די בורזשואזיע, אָפּגעוואָרפן צום אדל. די איבערקערעניש פון די יאָרן 1564 — 1565 (די אָפּריטשנינע) מאכט שוין דורכ צוזאמען דער אדל און דער האנדל־קאפּיטאל. 1565 — די ערשטע „לאנד־פארזאמלונג", 1584 — די צודריקונג פונעם מאָנאסטירישן ערדבאזיץ (דאָס אָפּשאפן די טארכאן־גראמעטעס, וואָס האָבן גאראנטירט פאר די מאָנאסטירן זייערע גיטער).	

יאָרהונדערט אינ יאָרנ	די הויפט־געשעענישנ פונ דער אלוועלטלעכער געשיכטע	די טעריטאָריע, וואָס איז געווענ פארנומענ דורכנ רוסישנ שייועט	די הויפט־געשעענישנ פונ דער אויסערלעכער געשיכטע	די הויפט־געשעענישנ פונ דער אינערלעכער געשיכטע	די נאָענטסטע שכיינימ פונעמ רוסישנ שייועט
XVII יאָרהונדערט	עס דויערט ווײַטער די עוואָלוציע, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אינעמ פריערדיקנ יאָרהונדערט. אפנ ערשטנ פלאנ פארבלײַבנ די „אָקעאנישע מעלוכעס“, דײַטשלאנד פאלט אלצ מער אונ מער, אונ שוינ אינ דער ערשטער העלפט פונעמ יאָרהונדערט ווערט עס אנ אָביעקט פונ קאמפ צווישנ די לענדער, וואָס האָבנ עס איבערגעיאָגט (די „דרײַסיק יאָריקע מילכאָמע“, 1618—1648). נאָר אינעמ דאָזיקנ קאמפ, צוגלײַכ מיט שפאניע, וואָס ווירקט דורכ דער דינאסטיע, וואָס זי האָט אוועקגעזעצט אינ עסטרײַכ, דורכ די יאָרשימ פונ שפאנישנ קיניג אונ פונעמ גערמאנישנ קייזער קארל V (1500 — 1558) אונ צוגלײַכ מיט פראנקרײַכ, טרעט ארויס, אלס אנ אנטשיידנדיקע קראפט אויכ די צאָפנדיקע „מיטללענד־יאמישע“, ניט אָקעאנישע מעלוכע שוועדנ (גוסטאוו אדאָלפ, 1594 — 1632); די וועלט־פארכאפונגענ פונעמ האנדל־קאפיטאל אינ די אָקעאנישע לענדער גיבנ א נײַעמ שטויס אויכ דעמ באלטישנ האנדל, וועלכער פארבינדט די „אָקעאנישע“ מעלוכעס מיט מיזרעכ־	אפנ מיזרעכ ווערט פאָרגעזעצט דאָס פארכאפנ סיביר דורכ די רוסנ, אונ דאָס דאָזיקע פארכאפנ ווערט קימאט ניט פארהאלטנ דורכ די געשעענישנ, וואָס שפילנ זיכ אָפ אינ דער צײַט אינ צענטער (זע די נאָענטסטע שפאלטנ לינקס) (1618—די גרינדונג פונ יעניסייסק, 1628—פונ קראסנאָיארסק, 1632—פונ יאקוטסק, אינ 1646 דערגרייכט פאָיארקאָוו ביז צו די ברעגנ פונעמ אָכאָטישנ יאמ, אונ אינ 1648־טנ גייט דעזשניעוו דורכנ צוקינפטיקנ בערינגאָווישנ דורכגוס פונעמ אײַז־אָקעאנ אינעמ שטילנ). אפנ דאָרעמ פארהאלטנ די דאָזיקע געשעענישנ אפ א פערטל יאָרהונדערט די אָנגריפ־באוועגונג אונ רוקנ אפילע אָפ אפ צוריק די גרענעצ, אראָפווישנדיק די סאמע דאָרעמדיקע פאָרפאָסטנ. אָבער שוינ אינ 1636 יאָר ווערט	דער פראָנט פונ דער רוסישער אויסערלעכער פאָליטיק גיט זיכ ענדגילטיק א קער צו מײַרעוו צו: די אָנפאלנ פונ די קרימער טאָטערנ, וואָס האָבנ אינעמ XVI יאָרהונדערט נאָכ ערנסט באאומרויקט דעמ צענטער, אינטערעסירנ אינ XVII יאָרהונדערט בלויז די באפעלקערונג פונ דער דאָרעמגרענעצ אונ ווערנ אנ אָרטיקע דערשײַנונג. די פראגנ פונ לעבנ אונ טויט פארנ רוסישנ האנדל־קאפיטאל ווערנ אנטשיידנ אפ די ברעגנ פונעמ באלטישנ יאמ אונ אפנ דניעפער. אינ דער ערשטער העלפט פונעמ יאָרהונדערט גייט דאָ ווײַטער דער „אָפפלוס“, וואָס האָט זיכ אָנגעמערקט צומ סאָפ פונ דער ליוואָנישער מילכאָמע (זע די פריערדיקע טאבעלע). דער האנדל־קאפיטאל אונ די רעגירונגענ, וואָס ער רוקט ארויס (באָריס גאָדונאָוו, 1598—1605;	דער אָפפלוס פונ דער באפעלקערונג אינ די מיזרעכדיקע אונ דאָרעמ־מיזרעכדיקע ראנד־געגנטנ פירט, אינ צוזאמענהאנג מיטנ ווירבערישנ באלעבאטעווענ פונ די ערשטע „אונטערנעמער“ — פונ די פריצימ, צו א גיכער אויסשעפונג פונ דער ערד אונ צו א קאָלאָסאלער פארקלענערונג פונ דער אקערערד אינ צענטראל־רוסלאנד. דער אומיטלבארער רעזולטאט דערפונ זײַנענ געווענ די אומגערעטענישנ אונ דער הונגער פונ די יאָרנ 1602—1604. אפ זייער יעסאָד אנטוויקלט זיכ, פונ איינ זײַט, אנ אומגעהייערע טוווע־ספעקולאציע (ווי עס טרעט בולעט ארויס דאָס לעצטע מאָל דער קירכלעכער קאפיטאל) אונ די סאמע ווילדע פאָרמענ פונ פארקנעכטנ די הונגערנדיקע באפעלקערונג, פונ דער אנדערער זײַט — א מאסנפלייטע מיצאד די מער־	דער פרווו פונ דער פוילישער רעגירונג ארײַנצונעמענ אינ אירע הענט דאָס דניעפרישע קאזאקנטומ, פונקט ווי באָריס גאָדונאָווס רעגירונג האָט עס געוואָלט טאָנ בענוגע די דאָנער קאָזאקנ (1635—די אופבויונג פונ קודאק אינ אָנהייב זאפאָראָזשיע, 1638—די אָפשאפונג פונ דער קאָזאקישער זעלבסטפארוואלטונג), ברענגט אינ מײַרעוו־רוסלאנד צו די זעלביקע רעזולטאטנ (1648—1649 דער אָנהייב פונ כמעלניצקיס פויעריש־קליינבירגערלעכ־קאָזאקישער רעוואָליוציע). נאָר דער אופשטאנד גייט דאָ מיט מער דערפאָלג, אדאנק דער בעסערער אָרגאניזירטקייט פונ די שטאָטישע אײַנוווינער אונ פונ די קאָזאקנ, וואָס צו זייער גונסטנ ענדיקט זיכ דער אופשטאנד, אונ אדאנק די גינסטיקע אויסערלעכע באדינגונגענ (די שטיצע פונ קרימ, פונ

אייראָפּע, פונוואַנעו עס גייט צו זיי
רויווארג (אײַזן און וואלד פון
שוועדן, טווע פון פוילן אאוו). ביז
דער מאדרייגע פון „גרויסע מעלו־
כעס" הייבן זיך דאָ אופ כריער פון
אלצ פוילן און שוועדן (זע דעמ
לעצטנ שפאלט לינקס), שפעטער
פרײַסנ (פרידריכ—ווילהעלמ דער
„גרויסער קורפירשט", 1640—1688),
וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט פון
די רעשטנ פונעמ דײַטשישנ אָרדענ
אפ דער אונטערשטער ווײַל, און
אפ די סלאווישע געגנטנ צו מיז־
רעכ צו פון עלבע, וואָס די דײַטשנ
האָבנ קאָלאָניזירט אינ מיטנ פונעמ י.ה.,
און רוסלאנד. עס ענדערט זיך
אָבער אויכ די קעגנזײַטיקע פאר־
העלטעניש צווישנ די אָקעאַנישע
לענדער גופע. שפאניע, די גרעסטע
מעלוכע פון XVI יאָרהונדערט, וואָס
איז ארויסגעטראָטנ פריער פאר
אלעמענ און האָט פארכאפט די
גרעסטע קאָלאָניעס, וואָס האָט גע־
הערשט ביזנ אָנהייב פונעמ XVII
יאָרהונדערט סײַ אינ מיליטערישער,
סײַ אינ קולטורעלער הינזיכט (די
שפאנישע ליטעראטור—סערוואנטעס,
די שפאנישע קונסט באקומענ אנ
אלוועלטלעכנ באטײַט), גייט אראָפּ
אפנ צווייטנ פלאנ נאָכ א ריי מאַ־
פּאָלעס, וואָס האָבנ זיך אָנגעהויבנ
מיט דער קאטאסטראָפע פון דער

אפ דאָס נײַ פארפעסטיקט
דער „בעלגאָראָדער שטריכ"
(ליניע), וואָס שליסס זיך
צונויפ אינ טאמבאָוו (אויס־
געבויט אינ דעמ ז"לביקנ
1636־טנ יאָר) מיטנ „סימ־
בירסקער שטריכ". צו די
50־ער יאָרנ עליכט זיך אָנ
אָנ דעמ לעצטנ דער „טראנס־
קאווקאזער שטריכ", וואָס
פארענדיקט זיך ווײַטער צו
מיזרעכ צו מיט מענזעלינסק.
אפנ מײַרעוו גייט שוינ די
קאָלאָניזאציע מיצאד אוקראַ־
ינע. די אוקראַינער קאָלאָני־
זירונג אינ די זעלביקע
יאָרצענדליקנ פאָלטאווער,
כארקאָווער, דעמ דאָרעמ־
טייל פונ קורסקער און דעמ
מײַרעוו־טייל פונ וואָראָניע־
זשער גובערניעס (די איצ־
טיקע צאָפנ־ראיאָנענ פונ
אוקראַינע און א טייל פונ
דער צענטראלער שווארצער־
דישער געגנט). צומ סאָפּ
פונעמ יאָרהונדערט דער־
גרייכט די רעגירונג־קאָ־
לאָניזאציע ביז צו די ברע־
גנ פונעמ דאָניעצ,
און פאר דער קאָזאקי־
שער, פרײַער קאָלאָניזא־
ציע פארבלײַבט נאָר די

וואסילי שויסקי, 1606—1610,
מיכאיל ראָמאנאָוו, 1613 —
1645), און וואָס פונ הינ־
טערלאנד האָט זיי ארומגע־
כאפט דער אופשטאנד פונ
די עקספּלואטירטע מאסנ,
אָדער וואָס זײַנענ געווענ
געבונדנ מיט דער נייטיקײַט
צו ליקווידירנ די רעזולטאטנ
פונ אזא אופשטאנד, זײַנענ
ניט נאָר געצוווּנגענ אָפּצור
זאָגנ זיך פונ אָנגריפ. נאָר
זיי גיבנ אָפּ איינ פּאָזיציע
נאָכ דער אנדערער. צומ
1610־טנ יאָר פארנעמענ די
פאָליאקנ מאָסקווע און די
שוועדנ — נאָווגאָראָד. דעמ
מאָסקווער טראָנ פארנעמט
אפ א פּאָר יאָר א פוילי־
שער פרינצ. לויט דעמ
סטאָלבאָווער שאָלעמ מיט
שוועדנ (1671) באקומט די
מאָסקווער מעלוכע צוריק
נאָווגאָראָד, נאָר זי בלײַבט
אינגאנצנ אָפּגעשניטנ פונ
די ברעגנ פונעמ באלטישנ
יאמ. לויט דעמ דעווּלינער
וואָפנשטילשטאנד מיט פוילנ
(1618) פארלירט מאָסקווע
סמאָלענסק, און פונ דער
ווײַט קערט זיך אום די מע־
לוכע פונ די ראָמאנאָווס צו

שטאנדהאפטיקע עלעמענטנ
צווישנ דעמ פויערטומ אפ
די „פרײַע" ערדנ. די באַ־
ציונגענ צווישנ דער מאָסק־
ווער רעגירונג מיט דער
פרײַער קאזאקישער קאָלאָ־
ניזאציע כאראפנ זיך, ווי
נאָכ קיינמאָל ניט ביז
דעמלט. דער פרוו „צו נע־
מענ אינ די הענט" די קאָ־
זאקנ (דאָס אופבויענ צאַ־
רעוו־באָריסאָוו באמ סאמע
גרענעצ פונ די דאָנער
יישוווימ) האָט פארגיכערט
דעמ אופרײַס. די קאָזאקנ־
רעוואָליוציע איז געגאנגענ
אונטער דער פאָנ פונ דעמ
„עמעסנ צאר" דמיטרי אי־
וואנאָוויטש (קלוימערשט דעמ
גרויזאמענס זונ) קעגנ דעמ
אוזורפאטער גאָדונאָוו (1604).
גאָדונאָווס טויט (דעמ 13
אפרעל 1605 יאָר) און דער
אונטערגאנג פונ זײַנ די־
נאסטיע עפענענ א טקופע
פונ א נײַער פּאָליטיק
(דמיטריס „פויערשע געזעצ־
געבונג" — דאָס באגרענעצנ
די קאבאלע־קנעכטשאפט און
דאָס ווייכער מאכנ די פאר־
אָרדענונגענ וועגנ די אנטלאָ־
פענע). די באָיאריש־סאָכ־

שוועדנ, וואָס האָט געפירט
מילכאָמע מיט פוילנ צוליב
דעמ באלטישנ יאמ, און
פונ מאָסקווע). אוקראַינע
אינ דער פערזאָנ פונעמ
העטמאנ כמעלניצקי, שטעלט
זיך אינ וואסאלנ־אונטער־
געאָרדנטקײַט בענעייע צומ
צאר אלעקסיי (1654). די
דאָזיקע אונטערגעאָרדנטקײַט
ווערט איינגיכנ פארוואנדלט
אינ א פולשטענדיקער אונ־
טערטעניקײַט (אָבער רעשטנ
אוטאָנאָמיע פארבלײַבנ נאָכ
ביזנ מיטנ פונעמ פאָלגנדיקנ
XVIII יאָרהונדערט, עס
בלײַבט אויכ די זעלבשטענ־
דיקײַט פונ זאפּאָראָזשיע).
די פויערימ ווערנ ווי־
דער לײַבייגענע פונעמ אָר־
טיקנ (און ניט פונעמ פוי־
לישנ אָדער פארפוילישטנ,
ווי פריער) אדל, וואָס איז
ארויסגעוואקסנ פונ די רייענ
פונ די קאָזאקישע
סטארשינעס. פוילנ האָט מער
ניט געקאָנט קומענ צו זיך
פונ די צוויי קלעפּ, פונ
דער קאָזאקנ־רעוואָליוציע,
וועלכע האָט בא אימ אָפּ־
גענומענ די סאמע ברויט־
רײַכע פראָווינצנ, און פונעמ

יאָרהונדערט אונ יאָרנ	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אַלוועלטלעכער געשיכטע	די טעריטאָריע, וואָס איז געווענ פאַרנומענ דורכנ רוסישנ שייוועס	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אויסערלעכער געשיכטע	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אינערלעכער געשיכטע	די נאָענטסטע שכיינימ פונעמ רוסישנ שייוועס
XVII־יאָרהונדערט	גראַנדיעזער שפּאַנישער עקספּעדיציע קעגנ ענגלאַנד (די אַזויגערופענע „אומבאַזיגבאַרע אַרמאַדע״, 1588), אונ צומ אָנהייב פונ קומענדיקנ יאָרהונדערט פאַלט זי ביז דער לאַגע פונ דייטשלאַנד אונ זי ווערט אַנ אָביעקט פונעמ ענגליש־פראַנצויזישנ קאַמפ („די מילכאָמע פאַר דער שפּאַנישער יערושע״, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ 1701־טנ יאָר). גרויסע קאָלאָנישע מעלוכעס ווערנ פראַנקרייכ אונ ענגלאַנד, אונ דערביי אינעמ XVII יאָרהונדערט מער דאָס ערשטע, איידער דאָס צווייטע (אימ האָט געהערט דער גרעסטער טייל פונ דער דעמלט צוטריטלעכער פאַר די אייראָפּייער צפונ־אַמעריקע, קאָלאָניעס אינ אינדיע אאַוו. אָבער אויכ אינ ענגלאַנד אַרבעט שוינ פונ 1602־טנ יאָר די אָסט־אינדישע קאָמפּאַניע). די גיכע אַנטוויקלונג פונעמ קאַפּיטאַליזמ אינ די דאָזיקע צוויי לענדער פירט צו דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פונ די פעאָדאַלע פאַרהעלטענישנ סיי אינ דעמ אונ סיי אינ יענעמ לאַנד, נאָר אינ דיאַמעטראַל־קעגנזייטיקע ריכטונגענ:	מיטלסטע אונ אונטערשטע שטרעמונג פונעמ דנאָ.	די גרענעצנ פונעמ XV יאָרהונדערט. דער ערשטער פּרווו פונ אַ רעוואַנש ענדיקט זיכ מיט אַ מאַפּאָלע (דער אָנפאַל פונ סמאָלענסק אונ דער פּאָליאַנאָווער שאָלעמ אינ 1634 יאָר). די עשעצנ הייבנ אָנ פאַרבעסערנ זיכ, ווענ דער אויפשטאַנד פונ דער עקספּלואַטירטער מאַסע נעמט אַרומ די מיזרעכ־געגנטנ פונ דער פּויליש־ליטווישער מעלוכע (כמעלניצקיס אופשטאַנד, זע דעמ לעצטנ שפּאַלט פונ לינקס). דאָס מאָסקווער מיליטער פאַרנעמט גיכ גאַנצ ווייסרוסלאַנד אונ דערגייט ביז ווילנע (1654). אינ דער אייגענער צייט באַנייט זיכ ווידער דער קאַמפּ מיט שוועדנ, נאָר צוויי פראָנטנ איז צופיל פאַר מאָסקווע: נאָכ אַנ אומגעלונגענער באַלאַגערונג פונ ריגע, וואָס האָט דעמלט געהערט צו די שוועדנ, ענדיקט זיכ דאָ דער איניענ מיט גאָרנישט	רישע פאַרשווערונג רייסט איבער די דאָזיקע פּאָליטיק (די דערמאָרדונג פונ דמיטרי דעמ 17־טנ מיי 1606 יאָר), נאָר די נייע רעגירונג פונ וואַסילי שויסקי (אַ רעאַקציאָנערע — אַ 15־יאָריקער טערמינ אָפּ אָפּצוזוכנ די אַנטלאָפענע) טרעפט זיכ פּאָנעמ צו פּאָנעמ ניט בלויז מיט די קאָזאַקנ, נאָר אויכ מיט דער גאַנצער אופגעשטאַנענער מאַסע (אָקטיאַבער 1606 יאָר — באָלאָטניקאָוו אונטער מאָסקווע, אָקטיאַבער 1607 יאָר — דאָס פאַלנ פונ טולע אונ באָלאָטניקאָווס טויט, נאָר שוינ פונעמ 1608־טנ יאָר געפינט זיכ דער צווייטער דמיטרי אינ טושינאָ). ניט די שטיצע פונ די שטעט, וואָס זיינענ געווענ אַרומגעכאַפּט מיט אַ דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע (דער העכסטער אופשטייג אינ פּסקאָוו, אווגוסט 1608־טנ יאָר), ניט דער בונד מיט	אַרויסדריינגענ פונ די שוועדנ וועלכע האָבנ איינ צייט געהאַט פאַרנומענ וואַרשע אונ קראָקע. פונעמ מיטנ XVII יאָרהונדערט הייבט זיכ אָנ די י ע ר י ד ע פונ פּוילנ.

אין ענגלאַנד, נאָכן „גרויסן בונט“, וואָס איז גלײַכצײַטיק דער לעצטער אופֿרײַס פֿון דער „פֿאָלק־רעפֿאָרמאַ־ציע“ (זע די פֿריִער־[illegible]ע טאַבעלע), באַפֿעסטיקט זיך ענדגילטיק דער פּאַרלאַמענטאַריזם (די צווייטע רעוואָלוציע אין 1688־טן יאָר). אין פֿראַנקרײַך, נאָך א רײַ אומגעלונגענע אופֿשטאַנדן פֿון די אַדעליקע, און טײלווײַז פֿון דער בורזשואַזיע, בילדעט זיך ענדגילטיק אויס א צענטראַליזירטע ביוראָקראַ־טישע מאָנאַרכיע (לודוויג XIV, 1643—1715). די זעלביקע אַנטוויק־לונג פֿונעם קאַפּיטאַליזם גייט אין ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך און אין האָ־לאַנד, וואָס פֿאַרנעמט דאָס דריטע אָרט, א מעכטיקן שטויס דער אַנט־וויקלונג פֿונעם וויסנשאַפֿטלעכן און פֿילאָסאָפֿישן געדאַנק (דעקאַרט, 1596—1650 און שפּינאָזע, 1632—1677, גיבן טויט־קלעפּ דער מיטל־אַלטערלעכער טעאָלאָגיע; ניוטאָן, 1642—1727, שטעלט פֿעסט דעם ערשטן וויסנשאַפֿטלעכן געזעץ, און דערמיט הייבט ער אָן א רײַ אַנט־דעקונגען, וואָס מאַכן ביכלאַל אַר־מעגלעך יעדע טעאָלאָגיע).

(דער קאַרדיסער שאָלעם אין 1661־טן יאָר). דערפֿאַר מוז פּוילן, וואָס איז דעמאָלט צעקלאַפּט געוואָרן דורך שוועדן, ניט נאָר אומקערן סמאָלענסק, נאָר אויך אָפּ־געבן דעם גאַנצן לינקן ברעג פֿונעם דניעפּער און אַפֿי׳ קיִעוו (דער אַנדרו־סאָווער וואַפֿנשטילשטאַנד אין 1667־טן יאָר). דער סאָף פֿונעם יאָרהונדערט איז ווידער באַצייכנט מיט א קער צו דאָרעם צו, נאָר שוין מער קעגן טערקײַ, איידער קעגן קרים (דאָס אײַנעמען אַזאָוו אין 1696־טן יאָר).

די שוועדן (1609) קאָנען ניט ראַטעווען שויסקין. נאָר דער בונד מיט די שוועדן שלעפּט אים אַרײַן אין א מילכאָמע מיט פּוילן. די פּאַרמעגלעכע קלאַסן זעען ניט קיין אויסוועגן און זוכן שטיצע בײַ פּוילן, זיי וואַרפֿן אַראָפּ שויסקין און קלײַבן אויס פֿאַר א צאַר דעם פּוילישן פּרינץ (פֿעוור־ראַל—אויגוסט 1610). די קלאָר־געוואָרענע אָנמעכטי־קייט פֿון פּוילן גיט צו דרייסטקייט דעם „נאַציאָ־נאַלן“ קאַפּיטאַל (דאָס ני־זשעגאָראָדער מיליטער אין 1612־טן), נאָר אײַנשטעלן „אָרדענונג“ גייט זיך אײַן בלויז פֿאַרן פּרײַז פֿון נאָך 5 יאָר מילכאָמע, דורך אָנעמען א נײַעם צאַר פֿון די הענט פֿון די קאָזאַקן (די טושינער קאָנדיראַטור פֿון די ראָמאַנאָווס). צו די 1640־קער יאָרן גייט זיך אײַן צופֿעסטיקן צו די ערטער די דאָרפֿישע באַ־פֿעלקערונג (די אָפּשאַפֿונג פֿון די טערמינעס אָפּ אוּפֿ־זוכן די „אַנטלאָפֿענע“) און צו באַרויִקן דורך קליינע

יאָרהונדערטן און יאָרן	די הויפּט־געשעענישן פון דער אַלוועלטלעכער געשיכטע	די טעריטאָריע, וואָס איז געווען פאַרנומען דורכן רוסישן שייוועט	די הויפּט־געשעענישן פון דער אויסערלעכער געשיכטע	די הויפּט־געשעענישן פון דער אינערלעכער געשיכטע	די נאָענטסטע שכנים פונעם רוסישן שייוועט
XVII יאָר־הונדערט				האַנאַכעס די קאָזאַקן, נאָך דאָס לעצטע איז ניט שטאַרק פעסט (1668—1670, סטענקא ראַזינס אופשטאַנד). די שטאַטישע באַוועגונג שטעלט זיך אינגאַנצן אָפּ ערשט צום כאָפּ פונעם יאָרהונדערט (די נאָווגאָראָ־דער און פּסקאָווער אומאָר־דענונגען אין 1650־טן יאָר, די מאָסקווער אין 1648, 1662 (די קופּערנע רובלס), וועלכע ווערן איבערגעבוירן אין די „סטרעלצקער בונטן צום סאָף פונעם יאָרהונדערט). פונדעסטוועגן האַלט שוין דער צווייטער ראָמאַנאָוו (אַלעקסיי מיכאַילאָוויטש, 1645—1776) אין מיטן פאַר־נעם יאָרהונדערט פאַר מעג־לעך צו פאַרפעסטיקן דאָס רעכט פון דער ענדגילטיק אויסגעבילדעטער ליַיבייגנטי־מעריש־ביוראָקראַטישער מע־לוכע („דער קאָדעקס פונעם קייסער אַלעקסיי", 1649). פונקט ווי אין מיַירעוו־אייראָפּע, שאַפט זיך דער	

				האַנדל-קאַפּיטאַל א נאַ־ציאָנאַלע קירכע, וואָס איז אונטערגעוואָרפן אונטער דער מעלוכע (דאָס גע־ריכט איבער דעם פּאַטר־ריאַרך ניקאָן, 1666); דאָס רופט אַרויס א שאַרפן ווידערשטאַנד מיצאַד א טייל גײַסטלעכע, וואָס זײַנען געטרײַ דער טראַ־דיציע פונעם XVI יאָר־הונדערט (די אָפּשפּאַלטונג, דער ראַסקאָל).	
XVIII יאָר־הונדערט	דער גאַנצער יאָרהונדערט איז אָנגעפילט פריִער פאַר אַלץ מיט דער פּאָרזעצונג פונעם פאַרביטערטן קאַמף צווישן ענגלאַנד און פראַנק־רײַך איבער די קאָלאָניעס, פון דעם קאַמף, וואָס האָט זיך אָנ־געהויבן נאָך אינעם פאַריקן יאָר־הונדערט. די מילכאָמע פאַר דער שפּאַנישער ירושע (1701—1713; זי האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס פראַנקרײַך האָט זיך אײַנגעגעבן אויפצוזעצן אַפן שפּאַ־נישן טראָן „זײַנעם" א קיניג, לודאָוויג XIV־טנס אן אייניקל, ענגלאַנד האָט אָבער פאַרכאַפּט גיב־ראַלטאַר), דערנאָך גייט די מילכאָמע פאַר דער עסטרײַכישער ירו־שע (1741—1748). האָט זיך געענדיקט	אין דער ערשטער העלפט פונעם יאָרהונדערט גייט די קאָלאָניזאַציע דעריקער אין דער ריכטונג צו מיזרעך — די אָפּבויונג פון יעקאַ־טערינבורג, 1723, דאָס אַרי־בערטראָגן די „טראַנסקאַ־מער" ליניע צו סאַמאַרע, 1730, און די אָפּבויונג פון דער סאַמאַרע — אָרענבורגער ליניע, 1734-1744; די רוסישע קאָלאָניזאַציע דערגרייט דאָ ביז די גרענעצן פון די סטעפּעס, וואָס טיילן אָפּ דעם וואָלגע־קאַנט פון טורקעסטאַן; אין דער צווייטער העלפט יאָרהונדערט גייט זי אין דער ריכטונג צו דאָרעם	די אויסערלעכע פּאָלי־טיק פון רוסלאַנד אין XVIII יאָרהונדערט טיילט זיך בולט אויף צוויי פּעריאָדן, ביז 1760־ער יאָרן אָריענ־טירט זי זיך אַנטשלאָסע־נער, ווי ווען ס'ניט איז, אויפן מײַרעוו; די צוזאַמענ־שטויסן מיט טערקײַ פאַר־בלײַבן עפּיזאָדן, נאָך מער זײַנען עפּיזאָדיש די פּרוּוון אַרײַנצודרינגען קיין מיטל־אַזיע און אָנצוקניפּן באַ־ציונגען מיטן ווײַטן מיזרעך. ניט פאַרלאָזנדיק די מײַרעוו־אָריענטאַציע, גיט זיך די דאָזיקע פּאָליטיק גלײַכצײַטיק א קער פון	אינעם אינערלעכן לעבן איז פּעטערס רעגירונג (1682—1725) געווען דער לעצטער און זייער העלער עפּיזאָד אין דער הערשאַפט פונעם רוסישן האַנדל־קאַפּיטאַל פונ־עם אָנפאַנגלעכן טיפּ, אַנאַלאָגיש צו דעם מײַרעוו־אייראָפּייִשן פון די יאָר־הונדערטן XIV—XVI, די האַנדל־אינטערעסן און די האַנדל - בורזשואַזיע האָבן קיינמאָל, ניט פריִער, ניט שפּעטער, ניט געשפּילט אַזא ראָליע אין רוסלאַנד, דער רוסישער האַנדל - קאַפּיטאַל איז אָבער געווען צו שוואַך, אַז ער זאָל קאָנען ארויס־	אין XVIII יאָרהונדערט פאַלט ענדגילטיק פּוילן, די גרויסע מעלוכע פונעם XVI יאָרהונדערט. עס איז עט־וואָס געהאַט געקומען צו זיך פון די מאַפּאָלעס, וואָס עס האָט געליטן אין מיטן XVII יה. (דאָס קיניגן פון יאַן סאָבעסקי, 1673—1696), נאָר עס איז ווידער דערשיטערט געוואָרן פון די קלעפּ פון דער צאָפן מילכאָ־מע, וואָס זײַנען מער פון אַלץ אויסגעפאַלן אַפּ זײַן גורל. נאָר דער אַנטוויק־לונג פונעם פּוילישן האַנדל־קאַפּיטאַל איז דער גרעסטער אומגליק געווען: דאָס, וואָס

יאָרהונדערט אונ יאָרנ	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אַלוועלטלעכער געשיכטע	די טעריטאָריע, וואָס איז געווענ פאַרנומענ דורכנ רוסישנ שיוועט	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אויסערלעכער געשיכטע	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אינערלעכער געשיכטע	די נאָענטסטע שכײנימ פונעמ רוסישנ שיוועט
XVIII יאָרהונדערט	מיט גאָרנישט), ווײַטער גייט די זיבנ־יאָריקע מילכאָמע (1756—1763; פראַנקרײַכ פאַרלירט זײַנע בעסטע קאָלאָניעס אינ צאָפנ־אַמעריקע (קאַנאַדע) אונ אינ אינדיע); לעסאָף, דער אָנטייל פונ פראַנקרײַכ אינ דער מילכאָמע פאַר דער אומאָפּהענגיקײַט פונ אַמעריקע (1775—1783), וואָס האָט זיכ געענדיקט מיט דער אויסבילדונג פונ די פאַרייניקטע שטאַטנ, זי האָט אָבער שוינ ניט אויפגעשטעלט צוריק די קאָלאָניאַלע לאַגע פונ פראַנקרײַכ. דער קלאַפּ, וואָס עס האָט געכאַפּט דער קאָלאָניאַלער קאַפּיטאַליזמ פונ פראַנקרײַכ, האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע מעלוכע פונעמ האַנדל־קאַפּיטאַל. זײַנ דיקטאַטור, וואָס האָט זיכ אויסגעקריסטאַליזירט אינ דער זעלבסטהערשונג פונ די לודאָוויגס XIV אונ XV (1715—1774) איז געוואָרנ אַנ אומזינ. צווישנ דער בורזשואַזיע הייבט זיכ אָנ א באַוועגונג קעגנ דער דאָזיקער דיקטאַטור; די באַוועגונג איז געגאַנגענ פונ ליבעראַליזמ אונ פונ שטרעבנ צו אַזוינע פאַרלאַמענטישע אָרדענונגענ, ווי אינ ענגלאַנד,	אונ דאָרעמ־מיזרעכ. אינ די יאָרנ 1731—1735 איז נאָכ די רעגירונג־קאָלאָניזאַציע ניט געגאַנגענ ווײַטער פונ דער ליניע וואָרכנעדניעפּראָווסק—זמיִעוו, דאָס הייסט, אַז אַכוץ די גרענעצנ פונ דער „אימפּעריע" איז נאָכ פאַרבליבנ קאַטערינאָסלאַווער גובערניע (איצט דניעפּראָפּעטראָווסקער אונ די שכײנעסדיקע מיט אים ראַיאָנענ). אינ פערציק יאָר נאָכ דעמ דערגרייכט שוינ די „רבני פּערישע" ליניע ביז צו די ברעגנ פונ דעמ אַזאָווישנ יאַמ. נאָכ דער „ערשטער טערקישער מילכאָמע" 1769—1774, זע דעמ שפּאַלט לינקס) איז אויסער די גרענעצנ פאַרבליבנ נאָר קרימ, אַז ער איז אויכ פאַרכאַפּט געוואָרנ—1783,—איז די גרענעצ פונ רוסלאַנד אָפּנ דאָרעמ געוואָרנ דער שוואַרצער יאַמ. פונעמ סאָפ 70־ער יאָרנ הייבט זיכ אָנ די	1760 יאָר אָנ, מיט ניט קיינ קלענערער אַנטשיידנקײַט, צו דאָרעמ צו: דער קאַמפּ פאַרנ באַלטישנ יאַמ ווערט פאַרביטנ מיט א קאַמפּ פאַרנ שוואַרצנ יאַמ. דער נײַער „מײַרעוו"־אײַבערײַס, דער לעצטער ביז אָנהייב XX יאָרהונדערט, פאַלט אויס אָפּ די ערשטע יאָרנ פונעמ XIX יאָרהונדערט. די אינטערעסנ פונעמ האַנדל־קאַפּיטאַל פאַרבלײַבנ אינ מעשעכ פונעמ גאַנצנ XVIII יאָרהונדערט די הערשנדיקע; אינ דער הינזיכט כאַזערט רוסלאַנד געניי איבער, מיט א פאַרשפּעטיקונג אָפּ הונדערט יאָר, די געשיכטע פונ די „אָקעאַנישע" מעלוכעס פונעמ XVII יאָרהונדערט. די ערשטע מילכאָמע (די אַזויגערופענע „צאָפנ־מילכאָמע", 1700—1721, אינ א בונד מיט דענעמאַרק אונ פוילנ קעגנ שוועדנ) פילט אויס לעטוויוועס דעמ	האַלטנ א דירעקטע קאָנקורענצ מיטנ מײַרעוו־אייראָפּייִשנ. דער אייראָפּייִשער קאַפּיטאַל (דעריקער דער ענגליש־האָלענדישער) האָט מער געוווּנענ פונ דער „רעפאָרמע", איידער דער אָרטיקער, דער רוסישער, אונ האָט אָפּגעשטופּט דעמ לעצטנ אָפּנ צווייטנ פּלאַנ. אָפּ אַזאַ באָדנ איז אוממײַדלעכ געווענ א רעאַקציע, וואָס האָט געמוזט אָננעמענ אַנ אַנטי־בורזשואַזנ כאַראַקטער, אָפּ וויפל די מאַפּאָלע האָט געליטנ די דיקטאַטור פונ דער האַנדל־בורזשואַזיע. מיט דער דאָזיקער אַדעליקער רעאַקציע זײַנענ אָנגעפילט אַלע רעגירונגענ וואָס זײַנענ געגאַנגענ נאָכ פּיאָטערנ: פונ יעקאַטערינע דער ערשטער (1725—1727), פּיאָטער דעמ צווייטנ (1727—1730), פונ אַננאַ (1730—1740), פונ איוואַנ דעמ IV (1740—1741), פונ	עס האָט ניט געהאַט קיינ אַרויסגאַנג צומ יאַמ; אינ דער צײַט, ווענ רוסלאַנד האָט זיכ אויסגעבילדעט אַרומ א גרויסנ האַנדל־וועג. ביסלעכווײַז באַהערשנדיק די גאַנצע לענג פונעמ דאָזיקנ וועג, האָבנ די פּאָליאַקנ פאַרלאָרנ די אַרויסגענג צומ שוואַרצנ יאַמ, ניט האָבנדיק אינ זייער פוילנ רעשט אויכ קיינ אַרויסגענג צומ באַלטישנ יאַמ. פּאָליטיש איז שוינ פוילנ אינ 1720טנ יאָר געווענ אַזוי נידעריק געפאַלנ, אַז די פראַגע וועגנ דעמ פּוילישנ קיניג פלעגט באַשלאָסנ ווערנ אינ פּאַריז, ווינ אונ פּעטערבורג, אונ ניט אינ וואַרשע (די אַזויגערופענע „מילכאָמע פאַר דער פּוילישער ירושע"). אינ די 1760־ער יאָרנ האָבנ דער רוסישער אונ פּרײַסישער רעזידענט אינ וואַרשע באַלעבאַטעוועט אינ פוילנ, ווי אינ זייער א פּראָווינצ, צאָלנדיק געהאַלט

וואָס פלעגט באזיגנ פראנקרייכ (מאָנטעסקיע, 1689 — 1775; „דער גייסט פונ די געזעצנ"), ביז אויסגעהאלטנ דעמאָקראטישע אידעאָלאָגיעס (רוסאָ, 1712 — 1778; „דער געזעלשאפטלעכער צפמאכ") אינ היספּײַלס פונ די אָרדענונגענ אינ דער נארוואָס געבאָרענער אמעריקאנער רעפובליק. אינ דער זעלביקער צייט טראָגנ די אונטערשטע שיכטנ פונ דער שטאָטישער אונ דאָרפישער באפעלקערונג אלצ מיט מער אומגעדולד אריבער דעמ דרוק פונ דעמ זעלביקנ האנדל־קאפיטאל אונ שטייענ אופ קעגנ דער אמערסטנ נאָענטער אונ מאמאָשעסדיקער פאר זיי פאָרמ פונעמ דאָזיקנ דרוק, קעגנ די פעאָדאלע פריווילעגיעס פונ די ערדבאזיצער, וועלכע האָבנ אינעמ XVIII יאָרהונדערט געשפילט שוינ בלויז די ראָליע פונ א פרעס, וואָס מיט זיינ הילפ פלעגט מענ ארויספרעסנ דעמ מערפראָדוקט פונעמ קליינעמ זעלבשטענדיקנ פראָדוצירער. דערווייל האָבנ די מילכאָמעס רוינירט פראנקרייכ, די קיניגלעכע קאסע איז געווענ ליידיק, אונ קעגנ אָנצופילנ זי האָט מענ געמוזט בעטנ הילפ בא דער „געזעלשאפטלעכער מיינונג". אונ דערצו האָט מענ צונויפגערופנ (1789) א פארזאמלונג פונ פאָרשטייער פונ די פאר־

קאָלאָניזירונג פונ צאָפנ־קווקאז (די „קאווקאזער ליניע" איבער די טייכנ קובאנ אונ טערעק, 1779—1799). די פרייע קאָזאקישע קאָלאָניזאציע איז, נאָכנ ענדגילטיקנ באהערשנ דעמ דאָנ (דער בולאווינער בונט אינ 1708־טנ יאָר) אונ נאָכ דער ליקווידאציע פונ זאפאראָזשיע (1775), פארביטנ געוואָרנ אפ א קאָלאָניזאציע פונ אנטלאָפענע פאָרמעל שוינ אינעווייניק אינ דער מעלוכע גרענעצ, נאָר מיט דער שטילער האסקאָמע פונ דער אָרטיקער מאכט: אזוי איז קאָלאָניזירט געוואָרנ נײַרוסלאנד (דאָרעמ אוקראינע) אינ פאָטיאָמקינס צייטנ, צווישנ דער ערשטער אונ דער צווייטער טערקישע מילכאָמעס פונ יעקאטערינע דער צווייטער (זע דעמ שפאלט לינקס). די זאפאראָזשער קאָזאקנ גייענ טיילווייז איבער אינ קובאנ, אונ טיילווייז פאָרנ זיי ארויס פונ רוסלאנ־ קיינ טערקײַ (די „נעקראסאָווצעס").

רוסישנ אונ אפנ כעזשבנ פונעמ שוועדישנ האנדל־קאפיטאל די שוועדישע פראָגראמ פונ די 1650־ער יאָרנ: דאָס אריבעטראָגנ דעמ האנדל פונ ווייסנ יאמ אפנ באלטישנ האָט באטייט א פארגרעסערונג פונעמ האנדלרעוועכ אינ צווייענ, אויב ניט אינ דרייענ. שוועדנ האָט פארביטערט פארטיידיקט זיינ באלטישע מאָנאָפאָל (די מאפּאָלע פונ דער רוסישער ארמיי בא נאַרווע אינ 1700־טנ יאָר), נאָר נאָכ דער פּאָלטאווער מאפּאָלע (דעמ 27־טנ יונ 1709 יאָר) האָט עס געמוזט אָפּגעבנ רוסלאנד קימאט אלע זיינע פּאָזיציעס אפ די מיזרעכ־ברעגנ פונעמ באלטישנ יאמ. לויט דעמ נישטאטער שאָלעמ (1721) האָט רוסלאנד באקומענ ניט נאָר נארווע, רעוועל אונ ריגע, נאָר אויכ וויבאָרג, דעמ אוראלטסטנ שוועדישנ פּאָרפּאָסט אפ די גרענעצנ פונ נאָווגאָראָדער געגנט. בא די שוועדנ איז פארבליבנ נאָר (ביזנ 1809־טנ יאָר) די צאָפנ־מיזרעכדיקע (די גרענ־

יעלזאוועטע (1741 — 1761) אונ פונ פּיאָטער דעמ דריטנ (1761 — 1762). דער איבערבראָכ קומט אָנ אָנגעהויבנ פונ די 1760־ער יאָרנ, ווענ, אדאנק דער דיפערענצירונג פונ דער באפעלקערונג, דער אנטוויקלונג פונ די אויסערדאָרפישע געווערבנ, הייבט זיכ אָנ פארברייטערנ דער אינערלעכער מארק, אינאיינעמ מיט דער פארשטארקונג פונעמ רוסישנ עקספּאָרט, דעריקער פונעמ רזיוואָרג, נאָר טיילווייז אויכ אינ דער פאָרמ פונ האלבפאבריקאטנ (אייזנ) אונ אפילע פאבריקאטנ (לייוונט). די באארבעטנדיקע אינדוסטריע וואָס איז, ניט געקוקט אפ קאָלערליי „אופמונטערונגענ", אייַנגעשרומפּנ געוואָרנ אינ דער ערשטער העלפט פונעמ יאָרהונדערט, הייבט זיכ אָנ אנטוויקלענ אינ דער צווייטער העלפט, אפריער אלס צוגאָב צומ לייבאייגנטימערישנ גוט. פונ קיינ עמעסנ אינדוסטריעלנ קאפּיטאליזמ האָט נאָכ רוסלאנד פונעמ XVIII יאָרהונדערט אפ אזא אופנ ניט

גרופּעס פּוילישע פּריצימ. פראנקרייכס פּרווו אריינצומישנ זיכ (די באר קאָנפעדעראציע אינ 1768־טנ יאָר) האָט נאָר פארגיכערט די ערשטע קאטאסטראָפע — די צעטיילונג פונ 1792 יאָר. ערשט צומ סאמע סאָפ פונעמ יאָרהונדערט פּרווט זיכ די בורזשואזיע, די גרויסע (די קאָנסטיטוציע פונ 3־טנ מײַ פונ יאָר 1791) אונ די קליינע (קאָסטיושקאָס אופשטאנד אינ 1794־טנ יאָר) נעמענ די זאכ אינ אירע הענט, אָבער שוינ צו שפּעט: פּוילנ איז שוינ ניט געווענ בעקויעכ צו קעמפנ קעגנ דער קאָאליציע פונ רוסלאנד מיט פּרייסנ. דאָס לעצטע, צוזאמענ מיט עסטרייכ, דאָס הייסט, מיט א פּילפארביקנ בינטל לענדער, וואָס זיינענ מיט די אָרער יענע מיטלענ קאָנצענטרירט געוואָרנ אינ די הענט פונ דער האבסבורגער דינאסטיע (די קינדס־קינדער פונ קאַרל דעמ פינפטנס ברודער, זע XVII יאָרהונדערט; דאָס אייגנטלעכע עסטרייכ, אונגארנ, באָהעמיע, טיראָל, די

יאָרהונדערטן און יאָרן	די הויפּט־געשעענישן פון דער אַלוועלטלעכער געשיכטע	די טעריטאָריע, וואָס איז געווען פאַרנומען דורכן רוסישן שייוועס	די הויפּט־געשעענישן פ ב דער אויסערלעכער געשיכטע	די הויפּט־געשעענישן פון דער אינערלעכער געשיכטע	די נאָענטסטע שכיינים פונעם רוסישן שייוועס
XVIII יאָר־הונדערט	מעגלעכע קלאַסן (די „מעלוכע־שטאַנדן“)· דאָס איז צונויפגעפאַלן מיט אַן אומגערעכטעניש און אַר־בעטלאָזיקייט אין די שטעט, וואָס איז ווידעראַמאָל געווען אַ רעזול־טאַט פון דער אומגעלונגענער קאָנ־קורענץ מיט ענגלאַנד. פאַר ענג־לאַנד ווידער איז דער XVIII יאָרהונדערט געווען ניט בלויז אַ יאָרהונדערט פון גרויסע קאָלאָ־ניאַלע דערגאָבערונגען, נאָר אויך אַ יאָרהונדערט פון גיכן אויפבלי פון דער באַארבעטנדיקער אינדוסטריע (די ערשטע וואָל־מאַנופאַקטורן אין ענגלאַנד שטאַ־מען נאָך פונעם XVI יאָרהונדערט). די „אינדוסטריעלע רעוואָלוציע“ פונעם XVIII יאָרהונדערט ווערט כאַראַקטעריזירט מיט פאָלגנדיקע מאָמענטן: 1) מיט אַ וווּקס פונעם פּראָלעטאַריאַט אונטער דער ווירקונג פון דער „אָנפאַנגלעכער אָנ־זאַמלונג“; 2) מיט גרויסע מאַסן ווערטפולע קאָלאָניאַלע רויוואַרג (בוימוואָל, פאַרבן); 3) מיט דער אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט — זי איז דעמאָלט געשטאַנען אין ענג־לאַנד העכער, ווי אומעטום — צו־		טע) העלפט פינלאַנד. פון דעם מאָמענט אָן הייבט זיך אָן די פּאָליטישע יערידע פון שוועדן, ווי פריער, פון מיטן XVII יאָרהונדערט, האָט זיך אָנגעהויבן די יע־רידע פון פּוילן. אין די הענט פונעם לעצטן פאַר־בלייבט ביזן סאָף פונעם יאָרהונדערט קורלאַנד, מיט די ווייטערדיקע שוין ניט פאַרפירנדיקע באַלטישע האַפנס — ליבאַווע און ווינ־דאַווע. קעדיי צו באַקומען די דאָזיקע האַפנס מישט זיך רוסלאַנד אַריין אין דער זיבנייאָריקער מילכאָמע (זע דעם ערשטן שפּאַלט רעכטס און דעם לעצטן לינקס) אַפן צאַד פון פראַנקרייך, נאָר אין דער לעצטער שו־רע אָן דערפאָלג, נ ט געקוקט אויף איינצלנע ניצכוי־נעס פון דער רוסישער אַר־מיי איבער די פאַרבינדעטע פון ענגלאַנד — איבער די פּרייסן (די שלאַכט בא קו־נערסדאָרף, 1759; דער	געוווּסט. פונדעסטוועגן איז אין רוסלאַנד אין 1725־טן יאָר געווען סאַכאַקל 195 פאַבריקן און זאַוואָדן, אַכוץ די באַרג־זאַוואָדן, און אין 1796־טן יאָר — שוין 1161 (אַלס הויפּט־ראַטעס אין דער אַנטוויקלונג פון דער רוסי־שער גרויס־אינדוסטריע קאָ־נען דינען: 1632 — דער ערשטער אייזן־זאַוואָד, 1634 — דער ערשטער גלאָז־זאַוואָד, 1650 — די ערשטע טוך־פאַבריק (מאַנופאַקטור), 1712 — פּיאָטערס פאַראָרדענונג „וועגן דער פאַרמערונג פון זאַוואָדן“, 1714 — די ער־שטע זייד־מאַנופאַקטור, 1717 — די ערשטע נאָדל־מאַנופאַק־טור, 1721 — אַ דערלויבע־ניש צו קויפן דערפער צו די פאַבריקן). די שאַפונג פון אַ בורזשואַזער אַדמי־ניסטראַציע אַפּ די ערטער פאַלט אויס אַפּ די יאָרן 1698 — 1700 (די ערשטע פאַראָרדענונג וועגן אַ ראַט־הויז); אין 1703־טן יאָר האָט	דאָרעם־סלאַווישע לענדער און אַנד.) — זיי רוקן זיך עס איצט אַרויס אַפן אָרט פון די נאָענטסטע שכיינים פון דער „רוסלענדישער אימפּעריע“, זיי פאַרנעמען דאָס אָרט פון פּוילן און שוועדן. שוין אין XVIII יאָרהונדערט האָט זיך צווישן עסטרייך און פּרייסן אָנגע־הויבן דער שטרייט פאַר דער ערשטער ראָלע אין צענטראַל־איראָפּע, אַ שטרייט, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט ערשט אין קומענדיקן יאָר־הונדערט (1866)· בייס דער „מילכאָמע פאַר דער עסט־רייכישער ירושע“ (1741 — 1748) האָט פּרייסן (פרידריך II, 1740 — 1786) פאַר־כאַפּט שלעזיע — דעם צענ־טער פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין יענע צייטן. עסטרייכס פּרוּוו אָפּצונעמען צוריק שלעזיע בייס דער זיבנייאָריקער מילכאָמע (זע דעם ערשטן שפּאַלט רעכטס), ווו עס איז געווען אַפן צאַד

דער אינדוסטריע (טשוהינ־שמעל צונג אף שפּינקוילן — פריער פלעגט מען שמעלצן אף האָלצ־קוילן — 1735, געגאָסענער שטאָל — 1750, שפּינ־מאַשין — 1767, אויטס דאַמפּ־מאַשין — 1769, מעכאַנישער וועבשטול — 1785). אין פראַנקרייַך האָט זיך אויך אָנגעהויבן אויסבילדן דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזם (עס זייַנען געווען אויך אייגענע דערפינדונגען — פּאַפּינס דאַמפּ־קעסל נאָך אין 1680־טן יאָר); אָבער די אַנטוויקלונג פונעם אינדוסט־ריעלן קאַפּיטאַליזם אין פראַנקרייַך איז געגאַנגען לאַנגזאַמער. ווען די אומגעלונגענע מילכאָמעס האָבן גע־צוווּנגען פראַנקרייַך צו שליסן מיט ענגלאַנד א האַנדל־אָפּמאַך, וואָס האָט געעפנט דעם פראַנצויזישן מאַרק פאַר די ענגלישע סכוירעס, האָט עס אין פראַנקרייַך געבראַכט דערצו, אַז עס האָבן זיך פאַרמאַכט א סאַך פאַבריקן און עס האָט זיך געשאַפן א קאָלאָסאַלע אַרבעטסלאָ־זיקייט. די צוזאַמענשטויסן פונעם קיניג לודוויג XVI (1774 — 1792) מיט די מעלוכע־שטאַנדן און די אַגיטאַציע, וואָס די בורזשואַזיע האָט אף דעם באָדן אַנטוויקלט, זייַנען געווען, ווי א פונק אין פּולווער: זומער־צייַט 1789 יאָר איז אין פּאַריז פאָרגעקומען אַן אופ־

אָנפאַל אף בערלין אין 1760). די ווייַטערדיקע פאַר־כאַפּונגען אף מייַרעוו מאַכט עס דעריבער בעסער אין א בונד מיט זייַן קעגנער אין דער זיבנייָאָריקער מיל־כאָמע — מיט פּרייַסן (די צעטיילונג פון פּוילן אין 1772־טן יאָר), ווען רוסלאַנד האָט באַקומען ווייַסרוסלאַנד, אין די יאָרן 1793 און 1795, ווען עס האָט באַקומען די רעשטן אוקראַינע, וואָס זייַנען נאָך פאַרבליבן בא די פּאָלאַקן אין די הענט (וואָלין און פּאָדאָליע — מיזרעך־גאַליציע האָט באַקומען עסטרייַך), דעם גרעסערן טייל פון ליטע (דעם קלענערן האָט באַקו־מען פּרייַסן) און דאָס לאַנג געוווּנטשענע קורלאַנד). זעלב־שטענדיק האָט רוסלאַנד גע־פירט א פּאָליטיק אף דאָ־רעם, עפּיזאָדיש שוין אין דער ערשטער העלפט פונעם יאָרהונדערט (פּעטערס פּרו־טער מאַרש אין 1711־טן יאָר, מיניכס אייַנעמען אָטשאַ־קאָוו אין 1737־טן יאָר), סיסטעמאַטיש — פון 1768־טן יאָר („די ערשטע טערקישע

דאָס ראַטהויז (די פאַרזאַמ־לונג פון די גרויסע סאָכ־רים) באַקומען דאָס רעכט צו קאָנטראָלירן, וויאַזוי עס ווערט פאַרוועלט דאָס געלט, וואָס זיי זאַמלען. נאָר שוין אין די יאָרן 1707 — 1708, מיטן אופקום פון גובער־ניעס, איז אַפּן ערשטן פּלאַן אַרויסגעטראָטן די מיליטע־רישע, דאָס הייסט, די אַדעליקע מאַכט. דער קאָנט־ראָל איז לענגער פון אַלץ פאַרבליבן אין די הענט פון דער בורזשואַזיע (1711, פיס־קאַלן „פון וואָס פאַר א שטאַנד זיי זאָלן ניט זייַן"), נאָר פאַקטיש איז די מאַכט אַריבער צו דער ביוראָקראַ־טיע (1711 — דער סענאַט, 1718 — די קאָלעגיעס, 1722 — דער גענעראַל־פּראָקוראָר). די הויפּט־דאַטעס פון דער אַדעליקער רעאַקציע: 1730 — דער פּרוּוו אָנצובינדן אַנען אַן אַדעליקע קאָנסטיטוציע, 1762 — דער מאַניפעסט „וועגן די פרייַהייטן פונעם אַדל" (באַפרייַונג פון די פליכטן, וואָס זייַנען בייַזונדערס שווער געווען אין דער צייַט פון דער צאָפּן־מילכאָמע), 1785 —

פון פראַנקרייַך, האָט ניט געהאַט קיין דערפאָלג. צום סאָף פונעם יאָרהונדערט פאַרנעמט פּרייַסן, וואָס איז פאַרגרעסערט געוואָרן דורך די רעשטן פון פּוילן, דאָס אָרט פון איינער פון די גרויסע מיזרעך־אייראָפּייִשע מעלוכעס, וועלכן עס האָט אין XVII יאָרהונדערט פאַר־נומען שוועדן. אין דער אינערלעכער פּאָליטיק האָט פּרייַסן פון פרידריך II פאָרגעשטעלט א פּרוּוו צוצופּאַסן די ביוראָקראַטישע מאָנאַרכיע צו די באַדער־פענישן פונעם גיכן וואַק־סנדיקן קאַפּיטאַליזם: פריד־ריך האָט מיט מער דער־פאָלג געקעמפט קעגן די רעשטן פונעם פעאָדאַליזם. אייזער, לעבאָשל, פראַנ־קרייַך אין יענע צייַטן. נאָך אַנטשלאָסענער איז מיט דעם וועג אַוועק זייַן שלימאַזל־דיקער קעגנער עסטרייַך, וואָס האָט אין יאָזעפס דעם צווייטנס (1780 — 1790) באַגרענעצט דאָס לייַבאייגנטום, געקעמפט קעגן דער ווירקונג פון די גייַסטלעכע אאַוו. עסטרייַך האָט אויך אף דעם וועג

יאָרהונדערטנ אינ יאָרנ	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אַלוועלטלעכער געשיכטע	די טעריטאָריע, וואָס איז געווענ פאַרנומענ דורכנ רוסישנ שייוועט	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אויסערלעכער געשיכטע	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אינערלעכער געשיכטע	די נאָענטסטע שכיינימ פונעמ רוסישנ שייוועט
XVIII יאָרהונדערט	שמאנד, א טייל מיליטער איז אריבער אפ דער זײַט פונעמ פאָלק, אונ דאָס האָט געזיכערט דעמ פאָלקס ניצאָכנ (דאָס אײַנעמענ באַסטיליע, די פאַריזשער פעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג, דעמ 14־טנ יול). גלײַכ נאָכ די פאַריזשער ארבעטער אונ באַלמעלאָכעס איז אויפגעשטאַנענ דאָס פויערטומ, וואָס האָט אָנגעהויבנ כאָרעוו מאַכנ די פריצישע גיטער. אָנגעשראָקנ דורכ די רעזולטאטנ פונ איר אייגענער אגיטאציע, האָט די בורזשואזיע גיכ בײַגעקומענ די נאָכ מער איבערגעשראָקענע קיניגלעכע מאַכט, האָט אינ דער ערשטער רעגע אָפּגעשאַפט די פעאָדאלע פריווילעגיעס (דעמ 4־טנ אויגוסט), נאָר אזויווי דער קאַפּיטאל איז געווענ אינ זיי פאַרינטערעסירט, האָט מענ מיט פאַרשיידענע טערוצימ גענומענ די האנאָכע צוריק אונ געצוווּנגענ די פויערימ אויסצוקויפנ די פריווילעגיעס. דאָס האָט ארויסגערופנ אלצ נײַע אונ נײַע אופשטאנדנ אינ דער פּראָווינצ, אונ אינ פאַריזש האָט נאָכ אלצ געווילדעוועט דער הונגער אונ די אר־		מילכאָמע", וואָס האָט זיכ פאַרענדיקט מיטנ שאָלעמ אינ קוטשוק־קאינארדזשי, וועלכער האָט געעפנט פאַר רוסלאַנד אַנ ארויסגאַנג אינ מיטללענדישנ יאמ, דאָס הייסט, דעמ גלײַכנ אונ באַקוועמסטנ וועג אפנ מײַרעוו. 1775, אונ „די צווייטע טערקישע מילכאָמע", 1787—1791, וואָס האָט זיכ פאַרענדיקט מיטנ שאָלאמ אינ יאס"). אָנ א צוקונפט איז דערווײַל פאַרבליבנ די באַוועגונג צו דאָרעמ־מיזרעכ, וואָס האָט זיכ געעפנט מיט פּעטערס ערשטנ פערסישנ מאַרש (1722—1723) אונ מיט בעקאָוויטש־טשערקאַסקיס עקספּעדיציע קיינ כיווע (1716). זײַנ גרונט־ציל פאַר יענער צײַט — פאַרכאפּנ אינ די רוסישע הענט דעמ אָנהייב פונעמ האנדל־וועג קאַספּישער יאמ—וואָלגע—באַלטישער יאמ, פונ אזיע קיינ אייראָפּע—איז פאַקטיש דערגרייכט געוואָרנ — אפנ	די פריווילעגיעס־גראמעטע פארנ אדל; נאָר דאָס איז בלויז א פאַרשפּעטיקטע פאַרווירקלעכונג פונ די ווונטשנ, וואָס דער אדל האָט ארויסגעזאָגט נאָכ אינ 1767־טנ יאָר („די קאָמיסיע אפ צונויפשטעלנ א נײַעמ קאָדעקס"). אינדערעמעסנ אָבער, צוזאמענ מיט דער אינדוסטריעלער אויפלעבונג אינ דער צווייטער העלפט פונעמ יאָרהונדערט, שטעלנ זיכ בעראָש פונעמ אדל זײַנע עקאָנאָמיש־פּראָגרעסיווע עלעמענטנ („די אַרעליקע בורזשואזיע", די גרינדונג פונ דער פרײַער עקאָנאָמישער געזעלשאפט אינ 1765־טנ יאָר), אונ פּאָליטיש האָט פּוגאַטשאָווס בונט (דער אופשטאנד פונ די קאָזאקנ, אוראלער בארגארבעטער אונ פויערימ פונ מיזרעכ־רוסלאנד אינ 1773—1774־טנ יאָר, אלס ענטפער אפ דער שטארקער געוואַקסענער קאַפּיטאליסטישער עק־	קיינ גליק ניט געהאט. יאָזעפ דעמ צווייטנס רעפאָרמעס (דער „אויפגעקלערטער אבסאָליוטיזמ") האָבנ קיינ דערפאָלג ניט געהאט, פרײַסנ אָבער האָט זײַנ צופּאסונג־פייִקייט זייער געהאָלפנ אינעמ פאָלגנדיקנ XIX יאָרהונדערט.

בעסטלאָזיקייט. די רעוואָליוציע איז געגאנגען וויַיטער, ניט געקוקט אפן פרווו פון דער בורזשואזיע אריַינצופירן זי אין ראמען (די קאָנסטיטוציע פון 1791־טן יאָר) און אפילע צו דערשטיקן זי מיט אָפענער קראפט די צעשיסונג פון די פאריזשער בירגער אפן מארס־פעלד דעם 17־טן יוני דעם זעלביקן יאָר); לעסאָף, האָט דער גרעסטער פון די פאריזשער אופשטאנדן (דעם 10־טן אווגוסט 1792 יאָר) אראָפגעוואָרפן די קיניגלעכע מאכט און צוזאמען מיט איר די בורזשואזע „געזעצגעבערישע פארזאמלונג“. אָבער דער פראָלעטאריאט אין פראנקריַיך איז נאָך געווען צו שוואך און אבסאָליוט ניט אָרגאניזירט. די באוועגונג האָט פארכאפט אין אירע הענט די קליינע שמאָטישע בורזשואזיע, דעריקער די פאריזשער. עס איז צונויפגערופן די צווייטע גרינדונג־פארזאמלונג (דער קאָנווענט, 1792 — 1795; אלס ערשטע גרינדונג־פארזאמלונג האָבן זיך פראָקלאמירט די מעלוכע־שטאנדן פון 1789־טן יאָר). ערשט זומער 1793 יאָר האָט זיך איַינגעגעבן ארויסצוטריַיבן פון איר די גרויס־בורזשואזע פארטייען (די זשיראָנדיסטן — בעערעך אונדזערע „קאַדעטן“). די דיקטאטור פון דער

קאספּישן יאם איז ניט געווען קיין אנדער פלאָט, אכוץ דעם רוסישן. דאָס פארכאפן קאָלאָניעס, ווידער, איז נאָך דעמלט אריַין בלויז אין די פראָיעקטן, אָבער ניט אין די רעאלע נאָענטסטע צילן פונעם רוסישן מערקאנטיליזם אין XVII—XVIII יאָרהונדערטן. די רעשטן פונעם קאמף פארן צאָפן־עק פונעם זעלביקן וועג, פארן באלטישן יאם, זיַינען געווען צוויי מילכאָמעס מיט שוועדן 1741 — 1743 און 1788 — 1790, וואָס האָבן אן איבעריק מאָל אונטערגעשטראָכן די ענדגילטיקע יערידע פון דער שוועדישער ווירקונג צו מיזרעך צו פונעם באלטישן יאם און וואָס האָבן געדינט אלס א פראָלאָג צום שוועדנס ענדגילטיקן פארלירן אלע טראנסבאלטישע לענדער (פינלאנד אין 1809־טן יאָר). דאָס לעצטע יאָר פונעם יאָרהונדערט ווערט באצייכנט מיטן אָנטייל פון רוסלאנד אין דער קאָאליציע קעגן רעוואָליוציאָנער פראנקריַיך (1799)—

ספּלואטאציע), אָנשטאָט דער באגרענעצונג פון דער זעלבסטהערשונג ארויסגעשטעלט אפן סיידער די פּאָליציַישע דיקטאטור, וואָס איר ערשטער פאָרשטייער איז געווען יעקאטערינע דער צווייטערס (1762—1796) פאוואָריט, פּאָטיאָמקין (געשטאָרבן אין 1791־טן יאָר). אין די ציַיטן פון פאוול, יעקאטערינעס זון, וואָס האָט געפירט די זעלביקע פּאָליטיק, ווערט דער דרוק אומדערטרעגלעכער פארן אדל גופא. פאוולס גרונט־מ‍סמיטל איז געווען די קימאט פולשטענדיקע אָפּשאפונג פון דער אדעליקער זעלבסטפארוואלטונג, וואָס איז געווען די איינציקע צוים פאר דער ביוראָקראטיע אף די ערטער (1775— די מאקאָבעס וועגן די גובערניעס). נאָך פריער רופט די פּאָליציַישע דיקטאטור ארויס א ווידערשטאנד מיצאד דער אופקומענדיקער אינטעליגענץ (ראדישטשעוו, „די ריַיזע פון פעטערבורג קיין מאָסקווע“, 1790).

צו די אלגעמיינע מאָס־

יאָרהונדערטנ און יאָרנ	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אַלוועלטלעכער געשיכטע	די טעריטאָריע, וואָס איז געווענ פאַרנומענ דורכנ רוסישנ שיוועט	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אויסערלעכער געשיכטע	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אינערלעכער געשיכטע	די נאָענטסטע שכנים פונעמ רוסישנ שיוועט
XVIII יאָרהונדערט	קליינבורזשואַזיע האָט זיכ געהאַלטנ עטוואָס מער פונ א יאָר (2־טנ יונ 1793 — 27 יול 1794). זי האָט דערפירט ביזנ סאָפ די ליקווידאַציע פונ דער „אַלטער אָרדענונג", פאַרניכטנדיק אָנ אויסקויפ די פעאָדאַלע פּריווילעגיעס און פּראָקלאַמירנדיק א דעמאָקראַטישע רעפּובליק. גלייכצייטיק האָט זי מיט דער הילפ פונ טעראָר דערשטיקט די קאָנטררעוואָליוציאָנערע באַוועגונג אינווייניק אינעמ לאַנד און האָט זיגרייכ אָפּגעשלאָגנ די אָנפאַלנ פונ עסטרייכ און פּרייסנ, וואָס האָבנ זיכ אַרייַנגעמישט לטובֿת לודוויג XVI; אומבאַזיגט איז פאַרבליבנ בלויז ענגלאַנד, וואָס האָט ווייטער געקלאַפּט זייַנ קעגנער פראַנקרייַכ, אונטערנ אויסריייד, אז דאָס איז א קאַמפּ קעגנ דער רעוואָליוציע. פּאַראַנ און רייַטערייַענ צווישנ די פירער פונ דער קליינבורזשואַזיע (דאַנטאָנ, ראָבעספּיער, עבער, שאָמעט) האָבנ געשאַפנ א גינסטיקנ באָדנ פאַר דער בורזשואַזער קאָנטררעוואָליוציע (די פאַרשווערונג פונ „9־טנ טערמידאָר" — 27־טנ יול 1794 יאָר). דערנאָכ האָט די פּוילונג		דער ערשטער אַקט פונ א פאָרמעלנ רוסיש־ענגלישנ בונד, וואָס האָט זיכ אָנגעמערקט אינ משך פונעמ גאַנצנ יאָרהונדערט, באַזונדערס אפנ באָדנ פונ די געמיינזאַמע אינטערעסנ פונעמ רוסישנ און ענגלישנ האַנדל־קאַפּיטאַל אפ די ברעגנ פונעמ שוואַרצנ יאַמ.	מיטלענ, וואָס פאַרענדיקנ אינעמ XVIII יאָרהונדערט די אויסבילדונג פונ א צענטראַליזירטער ביוראָקראַטישער מאָנאַרכיע, געהערנ: דאָס פאַרניכטנ (1753) די אינערלעכע צאָל־אַמטנ (טאַמאָזשנעס) און דאָס קאָנפיסקירנ דורכ יעקאַטערינע דער צווייטערס רעגירונג מאָנאַסטירישע גיטער (1764); נאָכ פריער, אינ פּעטערס צייַטנ, איז פאַרענדיקט געוואָרנ די אויסבילדונג פונ דער מעלוכישער קירכע דורכ דער גרינדונג פונעמ סינאָד, וואָס איז פאַקטיש אָנגעפירט געוואָרנ פונ א באַאַמטנ — פונעמ אָבער־פּראָקוראָר (1721).	

XVIII יאָר־הונדערט	אונ צעפּאַלונג פונ דער דעמאָקראַ־טישער רעוואָליוציע געדויערט נאָכ פינפ יאָר, ביז די איבערקערעניש פונעמ 18־טנ ברומער (9־טנ נאָ־יאבער 1799 יאָר) האָט ניט גע־בראַכט דערצו, אז עס איז איינגע־שטעלט געוואָרנ א מיליטערישע דיקטאַטור אינ דער פּערזאָנ פונ נאַפּאָלעאָנ באָנאַפּארט (1769—1821). דער פאַרשפּעטיקטער פּרווו פונעמ פּראָלעטאַריאַט צו פאַרכאַפּנ די מאַכט אונ שאַפנ א סאָציאַליסטישע רעפּובליק (באַבעפ — 1760—1797) איז געווענ דער לעצטער ווידער־שטאַנד קעגנ דער אָנוואַקסנדיקער בורזשואַזער רעאַקציע. די אַנטוויק־לונג פונ דער וויסנשאַפטלעכער פילאָסאָפיע, וואָס האָט זיכ אָנגע־הויבנ אינ XVII יאָרהונדערט, קאָנצענטרירט זיכ אינעמ XVIII יאָרהונדערט דעריקער אינ פראַנק־רײַכ. אויסקריסטאַליזירנדיק זיכ אינ א גאַנצער סיסטעמ פונ מאַטעריאַ־ליסטישער „אויפקלערונג“ אונ באַ־קומענדיק די פּאָפּולערע פאָרמ פונ דער „ענציקלאָפּעדיע“ (1751—1772).				
XIX יה 1801—1830	דאָס ערשטע דריטל פונעמ יאָר־הונדערט איז א פאָרזעצונג אונ א שלוס פונ די לעצטע יאָרצענדליקער פונעמ פאָריקנ יאָרהונדערט. די פראַנ־	דער XIX יאָרהונדערט ווייס שוינ ניט פונ קיינ פרײַער קאָלאָניזאַציע. די רעגירונג־קאָלאָניזאַציע ווידער נעמט	די גאַנצע דרײַסיק יאָר זײַנעג אָנגעפילט מיטנ רוס־יש־ענגלישנ בונד, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ	דער גרונט־פאַקט פונ די דרײַסיק יאָר איז דער אויפ־קומ פונעמ אינדוסטרי־עלנ קאַפּיטאַליזמ אינ	פרײַסנ פאַלט אַרײַנ, נאָכ דעמ ווי נאַפּאָלעאָנ האָט עס צעקלאַפּט (1806—1807), קי־מאַט אינ א וואַסאַלנ־אָפּ־

יאָרהונדערט אונ יאָרנ	די הױפּט־געשעענישנ פונ דער אַלװעלטלעכער געשיכטע	די טעריטאָריע, װאָס איז געװענ פאַרנומענ דורכ רוסישנ שײװעס	די הױפּט־געשעענישנ פונ דער אױסערלעכער געשיכטע	די הױפּט־געשעענישנ פונ דער אינערלעכער געשיכטע	די נאָענטסטע שכײנימ פונעמ רוסישנ שײװעס
XIX יה. 1801—1830	צװיזישע רעװאָלוציע דױערט װײַטער אינ אַנ אַנדער פאָרמ. נאָכ דעמ, װי עס איז צעקלאַפּט געװאָרנ די קלײנבורזשואַזיע אונ דער פּראָלעטאַריאַט, האָט זי פאַרלאָרנ איר דעמאָקראַטישנ טאָכ אונ האָט זיכ אױסגעגאָסנ אינ דער פאָרמ פונ אַ כוצפּעדיקער אונ צינישער דיקטאַטור פונעמ גרױסנ קאַפּיטאַל, װאָס איז גיכ געװאַקסנ אױפנ באַנ פונ מיליטערישע פּאָדרײַדנ אונ באַשטעלונגענ אאַװ. זי האָט אָבער לאַכלוטנ ניט פאַרלאָרנ איר אַנטיפעאָדאַלנ זינענ, אונ האָט פאַרפעסטיקט די יורידישע ליקװידאַציע פונ דער „אַלטער אָרדענונג" אינעמ „ציװיל־קאָדעקס" (אַנדערש, „נאַפּאָלעאָנס קאָדעקס", 1804). דאָס, װאָס די מיליטערישע דיקטאַטור איז דעמ זעלביקנ יאָר געקרױנט געװאָרנ מיט אַ קײסאָרימ קרױנ, האָט ניט געענדערט די זאַכ, װײַל די סאָלדאַטנ־אימפּעריע פונעמ גענעראַל באָנאַפּאַרט, װאָס איז געװאָרנ נאַפּאָלעאָנ דער I־טער, איז לאַכלוטנ ניט געװענ קײנ װידערױפשטעלונג פונ דער אַלטער מאָנאַרכיע אונ איז פאַרװאַלטעט געװאָרנ דורכ די געװעזענע מיטגלידער פונעמ קאָנװענט אונ דורכ	אָנ אַ פאָרמ פונ אַנעקסירנ (פאַרכאַפּנ) פרעמדע לענדער, װאָס זײַנענ אַזױ עקאָנאָמיש נײטיק פאַר דעמ רוסישנ שײװעס, װי זײ זײַנענ פּאָליטיש אונ סטראַטעגיש נײטיק פאַר דער „רוסלענדישער אימפּעריע". אינ סאַמע אָנהײב פונעמ יאָרהונדערט גײט די אימפּעריע אַריבער איבער די קאַװקאַזער בערג (דאָס אײַנשליסנ גרוזיע אינ 1801, מינגרעליע אינ 1803, אימערעטיע אינ 1810, דעמ מיזרעכדיקנ טראַנסקאַװקאַז ביז אַראַקס אונ דעמ קאַספּישנ יאַמ לױט דעמ גיוליסטאַנער (1813, באַקו) אונ טורקמאַנטשאַיער (1828, עריװאַנ) אָפּמאַכנ מיט פּערסיע — נאָכ קימאַט 20 יאָר מילכאָמעס). עטװאָס שפּעטער װערנ ליקװידירט די לעצטע העראַשאַפטנ פונ שװעדנ אױפנ מיזרעכ־ברעג פונעמ באַלטישנ יאַמ (דאָס אײַנשליסנ פינלאַנד ביזנ טײַכ טאָרנעאָ אינ 1809־טנ יאָר) אונ פונ טער־	נאָכ צומ סאָפ פונעמ פאָריקנ יאָרהונדערט, — פאַר צערײַסנ דעמ דאָזיקנ בונד האָט פּאַװל I באַצאָלט מיט זײַנ לעבנ (1891), — אונ װאָס האָט אָנגעהױבנ שװאַכער װערנ ערשט צומ סאַמע סאָפ, אױפ װיפל אינ רוסלאַנד האָט זיכ אַנטװיקלט דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזמ. אינ יעסאָד פונעמ פּאָליטישנ בונד איז געלעגנ דער בונד צװישנ דעמ ענגלישנ אינדוסטריעלנ מיטנ רוסישנ האַנדל־קאַפּיטאַל: דער רוסישער האַנדל־קאַפּיטאַל פלעגט אױספּאָמפּענ פונ רוסלאַנד דאָס רױװאַרג, װאָס איז נײטיק געװענ פאַר דער ענגלישער אינדוסטריע (װאַלד, האַנפ, פעטס, עטװאָס שפּעטער — װײץ), פונ ענגלאַנד פלעגט רוסלאַנד באַקומענ אַלע פאַבריקאַטנ, װאָס זײַנענ נײטיק געװענ פאַר זײַנע קאָמאַנדירנדיקע קלאַסנ. דער בונד איז איבערגעריסנ געװאָרנ נאָר אױפ 5 יאָר (1807—1812) צוליב די מיליטערישע	רוסלאַנד (די צאָל טוכװעבנדיקע פאַבריקנ אינ 1804 — 155, אינ 1825 — 324, פונ בױמװאָל־װעבנדיקע אינ 1804 — 199, אינ 1825 — 484, פונ טשוהונ־גיסנדיקע אונ אײַזנ־באַאַרבעטנדיקע זאַװאָדנ אינ 1801 — 26, אינ 1825 — 170. די ערשטע מאַנופאַקטור־אױסשטעלונג אינ 1829־טנ יאָר), װעלכער באַקומט אַ שטאַרקנ שטױס אַדאַנק דער קאָנטינענטאַלער בלאָקאַדע (זע דעמ ערשטנ שפּאַלט פונ רעכטס) אונ ברענגט מיט זיכ אַ נײַע אידעאָלאָגיע, אַ בורזשואַזיע, װאָס דערמאָנט אָנ דער אידעאָלאָגיע פונ דער פראַנצױזישער רעװאָלוציע. די אָפיציעלע קרײַזנ פלעגנ דערבײַ דורכגעדרונגענ װערנ מיט די אידײענ פונ נאַפּאָלעאָנישנ פראַנקרײַכ, אונ די פּראָגרעסיװע אינטעליגענצ — מיט די פראַנצױזישע אידײענ פונעמ פרײַ־	הענגיקײַט פונ פראַנקרײַכ אונ װערט אומדירעקט אַרײַנגעצױגנ אינ דער װירקונג־ספערע פונעמ „ציװיל־קאָדעקס" (שטײַנס אונ האַרדענבערגס רעפאָרמעס, די באַפרײַונג פונ די פױערימ אאַװ.) נאָכ נאַפּאָלעאָנס פאַלנ װערט די אָפּהענגיקײַט פונ פראַנקרײַכ פאַרביטנ אױפ דער אָפּהענגיקײַט פונ רוסלאַנד (פרידריכ װילהעלמ III איז אַלעקסאַנדער דעמ I־טנס „פרײַנט"). מער זעלבשטענדיקײַט איז פאַרבליבנ בײַ עסטרײַכ, כאָטש עס איז אױכ צעקלאַפּט געװאָרנ דורכ די פראַנצױזנ אונ אַפילע צװײ מאָל (1805 אונ 1809) אונ עס האָט — װי פּרײַסנ — צוזאַמענ מיט פראַנקרײַכ געפירט מילכאָמע קעגנ רוסלאַנד אינ 1812־טנ יאָר. עסטרײַכ איז לאַכלוטנ ניט אַרײַנגעפאַלנ אינ דער װירקונג־ספערע פונעמ „ציװיל־קאָדעקס" אונ עס (שטעלט מיט זיכ פאָר נאָכנ 1815־טנ יאָר אַ טיפּ פונ אַ רײנ־רעאַקציאָנערער מעלוכע

די גענעראלנ פונ דער רעוואָליוציע, וואָס זײַנענ אוועק דינענ דעמ קאפּיטאל. פראנקרײַכ אינ אָנהייב XIX יאָרהונדערט איז געווענ די ערשטע ריינ־בורזשואזע מעלוכע אינ אייראָפּע. אונ אינ דעמ פּראט האָט עס איבערגעיאָגט ענגלאנד, ווו דער גרויסער ערדבאזיצער אונ די יעֿרושע־פּריווילעגיעס האָבנ נאָכ אלצ געשפּילט א קאָמאנדירנדיקע ראָליע. מער בורזשואזע אָרדענונגענ האָט מענ געקאָנט געפינענ בלויז אינ אמעריקע—אינ אייראָפּע איז פראנקרײַכ געווענ ארומגענומענ מיט א רינג האלב־פעאָדאלע מעלוכעס, וואָס פונעמ ווידערשפּרוכ צווישנ זיי מיט דער פראנצויזישער רעוואָליוציע איז קיינ אויסוועג ניט געווענ. דאָס האָט אויסגענוצט ענגלאנד, אליינ א האלב־פעאָדאלע אינ יענע צײַטנ, אונ עס האָט אָרגאניזירט קעגנ פראנקרײַכ איינ „קאָאליציע" נאָכ דער אנדערער (די מילכאָמע צווישנ ענגלאנד אונ פראנקרײַכ איז נאָר אפ זייער א קורצער צײַט איבערגעריסנ געוואָרנ דורכנ אמיענער שאָלעמ אינ 1802־טנ יאָר): רוסלאנד אונ עסטרײַכ אינ 1805־טנ יאָר, פּרײַסנ אונ רוסלאנד אינ די יאָרנ 1806—1807, איינ עסטרײַכ אינ 1809 יאָר, איינ רוסלאנד אינ 1812־טנ יאָר, פּרײַסנ, עסטרײַכ אונ

קײַ צומ צאָפּנ פונעמ שווארצנ יאמ (בעסאראביע אינ 1812 אונ אנאפּא אינ 1829). נאָכ שפּעטער ווערט אינ געשטאלט פונעמ „פּוילישנ קיניגרײַכ", וואָס איז איבערגעמאכט געוואָרנ פונ דעמ געשאפענעמ דורכ נאפּאָלעאָנענ „ווארשעווער הערצאָגטומ" (די טיילווייזע ווידערופשטעלונג פונ פּוילנ, 1805—1813), פארכאפּט א פּלאצדארמ, וואָס גיט דער רוסישער ארמיי א קאָמאנדירנדיקע לאגע אינ צענטראל־אייראָפּע (1815). אינ אָט די אלע געגנטנ קומט ניט פאָר קיינ שומ איבערוואנדערונג פונ די רוסישע פּאָלק־מאסנ, דער רוסישער שיוועט איז דאָרט פאָרגעשטעלט נאָר דורכ באמטע אונ סאָלדאטנ.

מאפּאָלעס פונ דער רוסיש־ענגלישער קאָאליציע, וואָס האָבנ געצוווּנגענ אלעקסאנדער דעמ 1־טנ (1801—1825) צו שליסנ דעמ טילזיטער שאָלעמ (1807) אונ אונטערצוווארפנ זיכ אונטער די באדינגונגענ פונ נאפּאָלעאָנס „קאָנטינענטאלער בלאָקאדע" (זע ערשטנ שפּאלט רעכטס), שוינ אינ 1810־טנ יאָר האָט די עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט געצוווּנגענ די רוסישע רעגירונג ברעכנ די בלאָקאדע, ווײַל פראנקרײַכ האָט געקאָנט צושטעלנ בלויז לוקסוס־זאכנ: א מאסנ־אימפּאָרט פונ סכוירעס איז געווענ אויסגעשלאָסנ, ווײַל צווישנ פראנקרײַכ מיט רוסלאנד איז ניט געווענ קיינ ביליקער וואסער־וועג (דער יאמ איז געווענ פארשפּארט דורכ די ענגלענדער). פּאָליטיש האָט אלעקסאנדער I אויסגענוצט דעמ טילזיטער שאָלעמ אונ האָט אינ מעשעכ פונ אָט דער פינפיאָריקער האפסאָקע פארכאפּט פינלאנד אונ בעסאראביע (זע דעמ שפּאלט רעכטס). די מילכאָמע, וואָס איז געהאנגענ אינ דער לופט

ערדיקנ פּעריאָד. פונ די ערשטע האָבנ געשטאמט ספּעראנסקיס פּראָיעקטנ (דער מער מעסיקער אינ 1803, דער מער ראדיקאלער אינ 1809—1810), פונ דער צווייטער — די פּראָיעקטנ פונ די דעקאבריסטנ (זע ווײַטער). זייער געמיינזאמער שטריכ איז געווענ די נעגאטיווע באציִונג צומ לײַבייגנטומ אונ די שטרעבונג צו באפרײַענ די פּויערימ אפ באדינגונגענ, וואָס זאָלנ זיכערנ אינ רוסלאנד דעמ גיכנ וווּקס פונעמ נייטיקנ פארנ אינדוסטריעלנ קאפּיטאל פּראָלעטאריאט. די סיטואציע, וואָס האָט פארורזאכט דעמ ערשטנ אופּרײַס פונ דער בורזשואז־אינדוסטריעלער אידעאָלאָגיע אינ רוסלאנד (רוסלאנדס איזאָלירטקײַט פונ אויסלענדישער קאָנקורענצ אדאנק דער קאָנטינענטאלער בלאָקאדע אונ דאָס שטארקע שטײַגנ פונ די טוווע־פּרײַזנ, אונטער דער ווירקונג פונעמ וווּקס פונעמ ענגלישנ פּראָלעטאריאט אונ פונ די נאפּאָלעאָנישע מילכאָמעס, וואָס דאָס האָט גע־

פונעמ האנדל־קאפּיטאל, מיט א פּאָליצייִשער אָרדענונג, מיט לײַבייגנטומ א.א.וו. (דער קאנצלער מעטערניכ 1773—1859). אפ אימ האָט זיכ געהאלטנ די רעאקציע אינ דײַטשלאנד (די קארלסבאדער באשטימונגענ פונעמ 1819־טנ יאָר), אונ ער אליינ האָט זיכ געשטיצט אפ רוסלאנד, נאָר האָט דערבײַ אײַנגעהאלטנ מער אומאָפּהענגיקײַט בענעגייע צו דעמ לעצטנ איידער פּרײַסנ. מער פונ אלע לענדער אינ מיזרעכ־אייראָפּע איז אונטערגעפאלנ אונטער דער פראנצויזישער ווירקונג פּוילנ, וואָס איז געווענ אומיטלבאר אָפּהענגיק פונ נאפּאָלעאָנענ אינעמ פּעריאָד פונ „ווארשעווער הערצאָגטומ", אונ וואָס בא אימ איז פארבליבנ א באזונדערע קאָנסטיטוציע, ביז עס איז אריבער אונטער דער מאכט פונ אלעקסאנדער I, דאָס סיסטעמאטישע ברעכנ די דאָזיקע קאָנסטיטוציע האָט ארויסגערופנ אנ אופשטאנד פונ די פּאָליאקנ אינ נאָיאבער 1830 יאָר,

יאָרהונדערטנ און יאָרנ	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אַלוועלטלעכער געשיכטע	די טעריטאָריע, וואָס איז געווענ פאַרנומענ דורכנ רוסישנ שייוועט	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אויסערלעכער געשיכטע	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אינערלעכער געשיכטע	די נאָענטסטע שכיינימ פונעמ רוסישנ שייוועט
XIX יה. 1801—1830	שוועדנ (1813—1814). צעשמעטערנדיק די דאָזיקע קאָאַליציעס (אויסטערליצ, אינ נאָיאַבער 1805, יענא אינ אָקטיאַבער 1806, פרידלאַנד אינ יונ 1807) אאווי־פלעגנ נאַפּאָלעאָנס אַרמייענ ניט ווילנדיק פאַנאַדערטי אָנג איבער גאַנצ אייראָפּע די אידייענ פונעמ „ציוויל־קאָדעקס". אומעטומ, ווו דער באָדנ איז כאָטש וויפל ניט איז געווענ צוגעגרייט, פלעגט מיטנ אריינקומענ פונ די דאָזיקע ארמייענ, פאלנ די „אלטע אָרדענונג" (פולער ווי אומעטומ אינ מיירעוו־דייטשלאַנד און צפונ־איטאליע, נאָר אומדירעקט אויכ אינ פרייסנ און אינ פוילנ, זע דעמ צווייטנ שפּאַלט לינקס). ענגלאנד האָט טכילעס געהאַט דערפאָלג אויסשליסלעכ אפנ יאמ (טראַפאלגאר, 1805), און אפ דעמ האָט נאַפּאָלעאָנ געענטפערט מיט דער קאָנטינענטאַלער בלאָקאַדע (1806), וואָס האָט פארשפּארט דעמ קאָנטינענט פאר די ענגלישע סכוירעס. נאָר די לאַנגדויערנדיקע מילכאָמע, וואָס האָט זיכ, אינ טאָכ גענומענ, ניט איבערגעריסנ, און די רוסישע קאטאַסטראָפע (1812, זע לינקס) האָבנ אפ אזויפיל אויסגעשעפּט פראַנקרייכ, אז		פונ 1810־טנ יאָר, האָט אויסגעבראָכנ אינ 1812־טנ (די אזויגערופענע „פאָטערלענדישע מילכאָמע") און האָט זיכ פארענדיקט ערשט אינ 1814־טנ יאָר מיט דעמ, וואָס די רוסנ האָבנ גענומענ פאריז. די גאַנצע מילכאָמע האָט זיכ געפירט אפ ענגלישע סובסידיעס. די מילכאָמע האָט געמאכט אלעקסאנדערנ פאר א „קייסער פונ קייסאָרימ", פאר דעמ „אגאַמעמנאָנ פונ אייראָפּע" אאוו. פאַקטיש אָבער פאר דעמ באַלעבאָס פונ צענטראַל־אייראָפּע, ווייל די רוסישע ארמיי האָט פונ די ברעגנ פונ ווייסל געקענט דערלאַנגענ און אָנפאלנ סיי אפ בערלינ און סיי אפ ווינ. די דאָזיקע לאַגע איז פארפעסטיקט געוואָרנ דורכנ „ווינער קאָנגרעס" און דורכנ „הייליקנ בונד" (1815), פאַקטיש מיט דער פארייניקונג פונ די מיזרעכ־אייראָפּעיִשע מעלוכעס אונטער דער הע־	געבנ א מעגלעכקייט אריבערגיינ צו פרייער לוינארבעט אינ דער לאַנדווירטשאַפט) האָט געדויערט ניט קיינ לאַנגע צייט: פונ 1819־טנ יאָר הייבט זיכ ווידער אָנ דער אימפּאָרט פונ ענגלישע סכוירעס, און די פרייזנ אפ כוווע הייבנ אָנ פאלנ, די פּאַנשטשינע, ווייזט זיכ ארויס, לוינט ווידער מער פונ געדונגענער ארבעט, און די אינדוסטריע הייבט אָנ פילנ א שארפע נויט אינ א שטאַרקער צענטראַלער מאכט, וואָס זאָל באַשיצנ די אינטערעסנ פונעמ אינדוסטריעלנ קאַפּיטאַל קעגנ אויסלענדישער קאָנקורענצ (די פּראָטעקציאָניסטישע טאַריפנ פונעמ גרענעצ־אָפּצאָל, וואָס האָבנ, אָנגעהויבנ פונ 1823־טנ יאָר, און ניקאָלייַ דעמ 1־טנס מילכאָמעס דעראָבערט פאר די רוסישע סכוירעס די טערקישע און פערסישע מערק). אזא ווענדונג פונ דער זאַכ האָט פונ לעכאַטכילע אָנ פארמישפּעט	

אינ 1814־טנ יאָר איז עס געווענ געצוווּנגענ אונטערצוגעבנ זיכ. אונ נאָכ א נײַער אופלאקערונג אינ 1815־טנ יאָר איז עס ענדגילטיק צעקלאפּט געוואָרנ (וואטערלאָאָ דעמ 18־טנ יונ). נאָכדעמ האָט די פעאָדאלע רעאקציע אפ א קורצער צײַט באַהערשט פראנקרײַכ גופע (די רעסטאווראציע פונ דער אלטער מאָנארכיע אינ דער פּערזאָנ פונ די בורבאָנער, 1814—1830, די „זעלטענע קאַמער", 1815—1816, פונ שווארצמייעדיקע פריצימ). די עקאָנאָמישע אנטוויקלונג פונ פראנקרײַכ האָט אָבער גענומענ איריס: די יולרעוואָליוציע פונ 1830־טנ יאָר האָט ענדגילטיק פארפעסטיקט די בורזשואזע אָרדענונג (לוי פיליפּ, 1830—1848). די אלגעמיינע עקאָנאָמישע אנטוויקלונג (ניט נאָר פונ פראנקרײַכ) האָט זיכ אויסגעדריקט, אגעוו, אינ א גאנצער ריי וויסנשאפטלעכ־טעכנישע אנטדעקונגענ, וואָס פאלנ אפנ ערשטנ דריטל פונעמ XIX יאָרהונדערט (1807 — פולטאָנס דאמפשיפ, 1810 — די שנעלדרוק־מאשינ, 1827 — דער רודערשרויפ, 1830 — סטעפענסאָנס לאָקאָמאָטיוו; ספּעציעל פראנצויזישע דערפינדונגענ: א פארפולקומטער וועב־שטול פונ זשאקארנ — 1802, דאָס מעכאנישע לײַנשפּינענ פונ ושיראר — 1810).

געמאָניע פונ רוסלאנד (ענגלאנד איז ניט צוגעשטאנענ צומ „הייליקנ בונד", פראנקרײַכ האָט דעמלט געהאט פארלאָרנ זײַנ צווישנפעלקערלעכנ באטייט). די פּאָליטישע העגעמאָניע פונ רוסלאנד איז געווענ נאָר א צוגרייטונג צומ אײַנשטעלנ די עקאָנאָמישע העגעמאָניע פונעמ רוסישנ האנדל־קאפּיטאל איבערנ גאנצנ באסיינ פונעמ שווארצנ יאמ, אונ צוליב דעמ האָט מענ זיכ געדארפט באפעסטיקנ אינ קאָנסטאנטינאָפּאָל. דער פרווו אויסצונוצנ צוליב דעמ אויכ טילזיט (אפ דער אזויגערופענער „ערפורטער זעונג" צווישנ אלעקסאנדערנ אונ נאפּאָלעאָנענ אינ 1808־טנ יאָר) האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ, אונ דאָס האָט געמאכט פאר אנ אומזינ די טערקישע מילכאָמע, וואָס האָט זיכ געפירט 6 יאָר (1806—1812). די זאכ איז אָפּגעלייגט געוואָרנ ביז די 1820־טער יאָרנ, ווענ דער אופשטאנד פונ די גריכנ קעגנ דער טערקישער הערשאפט האָט געגעבנ א נײַעמ אויסרייד צו אנטדעקנ די

אפ א מאפּאָלע די פּלענער פונ די געהיימע געזעלשאפטנ (1814 — דער „אָרדענ פונ די רוסישע ריטערס", 1816־1817 דער „סאָיוז כפאזעניא" („רעטונג־פארבאנד"), 1818 — „סאָיוז בלאגאָדענסטוויא" („וווילזײַנ־פארבאנד"). פונ 1821־טנ יאָר הייבט זיכ אָנ די פארשווערונג פונ די רעקאבריסטנ, וואָס האָט אויסגעבראָכנ אינ דעמ אופשטאנד פונ 14־טנ דעקאבער 1825 יאָר, אפנ דאָרעמ — דעמ 31־טנ דעקאבער), וואָס זײַנענ, אכוצ דעמ, קאָמפּראָמעטירט געוואָרנ דורכ דער אומאנטשלאָסנקײַט פונ זייער טאקטיק. אלס רעזולטאט האָט זיכ ענדגילטיק פארפעסטיקט די ביוראָקראטיש־פּאָליציישע אָרדענונג (דער אָנהייב נאָכ אינ 1802־טנ יאָר, די גרינדונג פונ מיניסטעריומס); עס איז געשאפנ געוואָרנ דער זשאנדארמענ־קאָרפּוס אונ די דריטע אָפּטיילונג פונ דער קייסערלעכער קאנצעליאריע (יונ — יול פונ יאָר 1826).

יאָרהונדערטן און יאָרן	די הויפּט־געשעענישן פון דער אַלוועלטלעכער געשיכטע	די טעריטאָריע, וואָס איז געווען פאַרנומען דורכן רוסישן שיוועט	די הויפּט־געשעענישן פון דער אויסערלעכער געשיכטע	די הויפּט־געשעענישן פון דער אינערלעכער געשיכטע	די נאָענטסטע שכנים פונעם רוסישן שיוועט
XIX יה. 1830—1801			„מיזרעך־פּראַגע". די מילכאָמע פאַר קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז שוין אויסגעקומען צו פירן ניקאָלײַ דעם 1־טן (1825 — 1855). דאָס אַרײַנמישן זיך אין די גריכיש־טערקישע איניאָנים האָט זיך אָנגעהויבן אין א בונד מיט ענגלאַנד און פראַנקרײַך (די נאַוואַרינער שלאַכט, אין אָקטיאַבער 1827, דאָס פאַרניכטן דעם טערקישן פלאָט דורך דער ענגלישער, פראַנצויזישער און רוסישער עסקאַדרעס), נאָר די מילכאָמע גופא (1828—1829) איז אויסגעקומען צו פירן רוסלאַנד אַליין, און אַפּ צו פאַרכאַפּן קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט אים אויסגעפעלט קויכעס. לויט דעם אַדריאַנאָפּאָלער שאָלעם (1829) האָט זיך רוסלאַנד געמוזט באַנוגענען מיט אַנעקסיעס אין אַזיע.	אַלס א זייכער פון די קעגנזייצלעכע טענדענצן זײַנען פאַרבליבן: דער געזעץ וועגן „די פרײַע ערדאַרבעטער" (1803) און די גרינדונג פונעם מעלוכע־ראַט (1810), 1828 — דער מאַנופאַקטור־ראַט.	
XIX יה. 1866—1331	דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּע, באַהערשט דעם מײַ־	אין אייראָפּע בילדעט זיך ענדגילטיק אויס, אין אַלגעמיין גענומען, צום אָנ־	מיטן דערנעענטערן זיך צום 1848־טן יאָר ווערט צעפאַלן דער „הייליקער בונד".	דער צענטראַל־פּונקט איז די ליקווידאַציע פון דער פאַנטשטשינע־ווירטשאַפט, אָדער,	די פּוילישע רעוואָלוציע אין נאָיאַבער 1830 האָט געראַטעוועט מײַרעוו־אייראָפּע

רעוו און דעם צענטער אירן: פראַנקרייך און דייטשלאַנד ווערן פונקט אַזעלכע אינדוסטריעלע לענדער, ווי עס איז אינעם XVIII יאָרהונדערט געווען בלויז איין ענגלאַנד. פראַנקרייך, וואָס האָט זיך נאָך דער יולי־רעוואָליוציע (1830) ענדגילטיק באַפרייט פון די רעשטן פון דער „אַלטער אָרדענונג“ צוזאַמען מיט דער דינאַסטיע פון די בורבאָנעס, נעמט אָן אין די צייטן פון דער אָרלעאַנער דינאַסטיע (לוי פיליפ, 1830 — 1848) די פאָרם פון א צענזיש־פּאַרלאַמענטאַרישער מאָנאַרכיע. וואָס ווערט די גאַנצע צייט אונטערגעשוועכט פון אונטן דורך דער באַוועגונג פון די פּראָלעטאַרישע און זיך פּראָלעטאַריזירנדיקע מאַסן, וואָס הערט ניט אויף פון 1830 יאָר אָן. אין 1848־טן יאָר דערגרייכט די דאָזיקע באַוועגונג צו דער קראַפט און פאַרנעם פון א נייער רעוואָליוציע (די פעברואַר־רעוואָליוציע), נאָר דער בורזשואַזיע גיט זיך איין, מיט דער הילף פונעם באַלעגופּישן פּויערטום, צו צעקלאַפּן דעם צענטער פון דער אַרבעטער־רעוואָליוציע (די „יוני־טעג“, 1848), צו צעקלאַפּן פּאַריזש, און נאָכדעם ווערט ווידער אויפגעשטעלט די אָרדענונג פונעם אָנהייב יאָרהונדערט (די „צווייטע אימפּעריע“ פון נאַפּאָלעאָן דעם 1־טנס פּלימע־

הייב פונעם צווייטן דריטל פונעם XIX יאָ־הונדערט (א טיילווייזע וואַקלונג — דאָס פאַרלירן בעסאַראַביע אין 1856־טן יאָר, וואָס איז צוריק אומגעקערט געוואָרן אין 1878־טן יאָר). דאָס איינעמען קאַווקאַז (ענדגילטיק אין 1864־טן יאָר) שמעלצט צונויף די אַלטע „קאַווקאַזער ליניע“ מיט טראַנסקאַווקאַז, וואָס איז אַנעקסירט געוואָרן אינעם אָנהייב פונעם יאָרהונדערט, און מאַכט אַן אָנהייב פון א סעריע אַנעקסיעס אין אַזיע, (מיטל־אַזיע: אַקמעטשעט (פּעראָווסק) — 1853, טאַשקענט — 1865. ווייטער מיזרעך: די ברעגן פון אַמור נאָך אין ניקאָלײַ דעם 1־טנס צייטן, ען גילטיק דער אַמורער און אוסורי־ער קאַנט אין די יאָרן 1858—1860). די אויסשפּירונגען דרינגען אַרײַן נאָך ווייטער (1836 — א רוסישע מיסיע אין אַפגאַניסטאַן, 1853—1854 — א רוסישע עקספּעדיציע קיין יאַפּאַניע אאַוו). שוין פון סאָף XVIII יאָרהונדערט עקספּלואַטירט א רוסישע קאָמפּאַניע די אַזוי־גערופענע „רוסלענדיש־אַמע־

ניקאָלײַ I, וואָס האָט זיך נאָך דער ידיעה פון דער יולי־רעוואָליוציע געקליבן שיקן זײַן אַרמיי קעגן פּאַריזש, איז בענעגייע דער רעוואָליוציע פון 1848־טן יאָר שוין געווען געצוווּנגען צו פאַרנעמען בלויז א פּאַרטייִדיקונג־פּאָזיציע. פריִער האָט זיך אין די צייטן פון פרידריך־ווילהעלם IV (1840—1857) אינגאַנצן אַרויסגעריסן פון אונטער דער רוסישער „פּעטראָפּסעס“, רוסלאַנד פּרוּווט זיך אָנשפּאַרן אויף עסטרייך, וואָס איז קימאַט צעפאַלן געוואָרן אַדאַנק דער רעוואָליוציע פון 1848־טן יאָר (זע דעם לעצטן שפּאַלט לינקס), נאָר אַז עס איז מיט דער הילף פון ניקאָלײַ דעם ערשטן געקומען צו זיך, האָט אים די עסטרייכישע אימפּעריע טייקעף „פאַראַטן“ אויפן באָדן פון דער מיזרעך־פראַגע. די דאָזיקע פראַגע שטייט אינעם צענטער פון דער גאַנצער רוסישער אויסערלעכער פּאָליטיק אינעם געגעבענעם פּעריאָד. ניט דערשלאָגנדיק זיך צו קאָנסטאַנטינאָפּאָל דורכן אַדריאַנאָפּאָלער שאָ־

ווי מע פלעגט דעמלט זאָגן, „די באַפרײַונג פון די פּויערים“ (א טערמין בעפּירעש ניט קיין ריכטיקער, ווײַבאַלד עס בלײַבט די פּאָליטישע זעלבסטהערשונג). אָט די ווירטשאַפט, וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן אינעם אָנהייב פונעם פּעריאָד אַדאַנק דעם דויערנדיקן אַגראַרן קריזיס (זע די פריִערדיקע טאַבעלע), באַקומט אַן עקאָנאָמישן באָדן פונעם סאָף פון די 40־ער יאָרן, ווען עס הייבן אָן שטײַגן די טווּע־פּרײַזן. דער גרונט־סטימול זײַנען נאָך, ווי פריִער, געווען די אינטערעסן פון דער באַאַרבעטנדיקער אינדוסטריע (זע דאָרטן), וואָס האָט נאָך ליקווידירט בא זיך די לײַבאייגנטום־אַרבעט (דער געזעץ פון 18־טן יוני 1840 יאָר וועגן די פּאָסעסיע־פאַבריקן). די פּרוּוון צו ליקווידירן די דאָזיקע אַרבעט אין דער לאַנדווירטשאַפט פלעגן זיך ניט אײַנגעבן ביז די 50־ער יאָרן (דעם 6־טן דעקאַבער 1826 יאָר ניקאָלײַס ערשטער געהיימער קאָמיטעט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דער פּויערים־פראַגע; דעם 2־טן אַפּ־

פון ניקאָלײַס אַרײַנמישונג. אָבער זי אַליין האָט ניקאָלײַ גיך ליקווידירט (דאָס אײַנעמען וואַרשע דעם 26־טן אויגוסט 1831־טן יאָר). פּוילן האָט פאַרלאָרן די קאָנסטיטוציע פונעם 1815־טן יאָר, נאָר דאָס „פּוילישע קיניגרײַך“ איז געבליבן, ווי א באַזונדער גאַנצעס (דער „אָרגאַנישער סטאַטוט“ פון 26־טן פעברואַר 1832־טן יאָר). פּאַקטיש האָט דאָרטן די גאַנצע צײַט, וואָס ניקאָלײַ איז געווען קייסער, געהערשט די מיליטעריש־פּאָליצייִשע דיקטאַטור פונעם שטאַטהאַלטער פּאַסקעוויטש. דער פראַנצויזיש־רוסישער בונד נאָך דער קרימער מילכאָמע האָט געצוווּנגען: צו גיין אויף האַנאָכעס, ניט קיין אויפריכטיקע און האַלבלעכע („אָן טרוימען!“ דאָס זײַנען אַלעקסאַנדער דעם 2־טנס ווערטער צו די פאָרשטייער פונעם פּוילישן אַדל און בורזשואַזיע, בא דער ערשטער באַגעגעניש אין 1856־טן יאָר), וואָס האָבן נאָר געגרייצט די פּוילישע מאַסע, אין די שטעט מער אַנטוויקלטע פּאָליטיש, איידער די רוסישע. די מאַניפעסטאַ־

יאָרהונדערטן און יאָרן	די הויפּט־געשעענישן פון דער אַלוועלטלעכער געשיכטע	די טעריטאָריע, וואָס איז געווען פאַרנומען דורכן רוסישן שייוועט	די הויפּט־געשעענישן פון דער אויסערלעכער געשיכטע	די הויפּט־געשעענישן פון דער אינערלעכער געשיכטע	די נאָענטסטע שכיינים פונעם רוסישן שייוועט
XIX יה. 1831—1866	ניק, לוי נאפּאלעאָן דעם דריטן, פון סאָפּ 1848 יאָר איז ער געווען דער פּרעזידענט פון דער אין פעווראל פּראָקלאַמירטער רעפּובליק, וועלכע האָט נאָך דער איבערקערעניש פון 2־טן דעקאַבער 1851 יאָר פאַרלאָרן די פּאַרלאַמענט־פאָרם, און איז פון 1852־טן יאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א מאָנאַרכיע לויטן טיפּ פון דער „ערשטער" אימפּעריע). די צווייטע אימפּעריע גייט מיט די וועגן פון דער ערשטער אויך אינעם געביט פון איר אויסערלעכער פּאָליטיק (דער אָנטייל פון פראַנקרייך אין דער „קרימער" מילכאָמע קעגן רוסלאַנד, 1854—1856, די מילכאָמע מיט עסטרײַך, 1859, די עקספּעדיציעס קיין כינע, 1860 און קיין מעקסיקע, 1862—1866; נאָך פריער פונעם 1830־טן יאָר נעמט פראַנקרייך איין אַלזשיר), נאָר וואָס ווייטער, אלץ מער שטויסט עס זיך אָן אָפּ א ווידערשטאַנד מיצאַד אַנדערע מעלוכעס פונעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל, פריער פון אלץ, מיצאַד דײַטשלאַנד, וואָס בילדעט זיך אויס אונטער דער העגעמאָניע פון פּרײַסן (דער „טאַמאָזשנע־פאַרבאַנד" פון די דײַטשישע מעלוכעס, פון די יאָרן 1831—1835).	ריקאַנישע באַזיצן", דעם האַלב־אינדזל אַליאַסקע און די אַלעוטישע אינדזלען, וואָס מע האָט זיי אין 1867 יאָר פאַרקויפט די פאַראייניקטע שטאַטן.	לעמ (זע די פריערדיקע טאַבעלע), פּרוּווט זיך ניקאָלײַ זײַן אומדירעקט ארופלייגן זײַן האַנט אף די דורכגוסן (דער כונקיאַר־איסקעלעסער אָפּמאַך פון 1833־טן יאָר), נאָר ער שטויסט זיך אָן אף אן אַנטשלאָסענעם ווידערשטאַנד מיצאַד ענגלאַנד (די לאָנדאָנער קאָנפערענץ וועגן די דורכגוסן אין 1841־טן יאָר), א רוסיש־ענגלישע מילכאָמע טראָגט זיך אין דער לופט שוין פון די 1830־טער יאָרן. נאָך דעם אומגעלונגענעם פּרוּוו צונויפצוריידן זיך מיט די ענגלענדער אין נאָך זײַנע „גיצכוינעס" אין אונגאַרן (1849) באַשליסט זיך ניקאָלײַ ווידעראַמאָל אָנצופאַלן אף טערקײַ (1853), ער טרעפט אָבער אף זײַן וועג ניט בלויז ענגלאַנד, נאָר אויך פראַנקרייך און אפילע עסטרײַך. די מילכאָמע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ערשטע צוויי ברענגט צום פאַרלירן סעוואַסטאָפּאָל (דעם 27־טן אווגוסט 1855 יאָר) און דעם	רעל 1842־טן יאָר — די פּאַרארדענונג וועגן די „פּליכט־פּויערים", וואָס האָט זיך געפּרוּווט דורכפירן א קאָמפּראָמיס־שטאַנדפּונקט, באַשאַפנדיק א האַלבן פּערמער, א האַלבן־לײַב־אייגענעם, אין וואָס איז פאַרבליבן א טויטע זאַך). דורך א רעסקריפּט פון אלעקסאַנדער II איז דעם ווילנער גענעראַל־גובערנאַטער נאַזימאָוו געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן באַפרײַען די פּויערים אָן ערד (דעם 20־טן נאָיאַבער פונעם יאָר 1857), ד. ה. אין דער ריכטונג, וואָס האָט מער פון אלץ געלוינט דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל. אין דער זעלבער צײַט האָט זיך אָנגעהויבן די אויסבילדונג פון גובערניאַלע קאָמיטעטן (דער ערשטער — דער ניזשעגאָראָדער. אין דעקאַבער 1857). נאָר שוין אין א יאָר ארום (די רעזאָליוציעס פונעם „הויפּט־קאָמיטעט" פון 18־טן אָקטיאַבער און פון 4־טן דעקאַבער 1858	ציעס פון דער דאָזיקער מאַסע (אין פעוורואַל — מאַרט 1861) זײַנען צעשאָסן געוואָרן. די רעוואָליוציאָנערע שטימונג איז אָנגעצונדן, אין אין יאַנוואַר 1863־טן יאָר האָט זי אויסגעבראָכן אין א באַוואָפנטן אופשטאַנד (נאָך די האָפענונגען פון די פּאָליאַקן אף הילף פון מײַרעוו־אייראָפּע האָבן זיך ניט באַרעכטיקט, אַדאַנק דער הילף, וואָס רוסלאַנד האָט באַקומען פון פּרײַסן („די קאָנווענציע פון אַלווענסלעבען" דעם 8־טן פעוורואַל 1863). דער אופשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרן, די מיטגלידער פון דער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג (פונעם „דזשאָנד־נאַראָדאָווי") זײַנען ביסלעכווײַז אַרעסטירט און געטויט געוואָרן, פּוילן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א ריי רוסישע גובערניעס („די ביווײַסלדיקע גענעראַל־גובערנאַטאָרשאַפט"). די פעווראַל־רעוואָליוציע פון 1848־טן יאָר איז ניט פאַרבליבן איזאָלירט אין

אינעמ קאמפ צווישנ די אינדוסטריעלע בורזשואזיעס פונ פארשיידענע לענדער פאר די מערק אנטוויקלט זיכ דער נ א צ י אָ נ א ל י ז מ, וואָס נאפּאָלעאָנ III פּלייַט זיכ אויסצונוצנ (די פאראייניקונג פונ איטאליע אונטער דער מאכט פונעמ עקאָנאָמיש מער אנטוויקלטנ פּיעמאָנט, 1859—1861, מיט דער הילפ פונ די פראנצויזנ). אינ ענגלאנד האָט זיכ דער ניצאָכנ פונ דער אינדוסטריעלער בורזשואזיע אויסגעדריקט אינ דער ליקווידאציע פונ דער פּאָליטישער מאָנאָפּאָל פונעמ גרויסנ ערדבאזיצ (די פארלאמענט־רעפאָרמ פונ 1832־טנ יאָר) אונ אינעמ טריומפ פונעמ פרייַענ האנדל (דאָס אָפּשאפנ די גרענעצ־אָפּצאָלנ אפ טווּע אינ 1846־טנ יאָר). די ברייטע ארבעטער־באוועגונג (דער ט ש א ר ט י ז מ, פונ דער „פּאָלקסכארטיע", 1838־טנ יאָר) האָט דאָ אויכ געכאפּט א מאפּאָלע, האגאמ ניט קיינ בלוטיקע, ווי אינ פראנקרייַכ. די ארבעטער־באוועגונג האָט געשאפנ פּאָפּולערקייַט פאר דער ס אָ צ י א ל י ס ט י ש ע ר ל י ט ע ר א ט ו ר, וואָס איז אליינ פאר זיכ ביז מארקסנ ניט געווענ קיינ דירעקטע אָפּשפּיגלונג פונ דער באוועגונג, נאָר זי האָט נאָכ אלצ אנטוויקלט די אידייענ פונ דער „אויפקלערונג" פונעמ XVIII יאָרהונדערט (אָוענ אינ ענגלאנד, 1771—1858, סענ־

...וואָרציאמישנ פּלאַט, וואָס רוסלאנד האָט שוינ אינ אלעקסאנדער דעמ II־טנס צייַטנ (ניקאָלייַ איז געשטאָרבנ דעמ 18־טנ פעברואר פונעמ יאָר 1855) פארלאָרנ דאָס רעכט צו בויענ אפסנייַ לויט דעמ פאריזשער שאָלעמ (1856). אינ דער אייגענער צייַט האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז פּרייַסנ איז אינגאנצנ אָפּגעפאלנ פונ רוסלאנד, אונ אפ דער סצענע טרעט ווידער ארויס שוועדנ, וועגנ וועלכנ מע האָט פונ 1809־טנ יאָר פארגעסנ אפילע צו טראכטנ. דער פולשטענדיקער דורכפאל פונ דער מיזרעכ־פּאָליטיק צוזאמענ מיטנ פילשטענדיקנ פארלירנ אלע מייַרעוו־פּאָזיציעס האָט געצוווּנגענ שארפ צו ענדערנ די ריכטונג: קאָנסטאנטינאָפּאָל לאָזט מענ אפ א צייַט איבער אָנ א זייַט, אונ אפ מייַרעוו זוכט מענ ניט קיינ קליענטנ, נאָר פארבינדעטע. צוערשט געפינט מענ אזא אינ געשטאלט פונ פראנקרייַכ (דער רוסיש־פראנצויזישער בונד בייס דער פראנצויזיש־עסטרייַכישער מילכאָמע פונ 1859־טנ יאָר).

נעמט די איבערהאנט די אידיי וועגנ ב א פ ר ייַ ע נ מ י ט ע ר ד, דאָס הייסט, איבערלאָזנ אומבארירט די קליינע פּויערשע ווירטשאפט. אזוי ווי די פּויערימ האָבנ דערבייַ ניט באקומענ אלע רעכט פונ די „פרייַע שטאנדנ", אונ עס איז פארבליבנ די [illegible]פּעט־ראָפּסעס פונ די אדעליקע איבער זיי (די פרידנ־פארמיטלער) איז די „באפרייַונג" געוואָרנ זייער א באדינגלעכע זאכ. אפ דורכצופירנ אינ לעבנ די דאָזיקע נייַע ליניע זייַנענ געשאפנ געוואָרנ, אייגנטלעכ, פּאראלעל מיט די קאָמיטעטנ, ר ע ד א ק צ י ע־ ק אָ מ י ס י ע ס (זיי האָבנ געארבעט אינ 1859־1860 יאָרנ), ענדגילטיק פארדאָרבנ די רעפאָרמע האָט דאָס אָ פּ ש נ ייַ ד נ טיילנ פונ די פּויערשע ערדכאָלאָקימ (אָרטערווייַז ביז 40 פּראָצ.), וואָס איז אונטערגענומענ געוואָרנ אונטערנ דרוק פונ די שווארצערדיקע פּריצימ. די אפ אזא אופנ ארומגעשניטענע „באפרייַונג" (דעמ מאניפעסט האָט אלעקסאנדער II אונטערגעשריבנ דעמ 19־טנ פעברואר 1861) האָט ארויסגערופנ א שארפנ ווידערשטאנד

פראנקרייַכ, ווי די רעוואָלוציע פונעמ 1789־טנ יאָר, איצט זייַנענ די געזעלשאפטלעכע באדינגונגענ פונ מייַרעוו־אייראָפּע אונ פונ צענטראל־אייראָפּע א ד א נ ק דער אנטוויקלונג פונעמ אינדוסטריעלנ קאפּיטאליזמ געווענ נענטער איינע צו די אנדערע. דעמ 13־טנ מארט האָט אויפגעפלאקערט א רעוואָלוציע אינ ווינ, דעמ 18־טנ מארט אינ בערלינ. סייַ דאָ, סייַ דאָרטנ האָט די מאָנארכיע בא דער ערשטער שרעק קאפּיטולירט, האָט זיכ אָפּגעזאָגנ פונ אבסאָליוטיזמ אונ האָט אייַנגעפירט א קאָנסטיטוציע, אָבער ניט דאָ, ניט דאָרטנ איז די מאכט ניט איבערגעגאנגענ אינ די הענט פונ דער פאָלק־מאסע. ביסלעכווייַז האָט די רעאקציע צונויפגעזאמלט אירע קויכעס, אינ אָקטאָבער האָט די רעגירונג־ארמיי באָמבארדירט אונ אייַנגענומענ ווינ, אונ אינ נאָיאבער האָט פרידריכ ווילהעלמ IV פאנאנדערגעטריבנ די פאָלק־פארזאמלונג. דער אלגעמיינ־דייַטשער פארלאמענט אינ פראנקפורט האָט זיכ ארויסגעוויזנ פאר אנ

יאָרהונדערטן און יאָרן	די הויפּט־געשעענישן פֿון דער אַלוועלטלעכער געשיכטע	די טעריטאָריע, וואָס איז געווען פֿאַרנומען דורכן רוסישן שייוועט	די הויפּט־געשעענישן פֿון דער אויסערלעכער געשיכטע	די הויפּט־געשעענישן פֿון דער אינערלעכער געשיכטע	די נאָענטסטע שכנים פֿונעם רוסישן שייוועט
XIX יה. 1866 — 1831	סימאָן, 1760—1825 און פֿוריע, 1772—1837 אין פֿראַנקרייך). צוגלייך מיט דעם, די עס פֿאַרשאַרפֿט זיך דער קלאַסן־קאַמף, ווערט געבאָרן דער ריין־פּראָלעטאַרישער קאָמוניזם (דער קאָמוניסטישער מאַניפֿעסט, 1848) און עס בילדעט זיך אויס די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג (דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל 1864).		נאָר מיט אים, פּונקט ווי נאָך טילזיט, גיט זיך ניט איין איינצושטעלן קיין עקאָנאָמישע פֿאַרבינדונג. אַזאַ פֿאַרבינדונג שטעלט זיך איין מיט פּרייסן; צוגלייך מיט דעם, ווי עס אַנטוויקלט זיך די פּרייסישע אינדוסטריע. אין די 1860־ער יאָרן פֿאַרנעמט פּרייסן דאָס אָרט פֿון ענגלאַנד, אַלס אַ געברויכער פֿון דער רוסישער טוווע און אַלס אַ צושטעלער פֿון פֿאַבריקאַטן. אויף דעם דאָזיקן באָדן ווערט דער רוסיש־פֿראַנצויזישער בונד פֿון 1863־טן יאָר (אַלס מאָטיוו האָט געדינט דאָס אומגעשיקטע אַריינמישן זיך פֿון נאַפּאָלעאָן III אין די פּוילישע ענינים, זע דעם לעצטן שפּאַלט לינקס) פֿאַרביטן אויף אַ רוסיש־פּרייסישן, וואָס איז געווענדט דירעקט קעגן ענגלאַנד, נאָר אומדירעקט אויך קעגן פֿראַנקרייך. דער רוסיש־ענגלישער קאָנפֿליקט נעמט פֿאַר דער צייט אַ אַ מער [illegible]	מיצאַד די פּויערים, וואָס האָבן „מיט געדולד געוואַרט אויף פֿרייהייט“ אין די פֿריערדיקע יאָרן (מער ווי 2 טויזנט אומאָרדענונגען אין די יאָרן 1861—1862 און דער אָפּזאָג פֿון די פּויערים אונטערצושרייבן די סטאַטוט־גראַמעטעס אין 50 פּראָצ. פֿון אַלע פֿאַלן). דאָס האָט אַרויסגערופֿן רעוואָלוציאָנערע האַנדלונגען בײַ דער לינקער אינטעליגענץ (טשערנישעווסקי, דאָבראָליובאָוו, שעלגונאָוו, מיכײַלאָוו) און האָט אַ ביסל אָנגעשראָקן די רעגירונג, וואָס איז, קעדיי צוציִען אויף איר צאַד די בורזשואַזיע, אַנטשלאָסענער אַוועק מיטן וועג פֿון בורזשואַזע רעפֿאָרמעס (דעם 20־טן נאָיאַבער 1864־טן יאָר — די געריכט־סטאַטוטן, דעם 1־טן יאַנוואַר 1864 יאָר — די טאַקאָנעס וועגן דער זעמסטווע, דעם 17־טן אַפּרעל 1863־טן יאָר — דאָס אָפּשאַפֿן די לײַב־שטראָפֿן, דעם 6־טן אַפּריל 1865 יאָר — דאָס אָפּ־ [illegible]	אָנמעכטיקן פֿלאַפּל־אַנשטאַלט די אויפֿשטאַנדן אין זאַקסן און אין באַדען זיינען דערשטיקט געוואָרן דורכן פּרייסישן מיליטער (1849). דער פֿאַראייניקונג פֿון דײַטשלאַנד אונטער דער הערשאַפֿט פֿון פּרייסן האָט געשטערט רוסלאַנד, שטיצנדיק עסטרייך, וואָס האָט שוין געהאַלטן בײַם צעפֿאַלן ווערן (פּאַסקעוויטשעס „אונגאַרישע קאַמפּאַניע“, 1849). נאָר די נאַציאָנאַלע פֿאַראייניקונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן טאַמאָזשנע־בונד (1831—1835), גייט אונטער דער ווירקונג פֿון עקאָנאָמישע סיבעס פֿאָרויס אָן אַן אָפּהאַלט, און די העגעמאָניע פֿון פּרייסן פֿאַרפֿעסטיקט זיך ענדגילטיק ערשט נאָך די מילכאָמעס פֿון 1864־טן יאָר (מיט דענעמאַרק פֿאַר שלעזוויג און האָלשטיניע) און פֿון 1866־טן יאָר מיט עסטרייך; די מאַפּאָלע פֿון די עסטרייכער בײַ סאַדאָוואַ דעם 3־טן יול).

			ראקטער און כראַגט[illegible]זיכ איבער פונעמ נאָענטנ מיזרעכ קיינ מיטל־אזיע, ווו פונ 1864־טנ יאָר הייבט זיכ אָנ א באוועגונג קיינ טורקעסטאנ. אינ דער זעלביקער צײַט פארענדיקט זיכ די מילכאָמע אפ קאווקאז, וואָס האָט זיכ אָנגעהייבנ נאָכ אינעמ ערשטנ פערטל פונעמ יאָרהונדערט, דער העכסטער מאָמענט פונ דער דאָזיקער מילכאָמע איז געווענ דער קאמפ קעגנ שאמילס מיליטעריש־טעאָקראטישער מעלוכע (1832—1859; דער מורידיזמ).	שאפנ (ביטנײַ) די פאָרצענור), און האָט זיכ ניט געשעמט אָנצווועגדנ פראָוואָקאציע, קעדיי אָנצושרעקנ די בורזשואזיע (די פעטערבורגער סרייפעס אינ 1862 יאָר) און מיט אכזאָריעס נויקעמ זײַנ זיכ אינ די רעוואָליוציאָנערנ (די פארשיקונג פונ טשערנישעווסקי און מיכײַלאָוו). די פויערשע אומאָרדענונגענ האָבנ, ניט געקוקט אפ די דערוואַרטונגענ, זיכ ניט צוזאמענגעגאָסנ אינ איינ אלגעמיינער רעוואָליוציאָנערער סרייפע, די אינטעליגענטישע באוועגונג איז געבליבנ איזאָלירט און האָט געפונענ א אָפּקלאנג נאָר בא דער לערניוגנט (די ערשטע סטודענטנ־אומאָרדענונגענ אינ הארבסט 1861 יאָר). פונ אירע רייענ איז ארויס די ערשטע רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונגענ אינ דער צײַט פונ אלעקסאנדער דעמ II־טנס רעגירנ—קאראקאָזאָווס אטענטאט אפ אימ (4 אפריל 1866).	
XIX יה. 1867—1896	די פראנצויזיש־פרײַסישע מילכאָמע (יול 1870—יאנואר 1871) מאכט א סאָפ צו דער עקזיסטענצ פונ דער „צווייטער אימפעריע" און גיט א שטויס צו א נײַער פראנ־	דאָס אײגענע פערגאנג (קאָקאַנד, 1876); די באוועגונג אינ דער טראנסקאספישער געגנט פונ 1880—1884 ווערט פארנומענ מערוו	קימאט דער גאנצער פעריאָד גייט דורכ אונטערנ צייכנ פונעמ רוסיש־דײַטשישנ בונד און רוסיש־ענגלישנ קאָנפליקט; נאָר אינ	די כראָנאָלאָגיע פונ די געשעענישנ, וואָס וועגנ זיי ווערט אויספירלעכ דערציילט אינעמ טעקסט פונ בוכ — די רעוואָליוציאָנע־	די פראנצויזיש־פרײַסישע מילכאָמע האָט געשאפנ די דײַטשישע אימפעריע אונטער דער אויבערהערשאפט פונ פרײַסנ (דעמ 18־טנ

יאָרהונדערטער אונ יאָרנ	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אַלוועלטלעכער געשיכטע	די טעריטאָריע, וואָס איז געווענ פאַרנומענ דורכנ רוסישנ שייוועט	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אויסערלעכער געשיכטע	די הויפּט־געשעענישנ פונ דער אינערלעכער געשיכטע	די נאָענטסטע שוואָטימ פונעמ רוסישנ שייוועט
XIX יה. 1895—1867	צוריזשער רעוואָלוציע, דער פערטער לויטנ כעזשבנ (די פאַריזשער קאָמונע, מאַרט—מײַ 1871) אונ דער ערשטער, וואָס גייט דורכ אונטער סאָציאַליסטישע לאָזונגענ. די רעוואָלוציע, האָגאַמ זי האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ (ס'ווערנ צעשאָסנ 30 טויזנט מאַנ), מאַכט אוממעגלעכ די פּאַשטעטע ווידערופשטעלונג פונ דער אַלטער אָרדענונג. פראַנקרײַכ ווערט א „רעפובליק אָנ רעפובליקאַנער", אונ דאָס ווערט פאַרפעסטיקט אינ דער קאָנסטיטוציע פונ 1875־טנ יאָר. אינעמ מעשעכ צײַט פונ 1877—1879 פאַרכאַפט די רעפובליקאַנישע פאַרטיי (גאַמבעטאַ) די מאַכט. די אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז צוגעשטיקט געוואָרנ דורכנ כורבנ פונ דער קאָמונע, לעבט ווידער אופ שוינ פונ 1876־טנ יאָר (דער ערשטער אַרבעטער־קאָנגרעס; פונ 1877־טנ יאָר הייבט אָנ אַרויסגיינ זשול געדס צײַטונג „גלײַכהייט" — די אופלעבונג פונעמ פראַנצויזישנ סאָציאַליזמ; 1879־1880 אַנ אַמניסטיע פאַר די קאָמונאַרנ) אינ צומ מיטנ פונעמ פאָלגנדיקנ יאָרצענדליק מוז שוינ די רעגירונג זיכ רעכענענ מיט איר (דער געזעצ וועגנ פאַרײַנענ־פרײַהייט פונ	צו מיזרעכ צו פונעמ קאַספּישנ יאַמ ווערט רוסלאַנד אַנ אומיטלבאַרער שאָכנ פונ פערסיע אונ אַפגאַניסטאַנ. אינ טראַנסקאַווקאַז ווערט לויטנ בערלינער טראַקטאַט אײַנגעשלאָסנ אינ די רוסישע באַזיצנ באַטומ אונ קאַרסער געגנט. מיטנ אײַננאַמ פונ טורקעסטאַנ, וווהינ עס גייט נאָכ א שוואַכער שטראָמ רוסישע קאָלאָניזאַציע, איז אַלצ דאָס איבעריקע פאַרגרעסערט די צאָל געגנטנ מיט א ניט־רוסישער שפּראַכ אונ קולטור, וואָס גייענ אַרײַנ אינ באַשטאַנד פונ דער „רוסלענדישער אימפּעריע".	מעשעכ פונעמ לעצטנ יאָרצענדליק ווערט דער רוסיש־ענגלישער קאָנפליקט אײַנגעשטילט אונ דער רוסיש־דײַטשישער בונד ווערט פאַרביטנ אופנ רוסיש־פראַנצויזישנ בונד. זײַנ העכסטע אַנטוויקלונג אונ פעסטקײַט האָט דער רוסיש־דײַטשישער בונד דערגרייכט בײַס דער פראַנצויזיש־דײַטשישער מילכאָמע, ווענ אַלעקסאַנדער דעמ II־טנס רעגירונג האָט געטאָנ א גרויסע טויווע פרײַסנ דערמיט, וואָס זי האָט ניט דערלאָזנ, אַז עסטרײַכ זאָל זיכ אַרײַנמישנ לעטויוועס פראַנקרײַכ. אַלס באַלוינונג האָט רוסלאַנד טײַקעפ געפאָדערט אונ געפועלט, אַז עס זאָל אָפּגעשאַפט ווערנ די אַמערסטנ פאַר איר דריקנדיקע פונקטנ פונעמ פאַריזשער טראַקטאַט (1871). אונ אינ 1873־טנ יאָר, אינ איינ צײַט מיטנ אופקומ פונעמ קימאַט־אָפענעמ „בונד פונ דרײַ אימפעראַטערנ" (עסטרײַכ, דײַטשלאַנד, רוסלאַנד), ווערט	רע באַוועגונג: 1868־1869 נעטשײַעווס אַגיטאַציע, 1870 — די ערשטע גרויסע פעטערבורגער שטרײַקנ, וואָס האָבנ אָנגעשראָקנ די רעגירונג; 1873 — 1875 דאָס „גייענ אינ פאָלק"; דעמ 6־טנ דעקאַבער 1876 — די דעמאָנסטראַציע באַמ קאַזאַנער קלויסטער אינ פעטערבורג; 1877 — גרויסע פראָצעסנ פונ פראָפּאַגאַנדיסטנ; 24־טער יאַנוואַר 1878 — דער שאָס פונ וו.א. זאַסוליטש אינעמ פעטערבורגער גראַדאָנאַטשאַלניק טרעפּאָוונ; 1878 — 1879 „זעמליאַ אי וואָליאַ"; דעמ 2־טנ אַפּריל 1879 — כאָל: וויאָוו שיסט אינ אַלעקסאַנדער II; יונ — דער וואָראָניעזשער צוזאַמענפאָר — די ליקווידאַציע פונ דער „זעמליאַ אי וואָליאַ", די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ"; דעמ 19־טנ נאָיאַבער — דער אופרײַס פונעמ צאַרישנ צוג אופ דער קורסקער ליניע; דעמ 5־טנ פעווראַל 1880 — דער אופרײַס פונעמ ווינטער־פאַלאַצ; דעמ 1־טנ מאַרט 1881—	יאַנוואַר 1871). איר פּאַקטישער גרינדער, ביסמאַרק (1816—1896) האָט דעמאַגאָגיש אויסגענוצט די דעמאָקראַטישע ריכטונגענ, וואָס זײַנענ פאַרבליבנ פונ דער רעוואָלוציע פונ 1848־טנ יאָר (דעמ רײַכסטאַג מיט אַלגעמיינעמ וואַל־רעכט). דאָס אונ אויכ די גלענצנדיקע דערפאָלגנ אינ דער אויסערלעכער פאָליטיק אונ די גיכע אַנטוויקלונג פונ דער דײַטשישער אינדוסטריע האָבנ געפירט דערצו, אַז די מאַסע בורזשואַזיע האָט זיכ גאַנצ גוט אײַנגעלעבט מיט דער פרײַסישער רעאַקציע. די איינציקע אָפאָזיציע איז פאַרבליבנ די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פאַרטיי (1869 — דער צוזאַמענפאָר אינ אײַזענאַכ; 1875 — די צונויפגיסונג פונ די „אײַזענאַכער" מיט די „לאַסאַליאַנער" (לאַסאַל 1825—1864), די גרינדונג פונעמ אַלגעמיינעמ דײַטשישנ אַרבעטער פאַרבאַנד); די גאָטער פראָגראַמ,

1884־טנ יאָר). פונ 1880־טנ יאָר
קומענ אפּדאָסנײַ אופּ די סאָציאַליס־
טישע פּאַרטייענ (וואָס האָבנ זיכ
פאַרייניקט ערשט צומ 1905־טנ יאָר),
פונ 1893־טנ יאָר הייבנ זיי אָנ
שפּילנ אַנ אָנגעזעענע ראָליע אינעמ
פּאַרלאַמענט. ענגלאַנד פאַרענדיקט
אינעמ מעשעכ פונ אָט דעמ פּעריאָד
זײַנ פאַרוואַנדלענ זיכ אינ א בור־
זשואַזער דעמאָקראַטיע (גלאַדסטאָנס
וואַל־רעפאָרמעס פונ 1867־טנ י. אונ
פונ 1884 — 1885־טנ יאָרנ). די
אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט
זיכ אָנגעהייבנ מיט טשאַרטיזמ
(זע פריִערדיקע טאַבעלע), ווערט
שטילער, אַדאַנק דער מאָנאָפּאָל אַפּנ
אַלוועלטלעכנ מאַנופאַקטורנ־מאַרק.
וואָס איז באַהערשט געוואָרנ דורכ
דער ענגלישער אינדוסטריע, אונ
דעמ גיכנ וווּקס פונ די ענגלישע
קאָלאָניעס (אויסטראַליע, קאַנאַדע,
דאָרעמ־אַפריקע): דאָס האָט דערלויבט
די אונטערנעמער אונטערצוהאַלטנ א
הויכנ אַרבעט־לוינ בײַ א נידעריקנ
פּרײַז אַפּ נעבנ־פּראָדוקטנ. אינ ענג־
לאַנד אַנטוויקלט זיכ הויכטזאַכלעכ
דער טרעד־יוניאָניזמ — ניט קיינ רע־
וואָליוציאָנערע, ניט קיינ סאָציאַליס־
טישע פאָרמ פונ דער אַרבעטער־
באַוועגונג. א מער ראַדיקאַלע באַ־
וועגונג הייבט זיכ אָנ פונעמ אינ־
דוסטריעלנ קריזיס אינ די 80־ער
יאָרנ (די מיטינגענ פונ די אַרבעט־

געשלאָסנ א געהיימע מיליט־
טערישע קאָנווענצ מיט דײַטש־
לאַנד, וואָס גאַראַנטירט, אַז
דאָס לעצטע וועט געבנ א
באַוואָפנטע שטיצע רוסלאַנד
אינ פאַל, אויב אַפּ אימ וועט
„אָנפאַלנ“ א וואָסער ניט
איז דריטע מעלוכע. אינ־
דערעמיסנ האָט אַלעקסאַנדער
II אַלײנ געהאַט בעדייע אָנ־
צופאַלנ אַפּ טערקײַ, באַנײַ־
ענדיק די פּאָליטיק פונ זײַנ
פאָטער, וואָס די קרימער
מילכאָמע האָט איבערגעריסנ.
דאָס האָט געזאָלט ברענגענ
אימ, ווי ניקאָלײַענ פריִער,
צו א צוזאַמענשטויס פּאָנעמ
צו פּאָנעמ מיט ענגלאַנד,
וואָס האָט אַפּילע דעמ גע־
דאַנק ניט דערלאָזנ, אַז עמע־
צער פונ די „גרויסע מע־
לוכעס“ זאָל זיכ באַפעסטיקנ
אינעמ מיזרעכ־טײל פונעמ
מיטלענדישנ יאַמ אַפּ די
וועגנ קיינ אינדיע. די מוי־
רע פאַר ענגלאַנד האָט צו־
געגרייט דעמ קאָנפליקט פונ־
דערווײַטנס: ענגלאַנד האָט
זיכ פונ לעכאַטכילע אונ מיט
גווויס כשאַד באַצויגנ צו דער
רוסישער באַוועגונג קיינ
טורקעסטאַנ. ווענ אַלעקסאַנ־
דער II האָט נאָכ דעמ, ווי

ווערט דערמאָרדערט אַלעק־
סאַנדער II; 1883 — די גרוי־
פּע „באַפרײַונג פונ דער אַר־
בעט“; 1884 — ליקווידאַציע
פונעמ לעצטנ באַשטאַנד פונ־
נעמ אויספיר־קאָמיטעט פונ
דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“;
1885 — דער שטרײַק בײַ מאָ־
ראָזעווּנ; 1887 — דער אַטענ־
טאַט אַפּ אַלעקסאַנדער III
(1881 — 1894) פונ אוליאַ־
נאָווּנ אונ אַנד.; 1892 —
די ערשטע סאָציאַל־דעמאָ־
קראַטישע קרײַזלעכ; 1895 —
דער פאַרבאַנד פונ קאַמפּ פאַר
דער באַפרײַונג פונעמ אַר־
בעטער־קלאַס; 1896 מײַ־יונ
— די גרויסע פּעטערבורגער
שטרײַקנ.

די רעגירונג־רע־
אַקציע: דעמ 24־טנ אַפּ־
רעל 1881 — אַלעקסאַנדער
דעמ III־טנס מאַניפעסט
וועגנ דער אומבאַרירלעכקײַט
פונ דער זעלבסטהערשונג;
דעמ 14־טנ אויגוסט — די
טאַקאָנעס וועגנ שוצ; 1882
— דער פויערשער באַנק
(אָריענטאַציע אַפּנ באַלעגופּ;
1885 — דער אַדעליקער באַנק;
1883־1886 — די פאַבריק גע־
זעצנ (א פּרווו אונטערצוקויפנ
די אַרבעטער); 1886 — דער

וועלכע האָט פּראָטעסטירט
קעגנ די באַדינגונגענ פונעמ
פראַנקפורטער שלעמ מיט
פראַנקרײַכ (1871) — דאָס אײַנ־
שליסנ מיט גוואַלדט עלזאַס
אונ לאָטאַרינגיע אינ דײַטש־
לאַנד). ביסמאַרקס פּרווו
צו קעמפנ קעגנ איר מיט
דער הילפ פונ אויסנאַמ־גע־
זעצנ (1878—1890) האָט גע־
בראַכט נאָר צו דער פאַר־
גרעסערונג פונ דער פּאָפּו־
לערקײַט פונ דער סאָציאַל־
דעמאָקראַטיע אונ צו א קאָ־
לאָסאַלנ וווּקס פונ דער
פּאַרטיי (בייס די וואַלנ פונ
1890־טנ יאָר 1 1/2 מיליאָנ
שטימענ). דערצו האָט אויכ
מיטגעהאָלפנ די פאַרערגע־
רונג פונ דער לאַגע פונעמ
אַרבעטער־קלאַס, אַדאַנק דעמ
וואַקסנדיקנ יאַקרעס: דאָס
פאַלנ פונ די טווע־פרײַזנ
האָט געצווּנגענ ביסמאַרקנ
אײַנצופירנ אונטערנ דרוק
פונ די פּריצימ אָפּצאָלנ
אַפּ טוועס (1880, פאַרגרע־
סערט אינ די יאָרנ 1885 אונ
1887). דאָס אַלצ צוזאַמענ
גענומענ האָט געטריבנ
ביסמאַרקנ אײַנצוגיינ אַפּ אַנ
אָפּמאַכ מיט רוסלאַנד (דער
האַנדל־אָפּמאַכ 1894), אונ

יאָרהונדערטן אין יאָרן	די הויפּט־געשעענישן פון דער אלוועלטלעכער געשיכטע	די טעריטאָריע, וואָס איז געווען פאַרנומען דורכן רוסישן שייוועט	די הויפּט־געשעענישן פון דער אויסערלעכער געשיכטע	די הויפּט־געשעענישן פון דער אינערלעכער געשיכטע	די נאָענטסטע שכנים פון רוסישן שייוועט
יה. XIX 1896—1967	לאָזע 1886—1887, 1889 — דער שטרייק פון די ארבעטער אין די דאָקן, 1892—די ערשטע ארבעטער־סאָציאַליסטן אין ענגלישן פּאַרלאַמענט. דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל ווערט צעפאַלן אין 1872־טן יאָר, דער אָנהייב פון צווייטן אינעם 1889־ט: יאָר (דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין פּאַריז). 1883—געשטאָרבן מארקס, 1895—געשטאָרבן ענגעלס.		ער האָט צוגעגרייט א נייע רוסיש־טערקישע מילכאָמע דורך דער באוועגונג פון די באַלקאַנישע סלאַווען (דער הערצעגאָווינער אופשטאַנד זומער 1875, די סערביש־טערקישע מילכאָמע און דער בולגארישער אופשטאַנד 1876) און דורך געהיימע אָפּמאַכן מיט עסטרייך (דער רייכשטאַטער אָפּמאַך אין יונ 1876, די ענדגילטיקע קאָנווענץ מארט 1877), ארויסגעשיקט זיין אַרמיי קעגן די טערקן (12 אפּריל 1877), האָט ענגלאַנד קימאַט אָפּן אָנגעהייבן העלפן די טערקן. און ווען רוסלאַנד האָט נאָך א ריי מאַפּאַלעס (דעם 8־טן און 18־טן יולי, דעם 30—31 אווגוסט — די דריי „פּלעווענעס") דערשלאָגן זיך דעם סאַן־סטעפאַנער שאָלעם (דעם 19־טן פעברואַר 1878), איז עס געבליבן שטיין אָפּן שוועל פון מילכאָמע ניט נאָר מיט ענגלאַנד, נאָר אויך מיט עסטרייך, וואָס די געהיימע קאָנווענץ מיט איר איז גע־	געזעצע וועגן דינגען אף לאַנדווירטשאַפטלעכע ארבעטן (קרימינעלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פונעם ארבעטער פאַרן אוועקגיין פון דער ארבעט); 1889 — די זעמסקע נאַטשאַלניקעס (די אָפּשאַפונג פון די פרידנריכטער אין דאָרף), די באַגרענעצונג פונעם געשוואָרענעם געריכט (אמטלעכע פאַרברעכערס ווערן איבערגעגעבן אין דער געריכט־קאַמער; 1890 — נייע טאַקאָנעס וועגן דער זעמסטווע (שטאַנדבצענז); 1892 — נייע טאַקאָנעס וועגן דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג (די שטעט ווערן אָפּגעגעבן די הויזאייגנטימערס).	דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט די ערשטע פאַזע פונעם רוסיש־דייטשישן קאָנפליקט. עסטרייך, וואָס איז פון 1867־טן יאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין עסטרייך־אונגארן — דאָס לעצטע איז אָנערקענט געוואָרן פאַר גלייכבארעכטיקט מיט דער דייטשישער העלפט פון דער אימפּעריע — גייט ענדגילטיק אראָפּ אפן צווייט אָרט און שלעפּט זיך הינטער דייטשלאַנד (דער בונד פון 1879־טן יאָר קעגן רוסלאַנד, וואָס האָט זיך אין 1887־טן יאָר, ווען אויך איטאַליע איז צו אים צוגעשטאַנען, פאַרוואַנדלט אין „דריי־בונד"). 1888 — די גרינדונג פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (די היינפעלדער פּראָגראַם).

שמערץ געווארן דורכן דאָ־
זיקן שאָלעם. רוסלאנד האָט
זיך געמוזט אונטערגעבן
(דעם 18־טן מײַ 1878 די
„לאָנדאָנער פראָטאָקאָלן",
דעם 1־טן יוני דער בערלי־
נער קאָנגרעס). אין דער מאַ־
פּאָלע אין אײראָפּע האָט
רוסלאנד געענטפערט מיט א
קלאַפּ אין אזיע: סקאָבעלעוו
האָט מיטן אײַנעמען טעאָק־
טעפּע (דעם 12־טן יאנואר
1881) געעפנט א מאַרש אין
גראַט, צו די „טויערן
פון אינדיע". די ווײַ־
טערדיקע באַוועגונג אין דאָ־
זיקן וועג האָט געפירט צו
א נײַער און דער לעצ־
טער אויפלאַקערונג פונעם
קאָנפליקט. ווען רוסלאנד און
ענגלאנד זײַנען ווידער גע־
שטאַנען אין שוועל פון א
מילכאָמע (1885). נאָר צו
יענער צײַט איז שוין געווען
דער רוסיש־דײַטשישער קאָנ־
פליקט, אויסערדעם צוליב
בולגאַריע, אין טאָג געקומען,
צוליב עקאָנאָמישע רײַבונגען
(די גרענעץ־אָפּצאָלן אין טוווע).
אין דאָזיקן באָדן קומט אויף
דער פראַנצויזיש־רו־
סישער בונד (1890; די
מיליטערישע קאָנווענץ, 1893).

Редактор Л. Гольдберг. Корректор Рабкин. Тех. ред. И. Тененбаум.
Сдано в производство 19/VI—1933. Подписано к печати 27/VIII—1933.
Формат бумаги 62×94$^{1}/_{16}$, 19$^{1}/_{2}$ п. л, 52.000 п. зн. в. п. л.
„Эмес“ 341. Тираж 15.000 экз. Уп. Главлита В-57822.

Типография издательства „Дер Эмес“, Москва, Покровка, 9. Зак. № 517.